STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07974

TSURIK ... BRAZIL - UNTER DER VE

Markus Motele Yakubovitsh

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַרקוס יאַקובאָוויטש (מאָטעלע)

K

מאַרקוס יאַקובאָוויטש (מאַטעלע)

צוריק...

(בראַזיל — אונטער דער „ווע״)

ראָמאַן פון יידישן לעבן אין פוילן, דייטשלאַנד, בראַזיל און ישראל

אין 3 טיילן

Free Public Library, Newark, N. J.

פאַרלאַג — „יידיש פּאָרטאָ אַלעגרע״

אַרויסגעגעבן דורכן :
„ערן־קאָמיטעט אַרויסצוגעבן די ווערק פון דעם יידישן
שרייבער אין בראַזיל מאַרקוס יאַקובאָוויטש״ (מאַטעלע)
פּאָרטאָ אַלעגרע (זיד-בראַזיל)

בוענאָס איירעס, 1959—1960

Hecho el depósito que marca la ley

IMPRESO EN LA ARGENTINA

PRINTED IN ARGENTINE

Talleres Gráficos "CULTURA" de Muszkat y Zaslavsky
Sarmiento 2157 Buenos Aires

Yi917

געהייליקט — מיין אומגעקומענער משפּחה
אין זשיראַרדאָווי, אַמשטשינאָווי, וויסקיטי,
וואַרשאָ, לאָדזש און אַנטווערפּן.

•

געהייליקט אַלע מיינע אומגעקומענע
שוועסטער און ברידער — מיין יידיש
פאָלק, — אין דעם שרעקלעכן היטלער־
קאַטאַקליזם אין די יאָרן 39—1944 —
אין אייראָפּע.

דער מחבר.

דאַנק-אויסדרוק

די איניציאַטאָרן — דער „פאַרבאַנד פון פוילישע יידן" און דעם „ערן־קאָמיטעט" פאַר אַרויסגעבן מיינע ווערק, און די פערזאָנען פון מיינע חשובע פריינט:

דר. מאַוריסיאָ שטיינברוך		פרעזידענטן
ישי דרויזיק — — —		
אברהם גאָלדשטיין — —		קאַסיר
דוד שערמאַן — — —		סעקרעטאַר
דוד סראקא — — —		דירעקטאָריע
דר. יצחק באַסס — —		
רפאל ליבעסקינד — —		
יעקב בלעכמאַן — — —		
לואיז בראַכמאַן — —		

וועלכע האָבן מיר —מיט זייער זשעסט און מיטהילף— געהאָלפן צום אַרויסגעבן מיין ערשטלינג־בוך —די טייערסטע מתּנה זייערע צו מיין 60־יאָריקן יובילעאום— אייך אַלעמען — מיין האַרציקן יישר כוח.

דער מחבר.

אינהאַלט:

אַריינפיר — — — — — 9

פראָלאָג — — — — 13

ערשטער טייל: — אויף פוילישער ערד — — — 17

צווייטער טייל: — אויף דייטשער ערד — — — 147

דריטער טייל: — אויף בראַזיליאַנער ערד — 295

עפּילאָג: — אויף ישראל ערד — — — 421

אַריינפיר

מאָרד אָדער זעלבסטמאָרד?

— אַ שרעקלעכער מאָרד אויף פלאָרעסטאַ!...

— דערמאָרדעט נאַצישע שפּיאָנען!...

— אַ בלוטיקער מאָרד אויף פּעלאָטאַס־גאַס!...

— דערמאָרדעט דייטשן, אָדער... יידן?!...

גאַנץ פּאָרטאָ אַלעגרע האָט געקאָכט און געזאָטן דעם גאַנצן זונטיקדיקן טאָג. נאָך אין די פּאַרמיטיק־שעהן האָט זיך איבער דער שטאָט פּאָרטאָ אַלעגרע, די הויפּטשטאָט פון דרום־בראַזיל, פאַרשפּרייט דער קלאַנג, אַז אין אַן אַפּאַרטאַמענט פון יענער גאַס זאָל מען האָבן געפונען דערמאָרדעט אַ פּאָרפּאָלק, וואָס מען האָט גוט געקענט אין יענעם ראַיאָן און וואָס איז געווען גוט אָנגעזען אין דער שכנותשאַפט פון די דאָרטיקע דייטשישע פאַמיליעס.

צוליב זונטיק, האָבן די צייטונגען נישט געקאָנט אַרויסגעבן קיין „ספּעציעלע אויסגאַבעס" און דער עולם האָט זיך געוואָרפן צו די ראַדיאָס, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין מעלדן און אויסשרייען די פאַרשידענע קלאַנגען, וועלכע האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט וועגן דעם טאָפּלטן מאָרד. אויך די ראַדיאָ־סטאַציעס האָבן נישט געקאָנט געבן קיין גענויע אינפאָרמאַציעס וועגן מאָרד. מען האָט נאָר געוואוסט דאָס איינע: אַ יונג דייטשיש פּאָרפּאָלק, וואָס איז באַקאַנט געווען אין דער געגנט אונטער די נעמען: בעטי און פראַנץ פריילעך, זענען געפונען געוואָרן דערמאָרדעט אין זייער אייגענער היים. מען האָט שוין אַפילו געוואוסט צו דער־ציילן, אַז די לעצטע טעג איז די פרוי בעטי געהאַט אַנטלאָפן פון

איר מאַן, צוזאַמען מיט אירע עלטערן און אין טאָג ווען זי איז צוריקגעקומען צו אים, האָט מעןביידע געפונען דערמאָרדעט.

דער מאָרד איבערן פּאַרפּאַלק פּריילעך, האָט אַרויסגערופן פאַרשידענע השערות און מיינונגען. טייל האָבן געזאָגט, אַז זיי זענען געווען נאַצישע שפּיאָנען און זיי זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך דעמאָקראַטישע עלעמענטן. אַנדערע האָבן געזאָגט פאַרקערט: זיי זענען טאַקע געווען נאַצישע שפּיאָנען נאָר זיי האָבן פאַרראַטן דעם נאַציזם, האָט מען איבער זיי אַרויסגעגעבן און אויסגעפירט אַ טויט־אורטייל. אַנדערע האָבן גאָר געזאָגט, אַז דאָס דערמאָרדעטע פּאַרפּאָלק זענען געווען... יידן...

אין די רעסטאָראַנען און קאַפע־הייזער, איז דער טאָפּל־מאָרד געווען דער געשפּרעך פון טאָג.

עס האָבן זיך אויך געפונען אַזעלכע וועלכע האָבן „גוט געקענט" דאָס דייטשישע פּאַרפּאָלק און זיי האָבן געוואוסט אויף זיכער, אַז זיי זענען געשיקט געוואָרן דירעקט פון נאַצי־לאַנד כדי צו באַארבעטן די דייטשישע איינוואוינער פון דער שטאָט פּאָרטאָ אַלעגרע. צו דעם צוועק האָבן זיי זיך טאַקע פאַרשאַפן אַ לוקסוס־דיקן אַפּאַרטאַמענט אויף דער גאַס פּעלאָטאַס, אין דעם האַרץ פון דייטשן ראַיאָן „פלאָרעסטאַ" און פון דאָרטן האָבן זיי געפירט זייער אַרבעט.

„פלאָרעסטאַ" איז באַרימט געווען אין דער גאַנצער שטאָט אַלס די פעסטונג פון די דייטשישע איינוואוינער. שוין ביים אָנהייב פון דעם ראַיאָן, נאָענט פון צענטער, ביז ווייט אַרויף אין עק שטאָט, איז כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג אַ ריין דייטשישע. אַפילו דער „קינאָ איפּיראַנגאַ". וועלכער געהער צום איטאַליענער מיאַנקאַ, באַמיט זיך אויך צו באַפרידיקן די דייטשישע „נאַכבאַרשאַפט", און ער פאַרשאַפט זיך אַלערליי דייטשישע פילמען, פון וועלכע אַלע דייטשן לעקן די פינגער און קוועלן אָן פון זייער „מאַרטאַ עגערט", וועלכע זיי זעען שוין אין דעם זעלבן פילם צום הונדערטסטן מאָל...

אין טאָג פון מאָרד, זענען די הונדערטער דייטשן געקומען אין „זייער" קינאָ אַריין כדי צו זען זייער „מאַרטאַ" און אין איינ־

וועגס זיך אויך דערוויסן וועגן דערמאָרדעטן פּאַרפּאַלק פון זייער נאָכבאַרשאַפט.

דער דירעקטאָר פון סינעמאַ, דער איטאַליענער מיאַנקאַ, איז דאָרטן געווען דער ראש המדברים. ער האָט גוט געקענט דאָס דייטשישע פּאַרפּאָלק. זיי זענען געווען זיינע שטענדיקע קונים. אָבער אויך דער דירעקטאָר האָט נישט געוואוסט מער צוצוגעבן ווי די מעשיות און פּליאַטקעס וואָס מען האָט שוין געהערט דעם גאַנצן טאָג.

שפּעטער האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז דאָס פייער וואָס איז אויסגעבראָכן מיט אַ טאָג פריער און וואו עס איז פאַרברענט געוואָרן די גרויסע „קאַזאַ מאַקינעריאַ איזראַע־ליטאַ" האָט עפּעס אַ שייכות צום טאָפּל־מאָרד, ווייל דער דער־מאָרדעטער פראַנץ פריילעך איז געווען דער אייגנטימער פון דער „קאַזאַ".

ווען דער נייער קלאַנג איז געקומען אין דער עפנטלעכקייט, האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן פאַרשידענע אויסטייטשונגען. אין די יידישע קרייזן האָט מען אויפגענומען די שריפה און דעם מאָרד, אַלס אַן אַרבעט פון דער „פינפטער קאָלונע"*) אין פּאָרטאָ אַלעגרע. אין די דייטשישע קרייזן — אַז די יידן האָבן זיך נוקם געווען אין אַ ריין אַריש פּאָרפּאָלק און זיי האָבן זיי דערמאָרדעט...

דעם גאַנצן טאָג און אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין זענען די אַרומיקע גאַסן, נאָענט פון מאָרד־פּלאַץ געווען אַרומגערינגלט מיט פאַרשידענע נייגעריקע, וועלכע זענען געקומען נענטער צום אָרט פון מאָרד, גלויבנדיק אַז דאָרטן וועלן זיי לייכטער דערגיין דעם שרעקלעכן סוד און די מיסטעריע וואָס האָט איינגעהילט דעם שרעקלעכן טאָפּל־מאָרד איבערן יונגן פּאָרפּאָלק.

אַנדערש איז געווען דער אָפּקלאַנג פון דעם טאָפּל־מאָרד אין די יידישע קרייזן. דאָרט האָט מען גוט געקענט דאָס פּאַרפּאָלק פריילעך. מען האָט געוואוסט אַז זיי זענען פון די ערשטע דייטש־יידישע פּליטים וועלכע זענען געקומען קיין בראַזיל. מען האָט זיי

*) דייטשע שפּיאָנאַזש־גרופּע.

געקענט אַלס רואיקע און שטילע מענטשן און אויב מען האָט זיי דערמאָרדעט, נישט מיטן צוועק זיי צו באַרויבן, האָט מען איינגעזען דערין אַ פּאָליטישן ציל. מען האָט פאַרשטאַנען, אַז דער מאָרד איז פאַראָרדנט געוואָרן, נישט דאָ אויפן אָרט, נאָר ווייט און אפשר גאָר נאָך אין דער אַלטער היים... אַלע זענען זיכער געווען אַז דאָס איז אַן אורטייל פון דער „געסטאַפּאָ" פון „אַלטן היימלאַנד" און אַ ציטערניש האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן דייטש־יידישן ישוב:

— פאַרוואָס האָט מען זיי דערמאָרדעט!...

— ווער זענען ריכטיק די דערמאָרדעטע?

— זענען זיי טאַקע יידן?...

פּראָלאָג

דער טאָג פון נקמה

בראַזיל האָט אויפגעברויזט... דאָס בראַזיליאַנער פאָלק האָט אויפגעשטורעמט... דאָס אויפרייסן און דערטרינקען בראַזיליאַנער שיפן אין די אייגענע וואַסערן, דורך די דייטשישע אונטערוואַסער־מערדער, דאָס אומברענגען טויזנטער מענער, פרויען און קינדער פון בראַזיליאַנער פאָלק דורך די דייטשישע נאַצי־באַנדיטן, דאָס אָנפאַלן אויף אַ פאָלק וואָס שטייט נישט מיט קיינעם אין קריג, האָט שוין איבערגעריסן דאָס געדולד ביים רואיקן בראַזיליאַנער פאָלק, וועמענס רעגירונג האָט די גאַנצע צייט אויסגעמיטן זיך אַריינצוּוואַרפן אין דער מילחמה, אויף וועלכן צד עס זאָל נישט זיין.

— גענוג! — האָט דער פּראָסטער נעגער, פונקט ווי דער גרעסטער בראַזיליאַנער אינטעלעקטואַל אויסגעשריגן. — גענוג צו די נאַצי־בעסטיאַליטעטן!... גענוג צו די אָנפאַלן אויף אַ פרידלעך פאָלק!... גענוג אומגעברענגט אונדזערע ברידער און שוועסטער!... גענוג צו די מערדערייען איבער אונדזערע קינדער!... נקמה אין די מערדער!... נקמה!... נקמה!...

און דער טאָג פון נקמה איז געקומען... ווי דער אינסטינקט פון פאָלק וואָלט עס דערפילט... דער „טאָג פון נקמה" האָט זיך אין גאַנצן לאַנד אָנגעהויבן מיטן אָפּרעכענען זיך מיט די יעניקע, וועלכע האָבן צוגעגרייט דעם שרעקלעכן חורבן און ים׳יקע טויטן פון אומשולדיקע קרבנות אויפן גרונט פון ים... די סטודענטישע יוגנט צוזאַמען מיט אַנדערע טיילן פון אויפגערעגטן פאָלק האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבער די גאַסן פון די שטעט, וואו עס איז נאָר געווען אַ קאָמערציעלע אָדער אינדוסטריעלע אונטערנעמונג פונעם שונא, איז זי פאַרניכטעט און צעשטערט געוואָרן. דער האַס צו די דייטשן מיט זייערע סאַטעליטן פאַר

זייערע מערדערייען איבער אומשולדיקע בראַזיליאַנער מענטשן, האָט אָבער נישט אָפּגעטעמפּט דאָס מענטשלעכע געפיל ביים נקמה־נעמענדיקן בראַזיליאַנער. מען האָט פאַרניכטעט... צעשטערט... צעבראָכן דעם שונאס פאַרמעגן, אָבער קיין מערדערייען איז ער נישט באַגאַנגען. קיין טראָפּן בלוט האָט ער נישט פאַרגאָסן. דער בראַזיליאַנער האָט רעספּעקטירט, נישט נאָר מענטשלעכע לעבנס — אַפילו דייטשן און איטאַליענער — נאָר אַפילו אין גרעסטן און אין שאַרפסטן מאָמענט פון נקמה אין בלוטיקן שונא פון לאַנד, האָבן זיי מיט דער גרעסטער טאָלעראַנץ רעספּעקטירט די נאַציאָנאַלע פאָן וואָס געוויסע דייטשישע מערדער האָבן זיך געשיצט אונטער איר, אוועקשטעלנדיק זיך מיט דער בראַזיליאַנער פאָן פאַר זייערע געשעפטן, און דער בראַזיליאַנער האָט אַזוי אַרום פאַרשוינט דעם שונאס פאַרמעגן, נישט וועלנדיק פאַרשוועכן די הייליקייט פון דער נאַציאָנאַלער פאָן... אַפילו געשעפטן, אויף וועלכע מען האָט אין מאָמענט פון נקמה, פאַרביטן די איבערשריפטן פון „קאַזאַ אַלעמאַן" אויף „קאַזאַ איזראַעליטאַ", האָבן די נקמה־נעמער רעספּעקטירט די יידישע אויפשריפט איבערן געשעפט און זיי האָבן אַזאַ געשעפט געשוינט.

דער נקמה־אַקט קעגן די שונאים פון לאַנד, די מערדער פון אומשולדיקע לעבנס, איז נישט נאָר געווען כדי צו פאַראורזאַכן שאָדנס און חורבנות דעם אינערלעכן שונא, ניין! עס איז געווען דער ברויזנדער רוף צו דער רעגירונג פון לאַנד. עס איז געווען דער בלוטיק־ליידנדיקער אויסגעשריי פון געליטענע צו דער רעגירונג פון לאַנד:

— מיר ווילן מילחמה!...

— אַ טויט דעם שונא!...

— דערשטיקן דעם דייטשישן שפּיאָנאַזש אין לאַנד!...

— נקמה פאַר אונדזערע בירגער!...

— נקמה פאַר קליינע אומשולדיקע קינדער, — דערמאָרדעט דורך די נאַצי־באַנדיטן אין אונדזער אייגן לאַנד!...

דער גורל פון נאַצישן שונא איז שוין דעמאָלט געשטעמפּלט געוואָרן. דער ווילן פון פאָלק, צו פאַרניכטן ביזן גרונט די נאַציש־אונטערערדיש־מערדערישע מאַכט אין לאַנד און אין אויסלאַנד, איז געוואָרן אַ געזעץ. דאָס בראַזיליאַנער פאָלק האָט אין טאָג פון נקמה אינעם אינער־

לעכן שונא באַשלאָסן, אויך צו נעמען נקמה מיט זייער בלוט פאַר זייערע אומגעקומענע אומשולדיקע לעבנס . . .

בראַזיל האָט דערקלערט מילחמה דעם נאַצישן שונא פון דרויסן, אין דעם נאַציזם פון אינעווייניק.

**
*

דער אַנטלאָפענער דייטש־יידישער פּראָפעסאָר, דער רעקטאָר פון מינכענער אוניווערסיטעט, דאָקטער איזידאָר שטיינאַך, האָט שוין איינגעזען אַז זיין געווען פאַטערלאַנד — „זיין דייטשלאַנד" — וועט שוין נישט זיין מער ווי אַמאָל. אויב נאָכן ערשטן וועלט־קריג האָט דייטשלאַנד נאָך באַוויזן צוריק אויפצושטיין פון איר נידערלאַגע, פון אירע מפּלות פון דרויסן און פון אינעווייניק, אויב זי האָט באַוויזן דעמאָלט צו ווערן צוריק אַ מלוכה און ווייטער זיך שטעלן אויף די פיס, כדי שפּעטער צו קאָנען אַנוואַרפן אַ מורא אויף דער וועלט, וועט זי נאָכן איצטיקן קריג, ווען ער זאָל זיך נאָר נישט פאַרענדיקן, נאָך דעם שרעקלעכן האַס פון בראַזיליאַנער פאָלק, נאָכן שרעקלעכן נקמה־געפיל פון אַלע דערדריקטע און פאַרשקלאַפטע לענדער, נאָך די מערדערייען וואָס זי באַגייט אין די אָקופּירטע לענדער, שוין מוזן אינגאַנצן פאַלן . . . אינגאַנצן זינקען פיזיש און מאָראַליש . . . ניין! דייטשלאַנד וועט מער נישט זיין דאָס לאַנד פון אַמאָל . . .

— דאָס אַמאָליקע דייטשלאַנד פון 1919 . . .

ערשטער טייל

אויף פוילישער ערד

קאפיטל 1

מינכען 1919

דער הארבסט פון דעם יאר האט זיך אראפגעלאזט מיט זיין גאנצער קראפט. רעגנס און ווינטן זענען געווען אפטע באזוכער אויף די גאסן פון דער גרויסער דייטשישער אוניווערזיטעט־שטאט מינכען, גלייך ווי ער — דער הארבסט — וואלט זיך געוואלט רייצן מיט דער אויסגע־מוטשעטער דייטשישער באפעלקערונג, וועלכע האט נאך רעכט נישט אפגעזיפצט נאך די בלוטיקע מלחמה־יארן.

די פאר חדשים וואס זענען שוין אפגעלאפן זינט דער מלחמה אויפן שלאכטפעלד, האט זיך פארענדיקט מיט א ביטערער מפלה פאר דעם דייטשישן פאלק, — נישט קוקנדיק אויף די גרויסע דייטשישע וויסנשאפטלער און זייערע דערפינדונגען, — אט דער קורצער צייט־פארלויף האט גארנישט אויסגעבעסערט די לאגע פון דער אויסגעפיי־ניקטער באפעלקערונג. די אינערלעכע מלחמות האבן געשאפן אין פאלק גופא פארשידענע שונאים און קלאסן־באקעמפער.

דער אפקלאנג פון דער נישט לאנג פארענדיקטער מלחמה האט זיך נאך געלאזט שטארק פילן, נישט בלויז אויף די גאסן און אין די ביר־הייזער, צווישן די פאליטיקער און פאלקס־פירער, נאר אפילו אין די שטיבער און היימען פון טויזנטער פאמיליעס האט זיך איצט ערשט דערפילט דער טרויער און שרעקלעכער פארלוסט וואס די מלחמה האט מיט זיך מיטגעבראכט. א סך היימען וועלכע האבן זיך געפרייט מיט זייערע צוריקגעקומענע מענער, חתנים און קינדער, ארויסגעראטעוועטע פון די הענט פון מלאך המות, אט די אלע היימען, וועלכע האבן איינ־געארדנט פארשידענע פאמיליען־פארווייל:נגען און שמחות פאר זייערע נאענטסטע און טייערסטע, אט דאס האט נאך ארויסגערופן מער טרויער און אויפרעגונג אין די איבעריקע היימען, וועלכע האבן זיך ערשט איצט דערוואוסט וועגן זייער אומגליק, נישט קוקנדיק וואס דער דייטשישער „רויטער קרייץ” האט זיי כסדר פארזיכערט אז זייערע נאענטסטע לעבן

און זענען געזונט. איצט ערשט, ווען אַ סך היימען האָבן זיך געפּרייט מיט זייערע צוריקגעקומענע, האָבן די איבעריקע ערשט דערפילט ווי מען האָט זיי ביטער אָפּגענאַרט...

דער פייכטער וועטער האָט פאַר אַ סך געשאַפן פעסימיסטישע שטי־מונגען, גלייך ווי די נאַטור אַליין וואָלט נקמה גענומען פון אַ לאַנד וואָס האָט זיך געוואָרפן אין קאַמף אַריין, גלויבנדיק אַז עס וועט אַלץ דערגרייכן און זיגרייך מיט אַלעס פאַרענדיקן, און מען איז געבליבן אַנטוישט. ווייל אַנשטאָט זיגרייכן רום — אַ ביטערן און מיאוסן דורכ־פאַל און מפּלה. אַנשטאָט דאָס צוריקקומען פון די קעמפער מיט זיג־לידער אויף די ליפּן — ביטערע קללות און אַנטוישונג... אַנטוישונג פון די צוריקגעקומענע און מיליאָנען „געמען" פון „העלדן" — נישט דערגרייכטע צו זייערע היימען, נאָר האָבן איצט זייערע „היימען" אין פאַרשידענע לענדער פון אייראָפּע אויף ברידער־בית־עלמנס, מיט אַ ברעטל צוקאָפּנס:

— „דאָ רוט דער גרויסער העלד אין זיין רומרייכן קאַמף פאַר זיין פאָטערלאַנד".

אין אַלע היימען, אַפילו וואו עס זענען פאַראַן צוריקגעקומענע און וואו מען פייערט זייער זיגרייכן אַרויסרייסן זיך פון די הענט פון מלאך המות, — פילט זיך אויך עפּעס אַ חשכות. עס איז נישטאָ מער דער דייטשישער שטאָלץ. עס פעלט דער דייטשישער אָפּטימיזם ביי די נייע הערשער פון לאַנד. עס בענקט זיך אַפילו נאָכן קייסער, וועלכער האָט דאָס לאַנד געברענגט צו דעם גרעסטן חורבן.

דער הארבסט איז אויך אַריין אין די הערצער פון די מענטשן און אַ פינצטערניש האָט אַלעמען באַהערשט. טרויער, מוטלאָזיקייט און אַפּאַטיע זענען געווען אַלעמענס באַגלייטער.

נאָר אין איין הויז אין דער גרויסער שטאָט מינכען האָט איצט געהערשט אַ פרייד. דאָרט איז געווען ליכטיק. אַלע קאַנדעליאַברען מיט די הונדערטער עלעקטרישע לאָמפּן האָבן ליכטיק געברענט. הונדערטער און הונדערטער מענטשן, עלטערע און יינגערע האָבן פאַרנומען אַלע פּלעצער. סיי די זיץ־פּלעצער ווי אויך די ספּעציעל רעזערווירטע פּלעצער זענען אַלע געווען פאַרנומען. הונדערטער צושויער האָבן פאַרנומען יעדעם פּיצל אָרט וואו אַ מענטשלעכער פוס האָט זיך נאָר געקענט אוועקשטעלן.

די גרעסטע פערזענלעכקייטן פון דער מעדיצינישער און וויסנשאפטלעכער וועלט זענען געווען צווישן די געסט און איינגעלאדענע. אלטע גרייז־גרויע הערן מיט גלאנציקע לבנה־קעפ און שפיציקע גרויע בערדלעך, יונגע נארוואס פארענדיקטע דאקטוירימלעך, וואס זענען צוריקגעקומען פון די פראנטן און געפאנגען־לאגערס, עלטערע דאמען פון דער דייטשישער וויסנשאפטלעכער וועלט און גלאט אזוי באזוכער פון דעם גרויסן מינכען, אלע האבן זיך אנגעזען אין דעם גרויסן זאל פון דער מינכענער אוניווערזיטעט, וואס איז באקאנט געווען אין דער גאנצער וועלט מיט איר ערנהאפטן שטודיום און מיט אירע טויזנטער געענדיקטע מעדיקער און וויסנשאפטלער, וועלכע האבן יאר־יערלעך פארענדיקט דארט זייער שטודיום און זענען אוועק איבערן לאנד און איבער דער וועלט, טייל — צו פראקטיצירן זייער פאך. אנדערע — זיך נאך מער צו פערפעקציאנירן אין זייער לערע און בארימט מאכן די דייטשישע וויסנשאפט און מעדיצין אויף דער גאנצער וועלט.

נישט קוקנדיק וואס דער גרויסער זאל און אלע ארומיקע צימערן פון רעקטאריאט און שטודיר־פלעצער, אפילו אין די קארעדארן און אויף דער גאלעריע פון די פרייע צוהערער איז שוין פול געפאקט פון מענטשן, האלטן זיך נאך אין ציען אין פראנט פון דער געביידע פארשידענע פערזאנען, אנווענדנדיק אלע זייערע מעגלעכקייטן צו קענען אריינקומען אינעווייניק, כדי צו קענען בייזיין דעם גרויסן צערעמאניאלן יום־טוב און צו קענען צוזען מיט די אייגענע אויגן ווי מען באערט מיט דער גרעסטער אויסצייכענונג איינעם פון די גרעסטע דייטשישע וויסנשאפטלער, מעדיצינער און רעטער פון טויזנטער לעבנס אויף די דייטשישע פראנטן, רעקטאר פון דער מינכענער אוניווערזיטעט, דעם גוט באקאנטן פראפעסאר פון פאר דער מלחמה, איזידאר שטיינאך.

דער גאנצער זאל איז אין אנגעשטרענגטער דערווארטונג. אלעמענס אויגן זענען געווענדעט צו דער טיר, דורך וועלכער עס וועט באלד דערשיינען דער פראפעסאר און „גרויסער רעטער פון פאלק“.

קאַפּיטל 2

דער אַלטער דור

אין אַ ציכטיקן פאַמיליען־הויז אויף דער ווילהעלמינאַ גאַס, גאַנץ ווייט פון דעם גרויסן הור־האַדיקן געוויש פון שטאָט, אין אַ זייט פון די צענטראַלע מינכענער גאַסן, אין אַ געמיטלעכער וואוינונג פון איינציקע צימערן, איינגעאָרדנט מיט געשמאַק, האָט געוואוינט דער גוט באַקאַנטער מעדיקער ישראל שטיינער, צוזאַמען מיט זיין פרוי און 2 קינדער.

ישראל שטיינער איז אין זיינע יונגע יאָרן געקומען פון פוילן קיין מינכען, כדי דאָ צו פאַרענדיקן זיין שטודיום. ער איז געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן וואַרשע וואו ער איז געבוירן, און וואו די צאַרישע מאַכט האָט אויסגעאיבט איר פּאָגראָם־באַציאונג צו דער שטודירנדער יידישער יוגנט, און וואו אויך די פּוילישע סטודענטן האָבן מיטגעהאָלפן צו פאַרפעסטן די אַטמאָספערע פון די יידישע סטודענטן אין דער געביידע פון דעם וואַרשעווער אוניווערזיטעט.

נישט אַזוי לייכט איז ישראלן אָנגעקומען אָנגענומען צו ווערן אין דער מינכענער אוניווערזיטעט. אָבער זיין „פייערדיקער קאָפּ", זיין שטאַרקער ווילן צו פאַרענדיקן זיין שטודיום און צוריקצופאָרן קיין פוילן, באַווייזן זיינע קאָלעגן און זיינע עלטערן, אַז ער האָט דאָס זייניקע דערגרייכט, — האָבן אים געגעבן מוט און דויערהאַפטיקייט צו קענען דורכגיין אַלע שטרויכלונגען און קענען ווערן איינער פון די בעסטע סטודענטן אין דער מינכענער אוניווערזיטעט.

האָבנדיק אַנטלאָפן פון זיינע פרומע עלטערן אין וואַרשע, וועלכע האָבן נישט דערלאָזט, אַז זייער זון זאָל שטודירן אין די גויאישע שולן, נאָר זאָל זיצן על התורה ועל העבודה, האָט ער נישט געוואָלט שפּילן קיין טאָפּלטע ראָלע אין זיין לעבן. ביי טאָג, אין אוניווערזיטעט, ביים שטודיום, אין זיין סטודענטן־רעקל מיט די גאָלדענע קנעפּ, און אין אָוונט — מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע, מיטגיין מיטן טאַטן אין שילעכל אין אַ נאַלעווקער הויף און זיצן צוזאַמען מיט פיל עלטערע יידן און

לערנען אַ שטיקל „עין יעקב" אָדער „חושן משפט" — ביי וועלכן דער ליטווישער מלמד האָט אַרויסגעוויזן זיין גאַנצע קענטעניש פון וועלכער אַלע צוהערער און טייל דרימלענדע יידן האָבן ממש אַנגעקוואָלן.

דעם יונגן ישראלן איז דערעסן געוואָרן אַזאַ טאָפּלט לעבן. ער האָט געזען אַז אין דער וואַרשעווער אוניווערזיטעט הייבט מען אים אָן צו מאַכן שוועריקייטן. ווי זיינע פּוילישע קאָלעגן הייבן אים אָן אונטערשטעלן פיסלעך, ווי אַנדערע נעמען ווי „זשיד" אָדער „יעווריי", האָט ער דאָרטן נישט געהאַט. ווען אַפילו עס זאָל אים געלינגען צו שטייגן אין זיין בילדונג, וועט ער אין די העכערע קלאַסן פון מעדיציינישן פאַקולטעט נישט ווערן אָנגענומען. צו קיין קריסטלעכע מתים טאָר זיך זיין יידישע האַנט נישט צורירן. שוועריקייטן אויף טריט און שריט. חוץ דעם אַלעם, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע פּייניקונג אין דער היים: דער אַלטער פרומער טאַטע האָט דווקא געוואָלט אַז ער זאָל איבעררייסן מיט די גויאישע לימודים, אַראָפּוואַרפן פון זיך אינגאַנצן דאָס גויאישע היטל און דאָס סטודענטסקע רעקל מיט די „טיטשערס". אַז ער זאָל צוריק אַרויף אויפן דרך הישר. אינגאַנצן צוריק אַריין אין דער יידישער קאַפּאָטע מיט דעם יידישן רונדיקן היטעלע און זיצן טאָג און נאַכט ביי דער גמרא. יאָ! —האָט דער טאַטע געשריגן— עס איז שוין טאָקע צייט צו קלערן וועגן אַ שידוך! שוין איבער אַכצן יאָר אַלט! בן שמונה עשרי לחופה! וויפל איז דער שיעור! גענוג געגאַנגען אין די גויאישע דרכים! גענוג!..

ישראל האָט אָבער אַנדערש געטראַכט: גענוג צו זיין אין פינצטערניש און פירן אַ טאָפּלטן לעבן! גענוג געליטן פון די שול־קאָלעגן חרפּות און בושות! ער וויל נישט פּטרן זיינע יונגע יאָרן ווי זיינע פריערדיקע דורות, זייענדיק אָפּגעריסן פון דער וועלט, פון דער וויסנשאַפט, פון דער ליטעראַטור, פון דער מוזיק, פון אַלעם מענטשלעכן, פון אַלע דערהויבנקייטן, נאָר שטענדיק אין בית המדרש. שטענדיק ביי דער גמרא. שטענדיק פאַרטון אין שווערע סוגיות, אָדער גאָר ביים רבינס טיש כאַפּן שיריים און אין דער היים זאָל די אשת חיל דאַרפן זאָרגן פאַר אַלעם: היים, פּרנסה, קינדער, פּדיונות צום רבין אדג"ל.

ישראלס מאַמע האָט אים געפּרואווט געבן צו פאַרשטיין, בעת דער „אַלטער" איז אין שטוב נישט געווען:

— דו זעסט דאָך, קינד מיינס, אַז דו וועסט נישט קאָנען דערגרייכן דיין ציל. ווען דו וועסט אַפילו, מיטן אויבערשטנס הילף, פאַרענדיקן די קלאַסן, וועסטו דאָך סיי־ווי נישט קענען שטייגן העכער, ווייל מען וועט דאָך דיך נישט אַריינלאָזן אין די העכערע קלאַסן. טאָ וואָס וועט זיין דיין סוף?

— איך וועל אַוועק פון דאַנען, מאַמע, —האָט ישראל ווי אַרויס־געשאָסן פון זיך.— איך קאָן דאָ מער נישט זיין. אַלץ איז מיר דערעסן געוואָרן. די אוניווערזיטעט, די פּראָפעסאָרן, די קאַלעגן־סטודענטן, אַפילו די היים איז מיר דערעסן געוואָרן. מיין היים איז מיר מער נישט ניחא! ביי טאָג — אויף די לעקציעס, אין אָוונט — מיטן טאַטן אין בית המדרש. ביז שפּעט אין דער נאַכט צוגרייטן די לעקציעס. קיין פּיצל פרייהייט האָב איך נישט אין לעבן. אין אוניווערזיטעט בין איך פאַרהאַסט פון די שילער, פּונקט ווי פון די פּראָפעסאָרן, ווייל איך בין אַ ייד. אין אָוונט, מוז איך מיטגיין לערנען משניות. איך קען אַפילו נישט געניסן פון די שבתים און ימים טובים. אָדער גיין לערנען מיטן טאַטן, אָדער זיצן אין שטוב און מהנה זיין די געסט וואָס קומען צו אונדז, און וואָס ווילן מיך „פאַרהערן” אין מיין לערנען אַ שטיקל תוספות...

— קינד מיינס —פּרואווט די מוטער מיט צאַרטקייט איבעררעדן דעם זון— זאָג אַליין: וואָלט נישט טאַקע גלייכער געווען צו פאַרלאָזן די גויאישע שולעס מיט די חברים־שקצים און טאַקע זיך מער אָפּגעבן מיט יידישע למודים? איך מיין נישט אַז דו מוזט דווקא לערנען אין שטיבל אָדער אין בית המדרש. דו ווייסט גאַנץ גוט, קינד מיינס, אַז איך שטאַם פון די גרויסע וואַרשעווער מיוחסים — די נאַטאַנזאָנס. זיי זענען אויך געווען גרויסע מענטשן, וואַרשעווער אַריסטאָקראַטן, כאָטש זיי האָבן נישט פאַרענדיקט קיין אוניווערזיטעט. און זיי זענען אַפילו קיינמאָל נישט אַריינגעטרעטן דאָרט אַהין. זיי זענען אַלע גוטע פּאָליאַקן און אויך נישט קיין שלעכטע יידן. אין סינאַגאָגע גייען זיי נאָר צוויי מאָל אין יאָר. זיי קענען גוט די פּוילישע און רוסישע ליטעראַטורן. זיי האָבן...

— מאַמע —האָט ישראל איבערגעריסן אין מיטן— מאַמע! איך האָב שוין גענוג דאָס לאַנד! גענוג די אַנטיסעמיטישע פּאָליאַקן! איך וויל זיין אַ פרייער מענטש! איך מוז פאַרענדיקן מיין מעדיצינישן

שטודיום! איך מוז מאכן א קאריערע אויפן מעדיצינישן געביט! און דא, מאמע, דא קאן איך עס נישט!

— טא וואס קלערסטו צו טון? —האט די מוטער מיט מיטלייד געפרעגט דעם זון.

— איך וויל אוועק פון דאנען. —האט דער זון אנטשלאסן געענטפערט.— אוועק פון דאנען! אוועק!

— וואוהין, מיין קינד? —האט די מוטער מיט טרערן געזאגט.— אומעטום איז איין וועלט; אומעטום האסט מען דעם ייד.

— קיין דייטשלאנד —האט ישראל געזאגט.— אין דער גרויסער אוניווערזיטעט-שטאט מינכען, וואו ניינציק פראצענט פון די סטודענטן זענען יידן, אפילו אייניקע פראפעסארן פון דארטן זענען יידן. דארט וועל איך פארזעצן מיין שטודיום. דארטן וועל איך מאכן מיין קאריערע, און דו, מאמע, מוזט מיר העלפן דערצו. איך ווייס אז דער טאטע וועט נישט לאזן, פונקט ווי ער האט מיך נישט געלאזט אנהייבן דעם שטודיום; פונקט ווי ער צווינגט מיך מיטצוגיין מיט אים יעדן אוונט לערנען דעם שיעור, כדי נישט צו קאנען צוגרייטן די לעקציעס אין אוניווערזיטעט. דו אבער, מאמע טייערע, דו פארשטייסט מיך יא; דו באגרייפסט מיין ווילן צום לערנען. דו פילסט און ווייסט, אז איך מוז מיין ציל דערגרייכן, נאר דו מוזט מיר צוהעלפן דערצו.

— ווי אזוי און מיט וואס? — האט די אלטע פארוואונדערט געפרעגט.— און ווי אזוי וועל איך דיך אוועקלאזן אין דער פרעמד אריין אליין, אן דעם טאטנס אויפזיכט, אן דער מוטערלעכער הילף, אין א פרעמדער שטאט... אין א פרעמד לאנד... איינציק ביזטו דאך ביי מיר, קינד מיינס! ווי וועל איך דא קאנען פארבלייבן אן דיר? מיין היים וועט פאריתומט ווערן אן דיר! איך וועל עס נישט אויסהאלטן...

— מאמע, וויין נישט! —האט ישראל אריינגענומען דער מוטערס קאפ אין זיינע הענט.— וויין נישט, דיין איינציקער זון וויל דיר נחת פארשאפן. דיין איינציקער זון וויל ווערן א גרויסער מענטש; א גרויסער דאקטער, וועלכער וועט קאנען העלפן מיליאנען מענטשן לינדערן זייערע ליידן, פארלייכטערן זייערע שמערצן און העלפן זיי אויסמיידן זייערע יונגע טויטן. מאמע, העלף מיר פארווירקלעכן מיין חלום! העלף דיין זון ווערן א נוצלעכער און גוטער דאקטער.

— ווייסטו וואס, —האט זיך די מוטער אביסל בארואיקט—, איך וועל איבעררעדן די זאך מיטן טאטן. ער איז דאך א חכם, און ווי ער וועט זאגן אזוי...

— ניין, מאמע! —האט ישראל איבערגעריסן דער מוטערס ווער־טער,— ניין! דער טאטע טאר דערפון נישט וויסן!

— פארוואס? —האט די מוטער מיט פארוואונדערינג געפרעגט— איז ער דען נישט דיין פאטער? האט ער דען נישט די זעלבע רעכט אי־בער דיר ווי איך. וויל ער דען נישט זען דיין גליק פונקט ווי איך? און —האט די אלטע זיך אביסל פארטראכט— אפשר האט ער פאר דיר א בעסערן פלאן, ער איז דאך עפעס א תלמיד־חכם. און אפשר וועט ער אנפרעגן ביים רבין. ער וועט דיר קאנען אן עצה געבן.

— ניין, מאמע טייערע! —האט ישראל מיט ווייטיק אויסגעשריגן.

— איך וויל נישט אז דער טאטע זאל וויסן דערפון!

— פארוואס? —פרעגט שוין די מאמע מיט כעס.

— ווייל, —ברומט ישראל ארוים פון צווישן די ציין,— ער וועט מיך נישט אוועקלאזן פון דאנען... די גמרא איז אים ליבער ווי זיין זון... ער וועט נישט וועלן, אז איך זאל אוועק פון אונטער זיין אויפ־זיכט. פארקערט: ער וועט דווקא וועלן, אז איך זאל דא פארבלייבן און נישט פארענדיקן דעם מעדיצינישן קורס אויפן אוניווערזיטעט. ער וועט מיך וועלן חתונה מאכן מיט א פרומער יידישער בתולה, פאר־שטאטן מיך צו א רייכן מחותן אויף קעסט און איך זאל דארפן זיצן יום־ולילה און לערנען די שווערסטע סוגיות... איך וויל דאס נישט! איך וויל נישט זיין קיין חסיד ביים רבינס טיש! איך וויל דאס נישט, מאמע! —האט ישראל אויסגעשריגן מיט געוויין— איך וויל נישט!...

ישראל האט מער נישט געקאנט רעדן. ער האט געפילט אז ער האט זיך אליין אריבערגעשריגן. די טרערן האבן אים געשטיקט אין האלדז. ער האט זיך ספאזמיש צעוויינט און איז אריינגעפאלן אין דער מוטערס ארעמס.

די מאמע האט זיך אביסל געשראקן. זי איז קיינמאל נישט גע־וואוינט געווען צו זען איר זון אזוי בייז. אין דעם גאנצן לעבן פון איר איינציקן זון האט זי קיינמאל אים נישט געזען אין אזא צושטאנד. איצט, ווען זי האט געזען און געפילט, ווי איר איינציקער טרייסט, איר

זון, ליגט אין אירע אָרעמס און טרייסלט זיך פון געוויין, האָט דער מאַ־מעס האַרץ שיעור נישט געפּלאַצט פון ווייטיק, און מיט טרערן אין אירע אויגן האָט זי אים גענומען בּארואיקן:

— בּארואיק זיך, מיין קינד —האָט די מוטער געזאָגט, און זי האָט געפילט ווי אירע טרערן קייקלען זיך אויפן זונס קאָפּ און בּאַנעצן אים זיינע האָר.— מיר וועלן פּרוואוון זוכן אַן עצה. אפשר וועט מען עפּעס אויסגעפינען אַ מיטל דערצו.

ישראל האָט זיך שנעל אָנגעכאַפּט אין דער מוטערס ווערטער, אַז אפשר וועט מען געפינען אַן עצה. ער האָט זיך שנעל גלייכגעשטעלט, גענומען אויסווישן די טרערן, און נישט וועלנדיק דערלאָזן אַז דער מו־טערס געדאַנק זאָל אָפּגעקילט ווערן, האָט ער שנעל פאַרכאַפּט:

— נישטאָ קיין בּעסערע עצה ווי פאַרלאָזן דאָס לאַנד, אַוועק פון דאַנען! אַוועק אין דער וועלט אַריין! און דו, מאַמע, מוזט מיר צו־העלפן דערצו.

ישראל האָט געהאַלטן אין איין מורמלען און שרייען: נאָר אַוועק! נאָר אַוועק! ער האָט זיך געדרייט אַרויף און אַראָפּ איבּערן צימער, מורמלענדיק אַלץ כּסדר די זעלבּע ווערטער.

די מוטער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט. זי האָט זיך גוט צוגע־קוקט צום אויפגערעגטן צושטאַנד פון איר זון. זי האָט אויסגענוצט אַ מאָמענט, ווען דער זון האָט זיך אָפּגעשטעלט עפּעס צו זאָגן, און האָט איבּערגעחזרט דעם זונס ווערטער:

— איך זאָל דיר צוהעלפן דערצו? ווי אַזוי און מיט וואָס?

דער זון איז צוגעגאַנגען נאָענט צו דער מוטער, טיף אַריינגעקוקט אין איר ליידנדיקן פּנים, אין אירע פאַרוויינטע אויגן, און מיט קינדער־שער געהאַרכזאַמקייט, צו וועלכער ער איז שטענדיק געוואוינט געוואָרן פון זיין פריעסטער קינדהייט אָן, האָט ער שטיל געזאָגט:

— מאַמע, איך ווייס אַז דער טאַטע וועט נישט וועלן געבּן קיין געלט פאַר מיין רייזע. דו, אָבּער, מאַמע, מוזט עס טון! איך ווייס — האָט זיך דער זון צוריקגעכאַפּט— אַז דו האָסט נישט קיין בּאַזונדערע קאַסע, דו האָסט נישט קיין ספּעציעלע אָפּשפּאָרונגען. פאַרגעס אָבּער נישט, מאַמע, אַז דו האָסט אין דיין רשות דאָס צירונג פון דער בּאָבּען. דו בּיזט די איינציקע טאָכטער, און צו דיר געהער עס, און איך — איר

איינציקער איינִיקל — צו מיר וועט עס דאָך מיט דער צייט מוזן געבן. ווער, גיב עס מיר איצט, מאמע! העלף מיר דערגרייכן מיין ציל!

— אָבער, וואָס וועט דער טאטע זאָגן? —האָט די אַלטע אין פאַרלעגנהייט געפרעגט.— ער וועט דאָך ווערן ברוגז אויף מיר און ער וועט אויך גערעכט זיין.

— מאמע, —האָט ישראל אַרומגעכאַפּט קושן דאָס פאַרוויינטע פּנים פון זיין מאמען— דו וועסט אים גאָרנישט זאָגן, און טאַמער וועט ער זיך דערוויסן דערפון, ער וועט זען אַז דאָס צירונג פעלט, זאָלסטו אַרויפוואַרפן די גאַנצע שולד אויף מיר. סיי־ווי וועט עס דאָך הייסן אַז איך בין אַנטלאָפן פון דער היים, מעג עס שוין אפילו הייסן אַז איך האָב אַרויסגעגנבעט דאָס צירונג.

— קינד מיינס, — האָט די אַלטע זיך געפּרואווט קעגנשטעלן דעם זונס פאַרלאַנג— אַזוי פיל יאָרן ווי דאָס צירונג גייט איבער פון דור צו דור. אַ היילִיקע ירושה איז עס. אַזוי פיל יאָרן ווי יונגע כלות ווערן באַצירט מיט גאָלד און בריליאַנטן, אין דער חתונה־נאַכט, צו דער חופּה גייענדיק שיינט אַראָפּ דאָס ירושה־צירונג פון די העלדזער, אויערן און פינגער פון די גליקלעכע כלות. ס'דאַכט זיך אין יענעם מאָמענט, אַז אַלע באָבעס פון דור־דורות קומען צו דער חופּה, העלפן פאַרגיסן אַ טרער און ווינטשן גליק דעם נייעם פּאָרל... איך האָב אויך געהאָפט, אַז דיין כלה וועט געפירט ווערן צו דער חופּה אין דעם זעלבן ירושה־צירונג, און וואָלט איך דערלעבט צו דיין חתונה, וואָלט איך מיט מיינע אייגענע הענט אָנגעטון דאָס צירונג מיין צוקונפטיקער שנור... און וואָלט איך עס חלילה נישט דערלעבט, וואָלט מיין שאָטן און מיין אָנדענק געהערשט אין זאַל אויף דיין חתונה, צוזאַמען מיט די שאָטנס פון דער גאַנצער אָפּשטאַרבנדיקער גזע... און איצט, קינד מיינס... ווילסטו איבעררייסן די טראַדיציע פון אַזויפיל דורות? ווילסטו פאַרטרייבן די אַלע באָבעס און עלטער־באָבעס, אַז זיי זאָלן מער נישט שיקן זייערע שאָטנס אויף די חתונות פון זייערע איינִיקלעך? ווילסטו איבעררייסן די גאָלדענע קייט פון דורות, ווילסטו?...

— מאמע! —האָט ישראל איבערגעריסן אירע רייד.— מאמע! זאָלן די באָבעס דאָרט האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן, זיי האָבן שוין יענע וועלט. איך מוז אָבער האָבן די וועלט! און, וועסטו מיר מיט גוטן נישט

וועלן געבן דאָס צירונג, וועל איך עס אַליין נעמען! עס געהער צו מיר! עס איז מיינס!... עס איז מיין צירונג, און איך מעג דערמיט טון וואָס איך וויל! איך וויל אַוועק פון דאַנען! אַוועק אין דער וועלט פון ליכט און פרייע מעגלעכקייטן! איך וויל אַוועק שטודירן! איך וויל נישט זיין דאָ מער! איך וויל נישט! איך וויל נישט!...

ישראל האָט די לעצטע ווערטער פאַרענדיקט מיט אַ ספּאַזמאַטיש געוויין. ער האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף דער סאָפע, און שטיקנדיק זיך פון וויינען, אַלץ געהאַלטן אין איין שרייען:

— איך וויל דאָ מער נישט לעבן! אָדער אין דער וועלט אַריין, אָדער שטאַרבן דאָ, פאַר דיינע אויגן...

די מוטער האָט זיך אין ערשטן מאָמענט פאַרלוירן פון דעם זונס אויסגעשרייען. זי האָט געזען, אַז ער איז נישט נאָר אויסן אָפּצושרעקן, אַז ער קאָן זיך נאָך, חלילה, אַ מעשה אָנטון... זי איז צו צו דער סאָ־פע און אים גענומען באַרואיקן. ער האָט אָבער געהאַלטן אין איין וויי־נען און שרייען, אַז ער וועט זיך דאָס לעבן נעמען, אויב ער וועט מוזן דאָ פאַרבלייבן.

די אַלטע האָט זיך אַוועקגעזעצט נאָענט פון איר זון, אָפּגעווישט אים זיינע טרערן און געזאָגט:

— באַרואיק דיך, קינד מיינס. איך זע אַז דו ביזט שוין גענוג דער־וואַקסן צו פאַרשטיין וואָס דו טוסט. איך האָב אַלץ געמיינט אַז איך האָב נאָך צו טון מיט מיין קליין יינגל, מיט מיין ישראליקל... אַ קליינס... אַ פּיצעלעס... איך זע אָבער איצט, אַז דו ביזט שוין גרויס, אַז דו ביזט שוין רייף צו פאַרשטיין דיין לאַגע, אַז דאָס איז נישט קיין משוגעת וואָס זאָל דיך האָבן באַהערשט. איך האָב אַלץ געמיינט, אַז עס איז אַ בייזער איינפאַל פון אַ קינד, נאָר אַ קינדער־שפּיל, אָנגערעדט פון חברים אין שול. איך זע אָבער, אַז דו מיינסט עס ערנסט. בין איך שטאָלץ מיט אַזאַ זון, איך בין גליקלעך צו האָבן אַ דערוואַקסענעם זון און נישט מער קיין קינד. טאָ זיי זיכער אַז דיין באַשלוס אין וועלכן עס ליגט דיין גאַנצער צוקונפט, וועל איך נישט שטערן.

— מאַמע! —איז ישראל אויפגעשפּרונגען פון דער סאָפע— מאַ־מע! דו וועסט מיר מיטהעלפן דערפילן מיין פאַרלאַנג? דו וועסט מיר

אַרויסהעלפן אין מיין איצטיקער לאַגע? איך האָב עס גלייך געוואוסט... מאַמע טייערע. —האָט ער אַרומגעכאַפּט די מוטער און גענומען מיט איר טאַנצן איבערן צימער, פּונקט ווי שמחת־תורה מיט דער הקפה— דו ביסט די בעסטע מאַמע אין דער גאַנצער וועלט! ער האָט באַדעקט איר פּנים, די הענט און דעם האַלדז מיט ברענענדיקע קושן און האָט מיט עקסטאַז ווייטער גערעדט צו איר:

— מאַמע! איך לויף שוין אַראָפּ אין גאַס אריין. איך מוז זיך שוין נעמען גרייטן צו מיין רייזע. נאָר מאַמע, —האָט ער ווי אין אַ סוד געזאָגט— קיינער טאָר נישט וויסן דערפון, נאָר דו, מאַמע טייערע... נאָר איין מענטש אין דער וועלט וועט וויסן מיין סוד — מיין מאַמע...

קאפיטל 3

דערנער און רויזן...

אין א בוידעם־צימערל פון שטאָט־צענטער, ביי דער טונקלקייט פון א קליין עלעקטריש לעמפּל איז געזעסן דער יונגער סטודענט פון פוילן — ישראל שטיינער.

שוין א לענגערע צייט ווי ער איז אָנגעקומען קיין מינכען, נאָך לאַנגע וואָגלונגען און וואַנדערונגען. דער אדרעס וואָס ער האָט זיך פאַרשאַפט אין ווארשע פון אייניקע אוניווערזיטעט־קאָלעגן צום רעקטאָר פון מינכענער אוניווערזיטעט, איז אים גוט צונוץ געקומען. שוין אין ערשטן טאָג פון זיין אָנקומען קיין מינכען האָט ער באַזוכט דעם אוני־ווערזיטעט, און עס איז אים גלייך געלונגען צו האָבן א געשפרעך מיטן רעקטאָר. עס איז אים נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען ביים בייזן רעקטאָר אויסצופועלן, אַז ער זאָל אים אין מיטן לערניאָר אריינגעמען אין מע־דיצינישן פאַקולטעט. דער רעקטאָר, מיט א רויט אָנגעפילט פנים, גרוי־סער שטערן, גרוילעכע האָר און א קליין שוואַרץ־גרוילעך פראַנץ יאָזעף־בערדל, האָט אויף קיין פאַל נישט געוואָלט ארויסגיין פון די ראַמען פון אוניווערזיטעט־געזעץ:

— אין מיטן יאָר — קיינע אָננעמען פון שילער! — אַזוי האָט ער געהאַלטן אין איין ענטפערן. אָבער דאָך איז אים געלונגען אויסצואוויר־קן א פלאַץ אַלס פרייער צוהערער אויף די מעדיצינישע קורסן. דער רעקטאָר האָט אים אויך צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים צולאָזן אַלס פרייען אַסיסטענט אין נעקראָטעריע און אין די שפּיטאָלן.

פאַר ישראלן איז עס געווען א גרויסער שאַנס: זאָל ער זיך נאָר אריינכאַפּן אינעווייניק — האָט ער זיך געטראַכט. זאָל ער זיך נאָר נאָענטער באַקענען מיט די באַדינגונגען אין דער דייטשישער אוניווער־

זיטעט — וועט ער זיך שוין פּרואוון שטופּן פאָרויס, און אפשר וועט עס אים געלינגען אויך.

ישראל שטיינער, וועלכער האָט — אויפן פאָרשלאָג פון רעקטאָר — געביטן זיין נאָמען אויף איזידאָר שטיינאַך, האָט גלייך געוואונען דעם צוטרוי צו זיך פון דעם רעקטאָר און פּראָפעסאָר פון אוניווערזיטעט. ער איז נישט געוואוינט געווען צו טרעפן צווישן זיינע שילער אַזעלכע פּע־איקע און טיכטיקע, קוראַזשפולע און מיט לוסט צום שטודיום, ווי ער האָט עס געזען אין דעם יונגן שטיינאַך. ער איז שטאָלץ געווען מיטן „פּאָלנישן סטודענט", וועלכער האָט ארויסגעוויזן גרויסע בקיאות און חריפות אויף אַלע געביטן פון שטודיום, הן אין דער מעדיצין, הן אין מאַטעמאַטיק, אין דער כירורגיע און אפילו אין אַסטראָנאָמיע. ער האָט טאַקע דערפאַר צוגעזאָגט איזידאָרן, אַז ער וועט אויספּועלן ביי דער די־רעקציע פון אוניווערזיטעט, אַז מען זאָל מאַכן מיט אים אַן אויסנאַם, און אָלס טיכטיקן סטודענט, אים פאַרשרייבן אינעם רעגיסטער פון די ספּע־ציעלע סטודענטן. ער איז געגאַנגען נאָך העכער: ער האָט אפילו אָנ־געזאָגט אויסצופּועלן אַ סטיפּענדיע פאַר׳ן יונגן שטיינאַך.

און דער רעקטאָר האָט געהאַלטן וואָרט. נאָך אייניקע וואָכן פון באַזוכן די לעקציעס פון די פרייע צוהערער, האָט דער רעקטאָר — צווישן די לעקציעס — געמאָלדן דעם פרייען שילער שטיינאַך, אַז נאָך די לעק־ציעס דאַרף ער רעדן מיט אים, נאָר אומבאַדינגט.

איזידאָר האָט זיך אַביסל געשראָקן פאַר דער שטרענגקייט פונעם רעקטאָר. ער איז נאָך נישט געווען צוגעוואוינט צו דער פּינקטלעכקייט און מאַשינאַלן גאַנג פון יעדן דייטש. עס האָט אים געשראָקן דער שטרענגער בליק און דער אומבאַדינגטער געשפּרעך וואָס דער רעקטאָר דאַרף מיט אים האָבן. ער האָט געקלערט און געפּרואווט טרעפן פאָרויס. ווער ווייסט — האָט ער ביי זיך געטראַכט — אפשר וויל ער מיך אינ־גאַנצן באַזייטיקן פון די פרייע קורסן? וואָס וועט זיין מיט אים? צו־ריק קיין פּוילן? — ניין! אַלע בריקן זענען שוין אונטער אים פאַר־ברענט. ער וויל נישט מער „יענץ" לעבן, וואָס איז דערעסן געוואָרן... ער וויל שטודירן! ער מוז פאַרענדיקן זיין מעדיצינישן שטודיום! די יידישע איינגעשפּאַרטקייט איז אריינגעדרונגען צו אים טיף אין האַרצן, נישטאָ קיין מענטש אין דער וועלט וועלכער וואָלט זי געקאָנט פון דאָרטן

ארויסרייסן... אפילו נישט דער רעקטאָר פון מינבענער אוניווער־זיטעט.

מיט אומגעדולד האָט ער שוין געוואַרט, אַז די לעקציעס זאָלן זיך פאַרענדיקן. ער האָט שוין געוואָלט וויסן זיין אורטייל, ווי טראַגיש ער זאָל נאָר נישט זיין.

מיט ציטער און שרעק האָט דער סטודענט איזידאָר שטיינאַך אַרי־בערגעטרעטן די שוועל פון דעם פריוואַט־צימער פון רעקטאָר און איז געבליבן שטיין ביי דער טיר. דאָס פּנים איז ביי אים געווען בלאַס ווי קרייד, די פיס האָבן אונטער אים געציטערט, מורא האָבנדיק אַז ער זאָל נישט אָט־אָט געבן אַ פאַל אַוועק. דעם הוט, וואָס ער האָט געהאַט אַראָפּגענומען בעתן אַריינקומען אין רעקטאָרס צימער, האָט ער מיט נערוועזיטעט צוזאַמענגעקנייטשט אין זיינע הענט, נישט פילנדיק אַליין אַז ער טוט עס. מיט אומגעדולד האָט ער שוין געוואַרט אַז דער רעקטאָר — וועלכער איז געווען פאַרטיפט אין אַ בוך — זאָל זיך אומקוקן אין זיין זייט. זאָל ער אים שוין זאָגן, וואָס ער האָט אים צו זאָגן. ער איז גרייט אויף אַלעס... אויף אַלעס...

נאָך אייניקע סעקונדן — וואָס האָבן ביי איזידאָרן אויסגעזען ווי טעג — האָט דער רעקטאָר אומגערן אַריבערגעוואָרפן זיינע אויגן איבערן בוך און האָט דערזען איזידאָרן שטיין ביי דער טיר.

באַטראַכטנדיק אים אַ וויילע, האָט דער רעקטאָר געזאָגט:

— דאַכט זיך, הער שטיינאַך? האַ?

— יאָ הער רעקטאָר — האָט איזידאָר ווי אַרויסגעשטאַמלט פון זיך. — איר האָט מיך היינט, בעת דער פויזע, געהייסן קומען צו אייך נאָך די לעקציעס.

— ווער? איך? — האָט דער פּראָפעסאָר געפרעגט.

— יאָ, הער פּראָפעסאָר — האָט איזידאָר מיט הכנעה געענטפערט — איר האָט געזאָגט אַז איר דאַרפט מיט מיר עפּעס רעדן.

— נו? — פרעגט דער רעקטאָר, ווי ער וואָלט אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן אין אַלעס.

— נו, — ענטפערט איזידאָר — בין איך געקומען. איך בין צו אייער דיספּאָזיציע, הער פּראָפעסאָר.

דער רעקטאָר איז לאַנגזאַם אויפגעשטאַנען פון זיין פּלאַץ. אַראָפּ־

גענומען די פענסנע פון זיין נאָז, צוגעגאַנגען צו איזידאָרן, צוריק אַרויפ־געלייגט די פענסנע, פאַרוואָרפן דאָס שוואַרצע בענדעלע אויף הינטן און לאַנג אַריבערקוקנדיק איבער דיברילן אויף דעם בלייכן זיך שרעקנ־דיקן סטודענט, האָט ער —ווי אין דערמאַנונג— געזאָגט:

— הייסט עס, אַז איר זענט געקומען?

— יאָ, הער רעקטאָר — האָט איזידאָר אַרויסגעשטאַמלט.

דער רעקטאָר האָט זיך אַביסל פאַרטראַכט ווי וועלנדיק זיך נאָך מער דערמאַנען אין אַ וויכטיקן ענין. און ווען עס איז אים אין קיין פאַל נישט געלונגען זיך צו דערמאַנען וועגן וואָס ער האָט גערופן דעם סטו־דענט צו זיך, האָט ער אים ערשט גאַנץ פשוט און קורץ געפרעגט:

— נאָך וואָס, הייסט עס, זענט איר געקומען?

— הער רעקטאָר —האָט איזידאָר ציטערנדיק אַרויסגערעדט— איר האָט מיר היינט געזאָגט, אַז איר האָט מיט מיר עפּעס צו רעדן, אַז איר מוזט מיט מיר אומבאַדינגט רעדן. זיכער, גלויב איך, איז עס וועגן מיין ביטע אָנגענומען צו ווערן אויפן נאָרמאַלן קורס אין דעם פאַקולטעט.

— אַהאַ! —האָט זיך דער רעקטאָר דערמאַנט — יאָ, יאָ, זיכער האָב איך אייך גערופן, יאָ, יאָ, יונגערמאַן, איך האָב מיט דיר עפּעס צו רעדן — איז שוין דער רעקטאָר געוואָרן היימישער מיטן שילער. איזי־דאָרן האָט די „היימישקייט” נאָך מער געשראָקן. אים האָט זיך אויס־געדוכט אַז דער רעקטאָר איראָניזירט מיט אים, און אָט־אָט דערוואַרט ער זיין ביטערן אורטייל...

דער רעקטאָר האָט זיך צוריק אויסגעדרייט, צוריק אַוועק צום פּאָטעל און אַריבערוואַרפנדיק די אויגן איבער די ברילן, האָט ער גוט־ברודעריש געזאָגט צו איזידאָרן:

— קום אַהער יונגערמאַן, זעץ זיך דאָ לעבן מיר, אָט אַזוי. נו! —האָט זיך דער רעקטאָר ווי נישט געקענט שענקען.— נו! אינגאַנצן פאַרגעסן אין אַלעם.

איזידאָר האָט זיך לאַנגזאַם אַוועקגעזעצט אויפן בענקל נאָענט פון פּראָפעסאָר. מיט שרעק האָט ער געקוקט ווי ער פאָרעט זיך צווישן פּאַ־פּירן און ביכער, אונטערברומענדיק כסדר: איזידאָר... אי־זי־דאָר... אי — זי — דאָר. אַהאַ! —האָט דער רעקטאָר ווי מיט פרייד אַ געשריי געטון— איך האָב עס. איזידאָר שטיינאָך. אָט דאָס איז עס. — ער האָט

ארויסגענומען אַ גרויסן בויגן אָנגעשריבן פּאַפּיר. דער יידישער סטו־דענט האָט פון דערוויילטנס געוואָלט דערגיין דעם אינהאַלט פון אָט די אָנגעשריבענע שורהלעך. אָט די געציילטע ווערטער, וועלכע האָבן גע־זאָלט זיין דער טויט, אָדער דער לעבנס־אורטייל פון דעם יידישן סטו־דענט פון פוילן. דער גורל פון אַ גאַנצער צוקונפט.

דער רעקטאָר האָט לאַנגזאַם צוריק גלייכגעלייגט אַלע פּאַפּירן, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעוואָרפן אויפן שרייב־טיש. ער האָט לאַנגזאַם און רוטינירט געלייגט בויגן צו בויגן, פּאַפּירעלע צו פּאַפּירעלע, גלייך ווי עס וואָלט קיינער דאָ נישט געזעסן און אָפּגעוואַרט זיין אורטייל. גלייך ווי קיינער וואָלט דערביי גאָרנישט געווען.

מיט ציטער און אומרו איז איזידאָר געזעסן, ווי דאָס בענקל וואָלט געווען מיט טשוועקעס אויסגעקלאַפּט אָדער הייסע קוילן וואָלטן אונ־טער אים געברענט. ער האָט שוין געוואָלט אויסשרייען: לאָמיך הערן מיין אורטייל! ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן מיט אַלע זיינע כוחות. ער האָט נישט געוואוסט וואָס עס טוט זיך מיט אים. ער איז ווי אין איין שטיק נערוועזיטעט פאַרוואַנדלט געוואָרן. ער איז אָבער אויסערלעך פּאַרט געבליבן רואיק, האָפנדיק אַז די מאַשינערישע רואיקייט פון דעם רעקטאָר וועט אויך נישט גערויערן אייביק.

דער רעקטאָר האָט גענומען דעם בויגן פּאַפּיר, רואיק אוועקגעלייגט אים אויפן טיש, זיך גלייך געמאַכט די פּענסנע, אַ קוק געגעבן צוערשט אויף איזידאָרן, דאַן אויפן פּאַפּיר, און נאָכאמאָל אויף איזידאָרן, גלייך ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן צי ער איז עס טאַקע. דאַן, נאָך אַ קורצער צערעמאָניע האָט ער גענומען ארויסלייענען פונעם פּאַפּיר:

— „איזידאָר שטיינאָך. געבוירן אין וואַרשע — פוילן. אין יאָר... סטודענט פון דער וואַרשעווער אוניווערזיטעט. מעדיצינישער פאַקולטעט. געקומען קיין מינכען — דייטשלאַנד, אַלס פרייער צוהערער אויף די מעדיצינישע קורסן".

דער רעקטאָר האָט צוריק אוועקגעלייגט דאָס פּאַפּיר אויפן טיש, אַריבערגעקוקט איבער די ברילן צו איזידאָרן, און מיט געזעצטער רואי־קייט אים געפרעגט:

— הייסט עס, אַז איר ווילט אָנקומען אויף דער היגער אוני־ווערזיטעט?

— זיכער, — האָט איזידאָר פאַרצווייפלט געענטפערט, ווי שוין זייענדיק זיכער, אַז זיין ביטע איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. אַז פון אַלע זיינע פאַנטאַזיעס וועט זיך אויסלאָזן אַ זייפנבלאָז. אין די קורצע מאָ־מענטן פון דערוואַרטונג האָט איזידאָר ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ געזען דורכפליען בילדער שוידערלעכע, בילדער פון זיין פאַרגאַנגענהייט... בילדער וועלכע וועלן זיך אפשר דאַרפן צוריק איבערחזרן... צוריק אין וואַרשע... צוריק אין בית המדרש... אַריין אין אַ ישיבה... ער האָט גאָרנישט געהערט ווי דער רעקטאָר האָט דערווייל דורכגעלייענט דעם ענטפער פון רעקטאַריאַט אויף זיין ביטע. אַז ער ווערט, אויסנאַמס־ווייז, אַריינגענומען אין מעדיצינישן פאַקולטעט, אדאַנק די באַמיאונגען פון רעקטאָר. ווען דער רעקטאָר האָט שוין פאַרענדיקט לייענען דאָס פּאַפּיר, האָט זיך איזידאָר ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף און ער האָט גע־בעטן דעם רעקטאָר אַז ער זאָל עס נאָכאַמאָל איבערלייענען, ווייל ער האָט „עפּעס" נישט גוט געהערט.

דער רעקטאָר האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מען דאַרף עס נישט מער דורכלייענען, אַז ער ווייסט שוין, אַז פון מאָרגן אָן איז ער שוין אַ פּערמאַנענטער שילער אין מינכענער אוניווערזיטעט ביז צו זיין פאַרענדיקן דעם שטודיום. פון מאָרגן אָן פאַרנעמט ער שוין אַן אָרט אויף די בענק פון די נאָרמאַלע סטודענטן, און נישט מער פון די „פרייע צוהערער".

איזידאָר האָט געוואָלט וויינען פון פרייד. ער האָט געוואָלט פאַלן צו די פיס פון רעקטאָר, ער האָט געוואָלט קושן זיינע הענט. דער רעקטאָר האָט אים אָבער באַרואיקט. ער האָט אים געבעטן בלייבן נאָך אַביסל, שמועסן מיט אים ווי צוויי מענטשן, ווי צוויי גוטע פריינד, און נישט ווי אַ שילער מיט זיין רעקטאָר, אָדער מיט זיין פּראָפעסאָר.

איזידאָר האָט זיך שוין געהאַט אַביסל באַרואיקט. ער איז געווען צופרידן, נישט בלויז וואָס זיין דערנער־וועג איז אין אַ רויזן־וועג פאַר־וואַנדלט געוואָרן, נאָר נאָך מער, וואָס ער האָט זיך דאָ, אין ווייטן מינכען געשאַפן אַ נייעם פריינד — דעם רעקטאָר, און ער איז געווען זיכער אַז אָט דער נייער פריינד וועט אים ווייטער פירן אויפן וועג פון בלומען און רויזן, און ער וועט אים מיטהעלפן צו פאַרענדיקן זיין שטו־דיום און צו דערגרייכן זיין ציל: העלפן דער מענטשהייט.

און אַט זיצט ער אין זיין צימער, ער טראַכט זיך אַריין אין דעם געשפּרעך וואָס ער האָט היינט געפירט מיטן רעקטאָר. דער רעקטאָר האָט זיך עפּעס געפילט שולדיק וואָס ער האָט נישט געקענט אויספועלן פאַר אים אויך אַ סטיפּענדיע, אַז ער זאָל קענען רואיק פאָרזעצן זיין שטודיום, נישט צו דאַרפן זאָרגן פאַר זיין מאַטעריעלער לאַגע. ער דער־מאָנט זיך וואָס פאַר אַ מיטגעפיל דער רעקטאָר האָט אַרויסגעוויזן צו אים, ווען ער האָט זיך דערוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועג ער איז גע־קומען קיין דייטשלאַנד. ער האָט דעם רעקטאָר אַלץ פאַרטרויט. אפילו, אַז נאָך אין געציילטע טעג אַרום, וועט ער אפשר נישט האָבן מיט וואָס פאַר זיין בוידעם־שטיבל צו צאָלן.

דער רעקטאָר האָט אים צוגעזאָגט צו באַטראַכטן זיין לאַגע און זען אַז ער זאָל האָבן אַן אויסוועג.

— אַן אויסוועג —טראַכט זיך איזידאָר— וואָס פאַר אַן אויסוועג קאָן מען געפינען? ער האָט שוין עטלעכע בריוו געשריבן צו זיינע עלטערן, ער האָט זיך אַנטשולדיקט פאַרן אַלטן פרומען טאַטן פאַר זיין אַנטלויפן פון דער היים. די מאַמע האָט אים אפילו איינמאָל צוגעשיקט אירע ספּעציעלע אָפּשפּאָרונגען. אָבער ווייט פון דער היים, אין אַן אויפ־זיכט, און אפילו עסנדיק אין דער סטודענטן־קיך, האָט עס געסטייעט אויף אַ קורצער צייט. ער האָט שוין אפילו געהאַט באַשלאָסן זיך צו ווענדן נאָך שטיצע צום „דייטשישן הילפס־פאַריין פאַרן אַסט־יודע", אַז ער זאָל אים אַרויסהעלפן אין זיין ביטערער לאַגע, ווייל פון די עלטערן האָט ער גאָרנישט געהאַט וואָס צו דערוואַרטן, אויסער דער מאַמעס גע־ציילטע גראָשנס און דעם טאַטנס צוגעשריבענע ווערטער צו דער מאַמעס בריוו: זיי אַ ייד! דאָס איז אַלעס.

איזידאָר האָט געפילט ווי דער דערנער־וועג שפּרייט זיך שוין ווידער אויס פאַר אים. און אויב דער רעקטאָר וועט פאַרגעסן זיין צוזאָג — אַן אויסוועג צו זיין לאַגע— וועט ער זיין געצוואונגען צו בעטן הילף. הילף — אויף וואָס פאַר אַ וועג עס זאָל נאָר נישט זיין...

קאפיטל 4

עלטערן און קינדער

סוזי גראנאך, די טאכטער פונעם רעקטאר פון דער מינכענער אוניווערזיטעט האט נישט געהאט קיין מזל אין איר שטודיום. אלט זייענדיק אריבער 18 יאר, האט זי קוים באוויזן דורכצוגיין די ערשטע יארן פון מאטעמאטישן פאקולטעט. זי האט שוין פיל מאל געטראכט איבערצוגיין אויף א צווייטן פאקולטעט. זאל זיין פילאזאפיע, מעדיצין, פארמאצעווטיק אדער גאר צאן־טעכניק. עפעס האבן די ציפערן פון דער מאטעמאטישער טעאריע נישט געשטימט מיט דער יונגער שיינער סוזי... מיט איר רייצנדיקן קאפ בלאנדע לאקן, ווייסע פערלמוטערנע ציין, ראזע באקן און שניי־ווייסן אלאבאסטער־האלדז איז זי גיכער ענלעך געווען צו א ווענוס ווי צו א שילערין, וועלכע דארף זיך גריבלען אין מאטעמאטישע ציפערן פון ביליאנען און טריליאנען...

איר פאטער — דער רעקטאר פון מינכענער אוניווערזיטעט — האט געהאט גרויס פארדרוס פון זיין נישט פעאיקער טאכטער. אט האט ער א טאכטער מיט אלע מעלות: שיין, גוט, קלוג, באחנט, באליבט ביי אלעמען, אבער נישט אלץ קען זיין אין פערפעקטן צושטאנד. ער האט שוין געפרואווט רעדן מיט איר, געבן איר צו פארשטיין, אז עס פאסט נישט פארן רעקטארס טאכטער, זי זאל זיין אזוי הינטערשטעליק אין איר בילדונג. אט — גיט ער איר א ביישפיל — איז געקומען אן אסט־יודע פון פוילן, כמעט אין אירע יארן, און ער קאן זיך שוין פארהערן אין בילדונג אפילו מיטן גרעסטן פראפעסאר פון דער היגער אוניווערזיטעט...

— אן אסט־יודע... אן אסט־ניודע — האט סוזי זיך פארקרימט — ווער וויל דען וויסן פון אים! זאל ער לערנען! זאל ער פארלירן זיין יוגנט ביי די ביכער, ביי די ציפערן, ביים פאלמעסן טוימע שכורים,

אָדער גאָר אין די הימלישע וועלטן און פּלאַנעטען. מער ווייסן זיי נישט —די אָסט־יודן— ווי לערנען און לערנען!

— סוזי —האָט דער פּאַטער געפּרואווט זיין שטרענג צו איר— דו קענסט זיי נישט, און דו קענסט נישט ארויסגעבן אזא שלעכטע מיי־נונג איבער די אָסט־יודן! און באַזונדער —האָט זיך דער רעקטאָר צו־ריקגעכאַפּט— איז עס נישט אזא שלעכטע מיינונג. און אז זיי גיבן אָפּ זייערע טעג און נעכט אויף זייער בילדונג, און אז זיי געפינען זיך יאָרן און יאָרן אין אַלע וועלט־אוניווערזיטעטן און אין אַלע פאַקולטעטן, טאָ איז וואָס? זיי אַרבעטן דאָך אַלע לטובת דער מענטשהייט, פאַר דיר, פאַר מיר, פאַר אַלעמען! פאַר דער גאַנצער וועלט!...

— און איך דאַרף גאָרנישט, אז דער אָסט־יודע זאָל זאָרגן פאַר מיר, —האָט סוזי זיך צעבייזערט,— זאָלן די יידן גיין אין זייערע טעמפּלען, זאָלן זיי אין זינען האָבן זיך אַליין, אונדזער דייטשיש פאָלק האָט גענוג געלערנטע, מיר דאַרפן נישט אַז פרעמדע זאָלן אינוואַדירן אונדזערע אוניווערזיטעטן! און וואָלט איך געווען רעקטאָר פון אוני־ווערזיטעט, וואָלט איך אזא אָסט־יודע איבער דער שוועל נישט אַרי־בערגעלאָזט!

— נאָר די אוניווערזיטעט זאָל האָבן אַזעלכע שילער ווי דו ביזט, —האָט דער פּאַטער מיט איראָניע געזאָגט,— שיין וואָלטן מיר דייטשן אויסגעזען ווען נישט דער צומיש פון אַנדערע ראַסן און אַנדערע פעל־קער. איך בין זיכער, טאָכטער מיינע, —איז דעם רעקטאָר פּלוצים איינ־געפאַלן אַ פּלאַן,— ווען דו האָסט אזא אָסט־יודע פאַר אַ לערער, וואָלסטו זיכער געווען מיט דיינע לעקציעס, וואָלטן זיי געמעגט ווי שווער זיין...

סוזי האָט זיך געגרייט עפּעס צו ענטפערן, זי האָט זיך געפילט אָנ־געגריפן פון איר אייגענעם פאָטער, צוליב עפּעס דאָרט אַן אָסט־יודע... דער פאָטער האָט אָבער נישט געוואָלט איבעררייסן דעם פאָדעם וואָס האָט זיך נאָרוואָס אָנגעהויבן צו שפּינען פון זיך זעלבסט. און נישט דערלאָזנדיק זיין טאָכטער קומען צום וואָרט, האָט ער ווידער אָנגעהויבן זיין געשפּרעך:

— און אפשר טאַקע? זאָל איך אפשר איינלאַדן דעם נייעם שילער, דעם סטודענט שטיינאַך, פאַרן לערער פון הויז?

פון די ווערטער וואָס דער רעקטאָר האָט נאָרוואָס אַרויסגעזאָגט,

כאָטש זיי זענען געזאָגט געוואָרן מער צו זיך אַליין ווי צו דער טאָכטער, האָט סוזי גלייך זיך געכאַפּט, אַז דאָס מיינט מען זי. פאַרבינדן זי מיט פרישע לעקציעס, צורייבן פון איר נאָך אַ פּאָר שעה אין טאָג... פול מיט ווייטיק און פאַרדרוס פון פאָטערס ווערטער און פון זיין „שטאַרקער” זאָרג פאַר איר, האָט זי איבערגעריסן זיין טראַכטן, און מיט אַ ראָניע אַרויסגעציששעט פון איר קליינעם מיילכל, האָט זי אויסגעשריגן:

— און וואָס נאָך? מער פעלט אונדז נישט ווי אין אונדזער אַריסטאָקראַטיש הויז, אַריינגעמען אַן אָסט־יודע פאַר אַ לערער? פאַר מיר נישט, פּאַפּאַ! איך דאַרף נישט קיין לערערס! איך וועל זיך שוין צו מיינע לעקציעס באַגיין אָן אַ לערער!

— און בלייבן כסדר הינטערשטעליק — האָט דער פאָטער איבערגעריסן איר געשפרעך.

— ניין — האָט סוזי געענטפערט — איך וועל נישט בלייבן הינטערשטעליק.

— טאַקע? — האָט דער פאָטער מיט פאַרוואונדערונג געפרעגט.

— יאָ, פּאַפּאַ — איז סוזי נאָך רואיקער געוואָרן — איך וועל זיך צוריקציען פון מיין שטודיום.

— האַ?! — האָט דער פאָטער אויפגעברויזט — דו וועסט זיך צוריקציען פון שטודיום? דו וועסט ווערן אַ פּראָסט מיידל מיט אַלע גלייך? ראָמאַנסירן גאַנצע טעג! און אפשר וועסטו גאָר ווערן אַ כאָריסטין אין טעאַטער?!...

דער רעקטאָר איז געלאָפן אויפגערעגט הין און צוריק איבערן צימער. ער האָט אינגאַנצן געברויזט. ער האָט אין זיין אויפרעגונג געפּרואווט אויסציען די צוויי באַקן־בערד, ווי ער וואָלט געגלויבט, אַז דאָס וועט אַרויסרופן מער רעספּעקט צו זיך פון זיין אייגענער טאָכטער... בלייבנדיק אַ מינוט שטיין האַרט לעבן דער טאָכטער, וועלכע האָט זיך געהאַלטן אין איין קעמען אירע לאַנגע בלאָנדע לאָקן, גלייך זי וואָלט זיך גאָרנישט געמאַכט פון פאָטערס אויסגעשרייען, פון זיין נערוועזיטעט, האָט ער אַביסל אַ בארואיקטער געזאָגט:

— קינד מיינס, דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז איך בין נאָר אויסן דיין טובה. זאָג אַליין: ווי וועט אויסזען אַ רעקטאָר, אַ פּראָפעסאָר פון מעדיצינישן פאַקולטעט, איינער פון די גרעסטע דאָקטוירים אין לאַנד,

אז ער וועט האָבן אַן איינציק קינד, אַ טאָכטער — אַ פּראָסט מיידל? אָן אַן אינטעלעקטועל פּאַך, אָן אַ דיפּלאָם!... איך וועל זיך דאַן באַגראָבן פאַר שאַנדע נישט נאָר פאַר די איבעריקע פּראָפעסאָרן פון אוניווערזיטעט, פאַר די סטודענטן פון אַלע פאַקולטעטן, נאָר אפילו פאַרן פּראָסטן פאָלק, פאַרן פּראָסטן בירגער, פאַר די פּראָסטע באַזוכער פון די היגע ביר־קעלערן... מיט טויזנטער סטודענטן לערן איך. יעדנס קינד שטודירט, פאַרענדיקט, דיפּלאָמירט זיך. מען באַקומט אויסצייכענונגען פאַר גוט לערנען, און מיין קינד, מיין סוזי, וויל גאָר איבעררייסן אין מיטן לערנען.

— פּאַפּאַ, —האָט סוזי ווי אַרויסגעוויינט.— פּאַפּאַ, וואָס זאָל איך אָבער טון אַז די מאַטעמאַטישע ציפערן לייגן זיך גאָרנישט אויף מיין מוח, אַז מיין קאָפּ קאָן זיי גאָרנישט פאַרטראָגן... פּאַפּאַ! איך האָב גאָרנישט קיין פעאיקייטן פאַר אַזאַ שטודיום... זאָג מיר כאָטש איין וואָרט, פּאַפּאַ! די פּראָפעסאָרן, וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט די שילער, אונטערזוכן זיי פריער די אויפנאַמס־מעגלעכקייטן פונעם שילער? צי פאַראינטערעסירן זיי זיך מיט דעם שילערס פאַרשטענדיקונג־קראַפט, זיינע באַנעמונגס־ פעאיקייטן? צי ווילן זיי פריער וויסן איבער דער שילער איז צוגעפּאַסט צום קענגנשטאַנד, וועלכן די עלטערן ווילן אין אים אַריינשטויסן? צי ווילן זיי פריער שטודירן דעם שילער, צי איז ער איבערהויפּט צוגעפּאַסט צו אוניווערזיטעט־בילדונג? ! ניין! דאָס אַלץ נישט! מ'נעמט אַ מיידל, מ'אַקערט אין איר אַריין, אַז זי זאָל לערנען מוזיק, כאָטש זי האָט גאָרנישט קיין געפילן דערצו; כאָטש זי האָט גאָרנישט קיין מוזיקאַלישן חוש אָדער געהער. מ'צווינגט זי צו שטויסן די קלאַווישן פון דער פּיאַנאָ, אָדער צו שפּאַצירן מיטן שמיציק איבער די סטרונעס פון פידל. פאַרוואָס? נישט שטענדיק ווייל די קינדער ווילן עס, ניין! נאָר ווייל די עלטערן ווילן, אַז זייער קינד זאָל זיין אַ מוזיקאַלישער גאון... כאָטש זיי פאַרשטייען אַליין גאַנץ גוט, אַז קיין שובערטס אָדער בראַמס און שטראַוסעס וועלן נישט געבוירן יעדן טאָג... און דאָך גלייבן די עלטערן, אַז פון דעם וואָס זייער קינד גרימפּלט גאַנצע טעג די נישט־פאַרשטענדלעכע מוזיקאַלישע נאָטן, וועלן זיי דערלעבן נחת.... מ'צווינגט די קינדער צו שטודירן מעדיצין, אינזשעניעריע, מאָלעריי, פילאָזאָפיע, מאַטעמאַטיק און אַנדערע אינטעלעק־

טועלע קעגנשטאנדן, אין דער צייט ווען זייער מוח באהערשט עס גאר־נישט... זייער פארשטאנד באגרייפט עס נישט. אבער די עלטערן ווילן דערפון נישט וויסן. זייער עגאאיזם איז שטארקער אין העכער ווי דעם קינדס באגער... זיי ווילן האבן קינדער, מיט וועלכע זיי זאלן זיך קאנען פארשטעלן... זאלן קאנען זאגן: מיין דאקטער... מיין מוזיקער... מיין אינזשעניער... מיין, מיין און מיין... און די קינ־דער מוזן זיין די קרבנות פונעם ווילן פון די עלטערן...

סוזי האט נאך געוואלט רעדן און איבערצייגן איר פאטער, אז מען דארף נישט צווינגען קיין קינדער צו אזא שטודיום, צו וועלכן זיי האבן נישט קיין סימפאטישן געפיל, צו וועלכן זיי טויגן זיך נישט אויס. אבער דאס געוויין האט זי באהערשט און נישט קאנענדיק איינהאלטן די טרערן, איז זי שנעל אריין אין איר צימער און אוועקגעפאלן אויף איר בעט מיט א שטארק געוויין.

דעם פאטער האט שוין פארדראסן. פארוואס ער האט אנגעהויבן דעם געשפרעך; ער האט אליין געמוזט צוגעבן אז אביסל האט זיין טאכטער רעכט; אז מ'דארף טאקע נישט צווינגען די קינדער צו שטו־דירן אזעלכע קעגנשטאנדן, וואס איז זיי נישט סימפאטיש. און טאקע לייגן מער געוויכט אויף אזעלכע, וועלכע לעכצן נאך בילדונג און קאנען נישט גרייכן דערצו. און כאטש דער רעקטאר האט דורכגעלעבט א פיינ־לעכע סצענע, וואס זיין קינד האט אים אליין קריטיקירט, דאך איז ער געווען צופרידן. ער האט ערשט איצט פארשטאנען, אז זיין טאכטער איז שוין מער נישט קיין קינד, ווי ער שטעלט זיך פאר; אז זי איז שוין א רייפער מענטש, אז זי פארשטייט שוין גוט די מענטשלעכע פסיכא־לאגיע, אז... אז... זי האט אים איצט באהערשט...

דער רעקטאר און פראפעסאר פון מינכענער אוניווערזיטעט האט געמוזט צוגעבן, אז אין דער לעקציע פון זיין טאכטער וואלט מען איצט זיך טאקע געדארפט גוט אריינטראכטן. איצט מוז ער ווערן אויס פרא־פעסאר און אויס רעקטאר. איצט מוז ער זיין א פאטער, א געטרייער און איבערגעגעבענער פאטער. איצט מוז ער אריינגיין צו זיין טאכטער, באַרואיקן זי און געפינען אן אויסוועג צו דער לאגע.

לאנגזאם און שטיל האט דער רעקטאר אויפגעמאכט די טיר פון זיין טאכטערס צימער, און מיט לייכטע טריט צוגעגאנגען און זיך אוועקגע־

זעצט אויפן ראַנד פון איר בעט. ער האָט גענומען איר גאָלדענעם לאָקן־קאָפּ אין זיינע אָרעמס, מיט אַ שניי־ווייסן טיכל איר אויסגעווישט די פאַרטרערטע אויגן, איר געגעבן אַ פּאַטערלעכן קוש אויף איר שטערן, און אין אַ געמיטלעכן טאָן געזאָגט:

— איך וועל דיר מער נישט צווינגען... טו ווי דו פאַרשטייסט...

ער האָט צוריק אַוועקגעלייגט איר קאָפּ אויפן קישן און גענומען אַרויסגיין פון צימער. אָבער שוין שטייענדיק ביי דער טיר, האָט ער נאָך געפּרואווט אָנווענדן זיין לעצט מיטל, צו באַוועגן די טאָכטער צו איר ווייטערדיקן שטודיום. ער האָט זיך לאַנג געקווענקלט ביז ער האָט ענדלעך אַרויסגעזאָגט:

— עס וואָלט אפשר נישט געשאַדט אַז איך זאָל ברענגען אַ לערער פאַר דיר אין שטוב אריין, אפשר וועסטו אין שטוב בעסער באַנעמען די לעקציעס. אפשר, נישט זייענדיק מיט קיין סך שילער, וועט דיר לייכטער זיין צו באַגרייפן די מאַטעמאַטישע אויפגאַבעס? מאַך נאָך איין פּרוּוו!

די טאָכטער האָט זיך שוין נישט געוואָלט אַנטקעגנשטעלן איר פאָטער, וועמען זי האָט ליב געהאַט ווי איר לעבן, און וועלכער האָט זיכער היינט אַ סך געליטן פון אירע רעוואָלטירנדיקע ווערטער. זי האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט, און מיט אַפּאַטיע און באַהערשטקייט האָט זי געענטפערט:

— אויב דו ווילסט, פּאַפּאַ.

מער האָט זי נישט געזאָגט. אָבער די געציילטע ווערטער זענען געווען גענוג פאַר איר פאָטער ווייטער צו וועבן זיינע פאַנטאַזיעס וועגן דער אויסבילדונג פון זיין טאָכטער. ער איז מיט אַ לייכטן שמייכל אַרויס פון איר צימער. אין מוח האָבן שוין געאַרבעט פּלענער וועגן אַ לערער. ער האָט זיך גלייך געכאַפּט, אַז קיין בעסערן און פּראַקטישערן לערער פאַר זיין טאָכטער, ווי עס איז דער נייער סטודענט אין אוניווערזיטעט, דער יונגער שטיינאַך, קאָן ער זיך גאָרנישט ווינטשן, און כאָטש זי האָט זיך נישט איבעריק סימפּאַטיש אַרויסגעזאָגט וועגן די „אָסט־יודן" האָפט ער אָבער אַז די אינטעליגענץ און עטיקעט פון דעם הער איזידאָר שטיינאַך וועלן זיכער ווירקן צום גוטן אויף זיין קאַפּריזנער טאָכטער — זיין סוזין.

קאפיטל 5

אויפן וועג צום גליק...

באלד אינדערפרי, ווי נאר דער רעקטאר איז געקומען אין אוניווערזיטעט אריין, האט ער גלייך איבערגעגעבן איזידארן, אז ער האט פאר אים א שילער וואס דארף זיין מיטהילף אין די לעקציעס. ער האט אים אויך געגעבן דעם אדרעס און געהייסן אים גיין צו דער ערשטער לעקציע נאך היינט, ווי נאר ער וועט פארענדיקן די לעקציעס אין אוניווערזיטעט.

איזידאר האט מיט די אויגן ארויסגעוויזן זיין צופרידנקייט צום פראפעסאר, וואס זארגט זיך אזוי פאר אים, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט, נישט פארגעסן אין אים. די הילף איז צו איזידארן געקומען נאך שנעלער ווי ער האט זיך אליין פארגעשטעלט... איזידאר איז געווען זייער צופרידן פון דער ערשטער לעקציע, וועלכע וועט אים אביסל פארלייכטערן זיין מאטעריעלע לאגע. ער האט געוואלט אויסדריקן זיין דאנקבארקייט צום פראפעסאר, אבער איידער ער האט זיך ארומגעקוקט, איז דער פראפעסאר שוין געווען ביי זיין פולפיט און אנגעהויבן זיין אינטערעסאנטע לעקציע וועגן מוח און געהירן.

איזידאר האט זיך אין איצטיקן מאמענט וויניק־וואס אריינגעטראכט אין דער לעקציע פון זיין באליבטן פראפעסאר. ער האט נישט געלייגט קיין אכט אויף די אנאטאמישע פיגורן און בילדער, וואס דער פראפעסאר האט זיי צענומען און אויפגעקלערט יעדן שטריך אין אדער פונעם מוח און זייערע פונקציעס.

איזידאר האט איצט געהאט אן אנדער פונקציע: וועלכן אנצוג ער זאל אנטון צו דער היינטיקער ערשטער לעקציע פון זיין שילער וועמען ער קען נאך נישט אבער ער האפט, אז ער וועט אים זיין נישט נאר א גוטער לערער, נאר אויך אן איבערגעגעבענער חבר און פריינד. ער האלט אין איין טראכטן וועגן זיין שילער, וועגן זיין פאמיליע, און זיצנדיק ביי

דעם שול־פולפּיט, נעמט ער נאָכאַמאָל אַרויס דעם אַדרעס, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט אים געגעבן. אָבער וויפל ער זאָל זיך נישט אַריינלייע־נען אין דעם אַדרעס אַריין, זעט ער פּאָרט נישט מער ווי טויטע ווערטער מיט ציפערן, די גאַס און נומער פון הויז — מער נישט. ער פּרואווט זיך ווידער פאַרטראַכטן וועגן אַנצוג. ער טוט אַליין אַ שמייכל: וועלכן אַנ־צוג? אַז אינגאַנצן האָט ער נאָר איין אַנצוג, אָט דעם אין וועלכן ער זיצט איצט ביי די לעקציעס. ער האָט אַפילו מיטגעבראַכט נאָך אַן אַנ־צוג פון פּוילן — דעם בלויען אַנצוג מיט די גאָלדענע קנעפּ. ער האָט נאָך אָבער ביז היינט נישט באַמערקט, אַז ס'זאָל ווער פון די סטודענטן אָדער גלאַט אַזוי מענטשן טראָגן אַזאַ אַנצוג; אַזוי, אַז וועגן אַנצוג האָט ער שוין נישט געהאַט מער צו טראַכטן. ער האָט אָבער ווידער גענומען דענקען וועגן זיין שילער. ער וואָלט אים שוין געוואָלט קענען. ער וואָלט שוין געוואָלט אָנהייבן די לעקציעס. ער וועט אָנווענדן אַלע זיינע מעג־לעכקייטן צו געפעלן דעם שילער און זיין פאַמיליע. ער וועט אַריינלייגן זיין גאַנצע קענטעניש און זיין גאַנצן באַגאַזש וויסן, אַזוי... אַזוי — האָט ער געטראַכט און געוואָלט געפינען עפּעס אַ פּאַסיקן אויסדרוק— אַזוי ווי דער... ליטווישער מלמד אין שילעכל אויף די נאַלעווקעס...

דער טאָג איז געווען אַ שווערער און אַ האַמעטנער. איזידאָר איז אַלץ געווען פאַרטראַכט וועגן זיין ערשטער לעקציע. נאָך גיט וואָס דער פּראָפעסאָר האָט אים נישט צוגערופן צום שוואַרצן טאָוול, כדי אויפצור־קלערן אַ געוויסן אַנאַטאָמישן שטריך אין מענטשלעכן מוח; און וואָלט מען אים היינט צוגערופן, וואָלט ער זיכער נישט געוואוסט ווי אָנצוהייבן. דער רעקטאָר האָט אָבער זייער שטאַרק געהאַלטן פון שפּיינאָכן, ער פלעגט אים נאָר צורופן צו די שווערסטע און קאָמפּליצירטסטע פראַגן און אויפקלערונגען, און אַזוי ווי ביי דער היינטיקער לעקציע האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן קיין שום קאָמפּליצירטקייטן, האָט ער צוגערופן אַנדערע שילער און אַזוי אַרום —נישט ווילנדיק— געלאָזט איזידאָרן ווייטער אַנגיין מיט זיין קלערן וועגן דער ערשטער לעקציע און וועגן זיין שילער.

אָבער אויך דער טאָג איז נישט געווען קיין אייביקייט, און ווי נאָר די לעקציעס האָבן זיך געענדיקט, איז איזידאָר גלייך אַוועק אין זיין בוי־דעם־שטיבל, זיך אַרומגעוואַשן און זיך פיין פאַרקעמט די פּעך־שוואַרצע

לענגלעכע האָר. ער האָט אויך געוואָלט אַביסל צופּרעסן דעם קנייטשט פון די הויזן נאָר נישט האָבנדיק מיט וואָס, האָט ער בלויז אויסגעפּוצט זיי מיט אַ בערשטל, וואָס זיין געטרייע מאַמע האָט אים מיטגעגעבן. ער האָט אויך געהאַט אַביסל פּאַרדרוס וואָס ער האָט נישט קיין ביסל פּער־פום — זאָל ער כאָטש קומען צו זיין נייעם שילער אַ שמעקעוודיקער... נאָר, נישט האָבנדיק אויך אַזאַ קליינינקייט, האָט ער עס שנעל פאַרגעסן. ער האָט נאָר געהאַט איין געבעט אין איצטיקן מאָמענט: זאָלן נאָר גע־פעלן זיינע לעקציעס; און נאָך עפּעס: הלוואי זאָל ער געפעלן דעם שי־לער, וועט ער פאַר אים זיין אַ נייער חבר אינעם נייעם לאַנד.

איזידאָר האָט פאַרלאָזט זיין אָרעם בוידעם־שטיבל, אַ ריינער און מיט אַ שמייכל פון האָפענונג אויף זיינע ליפּן: דער וועג פון רויזן הייבט זיך ווידער אָן פאַר אים... אָט אַזוי האָט איזידאָר גערעדט צו זיך אַליין. זאָל ער נאָר אָנהייבן מיט דער ערשטער לעקציע, עס וועלן דערנאָך קומען נאָך און נאָך לעקציעס. ער וועט זיך דינגען אַ שיין צי־מערל, נאָענטער צו דער שטאָט. ער וועט זיך מאַכן אַ נייעם אָנצוג. זאָל נאָר גוט דורכגיין זיין ערשטע לעקציע... עס האָט אים אויך פאַר־דראָסן, וואָס ער קאָן זיך נישט פאַרגינען צו נעמען אַ דראָזשקע. עס וואָלט אפילו געווען נאָך שענער, ווען ער קומט־אָן צו דער לעקציע אין אַ קאָטש מיט גומענע רעדער און מיט צוויי פערד. ער באַגנוגנט זיך אָבער נאָר מיט די שיינע פאַנטאַזיעס, ווייל ער קאָן זיך נישט פאַרגינען אַזאַ לוקסוס. עס קאָן אים נאָך אויספעלן אויף וועטשערע... נישקשה, ער איז נאָך גענוג יונג און האָט יונגע פיס און גייענדיק וועט ער זיך נאָך אָנזאַמלען מיט מער קוראַזש...

— קוראַזש... —דאָס וואָרט איז אים זייער געפעלן. ווען נישט דער קוראַזש וואָלט ער נאָך איצט געווען אין פּוילן, צוזאַמען מיט זיין מוטער... —מיין מוטער,— האָט עס פון אים אַרויסגעוויינט —מיין מוטער... ווי מוז זי איצטער ליידן, ווען איר בן־יחיד וואַלגערט זיך אַרום אין דער פרעמד. איינזאַם איז זי דאָרט, פּונקט ווי ער דאָ... איינזאַם...

דאָס פּנים פון דעם יונגן סטודענט האָט זיך אַביסל פאַרכמאַרעט. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז איצט איז נישט די צייט צו זיין טרוי־עריק; איצט מוז ער זיך אָנזאַמלען וואָס מער קוראַזש, נאָך מער ווי מיט

א צייט צוריק, אין זיין אַלטער היים. זיין עקזיסטענץ איז איצט אין קאַן. און ווידער האָט זיך אַרויסגעריסן ביי אים דאָס צייבער־וואָרט: קוראַזש...

זיין פּנים האָט זיך צוריק אויסגעלייטערט. ער האָט, ווי דורך אַ כּישוף דערפילט, אַז ער גייט איצט אויפן וועג פון גליק, און ווען דאָס גליק קומט אַנטקעגן, מוז מען פאַרטרייבן אַלע בענקענדיקע און פאַר־חלומטע געדאַנקען.

און ווידער איז ער געקומען צוריק צו זיך. ווידער איז ער באַהערשט געוואָרן פון צופרידנקייט, וואָס עס געלינגט אים צו פירן זיין לעבן אַזוי ווי ער האָט זיך עס פאַרגעשטעלט נאָך אין וואַרשע: אַריינקומען אין אוניווערזיטעט, האָבן דערפאָלג אין זיין שטודיום, פאַרשאַפן זיך לעקציעס. לעקציעס — האָט ער איבערגעחזרט דאָס וואָרט. דערווייל גייט ער ערשט צו זיין ערשטער לעקציע. וועט ער געפעלן? עס איז קיין פראַגע נישט, ער מוז געפעלן! ס'איז אָפּהענגיק דערפון זיין עקזיסטענץ! זיין שטודיום! זיין לעבן! זיין שטיקל ברויט! זיין גאַנצער צוקונפט... צוליב דעם איז ער אַנטלאָפן פון דער היים, פון זיין טייערער און גוטער מאַמען, כּדי זיך צו שאַפן אַ צוקונפט... זיין צוקונפט — האָפט ער — ליגט אין אָט דעם פּאַפּירעלע, דער אַדרעס פון זיין ערשטן שילער. ער לייענט שוין איבער צום הונדערטסטן מאָל דעם אַדרעס. דעם נאָמען פון דער גאַס האָט ער שוין געפונען, און דער נומער... דער נומער... אָט איז דער נומער.

ער איז צוגעקומען צו אַ שיין הויז. נאָכאַמאָל פעסטגעשטעלט צו דער נומער איז דער ריכטיקער און מיט ציטערנדיקע הענט אַ דריק געטון אויפן גלעקל פון הויז.

קאפיטל 6

ליבע...

די לעבנסלוסטיקע סוזי, די טאכטער פון רעקטאר, איז איצט גע־זעסן אין איר צימער און געווען פארטיפט אין זשול ווערנס א ראמאן. די פאנטאסטישע רייזע־באשרייבונגען פון דעם גוט־באקאנטן שרייבער האבן אויפן יונגן מיידל געמאכט א גוואלדיקן איינדרוק; אין כאטש זי איז געווען באהאוונט אין געאגראפיע און אין מאטעמאטיק, האט זי אויף קיין פאל נישט געקאנט באגרייפן, אז ס'קאן זיין מעגלעך אזא קפיצת־הדרך, ווי „א רייזע ארום דער ערד אין אכציק טעג". זי האט אינערלעך געפירט א דיסקוסיע מיטן שרייבער פונעם בוך, ווי וועלנדיק אים אויפווייזן, אז ס'איז א נארישע פאנטאזיע, וועלכע רויבט גלאט אוועק די צייטביים לייענער. אבער דאך האט זי זיך נישט געקאנט אפרייסן פון בוך. פארקערט וואס מער זי איז געפלויגן מיט אירע אויגן איבער די בלעטער פונעם בוך, אלץ ווייטער האט זי שוין געוואלט האלטן; וואס מער זי האט געשלונגען די פאנטאסטישע שילדערונגען, אלץ מער האט זי שוין געוואלט דערגיין דעם ווייטערדיקן גאנג פון דער רייזע, און דערפאר האט איר טאקע פארדראסן, וואס דאס דינסטמיידל מימי, האט איר איבערגעריסן אין מיטן לייענען, איבערגעבנדיק איר, אז איר פאטער רופט זי.

סוזי האט זיך געוואלט גוט אנבייזערן אויף דער חוצפה פון א דינסטמיידל, צו שטערן איר אין מיטן לייענען. זי האט זיך אבער באלד צוריקגעכאפט, הערנדיק אז דאס האט זי דער פאטער געשיקט רופן; אז זי האט נאר אויסגעפירט דעם פאטערס באפעל. סוזי האט געהייסן זאגן דעם פאטער, אז זי קומט גלייך, און שנעלער גענומען יאגן אירע אויגן איבערן בלעטל פון בוך, כדי צו קאנען פארענדיקן דאס קאפיטל.

סוזיס פאטער דער פראפעסאר גראנאך, איז נארוואס געהאט גע־

קומען פון שפּיטאָל, וואו ער האָט מיט אַ טאָג פריער דורכגעפירט איינע פון זיינע שווערסטע אָפּעראַציעס. און ער איז איצט געווען באַזוכן זיין פּאַציענט. ער וואָלט זיך זיכער אַוועקגעזעצט אין גאָרטן אַביסל אָפּרוען, און פילן אויף זיך די גלעטנדיקע שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון. ער האָט זייער ליב געהאַט צו קוקן אויף די לעצטע זונענשטראַלן, ווען זיי געזעגענען זיך אָפּ מיטן פאַרגייענדיקן טאָג.

אויך איצט וואָלט עס דער פּראָפעסאָר געטון, ווען ער וואָלט נישט געדאַרפט האָבן אַ קורצן געשפּרעך מיט זיין טאָכטער.

אויסטוענדיק דעם לענגלעכן ראָק, האָט אים דאָס דינסטמיידל מימי גלייך אונטערגעטראָגן זיין געבלימלטן שלאָפראָק מיטן לאַנגן גאַרטל צום פאַרבינדן, און ווען זי האָט אים אונטערגעטראָגן די שטעקשיך און גע־וואָלט צוריק אַריין אין קיך, האָט דער פּראָפעסאָר זי צוריקגערופן און געהייסן מעלדן סוזין, אַז ער וויל מיט איר עפּעס רעדן.

מימי, וועלכע איז שוין געווען אין רעקטאָרס הויז אַ לענגערע צייט, האָט זיך באַוויזן צוצופּאַסן צו דער קליינער פאַמיליע. איר אויפפירונג האָט אַרויסגערופן רעספּעקט צו איר פון יעדן איינעם, און דאָס מיידל האָט זיך פאַרשטאַנען דערויף.

מימי איז באַלד צוריקגעקומען און געמאָלדן, אַז סוזי קומט באַלד אַריין און זי איז גלייך אַוועק צו איר אַרבעט. ס'האָט איר נישט אינ־טערעסירט צו וויסן, צוליב וואָס דער פאָטער האָט פּלוצלינג גערופן זיין טאָכטער; וואָס פאַרא געשפּרעכן ער דאַרף עס אַזוי נייטיק פירן מיט סוזין. זי איז נישט געווען פון יענע דינסטמיידלעך, וואָס האָבן זיך ליב צוצוהערן הינטער דער טיר; זי איז אין איר אויפפירונג, ווי אין איר לעבן געווען זייער דיסקרעט, און ווען סוזי איז אַריינגעקומען אין פאָ־טערס צימער, האָט זי זיך נישט געדאַרפט אויסהיטן מיט איר רעדן, ווייל זי איז געווען זיכער אַז קיינער, אויסער זיי ביידע, וועט נישט וויסן פון זייער איצטיקן געשפּרעך.

סוזי איז גלייך צו צום פאָטער, אָפּגעפּרעסט אים אַ האַרציקן קוש אויף זיין פּנים. זי האָט אַביסל פאַרשנאָבלט איר מויל, פאַרזשמורעט די אויגן און מיט קינדערישער פאַרפּיעשטשעטקייט האָט זי געזאָגט:

— פּאַפּאַ, האָסט מיר גערופן?

— יאָ, קינד מיינס, —האָט דער פאָטער געזאָגט, אַוועקלייגנדיק

זיין צייטונג פון האַנט. — זעץ זיך אַוועק לעבן מיר און מיר וועלן איצט רעדן ווי צוויי מענטשן — צוויי גוטע פריינד.

סוזין האָט אפילו נישט איבעריק געשמעקט דאָס געשפּרעך, וואָס איר פאָטער וויל מיט איר האָבן. זי האָט שוין פון פאָרויס פאַרשטאַנען, אַז מסתמא וויל ער פאַרזעצן דעם נעכטיקן געשפּרעך. נאָר זייענדיק געטריי און אויפריכטיק צום פאָטער, און נישט זייענדיק געוואוינט נישט צו האָרכן אים, האָט זי זיך רואיק אַוועקגעזעצט לעבן אים און מיט אומגעדולד געוואַרט אַז דאָס געשפּרעך זאָל זיך אָנהייבן.

סוזי האָט שוין אין־זיך גענומען גרייטן איר קעגנאַטאַקע. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב אַ געשפּרעך פון איר פאָטער מיט איר, איז עס געווים וועגן איר ווייטערדיקן שטודיום. און דאָס האָט איר נישט איבעריק געשמעקט. דער פאָטער האָט זי אָבער נישט לאַנג געלאָזט טראַכטן. ווי נאָר סוזי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בענקל נאָענט פון פאָטער, האָט דער אַלטער גענומען די טאָכטערס הענט אין זיינע הענט אריין, פאָטערלעך זיי געגלעט רואיק און געלאַסן, קוקנדיק גלייך אין אירע בלויע הימל־אויגן, האָט ער אָנגעהויבן דאָס געשפּרעך:

— מיין נישט, קינד מיינס, אַז איך וויל דיך צווינגען צום ווייטערדיקן שטודירן. נאָר הער מיך רואיק אויס, קינד מיינס, — האָט דער פאָטער פאָרגעזעצט דאָס געשפּרעך. — איך וויל נאָך מאַכן איין פּרואוו. וועסטו נישט וועלן, וועל איך דיר נישט צווינגען דערצו. איך האָב אָבער דעם פעסטן גלויבן, אַז דאָס מאָל וועסטו איינשטימען מיט מיר.

סוזי, וועלכע האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט נאָך די ערשטע ווערטער פון איר פאָטער, האָט זיך נאָך די ווייטערדיקע ווערטער אביסל פאַרקרימט. איר העל־לויטער פּנים איז ווי פאַרוואָלקנט געוואָרן, אָבער דאָס ווייבערישע נייגעריקייט צו וועלן וויסן אַזעלכעס וואָס מ'ווייסט נאָך נישט, האָט אויך סוזין באַהערשט און מיט אומגעדולד האָט זי ביים פאָטער אַ פרעג געטון:

— וואָס פאַר אַ פּרואוו?

— הער, קינדס מיינס, — האָט דער פאָטער שטיל געזאָגט. — עס דאַרף באַלד קומען אַ יונגער סטודענט, איינער פון די בעסטע אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט. איך וויל, אַז ער זאָל דיר אונטערהעלפן אין די לעקציעס, און...

— שוין ווידער לעקציעס! —האָט זיך ביי סוזין ווי אַרויסגעריסן פון איר האַלדז.

דער אַלטער האָט וויניק אַכט געלייגט אויפן רעפּליק פון זיין מאַכ־טער, גלייך ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט אירע ווערטער, און ער האָט ווייטער געזאָגט:

— זע, סוזי, נעם אים פריינטלעך אויף. ער האָט אַ גרויסע צו־קונפט, דער איזידאָר, —האָט דער רעקטאָר ווי צו זיך גערעדט.— באַ־האַוונט אין דער כירורגיע ווי אַן אַלטער מעדיקער, און ערשט אין מאַ־טעמאַטיק, טעכנישע וויסנשאַפטן, אַסטראָנאָמיע. וואו האָט ער דאָס אַלץ געלערנט? ס'איז מאָקע צו באַוואונדערן די איינזאַמע און עלנטע, פאַר־יאָגטע, פאַרפּייניקטע, אָן געלט, אָן אויפזיכט פון עלטערן, און דאָך אַזעלכע גלענצנדיקע פעאיקייטן! און דאָך!...

— וואָס „און דאָך״? —האָט די טאָכטער איבערגעריסן די באַ־גייסטערנדיקע אָפּרופן וועגן עפּעס אַ יונגן סטודענט.

— האַ, —האָט דער פאָטער ווי פון חלום דערוואַכט, גלייך ווי קיי־נער וואָלט דאָ נישט געווען און אַ פרעמדע שטימע האָט אים איבערגע־ריסן זיין טראַכטן.— אַהאַ, דעם יונגן סטודענט איזידאָר שטיינאַך מיין איך. ער דאַרף באַלד דאָ זיין. ווער באַקאַנט מיט זיין אופן פון לערנען, מיט זיין צוגאַנג צו די שווערסטע פּראָבלעמען פון וויסנשאַפט און ביל־דונג.

— אָבער פאָטער, —האָט זיך סוזי נאָך געפּרואווט אַנטקעגנשטעלן, כאָטש זי האָט שוין געזען, אַז איצט וועט איר שוין גאָרנישט העלפן, אַז איר פאָטער וויל זי ווידער איינשפּאַנען אין דעם וואָגן פון... שטודיום...

סוזי האָט אָבער נישט באַוויזן צו וועלן איבערצייגן איר פאָטער, אַז די לעקציעס פון דעם יונגן סטודענט פאַר איר וועלן זיין ווי אַרויסגע־וואָרפן, ווי עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין דער טיר, און מימי איז געגאַנגען זי עפענען.

מער האָט שוין סוזי נישט גערעדט. זי האָט איינגעזען, אַז דער אורטייל ווייטער צו שטודירן איז שוין געחתמעט געוואָרן און עס וועט שוין נישט העלפן איצט דאָס קעגנשטעלן זיך צוויי פּערזאָן: איר פאָ־טער — דעם רעקטאָר און פּראָפעסאָר פון דער מינכענער אוניווערזיטעט,

און דעם יונגן סטודענט —— דעם איזידאָר, זיין פּעאיקן שילער. זי האָט גלייך באַשלאָסן צו לאָזן עס גיין ווי עס זאָל נישט זיין.

אויך דער רעקטאָר האָט איצט מער נישט גערעדט. עס האָט גע־הערשט אין צימער אַ מוראדיק שטילשווייגן. און ווער ווייסט ווי לאַנג עס וואָלט אַזוי געדויערט דאָס שטילשווייגן, ווען מימי וואָלט נישט אַריינגעקומען און געמאָלדן, אַז „עפּעס אַ יונגערמאַן" פרעגט זיך אויף דעם אדרעס. ער זאָגט, אַז מען האָט אים דאָ אַהער געשיקט, אַלס לע־רער צו אַ שילער.

דער רעקטאָר האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבן זיינע אויגן, ברייט פאַר־נאַנדערגעשפּרייט זיינע באַקנבערד, און רואיק געזאָגט:

— היים אים אַריינקומען דאָ אַהער.

מימי האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך. סוזי איז אויפגערעגט אויפגעשטאַנען פון איר בענקל, צוגעגאַנגען צו דער סאָפע, וואו זי האָט זיך אַפּאַטיש אַוועקגעזעצט, וואַרפנדיק אירע כמעט פאַרוויינטע אויגן אין חלל פון צימער.

אויך דער רעקטאָר האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פאָטעל, שטאַרקער זיך איינגעבונדן דעם געבלימלטן שלאָפראָק מיטן לאַנגן גאַרטל, אַ וויש געטון מיט די פינגער דעם האַלב־גלאַנצנדיקן גרויסן שטערן, און ווענדנדיק זיינע אויגן צו דער טאָכטער, האָט ער שטיל געזאָגט:

— סוזי, ער קומט באַלד אַריין. רעספּעקטיר אים ווי אַ גרויסן לע־רער, דו הערסט?

סוזי האָט מיט רעספּעקט געענטפערט איר פאָטער, אַז זיינע ווער־טער זענען ביי איר אַ באַפעל. זי האָט קוים באַוויזן צו ענדיקן אירע ווערטער, ווי די טיר האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט און אויף דער שוועל איז געבליבן שטיין דער סטודענט איזידאָר שטיינאַך.

די טונקלקייט אין צימער, נאָכן אַריינקומען פון דער ליכטיקער גאַס, האָט אים פאַרשטעלט די אויגן ווי אין אַ נעפּל. אויפן מאָמענט האָט ער קיינעם נישט באַמערקט, נאָר ווען זיינע אויגן האָבן זיך שוין גענומען צוגעוואוינען צו דער טונקלקייט, איז ער געבליבן שטיין ווי צעמישט, און נאָר איין וואָרט האָט ער באַוויזן אַרויסצורעדן:

— הער... רעקטאָר...

— יאָ, דאָס בין איך הער איזידאָר —האָט דער רעקטאָר געזאָגט.
— ביטע שיין, קומען זי נענטער.
— אָבער, הער רעקטאָר —האָט איזידאָר מיט ציטערינש געזאָגט,— איך גלויב, אַז איר האָט מיר געגעבן אַ נישט־ריכטיקן אדרעס, אָדער איך האָב נישט געטראָפן דאָס ריכטיקע פּלאַץ.
— ניין, הער איזידאָר, —האָט דער רעקטאָר רואיק געזאָגט,— עס איז נישט קיין טעות און עס איז נישט קיין שלעכטער אדרעס. אָט דאָ וואוין איך טאַקע.
— אָבער, הער רעקטאָר, —האָט מיט פאַרוואונדערונג ווידער גע־זאָגט דער צעשראָקענער סטודענט,— איך בין געגאַנגען געבן אַ לעקציע צו אַ שילער, וואָס איר האָט מיר פאַרשאַפט, און איך האָב גאָר געטראָפן צו מיין פּראָפעסאָר, צו מיין רעקטאָר.
— אָט טאַקע דאָ, געפינט זיך אייער שילער —האָט דער רעקטאָר נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס איזידאָר ווייס עס נאָך נישט, און זעענדיק אַז דער צעשראָקענער איזידאָר איז נאָך אַלץ נישט געקומען צו זיך, האָט ער צוגערופן סוזין און זי פאַרגעשטעלט פאַר איזידאָרן:
— אָט דאָס איז מיין איינציקע טאָכטער סוזי —האָט דער רעקטאָר פאַרגעשטעלט זיין טאָכטער פאַר זיין שילער.
— זייער אָנגענעם, —האָט איזידאָר איר דערלאַנגט זיין האַנט, און אָננעמענדיק איר ווייס־פּוכיקע הענטל, האָט ער עס גאַלאַנט צוגעטראָגן צום מויל און אַריסטאָקראַטיש אַ קוש געטון, און נאָכן צערעמאָניאַלן באַ־קענען זיך האָט איזידאָר ווידער געזאָגט צום רעקטאָר:
—עס איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד צו קענען די טאָכטער פון מיין חשובן לערער. עס איז טאַקע אמת דאָס שפּריכוואָרט: „שיינע ביימער גיבן שיינע פּרוכטן"...
סוזי האָט דערווייל באַוויזן מיט מער אויפמערקזאַמקייט צו באַ־טראַכטן דעם אָרעמען, אָבער ריינעם און עלעגאַנטן בחור, און וועלנדיק אָנקניפּן אַ געשפּרעך מיט אים, האָט זי אויסגענוצט דעם שיינעם קאָמפּ־לימענט וואָס ער האָט איר געמאַכט און זי האָט מיט אַ לייכט שמייכעלע אויף אירע ראָזע באַקן שטיל און באַשיידן געענטפערט:
— איך דאַנק אייך מיין הער. אייער קאָמפּלימענט איז טאַקע ריכ־טיק ,אָבער נאָר אויף אַ העלפט. ע ס קאָן זיין אַז אייער ערשטער בליק

האָט אייך דיקטירט דעם קאָמפּלימענט, אָבער ווי זאָגט דער גרויסער שעקספּיר? — „נישט אַלעס איז גאָלד וואָס עס גלאַנצט"...

איזידאָר איז געבליבן שטיין ווי צוגעשמידט צום אָרט. ער האָט נישט דערוואַרט אַז אַזאַ יונג און שיין מיידל, וועלכע קאָן מיט איר ליליטדיקן רייץ באַהערשן טויזנטער מענער־הערצער, זאָל אים גאָר האָבן געפאַנגען מיט אַ פּראַזע פון שעקספּירן. ער האָט זיך אָבער דאָך באַהערשט און אַנטוענדיק זיך מיט מער מוט האָט ער, כדי נישט צו האָבן קיין דורכפאַל ביים „שיינעם מין", אַנשטאָט צום מיידל, געוועדט צו איר פאָטער:

— הער רעקטאָר, —האָט ער אָנגעהויבן,— איך בין געקומען זוכן אַ שילער און פאַרבלאָנדזשענדיק האָב איך אָנגעטראָפן אייער טאָכטער, פאַר וועלכער איך האָב נישט קיין אַנדערן פאַרגלייך, ווי מיט דער שענסטער און איידלסטער בלום וואָס וואַקסט אויף גאָטס וועלטל. אַ שאָד, הער פּראָפעסאָר, וואָס איך מוז זיך צוריקציען פון מיין פּאָעטישער שטימונג, וואָס אייער טאָכטער האָט אויף מיר אָנגעווייעט און איך מיז זיך אָננעמען מיט ריינער פּראָזאַאישקייט, וועגן מיין שילער וועלכן איך וועל דאַרפן לערנען.

— אייער שילער? —האָט דער פּראָפעסאָר מיט פאַרוואונדערונג געפרעגט.— האָב איך אייך דען נישט געזאָגט אַז מיין טאָכטער וועט זיין אייער שילער?

— גאָט מיינער! —האָט איזידאָר קוים אַרויסגעשעפּטשעט.— דעם רעקטאָרס טאָכטער מיין שילער? איז עס אַ חלום? איך פאַרשטיי הער רעקטאָר, אַז צווישן די הונדערטער שילער אין אוניווערזיטעט איז שווער אויסצוטיילן דעם איינצלנעם, בעסערן שילער. און ווען איר וועט מיך האָבן נאָענט, אין דער אייגענער שטוב, צוזאַמען מיט אייער שטודירנדיקער טאָכטער, וועט אייך זיין לייכטער מיך צו אָבסערווירן און צו דערגיין מיין קענטעניש אויפן געביט פון דער מעדיצין...

— ניין! ניין! —האָט דער רעקטאָר איבערגעריסן זיין שילער אין מיטן ריידן.— דורך דער צייט וואָס דו ביסט אין דעם מעדיצינישן פאַקולטעט, האָב איך שוין באַוויזן דיך גוט צו דערקענען. פאַר מיין טאָכטער, וועלכע גייט שווער אין די לימודים, וועט זיין אַ כבוד צו האָבן אַזאַ לערער ווי דו ביסט. האַ? וואָס זאָגסטו, סוזי?

סוזי, וועלכע איז די גאַנצע צייט געווען ווי פאַרגאַפּט פון דער איי־דלקייט און שיינקייט פון דעם יונגן בחור, וועלכע האָט די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון איוודאָרן, האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף, און קוים דערכאַפּנדיק דעם פאָדעם פון דעם פאָטערס פראַגע, האָט זי דעצידירנדיק געענטפערט:

— פאָטער, איך בין זייער צופרידן מיטן נייעם לערער וואָס דו האָסט געשאַפן פאַר מיר. דו ווייסט דאָך שוין, גוטער פאָפּאַ מיינער, אַז דיין וואָרט איז ביי מיר אַ געזעץ, און איך מוז דיר זאָגן פאָפּאַ, אַז איך האָב איצט פעסט באַשלאָסן...

— וואָס? — האָט דער אַלטער אין טיפער שרעק געפרעגט. ער האָט געטראַכט, אַז זיין טאָכטער האָט ווידער באַשלאָסן נישט פאָרצוזעצן אירע לימודים. ער האָט שוין מורא געהאַט פאַר זיין גאַנצער מי. ער האָט שנעל געזוכט אַ מיטל, אַז דער גוטער שילער זיינער זאָל נישט דאַרפן אַוועקגיין אַ פאַרשעמטער. ער האָט זיך אָבער געמאַכט קוראַזש, און מיט איינגעהאַלטענעם כעס האָט ער, אָנשטעלנדיק זיין היפּנאָטישן בליק אויף זיין טאָכטער, געשטעלט די דעצידירנדיקע פראַגע:

— וואָס איז דיין פעסטער באַשלוס?

— איך וועל פאָרזעצן מיין שטודיום — האָט די טאָכטער רואיק געענטפערט.

קאַפּיטל 7

צווישן צוויי פייערן...

איזידאָר איז ווידער פאַרטרויערט. איצט אָבער זיצט ער נישט מער אין זיין בוידעם־שטיבל, ווי מיט אַ יאָר צוריק; איצט געפינט ער זיך אין אַ פיין מעבלירטן צימער אין איינעם פון די פאַמיליארע האָטעלן אין מינכען. זיינע לעקציעס ביים פּראָפעסאָר אין הויז האָבן אינגאַנצן געמאַכט אַן ענדערונג אין זיין לעבן. נישט בלויז וואָס ער האָט זיך אויסגעבעסערט זיין עקאָנאָמישע לאַגע, גייענדיק שיין געקליידעט און וואוינענדיק אין אַן עלעגאַנטן צימער. ניין! נישט בלויז דאָס. אויך זיין גייסטיק לעבן, זיין פּערזענלעך לעבן האָט אָנגענומען אַנדערע פאָרמען. איזידאָר זאָרגט איצט נישט מער פאַר זיין שטודיום אין אוניווערזיטעט. ער האָט זייער שנעל פּראָגרעסירט אויפן מעדיצינישן און וויסנשאַפטלעכן געביט. און כאָטש ער האָט נאָך נישט פאַרענדיקט דעם לעצטן קלאַס אין פאַקולטעט, האָט ער שוין באַקומען אַ גוטן פּאָסטן אין איינעם פון די מינכענער שפּיטאָלן, וואו ער צייכנט זיך אויס מיט זיין באַהאַנדלען די קראַנקע און מיט זיינע אָפטע מוח־אָפּעראַציעס, אויף וועלכע ער האָט זיך ספּעציאַליזירט. איזידאָר שמט שוין צווישן אַלע פּראָפעסאָרן און מעדיקער אין מינכען אַלס דער בעסטער סטודענט און צוקונפטיקער שטערן אויפן דייטשישן מעדיצינישן הימל.

שוין ביי זיין אַריבערגיין אויפן לעצטן קורס, איז ער אָנערקענט געוואָרן אַלס „בעסטער דייטשישער סטודענט“, וועמען עס איז צוגעטיילט געוואָרן אַ סטיפּענדיע מיטן גרעסטן כבוד. איזידאָר איז שנעל באַרימט געוואָרן דורך זיינע מעדיצינישע און וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען און כירורגישע דערגרייכונגען. נישט איינמאָל, צוזעענדיק דעם כבוד וואָס מען האָט אים צוגעטיילט צווישן די גרעסטע דייטשישע וויסנשאַפטלייט און פּראָפעסאָרן, האָט ער זיך געטראַכט:

— בין איך טאַקע דער ישיבה־בחור פון וואַרשע? האָב איך עס טאַקע, דורך אַזאַ קורצער צייט, דערגרייכט צו אַזאַ באַהאַוונטקייט אין דער מעדיצין, אין מיין לערע און אין דער וויסנשאַפט? און וואָס וואָלט געוואָרן פון מיר, ווען איך פאַרבלייב ביי מיין פרומען טאַטן אין פּוילן? און ווען מיין פרומער טאַטע וואָלט אַפילו איינגעאַנגען דערויף, אַז איך זאָל ווערן אַ גוי, אַן אַפּיקורוס... ווען ער לאָזט מיך שטודירן אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט, צי וואָלט איך צווישן די פּוילישע אַנטיסע־מיטישע סטודענטן געקאָנט דערגרייכן אַזאַ שטופע? וואָלט מען דאָרטן איבערהויפּט צוגעלאָזט אַ ייד צו קאָנען דערגרייכן אַ גרויסן נאָמען אין דער פּוילישער מעדיצינישער וועלט? וואָלט מען איבערהויפּט געוואָלט דערלאָזן, אַז יידישע לייסטונגען זאָלן אַנערקענט ווערן, אַז יידישע אַנט־דעקונגען אויף אַלערליי וויסנשאַפטלעכע און מעדיצינישע געביטן זאָלן דורך דער הויכער אַקאַדעמישער און אוניווערזיטאַריער מאַכט באַשטע־טיקט ווערן? ניין! ניין! האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין טיפן האַרצן. וואָס וואָלט פון מיר דאָרטן געוואָרן? איך וואָלט זיכער, אונטערן דרוק פון האַס און פאַלשקייט פון די קאָלעגן־סטודענטן און אַפילו פּראָפעסאָרן, געמוזט אויפגעבן מיין שטודיום, און אפשר גאָר צוריקגיין אין בית־המדרש אַריין, זיצן שטענדיק ביי דער גמרא און חתונה האָבן מיט נדן און קעסט פאַר אַ כשרער יידישער טאָכטער...

איזידאָר מראַכט זיך שטאַרק אַריין אין זיינע לעצטע ווערטער, וואָס זיינע געדאַנקען האָבן אים נאָר־וואָס דיקטירט: אַ כשרע יידישע טאָכטער... און דאָ, אין מינכען, האָט ער אינגאַנצן נישט קיין יידישע סביבה. ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן, אַז אַ ייד דאַרף דאַוונען יעדן טאָג. דאָס איז געווען פון די ערשטע מעשים, צו וועלכע ער האָט זיך שנעל צו־געוואוינט... ווען אַריינקוקן אין אַ יידישן ספר, האָט ער קיינמאָל נישט אָנגעהויבן צו קלערן. ער האָט כמעט איבערגעריסן מיט אַלץ וואָס איז יידיש־יידישלעך... זיין שטודיום און מעדיצינישע פאָרשונגען באַ־רויבן אים די גאַנצע פרייע צייט וואָס ער האָט. און ער האָט געהאַט איינציקע פרייע שעהן דורך דער וואָך, האָט ער אָנגענומען לעקציעס ביי זיין רעקטאָר, פאַר זיין וואונדער־שיינער טאָכטער סוזי. אָבער נישט בלויז די לעקציעס האָבן אים צוגעצויגן צום פּראָפעסאָרס הויז, נישט די וויסנשאַפטלעכע שמועסן וואָס ער האָט שטענדיק אַריין מיט זיין פּראָ־

פעסאָר ביי אים אין וואוינונג, האָבן אים אַזוי היימיש געמאַכט אין הויז פון פּראָפעסאָר; נישט בלויז די איבערגעגעבנקייט פון זיין פּראָפעסאָר, ציט אים אין זיין הויז אַריין ווי מיט צוואַנגען; עפּעס העכערס, עפּעס מער אינטימס פאַרוואַנדלט אים אין אַ שקלאַף צו זיין פּראָפעסאָרס הויז. עפּעס ווי זיין האַרץ וואָלט אים אַהין געטריבן, אים געהייסן פאַרבלייבן דאָרטן וואָס מער, און וואָס מער פאַרברענגען אין דער שטילער, רואיקער אָנגענעמער היים פון זיין חשובן פּראָפעסאָר.

איזידאָר האָט שוין פיל מאָל ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט זיין זייער „טרוקן" ביים געבן די לעקציעס צו זיין שילערין. ער האָט שוין געהאַט פעסט באַשלאָסן, אַז אַלע זיינע לעקציעס און מאַטעמאַטישע אויפ־קלערונגען, וועט ער געבן צו זיין שילערין אויף אַ ריין פּראָפעסאָרישן שטייגער. ליידער, קאָן ער זיך פאַרט נישט באַהערשן. קומט ער נאָר אין איר אָנוועזנהייט — דאַן פילט ער, אַז ער איז צו שוואַך קעגן איר... דערזעט ער נאָר זיין שילערין — פילט ער גלייך, אַז זיין האַרץ נעמט די אויבערהאַנט איבער אים און עס הייבן אים אָן צו דיקטירן אַנדערע גע־פילן, ווי פון אַ לערער צו זיין שילער... אַנדערע אָנווענדונגען בעת דער לעקציע, ווי עס דאַרפן אָנגעווענדעט ווערן... אַנדערע מעטאָדן... אַנדערע האַלטונגען... מאָמענטאַל דערמאָנט ער זיך אין אייניקע סטראָפן פון פּאָעזיע, וואָס ער האָט וואו געזען און וואָס קאָן נישט פאַר־שווינדן ווערן פון זיין זכרון:

„מעג דאָס האַרץ זיין פון אייזן
„איז עס שוואַך, איז עס קראַנק,
„קאָן עס פאָרט, דאָך נישט באַווייזן
„צו באַקעמפן זיין געדאַנק...
„זיין געדאַנק — ריין און איידל
„איז זיין נייער לעבנסצוועק.
ס'איז זיין ליבע צו אַ מיידל...
„וואָס האָט געשטעלט זיך אים אין וועג...

איזידאָר פאַרטראַכט זיך נאָכאַמאָל איבער די פּאָעטישע שורהלעך. עס שטעלט זיך אים פאָר, אַז דער שרייבער פון דער פּאָעזיע האָט זיכער א י ם געמיינט און א י ם געווידמעט זיין שאַפונג. איזידאָר פילט

אַז אויך זיין אייזן־האַרץ איז צו שוואַך צו קאָנען באַקעמפן זיין ליבע צו זיין יונגער און שיינער שילערין.

וויפל מאָל ער זאָל נישט פּרואוון אַרויסווייזן זיין קאַלטקייט צו איר, וויפל מאָל ער זאָל נישט אַרויפציען אויף זיך אַ מאַסקע פון אַפּאַטישקייט און אומפּאַראינטערעסירטקייט, איז גענוג איין בליק פון אירע הימלבלויע אויגן, איין קלאַנג פון איר זילבער־מעטאַל שטימעלע: מיין ליבער פּראָפעסאָר... און איזידאָר פאַרגעסט אינגאַנצן זיין באַשלוס און ער הייבט ווידער אָן שמייכלען צו איר און פאַרענדיקט מיט זיסע אומאַרמונגען און הייסע קושן...

איזידאָר זיצט פאַרטראַכט. אין קאָפּ קלינגען אים די ווערטער פון זיין פאָטער: זיי אַ ייד! אין האַרצן שלאָגן זיך אָפּ זיינע ווערטער: איך האָב זי ליב... זי — נישט קיין יידישע טאָכטער... אין זיינע אויערן הערן זיך אירע זיסע געלעכטערן און מעלאָדישע ליבע־ווערטער... זייער שווער זיך צוריקצוציען פון אַזאַ מלאך... שווער אָפּצושטעלן דאָס קלאַפּן פון האַרץ... עס מישן זיך אין קאָפּ די ווערטער פון טאַטן, נישט צו פאַרגעסן דאָס יידישקייט, נישט פאַרגעסן זיין שטאַם, נישט פאַרגעסן דעם בורא־עולם... און די ווערטער פון זיין שילערין: מיין ליבער פּראָפעסאָר... אָט דאַכט זיך אים, אַז ער הערט זיין אַלטן פאָטער אויסשרייען מיט כעס און רוגזה: גענוג די ווערזיטעטן! אין בית־המדרש אַריין, סטודענט מיינער!... און גלייכצייטיק הערט ער דעם זיסן אָפּקלאַנג פון סוזים שטימע: שטאַרקער דריק מיך צו דיין האַרצן... קוש מיך מיטן גאַנצן פייער פון דיין האַרץ... באַהערש מיך אינגאַנצן, מיין ליבער פּראָפעסאָר... ביידנס שטימעס מישן זיך אים אין מוח. ער האָט מורא, אַז דער מוח זאָל אים נישט פּלאַצן פון צופיל אָנגעשטרענגטקייט. ער פילט, אַז ער איז איצט צווישן צוויי פייערן, ביידע ברענען אין זיין האַרץ, ביידע זוכן דאָרטן אַ תיקון. וועלכעס פייער זאָל ער פאַרלעשן? וועלכעס פייער זאָל ער באַהערשן? אפשר זאָל ער ביידע פייערן פאַרלעשן? אָבער ע ר איז צו שוואַך צו אַזאַ אומגעהויערן קאַמף. ער וויל זיך באַרואיקן. ער וויל צוזאַמענעמען אַלע זיינע כוחות, באַהערשן זיך. ער איז אָבער אוממעכטיק עס צו טון. פון איין זייט — דעם טאַטנס ווערטער, פון דער אַנדערער זייט — סוזים הייסע אומאַרמונגען און קושן. צו וועלכער זייט זאָל ער זיך קערן? זאָל ער הערן

זיין פאָטער, דעם וואָס האָט אים לעבן געגעבן, וואָס האָט אים אויף דער וועלט געברענגט, וואָס האָט געזאָרגט פאַר אים אַזוי פיל יאָרן? זאָל ער אים פאָלגן, מוז ער צוריק אַוועק פון דאַנען; צוריק קיין וואַרשע, צוריק אין בית־המדרש אַריין; צוריק אין דער לאַנגער קאַפּאָטע; צוריק אין דעם ווירוואַר פון די אַנטיסעמיטישע פּאַליאַקן און פּאָגראָמשטשיקעס — רוסן. אַן עקל כאַפּט אים אַרום פאַר זיי. זאָל ער דאָ פאַרבלייבן? וועלן אים סוזים קושן אינגאַנצן פאַרברענגען... וועט ער מוזן אַריינפאַלן אין אירע אָרעמס אויף אייביק, אויף אייביק... זי — נישט קיין יידישע טאָכטער; זי — פון אַ פרעמדן שטאַם! זי און ער — צוויי פייערן — ייד און קריסט... זי און ער — צוויי וועגן. וועלכן וועג זאָל ער אויסקלייבן? וועלכער איז זיין וועג?!...

איזידאָר האָט נאָך לאַנג געטראַכט און זיך נישט געקאָנט דערטראַכטן צו עפּעס אַן אויסוועג פון זיין גייסטיקער פאַרקלעמטקייט. ענדלעך האָט ער זיך געכאַפּט: איין אויסוועג איז נאָך דאָ. ער וועט רעדן היינט מיט זיין פּראָפעסאָר. ער וועט אים זאָגן אַז ער האָט ליב זיין טאָכטער. נאָר, אַזוי ווי דעם פּראָפעסאָר וועט דאָך זיכער נישט אָנשטיין אַז זיין שיינע בת־יחידה זאָל חתונה האָבן פאַר אַן אָרעמען „פּאָלנישן סטודענט“, און נאָך דערצו אַן „אַסט־יודע“ — וועט ער אַזוי אַרום זיין געצוואונגען זיך צוריקצוציען פון זיין ליבע. ער וועט אַפילו נישט פּרואוון צו פירן אַ קאַמף פאַר איר. דער איינציקער מלאך־הגואל וואָס קאָן אים אויסלייזן פון זיין איצטיקער לאַגע, איז נאָר זיין פּראָפעסאָר. ער האָט אַפילו אַן איראָנישן שמייכל געטון ביי דעם געדאַנק, ביי זיין אומבאַהאָלפנקייט: דער זעלבער פּראָפעסאָר וואָס האָט אים געהאָלפן שטייגן אויפן לייטער פון זיין עקזיסטענץ, פון זיין אָנערקענונג, פון זיין טאַלאַנט, ער דאַרף עס זיין דער יעניקער וואָס זאָל אים צוריקשטויסן און אַוועקשטופּן פון זיך...

מער איז איזידאָר נישט בכוח געווען צו טראַכטן. האָט ער נאָר אָנגענומען דעם באַשלוס, לויט וועלכן ער איז זיכער געווען צו קאָנען זיך באַפרייען פון דעם קלעם, האָט זיך זיין זאָרג אַביסל פאַרלייכטערט. ער האָט באַשלאָסן צו גיין, שוין איצט, צו זיין פּראָפעסאָר און פאַרענדיקן מיט אַלעם. און כאָטש היינט איז נישט געווען דער טאָג פון זיין לעקציע

ציע מיטן פּראָפעסאָרס טאָכטער, און כאָטש אין דרויסן איז געווען אַ שרעקלעכער גאָס־רעגן און אַ ווינט, האָט איזידאָר נישט געוואָלט אָפּ־לייגן די געלעגנהייט. ער האָט גענומען אויף זיך דעם מאַנטל און מיט פעסטע טריט פאַרלאָזט זיין צימער און זיך געלאָזט גיין צו זיין פּראָ־פעסאָר.

קאפיטל 8

דאָס אומדערוואַרטע גליק

דער פּראָפעסאָר גראַנאַך איז שוין לאַנגע יאָרן דער אָנגעזעענסטער רעקטאָר פון מינכענער אוניווערזיטעט. זייענדיק קוים איבער דרייסיק יאָר אַלט, איז ער שוין געווען דער באַרימטעסטער פּראָפעסאָר פון לאַנד, און האָט פאַרנומען דעם פּראָפעסאָרן־אַמט אין דער קאַטעדרע פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן, וואו ער האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס גלענצנדיקער אָרגאַניזאַטאָר און נאָך גלענצנדיקערער פּראָפעסאָר און כירורג. פון די ווייטסטע געגנטן פון לאַנד זענען געקומען שילער און סטודענטן קיין מינכען, און האָבן אָנגעווענדעט אַלע פּראָטעקציעס צו קאָנען אָנגענומען ווערן אין דער דאָרטיקער אוניווערזיטעט, אויף די לעקציעס פון דעם גרויסן פּראָפעסאָר גראַנאַך.

פּראָפעסאָר גראַנאַך איז געווען דער זון פון אַ גוט־באַקאַנטער יידיש אַסימילאַטאָרישער פאַמיליע אין דייטשלאַנד. פאַרן אָנעמען דעם רעקטאָראַט אין מינכענער אוניווערזיטעט, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַ גרויסן דייטשישן גענעראַל. זיין יידישער אָפּשטאַם האָט גאָרנישט געשטערט צום שידוך, פאַרקערט: זיין יידיש־גאָונישער קאָפּ האָט באַרימט געמאַכט דעם נאָמען פון יונגן יידישן פּראָפעסאָר גראַנאַך איבערן גאַנצן לאַנד. נישט איין דייטשישע פאַמיליע, אפילו אַריסטאָקראַטן פון די „הויכע פענצטער" האָבן זיך געיאָגט נאָך דעם יונגן און גרויסן געלערנטן, דער צוקונפטיקער שטאָלץ פון דער דייטשישער וויסנשאַפט און מעדיצין — פּראָפעסאָר גראַנאַך. זיי האָבן אים געוואָלט איינשליסן אין זייערע פאַמיליעס, איינקויפנדיק זיך אַזוי אַרום אין יחוס פון דער דייטשישער מעדיצינישער וויסנשאַפט.

דעם גענעראַל הינדערבראַנדס טאָכטער איז באַרימט געוואָרן אַלס זעלטענע שיינהייט. נישט איין מיליטערמאַן מיט הויכע אויסצייכענונ־

גען אויף זיינע ברוסטן האָט זיך געדרייט און געשדכנט צום גענעראַלס מאַכטער — די שיינע ערנאַ. די יונגע ערנאַ איז באַגייסטערט געוואָרן פון דעם גאַלאַנטן און איידעלן יונגן פּראָפעסאָר גראַנאַך, און ווען איר פאָטער האָט איר אַמאָל געזאָגט, אַז אויף דעם ניי־יאָר־באַל פון די סטו־דענטן אין אוניווערזיטעט, זענען זיי —דער גענעראַל מיט זיין פאַמיליע —- די ערן־איינגעלאַדענע, איז די יונגע ערנאַ געווען אין זיבעטן הימל פון פרייד, גלייך ווי זי וואָלט שוין פון פאָרויס געוואוסט, אַז דער אָוונט פון די סטודענטן וועט אָנצייכענען פאַר איר אַ נייעם וועג אין איר פּער־זענלעכן לעבן.

ערנאַ, וועלכע איז באַקאַנט געווען צווישן די סטודענטן נישט נאָר אַלס שיינהייט ,נאָר אויך אַלס גלענצנדיקע פּיאַנאָ־קינסטלערין, וועלכע האָט געמוזט ביי יעדן יום־טוב פון די סטודענטן ,אויפטרעטן מיט אירע מוזיקאַלישע נומערן, וועלכע האָבן שטענדיק געהאַט גרויס דערפאָלג ביי די צוהערער און ליבהאָבער פון קלאַסישער מוזיק, האָט זיך צו דעם איצ־טיקן סילוועסטער־אָוונט נאָך מער צוגעגרייט ווי שטענדיק. זי האָט גע־וואָלט דורך די מוזיקאַלישע אַקאָרדן אריינדרינגען אין דעם האַרץ פון דעם יונגן פּראָפעסאָר.

און ווירקלעך איז אַזוי געווען. ווי נאָר ערנאַ האָט אויף דעם ניי־יאָר־באַל אָנגעהויבן פליען מיט אירע באַצויבערנדיקע פינגער אויף די קלאַווישן פון דער פּיאַנאָ; ווי נאָר די אַקאָרדן האָבן אָפּגעקלונגען איבער דעם גרויסן זאַל און אין די זייטיקע קלענערע סאַלאָנדלעך, האָבן פון אַלע זייטן גענומען ציען די סטודענטן און זייערע נאָענטע צום גרויסן זאַל, וואָס נאָענטער צו דער פּיאַניסטין, וואָס נאָענטער צו קאָנען איינזאַפּן אין זיך די באַצויבערנדיקע טענער פון מאָצאַרטס סאָנאַטן און באַוואונדערן דעם קינסטלערישן טאַלאַנט פון דעם גענעראַלס טאָכטער — אַלעמענס ליבלינג.

נאָכן פאַרענדיקן איר מוזיקאַלישן קאָנצערט, האָט דער גענעראַל הינדענבראַנד פאָרגעשטעלט זיין טאָכטער פאַר פאַרשידענע סטודענטן און פּראָפעסאָרן, וועלכע האָבן געוואָלט האָבן דאָס גליק צו דריקן די קינסטלערישע הענט פון דער שיינער ערנאַ, און צווישן די פאָרגעשטעל־טע האָט זיך אויך געפונען דער גוט־באַקאַנטער נאָך גאָר יונגער פּראָפע־סאָר גראַנאַך, וועמען דער פאָטער האָט פאָרגעשטעלט פאַר זיין טאָכ־

טער אַלס דער גרעסטער און באַדייטנדיקסטער כוח פון דער דייטשישער וויסנשאַפט און מעדיצין.

די יונגע ערנאַ האָט שוין לאַנג געוואָרט צו באַקענען זיך מיטן פּראָפעסאָר גראַנאַך. זי האָט אָבער קיינמאָל נישט געהאַט קיין געלעגנהייט דערצו. איצט, אַ דאַנק איר מוזיק, און אפשר אויך איר עלעגאַנטער האַלטונג אין דער געזעלשאַפט, האָט זיך דער יונגער פּראָפעסאָר אַליין געמאָלדן; אַליין איר פאָרגעלייגט זיך נאָענטער צו באַקענען מיט אירע מוזיקאַלישע טעאָריעס און מיט אירע מוזיקאַלישע נייגונגען צו דער מאָדערנער און קלאַסישער מוזיק.

ערנאַ איז געווען גענוג רייף צו פאַרשטיין, אַז דער יונגער גראַנאַך איז נישט אַזוי ווייט אויסן צו שטודירן אירע „מוזיקאַלישע נייגונגען", ווי צו באַקענען זיך מיט איר און אָנהייבן וועבן אַ סטודענטישע אַוואַנטורע...

די גאַנצע טאַנץ-נאַכט איז דער ברונעטער, שוואַרץ-אויגיקער פּראָפעסאָר גראַנאַך נישט אָפּגעטרעטן פון דער שיינער ערנאַ, און נישט בלויז וואָס ערנאַ איז געווען צופרידן פון דעם גליקלעכן צוזאַמענטרעף מיט דעם עלעגאַנטן פּראָפעסאָר, נאָר אַפילו איר פאָטער, דער גרויסער דייטשישער גענעראַל הינדערבראַנד, האָט אים מקרב געווען, געטרונקען מיט אים שאַמפּאַניער און ווייַן, און אין דער גרויסער מיליטערישער געזעלשאַפט פון גענעראַלן און קריגס-פירער האָט זיך אויך געפונען זיין פרוי און זיין טאָכטער, צוזאַמען מיט איר נייעם באַקאַנטן, פּראָפעסאָר גראַנאַך.

יענער אָוונט האָט געלייגט דעם חותם אויף דעם פאַמיליערן לעבן פון פּראָפעסאָר גראַנאַך. ווייל שוין אויף צומאָרגנס, זייענדיק דער איינגעלאַדענער גאַסט פון דער פאַמיליע פון גענעראַל הינדענבראַנד, איז באַשטימט געוואָרן דער גורל פון דעם יונגן פּאָרל ערנאַ - גראַנאַך.

פּראָפעסאָר גראַנאַך איז געווען גליקלעך מיט זיין אויסוואַל. און ווירקלעך האָט ער געהאַט מיט וואָס צופרידן צו זיין. זיין געליבטע — אַ גרויסע שיינהייט און אַ גלענצנדיקע פּיאַנאָ-קינסטלערין, אינטערפּרעטאַטאָרין פון די גרעסטע וועלט-קלאַסיקער פון יענער עפּאָכע. זיין צוקונפטיקער שווער — דער גרעסטער גענעראַל פון דייטשלאַנד, דער גרעסטער סטראַטעג פון יענע צייטן — האָט זיך גערעכנט פאַרן גרעסטן

מיליטערישן בקי אין גאנץ אייראפע. אויסער מיליטערישן און קינסט־לערישן יחוס, האט דער גענעראל אויך פארמאגט גרויסע גיטער, אומ־באוועגלעכע פארמעגנס און גרויסע ירושהס פון דער פאמיליע.

פראפעסאר גראנאך האט זיך פארבונדן מיטן שענסטן יחוס פון דייטשלאנד. זיין יידישער אפשטאם איז דא נישט געווען קיין שטערונג. אונטער די אויגן האט מען שוין גערעדט, אז האבנדיק אזא שווער ווי עס איז דער גענעראל הינדענבראנד, וועט שוין זיין קאריערע אלס פראפע־סאר זיין א זיכערע, און דער רעקטאראט פון מינכענער אוניווערזיטעט וועט שוין אויף זיכער איבערגעגעבן ווערן צום איידעם פונעם גענעראל.

נאך דער חתונה פון פראפעסאר גראנאך מיטן גענעראלס טאכטער, און צוליב דעם גרויסן רום פון דעם פראפעסארס נאמען איבערן גאנצן לאנד —צוליב זיינע גרויסע אנטדעקונגען אויפן מעדיצינישן געביט— האבן אנגעהויבן אנקומען ביטעס פון פארשידענע אוניווערזיטעטן אין לאנד און פון אויסלאנד, איינלאדנדיק דעם פראפעסאר גראנאך צו פאר־נעמען די העכסטע אמטן אין זייערע אוניווערזיטעטן, צו ווערן דער רעק־טאר און פירער פון אלע מעדיצינישע פאקולטעטן. דער גענעראל הינ־דענבראנד האט אבער זיין יחוסדיקן איידעם נישט געוואלט אוועקלאזן פון זיך; דער איידעם איז אים פונקט אזוי ליב געווען ווי די טאכטער. ער האט געפילט, אז מיט דעם אריינגעמען דעם דאקטער גראנאך צו זיך אין שטוב אריין, האט ער צוגעקראגן נאך א קינד. און ווען ער זאל דארפן אוועקפארן איצט פון אים, וואלט ער פארלוירן צוויי קינדער, און דאס האט ער בשום אופן נישט געוואלט. דער גענעראל האט אנגעהויבן זיך פאראינטערעסירן צו געפינען א פאסטן פאר זיין איידעם, טאקע אט א־דא, אין זיין היימשטאט — אין מינכען.

און ווירקלעך: קוים דריי יאר נאך דער חתונה פון פראפעסאר גראנאך איז פריי געווארן דער אמט פון רעקטאר אין דער מינכענער או־ניווערזיטעט, און עס איז גלייך באשטימט געווארן, אז קיין בעסערער קאנדידאט אויף דעם אמט איז אין גאנץ דייטשלאנד נישט פאראן, ווי דער פון אלעמען באליבטער און גוט־באקאנטער פראפעסאר גראנאך.

מיט גרויס פאמפע זענען דורכגעגאנגען די פייערונג־טעג פון אי־בערגעבן דעם רעקטאראט פון מינכענער אוניווערזיטעט צום פראפעסאר גראנאך. אלע אנוועזנדיקע פראפעסארן פון אוניווערזיטעט פון מינכען

און פון אַנדערע אוניווערזיטעטן אין לאַנד האָבן זיך געקושט מיטן נייעם רעקטאָר, און האָבן אים געוואונטשן גליק, צום פאַרנעמען אזא הויכן ערן־אַמט, ווי עס איז דער רעקטאָראַט פון מינכענער אוניווערזיטעט.

פון גאַנצן לאַנד זענען אָנגעקומען באַגריסונגען אין אוניווערזיטעט אַריין, צו דעם גליק וואָס עס האָט דאָרט געטראָפן מיטן באַקומען אזא אויסערגעוויינלעכן וויסנשאַפטסמאַן און מעדיצינער ווי עס איז דער פּראָפעסאָר גראַנאַך ,אַלס רעקטאָר. אַפילו די קאַנצעלאַריע פון דעם קייזער ווילהעלם האָט צוגעשיקט אַ באַגריסונג, אין נאָמען פון זיין מאַיעסטעט, צו דער מינכענער אוניווערזיטעט און צו איר נייעם רעקטאָר.

אָבער „אַלע גליקן אינאיינעם — זענען נישטאָ ביי קיינעם"...

אויך ביים פּאָרפּאָלק גראַנאַך איז דאָס גליק נישט געווען גאַנץ. נישט קוקנדיק וואָס עס איז שוין אַריבער דריי יאָר נאָך זייער חתונה, האָט זיך נאָך די פאַמיליע נישט פאַרגרעסערט. די מעדיצין האָט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען צו באַגליקן דאָס פּאָרפּאָלק מיט אַ קינד, אָבער ליידער — אָן דערפאָלג. דאָך, נישט געקוקט דערויף, האָט זיך דאָס פּאָרפּאָלק געלעבט זייער צופרידן. זייער צוזאַמענלעבן איז געווען אַ מוסטער פון אַן אינטעליגענט פּאָרל, און ווער שמועסט נאָך, ווען עס וואָלט געבוירן געוואָרן אַ קינדעלע, וואָלט זייער גליק נישט געהאַט קיין ברעג.

יאָרן זענען געלאָפן, און דאָס פּאָרפּאָלק האָט שוין אינגאַנצן געהאַט אויפגעגעבן זייער האָפענונג צו קאָנען האָבן אַן אייגן קינד. און האָבן שוין פּראָיעקטירט צו אַדאָפּטירן פאַר זיך אַ קינד און עס דערציען ווי אַן אייגנס.

און אַט דעמאָלט, ווען זיי האָבן שוין געהאַט אינגאַנצן אויפגעגעבן זייער האָפענונג צו קאָנען זיין גליקלעך מיט אַן אייגן קינד, האָט די נאַטור אָפּגעטון אַלעמען אויף צו להכעיס, באַווייזנדיק, אַז ווי לאַנג דער מענטש לעבט, דאַרף ער נישט פאַרלירן זיינע האָפענונגען, און דאָס גליק צום מענטשן קומט אַ סך מאָל פּונקט דעמאָלט, ווען מען דערוואַרט עס אַמווייניקסטן. אויך ביים פּאָרפּאָלק גראַנאַך איז דאָס זעלבע געשען. ווען זיי האָבן שוין געקלערט וועגן דערציען אַ פרעמד קינד, איז ערנאַ גראַנאַך פאַרגאַנגען אין טראָגן און געבוירן אַ קליין בלאָנד מלאכל. די זון האָט אויפגעשיינט פאַר די נייע טאַטע־מאַמע ,דאָס אומדערוואַרטע גליק איז געקומען: ערנאַ גראַנאַך מיט איר מאַן זענען איצט די עלטערן פון אַ שיין, קליין קינדעלע...

קאפיטל 9

סוזי גראנאך

דער רעקטאר גראנאך איז געווען פון די גליקלעכסטע מענטשן אויף דער וועלט. זיין קליין בלאנד מלאכל, וועמען ער האט א נאמען געגעבן סוזי, האט פארזיסט זיין לעבן. יעדע פרייע מינוט וואס ער האט געהאט פון זיין ארבעט אין אוניווערזיטעט, זייענדיק פארנומען —חוץ אלס רעקטאר— אויך אלס פראפעסאר פון מעדיצינישע וויסנשאפטן, האט ער איצט אוועקגעגעבן זיין יונג באחנט מיידעלע. צוזאמען אבער מיטן גליק פון נייעם מיטגליד אין דער פאמיליע, האט אויך א פינצטערע כמארע אנגעהויבן באדעקן די גליקלעכע שטוב פון דער פאמיליע גראנאך. דער שווערער געבורט פון דער קליינער סוזי האט געווירקט אויפן שוואכן קערפער-געבוי פון דער שיינער ערנא. אין אנהייב האט מען עס אנגענומען פאר א לייכטער אפשוואכונג צוליב דעם געבורט, וואס וועט זיך מיט דער צייט זיכער פארבעסערן. מען האט איר אפגעגעבן אין א סאנאטאריע פאר רעקאנוואלעסצענטן, און מען האט געהאפט, אז אין א פאר וואכן ארום וועט ערנא זיך צוריקקערן אין איר היים אריין, וואו עס הערשט איצט פרייד און פארגעניגן. ווען איר צושטאנד אבער האט זיך אנגעהויבן צו פארערגערן, האט מען זי צוריקגעבראכט פון סאנאטאריע און מען האט געשטעלט אלע גרעסטע דאקטוירים און פראפעסארן צו דער דיספאזיציע פון דער קראנקער ערנא. און אין דער זעלבער צייט, ווען אין איין טייל פון רעקטארס הויז האט געהערשט ליכט און פרייד פון דער קליינער סוזי ,מיט אירע ליכטיקע בלויע אייגעלעך און פריילעך באוועגלעך קערפערל, האט אין דער אנדערער זייט פון הויז געהערשט טרויער און פינצטערניש, צוליב דער קראנקייט פון דעם רעקטארס געליבטער פרוי, ערנא.

גאנצע טעג איז ערנא געלעגן אפגעזונדערט אין איר צימער, ווערנ-

דיק באדינט פון א ספעציעלער קראנקנשוועסטער פון שפיטאל, ווערנדיק אויך טעגלעך באזוכט פון די גרעסטע פראפעסארן און דאקטוירים פון דער גאנצער אומגעגנט. איר טרויער און ווייטיק איז אביסל געלינדערט געווארן אין די אוונט־שעהן, ווען איר מאן, דער רעקטאר, איז געקומען פון זיין ארבעט אין אוניווערזיטעט און אין פארשידענע שפיטאלן אין מינכען. דעמאלט האט ער גענומען די קליינע סוזי אויף זיינע הענט און ער איז מיט איר אריין אין צימער פון דער קראנקער.

ערנא האט מיט פרייד צוגעקוקט ווי איר טייער און זיס מלאכל אנטוויקלט זיך פון טאג צו טאג. אבער גלייכצייטיק האט זי געפילט, ווי זי אליין גייט איין פון טאג צו טאג. זי האט געפילט, אז זי וועט שוין פון איר קראנקנבעט נישט אויפשטיין...

פראפעסאר גראנאך האט צוגעזען די ליידן פון זיין פרוי. ער, צו־זאמען מיט אנדערע פראפעסארן און קליניקער האבן געפרואווט דערגיין דעם תמצית פון ערנאס קראנקייט. אז די קרענק איז א געפערלעכע, האבן אלע געמוזט צוגעבן. אבער דערגיין דעם סוד און אויסגעפינען א מיטל צו דער קראנקייט, איז־קיינעם פון זיי נישט געלונגען.

ערנאס קראנקייט האט זיך וואס־אמאל מער פארשטארקט. נישט נוצנדיק קיין פאסיקע קעגנמיטלען צו קאנען אפהאלטן דעם שנעלן פרא־צעס פון דער קראנקייט, האט דער אינערלעכער קאנסער מארשירט מיט שנעלע טריט. קיינער האט נישט אזוי גוט געפילט די לאגע און די פאר־שטייענדיקע טראגעדיע, ווי ערנא אליין. זי האט געקוקט אויפן קינד און האט באדויערט וואס זי האט נישט דאס גליק פון מיליאנען מאמעס, צו קאנען אליין דערציען איר איינציקן טרייסט, איר סוזי. זי האט בא־טראכט איר אפגעצערטן קערפער, אירע אייגעפאלענע ברוסטן. זי האט באדויערט איר לאגע אלס מוטער, וועלכע האט אפילו נישט געהאט דאס גליק, אז איר אייגן קינד — נאך צען לאנגע אויסגעבענקטע און אויסגע־וויינטע יארן — זאל ביי איר ארויסזייגן די מאמע־מילך פון אירע ברוס־טן... אז זי זאל באטש אמאל פילן דעם אטעם פון איר אייגן קינד...

פראפעסאר גראנאך האט ארויסגעלייענט פון ערנאס אויגן אירע ליידן און ווייטיקן צוליבן קינד. די אנוועזנהייט פון קינד אין צימער פון דער קראנקער, האט נאך מער פארשטארקט אירע ליידן, פונעם זען דאס קינד פאר אירע אויגן און נישט קאנען עס נעמען נאענטער צו זיך, האט

זי גייסטיק נאָך מער געליטן ווי פיזיש. איר קינד — האָט ערנאַ גע־טראַכט — איר בלוט און פלייש, און מען לאָזט עס איר אויף די הענט נישט נעמען...

פּראָפעסאָר גראַנאַך האָט עס באַמערקט, און ער האָט שוין געוואָלט אַריינרופן די אַם, אַז זי זאָל צוריקנעמען דאָס פּיצעלע אין קינדער־צימער אַריין, און ער אַליין וועט זיך אַביסל דורכשמועסן מיט זיין ערנאַ, איר טרייסטן אַביסל אין איר ביטערער לאַגע. אָבער אין דעם מאָמענט ווען ער האָט געוואָלט אַ קלונג טון צו דער אַם, האָט די דינסט אָנגעקלאַפּט אין טיר און האָט מיט הכנעה געמאָלדן:

— אַנטשולדיקט, הער פּראָפעסאָר, אַ ספּעציעלער שליח פון וויל־העלם־שפּיטאָל וויל רעדן מיט אייך. עס איז זייער דרינגענד — האָט זי געזאָגט.

דער פּראָפעסאָר איז געוואָרן אַביסל צעטומלט. ער האָט דאָס קינד אַרויסגעלייגט פון דער האַנט אויף ערנאַס בעט. ער איז שנעל אַרויס צום שפּיטאָל־שליח.

קוים אייניקע סעקונדן האָט ערנאַ באַוויזן צו וואַרפן אַ נאָענטן בליק אויפן קינד, ווי דער פּראָפעסאָר גראַנאַך איז גלייך צוריקגעקומען און מיט אויפרעגונג געזאָגט:

— ווידער אין שפּיטאָל! אַפילו אין אָוונט לאָזט מען מיך נישט רוען! נישט מיט מיין פרוי נישט מיט מיין קינד! ער איז צו צום בעט, און מיט פאַרדרוס און ווייבקייט האָט ער, גלעטנדיק ערנאַס בלייכע באַקן, געזאָגט:

— מיין טייערע ערנאַ, וועסט מיר זיכער אַנטשולדיקן. מען האָט מיך גערופן צו אַ גרויסער מוח־אָפּעראַציע פון אַ מלוכה־פּערזאָן. איך טאָר זיך נישט אָפּזאָגן; איך מוז גלייך לויפן. איך וועל זיך באַמיען דיך נישט לאַנג צו לאָזן אַליין.

ער האָט באַמערקט דאָס קינד אויפן בעט, און בעת ער האָט געגעבן דער פרוי דעם געזעגענונגס־קוש, האָט ער אויך דאָס קינד אַ קוש געטון, און זאָגנדיק אַז ער שיקט שוין אַריין די אַם צוצונעמען דאָס קינד, איז ער אוועק אין שפּיטאָל.

ערנאַ האָט זיך בעת איר גאַנצער קראַנקייט געפילט ווי אין קלעם. זי האָט כמעט איר קינד רעכט נישט געקענט; רעכט עס אַפילו נישט קיין

קוש געטון. שמעקנדיק אַרומגערינגלט פון פאַרשידענע דאָקטוירים, פּראָ־פעסאָרן, קראַנקנשוועסטער א"אַנד, האָט זי זיך קיינמאָל נישט געקאָנט אַראָפּרעדן פון האַרצן פאַר זיך אַליין. די טרייקייט און איבערגעגעבנ־קייט פון איר מאַן, וועלכער — כאָטש אַלס גרעסטער מעדיקער — האָט דאָך נישט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז עס קאָן געשען עפּעס שרעק־לעכעס מיט זיין פרוי — זיין געליבטסטן און געטרייעסטן חבר אין לעבן האָט איר אַ סך מאָל פאַרמאַכט דאָס מויל, נישט ווילנדיק אים מאַכן צו־פיל ליידן, און נישט וועלנדיק אים איבערגעבן איר געפיל, אַז אירע טעג זענען געציילטע... דאָס אַלץ האָט איר נאָך מער פאַרקלעמט ביים האַרץ. און אין איצטיקן מאָמענט, ווען זי איז געבליבן אַליין אין איר צימער מיט איר טייערסטן אוצר — איר איינציק קינדעלע נאָענט פון איר, האָט זי אָנגעשטרענגט אַלע אירע כוחות, האָט אויסגעשטרעקט אי־רע הענט, צוגעצויגן איר טאָכטערל צו זיך, אַריינגענומען זי אין אירע אָרעמס אַריין און צוגעדריקט עס שטאַרק צו אירע ברוסטן... דעמאָלט האָבן זיך אירע טרערן־קוואַלן געעפנט; אָט די קוואַלן וועלכע זענען שוין פון לאַנגע יאָרן געווען פאַרשלאָסן, האָבן איצט אויפגעריסן מיט דער גאַנצער קראַפט. און ווען די אָם איז איצט אַריינגעקומען צונעמען דאָס קינד און אָפּהיטן די קראַנקע, האָט זי מיט טרערן אין די אויגן זיך גע־בעטן ביי איר מיט אַ שוואַכער שטימע:

— טייערע מאַרטאַ, לאָזט דאָס קינד אַביסל דרימלען ביי מיר ביז מיין מאַן וועט צוריקקומען. גיי אַרויס און פאַרברענג אַביסל מיט דיין חתן, וועלכער וואַרט זיכער אויף דיר.

— אָבער מאַדאַם, — האָט מאַרטאַ געזאָגט — דער הער פּראָפעסאָר האָט מיר באַפוילן אַוועקצונעמען דאָס קינד פון אייך.

ערנאַ האָט געוואוסט, אַז איר מאַן האָט אַזוי באַפוילן דער אָם. זי האָט אָבער געפּרוּווט זיך קעגנשטעלן דעם מאַנס באַפעל, צום ערשטן מאָל אין איר לעבן — און אפשר צום לעצטן מאָל... — האָט זי זיך גע־טראַכט. זי האָט מיט אַ שוואַכער און וויינענדיקער שטימע זיך געבעטן ביי דער אָם:

— מאַרטאַ, דאָס קינד איז איינגעשלאָפן. מיין מאַן וועט זיכער אַזוי שנעל נישט אַהיימקומען פון שפּיטאָל. גיי און פאַרברענג אַביסל

און איך וועל שוין אכטונג געבן אויפן קינד. שפעטער וועסטו עס נעמען אין צימער אריין און מיין מאן וועט גארנישט וויסן דערפון.

מארטא האט רחמנות באקומען אויף דער קראנקער ערנא. זי האט מיטגעפילט אירע ליידן, די ליידן פון א מאמען, וועלכע האט נישט דאס גליק צו זיין צוזאמען מיט איר איינציק קינד און וועלכע קען כמעט נישט איר איינציק מלאכל, איר סוזי. זי האט זיך נישט געקאנט קעגנשטעלן דער ביטע פון דער אומגליקלעכער מאמען, צו קאנען האבן אין אירע ארעמס איר איינציק לאנג דערווארט גליק — איר טעכטערל.

מארטא האט מיט מיטגעפיל און רחמנות געזאגט:

— גוט, מאדאם. זאל דאס קינד בלייבן מיט אייך. איך וועל באלד צוריקקומען עס נעמען אין צימער אריין. זי האט זיך אויסגעדרייט און גענומען אוועקגיין, נאר שוין שטייענדיק ביי דער טיר, האט זי זיך צוריקגעקערט און געזאגט:

— זאל איך אפשר טעלעפאנירן נאך דער קראנקשוועסטער, זי זאל באלד קומען כדי צו פארבלייבן מיט אייך ביז דער הער פראפעסאר וועט קומען?

— נישט נייטיק, מארטא, —האט ערנא געענטפערט— איך בין מיט מיין טייערסטן מלאך. מיין סוזי וועט מיך שוין היטן...

מארטא האט א לייכטן שמייכל געטון. איר וואונטש צו קאנען זיין נאענט פון איר געליבטן, האט זי איינגאנצן באהערש. זי האט שנעל געעפנט די טיר, און נאך איידער ערנא האט באוויזן איר צו זאגן א ווארט, האט זי שוין געהערט דעם אפקלאנג פון אירע טריט איבערן לאנגן קארידאר פון איר הויז.

ערנא איז טאקע נישט געבליבן אליין. מיט א גאנצער וועלט איז זי איצט געווען צוזאמען, מיט איר ליב און זיס קינדעלע... מיט איר ליבטיקן מלאך — מיט איר סוזין.

ערנא האט ווידער אנגעהויבן וועבן דעם געדאנק, וועלכן זי האט מיט קורצע מינוטן צוריק געהאט איבערגעריסן. זי האט איר קינד נאך מער צוגעדריקט צו אירע ברוסטן. וואס ענגער און שטארקער זי האט געפילט די נאענטקייט פון איר קינד צו איר קערפער, אלץ מער האבן די טרערן גענומען שטראמען אויף איר פנים און אויפן פנים פון איר קינד. זי האט עס געוואלט איינגראבן אין איר הארץ... זי האט גערן

געוואָלט פילן דאָס מאַמעדיקסטע ביי אַ קינד: זאָל עס זייגן פון איר ברוסט...

ערנאַ האָט נישט לאַנג געטראַכט. ווי נאָר דער געדאַנק איז איר אין קאָפּ געקומען, האָט זי אים שוין פאַרווירקלעכט; און כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז עס איז אַן אוממעגלעכע זאַך, דאָך — האָט זי געטראַכט — וויל זי פּרואוון.

ערנאַ האָט טאַקע געפּרואווט. זי האָט איר טרוקענע, איינגעפאַלענע ברוסט אַריינגעשטופּט אין קינדס מויל אַריין. דאָס קינד, כאָטש עס האָט געהאַלטן אין מיטן דרימלען, האָט מיט געשמאַק זיך צוגעכאַפּט צו דער ברוסט, ווי צו אַ קוואַל פון חיונה. און ווען דאָס קינד האָט געצויגן דער מוטערס ברוסט און דאָרט גאָרנישט געפונען, האָט עס — אַלס פּראָטעסט — אָנגעהויבן שטאַרק וויינען, ווי עס וואָלט זיך באַליידיקט וואָס מען האָט עס אָפּגענאַרט... די מוטער האָט זיך באמת דאָס קינד איינצושטילן. זי האָט עס געדריקט צו דער ברוסט; זי האָט עס געשאָקלט, און ווען דאָס קינד האָט זיך אַביסל אָפּגערוט פון וויינען, האָט די מוטער, אָפּווישנדיק די בריליאַנטענע טרערלעך פון איר קינדס פּנימל, זיך ערשט פונאַנדערגעוויינט און מיט איר טרערנדיקער שטימע האָט זי גערעדט צום קינד, טוליענדיק עס צו זיך:

— מיין סוזי, מיין מלאכל, וויין... וויין אויס דיינע קינדערישע טרערן, דו זאָלסט נישט דאַרפן אויף דיין לעבן מער וויינען... איצט האָלט דיך דיין מאַמע — דיין ליידנדיק אָפּשטאַרבנדיקע מאַמע... נאָך אַ וואָך, נאָך אַ טאָג — דו וועסט בלייבן אַליין, אָן אַ מאַמען... קיין מוטערס ברוסט וועט דיך נישט זייגן... קיין מוטערס האַרץ וועט דיך נישט מער צודריקן צו זיך... קיין מאַמעס טרער וועט מער נישט פאַרגאָסן ווערן איבער דיר... און ווען דו, מיין ליבע סוזי, וועסט אויפוואַקסן, וועסטו נישט האָבן קיין מאַמעס אויפזיכט איבער דיר. וויינ וועל איך זיין פון דיר... וויינ... טאַ זאַפּ איין אין זיך די לעצטע ווערטער פון דיין מוטער... שלינג איין אין זיך די לעצטע טרערן פון דיין מאַמען... לאָמיך אַריינדריקן אין דיר מיין האַרץ... לאָמיך אַריינזינגען אין דיר מיין נשמה...

ערנאַ האָט צוזאַמענגענומען אַלע אירע כוחות און מיט אַ וויינענדיקער שטימע, האָט זי אָנגעהויבן זינגען איר לעצט געזאַנג...

סוזי האָט ווי פאַרשטאַנען דער מאַמעס ווערטער. זי האָט איצט אינגאַנצן געעפנט אירע בלויע אייגעלעך, זיי טיף אַריינגעדרונגען אין איר מוטער, ווי זי וואָלט געפילט אַז דאָס רעדט צו איר די מאַמע אירע צום לעצטן מאָל...

ערנאַ האָט געפילט. זי האָט געוואָלט, אַז צוזאַמען מיט אירע טרערן זאָל איר קינד אויך איינשלינגען אין זיך איר געזאַנג. זי האָט מיט אַ לייכטער און טרויעריקער שטימע אָנגעהויבן צו זינגען:

„שלאָף מיין קינד, מיר שלאָף.
„אָט באַלד קומט מיין סוף.
„שלאָף מיין מלאכל, מיר איין.
„שלאָף געזונטערהייט.
„באַלד, באַלד קומט מיין צייט,
„דו וועסט בלייבן גאַנץ אַליין...

ערנאַ האָט מער נישט געקאָנט זינגען. עס האָט איר פאַרקלעמט ביים האַרצן. זי האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען און פאַרגיין אין ספּאַזמען. די דינסט, וועלכע האָט אינדרויסן געהערט דאָס געוויין און שלוכצען פון דער מאַדאַם, איז גלייך אַריינגעלאָפן צו דער קראַנקער, אַרויסגענומען פון אירע צוגעדריקטע אָרעמס דאָס האַלב־פאַרחלשטע קינד, און שנעל טעלעפאָנירט צום פּראָפעסאָר אין שפּיטאָל. זי האָט אויך באַלד אַרויסגערופן די קראַנקנשוועסטער און נאָך אייניקע איינ־שפּריצונגען איז די קראַנקע ערשט איינגעשלאָפן. דעם פּראָפעסאָר האָט מען גאָרנישט דערציילט וועגן איר פאַרברענגען דעם אָוונט מיטן קינד. מען האָט אים נאָר דערציילט, אַז די מאַדאַם האָט באַקומען אַן אַטאַקע פון ספּאַזמען.

די גאַנצע נאַכט איז ערנאַ זייער שלעכט געשלאָפן. פון צייט צו צייט האָט זי פון איר וואַכנדיקן שלאָף, גערופן איר מלאכל, איר סוזין...

דער פּראָפעסאָר האָט גענוי באַטראַכט די לאַגע פון זיין פרוי. ער האָט זיך באַלד איינדערפרי באַראַטן מיט די גרעסטע מעדיקער און פּראָ־פעסאָרן. אַלע האָבן צוגעגעבן אַז די לאַגע פון ערנאַ איז אַ דעליקאַטע; אַז דער שפּעט־אַנטדעקטער קאַנסער האָט/שוין אינערלעך באַהערשט איר גאַנצן קערפּער, אויך דאָס האַרץ פון דער קראַנקער איז אָנגעגריפן און

מען קאן דערוואַרטן די טראַגישסטע קאָנסעקווענצן... וועגן נעמען איר אין שפּיטאָל, האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין.. די מעדיצין האָט נאָך נישט דערפונדן קיין שום קעגנמיטל צו דער שרעקלעכער קראַנקייט, און דער אומגליקלעכער מאַן האָט געמוזט זיצן ביים בעט פון זיין געליבטסטן חבר און צוקוקן ווי זי גייט אוים פון מינוט צו מינוט...

די זון האָט אַריינגעשיינט דורכן פענצטער, שיקנדיק אירע ווארעמע שטראַלן איבער דעם אויסגעבלייכטן פּנים פון דער קראַנקער ערנאַ. ערנא האָט געשמייכלט צו די זונשטראַלן, זי האָט צוגערופן איר מאַן נאָענטער צו זיך, און מיט איבעראַנגעשטרענגטע כּוחות האָט זי אים ארומגענומען און אים געגעבן אַ ליבלעכן קוש. זי האָט אים געוואָלט פאַרלייכטערן זיינע ליידן, און מיט אַ קוים־הערבאַרער שטימע האָט זי געזאָגט:

— מיין טייערער... עס איז מיר גאָרנישט... נאָר אַן אָפּשוואַכונג... עס וועט מיר בעסער ווערן... היט דאָס קינדעלע... איך וועל נישט שטאַרבן... מיין סוזי מוז מיך האָבן.. ווען נישט... ווען נישט... זיי איר אַ געטרייער פאָטער... און אַ... גוטע מוטער...

ערנאַ האָט זיך שרעקלעך אָנגעשטרענגט ביי די פּאָר ווערטער, וועלכע זי האָט כּסדר איבערגעריסן. זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס רעדן. דער פּראָפעסאָר האָט אָבער געזען ווי שווער עס קומען איר אָן די געציילטע ווערטער, און ער האָט זיך געבעטן ביי איר:

— ערנאַ טייערע, באַרואיק זיך. דו וועסט לעבן. וועסט זיין געזונט. וועסט זיין אַ מאַמע צו דיין קינד.

— עריק ליבער —האָט ערנאַ איבערגעריסן איר מאַנס ווערטער— ווייז מיר מיין קינד... איך וויל אַ קוק טון אין איר מלאכדיק פּנימל... גיב מיר מיין קינד... האָב רחמנות אויף מיר —האָט זי געבעטן מיט טרערן אין די אויגן.

פּראָפעסאָר גראַנאַך האָט געזען, אַז דאָס זענען שוין אירע לעצטע טרערן, איר לעצטע ביטע. ער האָט נישט געוואָלט, אַז זיין געטרייעסטער שותף אין לעבן, זיין ערנאַ, זאָל זיך שיידן מיט אים אַ וויינענדיקע. ער האָט געוואָלט אַז פּונקט ווי די זון שיינט איצט אין דרויסן אַזוי זאָל אויך זיין ערנאַס פּנים שיינען... און דאָס קאָן נאָר געשען ווען זי וועט

האָבן נאָענט לעבן זיך איר קינד איר בלוט און פלייש. ער האָט באַפוילן די אַם אַז זי זאָל אַריינברענגען דאָס קינד אַז די מוטער זאָל זיך קאָנען דערמיט „אַ שפּיל" טון...

די אַם האָט גלייך אַריינגעברענגט די קליינטשינקע סוזי, אַ וויי־סינקע, אַ שיינענדיקע. ערנאַ האָט זיך געפּרוּאווט אויפזעצן אין בעט, כדי צו קאָנען מקבל־פּנים זיין איר קינד. אָבער זי איז אָן כוחות צוריקגעפאַלן אויפן קישן. עריק האָט באַמערקט. ער האָט גענומען דאָס קינד און צוגעגאַנגען דערמיט נאָענטער צום בעט, כדי ערנאַ זאָל עס קאָנען זען פון דער נאָענט.

ערנאַ האָט אינגאַנצן אויפגעצאַפּלט, דערפילנדיק איר קינד פון דער נאָענט. זי האָט מיט אירע אויגן געבעטן אַז מען זאָל עס איר איבער־געבן. דער מאַן האָט דערפילט, אַז ער וועט זיך נישט קאָנען איצט קעגנשטעלן איר ווילן, און ער האָט עס איר שוין געוואָלט דערלאַנגען, נאָר די אַם איז צוגעלאָפן און געוואָלט אַרויסרייסן דאָס קינד פון זיינע הענט. זי האָט זיך דערמאָנט פון נעכטיקן אָוונט, ווען ערנאַ איז געבליבן מיטן קינד האָט זי באַקומען די אַטאַקע פון ספּאַזמען. זי האָט אויפ־מערקזאַם געמאַכט דעם פּראָפעסאָר אַז די אַטאַקע פון ספּאַזמען קאָן זיך איבערחזרן. די קראַנקע האָט קוים געהערט דאָס געשפּרעך פון איר מאַן מיט דער אַם. זי האָט געפילט אַז דאָס וויל מען איר נישט געטרויען איר אייגן קינד... זי האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע אירע כוחות און וויינענדיק אויסגעשריגן:

— מיין קינד!... מיין סוזי!... גיט... מיר... מיין... קינד!...

אַלע זענען געבליבן שטיין צוגעשמידט צו די ערטער. דאָס איז געווען די שטים פון אַ לייבן־מוטער, וועלכע ברומט ווען זי דערפילט אַז מען וויל ביי איר אָוועקרויבן איר קינד. דער פּראָפעסאָר איז ווי אַ פאַר־שטיינערטער געבליבן שטיין מיטן קינד אויף די הענט, ביים איבערגעבן עס דער אַם. ער האָט מיט אינערלעכע שמערצן און פול מיט מיטלייד צו זיין פרוי, צוריקגענומען דאָס קינד אין זיינע הענט אַריין, צוגעגאַנ־גען דערמיט צו ערנאַס בעט, און עס אַוועקגעלייגט אין אירע אָרעמס.

ערנאַ האָט מיט אַלע אירע אָנשטרענגונגען צוגעדריקט דאָס קינד

צו זיך. אירע אויגן האָבן אויפגעבליצט מיט די אַמאָליקע פייערן, בעת זי האָט געטאַנצט מיט איר עריק אין דער סילוועסטער־נאַכט... איר האַרץ האָט אויפגעציטערט פון פרייד, גלייך ווי זי וואָלט נאָר־וואָס ארויסגעראַטעוועט איר קינד פון מערדערישע הענט... זי האָט זיך איצט געפילט ווי די איינציקע באַשיצערין פון איר טייערסטן אוצר אין דער וועלט... זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן צו אַלעמען. זי וואָלט אין יענער מינוט געוואָלט אַז די גאַנצע וועלט זאָל קוקן צו איר און זאָל זען, ווי זי — די אייגענע מוטער — האָט אויסגעקעמפט די רעכט צו קאָנען האַלטן איר קינד אין אירע אָרעמס...

פּראָפעסאָר גראַנאַך האָט זיך אָנגעשטרענגט אַז ער זאָל נישט צו־זאַמענברעכן. די טרייע און איבערגעגעבענע ליבע פון ערנאַן צו איר קינד, און דער ווילן וואָס שרייט אַרויס ביי דער יונגער מוטער צו לעבן, צו דערציען איר אייגן קינד האָט אים אינגאַנצן צעשמעטערט. אויך די אַם האָט נישט געקאָנט מער שטיין און צוזען די סצענע וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אָפּגעשפּילט אין דער קראַנקערס צימער. זי האָט זיך אַנטשול־דיקט און גענומען אַרויסגיין. ערנאַ האָט זי אָבער צוריקגערופן, זי גע־בעטן מיט אירע פאַרטרערטע אויגן, אַז זי זאָל צוגיין נאָענט צום בעט. און ווען די אַם איז צוגעגאַנגען, האָט זי גאַנץ רואיק, גלייך ווי דאָ וואָלט גאָרנישט פּאַרגעקומען, געזאָגט:

— מאַרטאַ, זייג־מוטער פון מיין קינד, זאָג מיר צו, אַז ווען איך וועל דאָ מער נישט זיין, זאָלסטו טריי זיין מיין קינד און עס אָפּהיטן, פונקט ווי עס וואָלט געווען דיינס.

מאַרטאַ האָט געפילט, אַז דאָס איז די לעצטע צוואָה פון איר מאַ־דאַם. זי האָט אָבער נישט געוואָלט צוגעבן אַפילו פאַרן פּראָפעסאָר, אַז זי באַגרייפט די לאַגע פון דער קראַנקער מוטער. זי האָט געפּרואווטביידן באַרואיקן, און מיט טרערן אין די אויגן האָט זי געענטפערט:

— מאַדאַם איר וועט אינגיכן אויפשטיין פון בעט; איר וועט גע־זונט ווערן, איר וועט אַליין דערציען אייער קינד. נאָר איצט זאָרגט זיך נישט וועגן דעם. אייער סוזי איז מיר ליב און טייער, פונקט ווי אייך. איך היט זי ווי אַן אויג אין קאָפּ.

— מיין האַרציקן דאַנק דיר, מאַרטאַ — האָט די קראַנקע מיט צו־

פרידנקייט געזאָגט.— איצט בעט איך דיך נאָך אַ טובה. איך ווייס, אַז דו קאָנסט גוט שפּילן פּיאַנאָ. שפּיל מיר מיין באַליבטסטע מוזיק — מאָ־צאַרטס סאָנאַטע.

די אַם איז שוין געווען צופרידן וואָס מען הייסט זי גיין, זאָל שוין זיין שפּילן פּיאַנאָ, אַבי אַרויס פון דעם צימער... נישט מער קוקן דער ליידנדיקער מוטער אין די אויגן... וואָס ווייטער פון דער טראַגעדיע...

די אַם איז אַרויסגעגאַנגען, און באַלד האָבן זיך געלאָזט הערן די קלאַנגען פון מאָצאַרטס מוזיק. די סאַמעטענע טענער פון מאָצאַרטס סאָ־נאַטע האָבן באַרואיקט, געהיילט און אַרויסגערופן אַ שמייכל אויפן פּנים פון דער קראַנקער, וועלכע איז איצט געלעגן אַ שטילע, אַ צאַרטע, אַ שמייכלענדיקע מיטן קינד אין אירע אָרעמס.

די פּיאַנאָ־קלאַווישן האָבן איצט געשיקט די טענער אין אַרומיקן חלל אַריין; און באַטש די שפּילערין האָט זיך באמת וואָס שטילער און וואָס איינגעהאַלטענער צו שפּילן, וואָס לייכטער אַרויסצוברענגען אַפילו די שטאַרקסטע און העכסטע טענער פון דער סאָנאַטע דאָך האָט מען אין דער קראַנקערס צימער געהערט יעדן טאָן און געפילט יעדן ניואַנס. יעדע פּיאַנאָ־וויבראַציע האָט אַרויסגערופן זכרונות ביי דער ליידנדיקער ערנאַ. זי האָט זיך דערמאָנט ווען זי האָט געשפּילט די מוזיק אין „יע־נעם" אָוונט ווען זי האָט זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט איר עריק... אוי, יענע נאַכט!... יענע טענער האָבן אים פאַרכישופט... יענע סאָנאַטע האָט אונדז פאַרבונדן... און איצט? וועט די זעלבע סאָנאַטע אונדז ביידן צעשיידן? קאָן די הערלעכע מוזיק, וואָס איז בכוח צו פאַר־בינדן צוויי ליבנדיקע נשמות, אויך פונאַנדערשיידן די זעלבע פאַרליבטע?

דער פּראָפעסאָר האָט אינערלעך געהערט די ווערטער פון זיין פרוי. ער האָט געהערט ווי צווישן די קלאַנגען פון די טענער פון מאָצאַרטן הערן זיך אויך די אויסגעייענדיקע טענער פון זיין ליבנדיקער פרוי... ער הערט ווי זי שטיקט אין זיך די ווערטער:

— מיין... קינד... מיין... מלאך... מיין... אוצר...

וואָס שטילער עס זענען געוואָרן די פּיאַנאָ־טענער, אַלץ שטילער זענען געווען די ליידנס־ווערטער פון ערנאַן: מיין... קינד... און ווען

די אם האט אינגאנצן פארענדיקט די סאנאטע, האט ערנא געגעבן איר לעצטן שמייכל צו איר קינד...

דער פראפעסאר גראנאך, כאטש ער האט געוואוסט אז ערנאס לעבן קאן יעדן מאמענט אויסגעלאשן ווערן, האט זיך נישט געריכט אז די טראגעדיע איז אזוי נאענט, אז די קאטאסטראפע וועט קומען אזוי שנעל. ער איז ארויפגעפאלן אויפן קערפער פון זיין ערנאן מיט טראגישע געשרייען: מיין ערנא! מיין ערנא!...

קאפיטל 10

מאמע טייערע, העלף מיר!...

די גאנצע אכצן יאָר פון דעם פריצייטיקן טויט פון פּראָפעסאָרס פרוי ערנא גראנאך ביז צום אָנקומען פון דעם סטודענט איזידאָר שטייער נאָך קיין מינכען האָט דער פּראָפעסאָר און רעקטאָר עריק גראנאך כסדר געטרויערט נאָך זיין היים־געליבטער פרוי. ער איז ווייניק געקומען אין דער געזעלשאפט, ווייניק פארברענגט אין עפנטלעכע פלעצער. אויסער דער אוניווערזיטעט און דעם מעדיצינישן פאקולטעט האָט פאר אים עקזיסטירט נאָר איין זאך: זיין סוזי. אויב ער איז די גאנצע וואָך געווען פארנומען ביי דער וויסנשאפטלעכער און מעדיצינישער ארבעט אין אוניווערזיטעט און אין די שפּיטאָלן, האָט ער דערפאר דעם איינציקן פרייען טאָג אין דער וואָך —דעם זונטיקדיקן טאָג— געווידמעט אויסשליסלעך זיין קינד. יעדן זונטיק האָט ער פארבראכט אין דעם דערציאונגס־אנשטאלט, וואו עס האָט זיך דערצויגן זיין סוזי. און ווען אין א מיטנוואָך עס האָט אים אָנגעכאפּט א בענקשאפט נאָך זיין יונג־פארשטאָרבענער ערנא — האָט ער דעמאָלט אין אלעם פארגעסן. ער האָט פארלאָזט זיין גאנצע ארבעט, און איז אוועק אין קינדער־אנשטאלט צו זיין סוזין וועלכע איז געווען דער פּראָטאָטיפּ פון זיין ערנא. ער האָט זיין קינדעלע גענומען אין זיינע אָרעמס, אריינגעקוקט אין אירע בלויע אייגעלעך, געגלעט איר בלאָנד־גאָלדן קעפּעלע און נישט ווילנדיק האָבן זיינע ליפּן ארויסגעשעפּטשעט: מיין ערנא... מיין קיינמאָל נישט פארגעסענע ערנא...

אזוי האָט זיך סוזי דערצויגן אין א רעליגיעזן קינדער־אנשטאלט, ביז זי האָט פארענדיקט אירע ערשטע שול־יאָרן. דאַן האָט דער פאָטער זי ארויסגענומען פון אנשטאלט און זי אריינגעגעבן אין גימנאזיע. טרעפנדיק זיך מיט זיין שוין דערוואקסענער טאָכטער יעדן טאָג נאָך די לערן־

שעהן, האָט דער פאָטער זיך געפילט אביסל באַפרייט פון זיין כסדרדיקן טרויער. סוזי איז געווען די ריכטיקע קאָפּיע פון איר מוטער, און בעת דער פּראָפעסאָר איז צוריקגעקומען פון אוניווערזיטעט און ער האָט זיך באַגעגנט מיט זיין דערוואַקסענער טאָכטער, האָט זיך אים פאַרגעשטעלט אַז דאָס איז זיין ערנאַ צוריקגעקומען פון אַ ווייטער רייזע, און זי איז איצט ווידער מיט אים אין שטוב...

פּראָפעסאָר גראַנאַך האָט אַרויסגעוויזן זיין אומגעהויערע ליבע צו זיין טאָכטער. פאַר אים איז איצט קיינער נישט געווען אויף דער גאַנ־צער וועלט אויסער זיין טאָכטער זיין סוזי. און ווען עס האָט זיך באַ־וויזן דער סטודענט איזידאָר און ער האָט אָנגעהויבן אים מקרב צו זיין, האָט ער גלייך אויסגענוצט די קולטורעלע דערציאונג און אַקאַדעמישע קענטעניש פון דעם יונגן סטודענט לטובת זיין טאָכטער. און כאָטש אין ערשטן מאָמענט, ווען דער פּראָפעסאָר האָט באַשלאָסן אַז איזידאָר זאָל זיין דער לערער פאַר זיין טאָכטער, איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן אין געדאַנק, אַז עס קאָן זיך עפּעס אַנטוויקלען צווישן זיין טאָכטער מיטן סטודענט. דאָך איז ער געווען זייער צופרידן פון דער באַגעגעניש פון איזידאָרן מיט זיין סוזין פון זייער פרייען האַלטן זיך און פון דער ליבע וואָס עס האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען צווישן די צוויי קינדער. כאָטש סוזי האָט געמיינט אַז איר פאָטער באַמערקט גאָרנישט זייערע ליבע־באַציאונגען, אַז דער פאָטער מיינט אַלץ אַז איזידאָר איז נאָר איר לערער און מער גאָרנישט, האָט אָבער דער קלוגער פּראָפעסאָר אַלץ גע־וואוסט און אַלץ פאַרשטאַנען. דער פּראָפעסאָר איז געווען צופרידן וואָס זיין טאָכטער האָט איר מוטערס געשמאַק... אַז עס האָט איר נישט אימפּאָנירט אַ שיינער באַגילדעטער מיליטערישער מאַנטל... נאָר זי האָט אויסגעקליבן פאַר זיך אַן איידעלן און געלערנטן בחור, וואָס וועט נאָך זיין נישט בלויז אַ שטאָלץ פאַר זיין פאַמיליע, נאָר אויך אַ שטאָלץ פאַר זיין געליבטן דייטשישן פאָטערלאַנד; און ווען דער פּראָפעסאָר איז איצט געווען ביי זיך אין צימער און האָט דערוואַרט דאָס אַריינקומען פון זיין טאָכטער, האָט מען געקלונגען אין טיר, און די דינסט האָט געמאָלדן אַז דער לערער איזידאָר וויל רעדן מיטן הער פּראָפעסאָר.

דער פּראָפעסאָר איז געבליבן אַ ווײַלע פאַרטראַכט: דאַכט זיך,—

האָט ער ווי צו זיך אַליין גערעדט— אַז היינט איז נישט זיין אָנגעצייכנ־טער לעקציע־טאָג.

— ניין —האָט די דינסט ווי אומגערן ארויסגעזאָגט.

— האָ ? —האָט דער פּראָפעסאָר אויפגעהויבן דעם קאָפּ ווי מיי־נענדיק אַז ס׳איז קיינער נישטאָ אין צימער, און פּלוצים האָט ער געהערט אַן ענטפער אויף זיין פראַגע. — ניין, האָסטו געזאָגט ? עס מאַכט נישט אויס —האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט צו דער דינסט, נאָך אייניקע סע־קונדן טראַכטן.— הייס אים וואַרטן אויף מיר אין אויפנעם־צימער. איך קום באַלד אריין.

די דינסט איז אַרויס צום סטודענט, אים אריינגעפירט אין אויפנעם־צימער, און זי האָט אים געפרעגט מיט רעספּעקט :

— זאָל איך אריינרופן דאָס פרוילײן סוזי ?

— ניין, —האָט איזידאָר מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן געזאָגט.— איך דאַרף נאָר דעם הער פּראָפעסאָר.

— ער קומט גלייך אריין —האָט די דינסט געענטפערט.

די דינסט איז גלייך אַרויס. שוין זייענדיק אין קאָרידאָר, האָט זי צו זיך אַליין גערעדט :

— גייט פאַרשטייט זיי, די סטודענטן ! אין דרויסן איז אַ רעגן און אַ שטורעם־ווינט, קומט ער צולויפן צו דער שילערין און ער דאַרף גאָר דעם פאָטער . . . זי האָט שוין געוואָלט גיין אין קיך אריין, זי האָט זיך אָבער באַרעכנט, אַז עס וואָלט נישט אויסגעמאַכט אַז די פריילין סוזי זאָל וויסן אַז איר לערער איז אין אויפנעם־צימער. זי האָט פאַרקירע־וועט אירע שריט און איז אַריין אין סוזיס צימער.

— פרוילײן סוזי, —האָט די דינסט געזאָגט מער מיט די אויגן ווי מיטן מויל— פרוילײן סוזי, „ער״ איז דאָ . . .

— ווער ? —האָט סוזי פאַרוואונדערט געפרעגט.

— ער, אייער „לערער״ —האָט די דינסט צווײדייטיק געענטפערט.

— איך האָב דאָך היינט נישט קיין לעקציע ! —האָט סוזי ווי אויס־געשריגן.

— ער איז אָבער דאָ —האָט די דינסט ווידערהאָלט.

— גוט —האָט סוזי געענטפערט און זיך אויפגעהויבן פון דער

וויגשטול, וואו זי איז געווען שטארק פארטון ביים לייענען א בוך— איך גיי גלייך אריין.

— ניין! גייט נישט! —האָט די דינסט זי אָנגעכאַפּט ביי די הענט. ער וויל אייך נישט זען! ער וויל נאָר רעדן מיטן הער פּראָפע־סאָר, האָט ער געזאָגט.

סוזי איז געבליבן ווי אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואסער. זי האָט זיך פארשעמט פאר דער דינסט. זי האָט זי געהייסן גיין און אליין איז זי געבליבן שטיין א פארטראכטע.

— פאַרוואָס וויל ער מיך נישט זען —האָט זי גערעדט צו זיך— וואָס פאַרא געשפּרעכן קאָן ער האָבן מיטן פאָטער? אפשר וועגן זיינע מאטעריעלע שוועריקייטן? אפשר וועגן זיין פּראָמאטור, צו וועלכער ער גרייט זיך שוין, און אפשר —האָט זי לאַנג זיך פארטראַכט— אפשר וועגן זייער ליבע...

סוזי האָט זיך צעשמייכלט ביי איר לעצטן געדאַנק. זי האָט גע־פילט א זיסע איבערגעגעבנקייט צום יונגן סטודענט. זי האָט געפילט אַז אָן אים וועט זי מער נישט קאָנען לעבן... איר האָט געפעלט א צאַרטע און הייליקע ליבע... ווייל קיין מוטערלעכע ליבע־געפילן האָט זי נישט געהאַט קיין גליק צו האָבן... קיין מוטערס צערטלעכע האַנט האָט זי קיינמאָל נישט געגלעט, און איר איזידאָרס ליבע צו איר איז געווען א הייליקע... א צאַרטע... אין יעדן גלעט פון זיינע הענט האָט זי געפילט דעם הייליקן גלעט פון א מוטערלעכער האַנט; יעדער קוש זיינער איז ביי איר געווען א געטרייער מאַמע־קוש... און אוועק־שטעלנדיק זיך פאַרן בילד פון איר מוטער, וואָס איז געהאַנגען אין איר צימער, האָט זי גערעדט צום בילד:

— מאַמע טייערע! ליבע, טייערע מאַמע! פאַרוואָס ביסטו מער נישט מיט מיר? פאַרוואָס ביסטו אזוי יונג אוועק פון מיר און מיך אי־בערגעלאָזט צווישן פרעמדע דערציער?... מאַמע טייערע! העלף מיר אז מיין ערשטע ליבע צו מיין געליבטן איזידאָר זאָל זיין א ריינע... א צאַרטע... א זיסע. אזוי... אזוי ווי דיינע איז געווען צום פאָ־טער... מאַמע טייערע! —האָט סוזי אַראָפּגענומען דאָס בילד פון דער וואַנט און גערעדט דערצו— זאָל מיין האַרץ נישט צעבראָכן ווערן, ווי דעם פאַפּאַס האַרץ איז צעבראָכן געוואָרן ווען דו ביסט אוועק פון

אים... מאַמע טייערע —האָבן סוזיעס טרערן זיך געגאָסן אויפן בילד פון איר מוטער— פאַרוואָס ביסטו אוועק פון מיר? זיי איצט צוזאַמען מיט מיר! פאַרלאָז מיך נישט... זע מיין פרייד... מיין ליבע... מיין איזידאָר...

מער האָט זי נישט געקאָנט רעדן. אַ שטראָם טרערן האָבן אַ פלייץ געטון פון אירע אויגן אויף דער מוטערס בילד און עס אינגאַנצן פאַרגאָסן. זי האָט מער נישט געקאָנט האַלטן דעם טייערן אָנדענק פון איר מוטער אין אירע הענט. זי האָט עס אוועקגעלייגט אויפן טיש און אַליין איז זי אַריינגעפאַלן אין דער וויגשטול מיט אינערלעכע שלוכצן און וויינען. ביסלעכווייז איז זי געקומען צו זיך. זי האָט אַליין גענומען אַריינטראַכטן אין דער נאַר־וואָס פאַרגעקומענער סצענע. זעט זי דאָך איר מוטערס בילד טאָג־טעגלעך אין איר צימער, און נאָך קיינמאָל ביז היינט איז איר נישט איינגעפאַלן אין געדאַנק, אַראָפּצונעמען עס פון דער וואַנט, ריידן דערצו און נאָך פאַרגיסן טרערן דערביי... זאָל עס אפשר זיין פריידנס־טרערן? זאָל אפשר אין איצטיקן מאָמענט זיך דעצידירן איר גורל? זאָל אפשר איזידאָר האָבן געקומען רעדן מיט איר פאָטער וועגן זייער ליבע? וועגן זייער צוקונפט? און צי וועט איר פאָטער איינשטימען מיטן סטודענט? וועט ער זי וועלן פאַרבינדן מיט אַן אָרעמען סטודענט פון פוילן? וועט איר פאָטער אין איצטיקן מאָמענט נישט צעשטערן איר גרויס און הייליק גליק? זי איז שנעל אויפגעשפּרונגען פון איר אָרט. זי מוז איצט זיין דאָרטן! —האָט זי צו זיך אַליין אויסגעשריגן— דאָרטן, ביי איר איזידאָרן...

סוזי האָט זיך אָפּגעווישט די טרערן, און גרייטנדיק זיך אַריינצוגיין אין אויפנעם־צימער, האָט זי אַ נעם געטון דאָס בילד פון איר מוטער, צוגעדריקט עס צו איר פאַרוויייטיקט האַרץ, און מיט טרערן אין אירע אויגן אויסגעשריגן:

— מאַמע טייערע... העלף מיר!...

מער האָבן איר די טרערן נישט געלאָזט ריידן. זי האָט אָפּגעווישט דאָס בילד פון די טרערן, אויפגעהאַנגען עס אויפן זעלבן אָרט און זיך צוגעגרייט אַריינצוגיין אין אויפנעם־צימער, וואו עס ווערט אין איצטיקן מאָמענט באַשלאָסן איר גורל.

קאפיטל 11

אויף לאַנגע יאָרן...

איזידאָר איז רואיק געזעסן אין אויפנעם-צימער און געוואַרט אויפן אַריינקומען פון פּראָפעסאָר. ער איז געווען פעסט אַנטשלאָסן היינט מיט אַלעם צו פאַרענדיקן, און ווי טראַגיש די ענדע זאָל נישט זיין, וועט ער זי מקבל באהבה זיין, וועט ער אַלץ פאַר ליב נעמען. ער פילט אַז זיין גורל איז אויף דער וואָגשאָל. ער האָט אָבער נישט קיין אַנדערן אויס-וועג, און כאָטש ער ווייסט פון פריער אַז עס וועט אים זיין שווער זיך צו שיידן מיט דעם הויז, דאָס הויז וואָס האָט אים געגעבן פרייד און גליק; אויפשטייג און אויסהאַלט, און נאָך מער: זיין ערשטע ליבע, דאָך —טראַכט ער זיך— וועט ער עס מוזן טון. און מער ווי אַלץ איז ער זיכער, אַז זיין ליבער און גוטער פּראָפעסאָר וועט אים צוהעלפן דערצו.

לאַנג האָט איזידאָר נישט קיין צייט געהאַט צו טראַכטן. ווי נאָר ער האָט איינגעפעדימט דעם געדאַנק וועגן זיין גורל, האָט זיך די טיר געעפנט און זיין פּראָפעסאָר, אין זיין לאַנגן געבלומטן שלאָפראָק, איז אַריינגעקומען און האָט מיט פרייד אויסגערופן צו זיין שילער:

— איזידאָר! וואָס טוט איר היינט דאָ? דאכט זיך, אַז היינט איז נישט אייער לעקציע-טאָג?

— ריכטיק, הער פּראָפעסאָר, —האָט איזידאָר מיט אַ ציטערדיקער שטימע געענטפערט.— איך האָב אָבער געמוזט קומען צו אייך. איך מוז מיט אייך עפּעס רעדן.

— האָט איר שוין נישט געקאָנט אויסגעפינען קיין שענערן טאָג דערצו ווי היינט? —האָט דער פּראָפעסאָר שפּאַסיק געפרעגט.

— הער פּראָפעסאָר! —האָט איזידאָר האַסטיק געזאָגט.— דער טאָג איז פונקט צוגעפּאַסט צו מיינע ליידן, צו מיין האַרץ און צו מיין געמיט...

— איזידאָר, —האָט שוין דער פּראָפעסאָר געזאָגט מיט פאַרוואונ־דערונג— וואָס פאַר אַן אומגליק האָט מיט דיר געטראָפן? זאָג מיר, וואָס איז דיר געשען וואָס דו ביסט געוואָרן אַזוי מוטלאָז, אַזוי טרויעריק?

איזידאָרן איז שווער געווען אָנצוהייבן זיין געשפּרעך, און כאָטש ער האָט שוין אַלץ געהאַט צוגעגרייט, ווי אַזוי און וואָס צו ריידן צו זיין פּראָפעסאָר, דאָך איז עס אים געווען זייער שווער אָנצוהייבן. ער האָט געפילט, אַז דאָס גייט ער באַגיין זיין גייסטיקן און מאָראַלישן זעלבסט־מאָרד. ער האָט זיך געשעמט אָנצוהייבן דאָס געשפּרעך. ער האָט אָבער אויסגענוצט די טונקלקייט אין צימער —צוליבן רעגן— כדי נישט דער־קענט צו ווערן פון פּראָפעסאָר, וועלכער איז אגב געווען אַ גלענצנדיקער פּסיכאָלאָג און גרדאַנקען־קענער. ער וואָלט גערן געוואָלט, אַז איצט זאָל אין דער גאַנצער וועלט הערשן אַזאַ פינצטערניש, ווי ביי אים אויפן האַרצן... אַז קיינער זאָל זיין פּנים נישט קאָנען זען; אַז קיינער זאָל פון זיין פּנים נישט קאָנען אַראָפּלייענען זיינע געדאַנקען. דער פּראָפע־סאָר האָט מאָמענטאַל דערפילט, אַ די פינצטערניש אין צימער שטערט אים צו קאָנען שטודירן די געדאַנקען וואָס פאַראורזאַכן אַזעלכע שמערצן זיין שילער, וועמען ער האָט ליב געהאַט ווי זיין לעבן, ווי זיין אייגן קינד. ער האָט אָנגעדריקט אַ קנעפּל אין וואַנט, און מאָמענטאַל האָט אַ בליץ געטון אין צימער אַ בלענדנדיקע ליכטיקייט. דער גרויסער זשיראַנדאָל אין מיטן צימער האָט אויפגעפלאַמט, און אַ העלער ליכטיקער שטראַל האָט באַלויכטן דאָס פאַרפינצטערטע פּנים פון דעם ליידנדיקן איזידאָר. דער פּראָפעסאָר האָט אַ צעשמייכלטער ארויסגערוקט זיין פאָטעל, זיך ברייט אריינגעזעצט אין אים. דאַן האָט ער צוגערופן איזידאָרן צו זיך, אים אַ גלעט געטון און ווי אַ פּראָפעסאָר צו זיין שילער, האָט ער באַ־פעלעריש אַ זאָג געטון:

— איזידאָר, זעץ זיך דאָ, קעגנאיבער מיין פאָטעל!

איזידאָר, דער געהאָרכזאַמער שילער, האָט זיך נישט אַקעגנגע־שטעלט. ער האָט לאַנגזאַם אוועקגערוקט אַ בענקל, אוועקגעשטעלט עס קעגנאיבער דעם פּראָפעסאָר און מיט רעספּעקט זיך דערויף אוועקגע־זעצט.

אַ קורצע ווייַלע האָט געהערשט אַ שטילקייט אין סאַלאָן. ביידע,

דער פּראָפעסאָר און זיין שילער, האָבן פאַרעקשנט געשוויגן. דער פּראָ־פעסאָר האָט דאַן לאַנגזאַם אויפגעהויבן זיינע אויגן, טיף אַריינגעדרונגען אין זיין שילערס פּנים, גוט פּסיכאָלאָגירט זיינע געזיכט־שטריכן, און ענדלעך אַרויסגעזאָגט:

— איך זע, איזידאָר, אַז עפּעס אַ שווערער ענין פּייניקט דיין געוויסן. דו דאַרפסט עפּעס באַשליסן און עס קומט דיר אָן שווער דיין באַשלוס. איך ווייס, איזידאָר, —האָט דער פּראָפעסאָר נאָך אַן אָטעם־פּויזע געזאָגט— איך ווייס, אַז דו ביסט דאָ שרעקלעך איינזאַם. אויסער מיין שטוב מיין היים, האָסטו נישט קיין הויז וואו אַריינצוקומען. פון דיין אייגענער היים ביסטו שוין לאַנג אָפּגעריסן. דו זוכסט פאַר וועמען זיך אַראָפּצורײדן פון האַרצן, און דו האָסט נישט... טאָ פאַרוואָס זאָלסטו עס נישט טון פאַר מיר? דורך דער צייט וואָס דו ביסט דאָ אין לאַנד ביסטו געווען פאַר מיר נישט נאָר אַ שילער, נישט נאָר אַ סטודענט, ווי אַלע איבעריקע טויזנטער סטודענטן, נאָר ווי אַן אייגן קינד. איך האָב געזאָרגט פאַר דיין דערציאונג. איך האָב אָנגעווענדעט אַלע מעגלעכקייטן, אַז עס זאָל דיר לייכט אָנקומען דיין שטודיום. איך האָב געזאָרגט פאַר דיין פּערזענלעכן אויסהאַלט, פּונקט ווי אַ פאָטער פאַר זיין קינד. אמת, דו ביסט טאַקע דער שילער און איך — דער פּראָפעסאָר. אָבער אין איצטיקן מאָמענט, ווען דיך פּייניקט אַ האַרבע פראַגע, ווען דיר איז שווער זיך אַליין אַן עצה צו געבן, וועל איך ווידער זיין נישט נאָר דיין פּראָפעסאָר, נאָר דיין פאָטער, וועלכער וועט דיר עצהן נאָר צום גוטן... נאָר פאַר דיין וואויל און פאַר דיין גליק...

איזידאָר האָט סטאַטיש געשוויגן. די גאַנצע צייט וואָס דער פּראָפעסאָר האָט גערעדט, האָט איזידאָר געהאַלטן פעסט איינגעשלאָסן דאָס פּנים אין זיינע הענט, אָנגעלענט אויף די קניען ווי ער וואָלט וועלן פאַרשטעלן זיין פינצטער פּנים פאַרן צו־שטאַרקן בלענדנדיקן ליכט. און ווען דער פּראָפעסאָר האָט אַרויסגערעדט צו אים די ווערטער, אַז „ער וועט אים זיין ווי אַ פאָטער", האָט ער אויפגעהויבן דאָס פּנים פון זיינע הענט, שטאַרק אָנגעקוקט דעם פּראָפעסאָר, און דאַן האָט ער אַריינגערעדט אין חלל אַריין:

— מיין פאָטער... מיין פאָטער... מער האָט איזידאָר נישט גערעדט. זיין פאָטערס בילד איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן. ער זעט

אים ווי ער שטייט איינגעהילט אין זיין טלית בעתן דאווגען; און אַט זעט ער זיין מוטער... זיין מאַמע, די גוטע און ליבע מאַמע, וועלכע האָט אים געהאָלפן ארויסרייסן זיך פון די ענגע פיר ווענט פון זיין היים, ארויס אין דער ברייטער וועלט אריין... זיין מאַמען זעט ער, ווי זי שפּרייט אויס אירע הענט צום ליכט־בענטשן... עס טאַנצן פאַר זיינע אויגן היימישע בילדער, היימישע יידישע חתונהס, יידישע שימחות, יידישע ימים־טובים. ער וויל עפּעס ארויסרעדן, ער וויל איינפעדימען א געשפּרעך ער קאָן אָבער נישט אָנכאַפּן קיין פאַדים.

דער פּראָפעסאָר, באַמערקנדיק דעם אינערלעכן קאַמף וואָס קומט פאָר אין זיין שילערס האַרץ, ווי שווער עס איז אים אָנצוהייבן דאָס געשפּרעך, האָט געזאָגט:

— איזידאָר, אפשר... אפשר אַן אומגליקלעכע ליבע?

— ניין, הער פּראָפעסאָר, —האָט איזידאָר האַסטיק אָנגעכאַפּט די ווערטער פון פּראָפעסאָר, ווי ער וואָלט געזען אין מיטן ווילדן בלאָנדזשענדיקן וואַלד אַן אויסגעטראָטענע סטעזשקע— נישט קיין אומגליקלעכע ליבע... פאַרקערט, הער פּראָפעסאָר, פאַרקערט. די ליבע איז אַ גליקלעכע, נאָר איך בין אומגליקלעך...

— איזידאָר, שילער מיינער, —האָט דער פּראָפעסאָר ווי זיך געבעטן ביי אים— פאַרוואָס זאָלסטו פאַר מיר נישט דערציילן וועגן דיין ליבע? איך בין טאַקע אַן עלטערער מענטש, איך האָב אָבער גענוג פּראַקטיק געהאַט אין מיין לעבן. מיינע פּראָפעסאָרישע עצות קאָנען אַמאָל העלפן צעבראָכענע הערצער פון ליבע, —האָט דער פּראָפעסאָר געפּרואווט מאַכן שפּאַס כדי אַזוי אַרום באַוועגן זיין שילער ארויסצוקרימען מיט לשון.

— איר האָט רעכט, הער פּראָפעסאָר, —האָט איזידאָר באַרואיקנדיק זיך געענטפערט.— איך וועל אייך אַלעס איבערגעבן. איר זענט אויך דער איינציקער מענטש אין דער וועלט וואָס קאָן מיך ראַטעווען פון מיין לאַגע, נאָר איר, הער פּראָפעסאָר.

איזידאָר האָט אויף אַ מינוט איבערגעריסן זיינע ווערטער. ער האָט צוזאַמענגענומען אַלע זיינע חושים, אַלע זיינע טראַכטענישן פון גאַנצן טאָג, און דאַן האָט ער אָנגעהויבן:

— הער פּראָפעסאָר, איך וועל גלייך צוטרעטן צום ענין. איך וויל

אייך נישט שילדערן מיינע אינערלעכע ליידן, איך דארף אייך נישט דערציילן וועגן מיין איינזאמקייט און מיין אפגעריסנקייט פון א היים, פון א פאמיליע־לעבן, ביז איך בין אריינגעקומען אין אייער שטוב אריין. איר ווייסט עס אליין. איך האב זיך געוואלט פארשאפן א היים, אן איי־גענע היים... און... און...

איזידאר איז געבליבן שטיין. עס האט אים עפעס געדריקט אין הארצן. ער האט נישט געקאנט ארויסריידן דעם גאנצן עיקר. דער פראָ־פעסאר, מיט זיין קלוגשאפט און גלענצנדיקער פארשטענדעניש, האט אים געפרואווט ארויסהעלפן. ער האט שמייכלענדיק אים געקוקט אין די אויגן אריין און דאן האט ער ערנסט געזאגט:

— און... דו האסט זיך פארליבט אין א מיידל...

איזידאר האט אויפגעהויבן זיינע אויגן. ער האט אנגעשטעלט זיין גאנצע זע־קראפט אויפן פראפעסאר, און ענדערנדיק זיין טיף־ערנסט פנים אויף א לייכט־שמייכלענדיקס, האט ער לאנגזאם געזאגט:

— ריכטיק, הער פראפעסאר, איר האט מיך גוט פארשטאנען. איך האב זיך פארליבט אין א מיידל. שיין, גוט, קלוג, יונג, איידל, געלערנט, נאר...

— נאר וואס — האט דער פראפעסאר נישט ארויסגערעדט, נאר מיט זיין טיפן בליק געפרעגט זיין שילער. איזידאר איז אבער געבליבן א שווייגנדיקער און דאס האט באוואוגן דעם פראפעסאר זיך אביסל צו פארטראכטן. דער פראפעסאר איז געווען זיכער, אז צווישן זיין שילער מיט זיין טאכטער שפילט זיך אפ א שטילע ליבע, כאטש נישט די טאכ־טער און נישט דער שילער האבן ווען עס איז געלאזט פאלן א ווארט וועגן דעם, אבער דער פאטערלעכער אינסטינקט וועט אים נישט נארן; און איצט דערוויסט ער זיך גאר, אז זיין שילער איז פארקראכן אין אן אומגליקלעכער ליבע צו א מיידל. דאס האט דעם פראפעסאר שטארק פארדראסן. וואס האט ער אלץ נישט געטון פאר זיין שילער, אז ער זאל אויסוואקסן א מענטש מיט מענטשן צוגלייך, און איצט? איז עס דער לוין פאר זיינע אלע באמיאונגען לטובת זיין שילער?

דער פראפעסאר האט איבערגעריסן זיין טראכטן. ער האט קאנ־צענטרירט זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט אויף זיין שילער, און ווען יע־

נער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום פּראָפעסאָר, האָט דער פּראָפע־סאָר פּעסט געזאָגט:

— יונג... שיין... קלוג... איידל... און אַן אומגליקלע־כע ליבע...

— ניין! —האָט איזידאָר מיט ווייטיק געזאָגט.— די ליבע איז אַ גליקלעכע... אַ ריינע... אַן ערנהאַפטע... נאָר איך, הער פּראָ־פעסאָר, איך בין אומגליקלעך...

— און וואָס באַשטייט דיין אומגליק? —האָט דער פּראָפעסאָר שוין געפרעגט מיט פּאַראינטערעסירטקייט.— אויב דאָס מיידל איז שיין, גוט, קלוג, איידל און אַלע אַנדערע גוטע מעלות, און איר האָט זי אויך ליב, טאָ פאַרוואָס זענט איר אומגליקלעך?

— הער פּראָפעסאָר, —האָט איזידאָר אַרויסגעקרעכצט.— אונדזער ליבע איז די ריינסטע, די גליקלעכסטע, די שענסטע ליבע אין דער וועלט. מיר זענען אַ צוגעפּאַסטע פּאָר, פיזיש און גייסטיק. סאָציאַל שטיי איך אָבער הינטערשטעליק. איר פאָטער איז רייך, אַנערקענט פון דער גאַנ־צער געזעלשאַפט מיט אַ נאָמען איבערן גאַנצן לאַנד און איך בין אַן אָרעמער סטודענט וועלכער ווערט אויסגעהאַלטן פון...

— איזידאָר! —האָט דער פּראָפעסאָר איבערגעריסן זיינע ווער־טער.— וואָס רעדסטו? דו האָסט מיך באַליידיקט!...

איזידאָר איז שטיל געבליבן. עס איז קענטיק געווען, אַז עס איז אים שווער געווען צו פאַרענדיקן די פראַזע ביז צום סוף.

דער פּראָפעסאָר האָט שוין אינגאַנצן פאַרגעסן זיין באַליידיקט גע־פיל וועגן זיין שילער, וועלכער האָט אָנגעהויבן מיט אַנדערע ליבעס. די גאַנצע געשיכטע האָט אים פאַראינטריגירט. ער האָט געזען אַז זיין שי־לער ליידט שרעקלעך פון זיין ליבע, און וועלנדיק פאַרלייכטערן אים זיינע ליידן, האָט ער זיך אָנגערופן צו איזידאָרן:

— איזידאָר, דו שטייסט גייסטיק העכער פון דעם גרעסטן מיליאָ־נער. קיינער האַלט דיך נישט אויס אומזיסט! דו ביסט דער לערער פון מיין טאָכטער און וויפל איך צאָל דיר דערפאַר איז אַלץ נאָך ווייניק. זיי נישט געפאַלן ביי זיך וואָס דו האָסט נישט קיין מיליאָנען. דיין וויסן און קענטעניש זענען מער ווערט ווי מיליאָנען... דיין נאָמען מוז ווערן ווי אַ לייכטנדיקער מעטעאָר און בריליאַנטענער שטערן אין אַ

פינצטערער נאכט. שטאלץ דארף זיך פילן יענע פאמיליע צו וועלכער דו וועסט אריינקומען. אויך דאס מיידל, וואס וועט געווינען דיין ליבע, וועט דארפן זיין די גליקלעכסטע פרוי אויף דער וועלט...

איזידאר איז באגייסטערט געווארן פון פראפעסארס ווערטער. ער האט שוין אינגאנצן פארגעסן צוליב וואס ער איז דא אהער געקומען. דעם פינצטערן אפשיין פון רעגנדיקן דרויסן האט איזידאר מער נישט געזען; ער האט נאר געזען ליכטיקע זונען און פינקלענדיקע שטערן... דער פראפעסאר האט אים איבערגעריסן זיינע האלוצינאציעס, און ער האט אים פאטערלעך געפרעגט:

— איזידאר, קאן איך אפשר וויסן די וייטערדיקע געשיכטע פון דיין ליבע?

— הער פראפעסאר, —האט איזידאר מיט רעספעקט געזאגט— איר האט אפשר אביסל איבערגעטריבן פון מיין פערזאן. זאלן מיר אבער אננעמען, אז אלץ וואס איר האט געזאגט איז ריכטיק, איז אבער דא נאך א שטערונג וואס קאן צעברעכן מיין גליק. ווי האט געזאגט שעקספיר: „נישט אלץ איז גאלד וואס עס גלאנצט"... ריכטיק האט איר געזאגט: איך האב נישט קיין געלט — האב איך גייסט... ס'איז אויך עפעס ווערט... עס איז אבער פאראן נאך א שטערונג נאך אן אבן־נגף וואס קאן שטערן מיין ליבע. איך בין א... ייד...

— טא איז וואס? —האט דער פראפעסאר געפרעגט מיט פארוואונדערונג.— אין אונדזער לאנד איז נישטא קיין שטערונגען פאר קיין ייד. דא איז נישט פוילן און נישט דאס צארישע רוסלאנד. דא — אין אונדזער דייטשלאנד — לעבן זיך יידן פונקט אזוי ווי דייטשן און ווי אנדערע פעלקער, און דאס וואס איר זענט א ייד, איז זיכער נישט קיין שטערונג צו אייער גליקלעכער ליבע. איך וואלט אבער געוואלט וויסן ווער איז דאס מיידל?

איזידאר איז געבליבן געפלעפט פון פראפעסארס ווערטער. ער איז גארנישט געווען צוגעגרייט צו דער עקסטרעמער פראגע. ער האט זיך אויפגעשטעלט פון שטול, ארומגעדרייט זיך איבערן צימער אייניקע מאל. ענדלעך איז ער צוגעגאנגען נאענט צום פראפעסאר און פעסט אים געזאגט:

— יא, הער פראפעסאר, איר קענט עס וויסן. נאר פריער וויל איך

אייך אויפמערקזאַם מאַכן, אַז דאָס מיידל וואָס איך האָב ליב איז דער־צויגן געוואָרן אין דער קאַטוילישער רעליגיע, און איך בין אַ ייד און וויל בלייבן אַ ייד!

איזידאָר האָט געגלויבט, אַז דערמיט האָט ער אויסגעשאָסן דעם גאַנצן פּולווער; אַז דערמיט וועט ער דעם פּראָפעסאָר אינגאַנצן צע־מישן... דער פּראָפעסאָר האָט זיך אָבער ווייניק־וואָס געמאַכט דער־פון; איזידאָרס ווערטער האָבן אַ קנאַפּן איינדרוק געמאַכט אויפן פּראָ־פעסאָר. ער האָט נאָר אָפּגעוואַרט געציילטע סעקונדן און ער האָט אַ שמייכלענדיקער געזאָגט:

— ביי אונדז אין דייטשלאַנד איז דאָס נישט קיין פעלער, ווען די ראַסן מישן זיך אויס. אין די טויזנטער קאָן מען ציילן די געמישטע חתו־נות אין דייטשלאַנד. פאַרקערט, דער אויסמיש פון די בלוטן און פון די פעלקער איז אַ גרויסער געווינס פאַר אונדזער לאַנד.

איזידאָר איז געבליבן שטיין אין מיטן סאַלאָן. ער האָט זיך גאָר־נישט געגלויבט, אַז זיין מאָטיוו וועגן „ייד און קריסט" זאָל נישט האָבן קיין ווירקונג אויפן פּראָפעסאָר; ער ווייזט גאָר אַרויס צופרידנקייט פון אַ צוזאַמענמיש פון ראַסן, פון אַ צוזאַמענמיש פון בלוטן. ער האָט שוין איצט געוואָלט אַ שפּיל טון אויף דער לעצטער קאָרט און זעענדיק אַז דער פּראָפעסאָר גרייט זיך ווידער עפּעס צו זאָגן, האָט ער שנעל פאַר־כאַפּט און אויסגערופן:

— אָבער, חוץ דעם, הער פּראָפעסאָר, איז זי פון דער הויכער גע־זעלשאַפט, פון דעם מיליטערישן און ווויסנשאַפטלעכן קלאַס! און איר פאָטער וועט זיכער נישט דערלאָזן, אַז זיין טאָכטער זאָל עס זיין די יעניקע, וועלכע זאָל צוזאַמענמישן די פעלקער און צוזאַמענגיסן די בלוטן...

— הממ...! —האָט זיך דער פּראָפעסאָר צעשמייכלט. ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צו זיין שילער, אים אָנגענומען ביי דער האַנט, אים צוגעפירט צו דער סאָפע, אַוועקגעזעצט אים און אַליין זיך אַוועקגעזעצט דערנעבן. ער האָט אים גוט אַריינגעקוקט אין זיינע שוואַרצע עבט־יידי־שע אויגן, לאַנג אים פיזיאָנאָמיש באַטראַכט. דאַן האָט ער אָנגעהויבן זיינע ווערטער, נישט ווי איינער רעדט מיטן אַנדערן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. עס האָט אויסגעזען, ווי דער פּראָפעסאָר וואָלט איצט גע־

האַלטן אַ גוט־פאַרטראַכטן רעפעראַט איבער זיינס אַן אנטדעקונג; ווי ער וואָלט איצט געשטאַנען ביי זיין פולפּיט אין אוניווערזיטעט, ביי זיינס אַן אַנאַטאָמישער לעקציע. ער האָט געלאָסן אָנגעהויבן זיינע ווערטער, פּונקט ווי אויף דער מעדיצינישער קאַטעדרע:

— מיין ליבער שילער. דו ביסט נאָך אַ גאַנץ קליינע צייט אין אונ־דזער לאַנד. דו קענסט נאָך ווייניק דאָס דייטשישע פאָלק. דו האָסט נאָך נישט גוט שטודירט די דייטשישע פרוי. דו האָסט נאָר־וואָס אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די דייטשישע ליבעס. איך וועל דיר אָבער קענען מיטהעלפן אין דיין נייעם שטודיום, צו קענען ווירקן אויף דער פאַמיליע און נאָך מער — אויף דער געליבטער אַליין. ווייל דאָס איז דאָך דער ענדציל! איין זאַך מוזטו מיר אָבער זאָגן, מעג עס אַפילו זיין אַ סוד. אויב דו האָסט אָנגעהויבן זיך צו פאַרטרויען פאַר מיר, דאַן מוז איך אַלעס וויסן. זאָג מיר, מיין ליבער שילער, ווער איז דיין געליבטע און ווער איז איר פאָטער? אפשר וועל איך דיר קע־נען מיט עפּעס מיטהעלפן אויף דעם געביט? בין איך דען נישט ביז איצט געווען צו דיר ווי אַ פאָטער? האָב איך דיר דען נישט מיטגע־האָלפן מיט וואָס איך האָב נאָר געקאָנט? פאַרוואָס זאָלסטו אויסבאַ־האַלטן פון מיר?! פאַרוואָס זאָלסטו אומזיסט ליידן, ווען דו קאָנסט זיין גליקלעך און אויך מאַכן דיין געליבטע פאַר דער גליקלעכסטער אין דער וועלט. זאָג מיר, מיין שילער: ווער איז זי, דיין געליבטע?

— הער פּראָפעסאָר, —האָט איזידאָר לאַנגזאַם געציילט זיינע ווערטער— מיין גליק און מיין געליבטע געפינען זיך נאָענט פון אונדז, און איר פאָטער... —האָט ער זיך גענומען קווענקלען און נישט גע־קאָנט פאַרענדיקן— איר פאָטער איז...

— ווער איז ער? —האָט דער פּראָפעסאָר מיט נייגיר אונטערגע־כאַפּט און האָט זיך אויפגעשטעלט פון דער סאָפע.

— איר פאָטער... —האָט איזידאָר ווידער גענומען ציען זיינע ווערטער און אויך זיך אויפגעשטעלט פון דער סאָפע. זיי זענען געבליבן שטיין פּנים אל פּנים. איזידאָר האָט טיף איינגעגראָבן זיינע אויגן אי־נעם געזיכט פון פּראָפעסאָר. ער האָט שוין וואָס שנעלער געוואָלט אַראָפּוואַרפן דעם שווערן שטיין פון זיין האַרץ. ער האָט באַשלאָסן מער נישט צו וואַרטן און אַרויס מיטן גאַנצן סוד. זאָל שוין זיין וואָס עס

דארף צו זיין. ער האָט אויסגעגלייכט זיין גאַנצער פיגור, ווי אַ פּראָס־טער סאָלדאַט פאַר זיין עלטסטן, ווען ער דארף אָפּגעבן זיין ראַפּאָרט. ער האָט צוזאַמענגענומען זיין גאַנצן קוראַזש און מיט פעסטקייט אויסגע־רופן:

— איר פאָטער — דאָס זענט איר, הער פּראָפעסאָר! און איצט וועט איר נאָך זאָגן, אַז עס איז גוט אויסצומישן פעלקער און צוזאַמענ־גיסן בלוטן?

איזידאָר איז געווען זיכער, אַז אויב ער וועט אַלץ אויסזאָגן זיין פּראָפעסאָר, וועט ער זיכער חרטה האָבן אויף זיינע פריערדיקע ווערטער; ער וועט נישט וועלן אַז זיין טאָכטער, זיין איינציק קינד, זאָל חתונה האָבן מיט אַ ייד; אַז זיין אריסטאָקראַטישע קאַטוילישע טאָכטער זאָל זיך פאַרמישן מיט יידיש בלוט; אַז דער פּראָפעסאָר וועט זיכער נישט צולאָזן דערצו, און אַזוי אַרום וועט ער זיך באַפרייען פון זיין גליקלעך־אומגליקלעכער ליבע.

דער פּראָפעסאָר גראַנאַך האָט אים אָבער לאַנג נישט געלאָזט טראַכטן. ער האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבן זיין האַנט, פאַרלייגט זי אויף זיין אַקסל. ער האָט זיך צוגערוקט נאָענטער צו אים, ווי צו אַ רעוואָל־טירנדיק קינד, וועמען מען וויל גוט און הבריש מאַכן צו זיך. מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער אויפגעהויבן איזידאָרס אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן אַריין, האָט ער אַ צעשטראַלטער גע־זאָגט:

— איזידאָר! קינד מיינס! איך בין גליקלעך מיט דיין ליבע צו מיין טאָכטער!

דער פּראָפעסאָר האָט זיך אָנגעשטרענגט, אַז ער זאָל פון צופיל פרייד און גליק נישט פונאַנדערוויינען זיך. ער האָט קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און ער האָט ווייטער געזאָגט:

— איזידאָר, שילער מיינער, קינד מיינס! איך גלויב אַז אויך מיין טאָכטער וועט זיין די גליקלעכסטע אין דער וועלט. איצט האָף איך, אַז קיינמאָל וועט דיין גליק נישט צעשטערט ווערן.

פּראָפעסאָר גראַנאַך האָט געגלויבט, אַז אָפּגעבנדיק אַזאַ צופרידנ־שטעלנדיקע דעקלאַראַציע, וועט זיין שילער זיין אין זיבעטן הימל. אי־זידאָר האָט זיך אָבער לאַנגזאַם באַפרייט פון זיין פּראָפעסאָרס חברישער

אומאַרמונג. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, און קוקנדיק אין דער רעגנדיקער גאַס אריין, האָט ער אין זיך געטראַכט, אַז אויך זיין לעבן איז איצט אַזוי גרוי און אומעטיק ווי די גאַס; אַז זיין גליק הענגט איצט אין דער לופטן, פּונקט ווי די אָנגעטרונקענע וואָלקנס. ער האָט זיך האַס־טיק אויסגעדרייט צום פּראָפעסאָר, ער האָט זיך געגרייט עפּעס אַרויס־צושרייען פון זיך. אָבער אין דעם מאָמענט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר. איזידאָר איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל און פאַרשטיקטע ווערטער. דער פּראָפעסאָר האָט זיך געשוכבט, צי זאָל ער וועמען אַריינ־לאָזן אין איצטיקן דעצידירנדיקן מאָמענט פאַר זיין טאָכטער און פאַר זיין שילער. ער האָט זיך אָבער געכאַפּט, אַז קיין פרעמדער וועט זיכער איצט צו אים נישט אַריינקומען, האָט ער מיט אַ שטילער שטימע גע־הייסן אַריינגיין.

די טיר האָט זיך שטיל געעפנט און אויף דער שוועל האָט זיך באַ־וויזן דעם פּראָפעסאָרס טאָכטער, סוזי. זי איז געשטאַנען אַ בלייכע, אַ צעשראָקענע, ווי זי וואָלט אינערלעך פון עפּעס געוווען געליטן. זי האָט אָבער — ווי גאָרנישט ווייסנדיק אַז איר לערער געפינט זיך דאָ — אויס־גערופן מיט אַ געמאַכטער פרייד:

— אָ! מיין פּראָפעסאָר!

איזידאָר האָט זיך עלעגאַנט פאַרנייגט פאַר איר. ער האָט זיך אין דעם מאָמענט דערמאָנט אין זיין ערשטער באַגעגעניש מיט איר. אייך דעמאָלט איז זי געווען אַזוי בלייך, אַזוי דערשראָקן. ער האָט באַדויערט וואָס ער האָט געהאַט זיין ערשטע באַגעגעניש מיט איר. ער וואָלט אַ סך ליידן געקאָנט אויסמיידן. איצט, אָבער, ווען ער האָט זיך פאַרנייגט פאַר איר, האָט ער שוין פאַרגעסן אין זיין גאַנצן קאַמף וואָס ער האָט פאַרגענומען קעגן איר; ער האָט שוין אָנגעהויבן חרטה האָבן אויף אַלעם: אויף זיין ליבע, אויף זיין באַגעגעניש, אפילו אויף זיין אומדער־מידלעכן אינערלעכן קאַמף קעגן זיין גליק, קעגן זיין ליכטיקער צוקונפט. ער האָט אָבער נאָך נישט געוואָלט רעזיגנירן פון אַלעם. ער האָט גע־פּרוווט שפּילן אויף דער לעצטער קאָרט זיין טראַגישן שפּיל, און אין דער זעלבער צייט וואָס סוזי איז צוגעגאַנגען צו איר פאָטער, איז איזי־דאָר צוגעגאַנגען אין דער אַנדערער זייט. ער האָט זיך געמאַכט קוראַזש און מיט אַ פעסטער שטימע האָט ער זיך אָנגערופן צו זיין פּראָפעסאָר:

— הער פּראָפעסאָר, וועט איר נישט זיין דאַקעגן צו נעמען אַ ייד פאַר אייער טאָכטער אַלס מאַן?

— ניין! — איז געווען דער פעסטער ענטפער פון פּראָפעסאָר. — אויך איך בין אַ ייד! און דאָס האָט מיר גאָרנישט געשטערט אין דער ליבע צו מיין פאַרשטאָרבענער פרוי.

איזידאָר איז געבליבן שטיין אינגאַנצן צעמישט. אויף דעם האָט ער זיך גאָרנישט געריכט. ער קען שוין זיין פּראָפעסאָר אַ לענגערע צייט; ער הערט זיך צו צו זיינע לעקציעס אויפן פאַקולטעט, ער קומט צו אים אין שטוב אריין, ער האָט שוין געהערט דעם פּראָפעסאָרס נאָמען פון טויזנטער מענטשן, ער האָט אָבער קיינמאָל נישט געהערט דערמאָנען אַז דער פּראָפעסאָר איז אַ ייד. אים איז אַ שאָד געווען לאַנג צו טראַכטן וועגן זיין וואַכן חלום. ער האָט מורא געהאַט אַז ער זאָל נאָר נישט אויפשטיין אין מיטן פון אַ שלאָף און זען אַז עס איז נישט קיין ווירקלעכקייט. זיין געדאַנק האָט געאַרבעט מיט אַן אַטאָמישער קראַפט און אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט. ער האָט נאָך אָבער אַלץ געמיינט אַז עס איז אַ חלום, אַז ער האָט טאַקע ליב אַ יידישע טאָכטער, אָבער — האָט ער זיך ווי אין דערמיט פאַרהאַקט— צי איז עס טאַקע אמת? וועט ער קאָנען ווייטער פאַרבלייבן אַ ייד? און ציענדיק ווייטער די זעלבע ליניע, האָט ער, נאָך אייניקע סעקונדן שווייגן, אויסגעשריגן:

— איז עס אמת, הער פּראָפעסאָר, איר זענט אַ ייד? און אייער טאָכטער איז אויך אַ יידישע?

— אַביסעלע אַנדערש, —האָט דער פּראָפעסאָר מיט אַ קנייטש גע־ענטפערט— אַביסעלע אַנדערש, ווי איר האָט געפרעגט. זי איז די טאָכטער פון אַ ייד.

— און איר מוטער? —האָט איזידאָר געפרעגט.

— איר מוטער, —האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט— איז געווען אַ קריסטין. ער איז געבליבן גאַנץ רואיק אויך נאָך די ווערטער, גלייך עס וואָלט גאָרנישט געווען קיין פסול אין דער משפחה, נאָר אַ גאַנץ געוויינלעכער ענין.

איזידאָר האָט גענומען אריינטראַכטן אין דעם. ער האָט גענומען רעדן צו זיך אַליין: אַ יידישער פאָטער... אַ קריסטלעכע מוטער.

דער פּראָפעסאָר איז ווייטער ייד. וועט ער אַליין דאָך אויך קאָנען בלייבן אַ ייד! ער האָט זי דאָך ליב... זיין סוזי...

סוזי, וועלכע האָט זיך צוגעהערט צום געשפּרעך, האָט זיך אויפן מאָמענט נישט אָריענטירט. זי האָט געוואָלט פרעגן ביים פאָטער מער אויספירלעכעס וועגן זייער געשפּרעך; זי האָט געוואָלט וויסן וואָס דאָ קומט פאָר. איזידאָר איז איר אָבער פאַרלאָפן דעם וועג. ער האָט זי אָנגענומען ביי אַ האַנט, און אַריינקוקנדיק איר אין אירע טיף-בלויע אויגן, האָט ער זיך אָנגערופן:

— סוזי, מיין ליבע און טייערע סוזי, זאָג אַז דיין פּאַפּאַ זאָל הערן, זאָג אָפן און פריי: האָסטו געוואוסט אַז איך בין אַ ייד?

— עס האָט מיך נישט אינטערעסירט דיין ראַסע — האָט סוזי רואיק און אויפריכטיק געענטפערט.

— ווייסטו איצט אַז איך בין אַ ייד? — האָט איזידאָר איר ווייטער געפרעגט.

— איך וויים — האָט זי פעסט געענטפערט —, און דו ביזט ביי מיר דער זעלבער וואָס פריער.

איזידאָר האָט זיך אַביסל אָפּגערוט פון זיינע פראַגן, ער האָט זיי אָבער נישט אויסגעשעפּט. ער האָט נאָר געדאַרפט אַביסל זיך אָפּרוען, כדי איר צו קאָנען שטעלן אַ זייער דעליקאַטע, אָבער דאָך אַ האַרבע פראַגע. ער האָט טאַקע נישט געוואָלט איבעררייסן דעם פאָדים פון געשפּרעך. ער איז שוין איצט געווען דעצידירט צו פאַרענדיקן מיט אַלעם. אויב האָט זיך עס נישט געלאָזט צעשטערן, זאָל ער עס שטאַרקער פאַרפעסטיקן, און אָפּכאַפּנדיק אַביסל דעם אָטעם, האָט ער ווידער געשטעלט אַ פראַגע:

— ענטפער מיר, ליבע סוזי, אויף מיין לעצטער, אָבער זייער ערנסטער פראַגע. נאָר ענטפער קורץ און פריי, זאָל דיין פאָטער הערן: ווילסטו פאַרבינדן דיין לעבן, דיין אייביקע ליבע, דיין צוקונפט, דיין גליק, מיט מיר — דיין לערער? ווילסטו מיך האָבן פאַר דיין לעבנס־באַגלייטער?

סוזי איז געבליבן שטיין פאַרשעמט פון אַזאַ פּלוצימדיקער פראַגע. זי האָט אויך מורא געהאַט פאַר איר פאָטער, וועלכער — לויט זי האָט גערעכנט —, ווייסט ער גאָרנישט וועגן זייער ליבע. אפשר וועט ער

איצט זיין איר גרעסטער שטערער אין איר גליק, נאָר זעענדיק אַז דער פּאַטער שטייט אַ צעשמייכלטער און אַ צופרידענער פון דעם גאַנצן גע־שפּרעך, האָט זי דרייסט און זיכער געענטפערט:

— אויף אייביק, מיין גוטער און ליבער איזי...

איזידאָר האָט דאַן אומגעקערט זיין קאָפּ צום פּראָפעסאָר און מיט אַ פעסטער און זיכערער שטימע אים געפרעגט:

— הער פּראָפעסאָר, זענט איר נישט דאַקעגן, אַז איך זאָל חתונה האָבן מיט אייער טאָכטער?

פּראָפעסאָר גראַנאַך —גלייך ווי ער וואָלט שוין לאַנג דערוואַרט די פראַגע פון זיין שילער— האָט רואיק, אָבער מיט זיכערקייט געענט־פערט:

— קיינמאָל נישט!

איזידאָר האָט אָבער געוואָלט האָבן נאָך אַ פאַרזיכערונג. אַז ער איז זיכער מיט זיין געליבטער, — האָט ער שוין געוואוסט. ער האָט אָבער געוואָלט זיין זיכער מיט זיין גלויבן אויך. ער האָט אָפּגעלאָזט סוזיס האַנט, צוריקגערוקט זיך אַ פּאָר טריט, און מיט זיכערקייט גע־פרעגט:

— הער פּראָפעסאָר, און אויך דו מיין ליבע סוזי, זאָגט מיר ביידע, נאָר אָן צוריקגעהאַלטנקייט: וועל איך ווייטער קאָנען פאַרבלייבן ביי מיין רעליגיע? ביי מיין פאָלק? וועל איך ווייטער קאָנען זיין אַ ייד?

פּראָפעסאָר גראַנאַך, אַ צעשמייכלטער און אַ צופרידענער איז צו־געגאַנגען נאָענטער צו זיין שילער, ווידער אַריפגעלייגט חבריש זיין האַנט אויף זיין אַקסל. ער האָט אויך צוגערופן נאָענטער זיין טאָכטער, אַרויפגעלייגט זיין צווייטע האַנט אויף אירע אַקסלען, און דריקנדיק ביי־דן שטאַרק צו זיך, האָט ער מיט פריידיקע און טרערנדיקע ווערטער גע־זאָגט:

— קינדער, זייט פאַרבונדן מיט אייער ליבע אויף אייביק, און גאָט זאָל אייך פאַרבינדן מיט לעבן. זייט גליקלעך, מיינע צוויי קינדער, קיין שום זאַך אין דער וועלט זאָל נישט קענען צערייסן אייער ליבע; נישט קיין ראַסן, נישט קיין גלויבנס און נישט קיין האַס. זאָלן אייערע רעלי־גיעס נישט זיין קיין שטערונג צו אייער צוזאַמענלעבן. פרייד, ליבע און

גליק זאָלן אייך שטענדיק באהערשן. זייט גליקלעך אין אייער לעבן ווי איך בין געווען...

מער האָט דער פּראָפעסאָר נישט געקאָנט רעדן. ער האָט זיך דער־מאָנט אין זיין צעבראָכן לעבן, מיטן יונגן טויט פון זיין געליבטער ערנא. גלייכצייטיק האָט ער געזען, ווי אַ נייַ לעבן גייט אויף, אַ גליקלעך לעבן ביי זיין איינציקער טאָכטער. ליידנס און פרייידנס־טרערן האָבן אים אָנ־געהויבן שטיקן אין האַלדז. ער האָט צוגעדריקט ביידע קינדער צו זיך און זיי געקושט. דערנאָך האָט ער זיי גענומען אריינפירן אין עס־צימער, כדי צו מאַכן „אַ לחיים". דער גליקלעכער פאָטער, פרייענדיק זיך ווי אַ קליין קינד, האָט כסדר געהאַלטן אין ווישן זיינע אויגן און ווינטשן זיי־נע קינדער:

— גליקלעכע קינדער מיינע, גליקלעכע סוזי מיינע, פאַרוואָס האָט דיין מאַמע נישט דערלעבט דאָס גרויסע גליק? פאַרוואָס האָט מען אי־בערגעריסן מיין לעבן אין מיטן בעסטן בליען? פאַרוואָס קאָן אונדזער גליק נישט זיין גאַנץ? אָבער, — האָט ער זיך געכאַפּט אַז ער האָט שוין אָנגעוויינט צופיל טרויער — קינדער, לאָמיר אריינגיין טרינקען „לחיים" פאַר אייער אייביקן גליק. אויך דער גייסט פון אייער מוטער ווינטשט אייך איצט צוזאַמען מיט מיר: — אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן פון גליק און צוזאַמענלעבן...

קאַפּיטל 12

די וועלט אין פלאַמען

די וועלט האָט אויפגעשטורעמט. אין מיטן פון יאָר 1914 האָט מען אין סערביע אויסגעפירט אַ פּאָליטישן מאָרד. דער עסטרייכישער קרוינפּרינץ איז געפאַלן אַ קרבן פון נאַציאָנאַליסטישע שונאים פון עסטרייך. דער פּאָליטישער שאָס אין סאַראַיעוואָ האָט אַרויסגערופן פאַרשידענע קאָמענטאַרן און ער האָט אָפּגעהילכט אין אַלע אַרומיקע אייראָפּעאישע לענדער און אפילו אין ווייטן אַמעריקע.

אויך אין דייטשלאַנד האָט דער „טראַגישער שאָס" אַרויסגערופן אַ שטאַרקע פאַראינטערעסירונג. אין די גאַסן האָבן שוין די מילחמה־העצער גערופן צו נקמה אין סערביע, און מיטהעלפן דעם פאַרבינדעטן עסטרייך צו קאָנען פאַרניכטן דאָס קליינע סערביע. אויך אין די אוניווערזיטעטן האָבן די סטודענטן גערופן צו עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס קעגן סערביע.

דער נייער רעקטאָר פון דער מינכענער אוניווערזיטעט, וועלכער האָט איבערגענומען דעם אַמט פון פריערדיקן רעקטאָר, דער גוט־באַקאַנטער פּראָפעסאָר און וויסנשאַפטסמאַן, עריקאָ גראַנאַך, וועלכער האָט שוין באַקומען זיין פּערמאַנענטן אורלויב צוליב זיין עלטער, האָט זיך נישט געהאַט צו פאַרשעמען מיט זיין קענטעניש אויף דעם געביט פון מעדיצין, אָדער אפילו כירורגיע און אַנדערע טעכניש־מעדיצינישע וויסנשאַפטן, קעגן זיין פריערדיקן פּראָפעסאָר און אוניווערזיטעט־רעקטאָר. דער דירעקטאָריום פון מינכענער אוניווערזיטעט האָט זיך נישט געקאָנט ווינטשן קיין פּאַסיקערן קאַנדידאַט אויפן רעקטאָר־פּאָסטן, ווי עס איז געווען דער יונגער וויסנשאַפטסמאַן און גרויסער אַנטדעקער אויפן געביט פון דער מעדיצין — דאָקטער שטיינאַך.

דער נייער רעקטאָר האָט פאַרברייטערט די וויסנשאַפטלעכע אַפּטיי־

לונגען פון אוניווערזיטעט. דורך זיינע נייע דערפינדונגען, האָט ער זיך פאַרשאַפט אַ גרויסן נאָמען אין דער גאַנצער מעדיצינישער וועלט בכלל, און אין דייטשלאַנד בפרט. ער איז חוץ דעם אַלעם, אויך געווען אַ גלענ־צנדיקער אָרגאַניזאַטאָר און לעקטאָר אויף פאַרשידענע קורסן און פאַ־קולטעטן אין מינכען. זיינע לעקציעס איבער מוח־ און ביינער־קראַנקייטן זענען געווען אַ שם־דבר איבער גאַנץ דייטשלאַנד.

אויך אין פאַמיליען־לעבן האָט זיך איזידאָר נישט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן. זיין געטרייע און געליבטע פרוי —זיין סוזי— איז אים גע־ווען אַ געטרייע חברטע אין לעבן. זיינע כסדרדיקע זיגן אויפן מעדיצי־נישן און וויסנשאַפטלעכן געביט זענען אויך געווען ביי איר דער גרעס־טער שטאָלץ. זי איז געווען זיכער, אַז איר איזי וועט מיט זיינע אַנט־דעקונגען אויפן מעדיצינישן געביט שטייגן צו דער זעלבער שטופע וואָס דער פּראָפעסאָר איינשטיין אויפן פיזיש־מאַטעמאַטישן געביט, און אַזוי ווי דער נאָמען פון דעם גרויסן פּראָפעסאָר איינשטיין איז דעמאָלט גע־ווען דער שטאָלץ פון דער דייטשישער וויסנשאַפטלעכער וועלט, האָט שוין די גליקלעכע סוזי נישט געקאָנט געפינען קיין פאַסיקערן נאָמען, צו וועמען איר מאַן צו פאַרגלייכן, ווי צו דעם גלענצנדיקן וויסנשאַפטס־מאַן, פּראָפעסאָר איינשטיין.

אויך אויפן רעליגיעזן געביט האָבן זיי געהאַט אַ גליקלעך צוזאַמענ־לעבן, און כאָטש סוזי איז נאָך דער חתונה געוואָרן אַביסל פרייער אויפן רעליגיעזן געביט, אָפּזאָגנדיק זיך אפילו צו באַזוכן די קירכע אין די היי־ליקסטע טעג פון יאָר, האָט זי אָבער נישט געשטערט איר מאַן צו גיין אין טעמפּל אריין, ווען ער האָט נאָר געוואָלט. אפילו איין טאָג אין יאָר ——ווען ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אינגאַנצן פון עסן— האָט זי אים אויך נישט געשטערט. און ווען סוזי האָט אַ יאָר נאָך דער חתונה געשענקט איר מאַן אַ זונדעלע, און איזידאָר האָט באַשלאָסן דורכצופירן די מילה־צערעמאָניע, האָט זיך סוזי אויך נישט קעגנגעשטעלט. דאָס וואָרט פון איר מאַן איז ביי איר אַ געזעץ — אַזוי האָט זי זיך שטענדיק גערימט פאַר אירע חברטעס און געסט.

נאָענט פאַרן שאָס אין סאַראַיעוואָ, איז דאָס לעבן פון גליקלעכן פּאָרפאָלק נאָך שטאַרקער געוואָרן. די שיינע און יונגע סוזי האָט גע־שענקט איר מאַן נאָך אַ קינדעלע — אַ מיידעלע, אַ ריכטיקע קאָפּיע פון

דער מאַמען. צום גליק פון יונגן מאַטן איז גאָרנישט געווען קיין גרענעץ. ער האָט זיין סוזין אויף די הענט אַרומגעטראָגן פאַר גליק און ליבע. דאָס גליקלעכע פאַרפאַלק האָט אָבער נישט פאַרגעפילט די שרעקלעכע טראַגעדיע וואָס עס שטייט פאַר דער וועלט און דער מענטשהייט. זיי האָבן גאָרנישט באַמערקט, אַז די פלאַמען וואָס זענען אָנגעצונדן געוואָרן אין סאַראַיעוואָ, האַלטן זיך שוין ביים אויסשפרייטן איבער דער גאַנצער וועלט.

דער גרויסער וויסנשאַפטסמאַן און רעקטאָר פון אוניווערזיטעט האָט זיך אָפּגעגעבן מיט צוויי זאַכן: מיט זיינע טעאָרעטישע און וויסנ־שאַפטלעך־מעדיצינישע פאָרשונגען און מיט זיין פאַמיליע. ער האָט זיך ווייניק פאַראינטערעסירט מיט פּאָליטיק; ער האָט ווייניק־וואָס פאַר־שטאַנען אין די פאַרשידענע באַמבאַסטישע לאָזונגען און אידעען פון די אַלע הערשנדיקע פּאַרטייען.

שוין אין די ערשטע טעג נאָכן שאָס פון סאַראַיעוואָ, האָט זיך שוין עפּעס אָנגעהויבן צו פילן אין אַלע פאַקולטעטן פון דער מינכענער אוני־ווערזיטעט, אַן אומהיימלעכקייט און אַ נערוועזיטעט. עפּעס האָט מען אין געהיים געגרייט; עפּעס וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען. דער פּראָ־פעסאָר שטיינאַך האָט אָבער גאָרנישט געזען, ער איז געווען פאַרנומען ביי זיינע לעקציעס און ביי זיינע פאָרשונגען.

אָבער אין אַ געוויסן טאָג איז עס געשען: ווען דער פּראָפעסאָר שטיינאַך איז געקומען צו זיינער אַ לעקציע אויפן מעדיצינישן פאַקול־טעט, איז קיין איין שילער נישט געווען אין דעם לעקטאָרן־זאַל, און ווען ער איז אַרויס פון זיין סאַלאָן אין גרויסן פאַרזאַמלונגס־זאַל, האָט ער דאָרטן אָנגעטראָפן אַ גרויסע מחנה סטודענטן פון אַלע פאַקולטעטן. אַלע האָבן זיך דאָרטן פאַרזאַמלט אויף אַ גרויסן מיטינג, וואו עס האָבן גערעדט פאַרשידענע פּאַרטיי־טוער און פּראָפּאַגאַנדיסטן.

אויפן מאָמענט האָט זיך פּראָפעסאָר שטיינאַך נישט אָריענטירט אין וואָס עס האַנדלט זיך. ער האָט גוט געדענקט, אַז אין פריער־אָנגע־צייכנטן פּראָגראַם פון חודש איז גאָרנישט פאַרגעזען געוואָרן אַזאַ צו־זאַמענקום פון אַלע סטודענטן. ער האָט זיך געפּרוּווט אָריענטירן אין וואָס עס האַנדלט זיך, אָבער פון אַלעמענס רייד האָט ער נאָר אַרויסגע־הערט איין וואָרט: מילחמה!... דער האָס צו פאַרשידענע פעלקער...

דער האַס צו מענטשן פון אַנדערע לענדער... די רעדנער האָבן גערופן צו בלוט־פאַרגיסונג. די מילחמה־פּראָפּאַגאַנדיסטן האָבן געשאָטן פייער און שוועבל אויפן שונא. כאָטש מען האָט נאָך עפנטלעך נישט אַרויסגעזאָגט ווער ער איז.

פּראָפעסאָר שטיינאַך האָט זיך געפּרואווט צושטופּן צו דער טריבונע, אָבער אין איצטיקן טומל האָט מען אים גאָרנישט אַרויסגעזען. אויף וויפל ער האָט זיך געוואָלט צובאַקומען צו דער טריבונע, כדי אַרויסצוזאָגן אויך זיינס אַ מיינונג וועגן דעם אוממאָראַלישן און אוממענטשלעכן טאַט פון מילחמה און בלוט־פאַרגיסונג, איז עס אים אָבער דאָך נישט געלונגען. דער המון סטודענטן האָט אים געשטופּט און געשטויסן פון אַלע זייטן. דער גרויסער הומאַניטאַרער מענטש איז דאָ נישט נייטיק געווען, ווען בלוט האָט געזאָטן און מיילער האָבן גערעדט נישט ווייסנדיק וואָס.

פּלוצלינג איז אָבער שטיל געוואָרן אין דעם גרויסן זאַל, ווי אַלע מיטאַמאָל וואָלטן שטום געוואָרן. דער פּראָפעסאָר האָט זיך אַרומגעקוקט, אפשר איז עס געשען פון זיין כבוד וועגן; אפשר האָבן די סטודענטן דערזען זייער רעקטאָר, זייער פּראָפעסאָר, און זיי ווילן הערן די מיינונג זיינע. ער האָט זיך נאָכאַמאָל גוט אַרומגעקוקט, ער האָט אָבער געזען, ווי אַלעמענס אויגן זענען געווענדעט צו דער טריבונע, אויף וועלכער עס האָט זיך באַוויזן אַן עלטערער מאַן, אַ רייכסטאַג־דעפּוטאַט. דאָס איז געווען דער גוט באַקאַנטער דעפּוטאַט רייכנבאַך, פון דער סאָציאַליסטישער פראַקציע. אַלע האָבן געוואָלט הערן די רעדע פון דעם גרויסן סאָציאַליסטישן פירער; אַלע האָבן געוואָלט הערן די מיינונג און די פּאָליטיק פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד.

דעפּוטאַט רייכנבאַך האָט אָנגעהויבן זיין רעדע מיט רואיקייט און מיט פעסטע אַרגומענטירונגען. ער האָט אַלעמען איבערצייגט, אַז עס איז נישט מענטשלעך צו פירן מילחמות; אַז מען דאַרף נישט אויסמאָרדן דעם אַרבעטער־קלאַס; אַז עס דאַרף עקזיסטירן סאָציאַלער יושר אויף דער וועלט; אַז דער פּראָלעטאַרישער קלאַס פון אַלע לענדער דאַרף נישט דערלאָזן צו קיין בלוט־פאַרגיסונגען; אַז דאָס בלוט פון מענטש איז הייליק און טייער... פאַרענדיקט זיין רעדע האָט גאָר דער גרויסער מענטשנפריינט דערמיט, אַז אויב מען וועט „אָנוואַרפן" זיין דייטשלאַנד

א מילחמה, וועט די סאָציאַליסטישע פראַקציע אין רייכסטאַג מיטהעלפן דעם פאָטערלאַנד צו פאַרניכטן די שונאים, און ברענגען פאַר זיין לאַנד דעם גרעסטן זיג...

דער גאַנצער זאַל האָט אויפגעשטורעמט פון דער סאָציאַליסטישער דרשה. ווי אויף א באַפעל, האָבן אַלע אין סאַלאָן זיך אויפגעשטעלט און גענומען זינגען: „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס", און אַזוי זינגענדיק האָבן זיי מיט דער גרעסטער דייטשישער פּינקטלעכקייט אַרויסמאַרשירט אין גאַס אַריין, פאַרמירנדיק גרויסע גאַסן־דעמאָנסטראַציעס און לאַזנדיק אָפּהילכן אין דער שטאָט זייערע אויסגעשרייען: „ניי־דער מיטן שונא! עס לעבע די מילחמה!... עס לעבע דער קריג! זאָל לעבן אונדזער קייזער!...

פּראָפעסאָר איזידאָר שטיינאַך האָט דאָס אַלעס נישט געקאָנט פאַר־נעמען. אָט רעדט מען וועגן סאָציאַלן יושר, וועגן אומזיניקייט פון קריג, וועגן נישט דערלאָזן אויסצומאָרדן די אַרבעטער־קלאַסן אין דער וועלט, און צום סוף — די סאָציאַליסטן וועלן שטיצן די מילחמה...

דער רעקטאָר פון אוניווערזיטעט איז געבליבן דער לעצטער אין גרויסן סאַלאָן. פון די ווייטע גאַסן האָט זיך נאָך געהערט דער אָפּקלאַנג פון די דעמאָנסטראַנטן און זייערע אויסגעשרייען פאַר מילחמה. דער רעקטאָר האָט עס נישט געקאָנט צוהערן. ער איז אַריין אין זיין רעקטאָר־צימער. ער האָט איצט געזוכט אַביסל רו, אַביסל אַריינטראַכטונג אין זיך. און ווען אין די גאַסן פון מינכען און פון גאַנץ דייטשלאַנד האָבן זיך געהערט די קולות פון די באַזויפענע און אוואַנטוריסטישע דעמאָנ־סטראַנטן, איז דער פּראָפעסאָר שטיינאַך געזעסן אין זיין צימער, טיף פאַרטראַכט אין זיך. ער איז געווען אינגאַנצן א צעבראָכענער פון די סצענעס וואָס ער האָט נאָר־וואָס געזען, און פון די רעדעס וואָס ער האָט נאָר־וואָס געהערט. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפן שרייבטיש, און טיף אַריינגעטראַכט אין דעם גאַנצן ענין.

לאַנג אָבער האָט ער נישט געקאָנט איינזיצן, עס האָבן אים געקלונ־גען אין די אויערן די קריגס־אויסגעשרייען. די רעדע פון דעם גרויסן סאָציאַליסטישן פירער, האָט אים אינגאַנצן צעשמעטערט. ער איז אויפ־געשטאַנען פון זיין בענקל, גענומען זיך אַרומדרייען איבערן צימער און גערעדט צו זיך אַליין:

— וואס טויג מיר די גאנצע וויסנשאפט, די אלע מעדיצינישע פארשונגען? צו וואס דארף איך די אלע אנטדעקונגען און פארלייכטע־רונגען לטובת דער מענטשהייט, פאר זייער געזונט, פאר זייער לעבן? עס האט איצט מער נישט קיין ווערט! אלע הומאניטארע געפילן ווערן איצט געטרעטן מיט די פיס... איין ווילן באהערשט איצט די מאסן: בלוט!... טא וואס פאר א ווערט האט איצט מיין ארבעט! צו וואס מיינע לעקציעס און מיינע וויסנשאפטלעכע פארשונגען? מיינע באמיאונ־גען און עקספערימענטן פאר דער מענטשהייט זענען מער נישט נויטיק!

דער פראפעסאר האט זיך ביסלעכווייז בארואיקט. ער האט זיך צוריק אוועקגעזעצט ביי זיין שרייבטיש. ער האט איינגעזען, אז ער וועט איצט מוזן ארויפציען א נייע הויט אויף זיך, און כאטש ער פאר־נעמט אזא הויכן אמט, ווי דער רעקטאר־פאסטן אין דער מינכענער אוני־ווערזיטעט, און כאטש ער ווייסט, אז וואס פאר א מילחמה עס זאל נאר נישט זיין — מעג עס אפילו זיין די זיגרייכסטע — ברענגט זי שטענדיק הורבן אויפן לאנד און אויפן פאלק, האט ער אבער באשלאסן צו שווייגן; ער טאר זיין געדאנק נישט ארויסגעבן; ער איז א פרעמדער, א רוסיש־פוילישער. און כאטש ער האט זיך שוין דערדינט צו באקומען די דויי־טשישע בירגערשאפט, כדי צו פארנעמען דעם אמט פון רעקטאר, דאך טאר ער נישט רעדן, ווייל ער איז א... ייד...

פראפעסאר איזידאר שטיינאך האט פארלאזט זיין רעקטארן־צימער און האט זיך געלאזט אויפן וועג אהיים. פון אלע גאסן און געסלעך האבן זיך אלץ געהערט די ווילדע מילחמה־אויסגעשרייען. אין אלע ביר־קעלערן פון מינכען זענען געזעסן די גראב־בייכיקע דייטשן און מיט רעוועגדיקע, פארשיכורטע קולות האבן זיי כסדר געשריגן:

— מיר ווילן מילחמה! דייטשלאנד מוז זיגן! א טויט די שונ־אים!... אויפסוואל פריץ! מיר וועלן זיך באגעגענען אין פעטערבורג!

אט די אלע שיכורע ספעקטאקלען האבן זיך פארענדיקט מיט הייי־זעריקע זינגערייען:

„דייטשלאנד, דייטשלאנד איבער אלעס, איבער אלעס אין דער וועלט...“

אט אזוי האט זיך דאס לאנד געגרייט אויפצובלאזן די פלאמען, אין וועלכע די וועלט איז ארייננעצויגן געווארן...

קאפיטל 13

אין פייער און אין פלאמען

א שרעקלעכער חורבן האט זיך אראפגעלאזט אויף דער וועלט. די דייטשישע זיגרייכע ארמייען האבן געזייעט טויט און פארניכטונג אין אלע שטעט און לענדער, וואו זייערע באנאגלטע שטיוול האבן נאר גע־טרעטן. די דייטשישע וויסנשאפט און קולטור האט גארנישט געלאזן קיין ווירקונג אויף די דייטשישע סאלדאטן. ווי נאר דער דייטשישער סאלדאט איז אנגעקומען אין א לאנד אריין, וועלכע שטאט ער האט נאר באהערשט, איז ער גלייך געווארן דער גאנצער מושל, דער גאנצער בעל־הבית. זיי האבן עקספראפריאירט נישט נאר די רעגירונגס־פארמעגנס, נאר אויך די אייגנטומס פון די איינוואוינער פון לאנד. גאנצע לאגערן, געשעפטן און היימען זענען אויסגערויבט געווארן דורך די „העלדישע באזיגער" פון שונא.

אמביטערסטן האט זיך דער „דייטשישער זיג" אפגערופן אויף דעם גרויסן יידישן קיבוץ אין פוילן. כאטש אין די ערשטע טעג, ווען די דייטשישע און עסטרייכישע ארמייען האבן באפרייט פוילן פון צארישן יאך, האבן זיך די יידן געפילט ווי באפרייט פון גלות, האבן זיי אבער שרעקלעך געליטן דערנאך פון די „באפרייער", פון די דייטשישע אקופאנטן.

דאס פוילישע פאלק און לאנד — אויף וועמען עס איז ארויפגע־ווארפן געווארן די ביטערע לאסט פון קריג — האט א דאנק דער דייטשי־שער אקופאציע געליטן פון שרעקלעכן הונגער און פארשידענע קראנ־קייטן. די נויט און הונגער אין לאנד, וואס איז פאראורזאכט געווארן א דאנק די גרויסע רעקוויזיציעס וואס די „זיגרייכע ארמייען" האבן דורכ־געפירט, האט נאך מער פארגרעסערט די פארשידענע אנשטעקנדיקע קראנקייטן. גאנצע הייזער און גאסן זענען אפגעצוימט געווארן פארן עפנטלעכן פארקער צוליב טיפוס, פאקן און אנדערע קראנקייטס־פאלן, וועלכע האבן געבושעוועט אין לאנד.

די דייטשישע אקופאציע־ארמיי, וועלכע האט זיך אויסגעמישט מיט דער באפעלקערונג, האט אויך אנגעהויבן ליידן פון די אלע קראנקייטן, כאטש זיי האבן זיך גוט דערנערט אויפן חשבון פון דער באפעלקערונג; אויך אין זייערע פראוויזארישע היימען האבן אנגעהויבן בושעווען די פארשידענע אנשטעקנדיקע חולאתן. די אקופאציע־מאכט האט אנגעהויבן אלארמירן די גענעראל־שטאבן, די שפיטאלן, די געזונטהייטס־אמטן, ביז עס האט דערגרייכט צו דער צענטראלער רעגירונג אין בערלין, און נאך א באראטונג פון די רעגירונגס־פארשטייער מיט די מעדיצינישע פאקול־טעטן אין לאנד, איז באשלאסן געווארן ארויסצושיקן קיין ווארשע א גאנצן שטאב מיט דאקטוירים, קראנקן־שוועסטער און מעדיצינישע פאר־שער, אונטער דער לייטונג פון דעם גוט־באקאנטן רעקטאר פון מינכע־נער אוניווערזיטעט, פראפעסאר שטיינאך.

ווען דער פראפעסאר שטיינאך האט זיך דערוואוסט פון זיין מיסיע, האט עס אים אין אנהייב נישט געשמעקט. אים איז א שאד געווען צו פארלאזן זיין זיסע היימאט מיט זיין טייערע פאמיליע. ער האט אבער גארנישט געקאנט טון כדי אפצורופן די פאראָרדענונג פון דעם קייזער אליין. פייער און פלאמען האבן איצט באהערשט די וועלט, עס איז מיל־חמה, און די בירגער מוזן אלעס טון כדי צו לינדערן די נויט און ליידן פון די אומגליקלעכע, און אזוי ארום מיטהעלפן צום גרויסן זיג פון קיי־זער און פאטערלאנד.

פון דער אנדערער זייט איז ער אבער געווען זייער צופרידן פון דעם באשטימען אים אויף אזא הויכן אמט. ער וועט ווידער קומען קיין וואר־שע, ווידער זיין אין קאנטאקט מיטן פוילישן יידנטום; ער וועט ווידער זען זיינע עלטערן, נאך אזוי פיל יארן נישט וויסן גארנישט פון זיי. א פריידנס־טרער האט געגלאנצט אין זיינע אויגן: מיינע עלטערן... לעבן זיי נאך? וועל איך קאנען האבן דאס גליק עפעס צו טון פאר זיי? וועל איך קאנען פארלייכטערן די שרעקלעכע שמערצן וואס א מילחמה ברענגט אויף דער מענטשהייט? וועל איך מיט עפעס קאנען פארלייכ־טערן דאס לעבן פון די יידן אין פוילן? ווער ווייסט!

דאקטער שטיינאך האט זיך פארטראכט. וויפל יארן איז ער שוין אוועק פון דער היים... אזוי דערווייטערט פון זיי... וועלן זיי אים וועלן האלטן פאר זייער זון, נאכדעם ווי ער האט חתונה געהאט מיט

א קריסטין?... ער איז דאָך אָבער געבליבן א ייד — האָט ער אַליין געקעמפּט מיט זיך. — מיין זונדעלע איז א ייד! מיין טאָכטער וועט אויך דערצויגן ווערן אַלס יידישע טאָכטער! און זאָל ער נאָר אַהיים קומען א לעבעדיקער פון דער מילחמה — וועט אויך זיין סוזי ווערן א יידישע טאָכטער, זיין געליבטע יידיש ווייב...

די בלוטיקע מילחמה האָט אָבער קיינעם נישט געלאָזט לאַנג טראַכטן. עס איז געווען א צייט פון טון, און נישט פון צופיל טראַכטן. און ווען עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז דער פּראָפעסאָר איזידאָר שטיינאַך דאַרף פאָרן אין א געזונטהייטס-מיסיע קיין פּוילן, האָט עס גלייך געמוזט געשען.

דער רעקטאָר שטיינאַך האָט זיך איצט מער נישט באַנוצט מיטן נאָמען רעקטאָר. די אוניווערזיטעטן זענען געווען געשלאָסן, קיין לעקציעס אין די פאַקולטעטן זענען נישט פאָרגעקומען. אין די שטודיר-ציימערן און לאַבאָראַטאָריעס האָבן די פּראָפעסאָרן אַליין דורכגעפירט זייערע עקספּערימענטן, מיט וועלכע דאָס לאַנד זאָל קאָנען לייכטער פירן דעם קריג און קאָנען באַהערשן די וועלט. אַלע סטודענטן זענען געווען אויף די שלאַכט-פעלדער פון כמעט גאַנץ אייראָפּע, וואו זיי האָבן געהאָלפן פאַרשטאַרקן דייטשלאַנדס נאָמען און „פאַרניכטן" אירע שונאים.

דער נאָמען פון פּראָפעסאָר שטיינאַך, כאָטש ער האָט זיך נאָך אַקטיוו נישט באַטייליקט אין קריג, איז שוין געווען גוט באַקאַנט אַפילו אויף די שלאַכט-פעלדער פון אייראָפּע. זיינע אַנטדעקונגען אויפן געביט פון שנעלן פאַרהיילן די שווערסטע וואונדן, זענען געווען א שם דבר. עס איז נאָר געגוג געווען אייניקע איינשפּריצונגען פון דעם נייעם סערום „שטיינאַכיע", אַז דער פאַרוואונדעטער זאָל קומען צו זיך, און זיינע באַקומענע וואונדן אויפן שלאַכט-פעלד זאָלן זיך שנעל פאַרהיילן. אויך זיינע אַנטדעקונגען קעגן פאַרשידענע מיקראָבישע קראַנקייטן, האָבן אים געמאַכט וועלט-באַרימט. טאַקע דערפאַר האָט דער דירעקטאָריום פון דייטשישן רויטן-קרייץ נישט געפונען קיין פאַסנדיקערן קאַנדידאַט פאַר אַזא געזונטהייטס-מיסיע קיין פּוילן, ווי עס איז געווען דער רעקטאָר שטיינאַך.

דאָקטער שטיינאַך, וועלכער האָט איצט באַקומען א מיליטערישן טיטל — גענעראַל שטיינאַך — האָט אויסגעקליבן זיין פּערסאָנאַל. א

גאַנצער שטאַב מיט דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן און געהילפן האָבן געדאַרפט מיטפאָרן מיט אים קיין פּוילן, כדי צוזאַמען מיטן דאָרטיקן רויטן־קרייץ אָנצוהייבן די גענעראַל־אַטאַקע קעגן די שרעקלעכע קראַנקייטן וואָס האָבן זיך באַזעצט צווישן דער באַפעלקערונג אין די שטעט, און אויך אַפילו צווישן די סאָלדאַטן אויף די פראָנטן און הינטער די פראָנטן.

מיטן אָנקומען פון גענעראַל שטיינאַך מיט זיין גאַנצן געזונטהייטס־באַטאַליאָן קיין וואַרשע, האָט ער דאָס ערשטע באַפרייט די דאָרטיקע באַפעלקערונג — יידן ווי קריסטן — פון די פריערדיקע אוזורפּאַטאָרן און אוואַנטוריסטן, וועלכע האָבן אַנטיסעמיטיש אויסגענוצט יעדע קראַנקייט ביי דער אָרעמער יידישער באַפעלקערונג פאַר זייערע קעשענעס. די אָרעמע באַפעלקערונג פון די שמוציקע גאַסן: סמאָטשע, ניזקע, קראַכמאַלנע און אַנדערע געגנטן פון וואַרשע, האָבן מיט זייערע אָרעמע גראָשנס געצאָלט די אַלע, וועלכע האָבן כלומרשט געזאָרגט פאַרן געזונט פון דער וואַרשעווער באַפעלקערונג, אַז מען זאָל זיי אויפהערן אויסהיטן פון די קראַנקייטן... ווייל וואָס מער זיי האָבן געהיט, אַלץ גרעסערע אומגליקן האָבן געלויערט איבער די קעפּ פון דער אָרעמער באַפעלקערונג. האָט מען זיי נישט געגעבן קיין גוטן כאַבאַר, האָבן זיי געמאַכט אַ חורבן פון דעם גאַנצן ביסל אָרעמע בעבעכעס. אין די הונדערטער האָט מען אַזעלכע יידן געשלעפּט אין די „דעזינפעקציע־הייזער"; מען האָט פאַרברענט זייערע קליידער, אָפּגעשוירן די האָר. לאַנגע, גרויע בערד און גאָלדענע מיידלשע צעפּ זענען מיט דער גרעסטער אכזריות אָפּגעשניטן געוואָרן ביזן וואַרצל, און כאָטש מען האָט די גאַנצע באַפעלקערונג געברענט און געבראָטן, מיטן איינציקן מאָטיוו: מען מוז אויסמיידן די אָנשטעקנדיקע קראַנקייטן, האָבן אָבער דער טיפוס, די דיזענטעריע און פּאָקן־עפּידעמיעס געטאָן דווקא אויף צו להכעיס, רויבנדיק טאָג־טעגלעך צענדליקער קרבנות פון דער יידישער אָרעמער באַפעלקערונג.

מיטן אָנקומען פון גענעראַל שטיינאַך קיין וואַרשע, האָט דאָס אַלעס אויפגעהערט. מען איז נאָר געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, געמאַכט איינשפּריצונגען דער באַפעלקערונג, געהיט די ריינקייט פון די גאַסן, באַזייטיקט די פריערדיקע „דעזינפעקטאָרן", פאַרלייכטערט דאָס צופירן מער פּראָדוקטן אין די שטעט אריין, נישט געפירט מער קיין קאַמף מיטן

„שמוגל", כדי וואָס מער פּראָדוקטן זאָלן גרייכן צו דער אויסגעהונגער־טער באַפעלקערונג.

די יידישע באַפעלקערונג האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. פאַרוואָס, און דורך וועמען עס איז געקומען אַזאַ ענדערונג אין שטאָט, האָט קיינער נישט געוואוסט. עפּעס האָט מען יאָ געריעדט, אַז עס איז אָנגעקומען אַ פאַראָרדענונג פון די „הויכע פענצטער" אין בערלין, אַז מען זאָל אָנגיין מיט מער „איידלקייט" מיט דער פּוילישער באַפעלקערונג, ווייל מען גלויבט דאָרטן, אַז עס וועט געלינגען צו קומען אין אונטערהאַנדלונגען מיט גרויסע פּוילישע פּערזענלעכקייטן, צו קאָנען אָרגאַניזירן אַ זעלבסט־שטענדיק פּוילן אונטערן דייטשישן פּראָטעקטאָראַט.

אַנדערע האָבן ווידער געגלויבט, אַז צוליב דעם וואָס דער זומער האַלט שוין ביים סוף, די היצן האָבן זיך שוין אָפּגעשטעלט, זענען אויך די פאַרשידענע קראַנקייטן שוואַכער געוואָרן. מען האָט זיך געאַמפּערט וועגן די סיבות, און מען האָט געהאַפט, אַז דאָס אומגליק מיט די קראַנקייטן זאָל זיך מער נישט איבערחזרן. ווייניק מענטשן האָבן אָבער געוואוסט, אַז אין דער פאַרבעסערונג פון דעם געזונט־צושטאַנד פון דער באַפעלקערונג, און אין דער אָפּשאַפונג פון די „פייער־קאַמערן" פון דער „דעזינפעקציע" און „איזאָלאַציע" האָט געשטעקט די האַנט פון אַן אַמאָ־ליקן יידישן בחור פון וואַרשע. און אויב איינצלנע האָבן יאָ געוואוסט וועגן דעם געזונטהייטס־שטאַב, וואָס איז אָנגעקומען פון דייטשלאַנד אויסצוהיטן די באַפעלקערונג אין פּוילן פון די גרויסע קראַנקייטן, האָט אָבער קיינער אויף זיכער נישט געוואוסט, אַז דער לייטער פון דעם גאַנצן שטאַב איז דאָס יידישע יינגל, וואָס האָט אַמאָל געלערנט אויף די נאַ־לעווקעס נומער פופצן, אין דאָרטיקן בית־מדרשל.

וואַרשע האָט באַקומען אַן אַנדער פּנים. עס האָבן אינגאַנצן אויפ־געהערט די ווילדע „רייניקונגען" און דאָס טרייבן גאַנצע וואַרשעווער גאַסן אין „באָד" אריין... מען האָט מער נישט געשניטן קיין בערד, מיט מיידלשע צעפּ; קיין פרויען־שייטלען זענען מער נישט געוואָרפן געוואָרן אין פייער אריין. מען האָט מער נישט צעשיידט גאַנצע פאַמי־ליעס, וועמען אין די שפּיטאָלן און וועמען אין די איזאָלירונגס־הייזער. דער געזונטהייטס־ שטאַב פון גענעראַל שטיינאַך האָט געאַרבעט אויף אַ גאַנץ אַנדערן סיסטעם, און די בעפעלקערונג אין וואַרשע האָט פרייער

אָפּגעאָטעמט. און כאָטש מען האָט נאָך אַלץ נישט געוואוסט די סיבה פון דער ענדערונג צום גוטן, איז שוין אָבער שטאַרקער געוואָרן דער געמורמל, אַז עפּעס אַ נייער אָנפירער איז ספּעציעל געקומען — געשיקט פון קייזער אַליין — כדי צו ברענגען אָרדענונג אויף דעם געביט; כדי אויסצומיידן, אַז די קראַנקייטן זאָלן זיך נישט אַריבערכאַפּן אין קייזערס פּאַלאַץ אַריין...

מען האָט שוין אַפילו געהאַט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער נייער לייטער פון געזונטהייטס־אַמט — דער ספּעציעלער קייזערלעכער שליח — זאָל גאָר זיין אַ ייד. נאָר גיי גלויב אין אַזעלכע אומגלויבלעכקייטן! דער וואַרשעווער ייד האָט גאָרנישט געקאָנט באַנעמען, אַז עס קאָן עקזיסטירן אַזאַ גרויסער טשין — אַ גענעראַל — וועלכער זאָל צוגעטיילט ווערן צו אַ יידן... מען האָט געדענקט אין פּוילן פון אַזאַ פאַל, ווען אַ ייד איז געווען גענעראַל — דאָס איז געווען דער גענעראַל בערעק יאָסעלעוויטש. יענער האָט דאָך אָבער געקעמפט פאַר פּוילנס זעלבסט־שטענדיקייט, געקעמפט אויפן שלאַכט־פעלד. וועט מען אַזאַ טשין געבן עפּעס דאָקטער?... עס זענען אָבער געווען יידן, וועלכע האָבן זיך אין די „שטיבלעך" גערימט, אַז זיי האָבן „אים" אַליין געזען, און זיי וואָלטן געשוואוירן, אַז ער איז אַ ייד; אַז אין זיין נאָז דערקענט מען דאָס יידישקייט... אָבער מיט דער גאַנצער שבועה און מיט דער גאַנצער פאַרזיכערונג זייערער, האָט קיינער פאָרט נישט געוואָלט גלייבן. אַזוי, אַז אויף זיכער האָט מען אַלץ נישט געוואוסט, ווער עס איז דער גוטער מלאך — דער דייטשישער גענעראַל — וועלכער האָט געראַטעוועט די יידישע באַפעלקערונג פון אַלע שרעקלעכע אומגליקן און קראַנקייטן. כאָטש ער איז ערשט דאָ אין פּוילן אַ גאָר קורצע צייט, אָבער אויפגעטון האָט ער פיל מער ווי די אַלע „דעזינפעקטאָרן" דורך דער גאַנצער צייט.

דער גענעראַל שטיינאַך — כאָטש קיינער האָט אים נישט געזען און קיינער האָט אים נישט געקענט — איז געווען ביי דער יידישער באַפעלקערונג דער מלאך־הגואל. נאָך דערצו איצט, ווען עס האָבן זיך גענומען דערנענטערן די ימים־נוראים. מען האָט שוין אַפילו געהאַלטן אין ריידן — מיט אַ צייט צוריק — אַז מען וועט פאַרבאָטן די יידן צו גיין דאַוונען אין די שילן און בתי־מדרשים, כדי אויסצומיידן דאָס פאַרשלעפּן די פאַרשידענע קראַנקייטן. איצט, אָבער, האָט זיך אַלץ געענדערט. מען רעדט

שוין מער נישט דערפון, און עס איז אַ סברה, אַז אַזאַ פאַראָרדענונג וועט שוין נישט זיין. דער נייער „מלאך־הגואל" וועט זיי זיכער אויסלייזן אויך פון דער צרה...

דאָס יידישע וואַרשע האָט זיך גענומען גרייטן צו די „הייליקע טעג". דאָס איז געווען דער ערשטער ראש־השנה ווען גאַנצע משפחות האָבן געקענט גיין דאַווענען צוזאַמען. ווען קיינער פון זיי האָט זיך נישט געפונען אין „איזאָלאַציע". דער ערשטער ראש־השנה — אַ פאַרלייכטערטער פון עפּידעמישע קראַנקייטן.

קאפיטל 14

ערב יום־כיפור

שוין עטלעכע וואכן זענען פארלאפן, ווי גענעראל שטיינאך געפינט זיך אין ווארשע. שווערע וואכן פון ארבעט און ארגאניזאציע. דאס גאנצע היגיענישע וועזן אין פוילן איז געווען פארפוילט, פארכאבארעוועט... די ירושה פון די צארישע צייטן —דער כאבאר— האט באהערשט דאס גאנצע לאנד. דער הונגער האט געקאסעט די ארעמע באפעלקערונג ווי זאנגען אויפן פעלד. דער אנטיסעמיטיזם פון דער פוילישער באפעלקערונג האט נאך מער געבליט ווי אין די צארישע צייטן. דער פאליאק האט איינגעזען דערין, וואס דער ייד האט זיך לייכטער געקענט פארשטענדיקן מיט דער אקופאציע־מאכט, א מין „העכערע ראסע”... אז דער ייד איז „פאן־בראט” מיטן שונא... און דערפאר האט ער —דער פאליאק— ביי א געלעגנהייט, נקמה גענומען פון די יידן, וועלכע „גייען צוזאמען מיטן שוואב”... און ווען די פאליאקן זענען געווען ביי דער מאכט פון אויסהיטן די פוילישע באפעלקערונג פון די אנשטעקנדיקע קראנקייטן, — האבן זיי אויסגעלאזט זייער גאנצן כעס צו די זשידעס. זיי האבן געריסן כאבאר, זיי האבן געשלעפט אומשולדיקע יידן אין די בעדער אריין. די פוילישע מיליציע —וועלכע די אקופאציע־מאכט האט איינגעשטעלט צו האלטן ארדענונג אין שטאט— האט געשלאגן און גע־פייניקט די יידן — צי מען האט יא געדארפט, צי נישט.

גענעראל שטיינאך האט דאס אלעס באמערקט. שוין אין די ערשטע טעג, האט ער אלע באזייטיקט פון דער ארבעט. ער האט אינגאנצן אונ־טערגעבערענגט די פארשידענע אינסטאנצן וואס האבן געקאנט ארויסרופן אומצוטרוי צו דער באפעלקערונג. ער האט ארגאניזירט א נייעם שטאב פון מיטהעלפן פאר זיינע אויספירונגען, פון צווישן דעם אינטעלעקטועלן טייל פון דער באפעלקערונג. גרויסע דאקטוירים, קראנקנשוועסטער און

סתם אַקאַדעמיקער האָבן מיטגעהאָלפן דער מיסיע פון גענעראַל שטיינאַך. נאָך עטלעכע וואָכן פון אומדערמידלעכער אַרבעט, איז אים טאַקע גע־לונגען אוועקצושטעלן דאָס געזונטהייטס־וועזן פון דער גאַנצער באַפעל־קערונג אויף דער געהעריקער הייך.

די גאַנצע צייט, פון זיין קומען קיין וואַרשע ביזן אוועקשטעלן אַלעס אין דער געהעריקער אָרדענונג, האָט ער געפירט אַ קאַמף מיט זיך אַליין: זאָל ער זיך באַווייזן פאַר זיינע עלטערן, אָדער נישט. נישט איינמאָל איז ער שוין געווען גרייט צו גיין צו זיינע עלטערן אויף די נאַלעווקעס. געבן זיך צו דערקענען צו זיי ווי יוסף צו זיינע ברידער. ער האָט אָבער מורא געהאַט פאַר די רעזולטאַטן. ער איז געווען זיכער, אַז זיין פאָטער וועט אים נישט וועלן זען, אַז זיין פאָטער קאָן נאָך אַרויסווייזן זיין חסידישן „ברען״ און אים אַרויסוואַרפן פון שטוב.

גענעראַל שטיינאַך וואָלט שוין אפשר זיך צופרידנגעשטעלט מיטן בלויזן געדאַנק וואָס ער געפינט זיך אין דער זעלבער שטאָט וואָס זיינע עלטערן. ער האָט קיינמאָל נישט געלעבט איבעריק גוט מיט זיין פאָטער. און כאָטש עס זענען שוין פאַרגאַנגען לאַנגע יאָרן ווי ער האָט זיך צע־שיידט מיט אים, האָט אָבער זיין האַרץ קיינמאָל נישט געפילט קיין ברעקל ליבע אָדער רחמנות־געפיל צו זיין פרומען פאָטער. ער האָט גע־וואוסט, אַז פון זיין פאָטער קאָן ער אפילו דערוואַרטן אַז ער זאָל זיין זון — כאָטש אַזאַ גרויסער און אָנערקענטער גענעראַל — אָננעמען און אַרויסוואַרפן פון הויז, אַלץ דערפאַר וואָס ער האָט געוואָלט שטודירן און נישט געוואָלט גיין בדרך הישר.

אַנדערע געפילן האָט ער אָבער געהאַט צו זיין מוטער. זי — כאָטש די פרוי פון דעם פרומען חסיד — האָט זיך שוין געהאַלטן פאַר אַ מער אויפגעקלערטע. זי האָט שוין געלייענט דעם גוט־באַקאַנטן פוילישן שרייבער סלאָוואַצקי. זי האָט זיך מחיה געווען מיט דער קאָנאָפּניצקאַ. אַפילו די רוסישע שרייבער, מאַלסטאָי און גאָרקי זענען געווען אירע ליבלינגען. שוין נישט רעדנדיק פון די פראַנצויזישע שרייבער, וועלכע האָבן פאַרפלייצט גאַנץ אייראָפּע מיט זייערע עראָטישע ראָמאַנען. נישט איינמאָל האָט ער זיך צוגעכאַפּט צו דער מאַמעס ביכער־שענקל, אַרויס־געלאָטכנם פון דאָרטן אַ פראַנצויזישן ראָמאַן, און די גאַנצע נאַכט איז ער שוין געלעגן און געלייענט די אינטערעסאַנטע געשיכטע... און

כאָטש די מאַמע האָט אים נישט איינמאָל געפּאַקט ביי זיין לייענען די ראָמאַנען וואָס פּאַסן זיך נישט פאַר אַזאַ „קינד" ווי ער איז, האָט זי עס אים אָבער נישט פאַרבאָטן. זי האָט נאָר איין וואָרט אים געזאָגט:

— ישראליק, היט זיך פאַרן טאָטן! נישט איינמאָל, ווען די מוטער האָט געוואוסט, אַז דער זון לייענט אַ פאַרבאָטן ביכל, און דער פאָטער איז פּונקט אָנגעקומען, איז זי שנעל אַריין אין זיין צימער, אים אונטער־גערוקט אַ מורה נבוכים, און ווען דער טאַטע איז אַריין אין זיין צימער, האָט ער אָנגעקוואָלן פונעם זון. ער האָט שוין די גאַנצע נאַכט געחלומט, אַז זיין זון בעסערט זיך... אַז ער אינטערעסירט זיך שוין מיט מוסר־ספרים... אַז ער איז צוריק אַרויף אויפן דרך הישר...

אָט די אַלע סצענעס האָט זיך דער גענעראַל שטיינאַך דערמאָנט, ווען עס איז אים געקומען אויפן געדאַנק זיין מאַמע. אויף וויפל ער האָט געפירט דעם קאַמף מיט זיך: יאָ גיין, אָדער נישט גיין, האָט אָבער דאָס געשטאַלט פון זיין מוטער אַריבערגעוואויגן... מעג דער פאָטער מיט אים טון וואָס ער וויל! ער מוז אָבער זען זיין מאַמען.

און אָט האָט זיך אונטערגערוקט ערב יום־כיפּור. אין די וואַרשע־ווער גאַסן איז אַ גרויסע באַוועגונג. שוין גאַנץ פרי לויפן פרויען און מענער צום שוחט מיט די כפּרות. מען לויפט אין די שילן אַריין זיך מתיר נדר זיין. אין גאַס איז אַ גרויסער האַנדל מיט „קוילעטשן" און גרויסע נשמה־ליכט. עפּעס אַ שטיק געטלעכע מורא זעט זיך אַרויס פון יעדן פּנים. קליינע יינגלעך וועטן זיך אין מיטן דער גאַס — אין גאַנצע בערג מיט קנעפּ — אַז זיי וועלן מאָרגן פאַסטן אַ גאַנצן טאָג... ווייבער לויפן שנעל צוריק פון מאַרק, כדי צוצוגרייטן די קרעפּלעך, וואָס עס איז אַ מצווה צו עסן ערב יום־כיפּור.

עס איז שוין ווייט נאָך האַלבן טאָג. די יידישע געשעפטן אין וואַרשע הייבן זיך שוין אָן צו פאַרמאַכן. עס איז שוין באַלד די צייט פון מנחה. מען לויפט שוין אין די שילן אַריין, מען וויל שוין אַריינכאַפּן דעם ערשטן על חטא. מען טיילט צדקה פון אַלע זייטן. מען גיט פּדיון־נפש געלט. די מורא פאַרן יום־הדין פּילט זיך אַרויס פון יעדן דורכ־לויפנדיקן איבער די וואַרשעווער גאַסן. דער גענעראַל שטיינאַך אָבסער־ווירט דאָס אַלעם דורך זיין פענצטער. אויך ער הייבט שוין אָן פילן עפּעס אַן אינערלעך געפיל וואָס ער האָט גאָרנישט קיין ווערטער דער־

פאַר. זאָל עס זיין די נאָענטקייט פון כל־נדרי? ער האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן דערין. שוין אין די לעצטע יאָרן אין זיין היים, האָט ער שוין אויסגעמיטן דעם טעמפּל, דער איינציקער אָנדענק פון זיין ייִדישקייט... נאָר היינט האָט זיך עפּעס אָפּגערופן אין אים אַן אינער־לעך געפיל פאַר דער מורא פון דעם הייליקן יום־הדין... ער וויל עס מיט עפּעס אָפּשטויסן פון זיך, ער וויל זיך דערווייטערן פון דעם גע־דאַנק, אַז אויך ער איז מיטגעריסן געוואָרן מיט אַלע וואַרשעווער ייִדן, פון דער הייליקייט וואָס עס שטייט זיי פאָר.

גענעראַל שטיינאַך האָט באַשלאָסן, אַז איצט מוז עס געשען. איצט איז די בעסטע צייט צו גיין צו זיינע עלטערן. ערב יום־כיפור פאַרנאַכט איז שוין פון לאַנג אַ מינהג ביי ייִדן, אַז אַלע ברוגזע מוזן זיך איבער־בעטן. עס איז אים אַפילו געקומען אין קאָפּ אַריין אַ שטיקל גמרא וואָס ער האָט אַמאָל געלערנט וועגן „עברות שבין אדם לחברו, אין יום הכיפורים מכפר”. (די עברות צווישן מענטש און מענטש, ווערן אין יום־כיפור נישט פאַרגעבן). מען מוז זיך איבערבעטן — האָט ער זיך אַליין געזאָגט. ער האָט נישט לאַנג געטראַכט. ער האָט גלייך באַפוילן צוגרייטן דעם גאַנצן קאָמפּלעט פון „רויטן קרייץ”, ער וועט פאָרן אינספּעקציאָנירן די נאַלעווקעס.

קוים אייניקע מינוט זענען פאַרביי פון דעם באַפעל פון גענעראַל שטיינאַך, און דער גאַנצער קאָמפּלעט פון דער געזונטהייט־מיסיע איז אָנגעקומען מיט זייער וויזיט אין דעם גרעסטן ייִדישן צענטער פון וואַרשע — אויף די נאַלעווקעס. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ טויער וואו דער גענעראַל שטיינאַך האָט אָנגעוויזן.

די גאַנצע גאַס האָט אויפגעציטערט. וואָער ווייס: אפשר עפּעס אַ מסירהלע, אַז „ער” אַליין זאָל קומען, און דווקא אויף די נאַלעווקעס. און נאָך דערצו ערב יום־כיפור.

אַלע ייִדן פון די נאַלעווקעס האָבן מורא באַקומען, אַז זיי זאָלן נישט האָבן קיין פאַרשטערטן יום־הקדוש. מען האָט שוין מורא געהאַט זיך צו באַווייזן אין דער גאַס. זיי האָבן זיך שוין פאַרגעשטעלט ווי מען נעמט ווידער אַלע אין באָד אַריין. מען שניידט ווידער זייערע בערד און מען צעשיידט ווידער זייערע פאַמיליעס... אַנדערש האָט מען גאָר־

נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, ווען אַזאַ גאַנצע „קאַפּעליע" פון רויטן קרייץ קומט אין דער יידישער געגנט.

אַלע איינוואוינער זענען געווען באַהאַלטן אין זייערע צימערן. טייל האָבן באַהאַלטענערהייט אַרויסגעוואָרפן זייערע בליקן דורך די פאַר־מאַכטע פענצטער.

גענעראַל שטיינאַך איז דער ערשטער אַרויס פון אויטאָ. ער האָט באַפוילן אַלעמען צוּוואַרטן אין גאַס און אַליין איז ער אַריין אין אַ טויער, וואָס ער האָט נאָך גוט געדענקט פון זיינע קינדער־יאָרן. ער איז גלייך צו צום הויז־וועכטערס וואוינונג, און דאָרטן אָנגעקלאַפּט.

יאַש, דער אַלטער סטרוזש, ווען שטיינאַך האָט גלייך דערקענט —נאָר זיך גאָרנישט וויסן געמאַכט— האָט אָנגעהויבן רעדן צו אים אויף דייטש. ער האָט אָבער ווייניק־וואָס געקאָנט די שפּראַך, האָט ער גלייך געזאָגט אויף פּויליש:

— הער גענעראַל! איין מינוט. איך וועל צורופן אַ יידישן שכן פון הויף, וועט ער שוין רעדן מיט אייך. ווייל איך פאַרשטיי נישט וואָס איר ווילט.

— מען דאַרף נישט — האָט שוין דער גענעראַל שטיינאַך גערעדט צום הויז־וועכטער אין אַ גוטן פּויליש. קאָנסט רעדן מיט מיר אין דער שפּראַך וואָס דו קענסט.

— דזשענקויע באַרדזאָ — יאַשניע וויעלמאָזשנאַ (אַ גרויסן דאַנק אייך ליבער הער) — האָט דער וועכטער מיט פרייד געזאָגט. וואָס דאַרף דען דער הער גענעראַל?

— האָסט געזאָגט —האָט גענעראַל שטיינאַך אָנגעהויבן— אַז דו וועסט צורופן אַ יידישן שכן... קאָנסטו מיר אפשר צורופן דעם אַלטן הער שטיינער אָדער זיין פרוי, פון דאָרטן, אויבן, אויפן דריטן שטאָק?

— דער הויכער הער וועט מיר זיכער אַנטשולדיקן —האָט דער הויז־וועכטער זיך געניייגט פון אַלע זייטן— איך וואָלט עס גערן געטון, ליידער קאָן איך עס נישט טון, ווייל...

— פאַרוואָס? — האָט דער גענעראַל אונטערגעכאַפּט.

— ווייל אָנהייב זומער —האָט דער הויז־וועכטער זיך אָנגעהויבן צו קווענקלען און גערעדט מיט דרך ארץ— יאָ, נאָך דעם יידישן וויעל־קאַנאָץ (פסח) איז דער אַלטער געשטאָרבן. און אַ פּאָר וואָכן שפּעטער

— ניין! הויכער הער — האָט יאַש זיך צוריקגעכאַפּט — נאָר פיר וואָכן שפּעטער איז זיין באַבע (ווייב) געשטאָרבן. אויב איר ווילט, קאָן איך אייך רופן אַן אַנדערן שכן.

— ניין. נישט נייטיק — האָט שטיינאַך שטיל און רעזיגנירט געזאָגט. ער האָט נאָך אַ בליק געוואָרפן אויף דעם הויז־וועכטער גלייך ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט פעסטשטעלן צי זיינע רייד זענען ריכטיק. ער האָט מער גאָרנישט גערעדט. ער האָט זיך אויסגעדרייט און גענומען גיין צוריק צו דער גאַס. אָבער שוין שטייענדיק ביים אָפענעם טויער, האָט ער זיך פאַרקירעוועט צוריק אין הויף אריין, אויפגעהויבן זיינע אויגן צום דריטן שטאָק, און אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער געזען ווי זיינע אַלטע טאַטע־מאַמע קוקן אַראָפּ צו אים, זיי זעען אים... פרייען זיך מיט זיין באַזוך... זיי זענען שטאָלץ וואָס זייער זון איז אויסגעוואַקסן „אַ לייט"... ער האָט זיך אין דעם מאָמענט דערמאָנט די אַמאָליקע ערב יום־כיפּורים, די אימה וואָס האָט געהערשט אין שטוב, שוין פון באַלד אינדערפרי אָן, ווען מען האָט אין שילעכל אויפן זעלבן הויף זיך געלאָזט „מתיר נדר" זיין. ווען מען האָט פאַרקויפט די גלעזלעך בראָנפן מיט לעקעך... עס זענען פאַרבייגעפלויגן אין זיין זיכרון די אַלע סצענעס פון כפּרות־שלאָגן, ביז צום בענטשן אים מיטן „ישימך ד' כאפרים וכמנשה"... ער האָט ווייטער אַזוי געוואָלט וועבן זיינע וואַכע חלומות אין זיין זיכרון, וואָס ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז עס געשען. עס האָבן אָבער אָנגעהויבן אָנקומען יידן מיט זייערע טליתים אין די הענט און די ווייסע קיטלען פון אונטער די קאַפּאָטעס אַרויס, צוזאַמען מיט קליינע קינדער, מיט די גרויסע סטעאַרין־ליכט אין איין האַנט און די מחזורים אין דער אַנדערער האַנט. דאָס זענען זיי שוין געגאַנגען צו כל נדרי.

גענעראַל שטיינאַך האָט זיך שנעל אויסגעדרייט און אַרויס אין גאַס. דער הויז־וועכטער איז נאָכגעגאַנגען הינטער אים. ער האָט איינגעזען מיט זיין וועכטערישן חוש, אַז ער האָט דאָ צו טון מיט אַ גוטן דייטש, וואָס ער איז עם גאָרנישט געוואוינט געווען צו זען, האָט ער נאָך געפּרואווט עפּעס פרעגן דעם גענעראַל, כדי זיך צו באַווייזן פאַר די איינוואוינער, אַז ער איז אַ גאַנצער „פּאַן בראַט" מיט אַ דייטשן גענעראַל.

דער גענעראַל שטיינאַך האָט באַמערקט, אַז דער הויז־וועכטער וויל נאָך עפּעס זאָגן. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו אים און מיט אַ טרויע־ריקייט אין זיין שטימע געפרעגט:

— קאָנסטו מיר נישט זאָגן, צי דאָס אַלטע פּאָרפאָלק שטיינער איז עפּעס קראַנק געווען?

— יאָ! —הויכגעשטעלטער הער —האָט דער וועכטער פאַרנייגנ־דיק זיך געזאָגט.— צו ערשט האָט דער אַלטער הער שטיינער זיך אַוועק־געלייגט אויף דעזינטעריע. ער איז קראַנק געוואָרן פון די מצות. און ווען ער איז געשטאָרבן, איז די אַלטע קראַנק געוואָרן. קיין שום דאָקטער האָט נישט געקאָנט דערגיין איר קרענק. די שכנים האָבן געזאָגט, אַז עס איז פון בענקשאַפט צו איר מאַן, און צו איר פאַרשוואונדענעם זון. אַנ־דערע האָבן געזאָגט, אַז עס איז געווען פון הונגער. ווייל מ'האָט ביי זיי אַלץ רעקווירירט און זיי זענען געוואָרן זייער אָרעם. און קוים איין חודש נאָכן אַלטנס טויט איז זי אויך געשטאָרבן.

דער וועכטער האָט זיך נאָך געגרייט צו רעדן און דערציילן, נאָר דער גענעראַל האָט אים איבערגעריסן מיט איין וואָרט: גענוג! און מיט דעם פאַרמאַכט דאָס מויל דעם באַרעדעוודיקן יאַש.

דער גענעראַל שטיינאַך האָט מער גאָרנישט געפרעגט. ער האָט נאָר געוואָרפן נאָך אַ בליק אויף צוריק, צו די פענצטער אין הויף, און איז באַלד פאַרשוואונדן מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע.

קאפיטל 15

אין דער „דייטשישער" שיל

עס האָט שוין אָנגעהויבן ווערן גוט טונקל, ווען צום פראָנט פון דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע, וועלכע איז גוט באַקאַנט געווען אונטערן נאָמען: „די דייטשישע שיל", איז צוגעפאָרן אַ מיליטערישער אויטאָ, פון וועלכן עס איז אַרויס דער ערשטער דער גענעראַל שטיינאַך און איניקע סע־קונדן דערנאָך, זיין געהילף — גענעראַל פריליך. זיי זענען גלייך אַרויף אויף די טרעפּ פון דער שיל־געביידע, אויף וועלכע עס זענען געשטאַנען איניקע קריסטלעכע מיליציאַנטן און יידישע שמשים אין זייער ספּע־ציעלער טראַכט. די מיליציאַנטן האָבן געהאַט אַ סך אַרבעט ביים פּאַ־נאַנדערטרייבן די גרויסע מאַסע יידישע יוגנט, וועלכע האָט זיך געוואָלט אַריינבאַקומען אין דער סינאַגאָגע, כדי צו קאָנען הערן דעם גלענצנדן חזן סיראָטאַ זאָגן דעם טראַדיציאָנעלן כל נדרי. די שמשים האָבן כסדר באַפוילן די מיליציאַנטן, אַז זיי זאָלן נישט קאַרגן מיטן שטעקן איבער די קעפּ פון דער „זשידאָווסקער כאַלאָטאַ", וועלכע האָט באַלאַגערט די שיל און וויל זיך דווקא אַריינשמוגלען אינעווייניק.

דער גענעראַל שטיינאַך האָט זיך דערמאָנט פון מיט יאָרן צוריק אין די זעלבע סצענעס. נישט איינמאָל האָט ער —אין זיין יוגנט— געוואָלט צוגיין אין דער „דייטשישער שיל" צו כל נדרי, נאָר פון איין זייט האָט זיין פרומער טאַטע אים נישט געוואָלט לאָזן גיין צו די „דייטשן", נאָר ער זאָל מיטגיין מיט אים אין חסידים־שטיבל אַריין, און פון דער אַנדע־רער זייט איז ער שוין פון פאָרויס געווען זיכער, אַז אויסער אַריינכאַפּן אַ פּאָר סטוסאַקעס פון די צאַרישע סטראַזשניקעס און פון די שמשים, וועט ער מער נישט דערגרייכן. אים איז שוין אַפילו געלונגען צו הערן דעם חזן הירש פון נאָזשיקס שיל, מיט אַ גוטן כאָר. אָבער ער קומט נישט צו סיראָטען. כאָטש ער האָט פון חזן הירש אויך געלעקט די

פינגער בעת ער האָט זיך טאָפּלט איינגעשטעלט: זיך אוועקגעגנבעט פון אונטערן טאַטנס אויפזיכט, און זיך אריינגעגנבעט הינטן ארום אויף דער טוואַרדאַ־גאַס נומער זעקס, דורך דעם קליינעם שילעכל זיך אריינגע־כאַפּט אין דער גרויסער נאָזשיקס שיל. ער האָט זיך מחיה געווען מיטן גלענצנדן זינגען פון חזן הירש און פון דעם שיינעם און גרויסן כאָר, אונטער דער לייטונג פון דיריגענט דאַווידאָוויטש. איצט, ווען ער, אַלס גענעראַל שטיינאַך איז צוגעקומען צו דער טיר פון דער שיל, האָט ער געזען אַז עס האָט זיך גאָרנישט געענדערט. אַנשטאָט די אַמאָליקע צאַ־רישע סטראַזשניקעס — וועלכע מען האָט געקאָנט מיט אַ קליינעם כאַבאַר אונטערקויפן — זענען איצט געשטאַנען פּוילישע אַנטיסעמיטישע מילי־ציאַנטן. אָבער איןביידע פאַלן, זענען די קלעפּ פון די שווערדן און גומענע שטעקנס געווען געווענדעט צו די קעפּ און פּלייצעס פון די יידישע יונגעלייט, וועלכע האָבן געוואָלט הנאה האָבן פון דעם זיסן קול נגינה פון דעם גרויסן סיראָטאַ.

מיטן אָנקומען פון די צוויי מיליטערישע פּערזענלעכקייטן האָבן אַ סך פון די אַרומשטייענדע געהאָפט, אַז אַדאַנק די גענעראַלן, וועלן זיי אויך געניסן. זיי זענען געבליבן שטיין פון דערווייטן און זיך צוגעקוקט ווי די גענעראַלן גייען אַרויף די טרעפּ צו דער שיל. זיי האָבן פון דער־ווייטן, ווי מיט די אויגן געבעטן ביי די גענעראַלן, אַז זיי זאָלן זיך משתדל זיין פאַר זיי.

די שמשים זענען גלייך צוגעלאָפן צו דער גרויסער טיר, זי ברייט געעפנט און געבעטן די געסט אריינגיין אינעווייניק, וואו עס זענען פאַראַן ספּעציעל־רעזערווירטע פּלעצער פאַר די יידישע מיליטערלייט. דער דאָקטער פרייליך האָט אָבער אָפּגעשטעלט דעם קאָלעגע זיינעם און אים געפרעגט:

— גענעראַל! זאָג מיר: איז טאַקע היינט אַזאַ גרויסער יידישער יום־טוב, ווי דו האָסט מיר געזאָגט?

— יאָ, — האָט גענעראַל שטיינאַך געענטפערט.

— טאָ פאַרוואָס שטייען אַזוי פיל יידן אין דרויסן? — האָט דער דר. פרייליך געפרעגט. — פאַרוואָס גייען זיי נישט אריין אין געבעט־הויז?

גענעראַל שטיינאַך האָט זיך אַביסל פאַרשעמט פון דער פראַגע פון זיין קריסטלעכן קאָלעגע. ער האָט צוגערופן דעם שמש און אים באַפוילן

אז ער זאָל גלייך אריינלאָזן אַלע וואָס שטייען אין גאַס און ווילן אריינ־גיין צו כל נדרי. דער שמש איז געבליבן ווי צעמישט. ער האָט נישט געוואוסט וואָס ער זאָל טון. ער האָט באַפעלן פון די גבאים און שיל־פירער, אַז ער זאָל די האַלאַטע נישט אריינלאָזן. גענעראַל שטיינאַך האָט אָבער נישט געוואַרט ביז דער שמש וועט אויסקלערן אַ פּאַסנדיקן ענטפער. ער איז אַרויף צוריק אויף די טרעפּ און זיך געווענדעט אין אַ שיינעם פּויליש צו די אַלע אומבּאַשטייענדע יונגעלייט, אַז ווער עס וויל קאָן מיטגיין מיט אים אין שיל אריין. עס האָט טאַקע נישט געדויערט קיין מינוט ווי פאַר דער שיל־געביידע איז נישט געווען צו דערקענען קיין צייכן פון מענטשן, אויסער די צוויי שמשים מיט די מיליציאַנטן, וועלכע זענען איצט געבליבן אָן אַ שטאָך אַרבעט... די גענעראַלן שטיינאַך און פרייליך זענען געווען פון די לעצטע אריינצוגיין אין שיל, וואו עס האָט געהערשט אַ שטאַרק־געדעמפּטע ליכטיקייט. הונדערטער עלעקטרישע לאָמפּן האָבן באַלויכטן די געביידע פון אינעווייניק. אַלע בענק זענען געווען באַזעצט פון דיקע הערן מיט שוואַרצע צילינדערס און קליינע טליתימלעך אויף די אַקסלען. אַ טרויעריקע שטילקייט האָט געהערשט אין גאַנצן אַרום, אויסער דעם האַרציקן ניגון פון כל נדרי, געזונגען גאַנץ פּיאַניסימאָ דורכן חזן סיראָטאַ, און באַגלייט פון דעם אומזעבאַרן כאָר. האָט קיינער פון די הונדערטער צוהערער נישט גע־וואַגט אַ פּיפּס צו טון, כדי נישט צעשטערן די הייליקע שטימונג. אַפילו די נאַרוואָס אריינגעלאָזטע געסט דורכן דאָקטער שטיינאַך, האָבן שנעל פאַרנומען די פּלעצער אין די ווינקלען פון שיל און זענען געבליבן פאַר־שטיינערט־שטיל, צוהערנדיק זיך צו די זיסע געזאַנגען פון כל נדרי.

די צוויי דאָקטוירים זענען געבליבן שטיין ביי דער טיר. דער דאָקטער פרייליך האָט אַפילו געוואָלט אויסטון זיין הוט, נאָר דאָקטער שטיינאַך האָט אים שטיל געזאָגט, אַז ביי יידן, ווען מען קומט אין אַ געבעט־הויז, טוט מען נישט אוים דאָס היטל.

פון דער מיזרח־וואַנט איז גלייך צוגעקומען דער הויפּט־שמש. ער האָט פאַרבעטן די געסט צו די ערשטע בענק. עס זענען שוין דאָרטן גע־זעסן אַ סך מיליטערלייט, פון אַ פּראָסטן סאָלדאַט ביז אַ הויכן מילי־טערמאַן פון דייטשישן גאַרניזאָן אין וואַרשע. ווען די צוויי גענעראַלן זענען צוגעקומען צו די אַנגעוויזענע פּלעצער, האָבן אַלע דייטשישע

מונדירטע געסט זיך אויפגעשטעלט. גענעראל שטיינאך האט זיי געהייסן זיך צוריקזעצן. אויך די צוויי דאקטוירים האבן זיך אוועקגעזעצט און דער שמש האט זיי גלייך צוגעטראגן צוויי טליתים מיט מחזורים איבער־געזעצט אין דייטש. דאקטער פרייליך האט זיך צעשמייכלט, ער האט עס קיינמאל נישט געהאלטן אין דער האנט. ער האט עס אבער זייער רעספעקטירט. ער איז געווען צופרידן וואס זיין קאלעגע און שעף, דער דאקטער שטיינאך האט אים מיטגענומען אין שיל אריין, כדי צו קענען הערן דעם גרעסטן יידישן זינגער און בייוואוינען די יידישע הייליקע צע־רעמאניאלן. כאטש אין זיין היימלאנד — אין דייטשלאנד — זענען אויך דא יידישע טעמפלען מיט קאנטארן, נאר עס איז אים קיינמאל נישט איינגעפאלן דארט אריינצוגיין אמאל. נאר דא, אין ווארשע, ווען ער האט געזען אז זיין שעף איז עפעס טרויעריק פון דעם פארנאכטיקן ווי־זיט אויף די גאלעוקעס, און ער האט געהערט אז ער וויל גיין אין יידי־שן טעמפל אריין, האט ער געבעטן זיין קאלעגע, אז ער זאל אים מיט־נעמען; און כאטש — ווי איר זעט — איז ער דא נאר איין קריסט צווישן אזויפיל יידן, דאך איז ער צופרידן פון דעם באזוך און ער איז פאראינ־טערעסירט אין אלעם. אט זעט ער, ווי זיין שעף טוט־אן דאס טלית אויף זיינע אקסלען. ער קוקט זיך צו דערצו מיט דעם גרעסטן רעס־פעקט, און ווען דער דאקטער שטיינאך עפנט־אויף דעם מחזור און קוקט אריין אינעווייניק, טוט ער אויך דאס זעלבע, כאטש ער פארשטייט דארט גארנישט — ווען אפילו ער לייענט שוין דארטן דעם דייטשישן טעקסט — דאך רעספעקטירט ער דעם גאנצן צערעמאניאל מיטן גאנצן הארצן און מיטן גאנצן רעספעקט און פינקטלעכקייט, צו וואס א דייטשישער מילי־טערמאן קאן זיך אזוי צופאסן. גאנץ באזונדערס האבן אים פאראינטע־רעסירט די וואונדער־שיינע געזאנגען פון דעם קאנטאר, דער גלענצנדי־קער אקאמפאניאמענט פון דעם כאר, וועלכן מען זעט גארנישט, און וועלכער ווערט אנגעפירט פון דעם דיריגענט אייזנשטאט. ער האט זיך אייך פאראינטערעסירט, פארוואס די פרויען זיצן נישט צוזאמען מיט די מענער בעת די געבעטן, נאר זיי זענען אפגעטיילט און זיצן אויף דער גאלעריע. ער האט אפילו געוואלט פרעגן וועגן דעם זיין שעף; ער האט אבער געזען אז ער איז זייער אריינגעטון אין געבעט. ער האט אפילו

באַמערקט אַ טרער אין זיינע אויגן — האָט ער רעספּעקטפוֹל געשוויגן און צו אַלעם זיך צוגעקוקט מיט אינטערעס און נייגעריקייט.

דאָקטער שטיינאַך האָט גאָרנישט באַמערקט דעם אינטערעס, וואָס עס האָט אַרויסגערופן דאָס יידישע דאַווענען ביי זיין קריסטלעכן קאָלע־גע. ער איז געווען אַריינגעטון אין די תפילות. ער האָט אַפילו ווייניק אַכט געלייגט אויף אַלע געזאַנגען. ער האָט זיך דערמאָנט אין אַזעלכע ענלעכע כל־נדרים, ווען זיין פאָטער איז געשטאַנען אין חסידים־שטיבל פאַרן עמוד און געזאָגט כל־נדרי. ער געדענקט נאָך גוט, ווי ער, צוזאַמען מיט אַלע חסידים אין „שטיבל" האָבן מיטגעהאָלפן, און ווען דער חזן האָט אויסגעשריגן „מיום כיפורים זה עד יום הכיפורים", האָט אַ שטאַר־קער קרעכץ זיך אַרויסגעריסן ביים גענעראַל שטיינאַך. ער האָט, ווי צו זיך אַליין געזאָגט: ביז איבעראַיאָר... היינט אַ יאָר האָבן זיינע על־טערן אויך געזאָגט דאָס זעלבע; און דעם „יום הכיפורים" פון היינט האָבן זיי שוין נישט דערלעבט... היינט זאָגט ער דאָס זעלבע. צי וועט ער דערלעבן ביזן צווייטן יום־כיפור? עס איז אַ מילחמה... היינט איז ער דאָ, און שוין מאָרגן קאָן ער זיין דאָרטן, אויפן פראָנט, אין שרעקלעכן פייער פון טויט און פאַרניכטונג. וועט ער אַרויסקומען אַ לעבעדיקער פון דעם שרעקלעכן פייער? ... די טרערן אין די אויגן פאַרשטעלן אים די תפילות אין מחזור, ער זעט מער נישט די אותיות; ער זעט איצט אַן אַנדער בילד: זיין געליבטע סוזי... זיינע צוויי זיסע קינדערלעך... זיין שנעלן אויפשטייג... זיין געענדערט לעבן... זיין שטעלונג אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט... זיין אָפּשטאַם... זיינע עלטערן... — מער קאָן ער נישט טראַכטן. זיין גאַנצער ווילן צו פאַרן קיין וואַרשע איז נאָר געווען: צו קאָנען זען די עלטערן; צו זיין אַ טרייסט פאַר זיי אויף די עלטערע יאָרן, און דאָ — נישטאָ מער! אַוועקגעריסן זיי... צוגענומען זיי... פאַרוואָס?! פאַרוואָס?! ער האָט געוואָלט אַרויסשרייען דעם אינערלעכן פּראָטעסט; עס האָט אָבער אַ שטילקייט באַהערשט די גאַנצע שיל. ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן, און דאָ האָט ער דערזען, אַז אַלע שטייען שוין שמונה־עשרה. ער האָט זיך אויך אויפגעשטעלט, איינגעגראָבן זיין פּנים אינעם מחזור,

און לייכט זיך מיטגעשאָקלט. אויך דער דאָקטער פריילינך האָט, אַלס רעספּעקט צו אַלע מענטשן אין שיל — זיך אויפגעשטעלט און זיך מיט־געשאָקלט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער גאַנצער שיל און צו זיך אַליין גערעדט:

— אַ וואַלד מיט גלייכע סאָסנעס... אַ לייכט ווינטל טרייסלט זיי... און איך — אַ פרעמדער בוים — טרייסל זיך מיט...

דאָס ווייטערדיקע דאַווענען איז שוין געגאַנגען שנעלער. דאָס זינ־גען „יעלות״ האָט שוין אַריינגעבראַכט מער הייטערקייט אין די סטע־רעאָטיפּישע ניגונים פון דעם אָוונט. ווען דער חזן האָט פאַרענדיקט מיט „עלינו״, האָט אויך דער דאָקטער שטיינאַך זיך אויפגעשטעלט, צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע, און געזאָגט קדיש — קדיש נאָך זיינע עלטערן — דאָס איינציקע וואָס ער האָט איצט געקאָנט טון פאַר זיי.

טייל עלטערע יידן זענען געבליבן אין שיל צו „שיר היחוד״, נאָר דער גרעסטער טייל פון עולם האָט זיך גענומען גרייטן צום פאַרלאָזן די שיל. אויך דער דאָקטער שטיינאַך מיט זיין קאָלעגע זענען אַרויס פון די ערשטע, צוזאַמען מיט די איבעריקע מיליטערלייט. אין דרויסן האָט אויף זיי געוואַרט אַ מיליטערישער אויטאָ. זיי האָבן אָבער באַשלאָסן צו גיין צופוס.

זיי זענען אַרויס צו דער ביעלאַנסקי־גאַס. אויף דער גאַס איז גע־ווען אַ גרויסער שפּאַציר. די וואַרשעווער פרויען־וועלט איז דאָ געקומען באַווייזן די נייעסטע מאָדעס פון האַרבסט און ווינטער, נישט ווייניקער ווי אויף דער מאַרשאַלקאָווסקי. די גאַס איז געווען דער נערוו פון דער אַרומיקער טעאַטער־וועלט. אַ סך טעאַטערן און קינאָס האָבן אַרומגע־קרייזט אַלע אַרומיקע גאַסן, ביז צו דער סענאַטאָרסקאָ און טעאַטער־פּלאַץ. דאָקטער פריילינך האָט אַפילו פאָרגעלייגט, אַז מען זאָל אַריינ־גיין אין דער אָפּערע, וואָס האָט נאָר־וואָס געהאַט אָנגעהויבן איר סעזאָן. אָבער דער דאָקטער שטיינאַך האָט אים אָפּגעהאַלטן דערפון. ער האָט זיך געפילט שרעקלעך צעבראָכן פון דער היינטיקער ידיעה וועגן טויט פון זיינע עלטערן. ער האָט שפּאַצירט איבער אַלע אַרומיקע גאַסן, אָבער ער האָט נישט געוואוסט וואו ער איז אין דער וועלט. דער גרויסער גע־נעראַל און וויסנשאַפטסמאַן איז איצט געווען שוואַך ווי אַ קליין קינד.

וועלכן מען דאַרף עס פירן ביי דער האַנט. ער איז דעריבער זייער צו־פרידן געווען פון דעם פאָרשלאַג פון זיין קאָלעגע ד״ר פריילין, אַז זיי זאָלן צוגיין צו דער „זשעמיאַנקאַ״, וואָס איז גאָר נאָענט פון דאַנען.

דאָקטער פריילין האָט באַמערקט די צערודערונג פון זיין בעסטן פריינט און שעה פון דער געזונטהייטס־מיסיע אין וואַרשע; ער האָט באַמערקט, אַז עפּעס איז מיט זיין קאָלעגע פאָרגעקומען דעם היינטיקן טאָג, כאָטש דער דאָקטער שטיינאַך האָט פאַר קיינעם נישט דערציילט וועגן זיין שרעקלעכן פאַרלוסט — דער טויט פון זיינע עלטערן. דאָק־טער פריילין האָט געוואָלט אַריינברענגען אַביסל פרייד אין דעם טרוי־עריקן מאָמענט פון זיין פריינט. ער האָט אים צוגעפירט צו דער גוט־באַקאַנטער קאַוויאַרניע (קאַפע־הויז) „זשעמיאַנקאַ״. אינעווייניק האָט גערוישט פון מענטשן און מוזיק. אויף דעם פּלאַץ איז געווען דער צו־זאַמענטרעף פון די „נייע מענטשן״, אויפגעקומענע גבירים: רייך־גע־וואָרענע שמוגלערס, גלאַט שפּעקולאַנטן און אויפקויפערס פון פּראָדוקטן. דאָ האָבן זיי זיך געלאָזן וואוילגיין ביי פיינע געטראַנקען און „שטאַרקע״ איינדרוקן... אויך די פרויען־וועלט איז דאָ געווען גוט פאַרטראָטן. ביי די פאַרשידענע טישלעך זענען זיי געזעסן פאַרוויז און איינציקע, ביי די טראַדיציאָנעלע „האַלבע שוואַרצע״... פון צייט צו צייט האָבן זיי אויך געוואָרפן זייערע צווייטייטיקע בליקן פון טיש צו טיש און פון מאַן צו מאַן.

ד״ר פריילין האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים אַריינגאַנג אין קאַפע. ער האָט באַטראַכט דעם אינעווייניקסטן אַמביענט, און כאָטש עס איז אים נישט איבעריק געפעלן געוואָרן די דראַסטישע האַלטונג פון אַ טייל פון די געסט, האָט ער זיך אָבער געמאַכט ווי נישט־זעעוודיק, און ער איז מיט זיין קאָלעגע דאָקטער שטיינאַך, אַריינגעגאַנגען אינעווייניק.

ד״ר שטיינאַך האָט זיך אָפּילו געשוויבט: יאָ אַריינגיין, צי נישט אַריינגיין. דער קורצער שפּאַציר האָט אים אַביסל באַפרייט פון זיינע רעיונות. ער האָט שוין אָפּילו געהאַט פאַרגעסן, אַז ער גייט נאָר־וואָס פון כל־נדרי. צוויי בילדער האָט ער אָבער נישט געקאָנט פאַרגעסן; זיי זענען אים כסדר געשטאַנען פאַר די אויגן: זיינע עלטערן און זיין פאַמיליע — ווי טויט און לעבן וואָלטן געגאַנגען האַנט ביי האַנט.

ד״ר פרייליך האָט אים איבערגעריסן זיין טראַכטן. ער האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און אים אַריינגעפירט אין קאַפע, כדי צו „כאַפּן אַ טרונק״ און זיך מאַכן פאַרגעסן אין אַלע נאַרישקייטן...

זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט ביי אַ טישל, און געהייסן זיך דערלאַנגען אַ שאַרפן געטראַנק.

אַלע געסט אין קאַפע האָבן געוואָרפן זייערע בליקן צו די ניי־אַריינגעקומענע געסט, און כאָטש עס איז נישט געווען קיין נייעס צו באַגעגענען אין דער „זשעמיאַנקאַ״ פאַרשידענע מיליטערישע פּערזענלעכקייטן, דאָך זענען אַ סך געווען צופרידן, דערוויסנדיק זיך, אַז דאָס זענען די אָנפירער פון געזונטהייטס־באַטאַליאָן, וואָס האָט געראַטעוועט די וואַרשעווער באַפעלקערונג פון די אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן. באַזונדערס האָבן זיך די פּראָסטערע געסט געפילט גוט פון דעם באַזוך פון אַזעלכע גרויסע גענעראַלן. זיי וואָלטן קיינמאָל אין זייער לעבן נישט געקאָנט דערגרייכן צו אַזאַ כבוד, ווי זיצן צוזאַמען מיט אַזעלכע גרויסע דייטשישע פּערזענלעכקייטן.

אויך די מוזיק־קאַפּעליע האָט געענדערט איר פּראָגראַם צוליב די ניי־אָנגעקומענע געסט. אַנשטאָט די בסדרדיקע פּוילישע „פּאָלקעס״, האָבן זיי גענומען שפּילן ווינער וואַלצן און גלאַט אַזוי דייטשישע מוזיק, כדי אויסצונעמען ביי די געסט און באַזונדערס ביי די דייטשישע מיליטערלייט.

דאָקטער שטיינאַך האָט זיך אָבער שלעכט געפילט אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט. ער האָט אַפילו געפּרואווט נעמען דאָס גלעזל צום מויל, ער האָט עס אָבער באַלד צוריקגעשטעלט. אין מוח האָבן ווידער אָנגעהויבן קלינגען די טענער פון כל־נדרי. דאָס האַרץ האָט אינערלעך געוויינט אויף דער שרעקלעכער אבידה פון זיינע עלטערן. זיין פרידלעכע, זיסע, טייערע היים איז אים ווידער געשטאַנען פאַר זיינע אויגן. עס האָט אים איצט געפעלט אַ טרייסט־וואָרט פון אַ נאָענטן, אַ גלעט פון אַ ליבלעכער האַנט, אַ היימלעכער שמייכל פון אַ ליב, באַחנט קינדעלע... עס איז אים ענג געוואָרן אויפן האַרצן. ער האָט מער נישט געקאָנט פאַרבלייבן אין „זשעמיאַנקאַ״ — ניין! אַפילו אין וואַרשע קאָן ער מער נישט פאַרבלייבן... ער פילט ווי ער וואָלט געווען דער שולדיקער אין טויט פון זיינע עלטערן. וואָלט ער פריער געקומען קיין וואַרשע —האָט ער זיך

געטראַכט— וואָלט ער אויסגעמיטן זייער טויט. זיין נאָענטערע באַרירונג מיט זיי, זיינע מעדיציניש־אָנווענדונגען וואָלטן געראַטעוועט זיינע על־טערן פון טויט... און איצט, אין דער כל־נדרי־נאַכט, זיצט ער אין „זשעמיאַנקאַ" און טרינקט; טרינקט אויפן קבר פון זיינע עלטערן! ניין! ניין! ער וויל מער דאָ נישט זיין! שוין מאָרגן וועט ער בעטן אַ טראַנס־פאָרמאַציע. צוריק אַהיים איז דאָך אוממעגלעך. עס איז דאָך מילחמה. אָבער אַוועק פון דאַנען, אַוועק פון די קברים פון זיינע עלטערן... אַוועק פון די כל־נדרי־טענער!... אַוועק! אַוועק!

קאפיטל 16

אין שטאָט פון רויך און שוויים

אין לוקסוסארטיקן „גראַנד־האָטעל״, אויף דער צענטראַלסטער גאַס פון פוילישן מאַנטשעסטער — לאָדזש, איז „היימלעך״. מען רוימט, מען וואַשט, מען גרייט צו אַפּאַרטאַמענטן פאַר גרויסע געסט וואָס דאַרפן קומען; גרויסע מיליטערישע געסט, וואָס אָרדענען איין זייער גענעראַל־שטאַב אין דערמאָנטן האָטעל.

שוין עטלעכע טעג ווי עס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען אין דער „שטאָט פון רויך און שוויים״, אין דער גרעסטער אַרבעטער־שטאָט פון פוילן, אַז עס דאַרפן קומען גרויסע מיליטערלייט, גרויסע מעדיקער און וויסנשאַפטלעכע פּערזענלעכקייטן, אויף אַן אינספּעקציע וועגן געזונט־צושטאַנד פון דער לאָדזשער באַפעלקערונג. שפּעטער האָט מען שוין געוואוסט צו דערציילן מער איינצלהייטן, אַז זיי קומען נישט אויף קיין אינספּעקציע, נאָר דער גאַנצער געזונטהייטס־שטאַב פון מינכענער אוניווערזיטעט וועט זיך באַזעצן אין שטאָט.

דער לאָדזשער באַפעלקערונג האָט שוין דערעסן אַלע דעפּיליאַדעס און פייערלעכקייטן פון די דייטשישע ימים־טובים, און ביים אויפנעמען גרויסע דייטשישע געסט; זיי האָט שוין מער נישט פאַראינטערעסירט אַזעלכע פייערונגען. אויך איצט האָבן זיי זיך נישט פיל פאַראינטערעסירט מיט דעם אָנקומען פון די נייע געסט, וואָס די „דייטשישע לאָדזשער צייטונג״ האָט אַזוי פיל געשריבן וועגן זיי. פאַרקערט: עס האָט גאָר געשראָקן זייער אָנקומען. יעדער האָט געציטערט פאַר נייע גזירות און די גוט־דערעסענע „באַקאַנטמאַכונגען״... וואָס די דייטשישע אָקופּאַציע־מאַכט אין לאָדזש האָט כסדר מיט זיי מזכה געווען דער אויסגעהונגערטער און ליידנדיקער באַפעלקערונג.

נאָך מער האָט זיך געשראָקן דער לאָדזשער אַרבעטער־קלאַס, וועל־

בער איז געווען הונגעריק און ארבעטסלאָז, און האָט געוואוינט אין אָרעמ־סטן טייל פון דער גרויסער פאַבריק־שטאָט — באַלוט. זיי האָבן גאַנץ גוט געוואוסט, אַז צו די גבירים, שפעקולאַנטן און רייכע שמוגלערס וועט מען זיך נישט טשעפען; זייערע רייכע פּאַלאַצן און וואוינונגען וועט מען זיכער נישט פאַרחתמענען צוליב געזונטהייטס־טעמים. אויף קיין דעזינ־פעקציע וועט מען זיי אויך נישט נעמען... און אויב מען וועט וועלן עפּעס טון, וועט עס אויסגיין צום אָרעמען אַרבעטער־קלאַס.

דאָס אָרעמקייט און הונגער פון לאָדזשער אַרבעטער־קלאַס, און פון דער אָרעמער באַפעלקערונג אין באַלוט, איז געווען אומבאַשרייבלעך. די אָרעמע קעלער־וואוינונגען האָבן געדינט פאַרן אַרבעטסלאָזן נאָר אויף אי־בערצונעכטיקן, אַרומוויקלענדיק זיך אין שמאַטעס, אַז מען זאָל נישט פאַרפרוירן ווערן און איינשלאָפן אויף אייביק, ווייל עס איז נישט געווען מיט וואָס צו באַהייצן די שטענדיק פייכטע קעלער־וואוינונגען. אפילו אין די וואַרעמסטע זומער־טעג האָט אויך די זון געקאַרגט אירע שטראַלן פאַרן ליידנדיקן אַרבעטער. גאַנצע טעג און נעכט האָבן זיך די אַרבעטער געפונען אין זייערע אַרבעטס־לאָקאַלן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אָדער אין די פּאַרטיי־לאָקאַלן. די בונדישע „האַרפע", אויף דער וואָל־טשאַנסקי־גאַס, און די פּועלי־ציוניסטישע „אַרבעטער־היימען", אויף דער אַלגינסקאַ און ברזשעזשינסקאַ, זענען שטענדיק געווען די פאַקטישע היי־מען פון אָרעמען אַרבעטער. אפילו די קליינע לאָקאַלן פון די „עסעסאָוו־צעס", די „ליטעראַטור און קונסט", —שוין אפילו אין צענטער שטאָט— זענען אויך געווען אַריינגערעכנט צווישן די היימען פון די לאָדזשער אַר־בעטער מאַסן.

די גרעסטע באַוועגונג פון די אַרבעטער אין זייערע לאָקאַלן, איז גע־ווען די מיטיק־שעה. אין די הונדערטער זענען געשטאַנען די אויסגעהונ־גערטע אַרבעטער אין די רייען, וואַרטנדיק אויף אַ טאַלאָן פאַר אַ ביליקן טעלער זופּ מיט אַ „פּערטעלע" ברויט אויף קאַרטן. האָט אָבער אַן אַרבע־טער נישט געקאָנט באַקומען קיין ברויט־קאַרטן, האָט ער זיך שוין געמוזט באַגנוגענען מיטן בלויזן טעלער זופּ, אָן ברויט. עס האָט נישט איינמאָל געטראָפן אַ פאַל, ווען דער אויסגעהונגערטער אַרבעטער האָט נאָך געהאָט מיט זיך אַ שותּף צו זיין טעלער וואַסערדיקער זופּ — זיינס אַ קליין ברו־דערל, אָדער שוועסטערל, אָדער סתּם אַ הונגעריקן חבר, וועלכער האָט

אין שטוב נישט געהאַט אַפילו קיין ביסל וואַרעם וואַסער, און דאָס מיט־העלפן דעם ברודער אויפעסן דעם טעלער זופּ אין אַרבעטער־לאָקאַל, איז געווען זייער איינציקע דערנערונג, און כאָטש די גאַנצע זופּ איז באַשטאַנען פון... וואַסער, באַפּוצט מיט עטלעכע שטיקלעך פאַרפוילטע און געפרוי־רענע קאַרטאָפל, אָדער מייערן, אַמאָל אויך אַ פּאָר „פּענטשאַקס", האָט נישט איינמאָל פּאַסירט, ווען אויך אַזאַ טייערער מאכל האָט אויסגעפעלט, און אַ סך אַרבעטער זענען אַרויס פון דער ריי, האָפנדיק, אַז מאָרגן וועלן זיי גיין פריער, כדי צו האָבן מער מזל, צו קאָנען באַקומען אַ טעלער וואַ־רעמע זופּ... עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן נישט גע־טויגט צו דער מלאכה פון אויסבעטלען אַ טעלער זופּ אומזיסט, ווייל זיי האָבן אַפילו פאַר די פּאָר געציילטע פעניג נישט געהאַט. זענען זיי טאָקע געשטאַנען פונדערווייטנס און צוגעקוקט מיט פאַרדרוס צו דעם גרויסן לוקסוס פון זייער חבר, וועלכער קאָן זיך פאַרגינען הנאה צו האָבן פון דעם פּאַרטייאישן טעלער...

נישט איינמאַל זענען פאָרגעקומען פּראָטעסטן פון די באַזוכער, ווען זייער זופּ איז שוין געווען צופיל וואַסערדיק. מען האָט נישט אַרויפגע־וואָרפן די שולד אויף דער דייטשישער אָקופּאַציע־מאַכט, אַז זיי ווילן נישט צושטעלן די אַרבעטער־אינסטיטוציעס די געהעריקע צאָל פּראָדוקטן; מען האָט נאָר געוואָרפן די שולד אויף די „עקאָנאָמען" און די „פירער" פון די קיכן, אַז זיי נעמען אַראָפּ פאַר זיך דאָס „שמאַלץ מיט גריוון" און פאַר די אַרבעטער גיט מען בלויז וואַסער... אין פיל פאַלן איז עס געווען אמת, אָבער נישט שטענדיק. נישט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז מען האָט אויפגעקלערט די אַרבעטער־מאַסן, אַז שולדיק אין דעם הונגער און חורבן צווישן דעם אַרבעטער־קלאַס איז די אָקופּאַציע־מאַכט. דעמאָלט האָט דאָס געדולד ביי די לאָדזשער אָרגאַניזירטע אַרבעטער געפּלאַצט, און זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט דעמאָנסטרירן אין גאַס, מיטן איינציקן אויסגעשריי: ברויט! מיר ווילן עסן! מיר זענען הונגעריק!... די דייטשישע אָקו־פּאַנטן האָבן אָבער אויף דעם געענטפערט מיט... בליי... און אָט די זעלבע אַרבעטער־לאָקאַלן, די „האַרפּע" און „אַרבעטער היים", זענען פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין שפּיטאָלן און רעטונגס־פּלעצער פאַר די פאַרוואונדע־טע אַרבעטער און צעשאָסענע פּאָלקס־מאַסן.

די שטאָט פון רויך און שווייס — לאָדזש, האָט נישט געקאָנט אויס־האַלטן אירע קינדער... די אַרבעטער פון לאָדזש האָבן געזוכט אַרבעט; האָבן געזוכט עסן; זיי האָבן נישט געוואָלט בעטלען, זיי האָבן נישט פאַר־לאַנגט קיין נדבות — אַרבעט האָבן זיי געוואָלט. אָבער אויך דעם לוק־סוס האָבן זיי נישט געהאַט וואו צו באַקומען...

ווען דער חורבן פון דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס איז שוין געווען אויף דער העכסטער מדרגה פון הונגער און אומקום, און קיין שום אַרבעט איז נישט מעגלעך געווען צו באַקומען, האָט דער „לאָדזשער פאָלקסבלאַט" —אַ יידישע צייטונג, געגרינדעט דורך דעם רעדאַקטאָר לאַזאַר קאַהאַן—, מיטן געלט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע־מאַכט, אָנגעהויבן אַ גרויסע אַגיטאַציע צווישן לאָדזשער אַרבעטער־קלאַס, אַז זיי זאָלן פאָרן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט; נישט חלילה קיין צוואַנגס־אַרבעט, — גאָט זאָל אויסהיטן פאַר אַזאַ איינפאַל... נאָר פרייוויליקע, גוט־באַצאָלטע אַר־בעט. דער יידישער אַרבעטער, וועלכער האָט איבערגעלעבט די גרעסטע נויט, האָט טאַקע איינגעזען, אַז „נויט ברעכט אייזן"... טויזנטער יידי־שע אַרבעטער זענען געפאָרן „פרייוויליק" קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. אָפּילו יידישע מיידלעך, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין שום האָפענונג צו קאָנען באַקומען אָפּילו די מינימאַלסטע אַרבעט, כדי נישט צו הונגערן, האָבן אויך געמוזט פאַרלאָזן זייערע אָרעמע היימען און פאָרן אויף אַרבעט. טייל — דירעקט קיין דייטשלאַנד, אין די געווער־פאַבריקן, אַנדערע — אויף די שאָסייען, בויען וועגן. אין רעגנס און אין קעלטן, אין שנייען און אין פרעסט, זענען די יידישע אַרבעטער און אַרבעטערינס פון דער גרויסער „שטאָט פון רויך און שווייס" —לאָדזש— געלעגן אונטער די פרייע הימ־לען און מיט שווייס און בלוט האָבן זיי פאַרדינט זייער אָרעם שטיקל ברויט...

אָט די הונגעריקע און „פרייוויליקע" אַרבעטער האָבן זיך נישט צור־ריקגעקערט קיין פּוילן, אויסער געציילטע פון זיי. אַ סך זענען אויסגע־שטאָרבן אויף די וועגן ביי זייער אַרבעט, אַ סך זענען פאַרגיפטעט גע־וואָרן אין די געווער־פאַבריקן אין דייטשלאַנד, פון די געפערלעכע און גיפטיקע אַרבעטן. די וואָס זענען צוריקגעקומען קיין לאָדזש זענען געווען אויסגעפייניקט, פאַרמוטשעט און טויט־קראַנק, אינגאַנצן רעזיגנירטע פון לעבן... אַ גרויסער טייל אַרבעטער איז שוין פאַרבליבן אין דייטשלאַנד.

זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיטן דייטשישן פאָלק, חתונה געהאַט מיט דייטשן, און האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן אין זייער לאַנד — פּוילן. אָט די אַלע רעזיגנירטע, צוזאַמען מיט דער גאַנצער אָרעמער לאָדזשער באַפעל־קערונג איז ווייניק אָנגעגאַנגען דאָס אָנקומען פון די הויכע געסט, כאָטש דער טאָג ווען זיי האָבן געדאַרפט אָנקומען איז אויסגעפאַלן אין אַ גרויסן יום־טוב: דער געבורטסטאָג פון זיין מאַיעסטעט, דער קייזער ווילהעלם. אין דעם זעלבן טאָג איז דערשינען אַ ספּעציעלער נומער „לאָדזשער פאָלקסבלאַט", וואו עס איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ גאַנצע זייט פאַר זיין מאַיעסטעט, מיט אַ גרויסן גאָלדן בליד פון דעם זיגרייכן פירער פון די דייטשישע אַרמייען און באַהערשער פון האַלב איירופּע — דער קייזער ווילהעלם אַליין, מיט פיל אַרטיקלען פון יידישע זשורנאַליסטן וועגן „קייזער און זיין אַרמיי", און אויך אַרטיקלען וועגן דעם אָנקומען פון די גרויסע דייטשישע געסט קיין לאָדזש, האָט מען —אויסער אין „גראַנד־האָטעל"— נישט אָנגעזען זייער אָנקומען. דער יידישער באַפעלקערונג האָט עס ווייניק אינטערעסירט. פאַרקערט, עס האָט נאָך מער געשראָקן די „דייטשישע זאָרג" פאַר דער באַפעלקערונג... אַפילו די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט אויך נישט געלייגט קיין אַכט אויף אַזעלכע געסט, וועלכע קאָנען טון מער שלעכטס ווי גוטס...

ווען דער דאָקטער שטיינאַך איז אָנגעקומען קיין לאָדזש, האָט אים די שטאָט שטאַרק פאַראינטערעסירט. ער האָט נאָך געדענקט פון אַמאָל, אַז לאָדזש איז שטענדיק געווען די „שטאָט פון רויך און שוויים". אָבער איצט, באַטראַכטנדיק די שטאָט, האָט ער געזען, אַז דאָס איז גאָר געוואָרן אַ שטאָט פון הונגער און נויט. הונדערטער און טויזנטער הונגעריקע אַרבעטסלאָזע וואַלגערן זיך אין די גאַסן, זוכנדיק ברויט און אַרבעט, וואָס איז זייער שווער געווען צו געפינען. די הונדערטער אַרויס־סטאַרטשנדיקע קוימענס שפּייען מער נישט מיט רויך. דורך די אויס־געהאַקטע שויבן פון די רויטע ציגל־געביידעס האָט זיך אַרויסגעזען דער טרויעריקער חלל, צוליב די אַרויסגענומענע מאַשינען דורך דער אָקופּאַציע־מאַכט. די חרובע פאַבריקן האָבן אויסגעזען ווי סקעלעטן, וועלכע האָבן אַמאָל געהאַט לעבן. אויסגעליידיקט זענען זיי פאַרבליבן, ווי אַ סימן פון „אַמאָל איז דאָרטן געווען לעבן"... געווען און נישטאָ.

ד״ר שטיינאך שטייט ביים פענצטער פון זיין האָטעל־צימער און קוקט אַראָפּ אויף דער פּיעטריקאָווסקי־גאַס. ער קוקט אויף אַלע אַרומי־קע גאַסן. ער בלייבט שטיין פאַרוואונדערט, און הייבט אַליין אָן רעדן צו זיך:

— איז דאָס לאָדזש? דאָס איז די „שטאָט פון רויך און שווייס״? דאָס איז די שטאָט, וועלכע פאַרבינדט די ווייטסטע עקן פון דער וועלט מיט אירע אויסאַרבעטונגען? — ניין! ניין! איך האָב פאַרבלאָנד־זשעט. נישט דאָ איז מיין אָרט. די ערד ברענט דאָ אונטער מיינע פיס. איך זע דאָ נישט דעם אַרבעטער, וועלכער האָט אויסגעבויט די שטאָט און וואָס האָט זי גרויס געמאַכט. איך זע נישט קיין רויך, קיין שווייס, קיין אַרבעטס־מענטשן. איך זע דאָ גאָרנישט. ניין! מיין היים איז מער נישט פּוילן, מיין היים איז דייטשלאַנד! ביי מיין פרוי, ביי מיינע קינדער...

ד״ר שטיינאך האָט זיך אינמיטן פאַרטראַכט. ער האָט נאָכאַמאָל אַרויסגעזאָגט די זעלבע ווערטער: ביי מיין פרוי... ביי מיינע קינ־דער... עס איז גוט צו זאָגן דאָס... איך מאַך זיך אינגאַנצן פאַרגעסן אַז עס איז מילחמה... ער גייט אוועק פון פענצטער, ער נעמט זיך אַרומדרייען איבערן צימער. ער קאָן זיך נישט שיידן מיטן לעצטן וואָרט. ער ברומט עס כסדר נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל: מילחמה... מילחמה. טאָ וואָס טו איך דאָ? פאַר וועמען אַרבעט איך דאָ? פאַר וועמען זאָרג איך דאָ? דאָרט, אויפן שלאַכט־פעלד איז מיין אָרט! דאָרט איז פאַ־ראַן פאַר וועמען צו זאָרגן! דאָרטן גיסט זיך בלוט און איך פאַנטאַזיר וועגן אַ ווייב מיט קינדער... דאָרטן פאַלן טויזנטער אין די שלאַכטן און איך זיץ מיר אין גרויסן האָטעל, עס און טרינק, שפּאַציר און פאַר־ברענג. צו וואָס מיין גאַנצער שטודיום? צו וואָס מיינע הומאַניסטי־שע לעקציעס אין אוניווערזיטעט? צו וואָס מיינע מעדיצינישע אַנטדע־קונגען? צו וואָס מיינע גלענצנדיקע קענטעניש אין דער כירורגיע און אין אָרטאָפּעדיע? צו וואָס דאָס אַלעס, אַז איך זאָל קאָנען צוקוקן ווי דאָ, אין דער גרויסער אַרבעטער־שטאָט גייען אַרום מענטשן און הונגערן און שטאַרבן פון פאַרשידענע קראַנקייטן? זאָל איך נאָך זיין דאָ, אין מיין אַלטער היימלאַנד, וועלכע האָט מיך פאַרטריבן פון זיך; וועלכע האָט מיך אומברחמנותדיק געפייניקט מיט אירע אַנטיסעמיטישע מעאָ־

ריעס, און מיך נישט געלאָזט שאַפן פאַרן לאַנד גופא. זאָל איך ווייטער דאָ בלייבן, אין דעם פאַר מיר פרעמדן לאַנד, וועלכע האָט מיר — אויסער פיין און לייד — גאַרנישט געגעבן?... ניין! איך מאַר נישט אויף אזא אופן אָפּדאַנקען מיין נייַ היימלאַנד, וואָס האָט מיך אין זייגע אָרעמס אריינגענומען און האָט מיך דערהויבן צו דער שטופע אויף וועלכער איך געפין זיך איצט... פאַרוואָס זאָל איך דאָ בלייבן, אין דער צייט ווען דאָס דייטשישע פאָלק אויף די פראָנטן דאַרף מיין הילף! זיי, אויף די פראָנטן, דערפילן זייער פליכט פאַר זייער פאָטערלאַנד! אָבער וואָס טו איך? זיי גיבן זייער בלוט, זייער לעבן, און איך זיץ אין „גראַנד־האָ־טעל" און קלער וועגן מיין ווייב און קינדער...

ד"ר שטיינאַך האָט זיך געפילט ווי אָפּגעגאָסן מיט שוויים. ער האָט זיך מער נישט געקאָנט דרייען איבערן צימער. ער האָט אויך מער נישט געוואָלט צוגיין צום פענצטער, כדי אַראָפּצוקוקן אויף דער אים אַזוי פרעמדער שטאָט. ער האָט מער נישט געוואָלט געניסן פון דער „פרייהייט" וואָס ער האָט דאָ. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים שרייב־טיש, סטיכיש גענומען די פעדער אין האַנט און אָנגעהויבן שרייבן:

„מיין ליבע און זיסע סוזי און מיינע טייערע צוויי ליבע קינדער־לעך. טראָץ מיינע בעסטע מיטאַרבעטער קאָלעגן, טראָץ מיין גרויסן אַמט וואָס איך פאַרנעם, פיל איך אַליין, ווי צוויי זאַכן פעלן מיר: דו און די קינדער, און נאָך עפּעס: וואָס איך טו גאַרנישט פאַרן ליידנ־דיקסטן מענטשן אין דער וועלט, פאַרן פראָנט־סאָלדאַט. איך בין גענוג יונג. איך האָב גענוג פעאיקייטן, איך קאָן פיל לייסטן פאַר דער ליידנדיקער מענטשהייט. איך קאָן פאַרלייכטערן די וואונדן פון דעם זעלנער אויפן שלאַכט־פעלד. איך קאָן מיט מיין אָפּעראַציע־מעסער געבן לעבן אַן אומגליקלעכן. איך האָב נאָך מעגלעכקייטן צו אַנטדעקן נייע מיטלען וואָס זאָלן פאַרלייכטערן דעם ליידנדיקן. איך האָב גע־נוג כוחות צו פירן די מעדיצין צו גרויסע פראָגרעסן. איך קאָן! איך קאָן!... נאָר מען לאָזט מיך נישט! מען האָט מיך געשיקט אין שטאָט אריין, אין דער צייט ווען גאַנץ פשוטע דאָקטוירים האָט מען געשיקט אויפן שלאַכט־פעלד. זיי שיקט מען היילן די פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן, און מיך — ווייט אַוועק פון די פראָנטן... אין די גרויסע שטעט אריין... צוקוקן ווי דער אַרבעטער־קלאַס שטאַרבט פון הונ־

גער, און נישט קאָנען העלפֿן דערצו... צוקוקן ווי אַ שטאָט ווערט חרוב — אָן געווער, אָן האַרמאַטן! איינגעטריקנט פֿון זיך אַליין... וואָס האָב איך דאָ צו טון? הייסט דאָס אפֿשר געטן פֿאַרן פֿאָטער־לאַנד? ניין, מיין טייערע סוזי! איך קאָן דאָ מער נישט זיין! איך וויל דאָ מער נישט זיין! איך וויל נישט אַז מען זאָל מיר ווען נישט איז קאָנעו ןפאַרוואַרפֿן, אַז ווען דאָס פֿאָלק איז אַוועק אויף די פֿראָנטן קעמפֿן פֿאַרן פֿאָטערלאַנד, זענען געווען „אויסדערוויילטע" וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, אַנטלאָפֿן פֿון זייערע פֿליכטן... איך וויל נישט זיין מער פֿון די אויסדערוויילטע! און קאָן איך נישט זיין מיט דיר, מיט אייך, וועל איך גיין אויפֿן פֿראָנט! דאָרט איז מיין אָרט! דאָרט איז מיין אָרט! דאָרט וועל איך ראַטעווען די אומגליקלעכע מענטשן וואָס זענען טויזנטער מאָל דורכן טאָג דעם טויט פֿאַר זייערע אויגן... נאָך היינט וועל איך זיך ווענדן צום העכסטן מיליטער־לייטער —צום קייזער אַליין—, איך וויל דאָ מער נישט זיין. זייט מיר אַלע געזונט, ווי עס ווינטש אייך אייער בענקענדיקער און אייך קושנדיקער איזי".

ד"ר שטיינאַך האָט פֿאַרענדיקט זיין בריוו. ער איז אָבער נישט אַוועק פֿון שרייבטיש. ער האָט אַרויסגענומען די בילדער פֿון זיין פֿרוי און קינדער. ער האָט זיך גוט אַריינגעטראַכט אין זיי און מיט אַ טרויעריקער שטימע האָט ער גערעדט:

— טייערע מיינע, זיסע מיינע, איינציקע מיינע אין דער וועלט. פֿאַר אייך וויל איך זיך איצט מקריב זיין. אייער נאָמען טאָר נישט בלייבן פֿאַרפֿלעקט, אַז אייער מאַן און פֿאָטער האָט זיך נישט מיטבאַטייליקט אין דער פֿאַרטיידיקונג פֿון זיין פֿאָטערלאַנד. טייערע מיינע, איך מוז איצט אַוועק אויפֿן שלאַכט־פֿעלד. מיינע מענטשלעכע געפֿילן לאָזן מיך נישט רוען. איך מוז העלפֿן מיינע אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער אויף די פֿראָנטן. איך מוז העלפֿן מיין פֿאָטערלאַנד געווינען די מילחמה. וועל איך פֿאַלן ביים דערפֿילן מיינע פֿליכטן, דאַן זייט שטאָלץ דערמיט! זייט שטאָלץ וואָס איך איינער וועל פֿאַלן ביים ראַטעווען הונדערטער זייערע לעבנס. ווייסט־זשע באַטש, אַז איך האָב עפּעס דערגרייכט. זייט געזונט, טייערע... לעבט גליקלעך...

ד״ר שטיינאַך האָט נאָך זיין לעצטן בליק געוואָרפן אויף די ביל־דער פון זיינע טייערסטע אין דער וועלט. מיט טרערן אין די אויגן האָט ער געקושט יעדעס בילד באַזונדער. ער האָט זיי לאַנגזאַם אָוועקגעלייגט ווי אַ הייליקע רעליקוויע, און מיט אַ פולשטענדיקער רואיקייט האָט ער אָנגעשריבן אַ ביטע צום קייזער, אַז ער וויל דורכאַוס מען זאָל אים שיקן אויפן פראָנט, כדי צו קאָנען אויסנוצן זיינע מעדיצינישע פעאיקייטן און קענטענישן לטובת דעם פראָנט־סאָלדאַט און לטובת דעם פאָטערלאַנד.

קאַפּיטל 17

אויפן פראָנט — קיין איבעריקס . . .

אין פּראָוויזאָרישן שפּיטאָל, אויפן דייטש־פראַנצויזישן פראָנט אין די וואָגעזן, האָט מען אין יענעם טאָג דערקענט די שרעקלעכע שחיטה, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויפן דאָזיקן פראָנט. טויזנטער שווער־פאַרוואונדעטע דייטשישע סאָלדאַטן האָט מען — נאָך יענער פאַרביטער־טער שלאַכט — געבראַכט אין אָט דעם פראָנט־שפּיטאָל. די צוויי דאָק־טוירים, די שפּיטאָל־לייטער — שטיינאַך און פריליך —, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט שיידן, אַפילו אויף די וועגן פון טויט, און האָבן צוזאַמען אָנגעפירט און געלייסטעט מיטן שפּיטאָל אויפן מערב־פראָנט, האָבן אין יענעם טאָג געהאַט זייער פיל אַרבעט. די גרויסע דעצידירנדיקע שלאַכ־טן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין יענע טעג אויף אַלע פראָנטן, זענען אויף אָט דעם פראָנט געווען די מוראדיקסטע און די שרעקלעכסטע. די „צווייאונפערציקער" האָבן כסדר געשפּיגן מיט פייער און פאַרניכטונג, אויף וועלכע די פראַנצויזישע „שווערע" האָבן געענטפערט מיט נישט קיין קלענערן חורבן. פראַנצויזישע און דייטשישע סאָלדאַטן זענען גע־פאַלן ווי די פליגן. ווען די צאָל פון די לעבעדיקע סאָלדאַטן האָט זיך שוין געהאַט אינגאַנצן פאַרקלענערט, און דער שונא האָט שוין געמיינט, אַז זיין אָפּענסיווע וועט געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג, האָט זיך דער גאַנצער הינטערפראָנט אַרויסגערוקט אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס און די שלאַכטן האָבן זיך אָנגעהויבן מיט נאָך מער „ברען" און מער „היץ"...

די דאָקטוירים שטיינאַך און פריליך, מיט זייער גאַנצן שטאַב מיט־העלפער האָבן כסדר געהאַט אַרבעט. אַ סך פון די שווער־פאַרוואונדעטע האָט מען גלייך איבערגעגעבן צום מלאך־המוות אין דער האַנט אַריין. עס האָט זיך נישט געלוינט מיט זיי זיך מתעסק צו זיין... אַנדערע, פאַר וועמען עס איז געווען אַ האָפענונג אָפּצוראַטעווען, האָבן די צוויי

דאָקטוירים אַנגעווענדעט אַלע זייערע מיטלען דערצו. די לייבט־פּאַר־וואונדעטע האָט מען איבערגעגעבן צו די יינגערע דאָקטוירימלעך, וואָס האָבן געמאַכט אויף זיי עקספּערימענטן און געפּרואווט זיי צוריקשטעלן אויף די פיס, אָבער נישט אַלעמאָל האָט זיך זיי עס איינגעגעבן...

אין די געציילטע מינוטן פון אָפּרו, זענען די דאָקטוירים געווען פאַרנומען מיט שמועסן וועגן פּאָליטיק. אַט זענען פון פּוילן אָנגעקומען ידיעות, אַז דאָס לאַנד איז זעלבסטשטענדיק געוואָרן; אַז דער דייטשי־שער קייזער האָט געגעבן דעם לאַנד די מעגלעכקייט אָנצוהייבן אַ זעלבסטשטענדיק לעבן. עס האָבן זיך שוין אָפּגעזוכט „פּוילישע פּאָלי־טיקער״, — עפּעס אַ ביסקופּ מיט אַ פירשט און נאָך אַ דריטע פּערזאָן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן לאַנד —, פאַרשטייט זיך, 'אונטערן פּראָטעק־טאַראַט פון דייטשלאַנד...

פון רוסלאַנד זענען אָנגעקומען גאָר דערפרייענדיקע נייעסן, אַז דאָס פּאָלק רעוואָלטירט זיך קעגן דער „סאַמאָדערזשאַוויע״, קעגן דעם צאַריזם, קעגן דעם חורבן וואָס דער צאַר האָט געבראַנגט אויפן לאַנד. מען האָלט שוין ביים אַראָפּוואַרפן דעם צאַר מיט זיין גאַנצער קליקע, און, אַז זיין גלח — עפּעס אַ פּויערל, וואָס האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונגס־קראַפט אויפן צאַר מיט זיין ווייבל —, אפילו אים — זאָגט מען —, האָט מען אויך שוין „באַזייטיקט״. מען האָט שוין אַפילו דערציילט בסוד, אַז דייטש־לאַנד האָט דורכגעלאָזט פון דער שווייץ, דורך איר לאַנד, פאַרפּלאָמביר־טע וואַגאָנען מיט רוסישע רעוואָלוציאָנערן. אָבער דורך די אַלע בלוטי־קע פראָנטן זענען די אַלע נייעסן אָנגעקומען ווי מטושטשע, עס איז שווער געווען צו גלויבן דערין. אָבער אויף אַלעם איז דער דייטש געווען אַ בעלן צו גלויבן, נאָר — אַז אויך זיין אייגן פאָטערלאַנד שטייט אין סכנה — דאָס איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן. זיין פאָטערלאַנד — האָט יעדער דייטש געזאָגט — איז שטאַרק!... איז זיגרייך... דייטש־לאַנד וועט געווינען די מילחמה...

די קאַמפּן אין די וואַגעזן זענען געווען לאַנגדויערנדיקע און פאַר־ביטערטע. זינט די פאַראייניקטע שטאַטן זענען אַריין אין קריג, איז דער פראַנצויזישער פראָנט שטאַרקער געוואָרן, און כאָטש עס איז די דייטשן לייכט אָנגעקומען דער אַריינמאַרש צו די וואָגעזן — אויף דער פראַנצויזישער טעריטאָריע —, דאָך האָבן זיי טייער באַצאָלט דערפאַר.

עס האָט נישט געהאָלפן די ריזיקע טעכנישע מאַשין פון דייטשלאַנד, אַפילו נישט זייערע אונטערוואַסער־שיפן. כאָטש זיי האָבן זיך געהאַט צו באַרימען, אַז זיי האָבן אונטערגעטונקען „טויזנטער״ ענגלישע שיפן, דאָך, ווען זיי האָבן געכאַפּט די ערשטע מפּלה, האָט די גאַנצע דייטשישע טעכניק אָנגעהויבן אונטערצוהינקען...

דאָס איינציקע, וואָס האָט נאָך געאַרבעט גוט און געטריי, איז געווען אַ שפּיטאָל אויף די וואָגנז, אין וועלכן עס האָבן געאַרבעט די דייטשישע ווייסנשאַפטלער און דאָקטוירים, טריי און איבערגעגעבן. הונדערטער קעמפער זענען געראַטעוועט געוואָרן און זענען דערהאַלטן געוואָרן ביים לעבן — נאָר אַ דאַנק דעם דאָקטער שטייגאַך מיט זיינע גלענצנדיקע מעדיצינישע פּרעפּאַראַטן און זיינע אויסערגעוויינלעכע אָפּעראַציעס.

אויך דער דאָקטער פרייליך איז נישט אָפּגעשטאַנען אין זיין אַרבעט אויפן דאָזיקן געביט. דער וואָגעזישער שפּיטאָל איז געווען דער שטאָלץ פון דייטשישן רויטן קרייץ. פון אַ סך אַנדערע פראָנטן האָט מען אַהין געבראַכט שווער־פאַרוואונדעטע, הויכע מיליטער־לייט, וואָס מען האָט שוין געהאַט פאַרלוירן די האָפענונג זיי צו ראַטעווען, און אין וואָגעזישן שפּיטאָל זענען זיי געראַטעוועט געוואָרן.

וואָכן מיט וואָכן זענען אַזוי אָנגעגאַנגען די שלאַכטן אויפן פראָנט, און צוגלייך דערמיט — דאָס לעבן אין שפּיטאָל. סאָלדאַטן זענען געפאַלן, אַנדערע האָבן זיי פאַרטרעטן. קאָמוניקאַטן זענען כסדר דערשינען מיטן סטערעאָטיפּישן „אויפן פראָנט — קיין איבעריקס״, דאָס הייסט: נאָרמאַל... אויב נאָרמאַל קאָן הייסן: מאָרדן, פאַרניכטן, ברענען, צעשמעטערן און פאַרניכטן די מענטשהייט — דאַן איז דעמאָלט געווען דאָס „נאָרמאַלסטע״ לעבן אויף די וואָגעזן...

מיטאַמאָל איז אָבער געקומען אַן ענדערונג. דער קאָמוניקאַט האָט שוין מער נישט געמאָלדן וועגן „אויפן פראָנט — קיין וויכטיקעס...״ די קאָמוניקאַטן זענען שוין פאַרביטן געוואָרן מיט אַנדערע ווערטער. עס האָט זיך שוין איצט געלייענט, אַז „מיר האָבן זיך פאַרשאַנצט אויפן הינטער־פראָנט...״ שפּעטער אַביסל — נאָך אַן אַנדערע ענדערונג: „אונדזער אַרמיי האָט זיך צוריקגערוקט אויף די פריער אויסגערעכנטע פּאָזיציעס...״ מען האָט שוין אָנגעהויבן זען אַ צערודערונג אויף די

דייטשישע פראנטן. אויך אין וואגעזישן שפיטאל האט זיך געלאזט מערקן אן ענדערונג. די צאל פארוואונדעטע איז גרעסער געווארן. דער אפקלאנג פון דער קאנאנאדע איז שטארקער געווארן. נישט איינמאל, בעת א שווערע אפעראציע, ווען די צוויי דאקטוירים האבן מיט זייערע אינסטרומענטן געמייסטרעוועט אין א מענטשלעכן מארך, אדער גלאט אזוי אין מוח, האט די שפיטאל־געביידע אויפגעציטערט פון די פראנצויזישע באמבארדירונגען. עס האט אויך געטראפן, ווען נאך אן אומדערמידלעכער ארבעט פון די דאקטוירים צו דערהאלטן א גרויסן גענעראל ביים לעבן דורך זייער אפעראציע. און ווען עס איז שוין געלונגען צו פארענדיקן די אפעראציע מיטן גרעסטן דערפאלג, האט אבער א פראנצויזישע באמבע קאליע געמאכט די גאנצע מי און מאטערניש פון די דייטשישע פראפעסארן... דאס וואס די דייטשן האבן נישט „באוויזן" צו טון, האט עס געטון א פראנצויזישע באמבע...

איינמאל, נאך א שרעקלעכער קאנאנאדע, ווען די שיסערייען האבן זיך שוין געהאט גוט דערנענטערט צו דער שפיטאל־געביידע, האט מען שוין אנגעהויבן צו ריידן, וועגן צוריקרוקן אביסל דעם שפיטאל, כדי אים צו קאנען „פארפעסטיקן"... און אויך, כדי די קאנאנאדע זאל נישט שטערן די קראנקע סאלדאטן... די אנפירער פון שפיטאל האט מען אבער גארנישט דערציילט וועגן דעם; מען האט זיי אפילו נישט דערציילט, אז דער פראנט איז שוין אונטער דער נאז. אבער, זיי האבן עס שוין אליין פארשטאנען...

כמעט אלע דאקטוירים מיטן גאנצן שפיטאל־פערסאנאל האבן זיך געכאפט וועגן דער שרעקלעכער אפענסיווע פון די פראנצויזן, — האבן זיי זיך אבער פארט נישט געקאנט איינרעדן, אז עס קאן אמאל מעגלעך זיין, אז די פראנצויזן קאנען זיך דערנענטערן און פארטרייבן די זיגרייכע דייטשן...

דאך האט די שפיטאל־פארוואלטונג באשלאסן, זיך נעמען גרייטן צו אן עוואקואציע. אויף וואס פאר א פאל עס זאל נאר נישט זיין — זאלן זיי זיין גרייט. מען האט וועגן דעם געמאלדן קיין בערלין. דער ענטפער איז אבער געקומען באפעלעריש: מען ציט זיך נישט צוריק! דער פראנט איז א געזיכערטער... עס וועלן קומען פארשטארקונגען... דייטשלאנד מוז באזיגן די ברוטאלע פראנצויזן.

פון טאָג צו טאָג האָט זיך אָבער דער פראָנט דערנענטערט, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס עס זענען אָנגעקומען גרויסע פאַרשטאַרקונגען. דער שפּיטאָל האָט כסדר געציטערט און געדראָעט איינצופאַלן. דער מלאך־המוות האָט געהאַט די גאַנצע שליטה איבער די סאָלדאַטן, און די ערד האָט געהאַט אַלע איינגעשלונגען... עס האָבן נישט געהאָלפן די „האָוויצערס" מיט די „צעפּעלינען". די פראַנצויזן האָבן אויסגעבריי־טערט צוריק זייער פראָנט, צוריק דעראָבערט זייער טעריטאָריע, און אין איינער אַ פינצטערער נאַכט, בעת די דאָקטוירים שטיינאַך און פרייליך זענען געשטאַנען ביי אַ שווערער אָפּעראַציע, האָט זיך געעפנט די טיר און פראַנצויזישע סאָלדאַטן און אָפיצירן —באַלאָדן פון קאָפּ ביז די פיס — זענען אריין אין שפּיטאָל. אַלע זענען געבליבן שטיין ווי סטאַטועס. אין ערשטן מאָמענט האָבן זיי קיין וואָרט נישט געקאָנט אויסריידן. דער דאָקטער פרייליך איז געווען דער ערשטער צו עפענען זיין מויל, אָבער נאָר איין וואָרט האָט זיך ארויסגעריסן פון דאָרט:

— אַ פּאַראַט פון אונדזערע...

— ניין, הער גענעראַל, —האָט זיך אָנגערופן אַ שיינער און יונגער פראַנצויזישער לייטענאַנט, אין אַ גלאַנצנדיקן דייטש—, קיין פּאַראַט! די זיגרייכע פראַנצויזישע אַרמיי האָט צוריק דעראָבערט די וואָגעזן. איר אַלע זענט געפאַנגענע.

— געפאַנגענע ?! —האָט ד"ר פרייליך, מיט פאַרביסענע ציין ארויסגעשטשירעט.

— יאָ! —האָט דער פראַנצויז געענטפערט.— דאָס ערשטע וואָס מיר פאָדערן פון אייך, איז: אייער געווער! קיינער טאָר נישט בלייבן מיטן מינדסטן געווער ביי זיך און נישט אין שפּיטאָל. איר קאָנט אַלע בלייבן ווייטער רואיק אַרבעטן און היילן אייערע קראַנקע. איר מוזט זיך אָבער אונטערוואַרפן די פראַנצויזישע וואַכן און דער פראַנצויזישער אָרדענונג.

ד"ר שטיינאַך האָט אוועקגעלייגט זיין אָפּעריר־מעסערל, רואיק צו־געגאַנגען צו דער שאַפע, ארויסגענומען פון זיין שינעל אַ קליינעם טאַשן־רעוואָלווער, אוועקגעלייגט אים אויפן טיש, און —ווי קיינמאָל גאָרנישט— צוריקגענומען דאָס מעסערל אין האַנט און פאַרענדיקט אָראָפּנעמען דעם צווייטן פוס פון אַ גאַנגרעניזירטן סאָלדאַט.

דער פראַנצויזישער פאַרפאָסטן, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם שפּי־טאָל, האָט אַרומגעשיקט וואַכן אין אַלע אָפּטיילונגען און פון אומעטום האָט מען געברענגט צוטראָגן גאַנצע שטויסן מיט געווער פון פאַרשידע־נעם קאַליבער און פאַרשידענע גרייסן. מען האָט דאָס אַלעס אַרויסגע־נומען אין דרויסן, און דער פראַנצויזישער לייטענאַנט האָט באַפוילן אוועקצושטעלן וואַכן ביי אַלע טירן און פענצטער פון שפּיטאָל. די אי־בעריקע סאָלדאַטן האָט ער געהייסן פאַרנעמען זייערע פּאָסטנס.

ווען אַלע פראַנצויזישע סאָלדאַטן האָבן שוין געהאַט פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, איז דער לייטענאַנט רואיק צוגעגאַנגען צום דאָקטער פרייליך און מיט פראַנצויזישן באָן־טאָן האָט ער אָנגעהויבן:

— הער גענעראַל, און איר?

— וואָס איך? —האָט ד"ר פרייליך אויסגעשריגן.

— אייער געווער, הער גענעראַל —האָט דער פראַנצויזישער ליי־טענאַנט ווידער געזאָגט אין אַ גאַנץ רואיקן טאָן.

דער דייטש, ד"ר פרייליך, האָט זיך אָבער נישט פאַרגעשטעלט, אַז מען קאָן ריידן צו אַ שונא אין אַזאַ רואיקן און געמיטלעכן טאָן. ער איז עם קיינמאָל נישט געוואוינט געווען צו טון, בעת די דייטשן האָבן פאַר־כאַפּט פרעמדע שטעט און לענדער. אים האָט אויפגערעגט דער שטילער באָן־טאָן פון דעם פראַנצויז. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז דאָס מיינט דער פראַנצויז זיך צו רייצן מיט אים. ער האָט זיך געגעבן אַ שמעל־אויף אין זיין גאַנצער גרויס, גלייך ווי מען שטעלט זיך פאַרן קייזער אַליין, און מיט גרויס כעס האָט ער אויסגעשריגן:

— מוסיו! איך האָב נישט קיין געווער! איך בין אַ דאָקטער און נישט קיין גענעראַל, נישט קיין קריגספירער! פאַרשטאַנען?

— הממממ... —האָט דער פראַנצויזישער לייטענאַנט זיך צע־שמייכלט.— איך האָב גאָרנישט געוואוסט די דייטשישע תקנות, אַז אַ גענעראַל, אַ דאָקטער, נאָענט פון פראָנט, אין שכנות מיטן שונא, אַ די־רעקטאָר פון אַ שפּיטאָל, דאַרף זיין אומבאוואָפנט...

— אַזוי איז עס, הער פראַנצויז —האָט ד"ר פרייליך שפּאָטיש גע־חוזקט פון לייטענאַנט.

— הער גענעראַל! — איז שוין דער לייטענאַנט געוואָרן ערנסט.— צווינגט מיך נישט צו רעווידירן אייערע מלבושים. אייער דייטשישע

ערע פאַדערט אַז איר זאָלט רעספּעקטירן דעם שונא.

— קיינמאָל נישט! —האָט ד״ר פרייליך אויסגעשריגן.— נישט די פראַנצויזן! . . .

— ווילט איר, אַלזאָ, הער גענעראַל, אַז מען זאָל אייך צווינגען דערצו? —האָט דער פראַנצויזישער לייטענאַנט געפרעגט.

— איך בין אַ דייטשער גענעראַל, —האָט ד״ר פרייליך ווילד אויסגעשריגן— קיינער קאָן מיך נישט באַצווינגען!

— קיינער? —האָט דער לייטענאַנט סאַרקאַסטיש געפרעגט.

— אויסער זיין מאַיעסטעט, דער קייזער! —האָט ד״ר פרייליך מיט חוזק געענטפערט.

— און ווען אַ פראַנצויזישער לייטענאַנט וועט אייך אויפפאָדערן? —האָט דער פראַנצויז געצויגן זיינע ווערטער.

ד״ר פרייליך האָט אַוועקגעוואָרפן אַ באַנדאַזש פון האַנט, וואָס ער האָט געדאַרפט באַנדאַזשירן דערמיט אַ פאַרוואונדעטן; ער האָט וואוילל-יונגעריש אַריינגעשטעקט זיינע הענט אין די זייטיקע הויזן-קעשענעס, און האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענצטער מיטן פנים צום פראַנצויזישן לייטענאַנט. דאַן האָט ער חוצפּהדיק אויסגערופן, ציינדיק די ווערטער:

— ווען אַ פראַנצויזישער לייטענאַנט וועט מיר באַפעלן, האָב איך נאָר איין ענטפער דערויף: אַט דאָס!

ער האָט שנעל אַרויסגעצויגן פון דער הויזן-קעשענע אַ מיקראָ-רעוואָלווער און שנעל גענומען צילן צום לייטענאַנט. אין זעלבן מאָמענט האָט זיך געהערט אַ שאָס, און ד״ר פרייליך האָט אַרויסגעלאָזט זיין רעוואָלווער פון האַנט און געפאַלן אַ פאַרבלוטיקטער אויף דער ערד. דער פראַנצויזישער לייטענאַנט איז רואיק צוגעגאַנגען, אויפגעהויבן דעם רעוואָלווער און אַרויסדערלאַנגט אים דורך דער אויסגעבראָכענער שויב אין פענצטער, ביי וועלכן עס איז געשטאַנען אַ פראַנצויזישער סאָלדאַט און האָט אָבסערווירט די גאַנצע צייט דעם רעוואָלטירנדיקן שטאָלצן דייטש, און אין פּאַסיקן מאָמענט, אים מכבד געווען מיט אַ פראַנצויזישער קויל. — זאָל ער אויך עפּעס „פאַרזוכן" פאַר זיין געטרייער איבערגעגעבנקייט דעם דייטשישן קייזער. . .

דער פראַנצויזישער לייטענאַנט האָט גלייך פאַרלאָזן דעם אָפּעראַ־ציע־זאַל, און דער ד״ר שטיינאַך האָט זיך גענומען ראַטעווען זיין קאָלע־גע.

די קויל, וואָס ד״ר פרייליך האָט באַקומען, איז געבליבן שטעקן אין דער רעכטער לונג. דאָס בלוט האָט געפלאָסן אָן אויפהער. די ערשטע אַרבעט פון ד״ר שטיינאַך איז געווען אָפּצושטעלן דעם בלוט־אָפּפלוס און אָפּערירן דעם פאַרוואונדעטן.

ד״ר פרייליך איז געווען ביים פולן באַוואוסטזיין. ער איז געווען שטאָלץ אויף דער סצענע וואָס האָט זיך נאָר־וואָס דאָ אָפּגעשפּילט. אַ דייטשישער גענעראַל קאָן זיך אַנדערש נישט ווינטשן צו פאַלן, ווי מיט שטאָלץ פאַרן קייזער און פאָטערלאַנד...

ד״ר שטיינאַך האָט אָנגעווענדעט אַלע זיינע מיטלען צו קאָנען פאַר־האַלטן דעם שטאַרקן בלוט־אָפּפלוס. ער האָט גוט געוואוסט, אַז קיין בלוט־פּלאַזמען זענען שוין כמעט נישטאָ אין שפּיטאָל, און וועט ער נישט אויסמיידן דעם צו־שטאַרקן בלוט־אָפּפלוס פון זיין קאָלעגע, קאָן זיין גאַנ־צע אַרבעט גיין אין ניוועץ. ווייל ער וועט אים נישט קאָנען מאַכן קיין בלוט־טראַנספוזיע. זיין אָנגעשטרענגטע אַרבעט איז נישט געווען אומ־זיסט. עס איז אים געלונגען צו פאַרהאַלטן דאָס בלוט און באַרואיקן זיין קאָלעגע, אַז די אָפּעראַציע וועט ער גלייך דורכפירן און זי וועט אים אויך מוזן געלינגען.

—דו וועסט זען, —האָט ד״ר שטיינאַך געזאָגט צו אים, מער מיט ווערטער צו באַרואיקן, ווי צו זיין זיכער— דו וועסט נאָך לעבן און זיך נוקם זיין אין די מערדערישע פראַנצויזן...

ד״ר פרייליך איז אָבער געווען אַ מבין אויף זיך. ער האָט גע־וואוסט אַז די פאַרשטייענדיקע אָפּעראַציע איז זייער אַ דעליקאַטע, און באַזונדערס: עס האָט אים נישט פאַראינטערעסירט דאָס לעבן —האָט ער אַליין צו זיך געזאָגט; צו זיין אַ געפאַנגענער ביי די פראַנצויזן... אַ דייטשישער גענעראַל ביי די פראַנצויזן אין געפאַנגענשאַפט... קיינ־מאָל נישט... וועט ער אָבער שטאַרבן, וועט ער נאָכן טויט זיכער באַ־קומען די גרעסטע אויסצייכענונגען פון קייזער... דעמאָלט וועט עס הייסן: העלדיש געפאַלן אין דער שלאַכט פאַרן קייזער און פאָטער־לאַנד...

ד״ר שטיינאך האָט גענומען מאַכן אַלע הכנות צו דער אָפּעראַציע. עס איז אים געגאַנגען אין לעבן צו קאָנען ראַטעווען זיין בעסטן קאָלעגע און פריינט. ער האָט אָבער באַמערקט, ווי די היץ שטייגט, וואָס — אין אַזאַ פאַל — איז דאָס נישט קיין גוטער סימן. ער האָט זיך געשראָקן פאַר די קאָנסעקווענצן. ער האָט זיך גענומען צואיילן צו אָפּערירן דעם קראַנקן. דער קראַנקער האָט געעפנט די אויגן, ער האָט צוגערופן דעם דאָקטער שטיינאך צו זיך און מיט אַ שוואַכער שטימע האָט ער געזאָגט:

— קאָלעגע... גענעראַל... צוויי ביטעס וועל איך דיר בעטן...

ד״ר שטיינאך האָט אים איבערגעריסן אין מיטן:

— איצט האָסטו גאָרנישט וואָס צו בעטן. אַלץ שפּעטער, נאָך דער אָפּעראַציע.

— ניין, קאָלעגע, — האָט ד״ר פרייליך געזאָגט — שפּעטער וועט שוין זיין צו־שפּעט... איך מוז דיר עפּעס זאָגן, איידער איך פאַרענדיק מיין קאַריערע... איך ווייס, קאָלעגע, אויב דו וועסט ווען, וועסטו מיך אפשר... קאָנען אָפּראַטעווען. איך וויל אָבער נישט לעבן מיט איין לונג... איך וויל אינגאַנצן מער נישט לעבן.... טו מיר אַ טובה, קאָלעגע, ראַטעווע מיך נישט!... שווער מיר, אַז דו וועסט מיט־העלפן דעם דייטשישן פאָלק... אונדזער פאָלק, נעמען נקמה אין די בלוטיקע פראַנצויזן.

ד״ר פרייליך האָט נאָך געוואָלט רעדן. ער איז אָבער געוואָרן שטאַרק אָפּגעשוואַכט פון די פּאָר ווערטער. ער האָט זיך אָפּגערוט עט־לעכע מינוט, און דאַן האָט ער ווידער געוואָלט אָנהייבן עפּעס רעדן. ד״ר שטיינאך האָט אים איבערגעריסן:

— זיי רואיק, קאָלעגע, דו טאָרסט איצט נישט רעדן, עס איז סם פאַר דיין געזונט. רעג זיך נישט אויף. קאָנסט זיין זיכער, אַז אין שול־דיקן וועט מען שטענדיק נעמען נקמה — אויב ער איז טאַקע שולדיק... אָבער איצט מוזטו זיך באַרואיקן. ווען דו וועסט געזונט ווערן, וועלן מיר רעדן וועגן דעם.

— ניין, קאָלעגע, — האָט דער דאָקטער פרייליך זיך געבעטן — נאָך אַ קליינע ביטע... און דאַן... און דאַן... וועל איך בלייבן רו־איק... אויף אייביק...

ד"ר שטיינאַך האָט געזען, אַז דער קראַנקער איז אַ מבין אויף זיך, און ער פילט שוין אַז די קאַטאַסטראָפע איז נאָענט. ער זעט שוין אַליין, אַז דער טויט איז אומפאַרמיידלעך, און כדי צו פאַרלייכטערן זיינע לעצטע מינוטן,האָט ער זיך צוגעצויגן נאָענט צום קראַנקן, וועלכער איז געלעגן מיט געלעכבערטע לונגען, האַלב אויסגעטריקנטע פון דעם שטאַרקן בלוט-פאַרלוסט, און מיט איבערגעגעבנקייט אין זיין שטימע, האָט ער אים געפרעגט:

— גענעראַל, וואָס איז דיין צווייטע ביטע?

— מיין קינד... —האָט דער אָפּשטאַרבנדיקער דאָקטער געזאָגט.
— מיין זונדעלע... קאָלעגע, איך בעט דיך... ווען דו וועסט צוריקקומען אַהיים... נעם צו מיין זונדעלע צו זיך... דערצי אים ווי דיין קינד... גיב אים דיין בילדונג... גיב אים איבער פון דיין וויסנשאַפט... זיי צו אים אַ פאָטער... זיי... אַ טאַטע..

ד"ר פרייליך איז אין מיטן ריידן ווי פאַרחלשט געוואָרן, דערמאָנענדיק זיך אין דער צוקונפט פון זיין קינד, האָט ער זיך אינערלעך אויפגערעגט, און די אויפרעגונג האָט צוריק געעפנט די וואונד אין זיינע לונגען. דאָס בלוט האָט איצט ווידער געהאַט אַ פרייען וועג צו פליסן, און עס איז געפלאָסן פון דאָרטן דאָס לעצטע ביסל בלוט פון דעם העלדישן דייטשישן גענעראַל. דער ד"ר שטיינאַך האָט איינגעזען, אַז עס וועט שוין גאָרנישט העלפן זיין ארבעט צו פאַרהאַלטן דעם בלוט-פלוס; אַז די קויל איז שוין צו-טיף אַריינגעדרונגען אין די לונגען, און אַז דאָס אויפהאַלטן קינסטלעך דעם קראַנקן, מאַכט אים נאָך מער ליידן, און ער האָט גערן נישט געוואָלט פאַרשווערן די לעצטע לעבנס-מינוטן פון זיין שטאַרבנדיקן קאָלעגע און פריינט. ער האָט אים אָבער נאָך געפּרוואווט דערמינטערן; ער האָט געוואָלט אויסהערן זיין לעצטן וואונטש, און עס איז אים טאַקע געלונגען: ד"ר פרייליך האָט געעפנט זיינע פאַרוואָלקנטע אויגן, ער האָט אַ שמייכלענדיקער —ווי אַלע זיינע ווייטיקן וואָלטן געהאַט אָפּגעטראָטן פון אים— זיך געווענדעט צום דאָקטער שטיינאַך. ער האָט זיך, ווי אין חלום, דערמאָנט, אַז ער האָט געהאַלטן אין מיטן אַ געשפּרעך מיט זיין קאָלעגע. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע זיינע כוחות, ער האָט געעפנט דאָס מויל, און כאָטש די שפּראַך איז שוין פון דאָרט אַרויס אינגאַנצן אַ כאָרכלענדיקע, דאָך האָט דער דאָקטער שטיי-

נאָך זיי גוט פאַרשטאַנען. ער האָט שאַרף געהערט די ווערטער, וואָס זיין שטאַרבנדיקער פריינט האָט אַרויסגערעדט:

— מיין קינד... ווערן גרויס... דיין טאָכטער... מיין זון... דיין טאָכטער... מיין... דיין...

מער האָט ער שוין נישט באַוויזן צו רעדן. אַ לייכטער שמייכל האָט געשוועבט אויפן פּנים פון גענעראַל פריילינג. אַ גלאַנצנדיקע טרער האָט אַרויסגעבלאַנקט פון די זיך פאַרמאַכנדיקע אויגן. ביסלעכווייז האָט זיך דאָס פּנים פאַרקרימט אין אַ ביטערער גרימאַסע, די פאַרטרער־טע אויגן האָבן זיך שטאַרק געעפנט, זיי האָבן טיף אַריינגעקוקט אין פּנים פון דאָקטער שטיינאַך. דאָס מויל האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר עס האָט זיך מיט איינמאָל קראַמפּהאַפט פאַרהאַקט און ער איז גע־בליבן ליגן אומבאַוועגלעך.

ד״ר שטיינאַך האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעמאַכט אים די אויגן, פאַרקרייצט אים די הענט אויף זיין האַרץ און אַריבערגעצויגן די ווייסע דעק איבער זיין קערפּער.

— פאַרענדיקט...—האָט דער פאַרטרויערטער דאָקטער שטיינאַך געערדט אין הלל אַריין.— פאַרענדיקט מיטן געדאַנק וועגן זיין איינציקן זון; פאַרענדיקט, און מיר אַ ירושה געלאָזט — זיין זון...

צווייטער טייל

אויף דייטשער ערד

קאפיטל 1

דער רעטער פון פאָלק

צווישן די טויזנטער דייטשישע סאָלדאַטן, אָפיצירן און דאָקטוירים וואָס זענען — נאָכן פאַרענדיקן די מילחמה — צוריקגעקומען פון די פראָנטן און פון די געפאַנגען־לאַגערס, האָט זיך אויך געפונען דער גרויסער פראָפעסאָר און וויסנשאַפטסמאַן, דער רעקטאָר פון מינכענער אוניווערזיטעט, פראָפעסאָר איזידאָר שטיינאַך.

נאָך דער גרויסער מפּלה פון די דייטשישע אַרמייען אויף אַלע פראָנטן, איבערהויפּט אויפן פראַנצויזישן פראָנט, וואו דער גאַנצער דייטשישער גענעראַל־שטאַב, צוזאַמען מיטן פראָנט־שפּיטאָל זענען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די פראַנצויזן, האָט דאָקטער שטיינאַך — ווי קיינמאָל גאָרנישט — ווייטער געאַרבעט אין זעלבן שפּיטאָל, מיט זיין גאַנצן פּערסאָנאַל, מיטהעלפנדיק צו לינדערן די ליידן פון די אומגליקלעכע פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן. נישט קוקנדיק וואָס ער איז געווען אין געפאַנגענשאַפט ביי די פראַנצויזן, איז ער אָבער ווייטער אָנגעגאַנגען נאָרמאָל מיט זיין שפּיטאָל־אַרבעט. זיין איינציקע אויפגאַבע איז געווען: וואָס מער העלפן די אומגליקלעכע, אַז זיי זאָלן וואָס ווייניקער פילן אַז זיי זענען אי פאַרוואונדעטע, אי געפאַנגענע. ער איז געווען פאַר די קראַנקע און געפאַנגענע נישט נאָר זייער דאָקטער, נאָר אויך זייער לערער און וועגווייזער, און דערפאַר טאַקע איז ער געווען באַליבט נישט נאָר ביי זיינע מיטבירגער, די דייטשן, נאָר אַפילו די פראַנצויזישע מיליטערישע מאַכט האָט אים רעספּעקטירט און האָט זיך גערעכנט מיט זיין מענטשלעכער האַלטונג און האַנדלונג, מער ווי מיט זיין גרויסן געניראַלסקן „טשין”, וואָס ער האָט געטראָגן.

ד״ר שטיינאַך האָט מיט אינטעליגענץ און פאַרשטאַנד אָנגעהאַלטן דעם דייטשישן כאַראַקטער אין שפּיטאָל, נישט אַרויסרופנדיק צו זיך קיין

שינאה־געפילן פון די פראַנצויזן, און כאָטש ער האָט נישט באַנוצט קיין שום חניפה צו די יעניקע, ביי וועלכע ער איז געווען אַ געפאַנגענער, דאָך האָט ער זיך אימפּאָנירט מיט זיין טאַקטיק און מיט זיין ווייטערדיקן פירן דעם שפּיטאָל.

די פראַנצויזן האָבן זיך גאַרנישט געקאָנט ווינטשן קיין בעסערן שפּיטאָל־לייטער, ווי עס איז געווען דער דאָקטער שטיינאַך. ער איז געווען לאָיאַל צו אַלע קראַנקע אין שפּיטאָל, אַפילו צו די פאַרוואונדעטע און קראַנקע פראַנצויזן וואָס מען האָט געברענגט אין דייטשישן שפּיטאָל אַריין, האָט זיך דער דאָקטער שטיינאַך פונקט אַזוי פאַראינטערעסירט ווי מיט די דייטשישע קראַנקע.

ד״ר שטיינאַך איז באַליבט געוואָרן ביי די פראַנצויזן. מען האָט אים אַפילו דערלויבט צו פאָרן אין די נאָענטסטע שטעטלעך אַריין, ווען מען האָט זיך דאָרטן גענויטיקט אין אַ גוטן דאָקטער. מען האָט שוין אַפילו אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען מיט אים, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון צוריקפאָרן קיין דייטשלאַנד און ווערן אַ פראַנצויזישער בירגער.

און געשען איז עס גאַנץ צופעליק:

אין שפּיטאָל פון ד״ר שטיינאַך איז אַראָפּגעקומען פון פּאַריז אַ גרופּע דאָקטוירים, מיליטאַרן און ציווילע. זיי זענען געקומען ספּעציעל געשיקטע פון דער פראַנצויזישער מיליטערישער מאַכט, צו ליקווידירן דעם דייטשישן שפּיטאָל אויף דער פראַנצויזישער טעריטאָריע. ווען זיי האָבן זיך אָבער באַקענט מיט דער וויסנשאַפטלעכער און כירורגישער אַרבעט אין שפּיטאָל, זענען זיי ממש דערשטוינט געוואָרן. זיי האָבן איינגעזען, אַז דער לייטער פון שפּיטאָל איז נישט נאָר אַ גרויסער מעדי־קער און אָפּעראַטאָר, נאָר אויך אַ גרויסער גאון אויפן געביט פון דער מעדיצינישער וויסנשאַפט.

ד״ר וויקטאָר, אַ געוועזענער געזונטהייטס־מיניסטער אין פראַנק־רייך, דער איצטיקער לייטער פון דער מעדיצינישער גרופּע, האָט דאַן צו־זאַמענגערופן די גאַנצע גרופּע מעדיקער אויף אַ ספּעציעלער באַראַטונג, און עס איז ביי זיי באַשלאָסן געוואָרן, אַז מען זאָל אונטערהאַנדלען מיטן דאָקטער שטיינאַך, אַז ער זאָל פאַרנעמען אַ קאַטעדרע אין דער פּאַריזער סאָרבאָנע פון די מעדיצינישע וויסנשאַפטן, און אַלס פאַרגיטיקונג, וועט

מען אים גלייך באפרייען פון געפאנגענשאפט און מען וועט אים געבן די פראנצויזישע בירגערשאפט.

ד״ר שטיינאך, ווען מען האט אים איבערגעגעבן דעם פארשלאג פון דאקטער וויקטאר, האט גארנישט לאנג געטראכט. ער האט גלייך גע־געבן א פעסטן ענטפער:

— ניין!

ד״ר וויקטאר האט געפרואווט פארבינדן א שמועס מיט אים. ער האט אים גאנץ קאלעגיאל, —גארנישט ווי צוויי „בלוטיקע שונאים״— אנגענומען ביי דער האנט, ארויסגעפירט אים אויפן שפיטאל־הויף און גענומען מיט אים איינטענהן:

— הער דאקטער, אייך שטייט פאר א גליקלעכע צוקונפט. ביי אונדז אין פראנקרייך וועט איר קאנען דערגרייכן צום העכסטן שטאפל אויפן מעדיצינישן געביט. איר וועט באקומען אלע מעגלעכקייטן און געלעגנהייטן דערצו. האט דאך די מאדאם קוריע אויך ביי אונדז באקו־מען די מעגלעכקייט צו אנטדעקן דאס טייערסטע פון דער מענטשהייט: ראדיום. האט דאך אפילו פאסטעור געארבעט אין אונדזער לאנד ביי זיינע וויסנשאפטלעכע אנטדעקונגען. מיר וועלן אייך אויך געבן אלע מעגלעכקייטן פארצוזעצן אייער שטודיום און צו קאנען ווערן איינער פון די גרעסטע פראנצויזישע וויסנשאפטלער.

ד״ר שטיינאך האט רואיק אויסגעהערט זיין קאלעגע. ער האט לאנגזאם אויפגעהויבן זיינע אראפגעלאזטע אויגן און מיט עקשנות אין זיין שטימע האט ער געזאגט:

— איך בין א דייטש!

— אבער, הער פראפעסאר, —האט דאקטער וויקטאר אנגעהויבן— אייער פאטערלאנד שטייט פאר חורבן און פארניכטונג, שפאלטונגען און רעוואלוציעס. אט, זעט אליין! אייער גרויסן קייזער ווילהעלם, וועל־כער האט געגלויבט, אז ער וועט באזיגן די גאנצע וועלט, און דאס פאלק האט מיטגעגלויבט מיט אים, האט דאס זעלבע פאלק אראפגעווארפן פון זיין טראן! די דייטשישע סאציאליסטן, וועלכע האבן מיטגעהאלפן דער רעגירונג ביים קריגס־אויסברוך, ווילן גאר איצט רעגירן איבער די מאסן. עס הערשט דארטן כאאס, צערודערונג. ווער וועט זיך איצט אומקוקן דארט אויף אייך? וועמען וועלן איצט אנגיין אזעלכע מענטשן ווי איר?

איר וועט אָפּגעווישט ווערן מיטן שטראָם פון דער דייטשישער רעוואָלו־ציע, פּונקט ווי... ראָבעספּיער איז אָפּגעווישט געוואָרן מיטן שטראָם פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע... פאָלגט מיך, דאָקטער שטיינאַך, בלייבט מיטן פראַנצויזישן פאָלק, מיטן פרייהייטלעכסטן פאָלק אין דער וועלט. מיר ווילן זיין אַ פרידלעך פאָלק. מיר ווילן נישט זוכן קיין רע־וואַנש, ווי אַנדערע פעלקער טראַכטן שוין איצט. מיר ווילן לעבן מיט אַלע פעלקער בשלום. און מיר ווילן געבן די געלעגנהייט אַלע וויסנ־שאַפטלער אין דער וועלט, אַז זיי זאָלן זיך קאָנען אַנטוויקלען אויף דער פרייער פראַנצויזישער ערד, און קאָנען שאַפן פאַר דער מידער, אויסגע־פייניקטער מענטשהייט, וואָס זייער גייסט און זייערע וויסנשאַפטן וועלן זיי נאָר דיקטירן. איר קאָנט פאַרפעסטיקן אייערע וויסנשאַפטן, איר קאָנט ווערן אַ פראַנצויזישער בירגער, איר קאָנט חתונה האָבן מיט אַ פראַנצויזישער פרוי און אויפשטעלן אַ נייעם דור פראַנצויזן.

— ניין! —האָט דער דאָקטער שטיינאַך איבערגעריסן אין מיטן דעם דאָקטער וויקטאָרס רייד— איך האָב אַ פרוי מיט קינדער... איך בין אַ סך שולדיק מיין פאָטערלאַנד... איך האָב געלעבט מיט מיין פאָלק אין די גוטע צייטן, מוז איך זיי העלפן איבערקומען אויך די שלעכטע צייטן... מיין לאַנד האָט מיך געהאָלפן ווערן גרויס און באַ־רימט, מוז איך מיין פאָלק צוריקצאָלן מיין חוב... מיין פרוי האָט מיר געגעבן פריידיקע מינוטן אין מיין לעבן, מוז איך איר איצט אָפּצאָלן פאַר די טרויעריקע חדשים און יאָרן פון איינזאַמקייט, בענקשאַפט און אַנדע־רע פּורעניותן וואָס זי האָט דאָרטן געליטן, ווען איך בין געווען אויפן שלאַכט־פעלד... אייער לאַנד קאָן מיר קיין היים נישט געבן! אייע־רע פראַנצויזישע פרויען קאָנען מיר קיין פרייד און קיין ליבע נישט געבן! — פּונקט ווי אייער פראַנצויזישע ערד קאָן מיר קיין לעבן נישט געבן... איר זענט גענוג טאָלעראַנט צו מיר. איך וויל אָבער נישט זיין פאַרמאַסקירט. איך שאַץ אייערע כוונות, איר ווילט דערהויבן די פראַנצויזישע מעדיצין אויף אַ העכערער שטופע. טוט עס, הער פּראָפע־סאָר! שטודירט! זוכט! פאָרשט! אָבער נישט אויף מיין חשבון...

— הייסט עס, —האָט זיך דזשענטעלמעניש אָנגערופן דאָקטער וויקטאָר— אַז איר וואַרפט אָפּ אונדזער איינלאַדונג צו פאַרבלייבן ביי

אונדז אין לאנד? זאגט איר זיך אפ מיטצוהעלפן צו דער אנטוויקלונג פון אונדזערע מעדיצינישע וויסנשאפטן?

— חשובער הער דאקטער, —האט שטיינאך געענטפערט— באטש מיר זענען זיך איצט שונאים, איר — א פראנצויז, איך — א דייטש, אונדזער פראפעסיע האט אבער נישט צו טון מיט שינאה צווישן מענטש און מענטש. איך וויל אייך טאקע אנרופן קאלעגע. הערט־זשע מיך אויס, קאלעגע. אונדזער הומאניטארער פאך איז באזירט אויף איבער־געגעבנקייט און פריינטלעכער באציאונג פון איינעם צום אנדערן, פון וואס פאר א ראסע אדער פאלק־שטאם, אדער קלאס ער זאל נאר נישט זיין. אונדזער פראפעסיע איז אינטערנאציאנאל. אונדזער אויפגאבע — זארג פאר דער מענטשהייט. אונדזער ווילן — באפרייען די מענטשן פון די פארשידענע פלאגן און חולאתן וואס רויבן אוועק זייער לעבן יונגערהייט, נישט באוואוינדיק אפילו עפעס צו שענקען דער מענטשהייט. מיר, דאקטוירים, טארן נישט זיין קיין פאליטיקער; מיר טארן נישט זיין קיין דיפלאמאטן. נאך נישט דאס וועט זיין א גרויסער זיג פאר דער פראנצויזישער דיפלאמאטיע, ווען עס וועט זיי געלינגען צו פארכאפן א דייטשישן דאקטער פאר זייער לאנד, מעג ער אפילו זיין דער בעסטער און דער געלערנטסטער מענטש אויף דער וועלט. וויל מען עס אבער דערגרייכן, קאן מען עס מאכן אויף א שענערן און קולטורעלערן אופן, נישט איינהאנדלען בחדרי־חדרים, נישט אונטערהאנדלען מיט א וויסנ־שאפטסמאן אונטער פיר אויגן, נישט אונטערקויפן אזא נוצלעכן עלע־מענט אין ווען דאס לאנד נייטיקט זיך, ניין! דאס ערשטע דארף מען זארגן פאר אן אלוועלטלעכן שלום, אפשאפן דעם האס פון פאלק צו פאלק, בארואיקן די מילחמה־געמיטער, אויסווארצלען די נקמה־געפילן ביי פעלקער, אנטוואפענען אינגאנצן די וועלט, פארניכטן די כלי־משחית. דאס ווארט „מילחמה" זאל ארויסגענומען ווערן פון לעקסיקאן, און ווען מען וועט דאס דערגרייכן, דאן קאן שוין לייכטער זיין די צוזאמענארבעט פון וויסנשאפטלער און מעדיצינער צווישן לענדער און פעלקער. דער צוזאמענגוס פון פרידלעכע געפילן קאן אויך ברענגען צום צוזאמענגוס פון מענטשלעכע מוחות אויפן געביט פון דער וויסנשאפט און מעדיצין, און דאס וועט זיין דער סאמע היפוך פון די דיפלאמאטישע פאליטיקע־רייען. דאס ערשטע וועט קאנען פארלענגערן און פארלייכטערן דעם

מענטשנס לעבן, אין דער צייט ווען דאָס אַנדערע, מיט זיינע מילחמות און בלוט־פאַרגיסונגען, פאַרקירצט דעם מענטשנס לעבן, און מיר, וויסנ־שאַפטלער און מעדיקער, פּראָפעסאָרן און לערער פון אַלע קלאַסן, מוזן ווי אַמשטאַרקסטן קעגן דעם פּראָטעסטירן...

ד"ר וויקטאָר האָט זיך די גאַנצע צייט צוגעהערט צום אינטערע־סאַנטן געשפּרעך פון זיין קאָלעגע, פּראָפעסאָר שטיינאַך. ער האָט גע־קענט דעם פּראָפעסאָר אַלס גלענצנדיקן מעדיקער, אָפּעראַטאָר און רעק־טאָר פון מינכענער אוניווערזיטעט. ער איז אָבער געווען זיכער, אַז ער האָט צו טון מיט אַ פאַרהאַסטן דייטש, וועלכער זוכט נאָר נקמה צו נע־מען אין די פראַנצויזן, צוליב דעם דורכפאַל פון זיין פאָטערלאַנד... צום סוף זעט ער גאָר פאַר זיך אַ פּאַציפיסט, אַ פּרעדיקער פון שלום־אי־דעען, אַן אָנהענגער פון צווישנפעלקערלעכן צוזאַמענלעבן... ער האָט איצט ערשט איינגעזען, אַז ער טאָר נישט צונעמען דעם דאָקטער שטיי־נאַך פון זיין פאָטערלאַנד; ער מוז זיין איצט צווישן זיין פאָלק, אויף זיין ערד. דאָס דייטשישע פאָלק מוז איצט האָבן צווישן זיך אַזעלכע מענטשן וואָס קאָנען רופן צו שלום, צו מענטשלעכקייט, צו אחדות צווישן מענטשן און פעלקער. ער האָט אָנגעכאַפּט די האַנט פון פּראָפע־סאָר שטיינאַך, און מיט ציטערניש אין זיין שטימע האָט ער געזאָגט:

— הער פּראָפעסאָר! קאָלעגע מיינער! איר וועט מיר אַנטשול־דיקן פאַר מיין אָנבאָט, אייך אָפּצוקויפן פאַר אונדזער לאַנד. איצט זע איך ערשט, וואָס פאַר אַ פאַרברעכן איך וואָלט באַגאַנגען, צונעמענדיק ביי אַ פאָלק אַזאַ אוצר ווי איר זענט. דאָס דייטשישע פאָלק טאָר אייך נישט פאַרלירן! דאָס דייטשישע פאָלק מוז האָבן אין זיין מיט אַזעלכע מענטשן ווי איר. הער פּראָפעסאָר, איר מוזט זיין פון די ערשטע באַ־פרייט צו ווערן פון געפאַנגענשאַפט, כדי איר זאָלט צוריק אריין אין דייטשישן פאָלק. אייערע הייליקע ווערטער מוזן אויפשטורעמען אייערע ברידער, ווי אַ פייערדיקער מעטעאָר זאָל זיך אייער געהייליקט וואָרט אריינרייסן אין די דייטשע מאַסן. זאָל אויפברויזן אין דער גאַנצער וועלט דער אויסגעשריי: — גענוג מילחמה!... גענוג בלוט־פאַרגי־סונגען!... ברידערלעכקייט צווישן מענטשן און מענטשלעכקייט צווי־שן ברידער!...

ד״ר וויקטאָר האָט איבערגעריסן זיינע שטורמישע ווערטער, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון אַ מענטש, וועלכער פילט אַ שטיקל פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיין פאָלק, וועלכער האָט געזען ווי זיינע ברידער גייען־אויס אויף די שלאַכט־פעלדער פון אייראָפּע, ווי אייראָפּע ווערט חרוב וניחרב... ער האָט אָבער קוים באַוויזן אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, האָט ער ווידער אָנגעהויבן:

— הער גענעראַל! דאָ האָט איר מיין ערן־וואָרט, אַז צוזאַמען מיט אייך און אייער פאָלק, וועל איך אין מיין פראַנצויזישן פאָלק אַריינ־דרינגען מיט די מענטשלעכסטע לאָזונגען: אַוועק מיט די מלחמות! אויס מיט די בלוט־פאַרגיסונגען! הומאַניטעט איבער אַלעם! שלום פאַר דער גאַנצער מענטשהייט!...

ווען דאָקטער וויקטאָר האָט פאַרענדיקט זיינע ווערטער, האָט פּראָ־פעסאָר שטיינאַך אים שטאַרק געדריקט די האַנט, און אַ בלאַנקנדיקער טרער פון זיין אויג האָט אָפּגעשטעמפּלט דעם כריתת־ברית צווישן פאָלק און פאָלק, צווישן מענטש און מענטש.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז דער פּראָפעסאָר שטיינאַך, צוזאַמען מיט דער ערשטער גרופּע דייטשישע קריגס־געפאַנגענע אָנגעקומען אין זיין חרובע,ר צעבראָכענער היים: דייטשלאַנד.

אין גאַנצן לאַנד האָט געהערשט אַ גרויסע פרייד מיטן אָנקומען פון די ערשטע קריגס־געפאַנגענע פון די לאַגערן. נאָך מער ווי אומעטום האָט מען זיך געפרייט אין מינכען. אויסער סוזי, די פרוי פון פּראָפע־סאָר שטיינאַך מיט די צוויי קינדער, וועלכע האָבן מיט ציטערנדיקער פרייד אויפגענומען זייער מאַן און פאָטער, האָט אויך גאַנץ מינכען זיך געפרייט מיטן אָנקומען פון זייער באַליבטן פּראָפעסאָר, איזידאָר שטיי־נאַך, וועלכער האָט באַקומען אין גאַנצן לאַנד דעם אָנערקענטן נאָמען: „דער רעטער פון פאָלק״.

קאפיטל 2

אויפן העכסטן שטאפל פון גליק

אין געפאקטן זאל פון מינכענער אוניווערזיטעט, וואו עס האט גע־רוישט ווי אין א בינשטאק, איז מיטאמאל געווארן אויסערגעוויינלעך שטיל. אלע אנוועזנדיקע אין סאלאן זענען געבליבן שטיין מיט אפענע מיילער און אויסגעשטרעקטע אויגן צו דער טריבונע, וואו עס האבן אנ־געהויבן אריינקומען די גרעסטע געלערנטע פון לאנד: פראפעסארן, קא־טעדראטיקער, וויסנשאפטלער און מיליטערלייט. אלע האבן פארנומען זייערע פלעצער ביים גרויסן טיש אויף דער טריבונע, איבערלאזנדיק דעם אויבנאן פארן רעקטאר פון אוניווערזיטעט, וועלכער איז צוריקגע־קומען פון געפאנגענשאפט, און וועלכער ווערט היינט באערט מיט דער גרעסטער אויסצייכענונג פאר זיינע לייסטונגען פארן דייטשישן פאלק אין מילחמה־צייט, און וועלכער נעמט היינט איבער זיין אמאליקן אמט, אלס רעקטאר פון מינכענער אוניווערזיטעט.

פראפעסאר און רעקטאר איזידאר שטיינאך, איז נאך נישט געהאט געקומען אין סאלאן אריין. דער רעגן און שלעכטער וועטער האט פאר־אורזאכט א קליינע פארשפעטיקונג, וואס איז גארנישט געווען אין דער נאטור פון פינקטלעכקייט פון פראפעסאר, אבער נאר אין געציילטע מי־נוטן נאכדעם ווי אלע פערזענלעכקייטן האבן פארנומען זייערע ערטער אויף דער טריבונע און האבן אריינגעברענגט בארואיקונג אין סאלאן, האט זיך באוויזן דער פראפעסאר שטיינאך מיט זיין פרוי סוזי, אין דער באגלייטונג פון דריי קינדערלעך.

מיטן באווייזן זיך פון דעם גוט־באקאנטן פראפעסאר אויף דער טרי־בונע, האט דער גאנצער זאל אויפגעשטורעמט. אלע באזוכער אין סא־לאן, סיי אויף דער בינע, זענען אויפגעשטאנען פון זייערע ערטער און האבן שטורמיש אפלאדירט דאס באווייזן זיך פון „רעטער פון פאלק״.

פון אַלע זייטן האָבן זיך געשאָטן בלומען אויף דער טריבונע אַרויף. יע־דער איינער פון די געלערנטע און געסט אויף דער טריבונע האָבן פער־זענלעך באַגריסט דעם גרויסן פּראָפעסאָר, צעקושנדיק זיך מיט אים און דריקנדיק שטאַרק זיינע הענט. דאָס פאַרזאַמלטע פּובליקום האָט די גאַנ־צע סצענע שטורמיש אַפּלאָדירט. נישט ביי איינעם פון זיי האָבן זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן, טרערן פון פרייד, וואָס גאָט — שטראָפנדיק דאָס דייטשישע פאָלק — האָט עס געשטראָפט מיט רחמנות, וואָס ער האָט נאָך איבערגעלאָזט פאַרן לאַנד אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, ווי דער דאָקטער שטיינאַך. פיל סאָלדאַטן, קריפּלס און קאַליקעס, וועלכע האָבן נישט געקאָנט פאַרבלייבן אין דער היים, אין דער צייט ווען דאָס פאָלק נעמט אויף זייער רעטער, האָט מען אויף וועגעלעך געבראַכט אין סאַלאָן אַריין. זיי האָבן איצט — דערזעענדיק זייער דאָקטער און פּראָפעסאָר — געמאַכט שטורמישע אויסרופן און כסדר געשריגן:

— אונדזער מלאך!...

— אונדזער רעטער!!...

— אונדזער פאָטער וואָס האָט אונדז געגעבן אַ ניי לעבן!...

פּראָפעסאָר שטיינאַך איז געבליבן שטיין פאַרבליפט. אַזאַ קבלת־פּנים האָט ער זיך נישט פאַרגעשטעלט. די הונדערטער אויסגעשרייען און אָוואַציעס צעמישן אים. די בלומען וואָס רינגלען אים אַרום, שטעלן זיך אים פאָר, ווי ער וואָלט געשטאַנען ביי די קברים אויף די שלאַכט־פעלדער... קברים און בלומען... די גרויסע מאַסע אין סאַלאָן — ווי אַ פרישע אַרמיי, וואָס גייט איצט אין שלאַכט... די בליצן און דונערן וואָס הילכן אָפּ פון גאַס — ווי באָמבאַרדירונגען... פאַרניכ־טונגען... חורבנות... די כסדרדיקע אָוואַציעס — פּולעמיאָטן־פייער... פאַר זיינע אויגן פליען דורך פאַנטאַזיעס פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. ער זעט, ווי מענטשן פאַלן... הונדערטער... טויזנטער... מיליאָנען... גאַנצע וועלטן ווערן חרוב... זיינע נאָענט־סטע און בעסטע פריינט ליגן טויט פאַר זיינע אויגן... ער דערקענט זיי... אָט זעט ער... יאָ! ער דערקענט אים! זיין בעסטער קאָ־לעגע, ד״ר פריילין. ער פילט גאַרנישט, ווי פון זיין טיף־צעווייטיקט האַרץ רייסט זיך אַרויס דאָס וואָרט:

— דאָקטער פריילין!...

ווי אַ מאַגנעטישע קראַפט האָט דאָס וואָרט געווירקט אויפן גאַנצן זאַל, פונקט ווי אויף דער טריבונע. יעדער האָט פאַרשטאַנען פון די ווערטער, אַז דאָס דערמאַנט דער פּראָפעסאָר זיין גוט־באַקאַנטן געפאַלע־נעם פריינט, ד״ר פריילין; אַז ער פעלט אים איצט, כדי זיך צו טיילן מיט אים זיין פרייד און רום. מיטאַמאָל, אָבער, — ווי אויף אַ באַפעל פון געראַנק — זענען אַלע אין סאַלאָן שטיל געוואָרן. דער טרויעריקער אָבער הייליקער מאָמענט האָט אַלעמען פאַרכאַפּט. דער דאָקטער פאַלק דער רעקטאָר פון בערלינער אוניווערזיטעט האָט אָנגענומען דעם פּראָ־פעסאָר שטיינאַך ביי דער האַנט און אים צוגעפירט צום צענטער פון טיש, און אַ צעטרייסלטער פון דעם נאָר־וואָס דורכגעלעבטן מאָמענט, האָט ער מיט טרערן אין זיין שטימע אָנגעהויבן:

— טייערער גאַסט, גענעראַל און רעקטאָר. שווער קומט מיר אָן צו געפינען די פּאַסיקע ווערטער פאַר אַזאַ חשובן און טייערן פּערזאָן. ניש־טאָ די ווערטער וואָס זאָלן זיך קאָנען צופּאַסן צו אַזעלכע מענטשן, ווי אונדזער ליבער רעקטאָר. פריינט טייערע, אַנדערש האָבן מיר געגלויבט אויפצונעמען אונדזערע העלדן און פאַרטיידיקער פון אונדזער פאָטער־לאַנד; אַנדערש האָבן מיר געהאָפט, זאָלן אויסזען אונדזערע ימים־טובים, ביים צוריקקומען פון אונדזערע קינדער, פון אונדזערע מילחמה־פירער, פון אונדזערע דאָקטוירים און מיליטערלייט. צופיל האָט אונדז גאָט געשטראָפט. מיר האָבן שטענדיק געטראָגן מיט זיך דעם לאָזונג אַז „גאָט איז מיט אונדז״. דער לאָזונג האָט אונדז אָבער פאַרראַטן... דער זעלבער גאָט האָט אונדז צופיל פאַרלאָזט... מען האָט אונדז צע־בראָכן נישט נאָר פיזיש, נישט נאָר אויפן פראָנט, נאָר אויך גייסטיק... אונדזער פאָלק האָט מען געוואָלט אינגאַנצן פאַרניכטן. ווען עס איז אונדז אָבער פאַרבליבן אַזאַ פערזענלעכקייט, ווי עס איז אונדזער רעקטאָר און ווויסנשאַפטסמאַן פּראָפעסאָר שטיינאַך, האָבן מיר נאָך האָפענונג, אַז אונדזער פאָלק וועט זיך גייסטיק צוריקשטעלן אויף די פיס, צוריק, ווי־דעראַמאָל, גלייך מיט אַלע פעלקער, און אפשר נאָך העכער ווי יענע פעלקער וועלכע האָבן אונדז געוואָלט אינגאַנצן פאַרניכטן... מיר באַ־וויינען היינט דעם טויט פון די מיליאָנען דייטשישע קינדער, מיר באַ־דויערן זייער אומקום, מיר זענען אָבער שטאָלץ מיט די איבערגעבליבע־נע! עס פעלט אונדז דאָ אונדזער טייערער קאָלעגע דער געלערנטער

ד"ר פרייליך, מיר האָבן אָבער אַ פּילפּאַכיקערע פּאַרגיטיקונג מיטן צו־ריקקומען פון דעם גרויסן, און אפשר גרעסטן שטאָלץ פון דייטשלאַנד, דעם רעקטער פון פּאַלק, פּראָפעסאָר און רעקטאָר פון היגן אוניווערזיטעט, דאָקטער שטיינאַך.

דאָס גאַנצע פּובליקום אין זאַל און אויף דער טריבונע, האָט זיך מעכאַניש אויפגעשטעלט און מיט שטורעם אַפּלאָדירט די לעצטע ווער־טער פון דאָקטער פּאַלק. פון אַלע זייטן פון סאַלאָן האָבן זיך געהערט שטורמישע אויסרופן:

— זאָל לעבן דאָקטער שטיינאַך!...

— זאָל לעבן אונדזער רעקטער!...

פּלוצלינג האָט זיך גאַנץ אונטן, ביי דער טיר פון זאַל, איינער ארויפגעשטעלט אויפן בענקל און אָנגעהויבן זינגען:

„דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס,

„איבער אַלעס אין דער וועלט!"

דער גרעסטער טייל פּובליקום האָט אונטערגעכאַפּט דעם אַלטן דייט־שישן הימן. טיילן פון פּובליקום האָבן ארונטערגעלאָזט זייערע אויגן און געשטיקט זיך אין טרערן.

דאָקטער שטיינאַך איז די גאַנצע צייט געזעסן ביים טיש, אָנגע־שפּאַרט זיין קאָפּ אויף ביידע הענט. ביים אויסברוך פונעם געזאַנג און די טרערן אין סאַלאָן האָט ער זיינע אויגן איינגעגראָבן אין טיש, און געלאָזט פאַלן אַ טרער אויפן אומקום פון מיליאָנען ברידער־דייטשן... ער האָט דאַן ווידער אויפגעהויבן זיינע אויגן צום זינגנדיקן פּובליקום, און אָנגעשטרענגט זיין גאַנצע זע־קראַפט אין סאַלאָן אריין. דאָס גע־זאַנג פון דייטשישן הימן האָט אים דערמאָנט אין אַן ענלעך געזאַנג פון זעלבן הימן אין זעלבן סאַלאָן, נאָר מיט פינף יאָר צוריק. דעמאָלט האָט דער הימן געוועקט, גערופן, געפירט צום קאַמף, געשטורעמט אין די גאַסן אריין; דעמאָלט האָט דאָס געזאַנג זיך ארייגגעריסן אין יעדנס הארץ, און איצט? פאַרוואָס זינגען זיי, ווען מיר שטייען ביי די קברים פון אונדזערע מיליאָנען ברידער? פאַרוואָס פאַרשוועכן זיי די ווערטער וואָס זענען געווען די שטאָלצסטע און הייליקסטע פון פאָלק?... וואָס פאַר אַ ווערט האָבן איצט די ווערטער, ווען זיי זענען ליגנס, אָן אינ־האַלט?

דאָקטער פאַלק האָט באַמערקט אין דעם דאָקטער שטיינאַך, אַז ער פירט איצט עפּעס אַ קאַמף מיט זיך. ער האָט באַגריפן, אַז דער אַמאָל אַזוי הייליקער הימן פון פאָלק, קאָן מער נישט ווירקן, קאָן מער נישט וועקן, קאָן מער נישט טרייסטן. מען דאַרף דאָס פאָלק פריער געזונט מאַכן, פיזיש און גייסטיק, כדי ווידער צו זיין אַ שטאָלץ פאָלק, כדי ווי־דער צו קאָנען זינגען מיט דער גאַנצער זיכערקייט:

„דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס...‟

ד״ר פאַלק האָט געגעבן אַ צייכן צום פּובליקום, אַז ער זאָל אָפּ־שטעלן דאָס זינגען, און ער האָט גענומען פאַרענדיקן זיין רעדע:

— דייטשיש פאָלק! — האָט ער אויסגעשריגן. — ברידער און שוועסטער! דער היינטיקער טאָג איז דער גרעסטער טאָג פון אונדזער געליטן פאָלק. אונדזער לאַנד איז שטאָלץ מיטן צוריקקומען אין אונדזע־רע רייען פון אַזאַ פּערזענלעכקייט, ווי עס איז דער פּראָפעסאָר שטיינאַך. אין נאָמען פון אונדזער צענטראַלער רעגירונג, באַגריס איך מיין בעסטן קאָלעגע צו זיין צוריקקומען אין לאַנד אַריין און צו זיין צוריק איבערנע־מען די פירונג פון אוניווערזיטעט. אין נאָמען פון פאָלק גיב איך איבער דעם רעקטאָר שטיינאַך די העכסטע אויסצייכענונג פון לאַנד: „דער רע־טער פון פאָלק‟.

אונטער דעם רויש און שטורעם פון אַלע אַנוועזנדיקע, האָט רעקט־טאָר פאַלק איבערגעגעבן דעם פּראָפעסאָר שטיינאַך אַ גאָלדענעם מעדאַל, איינגעראַמט אין די בענדער און פאַרבן פון „צווייטן רייך‟.

ד״ר שטיינאַך האָט גענומען דעם מעדאַל, גוט אים אָנגעקוקט, און אים אַוועקגעלייגט לעבן זיך אויפן טיש. ער האָט אויפגעהויבן זיינע פאַרוויינטע אויגן צום פּובליקום, און מיט אַ רואיקער שטימע האָט ער אָנגעהויבן:

— חשובע דאַמען און הערן און טייערע פריינט. מען האָט נאָר־וואָס דערמאָנט און באַערט דעם גרויסן מענטשן־פריינט און דאָקטער, מיין בעסטן קאָלעגע פריייליך. עס איז נאָך קיינער אין דער וועלט אַזוי העלדיש נישט געשטאָרבן, ווי דאָקטער פריייליך. אויף מיינע הענט איז ער איינגעשלאָפן מיט זיינע לעצטע געזעגענונגס־ווערטער אויף די ליפּן. איך האָב געהאַפט, אַז ווען איך וועל צוריק דערגרייכן די ערד פון מיין געליבט פאַטערלאַנד, וועל איך צום ערשטן איבערגעבן אַלעמען וועגן

זיין העלדישקייט. איך האָב געגלויבט, אַז נאָך פריער פאַר אַלע, וועט דער העלדישער גרוס איבערגעגעבן ווערן צו זיין שותף אין לעבן — צו זיין פרוי. לײדער, האָט זי נישט דערלעבט אָפּצונעמען אַזאַ נאָענטן און האַרציקן גרוס פון איר העלדישן מאַן. זייער קינד איז אָבער געבליבן, און פאַר אים וועל איך שילדערן די לעצטע מאָמענטן פון זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער. דער זון פון מיין קאָלעגע וועט פון היינט אָן זיין מיין קינד, און צוזאַמען מיט מיינע צוויי קינדער —וועלכע איר זעט אַלע דאָ— באַטייליקן זיך, צוזאַמען מיט מיין פרוי און מיט אייך אַלעמען, אין מיין גרעסטן יום־טוב — באַטייליקט זיך אויך מיין ניי קינד, מיין נייער זון, און אויב זיין פאָטער איז געשטאָרבן מיט נקמה־געפילן אויף זיינע ליפּן, וועל איך אין זיין לעבנגעבליבענעם זון איינפלאַנצן הומאַניטאַרע געפילן. געזנוג האָט דאָס דייטשישע פאָלק שוין געליטן פאַר זיינע נקמה־געפילן! אונדזער פאָלק נייטיקט זיך אין שלום! אונדזער לאַנד נייטיקט זיך אין ווידעראויפבוי! אונדזערע אוניווערזיטעטן נייטיקן זיך אין נייע סטודענטן! מיר מוזן צוריק אויפשטעלן אַ דור פון וויסנשאַפטלער און געלערנטע. איך בין שטאָלץ ווידער איבערצונעמען די פירונג פון דעם היגן אוניווערזיטעט, כדי ווידער אָוועקצוגעבן מיין לערע און וויסן פאַר מיין פאָלק. איך וויל איינפלאַנצן אין אים די ריינסטע און דערהויבנסטע געפילן פון שלום און יושר, אַ רואיק לעבן פאַר אַלע בירגער און אַ דעמאָקראַטישע אָרדענונג אין לאַנד. אונדזער פאָלק איז מיד פון מילחמה. אונדזערע מאַמעס פעלן שוין אויס טרערן צו באַוויינען דעם אומקום פון זייערע קינדער. אונדזער נייער דור —די יונגע יתומים— וועלן מוזן דערצויגן ווערן דורך אַנדערע עלטערן, אין גייסט פון פרייהייט און שלום.

ד"ר שטיינאַך האָט זיך אַביסל אָפּגעשטעלט אין מיטן ריידן. ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, אויסגעווישט די פייכט־געוואָרענע אויגן, און צוגערופן צום טיש זיין פרוי מיט זיינע צוויי קינדער, דאַן האָט ער גענומען דעם אַכט־יאָריקן פראַנץ פרייליך, אַרויפגעשטעלט אים אויפן טיש און זיך געווענדעט צום פובליקום אין זאַל:

— מיינע דאַמען און הערן, איר זעט דאָס אַכט־יאָריקע יתומל? — דאָס איז די ירושה פון מיין קאָלעגע, דאָקטער פרייליך; מיין געזעגלעכע ירושה, וואָס מיין פריינט האָט מיר איבערגעלאָזט, און קיינער אין

דער וועלט קאָן מיר דעם אוצר נישט צונעמען! און אַט ביי מיין נייעם זון, און ביים גייסט פון זיין אומגעקומענעם פאָטער, שווער איך: אויב איך נעם אָן די אויסצייכענונג פון מיין לאַנד און מיין פאָלק, טו איך עס נאָר אַלס רעספּעקט צו די קרבנות וואָס מיין לאַנד האָט געבראַנגט אויפן מיזבח פון מילחמה; איך טו עס אָבער מיטן הייליקן צוזאָג, אַז איך וועל דערציען אונדזער נייעם דור אין גייסט פון פרייהייט, פון מענטשלעכקייט, פון ברידערלעכקייט, פון ליבע פון מענטש צו מענטש און פון פאָלק צו פאָלק. ביי מיין פרוי און ביי מיינע קינדער שווער איך הייליק צו האַלטן מיין צוזאָג, מיט דער האָפענונג, אַז מיין פאָלק וועט מיר צוהעלפן אין מיין אַרבעט, אַז עס זאָל זיין דאָס פרידלעכסטע פאָלק אויף דער וועלט.

דער עולם אין סאַלאָן האָט אויפגעשטורעמט אין הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן. דער רעקטאָר שטיינאַך האָט מיט זיינע ווערטער געטראָפן אין האַרצן פון די צוהערער. נישט איינער פון פּובליקום האָט פאַרגאָסן אַ טרער, דערמאָנענדיק זיך, אַז צווישן די קרבנות וואָס דער פּראָפעסאָר האָט נאָר־וואָס דערמאָנט, געפינען זיך אויך זיינע נאָענטע, זיינע אייגענע... ביי פיל צוריקגעקומענע פון די פראָנטן האָבן נאָך אָפּגעהילכט אין די אויערן די באָמבעס און האַרמאַטן. זיי קאָנען גאַרנישט פאַרשטיין, ווי אַזוי זיי זענען ניצול געוואָרן פון דעם שרעקלעכן פייער. און וועט, חלילה, אויסברעכן אַ נייע מילחמה, וועלן זיי שוין נישט האָבן דעם זעלבן מזל, ניצול צו ווערן פון די הענט פון מלאך־המוות... און איצט, ווען דער פּראָפעסאָר האָט געשוואוירן צו דערציען דאָס פאָלק און דעם נייעם דור אַלס פרידלעכע, קעגן מילחמות, האָט דער גאַנצער עולם אין סאַלאָן מיטגעשריגן:

— מיר שווערן!... מיר שווערן!...

און ווען דער פּראָפעסאָר האָט געענדיקט זיין שלום־רעדע, האָבן אַלע מיטן גאַנצן האַרצן אַפּלאָדירט, גלויבנדיק אַז אַזוי אַרום גיבן זיי זייער צושטימונג צו די געדאַנקען און מיינונגען פון זייער פּראָפעסאָר. ווען איינער פון די אָנוועזנדיקע האָט אין עקסטאַז אויסגעשריגן: —ניידער מיטן קריג! —האָבן אַלע אין סאַלאָן זיך אויפגעשטעלט און פון

טויזנטער מיילער און מוחות האָט ארויסגעשריגן דער הומאַניטאַרער לאָזונג:

— נידער מיטן קריג! נידער מיטן קריג!...

און אזוי שרייענדיק און פּראָטעסטירנדיק, איז די גאַנצע מאַסע ארויס אין גאַס און כסדר געוואָרפן די לאָזונגען: נידער מיטן קריג! זאָל לעבן דער שלום!...

קאפיטל 3

איך בין אַ דייטש!

פּראָפעסאָר שטיינאַך איז געבליבן צופרידן פון זיין אויפנאַמע אין אוניווערזיטעט, און כאָטש עס זענען שוין דורך עטלעכע טעג פון יענעם רעגנדיקן טאָג, ווען דאָס לאַנד האָט אים באַערט מיט די העכסטע אויסצייכענונגען, דאָך קאָן ער נישט פאַרגעסן די סצענעס און ספּאָנטאַנע אויסגעשרייען פון דעם גרויסן עולם. אין זיין מוח האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַמבלען פאַרשידענע רעיונות פון אַזאַ סצענע, אַזאַ ספּאָראַדישן אַרויסמאַרש פון אוניווערזיטעט־סאַלאָן אין די גאַסן פון מינכען, מיט אויך אַזעלכע אויסגעשרייען, נאָר מיט אַנדערע ווערטער, מיט אַנדערע אינהאַלטן. עפּעס דערמאָנט ער זיך, אַז אַזעלכעס איז שוין פאָרגעקומען אין זיין לעבן, ער שטרענגט זיך אָן צו דערמאָנען עפּעס פון ענלעכע סצענעס, און אָט דערמאָנט ער זיך:

דער זעלבער סאַלאָן, אַ סך מענטשן, נאָר יינגערע, מען רעדט, מען אַפּלאָדירט, מען מאַכט אויסרופן... מען לאָזט זיך אין גאַס אַריין מיט די אויסרופן... אָבער, ווי אַנדערש זענען דעמאָלט געווען די געשרייען פון די צעיושעטע סטודענטן, ווי וואַנזיניקע זענען זיי געלאָפן און געררופן צו מילחמה.

און איצט? האָט מען טאַקע גענייטיקט אַזוי פיל בלוט פאַרגיסן, כדי אויפצואווייזן דער מענטשהייט, אַז אַ פאָלק, אויב עס וויל וואַקסן און פּראָגרעסירן, מוז עס לעבן אין שלום מיט אַלע פעלקער?! ערשט איצט, נאָכן בלוטיקן ים און מענטשלעכן חורבן, הויבן זיך ערשט אָן אַרויסצורייסן פון זייערע העלדזער אַנדערע געשרייען, אַנדערע לאָזונגען. זאָל עס אפשר זיין דערפאַר, וואָס דער ריח פון בלוט פילט זיך נאָך פון די שלאַכט־פעלדער? זאָל עס זיין דערפאַר, וואָס די קברים פון די צען מיליאָן געפאַלענע שטייען נאָך כמעט אָפענע און די טויטע שרייען פון

דאָרטן אַרויס זייער ביטערן און בלוטיקן פּראָטעסט צו דער מערדערי־שער וועלט?

ד"ר שטיינאַך פאַרטראַכט זיך גוט איבער דעם אַלעם. ער דער־מאָנט זיך פון זיין אויפנאַמע מיט אייניקע טעג צוריק, און ער בלייבט זיצן אַ צופרידענער, נישט אַזוי פון זיין באַערונג און פון דעם גאָלדענעם מעדאַל וואָס ער האָט באַקומען, נאָר פון דעם וואָס אים איז געלונגען אַריינצוברענגען אין די מוחות און הערצער פון די מענטשן זיין מאָראַ־לישע אידעע, זיין באַנייטן לאָזונג: נידער מיטן קריג! אָט דער לאָזונג וועט פון איצט אָן מוזן ווערן דער לאָזונג פון גאַנצן דייטשישן פאָלק, פון אַלע פעלקער אין דער וועלט. אַלע פעלקער וועלן מוזן דערקלערן אַ מילחמה דער מילחמה.

ד"ר שטיינאַך האָט שוין אַפילו פאַרטראַכט אַרויסצוגעבן אַ ספּע־ציעלן בוך פאַרן דייטשישן פאָלק א"נ „ווי אַזוי צו ווערן אַ שלום־פאָלק". ער האָט עס געוואָלט מאַכן אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן. ער האָט שוין אַפילו געהאַט צוגעטראַכט אַ ספּעציעלע טעמע, אַז די גרעסטע וויסנ־שאַפט פון אַ פאָלק איז — קאָנען שעצן זיין דור, אויסמיידן מילחמות, זיין אַ פרידלעך פאָלק און לעבן בשלום מיט דער גאַנצער מענטשהייט און מיט דער גאַנצער וועלט. אָבער, אין מיטן טראַכטן איז ער גע־שטערט געוואָרן פון זיין סוזין. כאָטש סוזי האָט קיינמאָל נישט ליב געהאַט צו שטערן איר מאַן בעת ער איז געווען פאַרנומען אין זיין שרייב־צימער, האָט זי אָבער —אין אויסנאַם־פאַלן— געמוזט עס טון. אויך איצט איז זי אַריינגעקומען צו אים מיט איר גאַנצער דעליקאַטקייט און רעספּעקט. זי איז צו צום שרייבטיש, מיט איר ווייכער, עלעגאַנטער האַנט האָט זי אים אַ גלעט געטון אויף זיין שטערן און דורכגעשפּאַצירט מיט איר איבער זיינע שוואַרצע לאָקן. זי האָט געוואָרפן אַ פריינטלעך־שמייכלענדיקן בליק צו איר מאַן און מיט זיסקייט אין איר שטימע האָט זי געזאָגט:

— איזי, וועסט מיר אַנטשולדיקן וואָס איך האָב דיר געשטערט. איך וואָלט עס נישט געטון, מיין ליבער. נאָר צוויי מענטשן, גאַנץ אומ־באַקאַנטע, פרעגן זיך אויף דיר. זאָל איך זיי אַריינלאָזן?

ד"ר שטיינאַך האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט זיך געוואָלט דער־מאָנען, צי ער האָט ווען איינגעלאַדן אויף היינט און ער האָט דערין

פאַרגעסן. נאָר זייענדיק זיכער, אַז ער האָט אויף היינט קיינעם נישט באַשטימט, האָט ער איבערגעפרעגט זיין סוזין:

— ווייסטו נישט, ווער זיי זענען?

— ניין, איזי, — האָט סוזי געענטפערט — איך האָב טאַקע פאַר־געסן זיי צו פרעגן. איך גיי שוין פרעגן זייערע נעמען.

סוזי איז צוריק אַרויס פון שרייב־צימער און איזידאָר האָט זיך ווי־דער פאַרטראַכט. ער האָט געוואוסט, אַז ווייניק מענטשן וויסן דעם אַדרעס פון זיין פּריוואַט־וואוינונג; אַז יעדער וואָס דאַרף מיט אים עפּעס ריידן, קומט אין אוניווערזיטעט אַריין. און אויב מען איז געקומען צו אים אין זיין פּריוואַט־וואוינונג — האָט ער ביי זיך באַשלאָסן — מוז עס זיכער זיין עפּעס אויסערגעוויינלעכעס. לאַנג האָט ער נישט געטראַכט. סוזי איז באַלד צוריקגעקומען און האָט איר מאַן דערלאַנגט צוויי וויזיט־קאַרטן.

דאָקטער שטיינאַך, וועמען עס האָט שוין פאַראינטערעסירט צו וויסן ווער זיינע צוויי באַזוכער זענען, האָט מיט אומגעדולד גענומען די וויזיט־קאַרטן און כמעט אין אַ הויכן קול אַרויסגעלייענט:

— פּראָפעסאָר היימער.

— פּראָפעסאָר שטעטער.

— הממם... — האָט איזידאָר צו זיך אַ שמייכל געטון. צוויי פּראָפעסאָרן, און איך קען זיי גאָרנישט. נו, געווים זענען זיי פון דער פרעמד, און זיי ווילן אָנקומען אין אוניווערזיטעט אַריין.

— זענען עפּעס פאַראַן פרייע קאַטעדרעס אויפן אוניווערזיטעט? — האָט סוזי מיט פאַראינטערעסירונג געפרעגט.

— דערווייל נישט, — האָט איזידאָר גלייך געענטפערט — אָבער דאָך איז גוט זיך צו באַקענען מיט זיי. אפשר וועל איך פאַר זיי עפּעס קאָנען טון.

— העלף זיי, — האָט סוזי זיך ווי געבעטן ביי אים — העלף זיי, אויב זיי דאַרפן דיין הילף.

— איך וועל אַלעס טון לויט מיינע מעגלעכקייטן. — האָט איזידאָר אָפּגעענטפערט. — איצט, טייערע סוזי, בעט אַריין די צוויי פּראָפעסאָרן אין אויפנאַם־צימער און איך וועל באַלד אַריינקומען.

סוזי האָט אַ לייכטן קוש געטון איר מאַן און האָט מיט אַ שמייכל געענטפערט:

— איזי טייערער, איך נעם זי גלייך אריין. זאָלסט אָבער נישט פאַרגעסן אין דיינע געסט, קום גלייך אריין.

— איך קום גלייך, מיין טייערע, — האָט איזידאָר אויך מיט אַ שמייכל געענטפערט. כאָטש ער איז געווען פאַרטיפט אין זיך און פאַרטראַכט וועגן זיין אויפגאַבע פאַרן דייטשישן פאָלק, האָט ער אָבער אינמיטן איבערגעריסן זיין אַרבעט, געלאָזט ליגן זיינע אָנגעצייכנטע טעזיסן וועגן זיין בוך, און ער איז אריין צו די פּראָפעסאָרן אין זיין ספּעציעלן אויפנאַם־צימער.

ביידע פּראָפעסאָרן האָבן צווישן זיך גאָרנישט גערעדט. זיי זענען געווען פאַרנומען ביים באַטראַכטן זיין וואונדערבאַרן סאַלאָן, וועלכער איז געווען מיט געשמאַק איינגעאָרדנט. אייניקע נישט קיין גאַנץ גרויסע קונסט־בילדער האָבן באַשיינט די געשמאַק־טאַפּעטירטע ווענט. סטאַטוען פון געטער, היינע און ניטשע האָבן פאַרנומען אָנגעוויזענע ערטער אויף ספּעציעל געשניצטע קינסטלערישע טישעלעך. די שווערע פאָרהאַנגען ביי די פענצטער האָבן מיט זייער פאַרטונקלען דאָס אריינשטראַלנדיקע ליכט, צוגעגעבן מער אינטימיטעט און פאַמיליאַרקייט. אויף אַן אַנדער האַלב־נידעריק טישל, אינמיטן סאַלאָן, זענען געלעגן אייניקע וויסנשאַפטלעכע און קונסט־זשורנאַלן, און אַ גרויסער באַנד מענדעלסאָנס פילאָזאָפיע.

פּראָפעסאָר היימער האָט מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטון:

— דער איינציקער אָפּקלאַנג פון זיין יידישקייט — מענדעלסאָנס ווערק.

פּראָפעסאָר שטעטער האָט דערויף געענטפערט מיט זיכערקייט:

— ווען מען זאָל לויט דעם אָפּקלאַנג מעסטן זיין יידישקייט, איז אומזיסט אונדזער באַזוך.

פּראָפעסאָר היימער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן צו זיין קאָלעגע, נאָר די טיר האָט זיך געעפנט און פּראָפעסאָר שטיינאַך איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל, באַטראַכטנדיק זיינע אומבאַקאַנטע געסט.

פּראָפעסאָר שטיינאַך, וועלכער איז געווען כמעט ווי זיכער, אַז זיי זענען געקומען צו אים וועגן אַ פּראָפעסאָרן־שטעלע אין זיין אוניווערזי־

טעט, איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו זיי, און דערלאַנגענדיק ביידן די האַנט האָט ער זיך פאָרגעשטעלט פאַר זיי, און צוגעזאָגט זיין דינסט און מיט־הילף לויט זיינע מעגלעכקייטן.

דער עלטער פּראָפעסאָר שטעטער האָט באַדאַנקט דעם רעקטאָר פאַר זיין האַרציקער גרייטקייט צו דינען זיי, און גלייכצייטיק געמאָלדן, אַז זיי זענען קודם־כּל געקומען אין נאָמען פון אַ יידישער אָרגאַניזאַציע, באַגריסן דעם פּראָפעסאָר צו זיין גרויסער באַערונג און צו זיין צוריק־איבערנעמען דעם רעקטאָריום אין מינכענער אוניווערזיטעט.

אויפן מאָמענט האָט זיך פּראָפעסאָר שטיינאַך געוואונדערט. אַ יידישע אָרגאַניזאַציע? ווער קאָן זי זיין? ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז דורך אַלע זיינע יאָרן אין דייטשלאַנד האָט ער קיינמאָל נישט געהערט צו אַזאַ אָרגאַניזאַציע. איבערהויפּט האָט ער נישט געקענט קיין יידן, און די יידן האָבן אים נישט געקענט. דאָך איז אים אינטערעסאַנט גע־ווען צו וויסן, וועלכע יידישע אָרגאַניזאַציע האָט דאָס געשיקט צו אים אירע פאָרשטייער כּדי אים צו באַגריסן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַפילו זיינע געסט נישט געבעטן זיצן. ער האָט זיך שנעל אַנט־שולדיקט פאַר זיי און זיי געבעטן פאַרנעמען פּלעצער.

ביידע פּראָפעסאָרן האָבן געדאַנקט פאַר דער גאַסטפריינטלעכקייט און האָבן פאַרנומען די זיי אָנגעוויזענע פּלעצער. אויך דער פּראָפעסאָר שטיינאַך האָט זיך באַקוועם אריינגעזעצט אין זיין פאָטעל, און מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטיקייט אַ פרעג געטון:

— קאָנט איר מיר אפשר, מיינע געערטע געסט, זאָגן ווער עס איז דאָס די יידישע אָרגאַניזאַציע וואָס האָט מיר צוגעשיקט אירע ברכות?

— זיכער, — האָט זיך דער יינגערער פּראָפעסאָר שטעטער אויפגע־שטעלט און געגומען דערקלערן פאַרן רעקטאָר שטיינאַך. — מיר, מיט־גלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט, זענען געשיקט געוואָרן אייך צו באַ־גריסן מיט די האַרציקסטע יידישע ברכות, אין נאָמען פון דער היגער ציוניסטישער פּאַרטיי.

פּראָפעסאָר היימער, וועלכער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ בעת דער פּראָפעסאָר שטעטער האָט דעקלאַמאַטאָריש באַגריסט דעם פּראָפעסאָר שטיינאַך, האָט געגלויבט, אַז עס איז אפשר נאָך נישט ארויסגעזאָגט געוואָרן דער ריכטיקער באַגריסונגס־געדאַנק. ער האָט אָפּגעוואַרט דעם

מאָמענט ווען זיי קאָלעגע האָט פאַרענדיקט זיין באַגריסונג, האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ, ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט צום פּראָפעסאָר שטיינאַך און האָט מיט פּאַטאָס געזאָגט:

— ליבער פּראָפעסאָר און רעקטאָר. מיר, דייטשישע יידן, זענען שטאָלץ צו האָבן פאַר אַ רעקטאָר פון היגן אוניווערזיטעט אַזאַ פּאָפּולערע פּערזאָן ווי איר זענט. אייער שלום־רעדע אויפן אוניווערזיטעט־יום־טוב איז געווען אַ גלענצנדיקער שריט צו דער אויסלאָדונג פון די נקמה־געפילן וואָס הערשן ביי אַ טייל פון דייטשישן פאָלק. דאָס דייטשישע פאָלק מוז איצט האָבן שלום, כדי צו קאָנען צוריק אויפבויען זייער לעבן, זייער אינדוסטריע און זייער וויסנשאַפט. אויך מיר, יידן, מוזן איצט האָבן אַ וועלט פון שלום, כדי צו קאָנען אַנטוויקלען און אינטענסיפיקירן דעם ווידעראויפבוי פון אונדזער לאַנד און צוריק אויפשטעלן אונדזער געזיכערטע היים אין ארץ־ישראל. מיר, ציוניסטן, באַגריסן אייך צו אייער צוריקקומען, צום צוריק־פאַרנעמען אייער אָנגעזועען אָרט אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט, און מיר האָפן אַז איר וועט אונדז אויך העלפן אין אונדזער אַרבעט, נישט בלויז דערמיט וואָס איר וועט זיכער אַריינטרעטן אין אונדזער אָרגאַניזאַציע, נאָר זיך אויך שטעלן אין איר שפּיץ. איר וועט איצט האָבן די געלעגנהייט אַרויסצואווייזן אייער מענטשלעכן געפיל און יידישלעכן זשעסט צו אייער אייגן פאָלק, כדי אַזוי אַרום אונדז מיטהעלפן אין אונדזער הייליקער אידעע פון דעם ווידעראויפבוי פון ארץ־ישראל.

פּראָפעסאָר היימער איז געווען זיכער, אַז אין זיין עקספּאָזע האָט ער שוין אַלעס אַרויסגעזאָגט; אַז דער דאָקטער שטיינאַך האָט שוין מער גאָרנישט וואָס צו פרעגן, נאָר גלייך געבן זיין הסכמה.

פּראָפעסאָר שטיינאַך האָט זיך פאַרטראַכט אַ מאָמענט און דאַן האָט ער גאַנץ רואיק גענומען רעדן:

— מיינע ליבע פּראָפעסאָרן־קאָלעגן, איך האָב געגלויבט, אַז איר זענט געקומען צו מיר, כדי זיך צו פאַרשאַפן קאַטעדרעס אויף מיין אוניווערזיטעט. איך האָב אייך טאַקע גלייך צוגעזאָגט מיטצוהעלפן דערין. מיין מיסיע איז — העלפן לויט אַלע מיינע מעגלעכקייטן. ווען איר קומט אָבער צו מיר אין אַן אַנדערער מיסיע, איר ווילט מיך אַריינציען אין פּאָליטישער אַרבעט, איבערהויפּט נאָך אין אַ יידיש־פּאָליטישע, זאָג איך

אייך, אז נישט איך האב אן אנונג דערין און נישט איך בין גרייט צו אר־בעטן פאר באפרייען א פרעמד פאלק.

— א פרעמד פאלק? ! —האט זיך אריינגעריסן די שטימע פון דעם פראפעסאר שטעטער.— זענט איר דען נישט קיין ייד? !

— ריכטיק, מיין הער, —האט פראפעסאר שטיינאך רואיק געזאגט.
— לויט מיין געבורטס־אפשטאם — זיכער, אבער נישט לויט מיינע גע־פילן. איך בין דערצויגן געווארן אין דעם לאנד, איך האב דא פאר־ענדיקט מיין שטודיום, איך בין דא גרויס געווארן. איך האב געקעמפט פאר דעם לאנד און איך האב מיינע געפילן פאר דעם לאנד. איך בין א דייטש. מיך אינטערעסירט מער נישט מיין אפשטאם!

— אבער, הער רעקטאר —האט פראפעסאר היימער אנגעהויבן, — אויב אייער געבורטס־אפשאם איז געווען א יידישער, אייער געבורטס־ארט — פוילן, טא פארוואס זענט איר אוועק פון דארטן?

— דער פוילישער און רוסישער אנטיסעמיטיזם האט מיך געצוואונ־גען דערצו —האט פראפעסאר שטיינאך האסטיק געענטפערט.

— צי גלויבט איר נישט, הער פראפעסאר, —האט היימער ווידער געזאגט,— אז אזעלכעס קאן אויך פאסירן אין דעם לאנד? את, טא־קע דא, וואו איר געפינט זיך און וואס איר האט אזוי ברייטהארציק אדאפטירט?

— קיינמאל נישט! —האט פראפעסאר שטיינאך אויסגעשריגן.— אונדזער ליבעראל לאנד וועט קיינמאל נישט פארטרייבן פון זיך מענטשן צוליב זייער ראסע. די יידן פון דייטשלאנד טארן זיך נישט פאראינ־טערעסירן מיט באפרייען אנדערע פעלקער, מיט העלפן אויפבויען אנדע־רע לענדער!

— אנדערע לענדער! —האט שוין פראפעסאר שטעטער אין כעס אויסגעשריגן.— איז דען נישט ארץ־ישראל געווען אונדזער לאנד, אונד־זער היים, אונדזער...

— און אייער רור־געביט? —האט פראפעסאר היימער זיך שוין אריינגעמישט אין דער דיסקוסיע.

— ווען מיר נאך צוריק האבן —האט שטיינאך מיט זיכערקייט אויסגעשריגן.— מען האט אונדז צוגעזאגט א פלעביסציט.

— און מיר וועלן אויך צוריק האָבן אונדזער לאַנד, — האָט פּראָפּע־סאָר שטעטער אויסגעשריגן. — לאָרד באַלפור האָט עס אונדז צוגעזאָגט, און אַלע מלוכות האָבן עס באַשטעטיקט.

— מיר וועלן קעמפן, כדי צוריק צו געווינען אונדזער רור! — האָט פּראָפעסאָר שטיינאַך אויסגעשריגן. — עס איז אונדזערס פון שטענדיק אָן!

און ארץ־ישראל איז נישט אונדזערס? — האָט פּראָפעסאָר שטע־טער געפרעגט. — דאַרפן מיר נישט קעמפן צוריק צו געווינען אונדזער לאַנד? די גרעסטע פאַרברעכער וועלן זיין יענע יידן, וואָס וועלן שטיין פונדערווייטנס און נישט העלפן מיטבויען אונדזער צוגעזאָגט, ליב לאַנד.

— דאָס לאַנד וואו איך לעב — דאָס איז מיין ליב לאַנד! — האָט דאָקטער שטיינאַך גלייך געענטפערט. — דאָס איז מיין היים, מיין ליב פאָטערלאַנד. דייטשלאַנד האָט מיר געגעבן אַלעס און איך מוז אַלעס געבן מיין לאַנד.

— הער פּראָפעסאָר! — האָט שטעטער כמעט ווי אויסגעשריגן. — זאָגט: ציט איר זיך צוריק פון אייער פאָלק?

ניין. — איז געווען דער רואיקער ענטפער פון רעקטאָר שטיינאַך.

— זענט איר דאָך ווידער אַ ייד! — האָט שטעטער אויסגעשריגן. — אַ גליד פון אונדזער משפחה! אַ מיטגליד פון אונדזער פאָלק! טאָ ווי קאָנט איר רואיק אָפּשטויסן אונדזער ביטע מיטצוהעלפן אונדז אין אונדזער אַרבעט, זיך כאָטש מיטבאַשטייערן פאַר אונדזער לאַנד.

— אין דעם פאַל, מיינע פריינט — האָט שטיינאַך רואיק געזאָגט — בין איך אַ דייטש. איך זאָרג צום ערשטן פאַר מיין דייטשישן שטאַט, פאַר מיין דייטשישער פאַמיליע און פאַר מיין דייטשיש פאָלק.

— הייסט עס, — האָט שוין שטעטער מיט רוגזה געפרעגט — אַז איר ווילט זיך נישט מיטבאַטייליקן אין דער אָנשטרענגונג פון יידישן פאָלק לטובת זיין לאַנד?

— מיך אינטערעסירן וויניק אייערע אָנשטרענגונגען — האָט שטיי־נאַך רואיק געזאָגט. — מיר, יידן, מוזן אָפּדאַנקען דעם לאַנד פאַר די טו־בות וואָס עס טוט אונדז. מיר טאָרן נישט פירן קיין טאָפּלט מלוכה־לעבן. מיר מוזן זיך אָנשטרענגען פאַר אונדזער אייגן לאַנד און נישט

דאָרט פאַר אייער יידיש לאַנד, וואָס איר האָט קוים ערשט אַ צוזאָג דע־רויף.

ביידע פּראָפּעסאָרן — שטעטער און היימער — האָבן שוין איינגעזען אַז זיי וועלן דאָ גאָרנישט קאָנען אויפטון; אַז קיין יידישן פּונק וועלן זיי אין אים נישט אָנצינדן. אויפן וואונק האָבן זיי זיך פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען דאָ איבעריק, אַז זיי דאַרפן שוין גיין. זיי האָבן ביידע איינגעזען, אַז דער ציוניסטישער אידעאַל איז נישט פאַר אַזעלכע אַסימילאַטאָרן פון שטיינאַכס שניט. זיי האָבן נאָך געמאַכט דעם לעצטן פּרואוו. ביידע צו־זאַמען האָבן אים געשטעלט די לעצטע פראַגע, גלייך ווי ביידע וואָלטן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די הויפּטזאַך. זיי זענען שוין כמעט געשטאַ־נען ביי דער טיר אַרויסצוגיין. זיי האָבן שוין גוט דערקענט די פּערזענ־לעכקייט פון דעם „יידישן" רעקטאָר. זיי וואָלטן אים גערן אַ שפּיי גע־טון אין פּנים און פאַרלאָזן דאָס הויז, ווייל אַזעלכע דעגענעראַטן האָבן דאָס די ווערט. זיי האָבן זיך אָבער מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן דאָס נישט צו טון. לאַנגזאַם האָבן זיי געעפנט די טיר, און שוין שטייענדיק אויף דער שוועל, האָט זיך ביי זיי אַרויסגעריסן די לעצטע און אַנטשיידנ־דיקסטע פראַגע:

— זענט איר אַ ייד?

— איך בין אַ דייטש! — האָט פּראָפּעסאָר שטיינאַך מיט כעס אויס־געשריגן. — איר האָט געהערט? איך ... בין ... אַ דייטש!!!

אַ שטאַרקן זעץ מיט דער טיר איז געווען דער ענטפער אויפן פּראָ־פּעסאָרס לעצטע ווערטער.

קאפיטל 4

דער שלאַנג אין בוזעם

פראָפעסאָר שטעטער איז אַ גוט־באַקאַנטע פערזענלעכקייט אין די יידיש־נאַציאָנאַלע קרייזן אין מינכען. נאָך איידער דער ענגלישער לאָרד באַלפור האָט געגעבן זיין באַקאַנטע דעקלאַראַציע, וועגן שאַפן אין פאַלעסטינע אַ היים פאַרן יידישן פאָלק, האָט שוין פראָפעסאָר שטעטער זיין גאַנצע צייט אוועקגעגעבן און געאַרבעט פאַרן ציוניזם. אויפן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס איז ער אַפילו דערהויבן געוואָרן צום אַמט פון קאָנגרעס־ריכטער. נאָך ביים לעבן פון דאָקטער הערצל —דער פּאָליטישער באַגרינדער פון ציוניסטישן געדאַנק— האָט פראָפעסאָר שטעטער— דעמאָלט נאָך אַן אומבאַקאַנטער אַדוואָקאַט— זיך געווידמעט דער פּאָליטישער באַפרייאונג פון יידישן פאָלק. בעת די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן איז ער געווען דאָקטער הערצלס רעכטע האַנט.

ווען דאָקטער הערצל האָט אויפן פאָרום פון פינפטן ציוניסטישן קאָנגרעס אַרויסגעבראַנגט דעם אוגאַנדאַ־פּראָיעקט, איז אַדוואָקאַט שטעטער געווען פון זיינע אַנטשיידנסטע קעגנער. כאָטש ער איז געווען דאָקטער הערצלס בעסטער פריינט, האָט ער אים אין דעם פאַל שטאַרק באַקעמפט.

פראָפעסאָר שטעטער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל, וואָס מער יידן צוצוציען צום ציוניסטישן געדאַנק. ער האָט מערסטנטייל געזוכט זיי צווישן רייכערן און העכערן קלאַס. אים איז נישט געגאַנגען דערין, וואָס צוציענדיק אַ רייכערן ייד צום ציוניסטישן געדאַנק, שאַפט ער דערמיט נאָך אַ שפענדער פאַר די ציוניסטישע קרנות, ניין. ער האָט אויך די אָרעמע און די אַרבעטנדיקע קלאַסן פון צווישן די יידן נישט אויסגעמיטן צו אַגיטירן זיי פאַרן ציוניזם. בעת דער אַרבעטער־ציוניזם האָט זיך געשאַפן זיין ספּעציעלע אַרבעטער־פּאַרטיי — דעם פּועלי־ציוניזם —

איז ער געווען דער גרעסטער אָנהענגער דערפון, און ער אַליין האָט אַגי־טירט די אַרבעטער־ציוניסטן אַז זיי זאָלן זיך צוזאַמענבינדן מיט זייער פּאַרטיי — די פּועלי־ציון; נאָר אויב פּראָפעסאָר שטעטער האָט גע־זוכט מער אַריינצוציען דעם רייכערן און העכערן קלאַס יידן אין די רייען פון ציוניזם, איז עס נאָר געווען דערפאַר, וואָס ביים רייכערן קלאַס, וועלכער איז שוין געווען אַסימילירט און אויסגעמישט מיטן דייטשישן פאָלק, וועמען עס האָט גאַרנישט געפעלט צו קאָנען זיין גוטע דייטשן און אינגאַנצן פאַרגעסן זייער יידישן אָפּשטאַם — און זייערע רייען זענען גע־ווען זייער גרויס אין דייטשלאַנד — האָט דער פּראָפעסאָר שטעטער גע־האָט אַ סך אַרבעט, און אַז ס'איז אים געלונגען וועמען פון זיי צו געווי־נען פאַרן ציוניסטישן געדאַנק, האָט ער עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסן זיג. ווייל ער האָט געגלויבט, אַז דערמיט האָט ער אָפּגעראַטעוועט אַ יידישן נפש; אַז דערמיט האָט ער פאַרגרעסערט די רייען פון יידישן פאָלק מיט נאָך אַ ייד, וועלכער פאַרשטייט זיין אויפגאַבע און די אויפגאַבע פון יידישן פאָלק — אויסקעמפן אַן אייגן לאַנד און זיך באַפרייען פון גלות.

אין זיין אַרבעט לטובת דעם ציוניזם האָט פּראָפעסאָר שטעטער גע־האָט גאַנץ ווייניק דורכפאַלן. כמעט צו יעדן, צו וועמען ער האָט זיך געווענדעט, האָט ער אויסגעאיבט זיין ווירקונג און אויסגעפועלט, אַז זיי זאָלן ווערן מיטגלידער און אָנהענגער פונעם יידיש־נאַציאָנאַלן גע־דאַנק.

דער פיאַסקאָ וואָס ער האָט היינט געליטן ביים רעקטאָר פון אוני־ווערזיטעט — פּראָפעסאָר שטיינאַך — האָט אים נישט געלאָזט רוען. ער האָט זיך געוואָלט פאַר וועמען אַראָפּריידן פון הארצן. ער איז דערפאַר געווען זייער צופרידן דערהערנדיק די טריט פון זיין פרוי, וועלכע איז פונקט אָנגעקומען. ער האָט זיך געגרייט צו דערציילן אַלעס פאַר איר, אָבער מאַדאַם מירא שטעטער האָט אים אויסגעכאַפּט, נישט וויסנדיק אַז איר מאַן גרייט זיך איר עפּעס צו דערציילן, האָט זי ביים אַריינקומען אין זיין קאַבינעט, גלייך אָנגעהויבן:

— דו ווייסט, היימי, דער מיצלער איז שוין ווידער דאָ!

— וועלכער מיצלער? — האָט היימי געפרעגט.

— אונדזער דינסטס ברודער, — האָט מירא געענטפערט, גלייך ווי איר מאַן וואָלט אים שוין לאַנג געקענט. — ער איז ווידער געקומען צו

זיין שוועסטער פאָדערן ביי איר געלט. עס איז נעבעך גאָטס רחמנות אויף איר. עס איז נאָך נישט אריבער קיין האַלבער חודש און זי האָט שוין פאַרוים גענומען פאַרן גאַנצן חודש איר געהאַלט.

— וואָס טוט ער דען, דער יונג? —האָט זיך היימי אָנגעהויבן צו פאַראינטערעסירן מיט דער געשיכטע וואָס זיין ווייב דערציילט אים.

— איך ווייס וואָס ער טוט? —האָט מירא מיט אַ קנאַפּן אינטע־רעס געזאָגט.— איך ווייס נאָר, אַז זינט מען האָט אים דעמאָביליזירט, שלעפּט ער זיך אַרום איבער אַלע שענקען און ביר־קעלערן ער חברט זיך מיט די אונטערוועלט־מענטשן, און ווען עס פעלט אים אויס געלט, קומט ער צו אונדזער דינסט —זיין שוועסטער— און ער ציט ביי איר אַרויס ביזן לעצטן פעניג.

— פאַרוואָס גייט ער נישט אַרבעטן? —האָט היימי געפרעגט.

— אַנו, פרעג דו אים! —האָט מירא געענטפערט.

— אויף וויפל איך ווייס, —האָט היימי ווידער אָנגעהויבן— דאַרפן אַלע דעמאָביליזירטע מיליטערלייט באַקומען באַשעפטיקונג דורך דער רעגירונג, אָדער דורך פּריוואַטע אונטערנעמער, און אויב ער איז נאָך ביז איצט נישט געווען באַשעפטיקט, מוז עפּעס זיין דערביי.

— די רעגירונג קוקט זיך גאָרנישט אום אויף זיי! —האָט מירא מיט זיכערקייט געזאָגט.— וואָלט איך אים נישט אוועקגעשענקט דיינע צוויי אַנציגער מיט עטלעכע פּאָר אונטערוועש, וואָלט ער זיך נאָך ביז איצט אַרומגעשלעפּט אין זיין צעריסענעם מיליטערישן מונדיר, מיט די קורצע, אויסגעוואַקסענע הויזן.

— ווייסטו וואָס, מירא, —האָט היימי געזאָגט— אויב ער איז נאָך דאָ אין קיך ביי זיין שוועסטער, רוף אים אַריין, איך וועל פּרוּוון רעדן מיט אים.

מירא האָט אָנגעקלונגען און באַלד האָט זיך באַוויזן די דינסט אין טיר, דערוואַרטנדיק די באַפעלן פון דער מאַדאַם.

— עלזאַ, —האָט מירא געזאָגט— איז דיין ברודער נאָך דאָ?

— יאָ, מאַדאַם! —האָט די דינסט געענטפערט.— די מאַדאַם האָט עפּעס געוואָלט פון אים?

— איך, נישט —האָט מירא געענטפערט.— דער הער וויל מיט אים עפּעס רעדן. שיק אים גלייך אַריין.

— ער עסט איצט —האָט עליזע געזאָגט.— ווי נאָר ער וועט אָפּעסן וועל איך אים אַריינשיקן.

— דו קאָנסט שוין גיין —האָט מירא געזאָגט צו דער דינסט.

עליזא האָט מיט רעספּעקט זיך פאַרנייגט און פאַרלאָזט דאָס צימער.

— אַ קעסט־קינד! —האָט היימי אַרויסגעברומט פון זיך.— אַן אומגעבעטענער אורח. נו! אַז דאָס האָט עסן, קליידן און געלט, צו וואָס זאָל ער אַרבעטן. דאָס איז די מאָראַל פון די מילחמה־מענטשן. אַלץ קומט זיי און אַלץ ווילן זיי!

מירא האָט אויך געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר די טיר האָט זיך מיט חוצפּהדיקייט געעפנט, נישט אָנקלאַפּנדיק אין איר, און אויף דער שוועל איז געבליבן שטיין אַדאָלפאָ מיצלער, דער ברודער פון עליזא. ער איז געווען אָנגעטון אין היימיס אָנצוג, אַ פּאָר זעלנערישע שטיוול, אַן אַ היטל, די שוואַרצע האָר פאַרקעמט אין אַ זייטן־שריינט, דער טונקעלער האַלב־קורצער שטערן איז געווען אין איין זייט פאַרדעקט מיט אַן אַראָפּ־פאַלנדיקן שמוציקן לאָק פון זיינע שוואַרצע קודלעס. זיין מיטלוואוק־סיקע פיגור — גלייך, אָנגעשטייפט. ער האָט נאָך געקייעט דעם לעצטן ביסן פון זיין עסן. ער האָט אָפּגעווישט און אויסגעגלייכט זיינע קליינע וואָנסעלעך אונטער זיין לענגלעכדיקער נאָז. ער האָט אַריינגעקוקט אין סאַלאָן אַריין, וואו דאָס פאָרפאָלק שטעטער איז געזעסן, און האָט מיט חוצפּה אַ פרעג געטון:

— ווער האָט מיך גערופן? ווער דאַרף מיט מיר ריידן?

היימי שטעטער, וועלכער האָט נאָך ביז איצט ריכטיק נישט גע־קענט דעם בעל־דבר, האָט אים מיט פאַרוואונדערונג באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס. ער האָט גלייך דערזען אין אים גראָב־יונגערישע חוצפּה און גרויסהאַלטערישע מאַניאַקישקייט. וואָלט ער נישט געווען דער דינסטס ברודער, וואָלט אים דער מיאוסער און חוצפּהדיקער נפש גאָר־נישט פאַראינטערעסירט. עס האָט אים אָבער געצויגן אָנצובינדן אַ גע־שפּרעך, כדי צו קאָנען אַביסל טיפער די פּסיכאָלאָגיע פון די חוצפּהדיקע שלעפער. וועלכע זענען ווי ווילדע געוויקסן אויפן פאָלקס־קערפּער. ער האָט נישט לאַנג געטראַכט און אויך מיט חוצפּה געזאָגט:

— זייט אַזוי גוט, יונגערמאַן, קומט אַריין און מאַכט צו די טיר.

אויף דער שוועל האָב איך פיינט צו ריידן מיט מענטשן, אויב זיי זענען עס טאַקע.

מיצלער האָט פאַרביסן אָראָפּגעשלונגען דעם ביטערן פיל פון הײמין. ער האָט זיך אָבער געמאַכט נישט־וויסנדיק. ער איז אַריבערגעגאַנגען די שוועל, פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און מיט אַ געמאַכטער דעליקאַטער שטימע האָט ער געפרעגט:

— וויל די מאַדאַם, אָדער דער הער אַדוואָקאַט מיט מיר עפּעס רעדן?

— מיין מאַן, — האָט מירא זיך די ערשטע אָנגערופן.

— איך, —האָט כמעט אין איין צייט אויך היימי זיך אָנגערופן.— אויף וויפל מיין פרוי האָט מיר דערציילט, ביסטו אַ געוועזענער דייטשישער סאָלדאַט פון פראָנט?

— ניין! —האָט מיצלער אינמיטן איבערגעריסן.— איך בין אַן עסטרייכער, וואָס האָט געדינט אין דער דייטשישער אַרמיי אַלס פעלדפעבל און נישט אַלס פּראָסטער סאָלדאַט.

— זייער אָנגענעם צו וויסן —האָט היימי געזאָגט.— איר האָט געדינט אין דייטשלאַנד. זענט איר געווען אויפן פראָנט?

— די גאַנצע צייט —האָט מיצלער געענטפערט. כאָטש אין זיינע אויגן און אין זיין פּנים האָט היימי דערקענט, אַז עס איז באַרימעריי און ליגן, דאָך האָט ער אים נישט געוואָלט פאַרשעמען און אָפּווענדן דעם ליגן. ער האָט גלייך פאַרקירעוועט זיינע פראַגן אויף אַן אַנדער ליניע, כדי נישט צו געבן מיצלערן די געלעגנהייט צו אָפּערירן מיט זיינע באַרימערייען און ליגנס. היימי האָט אים ווידער געפרעגט:

— זענט איר עפּעס אַ פאַכמאַן? וואָס קלערט איר צו טון? עס איז שוין, דאַנקען גאָט, נאָך דער מלחמה, קיין פעלדפעבלס דאַרף מען מער נישט, נישטאָ מער קיין פראָנטן און קיין מערדערייען. דאַרפט איר עפּעס אויסגעפינען אַ מיטל פאַר זעלבסט־אויסהאַלטונג און נישט אַז אייער אָרעמע שוועסטער, וואָס אַרבעט אַזוי שווער אַלס דינסט, זאָל דאַרפן איר אויסגעהאַרעוועט און אָפּגעשפּאָרט געלט אייך אָוועקגעבן. באַרעכנט זיך, הער פעלדפעבל, מיר זענען נאָך אַ מלחמה, דאָס לאַנד איז נאָך אַ חורבן, אַלע מוזן זיך איצט איינשפּאַנען לטובת דעם לאַנד. דערמיט אָבער וואָס איר וועט אַרומגיין שלינג און שלאַנג, גאָרנישט טון,

טוט איר דערמיט נישט קיין טובה אונדזער לאַנד, פאַר וועלכן איר האָט נעבעך אַזוי ביטער געקעמפט אַלס פעלדפעבל אויף די פראָנטן.

מיצלער איז געשטאַנען און פרעך געקוקט אויף היימין. מען האָט געזען אַז ער שאַרפט זיך עפּעס צו ענטפערן. אָבער דאָך, כדי נישט צו פאַרלירן קיין פּלאַץ וואו ער האָט נאָך וואו אַפּצוועסן אַ מיטיק, וואו ער באַקומט נאָך אַ מלבוש, און טאַקע דער שוועסטערס ביסל מאַרקן, האָט ער אַנגעווענדעט אַלע זיינע חניפהשע ריידעלעך און מיט געמאַכטער איידלקייט אין זיין שטימע האָט ער רואיק געענטפערט:

— מיין הער, איר ווילט וויסן מיין פאַך וואָס איך האָב, קאָן איך עס אייך זאָגן: איך בין פון פאַך אַ קינסטלער, אַ מאָלער, איך שאַף אייגענע בילדער און פאַרקויף זיי צו קונסט-מבינים. ליידער ווילן מיך אָבער די נאָך-מלחמה-מענטשן נישט אַנערקענען. עס געפעלט זיי נישט מיין מאָלעריי. זיי זוכן איצט עפּעס מאָדערניסטישע בילדער; עפּעס נייע לשונות האָבן זיי איצט אויסגעטראַכט אויף בילדער: עקספּרע-סיאָניסטישע... אימפּרעסיאָניסטישע... פוטוריסטישע — דער שוואַרצער יאָר וויסט זיי!... איך קאָן זיך איצט נישט נעמען צו קיין אַנדער פאַך. מיין נשמה — איז די נשמה פון אַ קינסטלער. איך בין געבוירן צו עפּעס העכערס. איך וויל עפּעס שאַפן! —האָט ער הויך אויסגעשריגן.— איך וויל עפּעס טון פאַרן פאָלק! זאָרגן פאַרן לאַנד! שרייבן פאַרן פאָלק! עפּעס... עפּעס...

— און דערווייל? —האָט אים היימי איבערגעריסן אינמיטן פון זיין ענטוזיאַסטישער רעדע און באַרימערישע פאַנטאַזיעס.

— דערווייל, —האָט מיצלער אונטערגעכאַפּט דאָס זעלבע וואָרט.

— מוז מען מיר העלפן. צומערשט מוז עס טון מיין שוועסטער. זי איז דאָך מיין שוועסטער, זי האָט אַ פליכט צו מיר, און דאַן...

היימי האָט אויסגעשטרעקט זיינע אויגן צו מיצלערן. ער האָט גע-זען אַז ער וויל נאָך עפּעס זאָגן. זעענדיק אָבער אַז עס איז אים שווער אַרויסצוריידן דאָס נייטיקסטע וואָס ער וויל, האָט היימי אונטערגע-כאַפּט מיצלערס לעצטע ווערטער: און דאַן?...

— יאָ, —האָט מיצלער זיך געכאַפּט—, דאַן מוז איך געווינען די ליבע פון דעם מיידל וועלכע איז די איינציקע וואָס איז ווערט אַז איך זאָל איר שענקען מיין ליבע — די ליבע פון אַ קינסטלער; און וועלן די

עלטערן איינשטימען מיר צו געבן זייער טאָכטער און מיך אריינגעמען צו זיך, דאַן וועל איך מוזן אויסוואַקסן אַ גרויסער מאָלער, אַ גרױיסער קינסטלער און אַ גרויסער וועלט־באַרימטער מאַן פון דייטשלאַנד.

מיצלערס ווערטער האָבן שוין אָנגעהויבן צו פאַראינטערעסירן דעם פאַרפאַלק שטעטער. איבערהויפּט, ווען מיצלער האָט אָנגעהויבן צו ריידן וועגן ליבע, האָט עס מיראַן אינגאַנצן פאַראינטריגירט. איר ווייבערישער נייגיר און ראָמאַנטישע נשמה האָט אינגאַנצן אויפגעצי־טערט אין איר. מורא האָבנדיק אַז איר מאַן זאָל איר נישט אויסכאַפּן פראַגן וואָס האָבן מער שייכות צו איר, ווי צו אים, האָט זי שנעל פאַר־כאַפּט און ראָמאַנטיש אויסגעשריגן:

— אַזוי, הער מיצלער, פירן זי שוין אַ ליבע אויך! זייער שיין, זייער שיין. שוין לאַנג?

— ניין, נישט לאַנג, —האָט מיצלער געענטפערט.— קיים אַ פּאָר וואָכן ווי איך האָב געזען דאָס מיידל. איך פאַרפאַלג זי כסדר מיט מיין ליבע, און...

— און זי האָט אייך אויך ליב? —האָט מירא געוואָלט אויסכאַפּן זיינע ווערטער.— זייער שיין, זייער שיין.

— ניין! —האָט מיצלער איבערגעריסן.— דאָס מיידל וויל מיר נישט אַרויסווייזן קיין קעגנליבע. זי ענטפערט מיר כסדר מיט קאַלט־קייט און איגנאָראַנץ.

— טאַ וואָס קלערט איר איצט צו טון? —האָט היימי געפרעגט.

— איך וועל מוזן ווירקן אויף אירע עלטערן, —האָט מיצלער מיט פעסטקייט געזאָגט.— דאָס איז דער לעצטער אויסוועג צו מיין לאַגע.

היימי האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין בענקל און איז נאָענטער צוגעגאַנגען צו מיצלערן, און ווי אַ פאָטער, וועלכער וויל פאַרלייכטערן די שמערצן פון זיין קינד, גלויבנדיק אַז זיין מיטהילף קאָן אים מיט עפּעס פאַרגרינגערן, האָט ער מיט פאָטערלעכקייט געזאָגט:

— אפשר וואָלט איך אייך געקאָנט מיט עפּעס מיטהעלפן?

— זיכער וואָלט איר עס געקאָנט טון —האָט מיצלער מיט פעסט־קייט געענטפערט.— ניין! —האָט ער זיך באַלד צוריקגעכאַפּט— נישט נאָר וואָלט איר געקאָנט עפּעס טון פאַר מיר, נאָר טאַקע געמוזט טון!

— אַזוי זיכער זענט איר דערין? —האָט שוין היימי געזאָגט מיט

פּאַרדרוס.— איך וועל עס מוזן טון? איך האָב אייך אַליין פאַרגע־לייגט מיין מיטהילף. איך אַליין בין גרייט געווען עפּעס צו טון פאַר אייך. איך האָב געוואָלט אַרויסווייזן צו אייך מיינע בעסטע מענטש־לעכע געפילן. צום סוף ווילט איר מיך גאָר צווינגען דערצו?

— ווייל פון אייך איז אָפּהענגיק מיין עקזיסטענץ, —האָט מיצלער מיט פייער אַרויסגערעדט.— מיין גורל איז געווענדעט אין אייך! מיין צוקונפט ליגט אין אייערע הענט! איר מוזט זען אַז איך זאָל חתונה האָבן מיט דעם מיידל, כדי צו זיכערן מיר אַ צוקונפט; כדי צו קאָנען ווערן אַ גרויסער קינסטלער, אַ גרויסער שרייבער, אַ גרויסער פּאַרטיי־טוער, אַ גרויסער רעדנער, אַ גרויסע פּערזענלעכקייט דאָ אין לאַנד. איר מוזט מיר צוהעלפן דערצו!

מיצלער האָט די גאַנצע צייט גערעדט מיט פייער אין זיינע אויגן און מיט שטאַרקע הענט־זשעסטיקולאַציעס. זיין גאַנץ פּנים האָט אויס־געדריקט ענערגיע און זיכערקייט. מען האָט אָבער אויך געקאָנט דער־קענען אין אים, אַז זיין ווילן חתונה צו האָבן מיט דעם מיידל, קומט נישט דערפון וואָס ער האָט זי ליב, נאָר כדי צו קאָנען דערגרייכן זיינע וואונטשן, כדי צו קאָנען פאַרגיטיקן זיין גרוילקייט־מאַניע, כדי צו קאָנען ווערן דאָס — וואָס ער איז נאָך ביז איצט נישט געווען און וואָס ער וואָלט זיין גאַנץ לעבן אוועקגעגעבן אַז ער זאָל עס קאָנען זיין...

היימי, פּונקט ווי זיין פּרוי מירא, האָבן פון זיין פּנים און אויגן געקאָנט אַרויסלייענען זיין מאַניאַקישן ווילן. זיי האָבן אָבער אויך גע־זען, אַז ער האָט דרייסטקייט וואָס גרענעצט זיך מיט פרעכקייט, און מיט אַזאַ דרייסטן אורח איז נישט געזונט צופיל איינצוטענהן. היימי וואָלט שוין געוואָלט פּטור ווערן פון אים און זיך צוריקציען פון דער גאַנצער טראַנזאַקציע און פון זיין צוזאָג וועגן מיטהילף. כדי אָבער וואָס שנעלער צו פאַרענדיקן מיט דעם פרעכן יונג, האָט היימי שוין מיט פעסטקייט געפרעגט:

— טאָ וואָס ווילט איר אַז איך זאָל טון פאַר אייך?

— איר זאָלט צווינגען דאָס מיידל וואָס איך וויל, אַז זי זאָל מיר שענקען מער אויפמערקזאַמקייט! —האָט מיצלער האַרט אַרויסגערעדט.

— אַז זי זאָל מיך ליב האָבן, אַז זי זאָל חתונה האָבן מיט מיר!

מיצלער האָט געוואָלט אויסרעכענען נאָך פּונקטן וועגן זיין ליבע

און זיין צוקונפט. היימי האָט אים אָבער איבערגעריסן אינמיטן פון זיין פּראָגראַמאַטישע עקספּאַזע און סאַרקאַסטיש אים אַ זאָג געטון:

— איך זאָל צווינגען אַ מיידל זי זאָל אייך ליבן? זאָל אייך שענקען אויפמערקזאַמקייט, זאָל מיט אייך חתונה האָבן... הער מיצלער, איר האָט זיך צופיל פאַרגאַלאָפּירט! אפילו דער גרעסטער דייטשישער זשאַנדאַרם וועט נישט באַוויזן אַזעלכעס ארויפצוצווינגען אויף אַ מיידל.

— און איר, יאָ! —האָט מיצלער אויסגעשריגן און אַ זעץ געטון מיט זיין פויסט אין טיש אריין.

— פאַרוואָס „איך יאָ״?! —האָט שוין היימי געפרעגט אַ פאַראינטערעסירטער.— וואָס בין איך, איר טאַטע, איר...

— יאָ! —האָט מיצלער אויסגעשריגן.— איר מוזט צווינגען אייער טאָכטער, אַז זי זאָל מיט מיר חתונה האָבן! זי זאָל מיך ליב האָבן!

— כאַ־כאַ־כאַ! —האָט היימי זיך צעלאַכט.— מיין טאָכטער זאָל מיט אייך חתונה האָבן? נישט אַנדערש, הער מיצלער, נאָר איר זענט פון זינען אראָפּ! איר זענט נישט ביים קלאָרן פאַרשטאַנד!

— הער אַדוואָקאַט! —האָט מיצלער אויסגעשריגן.— איך בין ביי מיין קלאָרן פאַרשטאַנד. איך וויל חתונה האָבן מיט אייער טאָכטער, פאַרשטאַנען?

— דאָס איז דאָך אוממעגלעך! —האָט שוין מירא אויסגעשריגן.— וואָס הייסט איר ווילט חתונה האָבן מיט מיין טאָכטער? ווייסט איר דען נישט, אַז מיין טאָכטער וועט קיינמאָל נישט נעמען אַזאַ מאַן ווי איר זענט?!

— וואָס בין איך דאָס אַזעלכער?! —האָט מיצלער אויסגעשריגן.

— וואָס, זי וועט מיט מיר נישט חתונה האָבן?

— ווייל דו ביסט אַ קריסט —האָט מירא גאַנץ געלאַסן געזאָגט.

— און מיין טאָכטער איז אַ יידישע טאָכטער, —האָט היימי זיך אריינגעריסן.— איר הערט? זי איז אַ יידיש קינד!

— עס גייט מיך ווייניק אָן אייער רעליגיע! —האָט מיצלער אַ מאַך געטון מיט די הענט.— זאָל זי זיין אַ יידישע, אָדער אַ טערקישע! איך האָב זי ליב און איך וויל טיילן מיט איר מיין גורל, מיין לעבן און מיין צוקונפט!

— קיין מאָל נישט! —האָט היימי אויסגעשריגן.— און אויב איר

גלייבט אַז איר וועט ווידער אהער קומען, כדי צו פאַרפאַלגן מיין טאָכ־טער, זאָג איך אייך פאַרויס, אַז איר זאָלט עס נישט וואַגן! איר זאָלט עס מער נישט טון, אויב איר ווילט נישט אַז איך זאָל אייך אָננעמען ביים קאָפּ און אַראָפּוואַרפן פון אַלע טרעפּ...

— איך קום נישט צו אייך! —האָט מיצלער פרעך געענטפערט.— איך קום צו מיין שוועסטער!

— איך וועל אייער שוועסטער אויך אַרויסטרייבן פונדאַנען! — האָט היימי ווידער געזאָגט.

— איר, שמוציק יידן־געזינטל! —האָט מיצלער מיט פאַרביסנקייט אויסגעשריגן.— אייך פּאַסט נישט צו נעמען אַ גוטן דייטש פאַר אייער טאָכטער! איר מוזט נאָר האָבן שמוציקע יידן! מיך, אַ ריינעם דייטש, אַ ריינעם אַריער פאַרטרייבט איר! איר ווילט זיך נישט אויסמישן מיט מיר! איר וועט אָבער טייער באַצאָלן פאַר באַליידיקן אַ דייטש! טייער באַצאָלן!

— וועל איך באַצאָלן! —האָט היימי געענטפערט.— עס וועט אָבער ווערט זיין דער פּרייז, נישט צו קענען מער אַזאַ אויסוואורף ווי דו!

מיצלער האָט זיך אָבער גאָרנישט אָפּגעשראָקן פאַר אַלעם. מיט זיין גאַנצער פרעכקייט איז ער צו צום אַדוואָקאַט היימי און אַריינ־שטעקנדיק ביידע הענט אין די קעשענעס, האָט ער דראָענדיק געזאָגט:

— נישט בלויז איר וועט באַצאָלן פאַר דער באַליידיקונג פון אַ דייטש, אַלע יידן וועלן באַצאָלן דערפאַר, און נישט בלויז אין דייטש־לאַנד, נאָר אומעטום וואו איר וועט נאָר זיין! מיין האַס וועט אייך אומעטום דעררײַפן! מיין שינאה וועט אייך צעקוועטשן און מיין נקמה וועט אייך דערשטיקן! איצט וועל איך אָנהויבן „מיין קאַמף" קעגן אייך! אויף טויזנט יאָר וועט איר מיך האָבן צו געדענקען!

מיצלער האָט נאָך ווייטער געוואָלט אַרויסלייגן זיין לשון, אָבער היימי, וועלכער איז שוין געווען גענוג אויפגערעגט נאָך פון מיצלערס חתונה־פאָרשלאַג, האָט איצט אינגאַנצן אויפגעברויזט, און ווען מיצלער האָט שוין געהאַלטן אויף זיין לעצטער און העכסטער אָקטאַווע פון דראָ־אונג צו נקמה, האָט היימי אינגאַנצן אויפגעשטורעמט. ער איז שנעל

צו צו דער טיר, מיט דער גאַנצער קראַפט זי אויפגעריסן און מיט פאַר־ביטערונג און האַס האָט ער אויסגעשריגן:

— לומפּ! מאַניאַק! אַרויס פון מיין הויז!

מיצלער האָט שוין איינגעזען, אַז אַלע זיינע סטראַשונקעס װעלן גאָרנישט העלפן; אַז אויף דעם פראָנט איז ער אַ פאַרשפּילטער. ער האָט צוריק אַרויסגענומען די הענט פון די קעשענעס, זיך פאַרקנעפּלט זיין רעקל, גלייכגעלייגט די שוואַרצע קודלעס אויפן שטערן, און װאַרפנדיק סאַרקאַסטישע בליקן אַרום זיך, איז ער לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו דער טיר, און װען ער איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל אַרויסצוגיין, האָט ער אומגעקערט זיין פּנים און מיט גיפט און גאַל האָט ער אַרויסגעצישעט פון זיך:

— שמוציק יידן־געזינטל!...

הײמים ענטפער אויף מיצלערס לעצטע װערטער איז געװען: אַ זעץ־צו הינטער אים די טיר מיט דעם גלענצנדיקן עפּיטעט: — גיי צו אַלדע שוואַרץ יאָר, און זיי אַלע יידנס כפּרה!

עטלעכע מינוט האָט געהערשט אַ שטילשוויגן. דאָס פאַרפאַלק האָט נישט געפונען קיין װערטער צו קאָנען אָנהייבן זייער געשפּרעך. אַ טראַגיש־מוראַדיקע שטילקייט האָט געהערשט נאָך מיצלערס פאַרשווינדן. זיין בלוטיקן נקמה־אָנזאָג האָט זיי אינגאַנצן צעטרייסלט; עפּעס האָט זיי געשראָקן. ביידע זענען זיי געזעסן און געשטיקט עפּעס אין זיך; געשטיקט, און אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס און צוליב וואָס.

ענדלעך האָט זיך מירא די ערשטע אַביסל באַרואיקט. זי האָט מיט צער און פאַרביטערונג געלאָזט פאַלן אירע װערטער אין חלל אַריין, גלאַט אין דער װעלט אַריין:

— גיים און גיט דאָס צו עסן! גיט עס צו קליידן, צו טרינקען! כאָוועט אוים אַ שלאַנג אין בוזעם!...

קאפיטל 5

אין מינכענער ביר־קעלער

וואכן זענען געפלויגן, חדשים זענען געלאָפן און דאָס לאַנד איז מאָראַליש געזונקען און גייסטיק געפאַלן אַלץ טיפער און טיפער. אַרבעטסלאָזיקייט און הונגער זענען געווען די באַגלייטער פון אָרעמען דייטשישן פּראָלעטאַריער און בירגער. רעוואָלטן און אומרוען זענען געווען די טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען. האָט זיך אין איין טייל אַנטוויקלט אַן אַקציע פאַר אַ רעוואָלוציע, האָט זיך ווידער אין אַן אַנדערן טייל לאַנד פאַרשאַרפט די רעאַקציע. אין די אַלע אויפשטאַנדן און רעוואָלטן האָט דאָס אָרעמע און אַרבעטנדיקע פאָלק באַצאָלט מיט בלוט און הונגער. די וועלט־דיפּלאָמאַטיע, פון „רעכטס" ביז „לינקס" האָט אין דעם אומגליקלעכן לאַנד געפונען דאָס ריכטיקע פעלד פאַר זייער פּאָליטיק און דיפּלאָמאַטישע דריידלעך... דאָס דייטשישע פאָלק האָט זיך געפילט אַזוי דערנידעריקט און דערדריקט פון „ווערסאַילער טראַקטאַט", אַז אין זיינע מוחות האָבן זיך שוין געפּלאָנטערט געדאַנקען וועגן רעוואַנש, וועגן צוגרייטן זיך צו אַ נייעם קריג, וועגן אַ בלוטיקן נקמה־אַקט אין די שעפער פון דערדריקנדיקן טראַקטאַט.

יעדע אַקציע פונעם לינק־דעמאָקראַטישן בלאָק האָט גלייך געשאַפן אַ רעאַקציע פון קעגן־צד. האָט איין צד גערופן אָפּצוהיטן דעם אַנגעוואָרפענעם „טראַקטאַט" און לעבן בשלום מיטן אַמאָליקן שונא, האָט באַלד דער אַנדערער צד דווקא געפאָדערט צו ברעכן דעם טראַקטאַט און צוריקגעווינען דעם שטאָלץ פון דייטשישן פאָלק.

אויך אין אוניווערזיטעט אין מינכען זענען פאָרגעקומען — קעגן ווילן פונעם רעקטאָר שטיינאַך — פאַרשידענע אַרויסטרעטונגען פון די צדדים. עס איז שוין אַפילו געקומען דערצו, אַז איין צד האָט געפאָדערט די באַזייטיקונג פונעם רעקטאָר, ווייל ער איז אַ דייטשישער פּאַרטעטער,

א פּאַציפֿיסט. צום גליק איז עס געווען נאָר אַ קליינע גרופּע, נישט גוט אָרגאַניזירט, נאָר גלאַט שרייערס און מאַניאַקן. דער רעקטאָר שטיינאַך האָט ווייטער אָנגעפֿירט און געלייטעט די אַרבעט אין אוניווערזיטעט. ער האָט אָבער שוין אויסגעמיטן צו האַלטן זיינע שלום־רעדעס; ער האָט איינגעזען, אַז עס הויבן אָן צו בלאָזן אין לאַנד נייע ווינטן, און דאָס פֿאָלק האָט שנעל פֿאַרגעסן דעם בלוטיקן קאָשמאַר פֿון פֿאַרניכטענדיקן קריג; אַז פֿינצטערע עלעמענטן גרייטן־צו עפּעס פֿאַרן לאַנד, וואָס קאָן ברענגען צו דער גרעסטער וואַקכאַנאַליע און נייעם חורבן, נישט בלויז פֿאַרן לאַנד, נאָר פֿאַר דער גאַנצער וועלט.

און דער געדאַנק האָט דעם פּראָפֿעסאָר שטיינאַך נישט אָפּגענאַרט. אין דער זעלבער צייט, ווען געוויסע צדדים האָבן געפֿירט דיסקוסיעס וועגן פּאָליטיק און אָרדענונג, האָט אויף אַ באַזונדערן פּלאַץ מיצלער צו־זאַמענגענומען עטלעכע זיינע קאָלעגן —פֿון זיינס גלייכן— און אָנגע־הויבן זיי צו אַגיטירן וועגן שאַפֿן אַ נייע פּאַרטיי, אַ נייע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל ראַטעווען דאָס דייטשישע פֿאָלק און לאַנד.

מיצלער, צוזאַמען מיט זיינע זעקס קאַמעראַדן, האָבן כּסדר געפֿירט צווישן זיך דיסקוסיעס אויף וואָס פֿאַר אַ מאָדוס מען קאָן ראַטעווען דאָס לאַנד. מען ווייסט, אַז דאָס לאַנד ברעכט זיך אונטער דער לאַסט פֿון דער רור־אָקופּאַציע און אָנגעוואָרפֿענע קאָנטריבוציעס, אָבער די ווירק־לעך שולדיקע אין דעם, די יעניקע אויף וועלכע מען האָט געקאָנט אַרויפֿ־וואַרפֿן די גאַנצע שולד פֿון דייטשישן חורבן, זיי זענען שוין נישטאָ ביי דער מאַכט. דער דייטשישער קייזער ווילהעלם דער צווייטער, האָט אַריינ־געפֿירט דאָס לאַנד אין מלחמה. ער האָט געבראַכן דעם שטאָלץ פֿון דייטשישן פֿאָלק, ער איז געווען דער גרעסטער שולדיקער אינעם וועלט־חורבן, איז ער אָבער שוין מער נישטאָ ביי דער מלוכה, ער איז אַרונ־טערגעשמיסן געוואָרן פֿון זיין בענקל און ער פֿאַרנעמט זיך מיט אַ פֿיי־נער מלאכה אין דאָרן: האָלץ־העקעריי. ער האָט שוין באַקומען זיין לוין. טאָ, אויף וועמען זאָל מען איצט אַרויפֿוואַרפֿן די שולד פֿאַרן שרעקלעכן חורבן אין לאַנד?

אַלע זיבן קאַמעראַדן זענען געזעסן אין אַ מינכענער ביר־קעלער זייער פֿאַרזאָרגט און פֿאַרטראַכט. און כאָטש מיצלער איז געווען דער טעאָרעטיקער און שטענדיקער ראש־המדברים, דאָך איז אים אויך איצט

שווער אנגעקומען צו געפינען דעם ריכטיקן קרבן, אויף וועמען ארויפ־צוואווארפן די גאנצע שולד, א דאנק וועמען מען זאל קאנען פארנארן די מאסן, אז עס זאל זיי אימפאנירן די נייע פארטיי מיט איר אויסגעהאל־טענעם פראגראם...

מיצלער האט באשלאסן צו רופן א ספעציעלע פארזאמלונג פון גרינדונגס־מיטגלידער, אויף וועלכער ער וועט עקספאנירן א פראגראם פון דער נייער פארטיי. און כאטש זיינע אנגעבלאזענע ביר־קאלעגן גע־דרינג און געבער, זענען געווען קעגן דעם, האט אבער מיצלער, מיט זיין פייערדיקער עקשנות, באצוואונגען זיינע קאמעראדן, אז אין א פאר טעג ארום זאל מען זיך ספעציעל בעראטן וועגן פראגראם פון דער פארטיי, וועלכן מיצלער האט צוגעזאגט צוצושטעלן.

מיצלער האט זיך טאקע געבראכן דעם קאפ וועגן א פראגראם, וועל־כער זאל דינען דעם פאלק; עפעס אזעלכעס אויף וואס מען זאל זיך קא־נען שטיצן, וואס זאל צוריק אוועקשטעלן דאס דייטשישע פאלק אויף זיין געהעריקער הייך; און כאטש ער האט שוין געהאט עפעס פאר־טראכט וועגן שאפן פארן דייטשישן ארבעטער־קלאס א ספעציעלע פאר־טיי, וועלכע זאל זיין אי סאציאליסטיש און אי נאציאנאליסטיש, האט אים אבער געפעלט דער עיקר: געפינען דעם שולדיקן אין די ליידן פון דייטשישן פאלק. האט מען נישט אזעלכן — מוז מען אים אויסטראכטן.

און ווידער איז מיצלער געווען אין א שווערער לאגע. ער האט גע־קלערט און געזוכט און אין קיין פאל איז אים נישט געקומען אין זיין „קינסטלערישן" קאפ אריין א ריכטיקער פלאן. ער האט זיך דערמאנט, אז ערשט מיט א צייט צוריק האט ער זיך אויך געפונען אין אן ענלעכער לאגע, ער איז אויך געווען אין א קלעם פון נישט האבן קיין אויסוועג — דאס איז געווען ביי דעם יידישן אדוואקאט שטעטער.

— אהא! —האט ער זיך געכאפט.— דער ייד... דער ייד איז שולדיק געווען אין מיין דעמאלטיקער לאגע. און אפשר זענען זיי אויך שולדיק אין דער איצטיקער לאגע פון דייטשלאנד? און אויב זיי זענען נישט שולדיק, מאכט נישט אויס אז מען זאל אויף זיי ארויפלייגן די גאנצע שולד פאר דער ביטערער לאגע פון דייטשישן פאלק! האבן זיי דען מיך נישט באליידיקט? האט זיך דען דער ייד נישט אפגעזאגט צו

געבן מיר זיין טאָכטער? פוי! דאָס לומפּיקע יידן־געזינטל! אין אַלץ זענען זיי שולדיק, די יידן!

ווען מיצלער איז שוין פּאַרטיק געוואָרן מיטן געדאַנק וועגן דער שולד פון די יידן, האָט ער שוין אַזוי אַרום צוגעגרייט זיין גאַנצן פּראָגראַם פון דער נייער פּאַרטיי פון דייטשישן פאָלק, און ווען מיצלער האָט זיך שפּעטער באַגעגנט מיט זיינע קאָלעגן אין ביר־קעלער, איז ער גלייך אַרויס מיט אַ גאַנצער עקספּאָזע וועגן די שולדיקע אין די ליידן פונעם דייטשישן פאָלק און דעם אַרבעטער־קלאַס.

— ווייסט איר, ווער ס'איז שולדיק אין אַלעם? — האָט ער מיט פּאַטאָס אויסגעשריען — די יידן! אַלץ זיי! אין דייטשלאַנד הערשן די יידן איבער די דייטשן! זיי האָבן אַלץ פאַרכאַפּט! די קונסט, די ליטעראַטור, די מוזיק, דעם האַנדל, דאָס באַנק־וועזן, די וויסנשאַפט, דאָס טעאַטער, די מעדיצין, און נישט בלויז אין דייטשלאַנד טוען זיי דאָס נאָר אין דער גאַנצער וועלט! זיי וואַרפן אַרויף אויף אונדז זייער צוואַנג! זיי, די שמוציקע מינדערהייט, מאַיאָריזירן אונדז! מיר, דייטשן, — האָט מיצלער געצישעט מיט פייער — מוזן צוקוקן ווי די יידן באַהערשן דאָס גאַנצע לאַנד! זיי מישן זיך אוים מיט אונדז, כדי מיר זאָלן זיי נישט דערקענען! מיר טאָרן נישט דערלאָזן אַז אונדזערע ריינע אַרישע ראַסע זאָל זיך צוזאַמענמישן מיט די שמוציקע יידן! אפילו דעם „ווערסאַילער טראַקטאַט" האָבן די יידן אויף אונדז אַרויפגעוואָרפן! מיר מוזן אָרגאַניזירן דאָס ריינע דייטשישע פאָלק קעגן די יידן! מיר מוזן צוריק אויפשטעלן אַ ריינע דייטשישע אַרמיי! מיר מוזן צוריקנעמען אונדזער רור און אונדזער רהיין! מיר מוזן פאַרניכטן אונדזערע שונאים, און אין דער ערשטער ריי — די יידן!

די איבעריקע קאַמעראַדן אין ביר־קעלער האָבן היינט גאָר אָנגעקוואָלן פון זייער קאַמעראַד מיצלער. דער ערשטער וואָס האָט זיך אויפגעשטעלט צו באַגריסן מיצלערן פאַר זיין גלענצנדער עקספּאָזע, איז געווען דער קריפּל געבער. אונטערהינקענדיק אויף זיין לאַמען פוס, האָט ער זיך געקאַטשעט פון ביידע זייטן. זיין איינגעהויקערטע פּלייצע האָט זיך נאָך מער איינגעקאַרטשעט פון אַריינכיכיקען אין זיך פון צופרידנקייט. אויך דער גראָבער חזירשער נפש געדרינג, איז געבליבן צופרידן פון מיצלערס פּראָגראַם. זיין גראָבער בויך האָט זיך געטרייסלט פון

צופרידנקייט פון דעם פּראָגראַם וואָס מיצלער האָט נאָר־וואָס פאַרגע־לייגט פאַר דער נייער פּאַרטיי. אויך די איבעריקע קאַמעראַדן האָבן גע־הייסן דערלאַנגען נאָך ביר: —לאָמיר טרינקען פאַר אונדזער דייטשיש פאָלק, וואָס וועט מוזן איצט אָנהויבן אַ נייע אָרדענונג אין לאַנד.

— און פאַר דער פאַרניכטונג פון דעם גאַנצן שמוציקן יידן־געזינ־טל! —האָט אויסגעשריגן אין אַ האַלב־שיכורן טאָן דער גאַנצער מאַכער, מיצלער.

אַלע קאַמעראַדן האָבן געזויפן און געטרונקען ביז אין מיטן דער נאַכט. צום סוף האָט דער קריפּל געבער, גענומען דאָס וואָרט און אינגאַנצן אַ שיכורער, האָט ער גענומען רעדן:

— מיינע הערן און דאַמען... אונדזער מיצלער... אונדזער... הממם! נו, יאָ! אונדזער קאַמעראַד אָט, דער אָ, וועט פון היינט אָן און ווייטער זיין... פון היינט, און מאָרגן און שטענדיק... און איי־ביק... ער וועט זיין... פירער! פירער! הממם! לאָמיר אַלע... אַלע... לאָמיר אַלע שרייען... שרייען... הממם! צום טייוול! שרייט אַלע: עס לעבע... יאָ, עס לעבע! זאָל לעבן אונדזער... אונדזער פירער! הממם!

אַלע קאַמעראַדן־שיכורים האָבן זיך אָנגעגאָסן פולע קרוגן מיט ביר און וואַקלענדיק זיך פון אַלע זייטן און מרוטשענדיק ווי געקוילעטע חזי־רים, האָבן זיי מיט זייערע שיכורע קולות אויסגערעוועט:

— עס לעבע אונדזער פירער!

— עס לעבע אונדזער פירער!

— הוראַ!

— נידער מיט די יידן!

— אַ טויט די יידן!

קאַפּיטל 6

פראַנץ פרייליך

אין הויז פון רעקטאָר שטיינאַך איז דערווייל אַלץ געגאַנגען נאָרמאַל. יעדן טאָג איז דער רעקטאָר אַוועק אין אוניווערזיטעט צו זיינע לעקציעס. פון צייט צו צייט — צו אַ קאָמפּליצירטער אָפּעראַציע אין רעגירונגס־שפּיטאָל. זיין געטרייע פרוי סוזי, האָט זיך אָפּגעגעבן — אויסער מיט דער שטוביקער אַרבעט— אויך מיט דער דערציאונג פון אירע צוויי קינדער, האַנס און בעטי. אויך צום זון פון איר מאַנס קאָלעגע —פראַנץ פרייליך—, וועלכער איז די גאַנצע צייט פון רעקטאָרס צוריקקומען פון קריג געווען צוזאַמען מיט אירע צוויי קינדער, האָט זי זיך באַצויגן ווי אַ גוטע מאַמע. עס איז נישט געווען דאָס מאָל ווען זי זאָל באַשטעלן וועש אָדער מלבושים פאַר אירע צוויי קינדער, אַז זי זאָל אויסמיידן פראַנצן; און כאָטש פראַנץ האָט געוואוסט, אַז סוזי איז נישט זיין ריכטיקע מוטער, דאָך האָט ער זיך באַצויגן צו איר ווי צו אַ מוטער און ער האָט זי ליב געהאַט ווי אַ מאַמען. אויך דעם פּראָפעסאָר האָט ער זייער געשעצט און געאַכט און אים ליב געהאַט ווי אַ פאָטער.

יעדן טאָג ווען דער פּראָפעסאָר איז פריי געוואָרן פון זיין טאָג־טעגלעכער אַרבעט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין זיין הויף, צווישן די בלומען־בייטן, וועלכע זיין געליבטע פרוי האָט אַזוי ליב געהאַט אָפּצוהיטן. ער איז דאָרט געזעסן אַרומגערינגלט פון אַלע דריי קינדער. סוזי איז געזעסן דערנעבן און אָנגעקוואָלן פון די קינדערישע, אָבער דאָך אינטערעסאַנטע פראַגן פון די קינדער, וועלכע דער פּראָפעסאָר —איר מאַן —- באַמיט זיך, מיט קינדערשער נאַאיווקייט צו ענטפערן.

בעטי, וועלכע איז קוים אַלט געווען צען יאָר, האָט אַלעמען באַהערשט מיט איר פרייליכקייט און שפּרינגעוודיקייט. עס איז נאָר גענוג געווען אַז זי זאָל דערזען דעם פאָטער פון ווי־ווייט אַז זי זאָל אים

אַנטקעגנלויפן און זיך אַרומקלאַמערן אַרום זיין האַלדז, אים קושן און אויפן קאָפּ אים קריכן; דאַקעגן די אַנדערע צוויי קינדער — האַנס און פראַנץ — זענען שוין געווען מער געזעצטע און כאָטש זיי האָבן ליב געהאַט דעם פאָטער נישט ווייניקער ווי בעטי, דאָך האָבן זיי שוין אַרויסגעוויזן זייער „מענערישן" פאַרשטאַנד. זייערע פראַגן צום פּראָפעסאָר און אַפילו זייער שפּילן זיך איז שוין געווען ווי פון דערוואַקסענע מענטשן.

אַלע דריי קינדער האָבן באַזוכט די שולעס. בעטי — אין אַ ספּעציעלער מיידל־שולע, און האַנס מיט פראַנצן — אין העכערע לערן־אַנשטאַלטן. דאָס לערנען פון די קינדער איז געווען זייער גוט. בעטי האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרענדיקן איר פאַרשול. זי איז אויך געווען זייער פאַרגעשריטן אין דער מוזיק־שולע. האַנס איז געווען דער בעסטער שילער אין זיין קלאַס, און מען האָט אים צוגעזאָגט אַ גלענצנדיקע צוקונפט. דאַקעגן, פראַנץ, האָט אונטערגעהונקען אַביסל ביים שטודיום. ביי יעדן פינאַל־עקזאַמען האָט ער געמוזט גוט צושוויצן, און אַ דאַנק האַנסן מיטן פּראָפעסאָר, איז אַלעמאָל געלונגען אים אַריבערצושטופּן אין די העכערע קלאַסן. ער זאָל פאַרזעצן זיין ווייטערדיקן שטודיום.

פראַנץ האָט געפילט, אַז אין זיין לערע גייט אים נישט פויגלדיק. נישט איינמאָל איז אים שוין געקומען אַ געדאַנק אין קאָפּ זיך צוריקצוציען פון מעדיצינישן שטודיום און זיך ווידמען מער זיין מיליטערישער אויסבילדונג, פּונקט ווי זיין פאַרשטאָרבענער פאָטער האָט געטון. ער האָט אָבער אַלץ נישט געהאַט קיין קוראַזש דאָס צו זאָגן פאַרן פּראָפעסאָר. אָבער, ענדלעך, האָט ער זיך אַנטשלאָסן און מיט פעסטקייט זיך גענומען רעאַליזירן זיין באַשלוס. ער האָט אָבער געוואָלט האָבן דערצו די צושטימונג פון פּראָפעסאָר, וועלכער איז איצט זיין צווייטער פאָטער. ער האָט אויסגעניצט אַ צייט, ווען דער פּראָפעסאָר איז געזעסן אין זיין שרייב־צימער איבער אַ וויסנשאַפטלעך־מעדיצינישער אויסגאַבע. ער האָט לייכט אַ קלאַפּ געטון אין טיר, און אויף דער דערלויבעניש פון פּראָפעסאָר, איז ער אַריין אין צימער.

דעם פּראָפעסאָר האָט עס געוואונדערט. ער איז נישט געוואוינט געווען, אַז ווער פון די דריי קינדער זאָלן דירעקט אַריינקומען אין זיין שטודיר־צימער בעת ער האַלט אין מיטן אַן אַרבעט. זיי האָבן שוין גע־

וואוסט, אז אויב דער פראפעסאר האט נאר אביסל פרייע צייט, ווידמעט ער עס זיי. עס איז געווען זיין בעסטער פארגעניגן צו פארברענגען צוזאמען מיט דער גאנצער פאמיליע אין גארטן, אדער אין שפיל־צימער. טאמער באוויזט ער זיך אבער נישט דארטן, איז שוין געווען דער בעסטער סימן, אז דער פראפעסאר האט „א סך ארבעט״ צו מאכן און קיינער וואגט אים נישט צו שטערן.

איצט, ווען דער פראפעסאר האט געזען אז פראנץ האט אים געשטערט אין זיין ארבעט, האט ער פארשטאנען אז מסתמא דריקט אים עפעס, אדער אפשר האט ער א שווערן עקזאמען און ער מוז אנקומען צו אים, כדי אים ארויסצוהעלפן אין די לעקציעס; און כאטש דער פראפעסאר האט זיך געפילט נישט אנגענעם, דערמיט וואס מען האט אים איבערגעריסן אין מיטן פון זיין שטודיום, דאך איז ער גרייט געווען אוועקצולייגן זיין ארבעט און פארלייכטערן „זיין יינגל״ דאס צוגרייטן די לעקציעס צום מארגנדיקן עקזאמען.

דער פראפעסאר האט גלייך אוועקגעלייגט די פארשידענע ביכער און אנאטאמישע פיגורן, ער האט צוגערופן פראנצן צו זיך און מיט פאטערלעכער צערטלעכקייט אים געפרעגט:

— עפעס א שווערע אויפגאבע? א שווערער עקזאמען? זאג מיר פראנץ, איך וועל דיר ארויסהעלפן.

— ניין, פראפעסאר, —האט פראנץ מיט רעספעקט געענטפערט. — נישט צוליב מיין עקזאמען בין איך געקומען אייך שטערן אין מיטן פון אייער ארבעט. איך וויל אבער עפעס פארטרויען פאר אייך. איך ווייס, אז איר זענט מיר מער ווי א פראפעסאר. אפשר פאראינטערעסירט איר זיך אין מיר מער ווי מיין ריכטיקער פאטער וואלט עס געטון, ווען ער וואלט געלעבט. איך קאן אבער נישט גיין אויף די וועגן וועלכע איר האט מיר אנגעצייכנט. איך בין נישט זיכער צי איך וועל קאנען דערגרייכן צום געוואונטשענעם ציל. דאס שטודירן מעדיצין איז פאר מיר זייער שווער, און ווען איך זאל שוין אפילו דערגרייכן דעם געוואונטשענעם ציל, ווייס איך נישט צי איך וועל קאנען זיין א גוטער דאקטער, וועלכער זאל קאנען עפעס אויפטון אויפן מעדיצינישן געביט. איך וואלט גערן דערגרייכט צו א קאריערע, מיט וועלכער איך זאל עפעס קאנען אויפטון פאר מיין פאלק און פאר מיין לאנד. כדי צו ווערן א גוטער

דאָקטער מוז מען האָבן אַ פעסטן ווילן, מוט און דויערהאַפטיקייט, און איך האָב עס נישט... איך האָב עס נישט...

פראַנץ איז געבליבן שטיין מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ. ער האָט זיך אַליין פאַרשעמט פאַר זיין מתוודה זיין זיך פאַרן פּראָפעסאָר. דער קלוגער און גוטער פּראָפעסאָר האָט עס גלייך באַמערקט, און נישט וועלנדיק פאַרשעמען „זיין יינגל” מיט צופיל שאלות, האָט ער מיט אַ חברלעכן געפיל און פאָטערלעכער איבערגעגעבנקייט אַנגענומען פראַנצן ביי דער גאָמבע, אויפגעהויבן אים דעם קאָפּ און קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן אַריין, געפרעגט:

— טאָ וואָס קלערסטו צו טון, ווען די מעדיצינישע קאַריערע געפעלט דיר נישט? צו קיין דאָקטער־טיטל — האָסטו מורא, אַז דו וועסט נישט דערגרייכן, טאָ וואָס־זשע דען וואָלסטו געוואָלט זיין?

— פּראָפעסאָר, —האָט פראַנץ נאָך אייניקע מינוט; שווייגן גענומען שטאַמלען.— איך קלער... איך קלער... אפשר... איך מיין, —האָט ער שוין גענומען ווערן דרייסטער אַביסל, און מיט איינמאָל אויסגעשריגן: — אַ מיליטערישע קאַריערע!...

פּראָפעסאָר שטיינאָך איז געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך. דער ענטפער פון פראַנצן האָט אים אין ערשטן מאָמענט אינגאַנצן צעמישט, אויף וויפל ער דערמאָנט זיך די מילחמה, דעם פראָנט, דעם חורבן און אומגליק וואָס עס ברענגט אויף דער מענטשהייט, האָט ער גלייך געוואָלט מיטן גאַנצן כוח אויסשרייען: ניין! ניין! אַלץ — יאָ, נאָר נישט אַז דאָס פאָך פון זיין דערציאונגס־זון זאָל זיין די שווערד און ביקס. ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן. ער האָט געוואָלט רואיק דורכריידן זיך מיט פראַנצן, וועלכער איז שוין געווען אַ גאַנצער מאַן, און וועלכער פאַרשטייט שוין אויסצוזוכן פאַר זיך אַ „פּאַסנדיקע קאַריערע”.

אויך פראַנץ האָט באַמערקט, אַז זיינע ווערטער האָבן געמאַכט אַ שלעכטע ווירקונג אויפן פּראָפעסאָר; כאָטש אין ערשטן מאָמענט האָט ער נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס עס איז אַזוי; מיט וואָס איז דאָס אַ מיליטערישע קאַריערע ערגער פון אַ מעדיצינישער קאַריערע. אָבער, זעענדיק אַז דער פּראָפעסאָר איז אינגאַנצן שטיל געוואָרן און ענטפערט גאָרנישט, און וועלנדיק אים צוריקברענגען צו זיין נאָרמאַלער רואיקייט, איז ער צו אים צוגעגאַנגען גאַנץ נאָענט, אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין

אקסל און ווי אויפוועקנדיק אים פון זיין וואכן שלאף, האט ער מיט א שטילער, לייכטער שטימע קוים ארויסגערעדט:

— און וואס זאגט איר, פראפעסאר?

— הא!? —האט זיך דער פראפעסאר ווי אויפגעכאפט.— דו ווילסט וויסן מיין מיינונג? זייער פיין. איך בין זייער צופרידן וואס דו רעכנסט זיך מיט מיר און דו ווילסט הערן מיין מיינונג. אויך דיין פאטער, מיין געוועזענער פריינט, האט זיך שטענדיק גערעכנט מיט מיין מיינונג, אפילו אין זיינע לעצטע מינוטן פון לעבן האט ער זיך גערעכנט מיט מיר, און דיך האט ער מיר איבערגעגעבן אז איך זאל דיך היטן, דיך דערציען און מאכן דיך פאר א מענטש, אז דו זאלסט זיין א נוצלעכער מענטש פאר דער געזעלשאפט. איך באמי זיך דאס צו טון. איך האב געוואלט אז דו זאלסט זיין מיין נאכפאלגער, זאלסט ווערן א גרויסער דאקטער, א פראפעסאר, א רעקטאר, דו זאלסט מיט דער צייט פארנעמען מיין ארט אויפן אוניווערזיטעט. נאר אזוי ארום קאן מען העלפן דער מענטשהייט, דעם פאלק און דעם לאנד. נאר אויב דו קומסט מיט א נייעם פלאן — א מיליטערישע קאריערע — גוט, איך וועל עס באטראכטן. איך וויל דיר אבער אויפמערקזאם מאכן, אז אויב א מעדיצינישע קאריערע הייסט — פארלייכטערן און פארגרינגערן די לאגע פון דער מענטשהייט, פארקלענערן אירעליידן און פארלענגערן דאס לעבן, הייסט אבער א מיליטערישע קאריערע פונקט דער היפוך — פירן מילחמות, אומברענגען די מענטשהייט, חרוב מאכן דאס לאנד און אפשר אליין פאלן א קרבן. איך וויל דיר נישט איינרעדן, אז אויב מ׳איז א דאקטער איז מען שוין געזיכערט מיטן לעבן. ניין, פראנץ! אויך א דאקטער קומט אויס אמאל צו פאלן אויף זיין פאסטן. ער שטעקט זיך אן מיט פארשידענע קראנקייטן. ביים שטודירן מיקראביאלאגיע, אטעמט ער אריין אין זיך זייער גיפט און ער שטארבט. דו מוזט אבער וויסן, קינד, אז דאס גרעסטע גליק פון א דאקטער איז צו שטארבן אויף אזא אופן. ער שטארבט ביי דער ארבעט פון געזונט מאכן זיין דור און אלע קומענדיקע דורות. ווען אבער א מיליטערמאן פאלט אויף זיין פאסטן, פאלט ער אין א מאמענט ווען ער אליין מארדעט אנדערע, און ער זעט אויך ווי זיינע ברידער ווערן אויסגעמארדעט. אט דאס איז דער אונטערשייד פון זיין א דאקטער ביז זיין א מיליטערמאן. עס קאן זיין אז דער

מיליטערמאַן לעבט אַ גלאַנצפולן לעבן; ער קאָן שטייגן פון אַ פּראָסטן סאָלדאַט ביז צום העכסטן מיליטערישן פירער, אָדער גאָר קריגס־מיניס־טער. דער מיליטערישער מונדיר, די עפּאָלעטן, דאָס היטל, די שווערד— דאָס אַלץ האָט אפשר אַ שענערן אָפּגלאַנץ, ווי אפילו די טאָגע פון אַן אוניווערזיטעט־רעקטאָר, אָבער די מעדיצינישע פּראָפעסיע רעגט־אָן צו לעבן און צו שאַפן לעבן, צו פאַרהיטן דאָס לעבן, אין דער צייט ווען די מיליטערישע קאַריערע רעגט־אָן צו מילחמה, בלוט־פאַרגיסונגען און צו חורבן. ווייל אויב די מיליטערלייט וועלן זיך נישט „דורכווערטלען" אביסל פון צייט צו צייט מיט זייער דיפּלאָמאַטיש־סטראַטעגישער שפּראַך — טאָ וואָס פאַר אַן אויפגאַבע קאָנען זיי האָבן!... צו וואָס דער גאַנ־צער מיליטאַריזם!... מיין אָבער נישט, פראַנץ, אַז איך וועל דיר שטערן אין דיין נייעם פּלאַן. מסתמא איז ער דאָך נישט געקומען צו דיר פון דער לופט, מסתמא האָסטו דאָך אַן אַנרעגער, מסתמא האָט עס דיר ווער אריינגעבלאָזן אין דיין געדאַנק. איך וואָלט אָבער געוואָלט, אַז דו זאָלסט זיך גוט באַרעכענען. רעד זיך דורך מיט דיינע לערער, מיט דיינע קאָלעגן־שילער, מיט...

— טאַקע זיי! —האָט פראַנץ איבערגעריסן די רואיקע שטילקייט וואָס האָט געהערשט אין צימער די גאַנצע צייט פון פּראָפעסאָרס גע־שפּרעך.

—וואָס זיי!? —האָט דער פּראָפעסאָר שנעל אויפגעכאַפּט פראַנצס ווערטער.— ווער זענען עס די „זיי"?

פראַנץ האָט זיך געקווענקלט צו דערציילן אַלץ. עס איז קענטיק געווען, אַז די געציילטע ווערטער מיט וועלכע ער האָט זיך אומגערן ארויסגעכאַפּט, זענען געווען עפּעס געהיימניספולע, אַזעלכע וואָס מען טאָר נאָך דערווייל נישט דערציילן. ער האָט זיך אָבער פּאַרט נישט גע־קאָנט קעגנשטעלן דער פראַגע פון פּראָפעסאָר, וועלכער איז אים געטריי געווען און וועמען ער האָט געליבט ווי אַן אייגענעם פאָטער, האָט ער, נאָך אַ מינוט שווייגן און קעמפן מיט זיך, ענדלעך ארויסגערעדט:

— זיי... מיינע לערער... מיינע שול־קאָלעגן... מען האָט באַשלאָסן אַנצוהייבן אין אַלע שול־קלאַסן די מיליטערישע אויסבילדונג פון די שילער, און אַלע שילער זענען איינשטימיק דערויף.

— און דו אויך? —האָט דער פּראָפעסאָר מיט חשד געפרעגט.

— איך האָב געגלויבט, —האָט פראַנץ לאַנגזאַם אַרויסגערעדט— אַז דאָס קאָן פאַרבעסערן מיין לאַגע. אויב עס קומט מיר אָן שווער צו שטודירן מעדיצין, וועל איך אפשר די מיליטערישע אויסבילדונג לייכטער באַגרייפן, און באַזונדערס, —האָט פראַנץ זיך געכאַפּט, ווי וועלנדיק צו־נישט מאַכן זיין ענטפער.— איז עס נישט געווענדט אין מיר; עס איז אַן אינערלעכער געזעץ פאַר אַלע שולן און פאַר אַלע שילער, און איך מוז זיך אונטערוואַרפן פונקט ווי אַלע שילער, צווישן וועלכע עס זענען זיכער פאַראַן אַזעלכע וואָס זענען נישט צופרידן מיט דער זעלנערישקייט אין שולע.

— הייסט עס, —האָט דער פּראָפעסאָר נאָך אַ מינוט טראַכטן גע־זאָגט— אַז אַלע שילער זענען אונטערגעוואָרפן דעם נייעם געזעץ?

— ניין, נישט אַלע —האָט פראַנץ געענטפערט.— אַ סך שילער וועלן באַזייטיקט ווערן פון די איבונגען.

— קראַנקע, שוואַכע, —האָט דער פּראָפעסאָר מיט זיכערקייט גע־זאָגט.

— ניין! —האָט פראַנץ געענטפערט.— אפילו קראַנקע און שוואַ־כע מוזן מיטמאַכן די מיליטערישע לערע. פריי פון די איבונגען זענען נאָר די יעניקע שילער וועלכע שטאַמען נישט פון קיין דייטשן.

— דהיינו? —האָט דער פּראָפעסאָר געפרעגט, און עס האָט אים אַ טיאַבקע געטון אין האַרצן.— וועלכע שילער ווערן עס באַפרייט פון די איבונגען?

— די שילער פון יידישער אָפּשטאַמונג —האָט פראַנץ געענטפערט. — די יידישע שילער.

— זיי ווערן באַפרייט? —האָט דער פּראָפעסאָר מיט אַן אינערלע־כער פאַרוואונדערונג געפרעגט.

— ניין! —האָט פראַנץ געענטפערט.— נישט באַפרייט, זיין ווערן באַזייטיקט...

— באַזייטיקט... באַזייטיקט... —האָט דער פּראָפעסאָר אי־נערלעך געברומט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון בענקל און זיך אַרומגעדרייט איבערן צימער, מורמלענדיק אַלץ די זעלבע ווערטער; און כאָטש דער פּראָפעסאָר שטיינאַך האָט שוין פון לאַנג געהאַט פאַרגעסן זיין יידישן אָפּשטאַם, האָט עס אים איצט אַ שטאָך געטון אין האַרצן.

ער האָט עפּעס פאַרגעפּילט אַזעלכעס וואָס איז נאָך אונטער אַ טולענעם פאַרהאַנג אין אַ שטאַרק פינצטערן צימער; עפּעס זעט מען יאָ דורך, אָבער נישט אינגאַנצן און נישט שאַרף... ער האָט זיך אָפּגעשטעלט האַרט לעבן פראַנצן, און מיט אַ געמאַכטער רואיקייט האָט ער אים אַ פרעג געטון:

— און דיך וועט מען נישט באַזייטיקן?

— מיין פאָטער איז נישט געווען קיין ייד — האָט פראַנץ האַסטיק געענטפערט.— ער איז געווען אַ דייטשישער מיליטערמאַן.

— און דיין דערציער? —האָט פראָפעסאָר שטיינאַך האַסטיק אַ פרעג געטון.

— איר? פראָפעסאָר? — האָט פראַנץ מיט פאַרוואונדערונג גע־פרעגט.— איר זענט אויך אַ דייטש, טאַקע נישט פון מיליטערישן אָפּ־שטאַם, ווי ס׳רוב גוטע דייטשן, אָבער איר זענט אַ דייטש און איר זענט מיין דערציער און איר פאַרנעמט אין מיין האַרצן דאָס אָרט פון מיין פאָ־טער, ווען איך האָב קוים געקענט.

— ניין, קינד מיינס, —האָט שטיינאַך גענומען פראַנצס קאָפּ אין זיין רעכטן אָרעם אריין און מיט דער לינקער האַנט אים געגלעט איבער זיין בלאָנדן קאָפּ האָר.— דו האָסט אַ טעות. איך בין נישט קיין דייטש, איך בין אַ ייד און שטאַם פון יידן.

— דאָס איז נישט מעגלעך! —האָט פראַנץ שנעל אַרויסגעריסן זיין קאָפּ פון שטיינאַכס אָרעמס.— דו ביסט אַ דייטש! אַ דייטש! ביסט מיין דערציער! ביסט מיין פאָטער! דער בעסטער פאָטער אין דער וועלט! דו ביסט אַ דייטש! אַ דייטש!

— און ווען איך בין עס אָבער נישט?! —האָט שטיינאַך געפרעגט.

— ווען נישט... ווען נישט —האָט פראַנץ גענומען אריינטראַכטן אין זיך און ענדלעך געקומען צום אויספיר.— ווען נישט, גייט עס מיך אויך נישט אָן!

פראַנץ איז שנעל צו צום פראָפעסאָר, אים שטאַרק אַרומגעקלאַמערט מיט זיינע הענט, אריינגערוקט זיין קאָפּ אין פראָפעסאָרס אָרעמס און וויינענדיק געהאַלטן אין איין שרייען:

— זאָל די גאַנצע וועלט אונטערגיין! דו וועסט בלייבן מיין פאָ־טער! מיין לערער! מיין דערציער! מיינער וועסטו זיין, און איך וועל אייביק בלייבן דיין פראַנץ! דיין פראַנץ!...

קאפיטל 7

רעטער אָדער פאַרעטער?

ווייט פון מינכען, אין אַן אָפּגעזונדערטער טורמע אין לאַנדסבערג, האָט מען נאָר־וואָס געבראַנגט אַ גאַנצע באַנדע שטאָם־געסט פון די מינכענער ביר־קעלערן, וועלכע האָבן זיך אונטערגענומען — נישט מער און נישט ווייניקער — ווי צו ראַטעווען דאָס גאַנצע לאַנד פון חורבן און אונטערגאַנג און איינפירן אַ „נייע אָרדענונג" אין לאַנד.

די נייע „רעטער" פון מינכען, וועלכע האָבן צוגעגרייט אַן אויפשטאַנד אין גרויסן מאַסשטאַב — און וועלכע האָבן געליטן אַ ביטערן דורכפאַל — זענען אָנגעפירט געוואָרן פונעם „קינסטלער" און וואַגאַבונד מיצלער, מיט זיין באַנדע און ביר־חברותא... כאָטש זיי האָבן אַלץ צוגעגרייט לויט אַלע דינים און מינהגים — אַ רעוואָלט מיטן גאַנצן קנאַק — דאָך האָבן זיי געליטן אַ ביטערע מפּלה פון דער רעגירונג פון „צווייטן רייך" — די סאָציאַליסטן, וועלכע זענען דעמאָלט געווען ביי דער מאַכט אין לאַנד.

די אַרבעט פון דער באַנדע אין מינכען — כאָטש עס איז צוגעגאַנגען אין געהיים —, איז אַרויסגעקומען אין דער עפנטלעכקייט. אָפיציעל האָט מען טאַקע נישט גערעדט דערפון, אָבער דאָך, לויט די קעגנאַקציעס וואָס די רעגירונגס־אינסטאַנצן האָבן אָנגענומען, האָט מען גלייך פאַרשטאַנען אַז „עפּעס" גרייט זיך, און דעם „עפּעס" מוז מען באַקעמפן.

אַלע אוניווערזיטעטן אין לאַנד האָבן באַקומען געהיימע צירקולאַרן, מיטצוהעלפן דער רעגירונג אויסוואָרצלען דאָס שלעכטס, פון וועלכן צד עס זאָל נאָר נישט קומען, פון „לינקס" צי פון „רעכטס". ווייל דאָס אַראָפוואַרפן די רעגירונג און איינפירן אַ „נייע אָרדענונג" קאָן נאָך מער דערדריקן דאָס לאַנד און אַריינברענגען אַ נייעם חורבן צווישן די בירגער, צווישן וועלכע עס וועלן אַממייסטן ליידן די אָרעמע און דערדריקטע אַרבעטער־מאַסן.

אויך די מינכענער אוניווערזיטעט האָט באַקומען אַזאַ צירקולאַר, און דער רעקטאָר שטיינאַך איז געמאַכט געוואָרן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אויספירונג פון „זיינע" סטודענטן.

פּראָפעסאָר שטיינאַך האָט איצט געהאַט אַ שווער שטיקל אַרבעט דורכצופירן. ער האָט געזען און געוואוסט די גאַנצע צייט, אַז פינצטערע עלעמענטן פון גאַסן־יונגען און ביר־קעלער־העלדן פאַרסמען די אַטמאָספער פון דער אוניווערזיטעט, פּונקט ווי זיי טוען עס אין אַלע שולן. זיי האָבן — אָן דעם וויסן און דערלויבעניש פון רעקטאָר — דורכגעפירט אין די לאָקאַלן פון אוניווערזיטעט פאַרשידענע בעראַטונגען, פאַרזאַמלונגען, איבונגען און אויפקלערונגען צווישן די סטודענטן. ער האָט זיך אָבער געמאַכט נישט־זעענדיק און געמאַכט אַ שווייג. ער האָט זיך דערמאָנט דאָס אַמאָליקע פאָלקס־ווערטל פון וואַרשע: „אין אַן ענגער טיר טאָר מען קיין פינגער נישט אַריינשטעקן". ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז די אַלע בעראַטונגען און „אויפקלערונגען" ווערן אָנגעפירט דורך קעגנער פון איצטיקן רעגירונגס־סיסטעם, פון אַזעלכע וועלכע ווילן שטירצן און אַראָפּוואַרפן די מאַכט־אָרגאַנען. ער האָט אָבער איינגעזען, אַז ער — אַלס ייד, כאָטש אַ גוטער און איבערגעגעבענער דייטש —, טאָר זיך נישט מישן אין פּאָליטיק; זיין אַרבעט דאַרף זיין: פירן די אוניווערזיטעט, געבן לעקציעס פאַר די סטודענטן, און דאָס האָט ער אויפריכטיק דערפילט. פּאָליטיק — דאָס האָט ער שטענדיק אויסגעמיטן, ומכל־שכן — נאָך היינט. ער האָט זיי געלאָזט זיך צוזאַמענקומען, ער האָט זיי געלאָזט „ריידן פאַר פייער און פאַר וואַסער"; ער האָט געגלויבט, אַז אַלץ איז קוואַטש... עפּעס אַ ווילדער פעלדפעבל פירט זיי, און זיי לאָזן זיך פון אים פירן פאַר דער נאָז...

בעת דער פּראָפעסאָר שטיינאַך האָט דערהאַלטן דעם געהיימען צירקולאַר, וועגן העלפן באַקעמפן און אויסוואָרצלען דאָס „שלעכטס", איז ער געבליבן אינגאַנצן ווי צעמישט. וואָס זאָל ער דאָ טון? זאָל ער נישט דערלאָזן צו די פאַרזאַמלונגען און „אויפקלערונגען" פון די סטודענטן, האָט ער אָבער געוואוסט אַז ער איז צו־שוואַך דערצו. זיי וועלן אים סיי־ווי נישט וועלן פאָלגן, און אויב ער וועט פּרואוון האַרט און פעסט אַרויסטרעטן קעגן זיי, וועלן זיי מאַכן מיט אים דאָס זעלבע וואָס זיי האָבן שוין געמאַכט מיט אַנדערע „שטערער": אינגאַנצן זיי באַזיי־

טיקט... פראפעסאר שטיינאך האט געקלערט פארשידענע עצות און תחבולות, און צום סוף איז ער געקומען צום געדאנק, אזוי ווי עס איז א געהיימער צירקולאר, איז ער נישט פארפליכטעט אים אויסצופירן, ווייל אויסצופירן א צירקולאר מוז מען דאך פארעפנטלעכן זיינע פונקטן, און אז מען וועט אים פארעפנטלעכן, איז ער דאך שוין אויס „געהיימער", וועט ער דאך שוין נישט האבן אויסגעפאלגט דעם באפעל — „געהיים"...

פראפעסאר שטיינאך האט איינגעזען, אז עס וועט זיין געזונטער פאר אים, אז ער זאל נישט איינרייסן מיט „זיינע סטודענטן". ער האט נישט געוואלט צופיל איינשטעלן. זאלן זיי רעדן! — האט ער געזאגט. — זיי וועלן מיד ווערן... יא, ער האט פיל מאל געהערט פאלן ווערטער פון זיינע סטודענטן, אז אויף זיי איז אויסגעפאלן דער גורל צו זיין די רעטער פון פאלק און פון לאנד. ער האט אבער דערביי געטראכט: מען ווייסט נאך נישט אויף זיכער... רעטער צי... פאררעטער...

ווען ער האט אבער געזען, אז די פאליטיק פון פעלדפעבל האט געליטן א פיאסקא, אז אלע צוגרייטונגען, רעדעס, דעמאנסטראציעס און צעבלאזענע רעוואלוציאנערע אידעען האבן געהאט א ביטערן דורכפאל; אז דער גאנצער מיצלער מיט זיין באנדע געפינען זיך שוין אין לאנדסבורגער טורמע, האט ער מיט פרייד ארויסגענומען דעם געהיימען צירקולאר און אויפגעהאנגען אים אין אוניווערזיטעט, כדי אלע זיינע סטודענטן זאלן איצט וויסן וואס זיי האבן צו טון. ער האט נישט קאמענטירט דעם אינהאלט פון צירקולאר, קיין רעדעס און אויפקלערונגען האט ער וועגן דעם נישט געהאלטן, קיין מוסר די סטודענטן פאר זייער אויפפירונג האט ער נישט געזאגט. אבער ווען זיי האבן זיך אוועקגעשטעלט קאמענטירן דעם צירקולאר פון דער רעגירונג, און זיי האבן געלאזט פאלן ביטער־גאליקע ווערטער וועגן זייער נישט־איינגעגעבענער רעוואלוציע, וועגן וואס די קאפיטאליסטן, באלשעוויקעס און יידן האבן מיטגעהאלפן דער רעגירונג צו שטערן זיי ווערן די רעטער פון פאלק, איז זיך דער פראפעסאר, א רואיקער און מיט לאנגזאמע טריטעלעך, צוגעגאנגען צו זיינע סטודענטן, לאנג זיי באטראכט און מיט ביטערער איראניע אין זיין שטימע האט ער סארקאסטיש געפרעגט:

— רעטער, אדער... פאררעטער?!...

קאַפּיטל 8

האַנס שטיינאַך

ווי אַ וואונדער־שיינער בוים צווישן אַ וואַלד מיט ווילד־צעוואַקסע־נעביימער, איז געווען דער איינציקער זון פון פּראָפעסאָר שטיינאַך — האַנס. זייענדיק געבענטשט מיט דער שיינקייט פון זיין מוטער און מיט דער אינטעליגענץ פון זיין פאָטער, איז האַנס זייער שנעל געשטיגן אויף אַלע געביטן פון לעבן, איבערהויפּט אויפן געביט פון בילדונג. שוין זיי־נע ערשטע יאָרן אין אוניווערזיטעט צייכנט ער זיך אויס ווי דער בעסטער שילער. ער האָט אָבער נישט שטאָלצירט דערמיט. פאַרקערט, נישט איין שילער, וועלכער איז געווען הינטערשטעליק אין שטודיום און ווע־מען עס איז שווער געווען צו פאַרשטיין די שווערע פּראָבלעמען פון מאַ־טעמאַטיק און פיזיק, האָט האַנס, מיט זיין גוטהאַרציקייט און שטענדי־קער גרייטקייט יעדעס מאָל אַרויסגעהאָלפן. נישט איינמאָל האָט ער אָפּגעראַטעוועט סטודענטן פון אַ שווערן דורכפאַל ביי אַ גרויסן עקזאַמען, איינשטודירנדיק מיט זיי גאַנצע אָוונטן די געהעריקע לעקציעס.

אויך זיין דערציאונגס־ברודער און שטוב־קאָלעגע, פראַנץ פרייליך, האָט ער פיל מיטגעהאָלפן אַז ער זאָל נישט דאַרפן בלייבן הינטערשטע־ליק. ווען פראַנץ האָט זיך — נאָך שווערע אָנשטרענגונגען פון האַנסן —, דאָך נישט געקאָנט אויסגלייכן מיט אים, און עס האָט אים געדראָט, אַז אין די לעצטע יאָרן פון זיין שטודיום זאָל ער נישט קאָנען אַריבער, האָט האַנס אים גוט־ברודערלעך געטרייסט און אין שווערע מאָמענטן געזאָגט צו אים:

— פראַנץ, זיי נישט פאַרזאָרגט, נאָר נישט פאַרצווייפלען! דו וועסט מוזן אַריבער. איך וועל אַלץ טון, אַז דו זאָלסט שטיין גלייך מיט מיר, אַז מיר זאָלן ביידע שטיין אויפן זעלבן אָרט.

— און אַז נישט? — האָט פראַנץ מיט ווייטיק געפרעגט.

— וועל איך אויך נישט אריבער —האט האנס ספאנטאן געענט־פערט.— אדער ביידע, אדער ביידע — נישט! דיין עקזאמען איז דער ערשטער, און וועסטו דורכפאלן, וועל איך אויך מאכן אז איך זאל דורכ־פאלן. מיר זענען פון שטענדיק אן ביידע צוזאמען אין איין הויז, מוזן מיר זיין צוזאמען אין איין קלאס.

האנס, כאטש ער האט געוואוסט אז זיין פאטער איז א ייד, און ער אליין איז אויך געיידישט געווארן, האט ער אבער ווייניק־וואס געוואוסט פון יידישקייט. קיין שום געפיל צו יידן און יידישקייט האט זיין פאטער נישט איינגעפלאנצט אין אים.

ווען אייניקע קאלעגן־סטודענטן, מיטגלידער פון ציוניסטישן סטו־דענטן־קלוב, האבן זיך געווענדעט צו אים, אז ער זאל אריינטרעטן אין קלוב אלס מיטגליד, האט ער מאמענטאל געגעבן א נעגאטיוון ענטפער. די סטודענטן האבן אבער געהאלטן אז, ווי א ייד מוז ער געהערן צו א יידישן קלוב; אז אין איצטיקן מאמענט, ווען געוויסע גרופעס אין לאנד האבן געמאכט פאר זייער הויפט־פראגראם דאס דערדריקן און דערשטיקן די יידן, מוזן די ערשטע די סטודענטן ארויסווייזן זייער ווידערשטאנד, און דער יידישער סטודענט קאן עס נאך באווייזן צו טון, ווען ער וועט זיין ארגאניזירט אין א יידישן קלוב.

האנס האט שוין אנגעהויבן צו באגרייפן, אז אין איצטיקן מאמענט, ווען פארשידענע גרופעס הייבן־אן זייער „פאליטישע" ארבעט אונטערן לאזונג פון נאציאנאליזם, איז דאך אויך דער ייד —לויט זיין אנגעהע־ריקייט און לויט זיין נאציאנאליטעט— א מיטגליד פון גאנצן יידישן פאלק, און ער —דער ייד— מוז זיין דער ערשטער צוגעגרייט צו קאנען אפשטויסן די אטאקעס פון זיינע שונאים. כדי דאס צו פארשטיין, מוז ער זיך באקענען מיטן נאציאנאלן יידישן געפיל, מיט זיין אפשטאם, מיט זיין קעגנווארט און צוקונפט. כדי דאס אלץ צו באגרייפן, מוז ער טאקע קומען אין קאנטאקט מיט די ברידער פון זיין פאלק, און טאקע דערפאר וואס זיין פאטער האט אים קיינמאל נישט דערציילט, אז ער איז געבוירן א ייד, אז ער איז אן אפשטאם פון דעם יידישן בוים, האט עס אים נאך מער געצויגן צו קומען צו די יעניקע, וועלכע ער האט ביז איצט נישט געקענט; און ווען זיינע קאלעגן־סטודענטן זענען נאכאמאל געקומען צו אים, איינלאדן אים אין זייער קלוב אריין, צו א דיסקוסיע וועגן „ארץ־

ישראל און דאס יידישע פאלק", האט ער מיט צופרידנקייט אנגענומען זייער איינלאדונג און זיך אויך געהייסן פארשרייבן ווי א מיטגליד.

וואס האנס האט דורכגעלעבט דעם ערשטן אוונט אין סטודענטן־קלוב, איז גארנישט צו שילדערן. ער האט געוואוסט, אז עס זענען פאראן יידן אין דייטשלאנד; אז ער איז אויך א ייד, נאר דעם יידישן נאציאנאלן פונק האט ער נישט געקענט; פון דער אידעע וועגן יידישן ציון־געדאנק האט ער קיין אנונג נישט געהאט. ער האט עפעס אמאל געהערט ריידן, אז זיין פאטער האט זיך אויסוועלאכט פון יידן־ציוניסטן, וועלכע זענען געקומען צו אים, און ער האט זיי כמעט ווי ארויסגעווארפן פון הויז... ער האט עפעס געוואוסט וועגן א לאנד פאלעסטינע, וואס איז מיט טויזנטער יארן צוריק געווען א יידיש לאנד. אבער ביז ער איז נישט דאס ערשטע מאל צוזאמענגעקומען מיט יידן אין דעם ציוניסטישן סטודענטן־קלוב, האט ער דאס אלץ נישט געקאנט באגרייפן. ער האט קיינמאל נישט אריינגעדרונגען דערין. ער האט אפילו געוואוסט, אז אן ענגלישער לארד, באלפור, האט אין א דעקלאראציע צו א יידישן באראן, צוגעזאגט, אז די ענגלישע מלוכה וועט זיך פארפליכטן מיטצוהעלפן דעם יידישן פאלק איינצוארדענען אין זייער אמאליקן לאנד —ארץ־ישראל—, אן אייגענע היים. יא, דאס איז געווען אלץ וואס האנס האט געוואוסט, נאר פון א צוזאג פון א לארד — פאר יידן. אבער אז אויך די יידן אליין פארן שוין אין יענעם לאנד ארויין; אז זיי האבן שוין דארט הונדערטער קאלאניעס, זיי טריקענען דארטן זומפן, באקעמפן די מאלאריע, האבן אן אייגענעם אוניווערזיטעט, אייגענע וויסנשאפטלעכע אנשטאלטן, אייגענע „שומרים"; אז אפילו אן אייגענער יידישער לעגיאן האט מיטגעהאלפן דער ענגלישער מלוכה צו דעראבערן ארץ־ישראל — פון די אלע זאכן האט ער גאר ווייניק געוואוסט; און אט זיצט ער אין קלוב און הארכט זיך צו מיט אן אויסערגעוויינלעכן אינטערעס צום רעדנער אויף דער טריבונע, וועלכער רעדט מיט הארץ און נשמה. ער וואלט געשווארן, אז דאס רעדט נישט קיין געוויינלעכער מענטש, נאר אז א פארוואונדעטער לייב ברומט אזוי ארוים זיין ווייטיק, וועלכער איז נישט בלויז זיין ווייטיק, נאר דער ווייטיק פון גאנצן יידישן פאלק! ער שטרענגט זיך אן נישט צו פארהערן קיין איין ווארט פון דעם גלענצנדיקן רעדנער. ער קוקט זיך גוט צו צו זיין געשטאלט: פון מיטעלן וואוקס, שארפע ברע־

נענדיקע אויגן פון אונטער די אויגן־גלעזער, א לייבן־קאָפּ מיט גרויסע געקרייזלטע האָר, זיין שטימע וויברירט! שטורעמט! רייסט־מיט! רופט, שלעפּט־מיט אַלעמען. ער הערט זיך גוט איין אין די ווערטער פון דעם גרויסן וועלט־רעדנער זשאבאָטין. ער הערט בפירוש, ווי ער שרייט אויס צו אַלעמען:

— „גענוג צו אייער גלות! גענוג געהאָלפן בויען אַנדערע לענדער! שמינו נוטרה את הכרמים, כרמי שלי לא נטרתי! — אַלעמענס ווייגגערטנער האָט איר ליב, אָבער אייער אייגענעם וויינגאָרטן פאַרלאָזט איר! איר, יונגע סטודענטן, אונדזער נייער דור, אונדזער שטאָלץ און צוקונפט. פונקט ווי איר לערנט אייך מעדיצין, יורי, אַרכיטעקטור און אַנדערע קעגנשטאַנדן, לערנט אייך אויך פאַרטיידיקן אונדזער אייגן לאַנד! אונדזער פאָלק! און נישט בלויז פאַרטיידיקן, אויב מ׳וועט דאַרפן — אַנגרייפן. לערנט זיך האַלטן אַ שווערד און אַ ביקס אין האַנט! זייט גרייט! יוגנט, קינדער פון יידישן פאָלק! ציט אַריין איירערע עלטערן אין קאַמף פאַר אונדזער לאַנד! זאָל יעדער געבן נאָר געציילטע פּראָצענטער פון זיין פאַרמעגן — און מיר וועלן אויסקויפן דאָס לאַנד! וואַרט נישט ביז שפּעטער! עס קאָן זיין צו־שפּעט! אונדזערע שונאים אויף דער גאַנצער וועלט שטעלן איצט אויס זייערע ביקסן קעגן אונדז! זיי גלויבן צו קאָנען אונדז פאַרניכטן אין זייער פייער! היט אייך! היט אייך אַז עס זאָל נישט טרעפן אין ציל! איר טאָרט מער נישט זיין דאָס ציל־ברעט פאַר אונדזערע שונאים אין גלות! ארץ־ישראל איז אייער היים! דאָרט איז אייער לאַנד! גייט אין די דאָרטיקע אוניווערזיטעטן! גייט אין די ארץ־ישראלדיקע וויסנשאַפט־לעכע פאַקולטעטן! גייט אין די דאָרטיקע קאָלאָניעס! גייט קיין ארץ־ישראל און העלפט־מיט אונדזערע פּיאָנערן אויפבויען אונדזער לאַנד! פאַר אייך! פאַר די צוקונפטיקע דורות! פאַרן גאַנצן פאָלק ישראל!...

לויטן שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן וואָס עס האָט אויסגעבראָכן ביים סוף פון דער רעדע, איז האַנס געוועזן זיכער, אַז די אַלע סטודענטן וואָס זענען דאָ אַנוועזנד, וועלן פאָלגן דעם רעדנער זשאבאָטין און וועלן אַלע גיין קיין ארץ־ישראל. ער איז אָבער נישט געוועזן זיכער, צי זייערע עלטערן וועלן זיי לאָזן גיין, און צי זיי וועלן איינשטימען צו באַצאָלן די

פֿאַר פּראָצענטער פֿון זייערע פֿאַרמעגנס, כּדי צו קאָנען אויסקויפֿן זייער לאַנד.

ווען האַנס איז אַהיימגעגאַנגען פֿון זיין ערשטן אָוונט אין סטו־דענטן־קלוב, האָט ער נישט געוואָלט נעמען קיין אויטאָ, ווי שטענדיק. ער האָט געוואָלט אַז דער וועג אַהיים זאָל וואָס לענגער געדויערן, כּדי צו קאָנען וואָס מער אַריינטראַכטן אין דעם אַלעם וואָס ער האָט געהערט פֿון דעם גלענצנדיקן רעדנער זשאַבאָטין.

גייענדיק און טראַכטנדיק, האָט ער בשום אופֿן נישט געקאָנט פֿאַר־שטיין: וואָס הייסט עס? אַזאַ מלוכה ווי ענגלאַנד האָט דאָך צוגעזאָגט צו שאַפֿן דאָרטן די היים פֿון גאַנצן יידישן פֿאָלק, טאָ צו וואָס דאַרף מען געלט אויסצוקויפֿן דאָס לאַנד? אַז אַ יידישער לעגיאָן האָט מיטגע־האָלפֿן דעראָבערן דאָס לאַנד; אַז טאַקע דער זעלבער רעדנער וואָס האָט היינט אַזוי גלענצנדיק גערעדט, איז אַליין געווען דער שעפֿער פֿון דעם לעגיאָן, און ער האָט עס טאַקע אַריינגעפֿירט די יידישע סאָלדאַטן קיין ארץ־ישראל, טאָ פֿאַרוואָס גיט מען עס נישט אָוועק די יידן? איז עס נאָר — האָט האַנס זיך פֿאַרטראַכט — וואָס דאָס פֿאַלשע ענגלאַנד וויל האָבן דאָס לאַנד פֿאַר זיך! שוין שטענדיק אַזוי מיט ענגלאַנד: זי קעמפֿט מיט פֿרעמדע סאָלדאַטן, פֿרעמדע קעמפֿער העלפֿן איר זיגן און צום סוף — נעמט זי אַלץ פֿאַר זיך! זעט אויס — האָט האַנס געטראַכט, גייענ־דיק שוין נאָך האַלבער נאַכט איבער די גאַסן פֿון מינכען — אַז אויך מיט ארץ־ישראל וויל דאָס פֿאַלשע ענגלאַנד טון דאָס זעלבע; און ווען וויל דאָס ענגלאַנד איצט אָפּנאַרן? וועמען? — האָט האַנס זיך אַליין גע־פֿרעגט. — ס'טייטש, וועמען! — האָט ער אויסגעשריגן. — טאַקע די יידן! אַלע יידן! טאַקע מיך אויך! אַלע יידן! אַלע! גערעכט איז טאַקע געווען דער זשאַבאָטין: מיר טאָרן נישט דערלאָזן דערצו! מיר מוזן קעמפֿן פֿאַר אונדזער לאַנד! מיר מוזן עס מיט געלט אויסקויפֿן! מיר מוזן... מיר מוזן!...

האַנס שטיינאַך וואָלט נאָך זיכער לאַנג אַריינגעטראַכט זיך אין די איינדרוקן פֿון זיין ערשטן אָוונט פֿאַרברענגען מיט זיינע קאָלעגן — די יידישע סטודענטן. ער האָט אָבער דערזען אַז ער שטייט שוין ביי זיין היים. ער האָט באַדויערט וואָס דער וועג איז אים שנעל פֿאַרביי. ער וואָלט געוואָלט אַז זיין היים זאָל נאָך זיין ־ווייט, גאַנץ ווייט, כּדי צו

קאנען האבן נאך א סך צייט ארייצוטראכטן. ער האט שוין געקלערט זיך צוריק אויסצודרייען און ווידער אוועק אין קלוב אריין, אפשר וועט ער נאך דארטן הערן דעם אפקלאנג פון די גאלדענע ווערטער פון דעם גרויסן רעדנער, פון דעם יידישן נביא און מורה־דרך. ער האט אבער באמערקט אנגעצונדענע ליכט אין זייער הויז. ער איז געבליבן שטיין א פארוואונדערטער. ער האט געוואוסט, אז אין דער שעה דארפן שוין אלע שלאפן, און אויב עס איז נאך ליכטיק אינעווייניק, האט עפעס גע־מוזט פאסירן. ער איז שנעל צו צו דער טיר, זי האסטיק געגעבן אן עפן־אויף און געטראפן די גאנצע פאמיליע זיצן פארזאמלט אין ערשטן צי־מער. אפילו די דינסט איז אויך געשטאנען א האלב־דרימלענדיקע ביי דער ארייננגאנג־טיר אין קיך אריין.

— וואס איז געשען! ? — האט האנס מיט שרעק אויסגעשריגן.

ער איז געבליבן שטיין אין טיר און כסדר געווארפן מיט די אויגן אויף אלעמען אין צימער, ווי וועלנדיק זיך איבערצייגן צי עס פעלט נישט חלילה קיינער פון דער שטוב.

— וואו ביסטו געוועןְ ? — האבן אלע מיט איינמאל געפרעגט האנסן.

— פארוואס זיצט איר אלע דא ? פארוואס שלאפט איר נאך נישט ? —האט האנס כסדר געווארפן זיינע פראגעס. ער האט אלץ נישט געקאנט פארשטיין, פארוואס אלע זענען דא פארזאמלט.

— קינד, —איז סוזי די ערשטע צוגעגאנגען צו אים. זי האט אים אוועקגענומען פון טיר און גענומען אים ארומטאפן.— וואו ביסטו געוועןְ דעם גאנצן אוונט ?

— האנס ! —האט דער פאטער, שוין מיט אביסל שטרענגקייט גע־זאגט, זעענדיק אז מיט זיין זון האט קיין שלעכטס נישט פאסירט, ווי אלע האבן פריער געמיינט.— האנס ! וואס איז דאס ! אהיימקומען נאך האלבער נאכט ? וואו האסטו זיך גענומען ארומשלעפן ? וואו ביסטו געוועןְ דעם גאנצן אוונט ?

— האנס, —האט בעטי געזאגט צו אים מיט איר ווארעמער שטי־מע.— פארוואס ביסטו געקומען אהיים אזוי שפעט ? מיר האבן אלע געקלערט וועגן דיר. איך האב נישט געקאנט גיין שלאפן, אז דו ביזט נישטא.

— צוליב דעם זענט איר אַלע פאַרזאַמלט ? —האָט האַנס זיך ערשט באַרואיקט, און געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג. האַנס האָט מאָמענטאַל גאָרנישט באַגריפן וואָס פאַר אַ זאָרגן און קלערענישן ער האָט אַריינגעברענגט אין דער פאַמיליע מיט זיין פאַרשוואונדן ווערן דעם גאַנצן אָוונט.

— איך האָב נישט געוואוסט, —האָט האַנס אַ באַרואיקטער געזאָגט— אַז איך וועל דאַרפן אָפּגעבן אַ דין וחשבון פאַר מיין היינטיקן שפּאַציר.

— שפּאַציר ? ! —האָט פראַנץ געפרעגט אַביסל אַן אויפגערעגטער.

— דו מוזט זיין פאַרזיכטיק מיט דיינע שפּאַצירן נאָך האַלבער נאַכט. דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, האַנס, אַז זינט דער מיצלער איז באַפרייט געוואָרן פון טורמע צוזאַמען מיט זיין גאַנצער באַנדע, און ער האָט אַרויסגעלאָזט זיין בוך „איך וויל", און ער האָט געשאַפן אַרום זיך אַ באַנדע פון לומפּן און שלעפּער, באַנדיטן און שלעגער, איז מען נישט זיכער ביי נאַכט די גאַס דורכצוגיין ! זיי באַפאַלן און שלאָגן, רויבן און מאָרדן ווען זיי ווילן נאָר אַליין. דו מוזט אויסמיידן, האַנס, נישט צו מאַכן אַזעלכע נאַכט־שפּאַצירן ווי היינט. פאַרגעס נישט, אַז דו ביסט אַ...

— אַ ייד ! —האָט האַנס אים איבערגעריסן אינמיטן.— איך ווייס עס, פראַנץ. איך ווייס אַז איך בין אַ ייד. טאַקע געבוירן אין דייטשלאַנד. אָבער פאַר די מיצלערס און הימלערס — בין איך אַלץ אַ ייד !

— וואָס פאַראַ רייד איז דאָס ! —האָט דער פאָטער אויסגעשריגן.— אין וואָס פאַר אַ ביר־קעלער ביסטו געווען !

— שוייג, פאָטער ! —האָט האַנס אויסגעשריגן.— אין בית־המקדש בין איך געווען ! הייליקע רייד האָב איך געהערט פון אַ מויל פון אַ קעמפער ! פון אַ פאָלקס־פירער ! פון אַ וועגווייזער ! איך האָב זיך אין היינטיקן אָוונט דערוואוסט דאָס אַלץ וואָס דו ווייסט שוין פון לאַנג, און דו האָסט עס אויסגעמיטן מיר צו דערציילן. ערשט היינט האָב איך זיך דערוואוסט ווי אַזוי מען דאַרף זיין אַ ייד — קעמפן פאַרן יידישן פאָלק ! קעמפן פאַרן יידישן לאַנד ! העלפן אויסקויפן די ערד פון אונדזער נאַציאָנאַלער היים...

— נאַציאָנאַ־ליזם ! — האָט דער פאָטער אַרויסגעברומט.

— ניין פאָטער ! —האָט האַנס אויסגעשריגן.— דו האָכט אַ טעות! רוף עס נישט אָן מיט אַזעלכע נעמען מיט וועלכע פינצטערע באַנדיטן און מערדער האָבן באַצייכנט און באַטיטלט זייערע ביטערע מעשים...

עס איז נישט קיין קאַמף פאַר נאַציאָנאַליזם, ווי דו ווילסט עס באַטיטלען. ניין! עס איז אַ פאָלקס־קאַמף! אַ קאַמף פאַר זיין אַ ייד! פאַר נישט אויסבאַהאַלטן זיך מיטן יידישקייט פאַר פרעמדע! פאַר האָבן אַן אייגן לאַנד! אַן אייגן שטיקל ערד! אַן אייגענע היים...

— ווילסטו עס זיין דער בויער פון דעם אַלעם? —האָט דער פאָטער איראָניש געפרעגט.

— און דו, אויך! —האָט האַנס זיך אַריינגערימן אין פאָטערס רייד.

— אַלע יידן פון דער גאַנצער וועלט וועלן מיטהעלפן דערצו!

— ווערן שותפים מיט ענגלאַנד! —האָט ער איראָניזירט.

— ניין! מיר וועלן נישט האָבן קיין שותפים! —האָט האַנס געזאָגט.— מיר וועלן זיין אייגענע און איינציקע צו אונדזער לאַנד. בלויז יידן וועלן זיין שותפים. מיר וועלן קאָנען קעמפן צו באַזייטיקן פרעמדע הערשער פון אונדזער לאַנד. אַלע יידן וועלן עס מוזן העלפן טון. גענוג האָבן מיר שוין אונדזער בלוט פאַרגאָסן און געקעמפט פאַר פרעמדע לענדער. מיר, די יידישע יוגנט, מוזן אויפוועקן דעם עלטערן דור; מיר מוזן אויפשטורעמען אונדזערע עלטערן, און צוזאַמען וועלן מיר דעראָבערן און אויפבויען אונדזער לאַנד. מיר, יוגנט, וועלן געבן אונדזער בלוט, אונדזער לעבן, אונדזער כוח און אונדזער ווילן, און איר, עלטערע, גיט אַראָפּ פּראָצענטער פון אייערע פאַרמעגנס און העלפט דערמיט אויפבויען אונדזער לאַנד!

— אהאַ! —האָט דער פאָטער איבערגעריסן דעם ענטוזיאַזם פון זון.

— געוויס זיך שוין אָנגעהערט פון די פּראָפעסאָרן שטעטער און היימער! ציוניסטן, ווילן זיי זאָלן מיר ווערן! אַ נייע היים זאָלן מיר האָבן — ציון! נישט אַנדערש! דייטשלאַנד טויג זיי שוין נישט!...

— הער פּראָפעסאָר, —האָט זיך פראַנץ געפּרואווט אַריינמישן אין געשפּרעך.— אפשר איז ער טאַקע גערעכט אויך? אַט זעט איר, דער מיצלער האָט אָנגעהויבן זיין קאַמף פאַר דער דייטשישער נאַציאָן, און כאָטש איך בין נישט איינשטימיק מיט אים, ווער איך דאָך מוזן אַריינטרעטן אין זיינע רייען. כאָטש איך בין נישט קיין אַנטיסעמיט, ווייל איך פּאַרט מיטהעלפן פאַרשטאַרקן מיין נאַציאָן. איך בין איינשטימיק מיט האַנסן, ווייל יעדעס פאָלק דאַרף אין זינען האָבן זיין אייגן לאַנד און אויך קעמפן דערפאַר, ווען עס איז נייטיק... און זיכער האָט אויך דער

ייד אַ רעכט דערצו. איך מוז צוגעבן, אַז מיין ליבער קאָלעגע האָנס איז ביי זיין ריכטיקן געדאַנק.

סוזי, וועלכע האָט זייער פיל געליטן דעם אָוונט פון איבערקלערן וועגן איר זון, האָט נאָך איצט מער געליטן, צוהערנדיק די דיסקוסיע צווישן פאָטער און זון. אין די איבער צוואַנציק יאָר וואָס זי איז פאַרהייראַט מיט איר איזין, איז קיינמאָל צווישן זיי נישט אַרויסגעקומען קיין דיסקוסיע צוליב זייערע רעליגיעס. זי האָט נאָר געוואוסט איין זאַך: זי האָט ליב איר מאַן און זי איז אים געטריי און איבערגעגעבן. עס גייט איר נישט אָן זיין רעליגיע. איר רעליגיע איז איצט: מאַן, קינדער און היים. עס קאָן זיין, אַז ווען איר מאַן פאָדערט ביי איר, אַז זי זאָל אָננעמען זיין גלויבן, וואָלט זי זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט, ווייל ווען מען האָט ליב אַ מאַן און אַ היים, אַזוי ווי זי האָט ליב, מוז איר אויך ליב זיין זיין רעליגיע און זיין פאָלק. ער האָט עס אָבער קיינמאָל נישט געפאָדערט ביי איר, און זי האָט קיינמאָל נישט געקלערט וועגן דעם. איצט, אָבער, אין מיטן דער נאַכט, ווען עס האָט זיך אַנטוויקלט אַזאַ האַרבע דיסקוסיע צווישן פאָטער און זון, וואָלט זי אויך געוואָלט זאָגן איר וואָרט. ריכטיק, זי האָט זיך קיינמאָל נישט קעגנגעשטעלט איר מאַן. אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט איז ביי איר געווען הייליק. אָבער ביי איר האָט זיך איצט אַרויסגעריסן אַ גאַנץ אַנדערער געדאַנק, ווי ביי איר מאַן; און כאָטש זי האָט זיך אַלץ געוואָלט איינהאַלטן און נישט אַרויסזאָגן אים, האָט זי אָבער פאָרט נישט געקאָנט לאַנג דריקן אים אין זיך, און ווען זי האָט געהערט, אַז איר דערציאונג־זון פראַנץ, איז אויך געווען מיט איר געדאַנק, האָט זי שוין באַשלאָסן נישט צו שווייגן מער. מיט ליבע און שטילקייט — ווי זי איז שטענדיק געוואוינט געווען צו טון — איז זי צוגעגאַנגען צום פראָפעסאָר, לאַנגזאַם אים אָפּגעשטעלט פון זיין נערוועאישן אַרומדרייען זיך איבערן צימער, מיט מאַמעשער האַרציקייט און מיט ווייך־סאַמעטענע בליקן אים גלייך געקוקט אין זיינע אויגן אַריין, און גלעטנדיק זיין בלייך־געוואָרענעם פנים, האָט זי מיט יראת־הכבוד געזאָגט:

— איזי טייערער. מיר זענען שוין עלטערע מענטשן. אפשר פאַרשטייען מיר נישט די יוגנט — די נייע וועלט־בויער —, אפשר ווייסן זיי בעסער פון אונדז. אָט, ביסטו דיין גאַנץ לעבן אַ ייד, טאַ זאָג־זשע מיר,

איזי, וואס האסטו אויפגעטון פאר דיין פאלק? וואס האסטו אין דיין לעבן אויפגעטון פארן יידנטום? פארן דייטשישן פאלק האסטו א סך געטון, פאר דער דייטשישער וויסנשאפט, פאר דער מעדיצין; גאנצע קאדרען דאקטוירים און וויסנשאפטלער האסטו געגעבן די דייטשן. אבער דעם יידישן פאלק? קוק זיך גוט צו, איזי, אין אונדזער פאמיליע זענען דא צוויי קריסטן — איך און פראנץ, און צוויי יידן — האנס און בעטי. דו האסט געראפט זיין דאס הויפט־ציגל צווישן אונדז פיר. דו ביסט עס אבער קיינמאל נישט געווען. דו האסט דערצויגן צוויי יידישע קינדער, האסט זיי אבער נישט געגעבן די לערע פון דיין פאלק. דו ביסט קיינמאל נישט אוועק פון דיין גלויבן, אבער דיינע קינדער האסטו נישט איבערגעגעבן אפילו קיין ניצוץ פון דיין רעליגיע... זיי זענען געווען יידן — און האבן עס אפילו נישט געפילט! און דו ביסט געווען א ייד, און האסט עס קיינמאל נישט ארויסגעוויזן... ווען עס זענען געקומען צו דיר יידישע פירער און דיך געוואלט ארייננציען אין דעם אויפבוי פון א יידישער היים, א יידיש לאנד — האסטו זיי פארטריבן פון הויז און אונדזער זון — דער צווייג פון דיין מישפחה — זאפט איין אין זיך יידישקייט אויסער זיין היים... ער שליסט זיך אן אין אויפלעבונגס־קאמף פארן פאלק, נישט אין די ד׳ אמות פון זיין היים, און דאך רופט ער עס אן: בית־המיקדש... נו, איזי, האסטו נישט געקאנט מאכן דיין אייגענע היים אלס א בית־המיקדש פאר דיינע קינדער? האט דיר דיין לאנד — דייטשלאנד — געשטערט דערין?

— אבער איצט? — האט איזידאר איבערגעריסן.

— איצט נאך מער, — האט סוזי ווייטער גערעדט מיט איר באגייס־טערונג. — אויב עס שטייען אויף שונאים קעגן אייער פאלק, קעגן אייער רעליגיע, קעגן אייערע מיט־מענטשן — מוזט איר נאך שטארקער זיין, כדי אפצואוועגדן די שינאה פון זיך; מוזט איר נאך מער געאייניקט זיין, כדי צו קאנען אויפנעמען דעם קאמף און האבן מיט וועמען צו גיין אין קאמף אריין...

סוזי האט נאך געוואלט רעדן. זי האט נאך געוואלט אויסשיטן פון זיך דאס, וואס עס האט זיך שוין פון לאנג געהאט אנגעזאמלט אין איר הארץ. האנס האט איר אבער געשטערט. ער איז צו צו דער מוטער, איר ארומגענומען מיטן גאנצן פייער פון זיין נשמה, אויסגעקושט איר

דאָס פּנים, די אויגן, די ליפּן, און אין זיין גאַנצן עקסטאַז האָט ער אויסגעשריגן:

— מאַמע טייערע! נשמה מיינע! דו קענסט מיך פאַרשטיין! קיינער נישט אין דעם הויז! קיינער נישט אין דער גאַנצער וועלט! נאָר דו — מאַמע טייערע!...

קאפיטל 9

בעטי

דאס זינג־פייגעלע — אנדערש האט מען זי נישט גערופן —, די טאכ־טער פון רעקטאר פון מינכענער אוניווערזיטעט, בעטי שטיינאך; און פאקטיש איז זי שטענדיק געווען א טאנצנדיקע און א זינגעוודיקע. שוין פון איר פריעסטער יוגנט־אן האט זי געהאט א גוטן מוזיקאלישן געשמאק און שנעלע מוזיקאלישע אויפנעם־פעאיקייטן. עס איז געווען גענוג אז זי זאל נאר איינמאל הערן זינגען א לידל, אז זי זאל עס גלייך אונטער־ברומען און מיטזינגען. אויך צו פיאנא־מוזיק האט זי געהאט שטארקע נייגונגען. ווען זי איז נאך געווען א פיצלס, האט זי שוין ליב געהאט אוועקצוזעצן זיך ביי איר באבעס פיאנא, וועלכע האט זיך געפונען אין איר מוטערס מוזיק־צימער, און כסדר ווארפן אירע קליינע, לאנגע פינ־גערלעך אויף די קלאווישן פון דער פיאנא, און די נישט־רעגלמעסיקע אקארדן האבן גרילצנדיק אפגעקלונגען איבערן גאנצן הויז.

ווען זי איז אונטערגעוואקסן, האט זי טאקע גענומען שטודירן מו־זיק, און מ'איז געווען זיכער, אז די קליינע בעטי וועט מאכן א מוזיקא־לישע קאריערע.

איר אויסזען איז דאן געווען פון א קליין בלאנד מלאכל; און אויב מיט איר אויסזען איז זי געווען געראטן אין איר מוטער, זענען אבער אירע צוויי ברענענדיק־שווארצע אויגן אינגאנצן געראטן געווען אין איר פאטער, פראפעסאר שטיינאך. איר מוזיקאלישער חוש און ווילן צום מוזיקאלישן שטודיום האט זי געירשנט פון איר באבען ערנא. כאטש בעטי האט אלע אירע יארן שטודירט און זיך אפגעגעבן מיט די קלאסישע גאונים פון דער מוזיקאלישער וועלט, ווי בעטהאווען, טשייקאווסקי, וואג־נער א"אנד., דאך איז זי אין איר לעבן געווען דער סאמע היפוך פון די ערנסטע קלאסיקער. זי האט נאר־וואס געמעגט פארענדיקן א שווערע

כימפּאַניע פון בעטהאָווען, איז זי אָבער אַוועק פון דער פּיאַנאָ, איז זי שוין געווען אַ פריילעכע, אַרומגעשפּרונגען און אויסגעזונגען די פריי־לעכסטע לידלעך פון די דייטשישע טעאַטערן, וואו זי איז געווען אַ שטענ־דיקע באַזוכערין.

ווייטער אַריין, האָט זי זיך שוין מער געווידמעט דער וואַגנער־מו־זיק, האָפנדיק צו קאָנען זיך מיטבאַטייליקן אין די וואַגנער־פעסטיוואַלן פון דער דייטשישער רעגירונג. אָבער אויך ביים שטודירן דעם ערנסטן וואַגנער, איז זי נישט אָפּגעשטאַנען פון איר פריילעכקייט און לעבעוודי־קייט. עס האָט געמעגט הערשן די דערדריקנדיקסטע אַטמאָספער אין הויז, איז אָבער בעטי צוריקגעקומען פון אירע לעקציעס אין קאָנסערוואַ־טאָריע, האָט זי אַ שמייס־אַוועק געגעבן איר ביכער־מעקע, אַרונטערגע־וואָרפן פון זיך איר שול־רעקל, אַ שויבער געטון מיט איר בלאָנדן לאָקן־קאָפּ, אַ פלאַם־אויף געטון אירע ברענענדיקע שוואַרצע אויגן, אויפגעעפנט איר זינגעוודיק מיילעכל און אַ פריילעכקייט האָט שוין באַהערשט די שטוב. זי איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן פּאַטער, אים אַרומגעכאַפּט קושן, און באַלד זיך אַ וואָרף געטון אויף דער מוטערס שויס און אַוועקגעזעצט זיך דאָרטן ווי אַ קליין קינדעלע, אָנגעהויבן צו ריידן, צו פּלאַפּלען, דער־ציילן מעשיות פון שולע, און באַלד האָט דאָס זינג־פייגעלע זיך צעלאָזט מיט איר זיס שטימעלע, און עס האָט געמוזט ווערן פריילעך אויפן האַרצן. אויך צום ברודער האַנס, האָט זי געהאַט די זעלבע באַציאונג ווי צו די עלטערן. זי האָט אים ליב געהאַט ווי איר לעבן. קיינמאָל איז זי נישט אַרויס פון שטוב שפּאַצירן אָן איר ברודער האַנס — האָט עס געמעגט זיין אין שולע, אין טעאַטער אָדער גלאַט אַזוי אויף אַן אויספלוג. האָט האַנס געמעגט זיין אין דער ערנסטסטער שטימונג, האָט זיך נאָר דאָס זינג־פייגעלע געטון אַ רוק־צו צו אים און אַ רוים־איין אַ סוד אין אויער: קום, האַנסל! — און ער האָט אין אַלץ פאַרגעסן. ער האָט געכאַפּט זיין טייער שוועסטערל און געלאָפן מיט איר וואו זי האָט נאָר אַליין געוואָלט. ער איז אָנגעשטעקט געוואָרן פון איר פריילעכקייט, פון איר זינגען, אַז ער האָט אַזש אַליין גענומען מיטזינגען מיט איר.

האַנס האָט ליב געהאַט זיין שוועסטער בעטי מיט אַזאַ הייליקער לע־בע, וואָס אפילו צו אַן אייגענער געליבטער קאָן מען עס נישט אַרויס־ווייזן. האַנס האָט געגלויבט, אַז די גאַנצע ליבע וואָס זיין האַרץ פאַר־

מאַגט, האָט ער אוועקגעגעבן — אויסער צו זיינע עלטערן — צו זיין שוועסטער. נישט איינמאָל האָט האַנס געזאָגט, אַז זיין האַרץ פאַרמאָגט שוין מער נישט קיין ליבע פאַר אַן אַנדער מיידל, אויסער — האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט —, אַז דאָס „אַנדערע מיידל" זאָל זיין געראָטן אין זיין שוועסטער...

עס פאַרשטייט זיך, אַז די עלטערן זענען זייער צופרידן געווען פון דעם, וואָס די קינדער האָבן זיך ליב, וואָס זיי קריגן זיך נישט אַרום, ווי אַזעלכע זאַכן טרעפן זיך אָפט צווישן ברודער און שוועסטער.

אַנדערש איז אָבער געווען די באַציאונג פון בעטין צו פראַנצן. כאָטש זי האָט זיך דערצויגן צוזאַמען מיט אים פון איר פריעסטער יוגנט אָן, האָט זי אָבער — אין קעגנוואַרט פון פראַנצן — נישט אַרויסגעוויזן אַזאַ הייטערקייט און לעבעדיקייט, ווי זי האָט עס געטון פאַר די אַנדערע שטוביקע מענטשן... אַפילו פאַר די דינסטן אין שטוב האָט זי געהאַט אַ זינגעוודיק פּנים; האָט זי אָבער דערזען פראַנצן, האָט זי נאָר געפילט זיין נאָענטקייט, האָט זיך אַן ערנסטער ציטער באַוויזן אויף איר פּנים. דאָס „זינג-פייגעלע" איז געוואָרן אַ שטילע, ערנסטע טויב; די לעבעדיקע און צאַפּלדיקע בעטי איז געבליבן שטיין אַ פאַרקלערטע און אַ צעטומלטע.

פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, האָט זי זיך אַליין נישט געקאָנט געבן קיין באַשייד. זי האָט געפילט, אַז די נאָענטקייט פון פראַנצן וואַרפט אויף איר אַרויף אַן ערנסטע שטימונג. פיל מאָל באַשליסט זי אויסצומיידן זיין אָנוועזנהייט, צעשטרייען די ערנסטקייט, פאַרזינגען דעם ציטער... עס העלפט אָבער נישט. וויפל זי זאָל נאָר נישט וועלן זיין ווייט פון אים, אויף וויפל זי זאָל זיך נישט באַמיען אויסצומיידן אים, כאָטש זיי זענען צוזאַמען אין איין הויז — קאָן זי עס אָבער אין קיין פאַל נישט טון... עס ציט זי אַלץ מער צו אים... עפּעס אַ געהיימע קראַפט צווינגט זי, אַז זי זאָל זיך דערנענטערן צו אים... נישט שטיין פון דערווייטן... אָנקוקן אים. כאָטש זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז קיין איבער־ריק־שיינער מאַן איז ער נישט; אַז אויף די טאַנץ־אָוונטן וואו זי פאַר־ברענגט, צוזאַמען מיט האַנסן, האָט זי באַגעגנט פיל שענערע מענער, וועלכע האָבן זיך געשדכנט צו איר, און דאָך האָט זי זיי נישט געוואָלט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט, קיין פונק האָפענונג אויף זייערע אָנ־באָטן...

בעטי האָט זיך אַליין נישט געקאָנט באַשיידן דאָס אַלעס. יאָ, עס האָט איר שוין אַמאָל אַ בליץ געטון אין איר מוח, און אירע ליפּן האָבן שעפּטשע געטון: אפשר איז עס ליבע, זי האָט זיך אַליין צעלאַכט ביי דעם געדאַנק: ליבע... ליבע... ליבע... שטענדיק צוזאַמען מיט אים, צוזאַמען דערצויגן, איין טאַטע־מאַמע האָט איבער זיי געוואַכט און איין היים האָט זיי באַשיצט...

בעטי איז געזעסן ביי דער פּיאַנאָ, און אָנשטאָט צוגרייטן די לעקציעס, האָט זי געקלערט און געטראַכט וועגן אירע אויסטערלישע געפילן צו פראַנצן. זי האָט געפּרוּווט אַ שפּאַציר טון מיט אירע פינגער איבער די קלאַווישן, עס האָט זיך איר אָבער אויסגעוויזן אַז זי הערט גרילצנדיקע מוזיק. זי האָט זיך פאַרטראַכט: אפשר איז איר שוין וואַגנער און בעטהאָווען דערעסן געוואָרן! אפשר זאָל זי זיך אַ וואָרף טון צו אַנדערע מוזיקער, וועלכע זאָלן קענען פאַרטושן אַביסל איר מוח, וועלכע זאָלן זי אָוועקרייסן פון די אומקלאָרע טראַכטענישן... אפשר וועט זי פאַרשרייען אירע פרעמדע געפילן מיט מוזיקאַלישע אַקאָרדן... אפשר וועלן זיי אין איר דערוועקן אַנדערע געפילן... אַנדערע געדאַנקען און אַנדערע שטימונגען...

זי האָט מער נישט געטראַכט. זי איז צוגעגאַנגען צו איר מוזיק־שאַפקע און אָנגעהויבן דורכוואָרפן פאַרשידענע מוזיק־פּאַרטיעס, פאַרשידענע נאָטן. אָט איז די פריילעכע אָפּנבאַך־מוזיק, אָט איז שוּבערטס „נישט־פאַרענדיקטע סימפאָניע". זי האָט שוין געוואָלט אַ נעם טון די מוזיק, זי האָט זיך אָבער געשראָקן פאַר דער טרויעריקייט און מוטלאָזיקייט וואָס די מוזיק וואַרפט אָן. זי נישטערט כסדר צווישן די מוזיק־פּאַפּירן און אָט קומט איר אין האַנט אַריין די מוזיק פון בראַזיליאַנער מוזיקער קאַרלאָס גאָמעס: „אָ גוּאַראַני". עס האָט זיך איר פאַרגלוסט צו נעמען שפּילן די מוזיק. זי האָט זיך געוואָלט אַריינוואָרפן אין דער עקזאָטישער מוזיק פון וויטן בראַזיליע... עס האָט איר אָבער אַ שטאָך געגעבן אין האַרצן: בראַזיליאַנער מוזיק. וואָס פאַר אַ שייכות קאָן זי האָבן מיט דעם לאַנד און מיט זיין מוזיק? זי האָט ווידער אַ נעם געטון בלעטערן איר מוזיק־אַלבום. אומגערן איז פון דאָרט אַרויסגעפאַלן אַ בלעטל נאָטן. זי האָט עס אויפגעהויבן און אירע אויגן האָבן זיך איינגעקריצט אין די פרעמדע ווערטער פון דעם נאָמען פון דער מוזיק. באַטש

דער פּאַרפֿאַסער פֿון דער מוזיק —ברוך— איז איר געווען גוט באַקאַנט, אָבער דער נאָמען —כל נדרי— איז איר ווידער אויסגעקומען עקזאָטיש. זי האָט שוין געוואָלט אויך די מוזיק אַוועקלייגן. עס האָט איר אָבער אַ נעם געטון אַז זי זאָל דווקא זיך וואַרפֿן צו דער עקזאָטישער מוזיק, אפשר וועט עס איר דערוויטערן פֿון די אומפֿאַרשטענדלעכע געפֿילן וואָס זי לעבט היינט איבער. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט צו דער פּיאַנאָ, און מיט לאַנגזאַמע באַוועגונגען האָט זי אָנגעהויבן מאַנעווורירן מיט אירע פֿינגער אויף די קלאַווישן. כאָטש די מוזיק איז איר נישט געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט — ווייל שוין נישט איינמאָל האָט זי דורכגע־לופֿטערט אַלע אירע מוזיק־נומערן פֿון איר רייכן מוזיק־אַרכיוו, — האָט זי זיך איצט אָבער מער אָנגעשטרענגט צו קענען אַריינדרינגען מיט אַלע אירע חושים און איר גאַנצן מוזיקאַלישן געפֿיל אין די האַרציקע טענער און וויבראַציעס פֿון ברוכס „כל נדרי״, און עס איז איר געלונגען אויך. זי האָט אָנגעהויבן די מוזיק מיט גאַנץ שטילע טענער, וואָס זייער אָפּ־קלאַנג האָט זיך קוים געלאָזט הערן אין דער אַרומיקער נאָענטקייט, זי איז ביסלעכווייז איבערגעגאַנגען צו מער פֿאַרטע. אירע פֿינגער האָבן זיך האַסטיק באַוועגט, איר יונגער קערפּער האָט אינגאַנצן מיטגעצאַפּלט מיט די ריטמישע אָפּקלאַנגען פֿון דער מוזיק. ביסלעכווייז האָבן גענומען אָפּקלינגען און אָפּהילכן די שוין גאָר שטאַרקע טענער איבער אַלע אַרו־מיקע צימערן. עס האָט זיך געדאַכט ווי פֿון אונטער אירע פֿינגער שרייען אַרויס די קלאַווישן, ווי פֿון זיך אַליין: מיום כיפּורים זה, עד יום הכיפּורים... די טענער האָבן געשריגן, געוויינט, געקרעכצט, ביסלעכ־ווייז האָבן זיי גענומען זינקען אַלץ טיפֿער און טיפֿער, נידעריקער און נידעריקער און דאַן גאַנץ שטיל ביז צו קרעשענדאָ.

בעטי, פֿאַרענדיקנדיק די מוזיק, איז געבליבן זיצן צוגעשמידט צו דער פּיאַנאָ. ביידע הענט זענען איר מאַכטלאָז אַראָפּגעפֿאַלן און געבליבן ליגן אויף די קלאַווישן. זי האָט געפֿילט ווי ברוכס מוזיק האָט זי נאָך מער צעווייטיקט. זי האָט פֿאַרקלאַפּט דאָס פּיאַנאָ־דעקל, זיך האַסטיק אויפֿגעשטעלט און געוואָלט אַרויסלויפֿן פֿון צימער. אין טיר האָט זי אָבער באַגעגנט איר פֿאָטער, וועלכער האָט זיך די גאַנצע צייט צוגע־הערט צו איר שפּילן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווען דער פֿאָטער האָט זיך ספּעציעל אַוועקגעשטעלט הערן זיין טאָכטער שפּילן פּיאַנאָ.

דער פאָטער האָט זיך ווייניק פאַראינטערעסירט מיט דער טאָכטערס מוזיק־אויסבילדונג, כאָטש ער האָט זי אויסערגעוויינלעך ליב געהאַט. אים איז א שאָד געווען וואָס זי האָט פאַרביטן די אוניווערסיטעט פאַרן קאָנסערוואַטאָריום. נישט איינמאָל איז אים געווען אַן אָפּקומעניש וואָס ער האָט געדאַרפט זיצן און אויסהערן זיין טאָכטער שפּילן פּיאַנאָ, בעת עס זענען געווען געסט אין שטוב. אים האָבן אין דער זעלבער צייט פאַראינטערעסירט פאַרשידענע מעדיצינישע אָדער כירורגישע פּראָבלעמען, און נישט דאַרטן די מוזיקער וועלכע זיין טאָכטער האָט שטענדיק פאַרטרעפלעך אינטערפּרעטירט. ער האָט שוין נישט איינמאָל ארויסגעזאָגט זיין טרעפלעכן געדאַנק וועגן מוזיק: „מוזיק — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט — היילט דעם גייסט, און מעדיצין היילט דעם קערפּער". דאָך האָט ער קיינמאָל נישט געזוכט קיין ספּעציעלע געלעגנהייט צו געזונט מאַכן זיין גייסט מיט אביסל מוזיק... דערפאַר האָט זיך טאַקע בעטי געוואונדערט דערזעענדיק איר פאָטער שטיין אין טיר, זיך צוהערנדיק צו איר שפּילן.

בעטי איז שנעל צוגעלאָפן צום פאָטער, ארומגעכאַפּט אים קושן און מיט איר קינדערשער תמימות האָט זי געפרעגט:

— פּאַפּאַ, ביזט שוין לאַנג דאָ?

— יאָ, מיין קינד — האָט דער פאָטער טרויעריק געענטפערט.

— האָב איך דיר אפשר געשטערט מיט מיין שפּילן — האָט בעטי מיט אַן אינערלעכן פאַרדרוס געפרעגט.

— ניין, מיין קינד — האָט דער פאָטער שוין אביסל א בארואיקטער געענטפערט. ער האָט געפּרואווט ווייזן דער טאָכטער א פריילעכע מינע, גלייך ווי ער וואָלט גאָר צופרידן געווען פון איר שפּילן.— דיין מוזיק — קינד מיינס — האָט מיך אויפגעלעבט. דיין שפּילן האָט מיך אוועקגעטראָגן אויף א סך יאָרן צוריק. ווייט, ווייט אוועק...

— אזא אַלטע מוזיק איז דאָס? — האָט בעטי מיט פאַרוואונדערונג געפרעגט. — עס איז דאָך ברוכס מוזיק!

— ניין, מיין קינד, — האָט דער פאָטער רואיק געזאָגט.— ברוכס מוזיק איז נישט קיין אַלטע, אָבער איר לייטמאָטיוו איז זייער אַן אַלטער.

— אַן אַלטער? — האָט בעטי ווידער געפרעגט.— פון ווען און פון וואו איז זיין אָפּשטאַם?

— זיין אַפּשטאַם? —האָט דער פֿאָטער איבערגעפרעגט און לענ־גער זיך פֿאַרטראַכט איבער דער טאָכטערס פֿראַגע. ער וואָלט גערן זיך אַרויסגעדרייט פֿון געבן איר אַן ענטפֿער. ער האָט אַליין נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס האָט זיך דער זון אַריינגענומען אַ נאַציאָנאַלן און ציוניסטישן געדאַנק אין קאָפּ אַריין. די טאָכטער — פֿון אַזוי פֿיל מוזיק־נאָטן וואָס זי פֿאַרמאָגט אין איר אַלבאָם — קלייבט פּונקט אויס כל־נדרי... גלייך וויביידע קינדער וואָלטן רעוואָלטירט קעגן אים; און זי וויל נאָך דערקלערונגען!... וואָס זאָל ער איר איצט דערקלערן? ער וויל זיך פּרוואָון אַרויסדרייען פֿון געבן איר אַן ענטפֿער; ער וויל אויס־מיידן צו געבן דערקלערונגען וועגן אַפּשטאַם פֿון דער מוזיק. בעטי שטייט אָבער ווידער לעבן אים, נעמט אים אָן ביי זיין האַנט, זי פֿירט אים צו צו דער פּיאַנאָ און מיט אירע באַוועגלעכע פֿינגער גיט זי אַ פֿלי דורך איבער די קלאַווישן פֿון איין עק פּיאַנאָ צו דעם אַנדערן עק; און כאָטש עס איז נאָר געווען אַ רעטשיטאַטיוו פֿון אַפּקלינגענדיקע טענער, האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז ער הערט פֿון אונטער די ציטערנדיקע קלאַ־ווישן דעם שאַרפֿן ווייטיקלעכן אויסגעשריי פֿון דעם אַלטן גרייז־גרויען בעל־תּפֿילה אויף די נאַלעוווקעס:

...כל נדרי... כ־ל — נ־ד־ר־י...

שטיין, בעטי! —האָט דער פֿאָטער זי אָנגעכאַפּט ביי די הענט און האַסטיק זי אַראָפּגענומען פֿון דער פּיאַנאָ. שפּיל מיר נישט מער די מו־זיק! דאָס איז אַלטע מוזיק וואָס שטאַמט... וואָס שטאַמט פֿון שפּאַ־ניע.

פֿון שפּאַניע, — האָט בעטי פֿאַרוואונדערט געפֿרעגט איר פֿאָטער. זי האָט אַראָפּגעלאָזט אירע הענט אויף דער פּיאַנאָ און אומגערן האָבן זיך פֿון דאָרטן געהערט אַקאָרדן, וועלכע האָבן פֿאַרן פּראָפֿעסאָר אויסגע־זען ווי ווייטיקלעכע אָפּקלאַנגען פֿון יידישן, געפּייניקטן פֿאָלק. בעטי האָט גאָרנישט באַמערקט, אַז אינערלעך ביי איר פֿאָטער אין האַרצן, שפּילט זיך אָפּ אַ שרעקלעכע טראַגעדיע. זי האָט אים גאַנץ נאַאיוו גע־פֿרעגט: פֿון שפּאַניע? און איך האָב געמיינט —האָט זי דורכדרינגענ־דיק געקוקט אויפֿן פֿאָטער— איך האָב געמיינט... אַז עס איז... יידישע מוזיק...

— וואס פעלט דיר איין, טאכטער! —האט דער פאטער ווי א־רויס־געשריגן פון זיך.— ווער האט עס דיר געזאגט?

— ווער? —האט די טאכטער איבערגעפרעגט דעם פאטערס ווער־טער.— דאס האט מיר געזאגט פראנץ.

— פראנץ! —האט דער פאטער אויסגעשריגן, און איז געבליבן איינגאנצן דערדריקט.— פון וואנען ווייס ער דאס! —האט ער צו זיך אליין גערעדט. דער גרויסער געלערנטער פראפעסאר האט זיך קיין ענטפער נישט געקאנט געבן. שוין אזויפיל יארן ווי ער איז אפגעריסן פון יידיש־קייט, קיינער ווייסט כמעט נישט אז ער איז א ייד, און פלוצים האט זיך דער יידישער נאציאנאליזם געגומען קאכן ביי אים אין שטוב! זיין זון, וואס האט קיינמאל נישט געוואוסט פון קיין פונק יידישקייט, וויל דווקא מיטהעלפן בויען א לאנד פאר יידן... די טאכטער, וועלכע האט מוזיק־פראפעסארן ריינע דייטשן, אריער און איטאליענער, זוכט גאר צו שפילן יידישע ליטורגישע מוזיק! אפילו זיין קריסטלעכער דערציאונגס־זון — זיין פראנץ— ווייסט שוין אויך, אז ברוכס כל־נדרי איז יידישע מוזיק!...

בעטי האט באמערקט און געפילט, אז עפעס דריקט איר פאטער. זי איז צוגעגאנגען צו אים, לאנגזאם ארומגעוויקלט איר פוכקע הענטל ארום זיין האלדז, און מיט איר זינגעוודיק שטימעלע האט זי —אריינקור־קנדיק אים גלייך אין די אויגן—, מיט געבעט ארויסגעזאגט:

— פאפא, ביסט בייז אויף מיר ווייל איך האב געשפילט די מוזיק? זיי נישט בייז, פאפא, —האט זי אים געגומען האלדזן און קושן זיין פנים, זיינע אויגן, און א זינגעוודיקע האט זי כסדר גערעדט: — איך האב נישט געוואוסט אז דו האסט נישט ליב די מוזיק!

— און דו האסט זי דען יא ליב? —האט דער פאטער זי געפרעגט.

— פארוואס זאל איך זי נישט ליב האבן? —האט זי אן אומשול־דיקע געענטפערט.— עפעס דאכט זיך, אז יעדער טאן רופט צו עפעס... יעדער ניואנס פון דער מוזיק היילט, קילט, רופט ארויס גלייבן אין עפעס העכערס, עס שטעקט אן מיט מורא, חרטה... ליבע...

— ליבע? —האט דער פאטער געפרעגט.— ליבע? צו וועמען? הא?

בעטי איז געבליבן א צעמישטע פון דעם פאטערס אומגעריכטע פראגע. זי האט ארונטערגעלאזט די אויגן און א פארשעממע זיך פאר־

טראַכט. זי האָט שוין לאַנג געזוכט אַ געלעגנהייט זיך דורכצורײדן מיטן פּאַטער װעגן אירע געפילן צו פראַנצן. זי איז געװען זיכער —כאָטש פראַנץ האָט איר קײנמאָל נישט געזאָגט װעגן דעם, אָבער לויט זײנע בליקן און זײן באַציאונג צו איר—, אַז אויך ביי אים טיף אין האַרצן טליעט דער זעלבער ליבע־פונק װי ביי איר; מען דאַרף אים נאָר אויפ־בלאָזן, און אַ ליבע װעט זיך צעפלאַקערן צװישן זיי. זי האָט ביז איצט אויסגעמיטן, אַז אַזאַ ליבע צװישן זיי ביידן זאָל זיך אַנטװיקלען. זי האָט מורא געהאַט פאַר די קאָנסעקװענצן. זי האָט געװאוסט, אַז זי איז אַ ייִדישע טאָכטער, פון אַ ייִדישן פּאַטער, און זי האָט מורא געהאַט אַז איר פּאַטער װעט איר שטערן אין איר ליבע צו פראַנצן. זי האָט אים דערפאַר אויסגעמיטן... װען פראַנץ האָט איר אַמאָל פאַרגעלייגט צו גיין צוזאַמען מיט אים אין טעאַטער —ער האָט איר עפּעס װיכטיקעס צו זאָגן—, האָט זי פאַרשטאַנען דאָס „װיכטיקע” און איז נישט געגאַנגען. פאַר דער מוטער האָט זי זיך נישט געשראָקן. זי האָט געװאוסט, אַז איר מוטער —די קריסטין— װעט איר זיכער נישט שטערן אין איר ליבע צו פראַנצן, דעם קריסט. דערפאַר האָט זי זיך אָפּגעהאַלטן איצט צו דער־ציילן דעם פּאַטער װעגן איר אינערלעכן געפיל צו פראַנצן. זי האָט דערװייל געװאָלט לעבן אין דער פאַנטאַזיע פון פאַרגעסנקייט. זי האָט נאָך אַליין געפירט מיט זיך אַ קאַמף; זי האָט נאָך אַליין נישט געקאָנט באַגרייפן: הייסט עס ליבע, אָדער עס איז נאָר... עס איז נאָר...

בעטי איז דערפאַר געװען צופרידן װאָס אַ דאַנק דער כל־נדרי־מוזיק האָט זי געקאָנט אַרויסברענגען פון איר פאַרשלאָסן האַרץ דאָס װאָרט „ליבע”. אָט דאָס װאָרט האָט שוין לאַנג דאָרטן געבלאָנדזשעט און ענד־לעך איז עס אַרויס אָפן און פריי... בעטי איז געװען צופרידן פון פּאַ־טערס האַרבער פראַגע „צו װעמען?” זי האָט טאַקע נישט לאַנג גע־טראַכט, כדי נישט צו פאַרלירן דעם פּאַסיקן מאָמענט, און מיט איינמאָל אַרויסגעשטורעמט:

— צו פראַנצן! — פּאַפּאַ... מיר דאַכט זיך אויס, אַז איך האָב אים ליב... איך װייס אָבער נישט, צי קאָן איך דאָס אַזוי אָנרופן? אפשר איז עס נאָר אַ צוגעװאוינטקייט צו אים... איך װייס, פּאַפּאַ, אַז פראַנץ האָט מיך גערן. ער רעספּעקטירט מיך. ער װייזט אַרויס צו מיר עפּעס אַזעלכעס... עפּעס ספּעציעלעס, װאָס צו קיין שװעסטער װייזט

מען עס נישט אַרויס... זיין באַציאונג צו מיר, זיינע רייד צו מיר קאָן מען אַנדערש נישט פאַרשטיין, ווי נאַר... אַז אויך ער האָט מיך ליב... איך האָב אים ביז איצט ווייניק אָפּגעענטפערט אויף זיינע ליבע־בליקן, אויף זיינע ליבע־אָנצוהערענישן. איך האָב אַלץ געשטיקט אין זיך... אַלץ געדריקט אין זיך... איצט וויל איך וויסן דיין מיינונג. דו ביסט קלוג, רייף, האָסט שוין דורכגעמאַכט אַ שטורמיש לעבן. דו קאָנסט מיך פאַרשטיין. פאַפּאַ, זאָג מיר, דערקלער מיר: איז עס יוגנט? איז עס אויפברויז, אָדער עס איז ליבע?

דער פאָטער האָט זי לאַנגזאַם אָנגענומען ביי דער האַנט און זי אַוועקגעזעצט אויפן פיאַנאָ־בענקל. ער אַליין איז צוגעגאַנגען צום פענצ־טער, איינגעזאַפּט אין זיך אַביסל פרישע לופט פון גאַס, און גענומען אַריינטראַכטן אין דער גאַנצער ליבע־געשיכטע פון זיין טאָכטער. פריער האָט ער געטראַכט: צי לוינט עס, אַז זיין טאָכטער זאָל חתונה האָבן פאַר אַ קריסט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט נישט קאָנען שטערן זיין יידישער טאָכטער... יידישע — האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעזאָגט דאָס וואָרט. — מיט וואָס איז זי עס אַ יידישע? נאָר דערפאַר וואָס איך פאָטער —טאָקע איך אַליין— בין אַ ייד? נו. האָב איך דען נישט חתונה געהאַט פאַר אַ קריסטין? און אפשר —האָט זיך דער רעקטאָר פאַר־טראַכט— אפשר איז עס גאָר אַ נס פאַר אים צו האָבן אַן איידעם אַ קריסט. דער אַנטיסעמיטיזם שטייגט אין לאַנד; די אַטאַקעס קעגן יידן ווערן וואָס אַמאָל שטאַרקער. אפילו דאָס אויסוויילן דעם גרויסן גענעראַל בראַנד אַלס פּרעזידענט פון לאַנד, האָט די אַנטיסעמיטישע הינט נישט איינגעשטילט. פאַרקערט, זיי בילן און בייסן פראַנק און פריי איבער די גאַסן, און וועט ער נעמען פראַנצן פאַר אַן איידעם — ער איז דאָך עפּעס אַ גאַנצער מאַכער ביי דער מיצלער־יוגנט —, וועט ער, אַלס ייד, זיך קאָנען פאַרשטעלן אונטער זיין מאַנטל, און אַזוי אַרום זיך אַרויס־דרייען פון געפאַר. די פרוי — אַ קריסטין, די ברודערן־טאָכטער פון פּרעזידענט; דער איידעם — אַן עס־עס. האָבנדיק אַזעלכע צוויי שטאַר־קע שומרים, און ער אַליין האָט דאָך אויך עפּעס אַ נאָמען צווישן די דייטשישע געזעלשאַפטן און אינסטיטוציעס, וואו ער איז אומעטום מיט־גליד און ערן־מיטגליד — וועט אפשר דער פּראָגראַם פון מיצלערס „איך וויל" נישט חל זיין אויף אים...

פראָפעסאָר שטיינאַך האָט זיך אויסגעדרייט פון פענצטער און איז צוגעגאַנגען צו בעטין, וועלכע איז געזעסן ווי פאַרשטיינערט, וואַרטנדיק זיין אורטייל. ער האָט זי אויפגעשטעלט פון בענקל, האָט איר טיף אַריינגעקוקט אין אירע שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, אין וועלכע עס זע־נען נאָך געווען סימנים פון טרערן, און מיט פאָטערלעכער צערטלעכקייט און פריידיקן געלעכטער אין זיין שטימע, האָט ער אַ גליקלעכער אויס־געשריגן:

— בעטי, טאָכטער מיינע, גליקלעך זינג־פייגעלע מיינס. צי גלויבסטו, קינד מיינס, אַז איך וועל זיין בכוח דיר צו שטערן אין דיין גליקלעכער ליבע צו דיין אויסדערוויילטן? ניין, קינד מיינס! איך קאָן נאָר רואיק לעבן אויף דער וועלט, ווען דו, מיין קינד וועסט זיין גליקלעך, גליקלעך — אַזוי ווי דו ווילסט נאָר אַליין. גיי, זאָג דיין גע־ליבטן פראַנץ, אַז איך, זיין מחותן וויל נאָך היינט רעדן מיט אים.

בעטי איז אַרויפגעפאַלן אויף איר פאָטער, האַרציק אים געדריקט און געקושט, און אַן ווערטער אים געדאַנקט פאַר דעם גרויסן גליק וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט, און פאַר דער פרייד וואָס ער האָט איר נישט צעשטערט.

בעטי איז אַ פריידיקע און צאַפּלענדיקע אַרויסגעלאָפן פון צימער. פון דער ווייטן האָט נאָך אָפּגעקלונגען דאָס געזאַנג פון דעם זינג־פייגעלע:

— „דאָס איז די ליבע"...

— „די דומע ליבע"...

קאפיטל 10

ווען דער טייוול לאַכט . . .

אין ברוינעם הויז אין מינכען איז נאָך אַלץ לעבעדיק און פריילעך. דאָס פראַווען הוליאַנקעס הערט גאָרנישט אויף. די קאַמעראַדן פון מיצלערן נוצן אויס דעם גרויסן זיג פון זייער פּאַרטיי־גרינדער — זיין אויפשטייג צו דער מאַכט —, צו פאַרפעסטיקן זייער פּאָזיציע און צו פאַרשטאַרקן די אידעען וואָס ער האָט געפּרעדיקט. אין אַלע ביר־קעלערן בכלל און אין מיצלערס ביר־קעלער בפרט, לאָזן זיך זיינע קאַמעראַדן וואוילגיין אויפן העכסטן און בעסטן אופן. צו דעם טרינקען, זינגען און נואפן נעמט אַלץ נישט קיין ענדע. נישט קוקנדיק וואָס עס זענען שוין פאַרביי אייניקע וואָכן ווי מיצלער זיצט אין קאַנצלער־הויז, מיט דער איינשטימיקייט פון דעם גרויסן קריגס־פירער, גענעראַל הינדענבראַנט, פייערט מען נאָך אַלץ ימים־טובים. וויין, בראַנפן און ביר גיסט זיך ווי וואַסער . . .

אַ גרויסן אָנטייל אין דעם יום־טוב נעמען אויך די געשעצטע „דאַמען״ פון דער אונטערוועלט. אָבער אויך „פיינע״ און „פאַמיליאַרע״ דאַמען שטייען נישט אָפּ אין זייער עראָטישן עקסטאַז פון זייערע „שוועסטער״ פון פּראָסטיטוציע־פאַך. צוזאַמען מיט דער אויפגעהייטערטער יוגנט, טאַנצן זיי מיט אין דער אויסגעלאַסענער אָרגיע, וואַרפן אַראָפּ פון זיך זייערע מלבושים און קאָנקורירן צווישן זיך מיט זייערע נאַקעטע קערפּערס און פיזישע קערפּער־טיילן, כאָטש די פּראָפעסיאָנעלע פּראָסטיטוטקעס פילן, אַז עס שטייט זיי פאַר אַ גרויסע קאָנקורענץ פון די „פאַמיליאַרע דאַמען״, דאָך, צוליבן גרויסן זיג פון זייער געמיינזאַמען „פירער״ זענען זיי מותר אויף זייער פּראָפעסיע און זיי שטערן נישט די „איידעלע דאַמען״ פון דער הויכער געזעלשאַפט זיך צו באַטייליקן אין דער גרויסער פרייד פון דייטשישן פאָלק . . . מיטהעלפן „עפנטלעך״ און

געמיינזאם „באפרידיקן” די שטאלצע פאטריאטן און מיטטאנצן די שמו־ציקע ערא־טישע טענץ, כדי צו דערהויבן די יוגנט און מיטרייסן זיי אין דער בעסטיאלישער ארגיע...

ווי אנדערש האבן די פארוויילונגען אויסגעזען אין גאס: הונדער־טער און טויזנטער טירן און פענצטער זענען מיט פארב און בלעטלעך געווען פארשמירט און פארקלעפט. דער נאמען „יודע” האט זיך גע־ווארפן אין די אויגן אריין, פון די פענצטער און טירן, הייזער און גע־שעפטן. עס איז געווען אזוי גענוג אז עס זאל זיך ערגעץ אין א ווינקל בא־ווייזן א יידישער איינוואוינער, אז ער זאל גלייך ארומגערינגלט ווערן פון די שיכורע שלעפער און מ|זאל אפחוזקן און אפשפעטן פון אים. פיל מאל האט זיך עס אויך פארענדיקט מיט גוט צעקלאפן דעם „שמוציקן יודע” פאר זיין פרעכהייט זיך צו באווייזן אין גאס ווען ריינע דייטשן שפאצירן... ווען אזא מין באגעגעניש איז פארגעקומען אין די שפעטע אוונט־שעהן, האט זיך שוין אזא ייד נישט צוריקגעקערט מער צו זיין היים און פאמיליע...

די שיקאנעס קעגן יידן אין דער עפנטלעכער געזעלשאפט, האבן זיך אנגעהויבן מיטן גאנצן שטורעם. אין די טויזנטער זענען די יידן באזיי־טיקט געווארן פונעם עפנטלעכן לעבן, פון די שפיטאלן, געזעלשאפטלעכע אנשטאלטן, מוניציפאלע אינסטיטוציעס, קאמערץ און אינדוסטריע. אלע יידישע ארבעטער און אנגעשטעלטע זענען אויסגעטוישט געווארן דורך ריינע דייטשן. טויזנטער יידן, געבוירענע אין פוילן — כאטש זיי זענען שוין זייער גאנץ לעבן געווען און געארבעט אין דייטשלאנד — זענען מיט דער גאנצער אכזריות און מיט דער ברוטאלסטער שנעלקייט ארויס־געשיקט געווארן צו דער פוילישער גרענעץ און זיי זענען דארט איבער־געלאזט געווארן אין „קיינעמס לאנד”, אויף גאטס באראט. זייערע פאר־מעגנס זענען „פריוויליק” פארקויפט געווארן צו גוטע דייטשן... וועל־כע האבן נישט געהאט קיין חשד אויף זיך, אז זיי זענען ווען נישט איז נישט געווען צופרידן פון דער „נייער ארדענונג” וואס עס האט געפרע־דיקט דער נייער קאנצלער, דער געוועזענער פעלדפעבל.. אויך דעם רעק־טאר פון מינכענער אוניווערזיטעט, פראפעסאר שטיינאך, האט מען גע־געבן אנצוהערן, אז ער וועט דארפן זיין פלאץ איבערגעבן צו א גוטן דייטש. נאר אזוי ווי אזעלכער איז נאך דערווייל נישטא, זאל ער צו

יעדן מאָמענט זיין פאַרבאַרייט. אין דירעקטאָריום פון „ברוינעם הויז" איז אפילו געקומען צו גרויסע דיסקוסיעס וועגן רעקטאָר שטיינאַך. כמעט אַלע האָבן געהאַלטן, אַז מען זאָל נישט וואַרטן אויף קיין אַנדערן רעקטאָר, נאָר גלייך באַזייטיקן דעם „שמוציקן יודע" פון דעם הויכן דייטשישן אַנשטאַלט, וואו ער פאַרגיפטעט מיט זיין יידישער לערע די ריינע אַרישע מוחות פון דער דייטשישער יוגנט.

איינער איז אָבער געווען, וועלכער האָט זיך קעגנגעשטעלט אַזאַ פאַרלאַנג — דאָס איז געווען פראַנץ פריילין. ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט אַז מען זאָל חוזק מאַכן פון אַזאַ גרויסער שטאָט, וואָס איז געווען דאָס אויפשטייג-פּלאַץ פון „פירער" — מינכען. מען טאָר נישט איבערלאָזן די גרויסע מינכענער אוניווערזיטעט אויף הפקר! עס איז אים קוים געלונגען אָפּצושרייען די „באַלדיקע נייטיקייט". ער האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ווען עס וועט אָנקומען אַ נייער רעקטאָר, דעמאָלט וועט מען אַרויסוואַרפן דעם ייד. אָבער דערווייל, פאַרוואָס זאָל מען אים נישט אויסנוצן? אין זיך האָט אָבער פראַנץ געטראַכט: לאָמיך דערווייל אָפּשרייען דעם הארבן באַפעל. אפשר וועט זיך עס אָפּקילן, אפשר וועט מען דערווייל פאַרגעסן דערין, און דער רעקטאָר וועט קאָנען אויסמיידן אַרויסגעשיקט צו ווערן אין „קיינעמס לאַנד", כאָטש ער איז אַ געטרייער און ערלעכער דייטשישער בירגער, דער „רעטער פון דייטשישן פאָלק"...

אַביסל איז עס אים געלונגען אויך. פראַנץ, נישט קוקנדיק וואָס ער איז — ווי אַ סך פון זיינס גלייכן — געווען אַן אָנגעהעריקער צו דער „מיצלער-יוגנט", ביי וועמען מיצלער איז געווען דער גאָט פון דייטשישן פאָלק, דאָך איז ער פאַרבליבן געטריי און איבערגעגעבן צו זיין דערציער — דעם רעקטאָר שטיינאַך מיט זיין פאַמיליע. באַזונדערס איז אים ליב געווען זיין כלה בעטי. פאַר וועמען ער איז גרייט געווען אַלץ צו טון, אפילו זיך אָפּזאָגן פון זיין „פירער", אבי צו האָבן, אבי צו זיין נאָענט פון איר; און, דאָס האָט אים טאַקע מיטגעהאָלפן צו פירן זיין קאַמף אין „ברוינעם הויז" און אָפּצושטופן דערווייל דעם באַזייטיקונגס-באַפעל פאַרן רעקטאָר שטיינאַך.

שוין באַלד נאָכן גרויסן זיג פון מיצלערן, איז פראַנצן אויסגעקומען אָנצוהייבן אַ קאַמף אין „ברוינעם הויז". צוערשט איז עס געווען וועגן

זיך אליין. ער איז אויפגעפאדערט געוואָרן פון דער „ברוינער עקזעקוטיווע" צו פארלאָזן דאָס יידישע הויז פון זיין דערציער. אויף וויפל ער האָט נאָר נישט אויפגעוויזן, אַז זיין דערציאונגס־פאָטער איז אַ פאַרדינסטפולער דייטשישער בירגער; אַז זיין דערציאונגס־מוטער איז די קוזינע פון דעם גרויסן גענעראַל הינדענבראַנט — וואָס האָט טאַקע מיטגעהאָלפן מיצלערן קומען צו דער מאכט —, און אַז זי, זיין דערציאונגס־מוטער, איז אַ ריינע אַריערין, און אַז זיין כלה — בעטי שטיינאַך — ווייס אַפילו נישט פון איר יידישן אָפּשטאַם, דאָך האָט ער דעם קאַמף פאַרשפּילט. ער האָט געמוזט פאַרלאָזן דער כלהס הויז, נישט וועלנדיק באַזייטיקט ווערן פון „ברוינעם הויז". באַזונדערס איז ער געווען זיכער, אַז זיין אַמט אין „ברוינעם הויז" וועט אים אַמאָל צינוץ קומען, כאָטש ער האָט נאָך אליין נישט געוואוסט, צוליב וואָס. ער האָט אָבער געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז ער וועט נאָך דאַרפן אויסנוצן זיין אַמט; און כאָטש ער האָט נישט געטראָגן אין זיך קיין שום ראַסן־געפיל און ראַסן־האַס צו יידן, ווי זיינע אַלע קאַמעראַדן, דאָך האָט מען זיך געצאַצקעט מיט אים אין „ברוינעם הויז", צוליב זיין אַמאָל־באַקאַנטן פאָטער, דאָקטער פרייליך, באַזונדערס דערפאַר, ווייל ער האָט געקענט עטלעכע פרעמדע שפּראַכן, און אַזאַ „אינטעליגענט" האָט מען געזוכט צווישן דער מיצלער־חברה. דערפאַר אָבער, ביי זיין צווייטן קאַמף — צוליב דעם פּראָפעסאָר — האָט ער שוין יאָ אויסגעקעמפט אַ קליינעם זיג. ער איז אָבער געבליבן צופרידן מיט זיין צייטווייליקן זיג, אַבי דער פּראָפעסאָר איז געבליבן אויף זיין רעקטאָר־פּאָסטן און ער איז נישט מיטגעשיקט געוואָרן מיט זיינע אַמאָליקע פּוילישע ברידער.

לאַנג האָט אָבער דער פּראָפעסאָר נישט געקאָנט אָנהאַלטן זיין „צייטווייליקייט". אין אוניווערזיטעט האָבן אים די סטודענטן גענומען אונטערשעצן. אַ סך האָבן זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט אים געהאָרכזאַם צו זיין. טייל זענען מער אינגאַנצן נישט געקומען צו די לעקציעס וואָס אַ „שמוציקער יודע" האַלט... אַנדערע האָבן אַרויסגעוויזן זייער הוצפּה צום פּראָפעסאָר און אין מיטן דער בעסטער לעקציע האָבן זיי מיט פרעכקייט געפרעגט, פאַרוואָס ער טראָגט נאָך נישט זיין „געזעצלעכן צייכן" — די געלע לאַטע... די גרויסע געביידע פון מינכענער אוניווערזיטעט איז איצט געוואָרן ענג פאַרן פּראָפעסאָר. די סטודענטן וואָס זענען יאָ

געקומען צו די לעקציעס, זענען מער נישט געווען די זעלבע פון אַמאָל. ניין! ס׳איז געווען אַ חברה מיצלער־יונגען, אין ברוינע העמדלעך מיט קרייץ־עמבלעמען אויף די אַרבל. אַנשטאָט — ווי געוויינלעך, ביים אַריינקומען —, זאָגן דעם טראַדיציאָנעלן „גוט־מאָרגן”, איז געקומען אַ פּרעכער „הייל מיצלער!” אַנשטאָט גיין, ווי יעדער געזונטער און פאַר־נונפטיקער מענטש, גייט מען גאָר אַ נייעם גאַנג: געגדזענע טריט... עס איז געגוג געווען, אַז דער מיצלער זאָל האַלטן אַ רעדע — און די גאַנצע געביידע פון דער גרויסער אוניווערזיטעט האָט געפּוסטעטוועט... דאָס לערנען איז מער קיין לערנען נישט געווען, פּונקט ווי דער פּראָפעסאָר איז מער קיין פּראָפעסאָר נישט געווען... ווען דער רעקטאָר האָט אַמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט זיינע סטודענטן, אַז לערנען האָט נישט צו טון מיט קיין שום פּאָליטיק, און ווי לאַנג מען איז יונג, דאַרף מען לער־נען, האָט אַ הילכיקער געלעכטער געשפּאָלטן די שטילקייט אין סאַלאָן. אַלע מיט אַמאָל זענען אויפגעשטאַנען, אַלע זייערע ביכער האָבן זיי גע־וואָרפן דעם פּראָפעסאָר אין פּנים אַריין, און מיט הילכיקע „הייל מיצ־לער” און מיט שטורמישע חוזק־געלעכטערן האָבן זיי פאַרלאָזן די אוני־ווערזיטעט.

דער פּראָפעסאָר איז געבליבן ווי אַ געליימטער. אַזאַ באַציאונג מצד זיינע סטודענטן האָט ער זיך נישט פאָרגעשטעלט. ער האָט שוין איצט איינגעזען, אַז ער איז אַן איבעריקער אין דער געביידע. ער האָט זיך איצט דערמאָנט פון מיט אַ צייט צוריק, ווי די זעלבע סטודענטן האָבן געזונגען און געטאַנצט בעת דער שענדלעכער עקזעקוציע איבער יידישע ביכער. די פלאַמען פון דעם „שייטער־הויפן” קומען אים איצט אין פּנים אַריין. ער הערט נאָך אין די אויערן די פאַרשייטע געלעכטערן פון די קולטור־פאַרברעכער, ווען זיי האָבן געוואָרפן די ווערק פון מענדעלסאָ־נען און היינע — דער גלענצנדיקסטער פילאָזאָף און ליבסטער דייטשי־שער דיכטער פון „לאָרעליי” — אין די פלאַמען פון די טויזנטער ביכער פון נאָך אַזעלכע „יידישע” שרייבער. די ווילדע געלעכטערן פון דע־מאָלט, פאַרמישן זיך מיט די געלעכטערן פון דער זעלבער חברה אין די שטודיר־קלאַסן פון אוניווערזיטעט. די געלעכטערן שטיקן אים; ער קאָן מער נישט זיין אין דעם קדשי־קדשים פון דער וויסנשאַפט... אַ נייע פילאָזאָפיע, אַ נייע וויסנשאַפט שטייט איצט אויף: די וויסנשאַפט פון

מאָרד און רויב! די וויסנשאַפט פון האַס און ראַסן... די פילאָזאָפיע פון דער פויסט! אַ וויסנשאַפט פון מאַניאַקן און לומפּן!... טאָ, צו וואָס דאַרף מען איצט די אוניווערזיטעט? צו וואָס דעם שטודיום? צו וואָס טויגן די אַלע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, ווען די מנוולים לאַכן דאָס אַלץ אויס! ווען ליטעראַטור, פילאָזאָפיע און פּאָעזיע ווערן געוואָרפן אין די פייערן; ווען לערן־ביכער נוצן איצט זיי צו שמייסן אין פּנים פון פּראָפעסאָר... די וועלט הייבט אָן ווערן הפקר! הומאַניטעט איז מער נישט קיין דייטשישער באַגריף! דאָס וואָרט מוז מען אויסשניידן פון דייטשישן ווערטער־בוך. פונקט ווי אַ גאַנגרעניזירטע מכּה אויף אַ האַלב־אָפּשטאַרבנדיקן קערפּער... דאָס וואָרט מענטש עקזיסטירט נישט מער! הפקר!... הפקר! מען לאַכט אַלץ אויס! מען לאַכט! מען לאַכט!... טאָ ווי קאָן שוין אויסזען אַזאַ וועלט, ווען...

— ווען דער טייוול לאַכט!...

קאַפּיטל 11

איך האָב אַ יידישן מאַן ! ...

צומאָרגנס, באַלד אין דער פרי, האָט דער פּראָפעסאָר שטיינאַך געהאַט אַ נייע איבערראַשונג. ווי נאָר ער איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָט אַ מונדירטער מיצלער־מאַן אים געברענגט אַ בריוו, אין וועלכן ער ווערט העפלעך געבעטן נישט צו קומען מער אין אוניווערזיטעט אריין, ווייל זיינע שילער זענען שוין זאַט פון די שמוציקע יידישע לעקציעס".

דער „העפלעכער בריוו", וועלכער איז געווען אונטערגעשריבן פון פּאַרזיצנדן פונעם „ברוינעם הויז", האָט דעם פּראָפעסאָר אינגאַנצן צעמישט. ער האָט זיך גענומען דערמאָנען די אַלע יאָרן זיינע וועלכע ער האָט פאַרבראַכט אין דער געביידע פון אוניווערזיטעט; די טויזנטער און טויזנטער סטודענטן וועלכע האָבן דאָרטן פאַרענדיקט זייער שטודיום; הונדערטער שילער פון דעם וויסנשאַפט־הויז זענען געווען דער שטאָלץ פון דער דייטשישער וויסנשאַפט. וויפל מי און מאַטערנישט האָט ער אריינגעלייגט אין זיי; וויפל נישט דערשלאָפענע נעכט האָט ער זיך געפּרעט אין זיינע לאַבאָראַטאָריעס און וויסנשאַפטלעכע אינסטאַנצן, כדי אויסצוגעפינען נייע וועגן און מיטלען פאַר דער מעדיצין, פאַר די שטודירנדיקע סטודענטן, כדי זיי זאָלן קאָנען אויסוואַקסן גרויסע מענטשן פאַרן גרויסן לאַנד... און איצט? — איצט האָט מען אים אָפּגעדאַנקט פאַר זיין אַרבעט... מען דאַרף מיך מער נישט! —האָט דער פּראָפעסאָר געשריגן צו זיך אַליין. ער האָט זיך נערוועאיש גענומען דרייען הין און צוריק איבער זיין צימער. מיט פאַרקוועטשטע ליפּן און אויסשטאַרצנדיקע אויגן, האָט ער געדריקט דאָס בריוול פון די ברוינע חברה־לייט צווישן זיינע פינגער, און געהאַלטן אין איין שרייען:

— מען דאַרף נישט מער די יידישע שמוציקע לעקציעס! ... מען דאַרף מיך מער נישט! — מיך, דעם „רעטער פון פאָלק"! ... מען

דאַרף נישט מער דעם יידישן רעקטאָר!... דעם יידישן פּראָפעסאָר!... מען דאַרף נישט! מען דאַרף נישט!...

פּראָפעסאָר שטיינאַך האָט אַלץ געהאַלטן אין איין אַריינשרייען אין זיך אַריין און אין חלל אַריין. ער האָט גאָרנישט באַמערקט, ווי אויף זיינע געשרייען זענען אַלע שטוביקע אַריינגעקומען און זענען געבליבן שטיין אין טיר אין איין שרעק, זעענדיק דעם נערוועאישן אויסברויז פון פּראָפעסאָר. אַלע זענען געווען זיכער, אַז ער האָט באַקומען אַ משוגעת־אַטאַקע, און זיי האָבן באַקומען מורא צו זיין נאָענט לעבן אים.

די ערשטע וואָס האָט זיך דערנעענטערט צו אים, איז געווען סוזי. מיט מאַמעשער ווייכקייט און האַרציקייט האָט זי אים אָנגענומען ביי דער האַנט און אָפּשטעלנדיק אים אין זיין נערוועאישן געלויף איבערן צימער, האָט זי מיט אַ וויינענדיקער שטימע גערעדט, ווי צו אַ קינד: איזי טייערער, וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט? פאַרוואָס ביזטו אַזוי אויפּ־געברויזט?

איזידאָר איז געבליבן שטיין אין מיטן צימער. ער האָט טיף אָפּגע־אָטעמט. מיט שרעק און פאַרצווייפלונג האָט ער זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. ער האָט ערשט איצט דערזען די גאַנצע פאַמיליע אַרום זיך. ער האָט ערשט איצט דערפילט די איידעלע ווייכקייט פון סוזיס האַנט, וועלכע האָט אים געהאַלטן אַרומגענומען, ווי מען פירט אַ קליין קינד און מען האָט מורא אַז עס זאָל נישט פאַלן... ער האָט געוואָלט עפּעס אַרויסשרייען, עפּעס זאָגן. די ליפּן האָבן זיך אים אָבער פאַרקלעפּט, די ציין — פאַרהאַקט, די צונג איז אים פאַרשטייפט געוואָרן אין מויל. אויפן מאָמענט האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז עס עקט זיך איצט אַלץ; אַז זיין לעבן —ווי זיין וועלט— פאַרענדיקט זיך שוין איצט... ער האָט מעכאַניש געעפנט זיין האַנט מיטן צעקנייטשטן בריוו פון די „ברויז־נע", און האָט עס דערלאַנגט סוזין. מער האָט ער זיך נישט געקאָנט האַלטן אויף זיינע פיס. מיט דער גאַנצער פעסטקייט פון זיין קערפּער איז ער אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד און זיך ספּאַזמאַטיש פאַנאַנדערגע־וויינט, ווי אַ קליין קינד...

אויך סוזי איז מיטגעפאַלן לעבן אים אין איין שרעק. די קינדער, האַנס און בעטי, זענען גלייך צוגעלאָפן צו זייער פאָטער אין גרויס שרעק. די דינסט האָט געוואָלט רופן אַ דאָקטער, אָבער האַנס, איינזעענדיק אַז

דער פאַטער איז אַטאַקירט פון אַ ספּאַזמאַטישן גענויין, האָט נישט גע־לאָזט רופן קיין דאָקטער, און האָט געבעטן אַז אַלע זאָלן אַוועקגיין פון אים און אים זיך לאָזן אויסוויינען און באַרויקן זיינע נערוון.

ערשט איצט האָט סוזי געגומען לייענען דאָס בריוול, וואָס איר מאַן האָט איר געגעבן. אויך סוזי —לייענענדיק דאָס בריוול— איז אַריינגע־פאַלן אין אַ נערוועאישן אויסברוך: זאָל עס מעגלעך זיין? —האָט זי גענומען שרייען,— זאָל עס מעגלעך זיין?!...

האַנס און בעטי זענען גלייך צוגעלאָפן צו דער מוטער. זיי האָבן זיך געשראָקן פאַרן פאַטאַלן בריוול. אויף וויפל זיי האָבן זיך פאַרגע־שטעלט עפּעס אויסערגעוויינלעכעס אין די געשריבענע ווערטער פונעם בריוול, האָבן זיי זיך פאָרט נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אין דעם צע־קנייטשטן שטיקל פּאַפּיר ליגט דער טויט־אורטייל פון זייער פאָטערס קאַריערע, און אויך פון זייער יוגנט...

סוזי איז מיט כעס אַרויסגעלאָפן פון צימער און איז גלייך צוריק־געקומען מיט די מעדאַלן און אויסצייכענונגען פון פּראָפעסאָר, וואָס ער האָט באַקומען אַלס „רעטער פון דייטשישן פאָלק". מיט טרערן אין די אויגן האָט זי גענומען אַרויסשרייען פון זיך:

— צו וואָס דאַרף מען דאָס איצט!? צו וואָס?! צו וואָס?!

זי איז צוגעפאַלן צו איר מאַן, וועלכער איז שוין איצט געלעגן אַ באַרו־איקטער אויף דער סאָפע. זי האָט אים אַרומגעקלאַמערט מיטביידע הענט און באַגיסנדיק אים מיט אירע טרערן, האָט זי אין אים אַריינגע־רעדט:

— איזי! איזי! וויפל וויינענדיקע און ביטער־טרויעריקע נעכט האָב איך פאַרבראַכט אין דער צייט וואָס דו ביזט געווען אויפן שלאַכט־פעלד... נעכט — נישט דערשלאָפענע! טעג — נישט אויסגעלעב־טע! וואָכן, חדשים און יאָרן פון מיין אייגן לעבן, אין שרעק און אין ציטער פאַר דיר, פאַר דיין לעבן, פאַר אונדזערע קינדער... איך האָב גאָט געבעטן, אַז זיי זאָלן נישט בלייבן קיין יונגע יתומים... שטענדיק בין איך געווען מיט דיר אויפן שלאַכט־פעלד, אין די שפּיטאָלן, אויף די פראָנטן... אין שרעק פאַר דיין לעבן, האָב איך דערצויגן די צוויי קינ־דער... און וואָלסטו, חלילה, געפאַלן אויפן שלאַכט־פעלד ביים דער־פילן דיין פליכט פאַר דיין פאָטערלאַנד, וואָלט איך געווען דער צווייטער

קרבן... איך וואָלט דיך נישט געקאָנט איבערלעבן... ווייל דו מוזט שטענדיק זיין מיט מיר... לעבן מיר... דו מוזט שטענדיק זיין אונד־זערע קינדערס, פונקט ווי מיר האָבן שטענדיק געגלויבט אַז דו מוזט שטענדיק געהערן דעם לאַנד... אַלעמענס... אַלעמענס!... דאָ, איזי, האָסטו דיין פאַרגיטיקונג... דיינע אויסצייכענונגען... זאָג, צו וואָס טויגן זיי דיר איצט?!... דו ביזט איצט נישט מער דער „רע־טער פון פאָלק", עס זענען אויפגעשטאַנען נייע רעטער... פון „העבע־רע ראַסן"... רעטער וואָס קאָנען מאָרדן!... רעטער וואָס רויבן... רעטער וואָס פאַרניכטן נאַציאָנאַלע פאַרמעגנס... נאַציאָנאַלע קול־טורן... דו ביזט פאַר זיי איצט איבעריק! מען דאַרף דיך דאָ מער נישט!...

— מאַמע! —איז האַנס צוגעלאָפן נאָענטער צו דער מוטער.— מאַ־מע! איך גיי אין אוניווערזיטעט אריין! איך מוז זען וואָס דאָרטן קומט פאָר! איך וויל זיך אָפרעכענען מיט די לומפּן!

— ניין, קינד מיינס, —האָט סוזי זיך געבעטן ביי אים.— טו מיר צוליב און גיי נישט. זיי וועלן דיך מער נישט אריינלאָזן דאָרטן.

— מאַמע! —האָט בעטי אויסגעשריגן.— איך וועל גיין צום זיידן, איך וועל אים אַלץ דערציילן.

— ניין! —האָט דער פאָטער אויסגעשריגן.— זאָל קיינער נישט גיין, קיינער נישט... די אוניווערזיטעט איז שוין געשלאָסן; און דו, טאָכטער מיינע, דו ווילסט אַז דער זיידע זאָל אונדז העלפן? נאַריש קינדעלע וואָס דו ביזט. ווען דעם זיידנס ברודער —דער פּרעזידענט פון לאַנד— האָט נישט קיין רעכט אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג, ווילסטו, אַז דער זיידע זאָל עפּעס קאָנען אויפטון? ניין, קינדער! קיינער וועט נישט גיין! קיינער!...

— קיינער? —האָט סוזי געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג.— ניין, מיין ליבער איזי, איך וועל גיין! אָבער נישט אין אוניווערזיטעט און נישט צו מיין פאָטער.

— טאָ וואוהין וועסטו גיין? —האָבן אַלע מיט אַמאָל געפרעגט.

— צו זיי! —האָט סוזי געענטפערט.— צו זיי, אין „ברוינעם הויז" אריין וועל איך גיין! איך בין נאָך דערווייל אַ דייטשישע פרוי! אַ

ריינע אַריערין... איך וועל זיי שמייסן אין פּנים אַריין דיינע פּאַר־דינסט־קרייצן... איך וועל זיי שפּייען אין זייערע פּרצופים אַריין — די שמוציקע ברוינע העלדן פון די ביר־קעלערן... זאָל מיר ווער פון זיי ווייזן אַזאַ פאַרדינסט־קרייץ!...

סוזי האָט זיך גלייכגעשטעלט און זיך גענומען גרייטן צום גיין.

איזידאָר איז אָבער אַראָפּ פון דער סאָפע, און מיט שוואַכע טריט צוגעגאַנגען צו זיין ווייב. ער האָט איר אַ ליידנדיקער אַריינגעקוקט אין אירע פאַרוויינטע אויגן, און אַליין, כמעט אַ וויינענדיקער, זיך אָנגעהויבן בעטן ביי איר:

— סוזי, גיי נישט צו זיי... זיי וועלן דיך באַליידיקן... דו ביזט צו איידל פאַר די גראָבע יונגען... דו טאָרסט נישט בעטן פאַר אַ... יידישן מאַן...

— איזי מיין טייערער! — האָט סוזי אַרומגעכאַפּט דעם מאַן און אים גענומען שטאַרק דריקן צו זיך. — שטער מיר נישט אין מיין איצטיקן וועג! זאָלן זיי מיך באַליידיקן! זאָלן זיי מיך זידלען! עס איז מיר אַלץ ווערט, אַבי צו קאָנען פאַרטיידיקן דיין כבוד. זאָג מיר, איזי, וואָס האָב איך געטון פאַר דיר זינט איך קען דיך? זינט איך האָב דיך פאַר אַ מאַן? דו האָסט מיר געגעבן רום, שטאָלץ, כבוד, גליק, ליבע. האָסט אין מיר איינגעפלאַנצט דיין יידישע פּסיכיק, דיין כאַראַקטער, דיין גוטס־קייט, דיין נשמהדיקייט, דיין מענטשלעכקייט. דו האָסט מיר איבערגע־פלאַנצט מיין לעבן! און איך פאַר דיר — וואָס האָב געגעבן? גאָר־נישט! גאָרנישט!... און איצט, ווען איך קאָן פאַרטיידיקן דיין כבוד, דיין ערע, דיין נאָמען, פאַרוואָס זאָל איך עס נישט טון? וואָס האָב איך געטון פאַר דער מענטשהייט? וואָס האָב איך געטון פאַר מיין פאָלק? וואָס האָב איך אויפגעטון אין מיין לעבן? גאָרנישט! גאָרנישט! טאָ פאַרוואָס זאָל איך פאַרבלייבן אַ שטומע, ווען איינער וואָס האָט זיין מוח און כוח, זיין לעבן און כבוד אַוועקגעגעבן פאַרן לאַנד, אין וועלכן ער איז נישט געבוירן! וועלכער האָט מיט ערע זיך פאַרדינט דעם נאָמען אַלס „רעטער פון פאָלק", און ווען דער איינער איז נאָך מיין מאַן! מיין גע־ליבטער איזי! און מען באַשמוצט אים! מען פאַרטרייבט אים! מען וויל אויסמעקן זיין פאַרגאַנגענהייט און מען פאַרניכטעט זיין צוקונפט.

ניין, טייערער איזי! איך וועל גיין צו זיי! איך וועל אונ׳מוז פארטיי־
דיקן דיין כבוד, דעם כבוד פון לאנד, דעם כבוד פון פאָלק!...

— סוזי —האָט איזידאָר איר איבערגעריסן אין איר עקסטאַז.—
פאַרגעס נישט, אז איך בין א ייד!

— איך געדענק! —האָט סוזי ווידער אויסגעשריגן.— איך וועל
שרייען אין אַלע גאַסן: מיין מאַן, דער „רעטער פון דייטשישן פאָלק״,
איז א ייד! איך בין שטאָלץ מיט אים! זאָל גאַנץ דייטשלאַנד וויסן!
זאָל די גאַנצע וועלט וויסן: איך האָב א יידישן מאַן!...

קאפיטל 12

די שאַנד פון לאַנד

אין „ברוינעם הויז" האָט מען פארשטאַנען, אַז דער בריוו צום פּראָ־פעסאָר שטיינאַך וועט אַנטרעפן אויף אַ שטאַרקער קעגנערשאַפט מצד זיינע אַנהענגער. זיי האָבן גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דער רעקטאָר פון מינכענער אוניווערזיטעט איז אַ קרוב־למלכות; אַז דעם פּרעזידענטס קאַנצעלאַריע וועט זיכער פּראָטעסטירן קעגן באַזייטיקן דעם פּראָפעסאָר פון זיין הויכן אַמט. זיי האָבן אָבער געגלויבט, אַז ביז עפּעס וועט, וועלן זיי דערווייל דורכפירן זייער רייניקונגס־אַקציע, באַזונדערס — האָבן זיי געטראַכט —, ווען מען אַרט עס דען וואָס מען וועט פּראָטעסטירן? זיי האָבן די מאַכט און זיי קאָנען טון וואָס זיי ווילן און וואָס זייער „פירער" וועט נאָר באַפעלן...

אַט האָבן זיי אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן צוואַנג־צעשיידונג. דאָס הייסט, גאָר פּשוט: אַלע געמישטע חתונות ווערן אַנולירט, צי די פּאָר־לעך ווילן יאָ, אָדער נישט. נו, ווער קאָן זיי שטערן אויסצופירן זייער באַשלוס? זיי וועלן שוין צוקלייבן די געהעריקע „מיטלען" צו צווינגען די איינגעשפּאַרטע זיך צו שיידן מיט זייערע שמוציקע יידן...

די „ספּעציעלע קאָמיסיע" אין „ברוינעם הויז" ברעכט זיך שוין טאָ־קע דעם קאָפּ אויסצוקלערן עפּעס אַזעלכעס וואָס זאָל ווירקן... וואָס זאָל צווינגען צו שיידונג, אויב זיי ווילן נישט אַרויסגעוואָרפן ווערן פון לאַנד און פאַרשטויסן ווערן פון דער „העכערער ראַסע"... זיי האָבן שוין אַפילו אויסגעקלערט אַ גלענצנדיקן מיטל. מען האָט עס שוין גענומען דעבאַטירן און אָפּשטימען. אָבער דער וואַכמאַן האָט אין מיטן דערינען געשטערט. ער איז אַריינגעקומען מיט אַ ברילנדיקן אויסגעשריי „הייל היטלער", און האָט געמאָלדן די קאַמעראַדן, אַז —

— עפּעס אַ דאַמע וויל אייך זען.

— עפּעס אַ שיינע? —האָט זיך דער פאָרזיצנדער, קאַמעראַד בי־טערמאַן געפרעגט, און זיך אַזש פאַרכלינעט דערביי.

— נישקשה —האָט דער וואַכמאַן געענטפערט, געבנדיק דערביי אַ ביטרען וואונק מיטן אויגל.

— אַ יונגע? —האָט זיך דער סעקרעטאַר בלוטיקער, געפרעגט, און איז געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל.

— מיינע ליבע און טייערע קאַמעראַדן! —האָט דער וויצע־פאָרזי־צנדער האַמאַסעק, מיט גראַציע און חן אויסגערופן.— וואָס גייט עס אייך אָן צי זי איז אַ שיינע, אָדער אַ יונגע. מיר, קאַמעראַדן, מוזן נאָכ־גיין די וועגן פון אונדזער „פירער”. ווען מיר זענען דאָ אַלע צוזאַמען, טאָרן מיר זיך נישט פאַראינטערעסירן מיטן שוואַכן געשלעכט... מיר קאָנען זיך באַגיין אָן זיי אויך!... מיר דאַרפן נאָר וויסן נאָך וואָס זי איז געקומען! לאָמיר אַרויסשיקן אונדזער קאַמעראַד שווייגער, און ער וועט זיך שוין דערוויסן וואָס די דאַמע דאַרף פון אונדז.

— ניין, קאַמעראַדן! —האָט אויסגעשריגן בלוטיקער.— מיר מוזן אַרויסווייזן אונדזער דאַמען־ערע און רעספּעקט צו אַ פרוי. איך לייג פאָר, אַז מיר זאָלן זי דאָ אַריינרופן און זי אויסהערן.

— איך בין איינשטימיק! —האָט זיך אָנגערופן דער פאָרזיצנדער ביטערמאַן.— זאָל מען זי אַריינרופן.

— רעספּעקט פאַרן „פירער” און זיינע פירונגען! —האָט אויסגע־שריגן האַמאַסעק.— מיר האָבן געננוג אַנדערע אַרבעטן! מיר דאַרפן נישט איינלאַדן צו אונדזער טיש אַזעלכע, וועלכע זענען אונדז נישט ניי־טיק!...

— און איך גלויב, —האָט זיך אַריינגעמישט פראַנץ פריילין— אַז ווען אַפילו אונדזער „פירער” וואָלט דאָ געווען, וואָלט ער אויך געווען דערפאַר אַז מען זאָל אויסהערן יעדן, ווער עס קומט נאָר צו אונדז.

— אָבער נישט קיין דאַמען! —האָט האַמאַסעק זיך אַריינגעריסן אין מיטן. זיין קוויטשיק פרויען־שטימעלע האָט געגרילצט, זיין דאַר פיגורל האָט זיך אויפגעשטעלט ביים טיש. ער האָט פאַרלייגט ביידע הענט אויף די זייטן, גלייכגעקעמט זיך מיט די פינגער זיינע קליינע וואָנ־סעלעך און זיך געגרייט אָנצוהויבן די אמתע רעדע. פראַנץ האָט אים אָבער נישט געלאָזט פאַרזעצן זיין מיינונג וועגן „פירער” און וועגן

פרויען. ער האָט ווידער גענומען דאָס וואָרט און דערקלערט, אַז „יעדער מענטש — איך מיין, יעדער דייטש — וואָס וועט נאָר קומען צו אונדז, מוזן מיר אים אויסהערן. עס קאָן גאָר זיין, אַז דער פרעמדער זאָל אונדז געבן גוטע אידעען און געדאַנקען, ווי אַזוי צו פירן אונדזער אַרבעט. איך בין איינשטימיק מיטן קאַמעראַד פּאַרזיצנדער, אַריינצורופן די דאַמע און אויסהערן וואָס זי וויל".

— איך פאָדער אַן אָפּשטימונג! —האָט אויסגעשריגן האַמאַסעק.

— מיר זענען סאָציאַליסטן! מיר מוזן זיך צופּאַסן צו דער סאָציאַליס־טישער וועלט!... מיר, סאָציאַליסטן!... מיר, סאָציאַליסטן!...

— שייסע מיט די סאָציאַליסטן! —האָט אויסגעשריגן דער פּאַר־זיצנדער.— נישטאָ קיין אָפּשטימונג ביי אונדז! האָט מען ווען גע־פרעגט אַנדערע וויכטיקע זאַכן? האָט מען ווען געפרעגט צי מען זאָל אונטערצינדן דעם רייכסטאַג? ביי אונדז פרעגט מען קיינעם נישט! איך בין דער פירער פון דער קאָמיסיע! אַזוי ווי איך וויל אַזוי וועט זיין!

— ווי אַזוי? —האָבן אַלע מיט אַמאָל געפרעגט.

— קאַמעראַד! —האָט דער פּאַרזיצנדער אַ רוף געטון דעם וואַכ־מאַן.— ברענג אַריין די דאַמע!

— צום באַפעל! —האָט דער וואַכמאַן געענטפערט. ער האָט אַ קלאַפּ געטון מיט די צוויי שפּאָרן, אַ געשריי געטון „הייל היטלער"! און פאַרשוואונדן הינטער דער טיר.

האַמאַסעק האָט אָבער נישט געקאָנט רוען. ער האָט ווידער אַמאָל געוואָלט נעמען אַ וואָרט. דער פּאַרזיצנדער האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט זיינע בלוטיקע אייגעלעך, און אַ געשריי געטון:

— שווייגן!...

אַלע זענען געבליבן זיצן שטיל. קיינער האָט מער נישט געוואַגט זיך קעגנצושטעלן דעם פּאַרזיצנדערס באַפעל.

געציילטע סעקונדן זענען דורכגעפלויגן ווי שאַרפע שפּיזן. באַלד האָט זיך די טיר געעפנט. אַ מיטליאַריקע דאַמע, אין טונקעלער קליי־דונג האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל. אַלע זענען געזעסן שטייפע ביים טיש, קיינער האָט נישט געוואַגט אויסצודרייען דאָס פּנים, צו זען ווער די דאַמע איז.

דער פּאַרזיצנדער איז געווען דער איינציקער וואָס האָט געענדערט זיין פּאָזיציע. ער האָט אומגעקערט זיין פּנים צו דער טיר, און מיט אַ געמאַכטער העפלעכקייט און אָנגעשטעלטן שמייכל האָט ער איינגעלאַדן די דאַמע צום טיש.

די דאַמע, ביי וועלכער עס איז געווען צו דערקענען אַן איינגעהאַל־טענע, שטאַרקע אויפרעגונג, האָט נישט געענטפערט אויף דער איינלאַ־דונג פון פּאַרזיצנדן. זי איז ווייטער געשטאַנען אַ שטאָלצע אין דער טיר און געוואָרפן סאַרקאַסטישע בליקן איבערן צימער. מיט שינאה און האַס האָט זי אָפּגעמאָסטן יעדן איינעם וואָס איז געזעסן ביים טיש, כאָטש זי האָט זייערע פּנימער נישט געקאָנט זען.

דער פּאַרזיצנדער האָט זיך טיפער איינגעקוקט אין דער דאַמעס פּנים. עפּעס איז זי אים געווען קענטלעך. ער האָט זי אַפילו געזען אויף אַ פייערונג, אָבער ער קאָן זיך נישט דערמאָנען וואו דאָס איז גע־ווען. ער באַמערקט — לויט איר עלעגאַנטער קליידונג און שטאָלצער האַלטונג — אַז זי מוז געהערן צו די אינטעליגענטע קרייזן, וועלכע ער האָט נישט שטאַרק ליב געהאַט. ער האָט געפּראַוווט שמייכלען צו איר. זי האָט אים אָבער אָפּגעענטפערט מיט אַ פאַרהאַסטן בליק, אַז ער האָט אַזש פאַרלוירן זיין געמאַכטן שמייכל אין זיינע מיצלער־וואָנסעלעך אַריין. ער האָט אָנגענומען אַן ערנסטן פּנים, און מיט שטרענגקייט און געמאַכ־טער גרויסקייט האָט ער זיך אָנגערופן:

— מאַדאַם, ביטע שיין, קומען זי נאָענטער און זאָגן זי וואָס זי פאַרלאַנגען פון אונדז.

די דאַמע האָט זיך ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט. זי איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צום טיש און נאָך לאַנגזאַמער גענומען רעדן:

— מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָט איר באַשמירט מיין הויז מיט וואַ־גאַבונדישע און געמיינע לאָזונגען ?!

די דאָזיקע ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַזוי פיל האַס און שינאה, מיט אַזויפיל ביטערניש, אַז עס איז אוממעגלעך געווען צו דערקענען אין דער דאַמע איר איידלקייט און שטענדיקע דעליקאַטע האַל־טונג. פראַנץ האָט מאָמענטאַל דערקענט איר שטימע. ער איז שנעל אויפגעשטאַנען פון זיין בענקל, און אויסשרייענדיק: מוטער! — האָט ער אַרומגענומען די דאַמע און אָפּגעדריקט אַ וואַרעמען קוש אין איר

האַנט. ער האָט אַרויסגערוקט זיין בענקל און געבעטן סוזין צו פאַרנע־מען דעם פּלאַץ.

אַלע זענען געבליבן ביים טיש ווי צעמישטע. די האַלטונג פון פראַנצן האָט אַלעמען אויפגערעגט. צו אַזאַ מין דערנידעריקונג וואָלט קיינער פון זיי נישט דערגאַנגען... האַמאַסעק —מער פון אַלע— האָט זיך אַזש אָנגעצונדן פון אויפרעגונג. ער האָט גערופן דעם פּאָרזיצנדן צו אָרדענונג און געפאָדערט אַז מען זאָל באַזייטיקן פראַנצן פון טיש, אָדער אים צווינגען צו שווייגן בעת דעם אויפנאַם פון דער דאַמע, וועלכע זעט אַגב נישט אויס צו זיין פון דער „העכערער ראַסע"...

דער פּאָרזיצנדער האָט אויפגעפאָדערט פראַנצן צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ ביים טיש, און ער אַליין וועט זיך שוין אָפּגעבן מיט דער דאַמע. ער וועט שוין אויסגעפינען אַלע „אומרעכטן" וואָס מען האָט געטון דער דאַמע, וועלכע איז די מוטער פון אַן אייגענעם קאַמעראַד, און איז אויך די פרוי פון...

— אַ ייד! —האָט סוזי אונטערגעכאַפּט.— יאָ, פון אַ ייד, וועלכער האָט געראַטעוועט דאָס לאַנד... וואָס האָט אויפגעשטעלט אַ דור פון די גרעסטע דאָקטוירים און וויסנשאַפטלער... וואָס האָט מיטגעהאָלפן פירן דעם קריג...

— און פאַרשפּילן אים! —האָט איר דער פּאָרזיצנדער מיט איראָ־ניע איבערגעריסן אין מיטן.

— פאַרשפּילט? —האָט סוזי מיט כעס איבערגערעפּרעגט.— איר האָט אַ טעות, מיינע הערן! אויב איר מיינט וועגן דער מילחמה אויפן שלאַכטפעלד, האָבן אַזעלכע העלדן ווי איר און אייערס גלייכן מיטגע־האָלפן זי צו פאַרשפּילן... די מילחמה אָבער, וואָס מיין מאַן פירט, וועט ער קיינמאָל נישט פאַרשפּילן... קיינמאָל נישט! זיין שלאַכט־פעלד איז די אוניווערזיטעט! זיינע שונאים — פאַרשידענע קראַנק־הייטס־מיקראָבן, טיפוס, האַרץ און מוח... זיינע זיגן — טויזנטער און טויזנטער דאָקטוירים וואָס האָבן באַרימט געמאַכט דאָס לאַנד, און הונ־דערטער טויזנטער סאָלדאַטן אויף די שלאַכט־פעלדער פון פראַנקרייך.

— אַזוי? —האָט דער פּאָרזיצנדער איראָניזירט.— הייסט עס, אַז דיין יידישער מאַן פירט מילחמה מיט ווערעם... אין די פיר ווענט פון דער אוניווערזיטעט! זייער גוט... זייער שיין... אפשר, מאַדאַם,

וואָלט געווען אַ פּלאַן, אַז איר זאָלט אייער קריגס-פּירער — אייער מאַן — שיקן צו אַלדע שוואַרצע יאַר, און...

— שווייג, לומפּ! — האָט סוזי אים איבערגעריסן אין מיטן ריידן. — ער איז מיין מאַן! דער פּאַטער פון מיינע קינדער! ער איז דער דער־ציער פון אייער קאַמעראַד, וועלכער זיצט צוזאַמען מיט אייך ביים טיש. אייביק וועט ער זיין מיין מאַן! אייביק...

— אַזוי? אייביק? — האָט דער פּאַרזיצנדער געחוזקט. — איר האָט אַ גרויסן טעות, מאַדאַם! אונדזערע דייטשישע שוועסטערן טאָרן זיך מער נישט מישן מיטן שמוציקן יידישן בלוט... זיי טאָרן זיך מער נישט צוזאַמענקומען מיט די שמוציקע יידן... זיי מוזן בלייבן ריינע ראַסן-דייטשן! פאַרשטאַנען??!

— ניין, מיין הער! אַזעלכע ווערטער פאַרשטיי איך נישט, הער פּאַרזיצנדער! — האָט אויך סוזי מיט איראָניע געענטפערט. — איך רעכן זיך ווייניק מיט אַזעלכע אָרדענונגס-פּירער ווי איר זענט! איך וועל זיך ווענדן צו מיין פּאַטער, צו מיין פּעטער. מיין מאַן מוז ווייטער פאַר־בלייבן דער רעקטאָר פון מינכענער אוניווערזיטעט!

— מאַדאַם! — האָט דער פּאַרזיצנדער זיך אויפגעשטעלט און מיט רוגזה אויסגעשריגן: — נאָך היינט וועט איר זיך שיידן מיט אייער מאַן! נאָך היינט. אויב איר ווילט נישט לייַדן די קאָנסעקווענצן פון אייער האַנדלונג! נישט אייער מאַן וועט זיין דער רעקטאָר, און נישט ער וועט זיין אייער מאַן. אויב איר ווילט נישט האָבן קיין שאַנדע!...

— שאַנדע?! — האָט סוזי מיט כעס אויסגעשריגן. — שאַנדע פאַר האָבן אַזאַ מאַן ווי מיינעם? איר האָט אַ טעות מיינע הערן! ער איז פאַר מיר דער גרעסטער שטאָלץ! און אויב איך — אַ דייטשישע פרוי — האָב שאַנדע, איז עס פון אייך און פון אייערע וואַנזיניקע קאַמעראַדן! פון אייערע שמוציקע אָרדענונגס-היטער!...

— שווייג, דו שמוציקע יידישקע! — האָט דער פּאַרזיצנדער זיך צעשריגן און געקלאַפּט מיט זיינע פויסטן אין טיש. — נאָך היינט וועסטו פילן וואָס עס הייסט שאַנדע! נאָך היינט!...

ער איז שנעל צו צום טעלעפאָן און אָנגעקלונגען צו די „שטורעמ־טרופּלער". פראַנץ איז שנעל צוגעלאָפן צו אים מיט אַן אויסגעשריי:

— קאַמעראַד! וואָס גייט איר טון?

— דאָס וואָס מען דאַרף! —איז געווען דער לאַקאָנישער ענטפער.

— היינט נישט... —האָט זיך פראַנץ ווי געבעטן ביי אים.— זי איז מיין דערציאונגס־מוטער...

— עס גייט מיך ווייניק אָן! —האָט דער פּאָרזיצנדער סאַרקאַסטיש געענטפערט.— און באַזונדער— האַלאָ! —האָט ער איבערגעריסן דאָס ריידן מיט פראַנצן און אַריינגערעדט אין טעלעפאָן־רערל.— האַלאָ! „ס. ס"? ריכטיק. מיר האָבן דאָ אַ פייגעלע... יאָ, יאָ, זי וויל נישט אַרויס פון שטייגעלע... איר פאַרשטייט נישט? אַך! גראָבע יונגען וואָס איר זענט! הערט: שיקט גלייך אַ וואָגן איינגעשפּאַנט מיט פיר יידן. מיר האָבן דאָ אַ פּאַסאַזשיר וואָס וויל זיך נאַקעטערהייט דורכשפּאַצירן איבער דער שטאָט! פאַרגעסט נישט מיטשיקן אַ גרויסן פּלאַקאַט מיט די ווערטער: „איך האָב אַ יידישן מאַן"! הייל מיצלער! ער האָט לאַנגזאַם אַוועקגעלייגט זיין טעלעפאָן־רערל און זיך אַוועקגעזעצט רואיק אויף זיין אָרט.

סוזי איז געשטאַנען מיט אַ פאַררייסענעם קאָפּ און שטאַלץ אַרויסגע־שטעלטע בריסטן, גלייך ווי די גאַנצע צוגרייטונג צו איר „שפּאַציר" וואָלט איר גאָרנישט אָנגעגאַנגען. אַלע אַרום טיש זענען געווען פריילעך און אויפגעהייטערט, זיך פאַרשטעלנדיק דעם פריילעכן ספּעקטאַקל וואָס זיי גרייטן צו און וואָס עס שטייט זיי פאָר...

דער איינציקער וואָס האָט נישט געקאָנט רוען, איז געווען פראַנץ. ער האָט שוין איינגעזען, אַז זיין אינטערווענץ אין דעם ענין וועט איצט גאָרנישט העלפן. זיין געדאַנק האָט געאַרבעט מיט אַטאָמישער שנעל־קייט און קראַפט. ער האָט געזוכט אַ פּאָדעם אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן, כדי צו ראַטעווען זיין דערציאונגס־מוטער פון דער שרעקלעכער שאַנדע, אַרומגעפירט צו ווערן איבער דער גאַנצער שטאָט אַ נאַקעטע, דערפאַר וואָס זי וויל זיך נישט אָפּזאָגן פון איר יידישן מאַן. ער האָט געזוכט אין אַלע ווינקעלעך פון זיין האַרץ, אין אַלע קעמערלעך פון זיין מוח. ענדלעך האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געבעטן אַ דערלויבעניש צו טע־לעפאָנירן.

— צו וועמען? —האָט דער פּאָרזיצנדער מיט פאַרוואונדערונג גע־פרעגט.

— צום זיידן, גענעראַל הינדענבראַנט! —האָט פראַנץ פעסט געזאָגט.

—נאָך וואָס? ! —האָט דער פאָרזיצנדער אין כעס אויסגעשריגן.

— נאָך וואָס? —האָט פראַנץ געענטפערט מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע.— זאָל ער אויך זען דעם ספּעקטאַקל... זאָל ער זען ווי זיין טאָכטערס נאַקעטער קערפּער וועט פאַרשפּאָט און פאַרחוזקט ווערן פון דער „העכערער ראַסע"... זאָל ער זיך אויך באַקענען מיט אייער פּראָגראַם...

— שווייג, דו אויסוואורף! —האָט דער פאָרזיצנדער אויסגעשריגן.

— אויב דו ווילסט נישט מיטמאַכן דעם גלענצנדיקן שפּאַציר מיט דיין יידישער דערציאונגס־מאַמע...

— יאָ! איך וויל! —האָט פראַנץ מיט שטורעם געענטפערט.

ער האָט גענומען פון זיך אַראָפּרייסן זיינע מלבושים און וואַרפן פון אַלע זייטן איבערן צימער. ער האָט געריסן דאָס אָנטועכץ פון זיך און געהאַלטן אין איין שרייען:

— שטעלט מיך אויך אַרויף אויפן וואָגן!... הענגט מיר אויך אָן אַן אַפּיש!... פירט מיך אויך איבער די גאַסן! מיך, דעם זון פון דאָקטער פריילין, פונקט ווי איר גייט פירן די טאָכטער פון גענעראַל הינדענבראַנט!... פירט מיך מיט איר צוזאַמען!...

די גאַנצע סקוואַדריליע האָט גענומען חוזק און אָפּשפּאָטן פון פראַנצן. אַלע האָבן זיך געוויגט פון געלעכטער. ווען דאָס געלעכטער האָט אויף איין מינוט אויפגעהערט, איז האָמאַסעק צוגעגאַנגען צו פראַנצן און האַלב־ערנסט, האַלב־שפּאַסיק געזאָגט צו אים:

— איך האָב געוואוסט אַז דו ביזט אַן אינטעליגענט... אַ שטודירטער... נאָר אַז דו זאָלסט זיך וועלן מיטכאַפּן מיט אַ נאַקעטער דאַמע, האָב איך נישט דערוואַרט פון דיר...

אַלע האָבן אויפסניי אויסגעשאָסן אין ווילדע געלעכטערס. עס האָט אויסגעזען, אַז נישט די ביטערסטע טראַגעדיע שפּילט זיך דאָ אָפּ, נאָר אַ פריילעכע צירק־פאָרשטעלונג פון קאָמישע פּאַיאַצן, פאַרשמירטע קלאָונען און ווילדע חיות...

פראַנץ, וועלכער איז געשטאַנען האַלב נאַקעט, האָט שוין איינגעזען, אַז ער וועט די געמיינע לומפּן מיט גאָרנישט אָפּשטראַשען; אַז זייער

באשלום איז א זיכערער; אז דער גורל פון סוזין איז שוין א געחתמע־טער. ער איז לאנגזאם צוגעגאנגען צו איר, און שעמענדיק זיך צו קוקן איר אין די אויגן אריין, האט ער מיט טרויער און מיטלייד איר געפרעגט:

— פראפעסארין, מוטער, וועט איר אויסהאלטן די שרעקלעכע שאנ־דע?

— קינד מיינס, — האט סוזי מיט מוטערלעכער הארציקייט געזאגט צו אים. — איך בין שטאלץ אז איך קאן מיט עפעס ברענגען א קרבן פאר מיין מאן. זאל עס אפילו זיין מיט חוזק איבער מיין קערפער... און ווען איך זאל דארפן מיט מיין לעבן דערפאר באצאלן, וואלט עס מיר אויך ליב און זיס געווען.

— אבער אזא שאנדע! — האט פראנץ איר איבערגעריסן.

— א שאנדע? — האט סוזי אונטערגעכאפט. — מיין שאנדע? דו האסט א טעות, מיין יינגל. עס איז מיין שטאלץ! מיין לערע פאר אנ־דערע פרויען! פרויען וואס האבן אויך יידישע מענער, און וועמען מען צווינגט אויך אז זיי זאלן זיי פארלאזן... איך וועל, ווי אין א הייליקער פראצעסיע, מאניפעסטירן מיט מיין קערפער פארן ווילן פון מאראלישן געזעץ! איך וועל דעפילירן מיט מיין נאקעטקייט די צוגעבונדנ־קייט צו אונדזערע מענער, די פאטערס פון אונדזערע קינדער... זאל מיין פאטער, דער גרויסער דייטשישער גענעראל, זיך פרייען מיטן שטאלץ פון זיין טאכטער! זאל ער זיין גליקלעך צו האבן אזא טאכטער, וועל־כע איז איבערגעגעבן צו דעם מאן וואס ער האט פאר איר אויסגעקליבן... זאל מיין פעטער — דער גרויסער פרעזידענט פון לאנד — זיין צופרידן מיט דער טעטיקייט פון זיינע אונטערגעארדנטע און אויספירער פון די באפעלן פון זיין ליבן און גוטן קאנצלער... ניין, מיין קינד! עס איז נישט מיין שאנדע!... אייער שאנדע וועט עס זיין!... אלע־מענס שאנדע! אלעמענס!... עס וועט זיין —

— די שאנדע פון לאנד!...

קאפיטל 14

אויפן וועג פון באפרייאונג

נאך דעם שאנד־שפאציר פון סוזי שטיינאך איבער די גאסן פון מינ־כען, האט זי זיך געפילט ווי אויסגעלייטערט. זי האט געפילט, אז זי איז באגאנגען א הייליקע טאט פאר איר מאן און פאר זיין יידיש פאלק. זי האט ערשט איצט דערזען די אייזערנע וואנט וואס מען וויל אוועק־שטעלן צווישן איר און איר מאן. זי איז צופרידן געווען פון דעם ספעק־טאקל וואס די ברוינע הינט, צוזאמען מיט דער שוץ־פאליציי האבן דורכ־געפירט, און וואו זי, סוזי, איז געווען די הויפט־ארטיסטין...

שווערער און דערדריקטער האט זיך געפילט דער רעקטאר איזידאר שטיינאך. ער האט געפילט, אז ער איז דער פאראורזאכער פון דעם „שענדלעכן אקט"... ער האט אלץ געזוכט ווערטער אויסצוזערן זיין פרוי גלויבנדיק דערמיט צו פארלייכטערן אירע ליידן צוליב דער שאנדע וואס זי האט זיכער געליטן פון נאקעטן שפאציר... סוזי האט זיך אבער אויסגעלאכט פון אים. מיט דער זעלבער הארציקייט און ליבע, ווי מיט פינפאונצוואנציק יאר צוריק, האט זי זיך איצט געווענדעט צו איר מאן און מיט טרערן אין די אויגן האט זי גערעדט צו אים:

— מיין טייערער און ליבער איזי. קלער נישט און טראכט גאר־נישט, אז „דאס" איז געווען א שאנד־טאט פאר מיר. פארקערט, ביזט מיר נאך איצט ליבער און טייערער פון פריער. איך האב אדורכגעמאכט דעם עקזאמען!... קיינער וועט מיך נישט אוועקרייסן פון דיר, אויסער דער טויט... מיין לאנד — טאר מער נישט זיין מיין לאנד... מיין פאלק — קאן מער נישט זיין מיין פאלק... שוין פינפאונצוואנציק יאר זענען מיר צוזאמען, דו — א ייד, און איך — א דייטשקע. איך האב געקלערט, מיין טייערער איזי, וואס פאר א מתנה זאל איך דיר שענקען

צו אונדזער זילבערנער חתונה? און אַט האָב איך אַ גלענצנדיקע מתנה פאַר דיר.

— איך דאַרף נישט, סוזי, קיין מתנות. —האָט איזידאָר איר אַריינגערעדט אין מיטן.— אויב דו פאַרבלייבסט מיט מיר, גייסט נישט צוריק צו דיין פאָלק, צו דיינע פייניקער, איז דאָס שוין די גרעסטע מתנה וואָס דו קאָנסט מיר געבן.

— ניין, מיין ליבער איזי —האָט סוזי ווידער געזאָגט.— נישט בלויז וואָס איך בלייב מיט דיר, נאָר נאָך עפּעס, און דאָס וועט מוזן זיין מיין שענסטע און ליבסטע מתנה: איך בלייב מיט דיין פאָלק!... איך וויל ווערן אַ יידישע פרוי! אַזוי אַרום וועט מיך קיינער נישט קאָנען צווינגען דיך צו פאַרלאָזן, וועסטו אייביק זיין מיינער.

— סוזי, וואָס רעדסטו? —האָט איזידאָר מיט טרערן אין די אויגן און מיט ציטערניש אין האַרצן אויסגעשריגן.— דו ווילסט ווערן אַ יידישע פרוי? ווייסטו וואָס דיר שטייט פאַר? ווייסטו די ליידן פון יידישן פאָלק? וועט דיין פאַמיליע דאָס דערלאָזן?

— איזי! —האָט סוזי אַ געטריי געטון.— און מיך אַ נאַקעטע אַרומשלעפּן איבער די גאַסן, האָבן זיי געקאָנט דערלאָזן!... און מיך אַרויסשטעלן צו שאַנד און צו שפּאָט פאַר די שמוציקע לומפּן און ביר־קעלער־העלדן, האָבן זיי געקאָנט דערלאָזן?... איבער פיר צענדליק יאָר ווי מיין קערפּער איז געווען פאַרהייליקט, פאַרשלאָסן, פאַרדעקט פאַר פרעמדע אויגן, און איצט? מען האָט מיט פרעכקייט אַרונטערגעריסן מיינע קליידער... מען האָט פאַרשוועכט מיין קערפּער... אויסגעלאַכט מיין הייליקע ווייבלעכקייט... ווי אַ קרעציקע האָט מען מיך געפירט איבער די גאַסן, כדי צו ווייזן מיין נאַקעטן קערפּער אַלע שמוציקע און מערדערישע לומפּן, שלעפּער און שיכורים... ניין! איזי! —האָט זי געהאַלטן אין איין שרייען— ניין! די ערד טאָר מער מיין לאַנד נישט זיין!... די שמוציקע און פאַרברעכערישע ברואים טאָרן מער נישט זיין די מענטשן פון מיין פאָלק!... אויב ס'איז מיר באַשערט צו ליידן, וויל איך ליידן אַלס אַ יידישקע, צוזאַמען מיט דיר... וויל איך טיילן מיינע ליידן מיט מיין מאַן... מיט זיין פאָלק... מיטן יידישן פאָלק.

סוזי האָט זיך שרעקלעך צעוויינט. זי איז געווען אינגאַנצן אַ צע־בראָכענע. איזידאָר האָט מער נישט געוואָלט רעדן. ער האָט געוואָלט אויסמיידן ווייטערדיקע אויפרעגונגען. מיט אַלע מיטלען האָט ער זי געפּרואווט בארואיקן, וואָס עס איז אים טאַקע געלונגען, אָבער נישט אויף לאַנג. ווען דער אָוונט איז צוגעפאַלן און פאַרוואָרפן זיין שוואַרץ־געדיכטע פינצטערניש איבערן הויז, און אין די הערצער פון דעם מינכע־נער רעקטאָר מיט זיין פאַמיליע, האָט זיך די אויפרעגונג און די ספּאַז־מאַטישע געשרייען פון סוזין נאָך מער פאַרשטאַרקט. מיטן אָנקומען פון פראַנצן, האָט זיך ביי סוזין אויפגעוועקט די גאַנצע סצענע פון „ברוינעם הויז" און דער נאָכקומענדיקער ספּעקטאַקל...

בעטי איז צוגעפאַלן צו איר חתן מיט געוויין, פאַרוואָס ער האָט דערלאָזט צו אַזאַ שאַנדע. זי האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז ער, דער גאַנצער „מאַכער" ביי די „ברוינע", האָט נישט געקאָנט באַ־וויזן אויסצומיידן די שרעקלעכע שאַנדע פון זיין מוטער.

פראַנץ האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער „שאַנד־ספּעקטאַקל" וועט אפשר האָבן געווירקט צום בעסערן פאַר דער גאַנצער פאַמיליע.

— ווי אַזוי? ווי אַזוי? — האָבן אַלע אינאיינעם געפרעגט. אַלע האָבן געשריגן, אַלע האָבן געוואָלט וויסן. אָבער מער פון אַלעמען האָט געשריגן סוזי: — היינט האָט מען מיך געפירט אַ נאַקעטע, ווייל איך האָב אַ יידישן מאַן; מאָרגן וועט מען מיט מיין טאָכטער טון דאָס זעלבע, ווייל זי האָט אַן אַרישן חתן... פראַנץ! פראַנץ! — האָט זיך סוזי ספּאַזמאַטיש צעשריגן. — וועסטו אפשר אויך דערלאָזן צו דעם?!...

— ניין! ניין! — האָט זיך פראַנץ אָנגערופן. — עס וועט נישט קומען צו דעם. עס וועט מוזן געפונען ווערן אַ מיטל דערצו, אַ מיטל צו פאַרלייכטערן אייער לעבן, ביז דער שרעקלעכער קאָשמאַר וועט אַריבער־גיין. איר פאַרשטייט דאָך גאַנץ גוט, די חברה איז פאַרכלינעט פון זיג! זיי ווייסן גאָרנישט וואָס זיי זאָלן טון פאַר פרייד, און וועלן זיי קאָנען די גאַנצע וועלט פאַרניכטן, כדי אַזוי אַרום צו פייערן זייער זיג — וועלן זיי עס זיכער טון.

— טאָ וואָס פאַר אַ פּלאַן האָסטו? — האָט איזידאָר געפרעגט.

— איך האב א פלאן! —האט סוזי איבערגעריסן דעם מאנס ווער־טער.— דאס וועט זיין דער בעסטער און באקוועמסטער פלאן.

— וואס? —האבן אלע מיט פארוואונדערונג געפרעגט.

— אוועקפארן פון דאנען! —האט סוזי מיט פעסטקייט געזאגט.— יא, אוועק! ווייט! איבער ימים, פעלדער און וועלדער! צו די ווילדע, אין די מידבריות אריין, אבי נישט צו זיין צוזאמען מיט דער „העברער" און „אויסדערוויילטער" ראסע...

— וועט מען עס דערלויבן? —האט איזידאר געפרעגט.— וועט מען אונדז דען וועלן באפרייען פון די קייטן אין וועלכע מיר האבן זיך פרייוויליק געלאזט שמידן?

— הערט, —האט זיך פראנץ אריינגעמישט— דער פלאן איז א גלענצנדיקער. אויב איר זענט אלע איינשטימיק, וועל איך זיך שוין מארגן ווענדן צו די העברער מאכט־ארגאנען, אז מען זאל אייך דערלויבן אוועקצופארן קיין אמעריקע. איר וועט דארטן זיין א שטיקל צייט, ביז אלץ וועט זיך דא פארבעסערן, דאן וועט איר צוריקקומען און ווידער פארזעצן אייער רואיק און ארבעטזאם לעבן.

— זיי וועלן אבער נישט דערלאזן, די לומפן! —האט סוזי מיט האס אין זיך אריינגעשריגן.— זיי מוזן אונדז דא האבן! זיי מוזן האבן וועמען צו פייניקן, וועמען צו באשמוצן!...

— מאמע, —איז האנס צוגעלאפן צו דער מוטער און באדעקט איר פנים מיט קושן— לאמיר דאס איבערגעבן פראנצן. ער איז דאך אונד־זער, פונקט ווי דיין זון, ווי מיין ברודער. ער וועט דאך נישט וועלן אז מיר זאלן ליידן; ער וועט דאך נישט וועלן, אז זיין כלה זאל דארפן אויס־שטיין פארברעכערישע און לומפיקע שאנדעס פון די גראבע יונגען. — פראנץ! —איז ער אוועק פון דער מוטער און איז צוגעגאנגען צו פראנ־צן.— מיר זענען דאך, אחוץ גוטע קאלעגן, ווי צוויי ברידער. פראנץ! פראנץ! קוק אן אט דאס ליידנדיקע פארפאלק! קוק אן די מענטשן, וועלכע האבן אזוי געזארגט פאר דיין לעבן, פאר דיין געזונט, פאר דיין שטודיום, פאר דיין היים. זע זייערע ליידן... פיל מיט זייערע שמער־צן... זאג מיר איין ווארט, פראנץ: — דארפן זיי דא אומקומען? דארפן זיי דא מיטמאכן דעם שרעקלעכן טייוולאנים־טאנץ פון די פאר־ברעכערישע אונטערוועלטניקעס? דארפן זיי אויסגיין פון שאנדע?

ווער וועט זיך אָננעמען פאַר אונדז? די גאַנצע וועלט וועט דאָך זיין שטום ווי אַ פיש, און מיט אַ רואיק געוויסן זיך צוקוקן צו אונדזער ווייטיק... צו אונדזער שאַנדע... דו, פראַנץ, ביזט דאָך אָבער אַן אייגענער, דו טאָרסט נישט אָוועקקוקן פון אונדז! אָט, זיצט דאָ אַ געבראָכענער אונדזער פאַרווייטיקטער פאָטער, דער גרויסער וויסנשאַפטסמאַן און רעקטאָר, פאַרווייטיקט, ווייל מען האָט אים פון זיין פולפיט צוגענומען; ווייל מען לאָזט אים נישט אויפשטעלן קיין ווייטערדיקע דורות פון וויסנשאַפטלער און מעדיצינער! קוק אָן אונדזער מוטער, וועלכע האָט נישט איין טרער געלאָזט פאַלן איבער אונדז, איבער אונדזער דערציאונג, איבער אונדזערע קראַנקייטן, און וועלכע איז גרוי געוואָרן פון שאַנדע וואָס דיין „הויכע ראַסע" האָט איר אָנגעטון... וועסטו איר לאָזן דאָ פאַרבלייבן, און זי זאָל כסדר פילן אויף איר קערפער די שאַנד פון פאָלק און לאַנד? פראַנץ! —האָט האַנס אַלץ געהאַלטן אין איין שרייען.— אָט איז דיין כלה, דיין האַרץ-געליבטע בעטי. וויפל וואונדערבאַרע און האַרציקע ליבע-מאָמענטן האָט זי דיר פאַרשאַפט; וויפל שעהן פון טרוימען און בענקשאַפט האָט זי דיר געגעבן? וועט דיין האַרץ נישט פּלאַצן פאַר ווייטיק, ווייסנדיק, אַז די, וועלכע דאַרף דיך באַגלייטן דיין גאַנץ לעבן, דיין געליבטע, דיין כלה — וועט דאַרפן זיין דער אָביעקט פון חוזק, שפּאָט און שאַנד? פראַנץ! קעמף פאַר אונדז און פאַר אונדזער באַפרייאונג!... פונקט ווי משה רבינו האָט געקעמפט, כדי צו קאָנען אַרויספירן די יידן פון מצרים — קעמף אויך, כדי אונדז צו באַפרייען פון דאַנען און מיר זאָלן קאָנען פאַרלאָזן דאָס לאַנד...

איזידאָר און סוזי זענען געבליבן דערשטוינט פון זייער זונס ווערטער. זיי האָבן נאָך אַלץ געמיינט, אַז זיי האָבן אַ ייִנגעלע, אַ קונדס, און דאָ זענען זיי גאָר, אַז זיי האָבן אַ גרויסן זון, אַ רייפער און דערצויגענער מאַן. אויך בעטי איז געווען באַגייסטערט פון איר ברודערס ווערטער, און כאָטש זי האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איין וויינען, אין איין גיסן מיט טרערן, האָט זי אָבער נישט פאַרפעלט צו הערן קיין איין וואָרט פון איר ברודער. אויך פראַנץ איז מיטגעריסן געוואָרן פון די ווערטער פון זיין דערציאונגס-ברודער און קאָלעגע. ער האָט ערשט איצט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ פליכט עס ליגט אויף אים... אַז ער איז דער איינציקער וואָס קאָן זיך אָנשטרענגען זיי אַרויסצוהעלפן אין זייער לאַגע;

און כאָטש ער גלויבט נישט אינגאַנצן, אַז ער זאָל זיין בכוח עפּעס צו קאָנען דערגרייכן פאַר זיי, דאָך באַשליסט ער אָנצואווענדן אַלע זיינע מעגלעכקייטן, צוצוגרייטן זייער באַפרייאונג און זייער אַרויספאָר פון לאַנד.

אָבער וואָס פאַרא כוחות פאַרמאָגט ער דען, אַז ער זאָל קאָנען אונ־טערנעמען אַזאַ אַרבעט? — האָט זיך פראַנץ אַליין פאַרטראַכט. ער האָט לאַנג אַריינגעקלערט דערין, און כאָטש ער האָט נאָך קיין רעכטן פּלאַן פאַר זיין אַרבעט נישט געפונען, דאָך איז ער גרייט געווען אַלץ צו טון, אַפילו זיין אייגן לעבן מקריב צו זיין פאַר דער אומגליקלעכער פאַ־מיליע. ער איז האַסטיק צוגעגאַנגען צו האַנסן, אים דערלאַנגט זיין האַנט און מיט פעסטקייט אין זיין שטימע האָט ער אויסגערופן:

— האַנס! איך שווער ביים אָנדענק פון מיינע טויטע עלטערן, ביי דעם גליק פון אייך אַלעמען. איך וועל אַלץ טאָן, נישט בלויז מיינע קענטעניש און מיין פּראַקטיק וועל איך אָנווענדן, נישט נאָר מיין נאָמען און מיין פיזישע קראַפט, נאָר אַפילו מיין גייסט, מיין מאָראַל —און ווען עס וועט נייטיק זיין— אויך מיין לעבן. אַלץ ווען איך אָנווענדן אייך אַלעמען צו העלפן. איך וויל, אַז די פייערונג פון דער זילבערנער חתונה פון אונדזערע עלטערן, זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ געזעגענונגס־ יום־טוב פאַר אייער באַפרייאונג, פאַר דעם בעסטן און האַרציקסטן פאַמיליען־ יום־טוב.

— טייערער און גוטער פראַנץ... —איז בעטי אַרויפגעפאַלן איר חתן אויפן האַלדז און זיך ספּאַזמאַטיש צעוויינט...

קאפיטל 15

דער טרערן־יום־טוב

סוזי און בעטי זענען שטארק פארפארעט. זיי האלטן אין איין רוי־מען און גרייטן זיך צו דעם גרויסן יום־טוב פון דער זילבערנער חתונה. די „ארישע" דינסט האט מען שוין לאנג ארויסגענומען פון הויז, און אלע שטוב־ארבעטן זענען איצט ארויפגעפאלן אויף סוזין און בעטין; און כאטש ביי דער טאטער, פונקט ווי ביי דער מוטער, האט געדראפט הערשן א פרייד פון דער צוגרייטונג און סערווירן דעם טיש צום היינטיקן יום־טוב, דערקענט זיך אבער דאך אין ביידנס פנימער מער טרויער ווי פרייד. ביידע פרויען האבן א סך צו ריידן וועגן היינטיקן טאג; ביידע האבן אבער מורא אנצוהייבן דאס געשפרעך, און אזוי, מיט אנגעלאדענע הערצער און מיט טרערן וואס זענען צו יעדן מאמענט גרייט צו פליסן, מיידן זיי אויס זיך צו באגעגענען פנים אל פנים, כדי נישט אויסצוברעכן אין א געוויין און נישט ארויסצוקומען מיט דער שפראך, וואס ליגט שוין גרייט אויפן צונג און בעט זיך שוין ארויסצוריידן... ארויסצואוויי־נען... אויסצולאדן זיך מיט דער שווערקייט וואס פרעסט אזוי שטארק דאס הארץ פון ביידע פרויען — מוטער און טאכטער...

די מוזיק־קלאנגען פון גאס האבן אבער איבערגעשלאגן זייערע טראכטונגען. אויף א מינוט האבן זיי זיך אפגעשטעלט פון זייער פאר־רען זיך ביי די גלעזער און טעלער. די מוזיק־קלאנגען פון „דייטשלאנד, דייטשלאנד איבער אלעס" האבן זיך געלאזט הערן דורך די אפענע פענצ־טער אין צימער אריין. סוזי איז געשטאנען ווי פארשטייפט. עס האט זיך איר פארגעשטעלט, אז זי איז נאך א קינדעלע; אז זי גייט מיט איר פאטער — דעם גענעראל — אויף א מיליטערישער דעפילאדע. דער אר־קעסטער שפילט דעם דייטשישן הימן, זי, סוזי, שטייט גלייך, און מיט רעספעקט הערט זי אויס די הייליקסטע מוזיק פון לאנד... בעטי האט

באמערקט די סטיכישע פארטראכטקייט און אנגעשטייפטקייט פון איר מוטער. זי איז שנעל צוגעגאנגען צום פענצטער און עס פארמאכט. זי האט גענומען איר מוטער ביי דער האנט, צוגעפירט זי צום בענקל און זי מעכאניש אוועקגעזעצט דערויף.

בעטי האט זיך צוריק גענומען צו איר ארבעט. זי איז שוין געווען בארואיקט מיטן אויפהערן פון די מוזיק־קלאנגען. זי איז געווען צופרידן, וואס מיטן פארמאכטן פענצטער האט דער בלוטיקער געשפענסט־מארש פון די אויפלעבנדיקע נאצים, זיך שוואך געלאזט הערן אין צימער.

באלד זענען אבער ביידע ווידער אויפגעציטערט געווארן. פון דער גאס האבן זיך געלאזט הערן פארשטארקטע קלאנגען פון געזאנג און מוזיק. דורך די פארמאכטע פענצטער האט זיך דייטלעך געלאזט הערן דער אפקלאנג פון הארסט־וועסל־ליד:

„ווען דאס יודנבלוט, אויפן מעסער גלאנצט"...

סוזי איז אויפגעשטאנען פון בענקל, צוגעגאנגען צו דער טאכטער, און מיט א פארוויטיקט הארץ האט זי קוים ארויסגערעדט:

— מוזיק... צו מיין זילבערנער חתונה...

— זארג נישט, מאמע, — האט בעטי מיט א געמאכטער פרייד געזאגט — דו וועסט נאך הערן שענערע מוזיק אין דיין לעבן — די פרייהייט־מוזיק פון דייטשישן פאלק און לאנד.

— ווען וועט עס זיין? — האט סוזי ארויסגעוויינט פון זיך.

— עס וועט נישט לאנג דויערן, — האט בעטי גלייך אונטערגעכאפט. — מיר וועלן אוועקפארן אין אן אנדער לאנד אריין, נאר אויף דערווייל. שפעטער וועלן מיר צוריקקומען אין א פרייער דייטשלאנד. נאר איצט וועלן מיר אוועקפארן...

— אוועקפארן? — האט סוזי איבערגעריסן בעטין אין איר שיינער פאנטאזיע. — מען לאזט דאך אבער אונדז נישט פארן! מען וויל אונדז דא פארפייניקן!... אפילו מיין פאטער קאן גארנישט אויפטון.

— עס קאן זיין, — האט בעטי אונטערגעכאפט — אז מען וועט אונדז לאזן פארן קיין בראזיל. קיין אמעריקע האט מען טאקע אונדז נישט דערלויבט, מען האט מורא פאר פאפאס וויסנשאפטלעכע אנטדעקונגען לטובת אמעריקע, אבער קיין בראזיל וועט פראנץ קאנען פועלן, אז מען זאל אונדז ארויסלאזן.

— ווער ווייסט? —האָט סוזי פּעסימיסטיש געזאָגט.— ווער ווייס צי ער וועט עפּעס קאָנען אויפטון. שוין אַ פּאָר טעג ווי ער קומט נישט אהער. וועט ער כאָטש קומען צו אונדזער יום־טוב?

— יאָ, מאַמע —האָט בעטי מיט אַ לייכטער פרייד געזאָגט.— ער האָט אפילו געקויפט אַ רינג פאַרן פּאַפּאַ. דער פּאַפּאַ פּראַוועט דאָך אויך היינט זיין פופציקסטן געבורטסטאָג. ער וועט זיכער קומען.

סוזי איז אַוועק פון טיש און איז צו צום פענצטער. זי האָט אויפגעשאַרט די גאַרדינען, און געקוקט אין אַלע זייטן אין גאַס אַריין. זי איז עטלעכע מאָל אַוועק פון פענצטער, ווידער צוגעגאַנגען. ענדלעך האָט זי איבערגעריסן דאָס שטילקייט, און כמעט ווי צו זיך אַליין האָט זי אויסגערעדט:

— וואָס קאָן דאָס זיין? שוין איבער צוויי שעה ווי זיי זענען אַוועק, און מען זעט זיי נישט צוריק. זיי האָבן געזאָלט גלייך קומען. וואו קאָנען זיי זיין?

— מאַמע, —האָט בעטי געזאָגט— זיי וועלן זיכער באַלד קומען. זיי האָבן געמוזט ערגעץ גיין.

— געמוזט גיין? —האָט סוזי אַ דערשטוינטע איבערגעפּרעגט.— וואוהין האָבן זיי דאָס געמוזט גיין? זאָג מיר, בעטי טייערע, איך זע אַז דו ווייסט, נאָר דו'היטסט זיך פאַר מיר.

בעטי האָט אויפן מאַמענס נישט געפילט דאָס וואָרט, וואָס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון איר מויל. זי האָט נישט דערוואַרט אַז די מוטער וועט לייגן אַכט אויף דעם וואָרט. זי האָט געוואָלט פאַרטושן דעם איינדרוק און מאַכן פאַרגעסן דער מוטער וועגן דעם „וועג", וואו דער פאָטער מיטן ברודער זענען אַוועק. זי האָט זיך געמאַכט נישט הערן דער מוטערס ווערטער, און גלייך ווי גאָרנישט, האָט זי ווייטער געזאָגט:

—'זיי וועלן זיכער באַלד קומען. היינט איז דאָך אייער יום־טוב... אַ טאָפּלטער יום־טוב. דער פּאַפּאַ פּראַוועט היינט זיין פופציקסטן געבורטסטאָג, און איר ביידע — אייער זילבערנע חתונה. קיינער וועט דאָך נישט וואָגן צו שטערן אונדזער יום־טוב!...

— שטערן אונדזער יום־טוב? —האָט סוזי מיט אַפּאַטיע געפרעגט.

— האָבן מיר זיך דען ווייניק אָנגעליטן די לעצטע צייט? ווייניק שאַנדע

געהאַט? וואָס וויל מען דען פון אונדז?!... פאַרוואָס קומען זיי נישט — האָט זיך שוין סוזי צעוויינט. — פאַרוואָס? פאַרוואָס?!

— מאַמע, — האָט בעטי זי אַרומגענומען מיט טרייסט־ווערטער — באַרואיק זיך, ווײַן נישט, זיי וועלן זיכער באַלד קומען, און מיר וועלן צוזאַמען פייערן אייער יום־טוב.

— אָבער, וואו איז ער אַוועק שוין אַזוי לאַנג? — האָט סוזי גע־האַלטן אין איין פרעגן און ברעכן מיט די הענט. טויזנטער געדאַנקען זענען איר געקומען אין קאָפּ אַריין. אפשר אין קאָנצענטראַציע־לאַגער... אפשר אין „געשטאַפּאָ"... אָדער אפשר גאָר... אין „קיינעמס לאַנד" צווישן פּוילן און דייטשלאַנד...

בעטי האָט זי ווידער געפּרואווט באַרואיקן, אָבער סוזי האָט אַלץ ווייטער גערעדט און געוויינט, געוויינט און גערעדט:

— וואו זאָל ער זײַן? אין אוניווערזיטעט אַריין, קומט ער שוין נישט, אַרויסגעוואָרפן אים פון דאָרטן... 25 יאָר איז ער דאָרטן געווען דער רעקטאָר... 25 יאָר האָט ער דאָרטן זײַן קאַטעדרע פאַרנומען... 25 יאָר האָט ער געגעבן זײַן כוח און מוח פאַרן לאַנד... און נאָך פריי־ער? — געווען אין דער מילחמה... דעם אייזערנעם קרייץ באַקומען... דער „רעטער פון לאַנד" געווען... געקומען פון שלאַכטפעלד — און צוריק צום אוניווערזיטעט, צוריק צו דער קאַטעדרע... וויפל וויסנ־שאַפטלעכער האָט ער גרויס געמאַכט פאַרן לאַנד? וויפל וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען האָט ער געמאַכט?... אַלע זײַנע יאָרן איז ער געווען דער שטאָלץ פון דער אוניווערזיטעט... דער שטאָלץ פון דייטשלאַנד...

— מאַמע, — האָט בעטי געפּרואווט איבעררייסן דער מוטערס קאַלטן מאָנאָלאָג — מאַמע, דערמאָן מער נישט דאָס פאַרגאַנגענע!

סוזי האָט אָבער נישט געהערט דער טאָכטערס ווערטער. זי איז ווי אַ פאַרשטיינערטע געזעסן אויף איר בענקל, אָנגעלענגט איר קאָפּ אויף די הענט, און ווי איינע וואָס האָט גאָרנישט מער וואָס צו טון, נאָר דערמאָנען דאָס פאַרגאַנגענע, האָט זי ווייטער גערעדט:

— ער איז געווען דער ליבלינג פון דער וויסנשאַפטלעכער וועלט... ער האָט דערצויגן אונדזער האַנסן ווי אַ שטאָלצן נאָכפאָלגער פון זיך... אונדזער האַנס... וואו איז ער איצט? וואו איז האַנס?!...

סוזי האָט צוריק דערוואַכט פון איר גלייכגילטיקייט. זי האָט זיך

ווידער דערמאָנט אין איר מאַן און איר זון. זי האָט ווידער גענומען שטעלן פראַגן. בעטי האָט זי גענומען באַרואיקן און איר דערמאָנט, אַז האַנס איז אַוועק צוזאַמען מיטן פאָטער.

— אָבער, וואוהין זענען זיי אַוועק? ! —האָט סוזי ווידער גענומען וויינען און שרייען.— בעטי, טאָכטער מיינע, דו ווייסט וואו זיי זענען אַוועק. זאָג מיר, זאָג מיר קינד מיינס!

— מאַמע — האָט בעטי אַנידערגעקניט ביי דער מוטערס שויס, כדי אַזוי אַרום איר פאַרלייכטערן אויסצוהערן איר ענטפער. זי האָט מורא געהאַט פאַר די פאָלגן וואָס איר ענטפער קאָן האָבן אויף דער מו־טער. מיט רואיקייט און געמאַכטער קאַלטקייט האָט זי געזאָגט:

— מען האָט זיי גערופן אין... אין...

— וואו אהין? —האָט סוזי איבערגעריסן.— וואו אהין האָט מען זיי דען גערופן?

בעטי האָט געפרואווט אָפּציען מיט ווערטער און מיט פּייזעס צווישן די ווערטער. ווען זי האָט אָבער געזען אַז עס וועט שוין גאָרנישט העלפן, אַז דאָס אויסמיידן דעם ריכטיקן ענטפער קאָן נאָך האָבן שלעכטע פאָלגן אויף דער מוטער, האָט זי שוין מיט שטילקייט און מיט אַן איינגעהאַל־טענעם אָטעם זיך אויפגעשטעלט. זי איז אַריינגעגאַנגען אין מיטן צי־מער אין שטיל, ווי וועלנדיק אַז די מוטער אַליין זאָל נישט דערהערן, האָט זי פון צווישן די ציין געלאָזט אַרויספאַלן דאָס שרעקנדיקע און טראַגישע וואָרט:

— אין... געשטאַפּאָ...

— אין געשטאַפּאָ! —האָט סוזי מיט טרערן אויסגעשריגן.— דאָרטן! אין יענעם גיהנום אַריין!... אין יענעם פייער אַריין! אין יענעם אומגליקלעכן הויז אַריין!... וועלן זיי צוריקקומען? וועט מען זיי פּריילאָזן פון דאָרטן?!...

מער האָט זיך שוין סוזי נישט געקאָנט באַהערשן. זי איז אַ צוזאַ־מענגעבראָכענע אַוועקגעפאַלן אויף דער סאָפע, זיך ספּאַזמאַטיש צע־וויינט, און ווי אַ משוגענע האָט זי געהאַלטן אין איין שרייען:

— מיין מאַן!... מיין זון!... מען וועט זיי דאָרטן פאַרפּייניקן!... פאַרניכטן!... אומברענגען!...

— ווייז נישט, מאמע, —האט בעטי נישט געוואוסט ווי אזוי צו בארואיקן און איינשטילן איר לייהנדיקע מוטער. זי האט געזוכט ווער־טער; אריינברענגען אין איר א געדאנק, אז זיי וועלן זיכער באלד קומען. זעענדיק אבער, אז קיין ווערטער און איבערצייגונגען העלפן נישט, האט זי אנגעווענדעט דאס לעצטע און זיכערסטע מיטל, זי האט מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט זיך איינגעקלאמערט אין דער מוטער, שעפטשנדיק כסדר:

— זיי וועלן באלד קומען, מאמע, זיי וועלן זיכער באלד קומען. מיין פראנץ איז דאך דארטן.

— דיין פראנץ... דיין פראנץ —האט סוזי מיט טרערן געזאגט— איז דאך א דייטש... און אריער... צי וועט ער דען זיי קאנען בא־פרייען פון דער מערדערישער נעסט?!... פארוואס קומען זיי נישט!?...

סוזי האט געהאלטן אין איין וויינען. זי איז שוין געווען זיכער, אז זי וועט זיי שוין מער פאר אירע אויגן נישט זען. אין מיטן וויינען האט זי זיך אבער דערמאנט, אז זי ווייס אפילו נישט נאך וואס מען האט זיי גערופן. מיסתמא האבן זיי דאך געהאט א מאטיוו דערצו. זי האט טאקע איינגעהאלטן איר געוויין און כמעט א בארואיקטע האט זי גע־פרעגט:

— בעטי, דו האסט געזאגט, אז מען האט זיי דארט אהין גערופן. נאך וואס האט מען זיי גערופן? נאך וואס זענען זיי דארט אוועק?

סוזי, דערמאנענדיק זיך וואוהין זיי זענען אוועק, איז ווידער אויס־געבראכן אין א שטילן געוויין, פונקט ווי איינער באוויינט א מת און האט שוין מער קיין כוחות דערצו. בעטי האט ווידער גענומען גלעטן און קושן איר מוטער, און אליין איינהאלטנדיק אירע טרערן, האט זי גע־האלטן אין איין בעטן זי:

— ווייז נישט, מאמע. זיי האבן געמוזט גיין. מען האט זיי גע־רופן וועגן זייער ביטע צו דערלויבן זיי פארן קיין בראזיל.

— בראזיל... בראזיל — האט סוזי גענומען רעדן צו זיך אליין. זי האט זיך אנגעהויבן דערמאנען פון אירע קינדער־יארן אין גימנאזיע, ווען דער לערער פון געאגראפיע האט געשילדערט פאר די שילער די פארשידענע שטעט און לענדער. אירע אויגן האבן באקומען א לעבעדיקן

גלאַנץ. אירע בליקן זענען געוועגדעט ווייט... ווייט אויפן דרום פון דער וועלט, וואו עס עקזיסטירט דאָס פרייע זוניק־גאָלדענע לאַנד בראַזיל... — דאָס לאַנד פון שטענדיקן פרילינג... זי דערמאָנט זיך אין מיטן פון איר לאַגע. זי הייבט אָן ציטערן אינגאַנצן פון שרעק. זי דערמאָנט זיך, אַז איר מאַן מיט איר זון זענען „דאָרטן״... זי כאַפּט אַרום איר טאָכטער — איר איינציקער טרייסט וואָס זי האָט נאָך לעבן זיך. זי דריקט זי שטאַרק צו צו איר לײַדנדיק האַרץ און איינהאַלטנדיק אירע טרערן, וואָס זענען שוין געוואָרנט כסדר צו פליסן ווי אַן אָפענער קוואַל, נעמט זי אין איין אָטעם רעדן צו בעטין:

— בעטי, בעטי, ווען מיר באַווייזן צו באַטרעטן מיט אונדזערע פיס דאָס פרייע לאַנד בראַזיל? וועלן מיר נאָך פילן אַ פרייען בלויען הימל איבער אונדזערע קעפּ? וועלן מיר נאָך אַרויסגיין אַן אונדזער שאַנד־פלעק — די „געלע לאַטע״ — אויף אונדזערע אָרעמס? בעטי! בעטי! — האָט זי זיך אין מיטן דערמאָנט. — פאַרוואָס קומען זיי נישט?!... פאַרוואָס! פאַרוואָס!...

סוזי איז ווידער אַרײַנגעפאַלן אין אַ יאָמערלעכן געוויין. בעטי איז געבליבן ווי אַ צעמישטע, זי האָט שוין נישט געפונען קיין ענטפער אויף צו באַרואיקן איר מוטער, כאָטש זי אַליין איז שוין אויך געווען אומרויִק איבערן גורל פון איר ליבן פאָטער און ברודער. זי איז צוגעלאָפן צו דער טיר, עס האָט זיך איר אויסגעוויזן אַז מען קלאַפּט דאָרטן. נאָר לײַדער איז קיינער נישט געווען. זי איז צו צום פענצטער, און מיט שרעק האָט זי דערזען, אַז איר פראַנץ קומט צוריק אַליין, אָן איר פאָטער און ברודער. זי האָט זיך אויפן מאָמענט נישט געקאָנט אָריענטירן, צי זאָל זי זאָגן דער מוטער אָדער נישט. זי איז שנעל צוגעלאָפן צו סוזין, אַרומגעוויישט אירע טרערן און קוים אַרויסגערעדט:

— מאַמע... מאַמע, וועסט זען... זיי וועלן באַלד קומען... אָט! זעסט! פראַנץ איז שוין דאָ... מיר וועלן באַלד אַלץ וויסן.

פראַנץ האָט נישט באַוויזן צו באַווייזן זיך אין טיר, ווי סוזי איז אויפגעשפּרונגען פון איר אָרט און צוגעלאָפן צו אים מיט אַן אויסגעשריי: פראַנץ! פראַנץ! מער האָט זי נישט געקאָנט רעדן. זי איז אינגאַנצן אַ צעבראָכענע אַרויפגעפאַלן אויף אים מיט אַ געוויין. פראַנץ האָט זי

אונטערגעכאַפּט. ער האָט זי לאַנגזאַם צוגעפירט צו דער סאָפע און זי אַוועקגעזעצט. סוזי האָט מער קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסריידן. אירע שטומע בליקן זענען געפאַלן אויף פראַנצן. זי האָט מורא געהאַט עפּעס צו פרעגן, און נאָך מער מורא געהאַט פאַרן ענטפער. פראַנץ האָט געפילט אויף זיך אירע שטומע בליקן און די נישט־אַרויסגעזאָגטע פראַגעס פון ביידע פרויען. ער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי אָנצוהייבן. אויך אין זיין האַרץ האָבן איצט געקעמפט פאַרשידענע געדאַנקען. ער איז אינגאַנצן צעטרייסלט געוואָרן, פון זיין איצטיקן באַזוך אין געשטאַ־פּאָ. ער האָט אָבער געמאַכט אַ רואיקע מינע, און מיט געמאַכטער גלייכ־גילטיקייט האָט ער געפרעגט:

— איר האָט איבערגעקלערט?

— וועגן דיר, נישט, —האָט בעטי סאַרקאַסטיש געענטפערט.— דו ביסט דאָך פון די אויסדערוויילטע... דיין ראַסע איז דאָך איצט די הערשנדיקע... דו ביסט דאָך אַן אַריער!... אַן אויסנאַם!... וואָס קאָן מען דען קלערן וועגן דיר! וועגן פאַפאַ און האַנסן האָבן מיר גע־קלערט. זיי זענען דאָך דאָס אָפּפאַלעכץ... די נידעריקסטע פון לאַנד... זיי — דיינע לערער און קולטור־טרעגער; זיי, די אַמאָליקע קעמפער און פאַרטיידיקער פון דיין לאַנד — זיי זענען דאָך איצט דאָס מיסט פון לאַנד... אַרויסגעשטויסענע פון דער געזעלשאַפט...

— בעטי, —האָט זי פראַנץ אָנגענומען ביי דער האַנט און איר ליב־לעך געקוקט אין די אויגן אַריין.— רעד נישט צו מיר מיט אַזאַ שפּראַך. דו קענסט מיך שוין גאַנץ גוט. כאָטש איך בין אַ דייטש און דו — אַ יידישע, רעכן איך זיך ווייניק דערמיט און פאָלג נישט קיינעם.

— אין דער „געשטאַפּאָ” —האָט בעטי אונטערגעכאַפּט— ווייסן זיי פון דיין ליבע צו אַ יידיש מיידל?

— יאָ! —האָט פראַנץ מיט זיכערקייט געענטפערט.

— און זיי פאַרבאָטן עס דיר נישט? —האָט בעטי פאָרשנדיק גע־קוקט אין זיינע אויגן אַריין.

— ניין... —האָט שוין פראַנץ אַביסל אין פאַרלעגנהייט געזאָגט.

— נאָר... נאָר...

— וואָס נאָר? —האָט בעטי שנעל געפרעגט.

— פראַנץ! —האָט סוזי אין מיטן איבערגעריסן זייער געשפּרעך.—

זאָג מיר: וואו איז מיין מאַן מיט מיין זון?

— אין... אין... —האָט פראַנץ זיך געפּרואווט אַרויסדרייען, און דאָך געענטפערט: —אין געשטאַפּאָ.

— איך וויים עס! —האָט סוזי מיט אומגעדולד געזאָגט.— איך וויל אָבער וויסן, פאַרוואָס זיי קומען נישט צוריק? זאָג מיר פראַנץ דעם אמת: האָט מען זיי דאָרטן פאַרהאַלטן?

אַ קורצע ווייַלע האָט געהערשט אַ מוראדיקע שטילקייט. גאַנצע וועלטן זענען פאַרבייגעלאָפן דורך די געציילטע סעקונדעס. עס איז שווער געווען פאַר פראַנצן צו קאָנען געבן גלייך אַן ענטפער. ער האָט געזען די לאַגע אין וועלכער ביידע פרויען געפינען זיך. ער האָט אָבער אויך מורא געהאַט פאַר די קאָנסעקווענצן פון זיין ענטפער. די שטאַרקע און פרעגנדיקע בליקן פון סוזין האָבן אים אָבער נישט געלאָזט לענגער שווייגן. ער האָט אַראָפּגעלאָזן זיינע אויגן, ווי אַ פאַרשעמטער, אַז קיין מענטשלעכער בליק זאָל נישט באַגעגענען זיין טראַגישן ענטפער. שטיל, ווי וואַלנדיק אַז קיינער זאָל נישט דערהערן, און דאָך זאָל ער האָבן גע־ענטפערט — האָט ער קוים אַרויסגערעדט:

— יאָ... זיי זענען פאַרהאַלטן אין „געשטאַפּאָ”.

סוזי און בעטי זענען געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך. זיי האָבן שוין מער נישט רעאַגירט, גלייך ווי אַנדערש האָט גאָרנישט געקאָנט זיין... סוזי האָט נאָר אָפּגעוואַרט אַ מינוט, און ווי גלאַט אַזוי צו שטעלן אַ פראַ־גע, האָט זי אַ זאָג געטון:

— אויף שטענדיק?

— ניין! —האָט פראַנץ האַסטיק געענטפערט.— עס זענען נאָך פאַראַן האָפענונגען אויף באַפרייאונג.

— ווי אַזוי? —האָבן ביידע פרויען האַסטיק געפרעגט.

— איין באַדינג איז דאָ פאַר זייער באַפרייאונג —האָט פראַנץ, ווי נישט הערנדיק זייער פראַגע פאָרגעזעצט.— איין באַדינג, און זיי וועלן קאָנען פריי ווערן, און...

— קאָנען פאָרן קיין בראַזיל? —האָט סוזי אַרויסגעכאַפּט זיך מיט אַ וואָרט, וועלכן זי וואָלט עס גערן געוואָלט הערן.

— יאָ! —האָט פראַנץ מיט זיכערקייט געענטפערט.— מיר וועלן אַלע קאָנען פאָרן קיין בראַזיל.

— מיר, אלע? —האט בעטי פארוואונדערט געפרעגט.

— וואס איז דער באדינג? —האט סוזי גלייכצייטיק געפרעגט.

פראנץ האט זיך אוועקגעדרייט פון ביידע פרויען. עס איז קענטיק געווען, אז עס איז אים שווער געווען צו ענטפערן אויף ביידע פראגעס. ער איז געבליבן שטיין ביים פענצטער מיט אן אראפגעלאזטן קאפ. ער האט דורכן פענצטער געזען די געביידע פון דער געשטאפא וואו עס געפינען זיך איצט זיין באליבטער פראפעסאר און זיין בעסטער קאלעגע. דארטן, אין דער געשטאפא,ווארט מען אויף זיין ענטפער. ער איז איצט דער איינציקער מענטש אין דער וועלט וואס קאן זיי ראטעווען. ער פילט ווי א שווערער און ביטערער גורל הענגט איצט איבער זיי, און אויב זיי וועלן חלילה דארטן אומקומען — וועט ער, פראנץ, — וואס האט זיין לעבן, זיין דערציאונג און שטאנד צו פארדאנקען דעם פראפעסאר — זיין דער שולדיקער דערין... נו? קאן ער דאס דערלאזן?!

ער שפרינגט האסטיק אפ פון פענצטער, ער וויל מער „יענע" באנדיטן־נעסט נישט אנקוקן. ער לויפט ארום איבערן צימער א צעשטרייטער, א צעמישטער. לאנגזאם גייט בעטי צו צו אים, האלט אים אפ אין מיטן לויפן. זי נעמט אים ליבלעך אן ביי דער האנט, און באטראכט אים, ווי מען נעמט איין א קליין צעפיעשטשעט קינד. זי זעצט זיך אוועק צוזאמען מיט אים אויף דער סאפע, און ווען ער האט זיך שוין אביסל בארואיקט, האט זי, א שטילע, א ליידנדיקע, אים א פרעג געטאן:

— פראנץ טייערער, פארוואס ביסטו אזוי אויפגערעגט? פארוואס דערציילסטו אונדז נישט וועגן אונדזער פאטער און ברודער? פארוואס זאגסטו אונדז נישט דעם באדינג פון זייער באפרייאונג?

— דעם באדינג...! —האט פראנץ זיך אויפגעריסן פון זיין ארט און ווידער גענומען לויפן איבערן צימער.— דעם באדינג זיי צו באפרייען ווילט איר ווייסן? יא! איר ווילט אים ווייסן! יא!...

פראנץ איז ווידער געבליבן שטיין א פארשטארטער אין מיטן צימער. סוזי מיט בעטין זענען צוגעלאפן, און מיט די אויגן און חושים האבן זיי גערעדט צו אים. פראנץ האט זיך אביסל בארואיקט. ער האט ביידן אנגעקוקט אביסל פארשטארט, באלד אבער האט ער באשלאסן לענגער נישט צו ווארטן, און כמעט שוין אינגאנצן א בארואיקטער, האט ער —קוקנדיק ביידן אין די אויגן אריין— געזאגט:

— דער באַדינג זיי צו באַפרייען איז: איך זאָל ווערן א... ייד...

— האאא! —האָבןביידע פרויען מיט אַמאָל אויסגעשריגן.

— יאָ!... יאָ...! אַזוי איז עס! איך זאָל ווערן אַ ייד, און צוזאַמען מיט אייך מיטפאָרן...

— מיטפאָרן קיין בראַזיל! —האָט בעטי אים איבערגעריסן, און אַ פריידנס־טרער האָט ארויסגעגלאַנצט פון אירע אויגן.

— יאָ, בעטי, —האָט פראַנץ ווייטער גערעדט.— ווערן אַ ייד, מיט־פאָרן קיין בראַזיל, און...

פראַנץ האָט זיך פאַרהאַקט ביי די לעצטע ווערטער. עס איז אים שווער געווען צו פאַרענדיקן. סוזי האָט עס גלייך באַמערקט, און מיט מוטערלעכקייט אין אירע ווערטער האָט זי —צוגייענדיק צו פראַנצן— לאַנגזאַם ארויסגערעדט:

— פראַנץ, פאַרוואָס פאַרענדיקסטו נישט אינגאַנצן? פאַרוואָס רעדסטו נישט אַלץ ארויס? מען האָט מיך שוין צוגעוואוינט אַז איך זאָל זיין צוגעגרייט צו אַלעם... רעד ווייטער, פראַנץ, זאָג אַלעס ארויס... זאָג וואָס „דיינע מענטשן" פאַרלאַנגען פון דיר...

פראַנץ האָט געפילט דעם שרעקלעכן שטאָך. ער האָט אָבער באַ־שלאָסן אראָפּצושלינגען די ביטערניש אינגאַנצן. זאָל עס אים קאָסטן זיין כבוד, זיין מאָראַל, זיין לעבן... ער מוז אויסטרינקען דעם בעכער ביזן סוף... ער האָט געפילט אויף זיך די אָנגעשטרענגטע בליקן פון ביידע פרויען. ענדלעך האָט ער ארויסגעפּלאַצט:

— ...איך מוז ארבעטן אין בראַזיל... לטובת... דייטש־לאַנד...

— אַ שפּיאָן?! —האָט זיך ביי סוזין ארויסגעריסן.

— ליידער, יאָ, — האָט פראַנץ אַפּאַטיש געענטפערט.

— און דו ווילסט עס אויך ווערן? —האָט בעטי אויפגעציטערט.

— יאָ, —האָט פראַנץ אינערלעך געקעמפט מיט זיך און ענדלעך מיט קאַלטקייט געזאָגט—, יאָ!... יאָ!... איך מוז!...

— פראַנץ! —האָט בעטי מיט טרערן אין אירע אויגן אויסגעשריגן.

— וואָס גייסטו טון? ווילסט זיך אויך אָנשליסן אין דעם מערדערלעכן

סיסטעם?... ווילסט אויך ווערן אונדזערס אַ קעגנער? ווילסט אויך באַקעמפן דאָס יידנטום, און נאָך אונטער אַ יידישער מאַסקע?...

— בעטי... — האָט פראַנץ אַרויסגעוויינט פון זיך. — איך מוז עס טון! איך מוז! — קעגן מיין ווילן...

— קעגן דיין ווילן? — האָט בעטי אַ דערשטוינטע געפרעגט.

— יאָ... יאָ... — האָט פראַנץ אַרויסגעקרעכצט.

— ווען יאָ, — האָט זיך שוין סוזי אַריינגעמישט —, טאָ צו וואָס דאַרפסטו נאָך ווערן אַ ייד! בלייב אַ דייטש!

— ניין, — האָט פראַנץ געענטפערט. — אַלס דייטש קאָן איך נישט פאָרן קיין בראַזיל, כדי עס זאָל נישט פאַלן קיין חשד אויף מיר, אָבער אַלס ייד, פאָר איך אַריין קיין בראַזיל צוזאַמען מיט אַנדערע אַנטלאָפענע יידן פון דייטשלאַנד.

— ווער צווינגט דיך דען דערצו? — האָט סוזי אים ווידער גענו־מען פאָרשן, כאָטש זי האָט שוין פון פאָרויס געוואוסט דעם ענטפער.

— די „געסטאַפּאָ" — האָט פראַנץ מעכאַניש געענטפערט.

— און אַז נישט? — האָט סוזי געוואָלט וויסן דעם רעזולטאַט, אויב פראַנץ וועט נישט וועלן ווערן קיין שפּיאָן.

— אַז נישט — האָט פראַנץ געענטפערט — פאַרבלייבט איר דאָ אין דייטשלאַנד פאַרהאַסטע! אַרויסגעשטויסענע פון דער געזעלשאַפט, מיט „געלע לאַטעס" אויף די אָרעמס... דער פּראָפעסאָר און האַנס וועלן שוין קיינמאָל נישט זען די ליבטיקע שיין פאַר זייערע אויגן... זיי ווערן אָוועקגעשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער...

— אין קאָנצענטראַציע־לאַגער... — האָט סוזי צוזאַמענגעבראָכן אין אַ יאָמערלעכן געוויין. — מיין מאַן... מיין זון... היינט, אין אונדזער יום־טוב־טאָג... אונדזער זילבערנער חתונה־טאָג... פאַר־וואָס פאַרשטערן זיי אונדזער לעבן? — האָט סוזי יאָמערלעך געשריגן. — פאַרוואָס קומט עס אונדז?... פאַרוואָס? פאַרוואָס?...

— מאַמע טייערע, — איז בעטי צוגעלאָפן צו דער מוטער און זי גענומען באַרואיקן. — דו וועסט זען, מאַמע, אַז מיין פראַנץ וועט זיי באַ־פרייען, ער וועט אַלץ דערליידיקן.

— דערליידיקן... דערליידיקן... — האָט סוזי געשלוכצט אין

זיך.— ווערן א שפיאָן צוליב אונדז... אונטערגראָבן די עקזיסטענץ פון א לאַנד וואָס מיר קענען עס נאָך אפילו נישט... ניין! ניין!!— האָט סוזי מיט אַלע אירע כוחות געגומען שרייען— איך וויל נישט! איך וויל נישט מיטהעלפן אונטערגראָבן דאָס גאַסטפריינטלעכע בראַזיל. איך וויל נישט!... איך וויל נישט!...

— און אייער מאַן? —האָט איר פראַנץ אריינגעשריגן אין איר געוויין אריין.— און אייער זון? זיי וועלן מוזן בלייבן פאַרהאַלטן אין „געסטאַפאָ”...

— זאָלן זיי בלייבן... —האָט סוזי א פאַרוויינטע געזאָגט.— זאָל מען זיי פאַרהאַלטן...

— מען וועט זיי שיקן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער! —האָט פראַנץ פאַרגעזעצט, וועלנדיק זי אַפּשרעקן, אז זי זאָל געבן איר צושטימונג צום „טראַגישן באַדינג”.

— זאָל מען זיי שיקן... —האָט סוזי אַפּאַטיש געזאָגט.— זאָלן זיי מיך אויך מיטנעמען... עס וועט זיין גלייכער דאָרטן אויסצוגיין מיט א ריינער נשמה, איידער לעבן אין א ריין לאַנד, מיט א שמוציקער נשמה...

— טאָ וואָס וועט זיין אונדזער סוף? —האָט בעטי מיט טרערן אין אירע אויגן געפרעגט.

— גאָרנישט. —האָט סוזי, שוין מיט קאַלטער רואיקייט געזאָגט.— פופציק יאָר האָט ער געלעבט ווי א ייד און נישט געוואוסט דעם יידישן עול אויף זיך... און איצט, אויף זיינע עלטערע יאָרן, זאָל מען צוליב זיין באַפרייאונג — מיטהעלפן באַגראָבן די עקזיסטענץ פון א פריי לאַנד? ניין! ניין! —האָט זי ווידער זיך ספּאַזמאַטיש צעשריגן.— איך וויל נישט זיין פריי!... ווי הייליק עס איז מיר ביז איצט געווען מיין פאַטערלאַנד, אזוי זאָל מיר אויך הייליק זיין יעדעס פאָטערלאַנד... זאָל דיין פאָטערס יידישער נאָמען נישט באַשמוצן דאָס פרייע לאַנד בראַזיל...

— איך וויל זיי אָבער באַפרייען פון דאַנען! —האָט שוין פראַנץ, האַלב אין כעס אויסגעשריגן.

— ניין! ניין! איך וויל נישט! —האָט סוזי מיט אַלע אירע

כוחות געשריגן.— איך וויל נישט אַז דו זאָלסט זיי באַפרייען אויף אַזאַ שמוציקן וועג!...

— מאַמע, —איז בעטי צוגעלאָפן צו דער מוטער און מיט געוויין גענומען ריידן צו איר.— וואָס וועט ווערן פון אונדז? דאַרפן מיר זיין קרבנות?

— ניין, מיין קינד, —האָט סוזי געענטפערט.— נישט קיין קרבנות זענען מיר; מיר זענען ריינע נשמות וואָס ווערן געהייליקט דורך פיין און לייד...

— אָבער פראַנץ קאָן אונדז ראַטעווען! —האָט בעטי איבערגעריסן איר מוטערס רייד.

— דורך פאַרקויפן אונדזערע נשמות! —האָט סוזי איראָניש געזאָגט.

— קודם־כל זאָל ער זיי באַפרייען פון דאָרטן! —האָט בעטי זיך געבעטן ביי דער מוטער.

— און דערנאָך? —האָט סוזי פאַרשנדיק געפרעגט.

— דערנאָך, —האָט פראַנץ זיך אַריינגעמישט.— וועלן מיר אוועק פון דאַנען, און איך וועל זיך באַפרייען פון מיין צוזאָג. אין פרייען בראַזיל וועט מיר קיינער נישט קאָנען באַפעלן וואָס איך האָב צו טון און וואָס איך דאַרף טון.

— און ווען נישט? —האָט סוזי ווידער געפרעגט.

פראַנץ איז צוגעלאָפן צו סוזין, אָנגענומען אירע ביידע הענט אין זיי באַדעקט מיט קושן. ער האָט איר געוואָלט זאָגן אַזעלכע ווערטער, וועלכע זאָלן איר איבערצייגן. ער וואָלט זיך דאָס האַרץ ,אויסגעשניטן אַרויסגענומען עס און געוויזן ווי ריין עס איז, און ווי ריין ער וועט אויך עס דאָרטן האַלטן. און שטיקנדיק זיך מיט די ווערטער האָט ער —מיט ווייטיק און פעסטער איבערצייגונג— אויסגעשריגן:

— מאַמע מיינע. ווער נאָך קען מיך אַזוי גוט ווי איר? איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז איך בין אַ יידנפריינט; און אויב איך געפין זיך אין „ברוינעם הויז”, איז עס נאָר כדי צו קאָנען עפּעס טון פאַר ליידנדיקע מענטשן; כדי צו קאָנען אייך אַרויסראַטעווען פון דעם גיהנום. איך וועל אוועקשענקען מיין נשמה דעם טייוול, אַבי אייך צו קאָנען אָפּצאָלן פאַר אַלץ וואָס איר האָט פאַר מיר געטון. איך האָב ליב בעטין, כ'האָב אייך

אַלעמען ליב. הערט מיך גוט אויס: איך וועל זיי אַלץ צוזאָגן, איך וועל אַלץ טון פאַר אייך, פאַר מיין ליבן פּראָפעסאָר, פאַר מיין בעסטן פריינט האַנס און פאַר מיין ליבער בעטין, — פאַר אַלעמען...

— פראַנץ! —איז בעטי צוגעלאָפן צו אים, אַוועקגענומען אים פון דער מוטער און שנעל צו אים געדעט: — פראַנץ! שנעלער! גיי און באַפריי זיי פון דאָרטן! זאָג זיי אַלץ צו, אַבי ברענג זיי אַהיים.

פראַנץ האָט שוין מער גאָרנישט גערעדט. בעטיס ווערטער זענען פאַר אים געווען הייליק און טייער. ער האָט שנעל געכאַפּט זיין הוט און אַרויסגעלאָפן פון שטוב. סוזי איז שנעל צוגעלאָפן צו דער טיר, מיטן גאַנצן כוח זי אויפגעריסן און גענומען אַרויסשרייען:

— פראַנץ! פראַנץ! איך וויל נישט!... באַפריי זיי נישט!... באַשמוץ נישט דאָס נייע לאַנד!... מער האָט זי נישט געקאָנט שרייען. זי איז אַוועקגעפאַלן ביים קאַנט פון טיר און זיך שטאַרק צעוויינט.

בעטי איז שנעל צוגעלאָפן צו דער מוטער, זי אויפגעהויבן פון דער ערד, און אַוועקפירנדיק זי פון דער טיר, האָט זי אַ וויינענדיקע געשעפּטשעט:

— מאַמע, באַרואיק זיך. וויין נישט. זאָל ער זיי נאָר באַפרייען! זאָלן זיי נאָר אַרויסקומען פון דאָרטן! ער וועט נאָר בלויז צוזאָגן... מער נישט, מאַמע... זאָל מען אים אַפילו צווינגען צו ווערן אַ ייד, אַבי מיר זאָלן קאָנען אַנטלויפן פון דאַנען.

— און דאָרטן? —האָט סוזי אַלץ געהעשעט.— דאָרטן, אין בראַזיל?

— אין בראַזיל, —האָט בעטי שנעל געענטפערט.— וועט פראַנץ שוין זיין אַ ייד. ער וועט לעבן מיט אונדז צוזאַמען. מיר וועלן דאָרטן פאַרקערן מיט יידן. דו וועסט זען, מאַמע, פראַנץ וועט אינגאַנצן פאַרגעסן זיין צוזאָג.

— פאַרגעסן... פאַרגעסן... —האָט סוזי נאָך אַלץ גערעדט וויינענדיק, צושאָקלענדיק צו יעדן וואָרט מיטן קאָפּ.— ער וועט פאַרגעסן. נו, און זיין אַריש בלוט וועט עס אויך פאַרגעסן?... און די „געסטאַפּאָ" וועט אויך פאַרגעסן?...

— מאַמע, —האָט בעטי ווידער אָנגעהויבן רעדן, כאָטש זי האָט געזוכט איבערציינגנדיקע ווערטער פאַר איר מוטער און נישט געקאָנט גע-

פינען.— מאמע, דו וועסט זען, אז מיר וועלן נאר ארויס פון דאנען, וועט פראנץ ווערן אן אנדער מענטש. ער וועט ווערן א...

— ניין! ניין! —האט סוזי ווידער אויסגעבראכן אין ספאזמעס.— איך וויל נישט!... פיר מיך צו זיי!... פיר מיך אויף אין דער „געסטאפא"!... זאלן די „ברוינע היות" ווידער שענדן מיין קערפער!... איך וויל צו מיין מאן! צו מיין קינד!...

— מאמע טייערע! —האט בעטי מיט אלע אירע כוחות זיך באמיט צו בארואיקן די מוטער.— דו וועסט זען, זיי וועלן באלד קומען. לאמיר צוגרייטן דעם טיש. דו טארסט היינט נישט וויינען! עס איז טאקע דיין חופה־טאג, אבער דיין „זילבערנעם" חתן דארפסטו אויפנעמען אן טרערן... פונקט ווי מיט פינפאונצוואנציק יאר צוריק...

סוזי האט געפרואווט פארהאלטן אירע טרערן, זי האט אבער נישט פארמאגט קיין כוח דערצו. זי איז דאנקבאר געווען איר טאכטער פאר די פארלייכטערונגס־ווערטער; און וועלנדיק איר אפדאנקען דערפאר, איז זי א וויינענדיקע ארויפגעפאלן אויף איר קינד און קלאמערנדיק זיך אין איר, האט זי מיט ווייטיק און צער אויסגערופן:

— מיין קינד... מיין איינציקער טרייסט... לאמיר צוזאמען צוגרייטן אונדזער חתונה־יום־טוב... אונדזער טרערן־יום־טוב...

קאפיטל 16

ייד, אדער... שפיאָן...

— איזידאָר!... האנס!...

פרישע טרערן און אויסגעשרייען האָבן אָפּגעהילכט אין יום־טובדיקן אויפגערוימטן צימער פון דער פאַמיליע שטיינאַך.ביידע פרויען, סוזי און בעטי, האָבן אויסגעבראָכן אין פריידיקע געוויינען, בעת די טיר האָט זיך געעפנט און דער פּראָפעסאָר מיט האנסן זענען אריינגעקומען. סוזי איז די ערשטע צוגעלאָפן, ארומגעכאַפּט ביידן, זיי געהאַלדזט און גע־קושט און זיי געהאַלטן אין איין ארומטאַפּן, גלייך ווי זי וואָלט זיך גע־וואָלט איבערצייגן, צי עס פעלט זיי גאָרנישט. אויך בעטי האָט ארומ־געכאַפּט דעם פאָטער מיטן ברודער, געקושט זיי און פריי געלאָזט לויפן אירע טרערן...

איזידאָר האָט גלייך באַמערקט די געוויינען און די אומרואיקייט פון ביידע פרויען. ער האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך זיין מאַנטל מיטן הוט און אײנצייטיק גערעדט צו זיי:

— איר האָט זיך געשראָקן וועגן אונדזער שפּאַציר?

אַ פרישער טרערן־קוואַל האָט גענומען פליסן ביי סוזין. זי האָט גאָרנישט געקאָנט רעדן, פּונקט ווי דאָס לשון וואָלט איר אָפּגענומען גע־וואָרן. איזידאָר האָט עס גלייך באַמערקט. ער איז גלייך צו צו סוזין, האָט אַרויסגענומען אַ טיכל פון טאַש, אויסגעווישט איר די אויגן, און קוקנדיק איר אין די אויגן אריין, האָט ער זיך ווי געבעטן ביי איר:

— סוזי טייערע, נאָר נישט געוויינט. היינט איז דאָך עפּעס אונד־זער חופּה־טאָג! נאָר אָן טרערן... און דו, בעטי — האָט ער זיך גע־ווענדעט צו דער טאָכטער —, קום אַהער צו מיר, אָט אַזוי, אַלע צוזאַ־מען, לאָמיר היינט פייערן אונדזער יום־טוב אין דעם לאַנד וואו איר זענט געבוירן... וואו מיר לעבן שוין אַלע אונדזערע יאָרן...

איזידאָר האָט געוואָלט ווייטער רעדן. עס האָט זיך אים אויסגע־וויזן אַז שוין לאַנגע יאָרן איז ער נישט געווען אַזוי צוזאַמענגעבונדן מיט זיין פאַמיליע ווי איצט; אַז דאָס פאַרברענגען אַ פּאָר שעה אין די קאַ־מערן פון דער „געסטאַפּאָ" איז געווען אַ גאַנצע וועלט. טרערן פון ליידן און גליקזעליקייט פון פריידן האָבן אַנגעהויבן גלאַנצן אין זיינע אויגן. וועלנדיק אָבער אַז קיינער זאָל עס נישט באַמערקן, האָט ער ווידער גע־נומען רעדן:

— היינט איז דאָך אונדזער „זילבערנע חתונה"־טאָג, און אויך מיין געבורטסטאָג, מיין געבורטסטאָג... — האָט ער נאָכאַמאָל איבערגערעדט די לעצטע ווערטער. ער האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט אַ מינוט אין מיטן ריידן, אַריינגעטראַכט עפּעס אין זיך, און דאַן ווידער געזאָגט: — יעדעס יאָר ווערט מיין געבורטסטאָג געפייערט פון דער גאַנצער וויסנשאַפטלע־כער וועלט... פון דער קלענסטער גימנאַזיע ביז דער גרעסטער אוני־ווערזיטעט און פאַקולטעט אין לאַנד שיקן מיר באַגריסונגען... מתנות... אַפילו די רעגירונגס־אינסטאַנצן פלעגן מיך איינלאַדן צו זיך צו די ספּעציעלע יום־טובים וואָס מען האָט געפּראַוועט פאַר מיר. אויך היינט האָט מען מיך איינגעלאַדן צו דער רעגירונג...

איזידאָר האָט זיך פאַרהאַקט אין מיטן ריידן. ער האָט אַראָפּגע־לאָזט דעם קאָפּ און מער נישט געקאָנט ריידן. סוזי האָט זיך אָבער גלייך געכאַפּט וועגן דער „איינלאַדונג"... און וואָרפנדיק אירע ווער־טער ווי שווערע באָמבעס, האָט זי מיט דער שטאַרקסטער איראָניע אַרויס־געזאָגט:

— אין דער... געסטאַפּאָ אַריין...

— איר ווייסט שוין דערפון, — האָט זיך איזידאָר געכאַפּט. ער האָט זיך אַ מינוט פאַרהאַקט אין זיין ריידן, אָבער באַלד האָט ער ווידער פאָרגעזעצט: — מיר האָבן שוין גאָרנישט געגלויבט צו קאָנען זיך באַ־פרייען פון דאָרטן... מיר האָבן דערוואַרט דעם זעלבן סוף וואָס עס דערוואַרט יעדן ייד, יעדן פריידענקענדיקן מענטש, וואָס האָט די אומ־גליקלעכע געלעגנהייט אַריינצוקומען צווישן יענע פיר ווענט... דער שנעלער טויט — איז די לייכטסטע שטראָף פאַרן מענטשן... ערגער איז אָבער דער לאַנגזאַמער טויט אין זיינע קאָנצענטראַציע־לאַגערן...

האַנס, וועלכער האָט מיט רעספּעקט אויסגעהערט די ווערטער פון

זיין פּאַטער, האָט אָפּגעוואָרט דעם פּאַסנדיקן מאָמענט ווען ער איז אַנט־שוויגן געוואָרן, ווי ער וואָלט זיך אינערלעך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון פון זיין לאַגע, און ער האָט ווי אין דער לופטן אַריין, גלאַט אַזוי, אַ זאָג געטון:

— איך ווייס גאַרנישט, פאַרוואָס מיר האָבן געהאַט מער מזל פון אַנדערע? פאַרוואָס האָט מען אונדז אַזוי שנעל באַפרייט פון דאָרטן?

איזידאָר האָט געוואָלט אויסזוכן אַ תירוץ, אָבער דער פּלוצימדיקער געוויין־אויסברוך ביי בעטין האָט אים אינגאַנצן צעמישט. ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין איר געוויין צוליב האַנס׳ פראַגע. ער האָט איר גענומען איינשטילן, און אויסווישנדיק אירע טרערן, האָט ער מיט איבער־געגעבנקייט און פּאַטערלעכער ליבע זי געבעטן:

— בעטי זיסע, וויין נישט קינד מיינס, דו זעסט דאָך אַז מיר זע־נען שוין פריי! די צייט וועט זיך ענדערן און זי וועט אַלע וואונדן פאַר־היילן. מיר וועלן אוועקפאָרן פון דאַנען, און נאָך אַ קורצע צייט וועלן מיר זיין אין נייעם לאַנד. דערנאָך וועלן מיר צוריקקומען אויף אונדזער דייטשישער ערד, צוריק אין דעם לאַנד אַרייך פון וואַנען מיר מוזן צייט־ווייליק אַוועק. נו, זאָרג נישט, קינד מיינס, דיין פראַנץ וועט וואַרטן אויף דיר. וועסט זען! ער האָט דאָך דיך ליב און וועט זיכער וואַרטן אויף דיר.

איזי טייערער — האָט סוזי זיך געכאַפּט —, איך האָב דיר גאָר פאַר־געסן צו זאָגן. אונדזער פראַנץ פאָרט דאָך מיט קיין בראַזיל!

— פון וואַנען ווייסטו דאָס? — האָט איזידאָר שנעל געפרעגט. ער האָט געוואָרט אויף אַן ענטפער; ער האָט געקוקט, דאָ צו דער טאָכטער, דאָ צום ווייב, און ווען ער האָט אָבער געזען אַז קיינער ענטפערט אים נישט אויף דער פראַגע, האָט ער שוין — אַביסל מיט כעס — געפרעגט:

— פאַרוואָס שווייגט איר אַלע?... פאַרוואָס ענטפערט איר מיר נישט?... וואָס פייניקט איר מיך?!... רעדט! זאָגט! ענט־פערט! ווען ער האָט אָבער געזען אַז קיינער וויל גאָרנישט אַרויסריידן, האָט ער — נאָך אַ מינוט שווייגן — ווידער געפרעגט:

— איר ווילט מיר נישט ענטפערן? טאָ זאָגט מיר: וואו איז פראַנץ?

בעטי האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין וויינען. סוזי, נישט וועלנדיק

מער אויפרעגן איר מאַן —נאָך זיין היינטיקן „שפּאַציר״— האָט געענט־
פערט אויף דער לעצטער פראַגע:

— אין „געסטאַפּאָ״.

— ער אויך! —האָט האַנס אויסגעשריגן.— ווער ווייסט צי זיי
וועלן אים באַפרייען, כאָטש ער איז אַן אַריער. ער איז אָבער זייער
פּאַרעקשנט. זיין יידישע כלה איז אים טייערער ווי זיין אַרישע ראַסע.
ער וועט זיך בשום אופן נישט אָפּזאָגן פון בעטין. ווער ווייסט וואָס עס
דערוואַרט אים דאָרטן?

— ער וועט באַלד קומען — האָט סוזי אומגערן זיך אַרויסגעכאַפּט.

— פון וואַנען ווייסטו? —האָט איזידאָר האַסטיק איר אַ פרעג גע־
טון. אין די פּלוצימדיק־אַרויסגעכאַפּטע ווערטער פון סוזין האָט איזי־
דאָר באַמערקט, אַז עפּעס שפּילט זי דאָ אָפּ הינטער זיינע פּלייצעס. בע־
טים געוויין... פראַנצס באַזוך אין „געסטאַפּאָ״ און די זיכערקייט אַז
ער וועט באַלד צוריקקומען... זיין מיטפאָרן קיין בראַזיל... אָט דאָס
האָט אים זייער פּאַראינטריגירט. ווען סוזי האָט אים ווידער נישט גע־
ענטפערט אויף זיין פראַגע, האָט ער די זעלבע פראַגע געשטעלט בעטין;
און בעטי, אַ וויינענדיקע און העשנדיקע, האָט קוים אַרויסגערעדט:

— פראַנץ איז אַוועק אייך באַפרייען און אויספועלן אונדזער רייזע
קיין בראַזיל.

— אונדז באַפרייען פון „געסטאַפּאָ״? —האָט איזידאָר זיך גע־
וואונדערט.— ער, אַ קריסט, אַן אַריער, זאָל זיך אין געסטאַפּאָ אָננעמען
פאַר אַ ייד? און איר דערוואַרט נאָך אַז ער זאָל פון דאָרטן צוריקקומען?

— איך בין זיכער דערין! —האָט שוין בעטי פעסט געענטפערט.

— מיט וואָס ביסטו דאָס אַזוי זיכער? —האָט שוין איזידאָר מיט
אַ הויכן קול געפרעגט.— ווער ווייסט צי די באַנדיטן וועלן אים אַרויס־
לאָזן פון דאָרטן... און אויב חלילה נישט — וועט עס זיין אונדזער
שולד! איזידאָר האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אָבער אין דער מינוט
האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין טיר און פראַנץ האָט זיך באַוויזן.

איזידאָר איז דער ערשטער אים אַנטקעגנגעלאָפן. ער האָט אים
אָנגענומען ביי דער האַנט און אַריינציענדיק אים אין מיטן צימער, האָט
ער אים דאָס ערשטע געפרעגט:

— פראַנץ, זיי האָבן דיך באַפרייט פון דאָרטן?

— ווי איר זעט. —האָט פראַנץ שמייכלענדיק געענטפערט.— איך בין דאָך פרייוויליק אַהין אַוועק.

— צוליב וואָס האָסטו עס געטון? —האָט איזידאָר איבערגעריסן פראַנצס ווערטער. כאָטש ער האָט שוין געוואוסט פון בעטין, אַז ער איז אַהין אַוועק כדי אים צו באַפרייען.

— איך גלויב, —האָט פראַנץ געוואָרפן אַ בליק אויף בעטין און סוזין— אַז איר ווייסט שוין נאָך וואָס איך בין אַהין אַוועק: — אייך צו באַפרייען.

— און דו האָסט עס טאַקע באַוויזן? —האָט איזידאָר ווידער גע־פרעגט, כאָטש ער האָט פון פאָרויס געוואוסט דעם ענטפער וואָס פראַנץ וועט אים געבן.

— נאָך מער! —האָט פראַנץ טריאומפירנדיק געענטפערט.— איך האָב געפועלט אַז איר זאָלט אַלע קאָנען פאַרלאָזן דאָס לאַנד, מיטנעמענ־דיק מיט זיך אייער גאַנץ פאַרמעגן, אַפילו דאָס מעבל אויך; און נאָך עפּעס, —האָט פראַנץ זיך געכאַפּט, גלייך ווי ער וואָלט פאַרגעסן דאָס וויכטיקסטע.— די דייטשישע רעגירונג וועט אייך אַפילו פאַרזאָרגן מיט פרנסה אין בראַזיל.

— ווי אַזוי? ! — האָבן אַלע מיט אַמאָל אויסגערופן.

— ווי אַזוי? —האָט פראַנץ איבערגעזאָגט די זעלבע פראַגע.— גאָר פשוט: איר וועט באַקומען אַדרעסן אין בראַזיל פון פאַרשידענע האַנדלס פירמעס, דורך וועלכע איר וועט אימפּאָרטירן פאַרשידענע דייטשישע אויסאַרבעטונגען און איר וועט דאָרטן קאָנען פריי האַנדלען.

— פראַנץ! —האָט מיט אינערלעכן ווייטיק און פאַרגעפּיל אויס־געשריגן האַנס.— זאָג מיר כאָטש דעם אמת: וואָס האָסטו באַצאָלט פאַר אַזאַ פרייגיביקייט פון דיין רעגירונג?

פראַנץ איז געבליבן אינגאַנצן שטיל. אויף אַזאַ פראַגע האָט ער זיך נישט געריכט. ער איז געווען זיכער און האָט געגלויבט, אַז זיינע באַמיאונגען אויף דעם געביט וועלן אַלעמען דערפרייען. עפּעס אַ קליי־ניקייט! פריי אַרויספאָרן פון לאַנד... אַלץ מיטנעמען... אַ גרייטע פרנסה אין נייעם לאַנד... און חוץ דעם אַלעמען: באַפרייט זיי פון דער „געסטאַפּאָ"!... אַזוי פיל ווי ער האָט באַוויזן אויפצוטון פאַר זיי! און דאָ גאָר — אַזאַ פראַגע!... וואָס קאָן ער דאָ ענטפערן?

ער איז טאַקע געבליבן שטום, אָן אַן ענטפער. האַנסן האָט אָבער זיין שטילשווייגן נישט באַפרידיקט. ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צו פראַנצן און אַריינקוקנדיק אים אין די אויגן אַריין, האָט ער אים פאַרשנדיק געפרעגט:

— זאָג מיר דאָך! האָסטו אַ מאַטעריעלן פאַרמעגן באַצאָלט פאַר דער דייטשישער פריוויגיביקייט, אָדער אַ גייסטיקן פאַרמעגן?...

אין שטוב האָט געהערשט אַ מוראַדיקע שטילקייט. אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדעט צו פראַנצן. פראַנץ אַליין האָט אַראָפּגעלאָזן זיין קאָפּ און פון צווישן די ציין האָט ער קוים אַרויסגעציִשעט:

— ליידער, אַ גייסטיקן פאַרמעגן...

ווידער האָט געהערשט אַ שטילשווייגעניש אין צימער. יעדער איינער האָט געקלערט אין זיך: וואָס קאָן עס זיין דער גייסטיקער פאַרמעגן וואָס פראַנץ האָט באַצאָלט? בעטי איז געווען די ערשטע איבערצורייסן דעם פינצטערן וואָלקן וואָס האָט געהערשט אין צימער. נאָך האַנס׳ פראַגע און פראַנצס ענטפער. זי איז צוגעגאַנגען צו פראַנצן און מיט מיידלשער ליבלעכקייט האָט זי אים גענומען בעטן:

— פראַנץ טייערער, דערצייל אַלעס דעם פאַ.

פראַנץ איז אָבער ווייטער געבליבן שטיין אויף זיין אָרט, ווי אַ סטאַטוע. אפילו די ווייעס פון זיינע אויגן האָבן זיך נישט באַוועגט. עס האָט זיך אין זיין פנים דערקענט, אַז אינערלעך לעבט ער איבער עפּעס שרעקלעכעס, עפּעס אַזעלכעס וואָס ער קאָן עס נישט מיט קיין ווערטער אַרויסברענגען... מער פון אַלעמען האָט עס באַמערקט איזידאָר, ווי אַ וויסנשאַפטסמאַן און גלענצנדיקער פּסיכאָלאָג, האָט ער גלייך באַמערקט דעם אינערלעכן קאַמף וואָס עס שפּילט זיך אָפּ אין פראַנצן. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף פראַנצס אַקסלען, און ווי מ׳רעדט צו אַ גוטן קאָלעגע, האָט ער מיט ווייכקייט אין זיין שטימע גענומען ריידן צו אים:

— גוטער, ליבער פראַנץ. ווי אַן אייגן קינד ביסטו דאָך ביי מיר אויסגעוואַקסן. אַלס קינד האָב איך דיך אין מיין שטוב אַריינגענומען. דיין פאָטער איז אויף מיינע הענט אויסגעגאַנגען און זיינע לעצטע ווערטער זענען געווען, אַז איך זאָל איבערנעמען די זאָרגן פאַר דיר און פאַר דיין דערציאונג, פּונקט ווי איך וועל עס טון פאַר מיינע צוויי קינדער.

איצט, ביסטו שוין אַ באַקאַנטער מעדיקער, צוזאַמען מיט מיר און האַנסן, אַרבעטסטו אין די גרעסטע שפּיטאַלן. נאָך אַ פּאָר יאָר, און דו וועסט פאַרנעמען מיין אָרט אין דער אוניווערזיטעט און אין די וויסנשאַפטלעכע קאַטעדרעס. איך וויס, פראַנץ, —האָט איזידאָר אָפּגעבאַפּט אביסל דעם אָטעם,— אַז דו ביסט אַ ריינער אַריער, אַ דייטש. איך האָב אָבער ווייניק געלייגט אַכט דערויף, ביסט שטענדיק געווען ווי מיין קינד... איצט ביסטו שוין אַ רייפער מאַן, אַ דערוואַקסענער מענטש, און דו האָסט זיך פאַרליבט אין מיין טאָכטער. איך האָב אייער ליבע נישט געשטערט. די לעצטע ווערטער פון דיין פאָטער — דעם קריסט, איז פאַר מיר — דעם ייד, הייליק און טייער... אָבער איצט, פראַנץ, באַמערק איך אַז עפּעס געהיימנישפולעס קומט פאָר אינערלעך ביי דיר אין האַרצן. עפּעס קעמפסטו מיט זיך... דו באַהאַלטסט עס אויס פאַר מיר!... זאָג מיר דעם גייסטיקן פאַרמעגן וואָס דו האָסט באַצאָלט פאַר אונדזער באַפרייאונג? זאָג!...

איזידאָרס ווערטער האָבן גענומען ווירקן אויף פראַנצן. ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און שאַרף אָנגעקוקט דעם פּראָפעסאָר. ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער. זיינע אויגן זענען געבליבן אָנגעשטעלט אויף זיין כלה בעטי, ווי זיי וואָלטן זיך עפּעס געפרעגט ביי איר. בעטי איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו פראַנצן און מיט געבעט אין איר שטימע האָט זי לאַנגזאַם גענומען ריידן צו אים:

— פראַנץ, שווייג נישט מער... רעד, דערצייל אַלעס דעם פּאַ.

— האָסט רעכט, מיין ליבע בעטי, —האָט פראַנץ איר אָפּגעדריקט אַ קוש אויף אירע ליפּן.— איך וויל אַלץ דערציילן, אַלץ זאָלט איר וויסן, הער פּראָפעסאָר, אַלץ! קיין שום סוד ליגט נישט מער ביי מיר באַהאַלטן! נאָר עטלעכע ווערטער, און איר וועט אַלץ וויסן.

— נו, וואָס?! — האָבן פאָטער און זון אויסגערופן.

פראַנץ האָט זיך גענומען אַרומדרייען הין און צוריק איבערן צימער. מ׳האָט באַמערקט אַז ס׳קומט אים אָן שווער דער אָנהייב. ענדלעך איז ער געבליבן שטיין אין מיטן צימער און מיט אַ פּויזע, ווי איינער וואָס וויל אַלץ אויסלאָדן פון זיך, האָט ער מיט פעסטקייט געזאָגט:

— איך גיי ווערן אַ... אַ ייד!...

— דו — אַ ייד? —האָט איזידאָר מיט איבעררשונג געפרעגט.—

צו וואס ווילסטו עס טון? קוק זיך גוט צו, פראנץ, —האט איזידאר געגומען ריידן צו אים מיט היץ.— ווי אמאל אין בית־המדרש, בעת א שווערן פילפול איבער א סוגיה אין דער גמרא, אדער מהר"ם — זע, פראנץ, ווי מיר ווערן געפייניקט און געיאגט, געהאסט און געפלאגט... ווען אלע ערדן אין דער וועלט קאנען קיין זאמדעלע נישט אוועקשענקען פארן לײדנדיקן ייד... ווען אלע ימים זענען פול מיט וואנדערדיקע יידי־שע שיפן... ווען אלע צווישן־גרענעצן זענען פארנומען מיט בירגער־לאזע יידן... ווען אלע גרענעצן אויף דער וועלט, אפילו פון די היפער־דעמאקראטישסטע לענדער, זענען פארשלאסן אויף טויזנטער שלעסער פארן יידישן לײדנדיקן וואנדערער... ווען אין די „פרייע" לענדער אין דער וועלט ווערט גלענצנד געזארגט פארן ראסן־פערד... פארן ראסן־הונט... נאר פאר דער ראסע „ייד", האט מען קיין אײנזען נישט... ווען דער נאמען ייד איז געווארן א שאנד־נאמען... ווען דאס „יידישע פראבלעמאטישע ווען" איז געווארן א שאנד־קללה פאר פארשידענע קול־טורעלע פעלקער און לענדער... איצט, פראנץ, איצט ווילסטו ווערן א ייד?!...

— איך מוז! —האט פראנץ אויסגעשריגן.— איך מוז!...

— וואס הייסט „דו מוזט"? —האט איזידאר נישט באוויזן זיך אפ־צורוען קיין איין סעקונדע.— און ווען דו מוזט —האט ער ווידער פילא־זאפירט,— הייסט עס דאך, אז דו טוסט עס קעגן דיין ווילן! טא זאג אליין, פראנץ, —האט ער זיך צוגערוקט נאענטער צו אים, און אים אריינגעקוקט גלייך אין די אויגן אריין.— זאג אליין: ווי קאנסטו —א געבילדעטער מענטש— באגיין א טאט קעגן דיין אייגענעם ווילן? און נאך וואס פאר א טאט! —האט ער מיט שטורעם אויסגעשריגן,— ווערן א ייד! ווערן א ייד!...

— מען צווינגט אים דערצו! —האט בעטי אים געפרואווט פאר־ענטפערן. זי האט געזען ווי איר חתן איז געבליבן שטיין א פארטראכ־טער און נישט געפונען קיין ענטפער אויף איזידארס בארעכטיקטער פראגע.

— מען צווינגט אים דערצו?! —האט איזידאר אויפגעכאפט בע־טים פראזע.— מען צווינגט שוין אין דעם לאנד פון דער „העבערער רא־סע" רײנע אריער צו ווערן יידן?!...

פראנץ האט זיך געפונען אין קלעם. ער האט נישט געוואוסט ווי אזוי צו פארענטפערן זיין לאנד, זיך אליין. ענדלעך האט ער זיך גע־באפט, אז ער האט נישט די גאנצע שולד דערין. ער האט פעסט ארויס־געזאגט דעם ריכטיקן אמת:

— אלץ פאר אייך!... אלץ צוליב אייך... איך האב אייך גע־וואלט באפרייען פון די קייטן וואס זענען געווען אנגעגרייט פאר אייך... איך האב געוואלט זיין פאר אייך א נייער משה־רבינו, וואס זאל אייך ארויספירן פון דעם ים פון יידישע צרות, נויט און פיין...

— פארן פרייז פון ווערן א ייד?! —האט אים איזידאר איבערגע־ריסן אין מיטן.— נאר דאס?... נאר דאס! —האט איזידאר געצוי־טערט פאר נערוועאישקייט.— פארוואס שווייגסטו? וואס שווייגט איר אלע?! —האט איזידאר געצישעט אין כעס.— איר ווייסט, נאר איר ווילט עס מיר נישט זאגן! רעדט!... רעדט! שווייגט נישט!...

איזידארס אויפברויז האט אלעמען איבערגעשראקן. נאך קיינמאל האט מען אים נישט געזען אין אזא צושטאנד. סוזי האט מיט איר גאנ־צער פרויאישער איבערגעגעבנקייט און ליבע זיך גענומען צוטוליען צו אים. מיט טרערן אין אירע אויגן האט זי זיך גענומען בעטן ביי אים:

— איזי טייערער, הארץ מיינס, נשמה מיינע, בארואיק דיך, זיי רו־איק, טייערער. אונדזער לעצטן יום־טוב־טאג האבן מיר דאך היינט אין אונדזער אלטן היימלאנד... שוין מארגן מוזן מיר זיך נעמען צוגרייטן צו אונדזער רייזע. לאמיר אלע זיך זעצן צום טיש און מיט פרייד און טרערן געזעגענען אונדזער געבוירנלאנד, אונדזער היימלאנד...

— פון וואנען מיר מוזן איצט אנטלויפן! — האט האנס איראניש אונטערגעברומט.

— יא, סוזי, —האט איזידאר א בארואיקטער געזאגט.— דו האסט רעכט. קומט, קינדער, לאמיר זיך זעצן צום טיש. לאמיר געזעגענען אונדזער היימלאנד...

לאנגזאם און מיט אראפגעלאזטע קעפ האבן אלע זיך אוועקגעזעצט ארום דעם שיין־סערווירטן טיש. בלויז פראנץ איז געבליבן שטיין אין מיטן צימער א פארשעמטער, א שולדיקער, וויסנדיק אז ער איז דער אביעקט פון זיין פראפעסארס אויפרעגונג.

אין ערשטן מאמענט האט איזידאר גארנישט באמערקט אז פראנץ

פּעלט אים ביים טיש. ער האָט גענומען אָנגיסן די גלעזלעך און פונאַנ־דערטיילן פאַר אַלעמען. ביים פינפטן גלעזל איז ער געבליבן שטיין. ער האָט ערשט איצט באַמערקט אַז פראַנצס אָרט ביים טיש איז ליידיק. ער האָט דאָך אוועקגעשטעלט דאָס גלעזל אויף פראַנצס אָרט ביים טיש און אויפהויבנדיק זיינע אויגן צו פראַנצן האָט ער מיט ווייטיק, און גלייכ־צייטיק מיט אַ ביסל איראָניע, געזאָגט:

— און דו, פראַנץ? דו ווילסט נישט זיצן מער מיט אונדז ביי איין טיש? ווילסט נישט מיטפייערן אונדזער זילבערנע חתונה?

פראַנץ האָט מאָמענטאַל נישט געענטפערט. ס'איז געווען קענטיק, אַז ער פירט איצט מיט זיך אַן אינערלעכן קאַמף. ס'איז אים שווער גע־ווען צו ענטפערן. בעטי האָט באַמערקט זיין פאַרלעגנהייט. זי איז צו־געגאַנגען צו אים און מיט ליבע און מיטלייד האָט זי אים געפרעגט:

— פראַנץ טייערער, פאַרוואָס ווילסטו נישט צוגיין צום טיש? פאַרוואָס פאַרשאַפסטו אונדז עגמת־נפש?

— איך קאָן נישט, בעטי! —האָט ער מיט אינערלעכן ווייטיק אַרויסגערעדט.— איך מוז אוועקגיין.

— וואוהין? — האָבן אַלע אין איין קול אַרויסגערעדט.

— פראַנץ, —האָט בעטי זיך געבעטן ביי אים.— דו האָסט זיך אַזוי געגרייט צום פאַ'ס געבורטסטאָג, צו דער זילבערנער חתונה. האָסט דאָך אַפילו אַ מתנה געקויפט פאַרן פאַפאַ, און איצט ווילסטו גאָר אוועק־גיין?

— מיין ליבע בעטי, —האָט פראַנץ אַרויסגערעדט, קומענדיק צו זיך נאָך אַ לענגערער אַפּאַטיע.— איך דאַנק דיר טייערע, וואָס דו האָסט מיך דערמאָנט. די דורכגעלעבטע סצענעס פון היינטיקן טאָג האָבן מיך אינגאַנצן דערשיטערט. איך בין אינגאַנצן ווי צעמישט.

— וואָס איז דיר דען געשען? —האָט איזידאָר זיך אויפגעשטעלט פון טיש און צוגעגאַנגען צו פראַנצן.— ווידער עפּעס געהיימנישפולעס, און ווידער באַהאַלט מען עס אויס פאַר מיר? פאַרוואָס פונקט היינט!? פאַרוואָס צעשטערט מען אונדז אונדזער היינטיקן יום־טוב־טאָג?!...

— עס וועט אַלעס אַריבערגיין, הער פּראָפעסאָר — האָט שוין פראַנץ, אַ באַרואיקטער, געזאָגט. ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ גאָלדענעם רינג און איבערגעבנדיק עס איזידאָרן, האָט ער פאַרגעזעצט:

— מיין טייערער און ליבער פּראָפעסאָר און איבערגעגעבענער דער־ציאונגס־פאָטער. מיט פינפאונצוואַנציק יאָר צוריק האָט אַ גאָלדענער חתונה־רינג אייך פאַראייניקט מיט אייער ליבער פרוי, מיין האַרציקסטע און ליבע דערציאונגס־מוטער. זאָל אויך היינט, אין טאָג פון אייער זיל־בערנער חתונה, מיין קליינע מתנה, אָט דער רינג, פעסטער פאַראייניקן און צעמענטירן אייער גאַנצע פאַמיליע.

פראַנץ האָט דעם רינג אָנגעטון אויפן פּראָפעסאָרס פינגער. ער האָט אַרומגענומען דעם פּראָפעסאָר, פעסט אים צוגעדריקט צו זיך און אַ וויינענדיקער האָט ער זיך צעקושט מיט אים. באַלד איז אויך סוזי צוגעגאַנגען צו איר מאַן און זיך צעקושט מיט אים און אויך מיט פראַנצן. אָנשטאָט דאַנק־ווערטער, האָבן טרערן און קושן באַגלייט די שטומע אויסדרוקן. האַנס האָט אויך נישט געקאָנט בלייבן גלייכגילטיק, און ער, צוזאַמען מיט בעטין, האָבן באַגריסט און געוואונטשן זייערע עלטערן צו זייער גרויסן יום־טוב. אַלע האָבן גענומען צוריקגיין צום טיש. האַנס האָט אָנגענומען פראַנצן ביי דער האַנט און צוציענדיק אים צום טיש, האָט ער הויך אַרויסגערעדט:

— קום צום טיש! טרינק מיט אונדז אַ גלעזעלע צום געזונט פון אונדזערע עלטערן.

פראַנץ האָט אָבער מיט לאַנגזאַמע באַוועגונגען אַרויסגעצויגן זיין האַנט, און מיט ווייטיק און טרערן קוים אַרויסגערעדט:

— האַנס... איך קאָן נישט... איך מוז שוין גיין, איידער מען קומט נאָך מיר פון דער „געסטאַפּאָ"...

— וואוהין דאַרפסטו איצט גיין? ! — האָט האַנס אויסגעשריגן.

אַלעמענס בליקן זענען געווען געווענדעט צו פראַנצן, וועלכער האָט געקעמפט מיט זיך אַליין, און צום סוף ענדלעך אַרויסגערעדט:

— נאָר אויף עטלעכע טעג... דאַן וועל איך צוריקקומען... מיר וועלן דאַן צוגרייטן אונדזער רייזע קיין בראַזיל.

— טאָ וואוהין גייסטו איצט, פראַנץ! —האָט האַנס שוין שרייענ־דיק געפרעגט.— פאַרוואָס ווילסטו אונדז נישט זאָגן?

פראַנץ האָט נאָך געפּרואווט דערדריקן אין זיך די ווערטער וועלכע זענען אים געלעגן אויף דער צונג. בעטי איז צוגעלאָפן צו אים און מיט געבעט און געוויין גענומען ריידן צו אים:

— פראנץ טייערער, אוצר מיינער, זאג פאר אלעמען וואוהין דו ווילסט איצט גיין. באהאלט מער נישט אוים פאר אונדז. דריק נישט אין זיך.

פראנץ, זיך שטיקנדיק מיט זיינע אייגענע ווערטער, האט ענדלעך ארויסגעשטאמלט:

— איך גיי... איך גיי אין... אין שפיטאל אריין, ווערן א ייד.

— וואס! ? —האבן איזידאר און האנס אויסגעשריגן.— וואוהין ?

— אזוי איז עס — האט פראנץ, שוין א בארואיקטער, געזאגט.

— איז דאס דיין סוד ? — האט איזידאר געפרעגט.

— יא, מיין ליבער פראפעסאר, —האט פראנץ געזאגט.— עס איז דער סוד פון אייער באפרייאונג... דער סוד פון אייער רעטונג... אייער אלעמענס לעבן שטייט נאך איצט אין קאן ! וועל איך איצט נישט גיין אויספירן מיין צוזאג...

— וועסט נישט גיין ! —האט בעטי אויסגעשריגן, און זעענדיק די צעשמעטערנדיקע ווירקונג וואס פראנצס ווערטער האבן געמאכט אויף דעם פראפעסאר און האנסן, איז זי צוגעגאנגען צו דער טיר און מיט איר קערפער פארשטעלט דעם ארויסגאנג.— נאר איבער מיין טויטן קערפער וועסטו אריבערשפרייזן ! —האט בעטי געיאמערט.— איך וויל נישט אז דו זאלסט פארראטן ! איך וויל נישט קיין פארראט !...

— פארראטן ! ? —האט איזידאר אויסגעשריגן.— וואס פאר א פארראט קאן זיין פראנצס איבערגאנג צום יידנטום ?

— איך מוז ווערן א ייד און... — האט פראנץ גענומען שטאמלען.

— איך וויל נישט ! האט בעטי אויסגעבראכן אין א געוויין.— איך וויל נישט !...

— וואס קומט דא פאר ? — איז איזידאר א צעשטרייטער צוגע־לאפן צו בעטין.— וואס ווייסטו, קינד מיינס... זאג מיר, בעטי, זאג אלץ וואס דיך דריקט אונטערן הארצן. זאג, קינד מיינס.

— איך קאן נישט מער שווייגן ! פאפא, —האט בעטי א שלוכצנ־דיקע געערדט.— איך וועל דיר אלץ זאגן, אלעס.

סוזי האט אינגאנצן אויפגעציטערט, הערנדיק אז בעטי גייט אלץ דערציילן דעם פאטער. זי האט גאנץ גוט געוואוסט, אז אויב איר מאן וועט זיך דערוויסן וואס פאר א פרייז עס וועט באצאלט ווערן פאר זיין

באפרייאונג, וועט ער זיכער מוחל זיין די טובה. זי האָט גוט געקענט איר מאַנס כאַראַקטער. זי האָט אָבער נישט געוואָלט, אַז ער זאָל דאַרפֿן ליידן צוליב דער משוגעת פֿון עפּעס אַ מאַניאַק, מיט זיינע אידיאָטישע אידעען... זי האָט גענומען בעטן ביי בעטין מיט טרערן אין די אויגן:

— בעטי טייערע, פֿאַרשאַף נישט דעם פּאַ קיין עגמת־נפש... ווערסט צייט האָבן אויף דער שיף אַלץ צו דערציילן.

— וואָס דערציילן? וואָס זאָגן? —האָט איזידאָר אויפגערעגט אויסגעשריגן.— וואָס פֿאַרא שרעקלעכע סודות אין מיין הויז!... פֿאַר־וואָס דערציילט מען מיר נישט אַלעס?!...

— פּאַפּאַ! —איז בעטי צוגעלאָפֿן צום פֿאָטער.— פּאַפּאַ, נישטאָ מער קיין סודות פֿאַר דיר. אַלץ מוזטו איצט וויסן! אַלין! הער: פֿראַנץ גייט איצט אין שפּיטאָל אריין זיך אָפּערירן כדי צו ווערן אַ ייד, און ווי אַ ייד וועט ער מיט אונדז מיטפֿאָרן קיין בראַזיל, און דאָרטן... און דאָרטן...

בעטי האָט זיך פֿאַרהאַקט אין די רייד און וויימער נישט געקאָנט ריידן.

— וואָס, און דאָרטן? —האָט איר איזידאָר איבערגעפּרעגט.— רעד אַלץ ארויס, בעטי.

— און דאָרטן... —האָט בעטי ווידער אָנגעהויבן, און זיך גע־שטיקט מיט אירע ווערטער.— דאָרטן, וועט ער אַרבעטן... פֿאַרן פֿאָ־טערלאַנד.

— פֿאַרן פֿאָטערלאַנד? — האָט איזידאָר איבערגעזאָגט אירע לעצ־טע ווערטער.— זייער שיין, זייער גוט. ער וועט אַרבעטן פֿאַר בראַזיל.

— ניין, פּאַפּאַ! —האָט בעטי מיט ווייטיק אויסגעשריגן.— נישט פֿאַר בראַזיל! ניין! פֿאַר זיין פֿאָטערלאַנד, פֿאַר דייטשלאַנד...

— פֿאַר זיין פֿאָטערלאַנד? — האָט איזידאָר ארויסגעקרעכצט. — פֿאַר דייטשלאַנד? פֿאַר מיצלערן? און צוליב דעם גייט ער ווערן אַ ייד, כדי אַלס ייד צו באַשמוצן דאָס גרויסע פֿרייע לאַנד בראַזיל? בעטי! בעטי! —האָט איזידאָר אין כעס אויסגעשריגן.— און ער וויל ווערן דיין מאַן?!...

אַ מוראַדיקע שטילקייט האָט אין ערשטן מאָמענט געהערשט אין

צימער. פראַנץ איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו איזידאָרן און געוואָלט אָנ־הייבן ריידן מיט אים. אין דעם מאָמענט האָט זיך די טיר געעפנט, און אַ באַאַמטער פון „געסטאַפּאָ”, אָנגעטאָן אין אַ ברוין לעדערן רעקל. ברייטע רייטער־הויזן מיט אַ האַקנקרייץ־עמבלעם אויפן אָרעם, אַ נידעריקער, פּאַרמלאָזער טיפּ, אַ רויט אָנגעפּרעסן ביר־פּנים, מיט קליינע חזירישע אייגעלעך, איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל פון טיר. ער האָט גע־וואָרפן אַ חוזקדיקן איראָנישן שמייכל אויף אַלע ארומיקע אין צימער. ווען זיין בליק האָט באַגעגנט די יונגע בעטי, האָט ער זיך אַזש פאַרכלי־ניעט. ער האָט שוין עפּעס געוואָלט אַרויסריידן אַ וואוילינגעריש ווער־טל אויף איר חשבון. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז ער איז אין אַ יידישער שטוב, וועלכע האָט געהאַט אַזאַ גרויסן כבוד צו האָבן אין אירע פיר ווענט אַזאַ „חשובן” גאַסט. ער האָט זיך צוריק אָנגעשטייפט, אָנ־געצוונדן צוריק דאָס נאַצישע פייער אין זיינע חזירישע ביר־אויגן און מיט האַס אין זיין פּיסק, צילנדיק זיינע בליציקע אויגן צו פראַנצן, האָט ער מיט רוגזה אויסגעשריגן:

— קאַמעראַד פראַנץ! איר האָט פאַרגעסן אייער פליכט?!...

פראַנץ איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל. די ווערטער וואָס ער האָט זיך געגרייט צו ריידן מיט איזידאָרן, זענען אים געבליבן שטעקן אין האַלדז. ער האָט אָבער איצט מער נישט געטאָרט ריידן. זיין „קאַ־מעראַד” פון דער „געסטאַפּאָ” האָט אים גוט געהיט. ער האָט אָבער מיט זיינע אויגן געוואָרפן האַרציקע און איבערגעגעבענע בליקן צו אַלע־מען אין צימער; און זיינע בליקן האָבן מער גערעדט ווי טויזנטער ווער־טער... עס איז אין זיי געלעגן אַזויפיל ליבע און איבערגעגעבנקייט... אַזויפיל געטרייַשאַפט צו אַלעמען... אַזויפיל זאָרג פאַר דער שטוב וועלכע ער פאַרלאָזט איצט אויף עטלעכע טעג, כדי דערנאָך צוריקצוקו־מען און אויף אייביק זיך פאַרבינדן מיט דער פאַמיליע... — אָבער נישט דאָ, נישט אין דעם לאַנד... ניין! ווייט... ווייט, אויף יענער זייט ים... אין אַן אַנדער לאַנד, אין אַן אַנדערער היים, אויף אַנדערע יסו־דות... און —האָט ער זיך דערביי געטראַכט— ווער ווייסט וואָס דאָס נייע לאַנד וועט אים געבן: פרייד, אָדער טרויער... ליבע, אָדער האַס... לעבן, אָדער... מער האָט ער אָבער נישט באַוויזן צו טראַכ־

טן. דער „קאמעראד" פון דער „געסטאפא" האט איבערגעריסן זיינע רעיונות און מיט איראניע האט ער אויסגעשריגן:

— פראנץ! מיר גייען, אדער...

— מיר גייען! —האט פראנץ איבערגעריסן זיין טראכטן. ער האט אנגעטאן זיין מאנטל און הוט, ער האט געווארפן זיינע לעצטע בליקן צו אלעמען. טרערן האבן געגלאנצט אין זיינע אויגן. ער האט ארויפגעצווינגן א געמאכטן שמייכל אויף זיין פנים, בעת ער האט פארלאזט די אים אזוי טייערע און ליבע שטוב.

א שטילקייט, ווי נאך ארויסבאגלייטן א טויטן, האט געהערשט אין צימער. קיינער האט נישט געוואגט איבערצורייסן די אנגעצויגענע, מוראדיקע און שטיקנדיקע שטילקייט. ענדלעך האט סוזי זיך אויפגעשטעלט פון איר ארט. זי איז צוגעגאנגען צו איזידארן, אים אנגענומען מיט מאמעשער הארציקייט און טרייקייט ביי זיין האנט, און ווענדנדיק זיך צו אלעמען, האט זי מיט איינגעהאלטענע טרערן קוים ארויסגערעדט:

— קומט, לאמיר גיין צום טיש.

— ניין!... ניין!... איך קאן נישט! —האט איזידאר געשטיקט די ווערטער אין זיך.— א שפיאן וויל ער ווערן!... א שפיאן!... א שפיאן!... ער האט זיך אראפגעזעצט אויף דער סאפע, ארייננעמענדיק דעם קאפ אין זיינע ביידע הענט אריין, מורמלענדיק אלץ בסדר די זעלבע ווערטער: א שפיאן!... א שפיאן!...

בעטי האט זיך געפילט ווי די הויפט־שולדיקע אין דער גאנצער טראגעדיע; גלייך ווי זי, צוזאמען מיט איר חתן, וואלטן געגרייט א פארשווערונג אויפן לעבן פונעם אויסגעפייניקטן פראפעסאר מיט זיין פאמיליע. זי איז לאנגזאם צוגעגאנגען צום פאטער, אויף דער קני זיך אראפגעלאזט לעבן אים און מיט טרערן אין אירע אויגן האט זי געבעטן:

— ניין, פאפא!... נישט קיין שפיאן!... ער מוז דאך אונדז אלעמען ראטעווען!...

— אבער, א ש־פ־י־א־ן!... —האט איזידאר אויסגעצויגן די ווערטער, און זיך געריסן די גרויע האר פון זיין קאפ.

— פאפא טייערער, —האט בעטי זיך גענומען בעטן ביים פאטער.

— בארואיק זיך, ער וועט נישט זיין קיין שפיאן... ער האט נאר בלויז צוגעזאגט... ער וויל אונדז נאר ארויסנעמען פון דאנען... און

דאָרטן, אין בראַזיל, וועט ער זיין אַ פרייער מענטש, ווי אַלע.

— און אַ ייד אויך דערצו! — האָט דער פאָטער איר איבערגעריסן אין מיטן ריידן.

— יאָ, פּאַ, —האָט בעטי פאַרגעזעצט,— ער ווערט אַ ייד, כדי צו קאָנען מיטפאָרן מיט אונדז צוזאַמען; און דאָרטן, אין בראַזיל, ווער וועט אים דען קאָנען שטערן צו זיין אַ גוטער בראַזיליאַנער?

— ווער? —האָט זיך האַנס אריינגעמישט.— די „געסטאַפּאָ"...

— די „געסטאַפּאָ"? —האָט שוין סוזי אויך געפּרוּאווט שטעלן אַ פראַגע.— די געסטאַפּאָ" אין בראַזיל? דאָרט איז אויך פאַראַן אַ „גע־סטאַפּאָ"?

— יאָ, מאַמע, —האָט האַנס שוין גערעדט דירעקט צו דער מוטער.

— אומעטום האָבן זיי אויגן, און אומעטום האָבן זיי מענטשן... און אָט, זעט איר דאָך אַמבעסטן, אַז מען וויל אונדזער פראַנצן אריינציען אין דעם בראַזיליאַנער שפּיאָנען־געזינדל... אָבער זאָרג נישט, פּאַפּאַ— האָט ער זיך שוין געווענדעט צום פאָטער. ער האָט אָנגענומען דעם פאָ־טער ביי זיינע הענט און אים געוואָלט אויפשטעלן פון סאָפע.— דו וועסט זען, פּאַפּאַ, אַז פראַנץ וועט ווייטער בלייבן אונדזערער, ווי שטענדיק. ער וועט זיך שוין אַרויסדרייען פון זיי.

— אַרויסדרייען... אַרויסדרייען... —האָט איזידאָר אַלץ גע־מורמלט.— ער וועט זיך אַרויסדרייען, און אונדז וועט ער אַריינדרייען...

— פּאַפּאַ! —האָט בעטי זיך גענומען בעטן ביי אים.— לאָז שוין אָפּ אויף היינט, אויב'דו ווילסט נישט אַז איך זאָל פון זינען אַראָפּ!...

איזידאָר איז שוין געזעסן איינגעאַנצן אַ שטילער, אַ באַרואיקטער, אָבער אין זיין מוח האָט זיך נאָך אַלץ געבאָמבלט די האַרבע, אָבער שרעקלעך־אָנגעווייטיקטע פראַגע:

— וואָס וויל ער ווערן? וואָס וויל ער זיין? אַ ייד, אָדער... אַ שפּיאָן... ייד, אָדער... שפּיאָן!...

סוזי האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט, ווען זי האָט געזען ווי איר איזידאָר קומט אַביסל צו זיך און ער איז מער נישט אויפגערעגט. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען צום מאַן און מיט פעסטקייט און גלייכצייטיק מיט ליבע, האָט זי ווי באַפוילן:

— איזידאָר! קינדער! קומט, לאָמיר שוין צוגיין צום טיש. לאָ־מיר צוזאַמען אויסווייען אונדזער יום־טוב...

קאפיטל 17

„צוריק צו מיין פאָלק"...

די גאַסן פון מינכען האָבן זיך פאַרקליידט אין שפּאָגל־נייע מלבושים. נאָך טעג פון אומאויפהערלעכע האַרבסט־רעגנס, האָבן ווייסע, ליכטיק־בריליאַנטענע שנייעלעך אַראָפּגענידערט פון די גרוי־פאַרוואָלקנטע הימלען, און זיי האָבן איינגעהילט די אָפּגעטויטע גאַסן פון גרויסן מינכען.

די לעצטע צייט, מיטן אויפשטייג פונעם מינכענער שטאַם־גאַסט פון נידעריקן ביר־קעלער צום העכסטן שטאַפּל פון לאַנד, מיטן איינפירן די „נייע אָרדענונג" אין לאַנד דורך די ברוינע מושלים, האָבן די מינכענער גאַסן וויינציק־וואָס געפילט אויף זיך די טריט פון די אַמאָליקע מענטשן. אויסער די שווער־באַנאַגלטע שטיוואַלעס פון די „עס־עס"־לייט... פון די בלוטיקע טריט פון די שטורעם־טרופּן... און פון די שטאָלצן מאַרשן פון די פּאַנצער־גוואַרדיעס, האָט די מינכענער ערד וויינציק־וואָס געפילט אויף זיך די טריט פון „פּראָסטן עולם". נאָר מונדירטע און האַקנקרייציקע יונגען האָבן זיך פריי באַוועגט אין אַלע פּלעצער און ערטער. דער פּראָסטער עולם האָט וויינציק־וואָס שפּאַצירט, איז וויינציקער געקומען אין די עפנטלעכע ערטער, נישט וועלנדיק באַגעגענען די נייע אָרדענונגס־היטער פּנים אל פּנים.

נאָך וויינציקער האָבן יידן זיך באַוויזן אויף די גאַסן פון מינכען. זיי האָבן אויסגעמיטן צו זיין דער אָביעקט פון חוזק, קלעפּ און אַ סך מאָל אויך —מיט פאַרשידענע אויסריידן...— פאַרהאַפטונג און קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

אין אַ סך יידישע היימען האָט זיך שוין געפילט און גוט אָנגעזען דער חורבן פון פּאַרניכטונג און אומקום. דער רעזולטאַט פון דער פּראָקלאַמירטער „נייער אָרדענונג" אין לאַנד... נישט איין יידישע פאַמי־

ליע איז צעריסן געוואָרן, דורך דער אינטענסיווער טעטיקייט פון דער „געסטאַפּאָ"... — צונעמענדיק די דערוואַקסענע מענער אין זייער „ברוינעם הויז" אריין אויף „דערוויילּ". וואו מען האָט זיי געפּייניקט צוליב זייער „גרויל־פּראָפּאַגאַנדע"...

אַ פינצטערניש האָט געהערשט אין די יידישע היימען אין מינכען. פינצטער אויף דער נשמה, פונקט ווי עס איז געוועזן פינצטער אויפן הארץ... צוליבן טרויער און חורבן, האָט מען אין די יידישע שטיבער נישט אָנגעצונדן קיין ליכט, כדי נישט צו רופן די אויפמערקזאַמקייט פון די „ברוינע וואַנדאַלן" אין די מינכענער גאַסן. פון די פינצטערע יידישע היימען האָט אַרויסגעשריגן דער טרויער און די פּסיכישע מורא פאַרן חורבן און אומקום פון דייטשישן יידנטום.

פון איין יידישער שטוב, אין אַ זייטיקער גאַס פון מינכען, האָט די ליכט יאָ אַרויסגעשיינט אין גאַס אריין פון אַלע פענצטער; און כאָטש דער אָוונט האָט זיך ערשט געגרייט צו באַהערשן די שטאָט, די בין־השמשות־דעמערונג איז נאָך געווען גוט אָנזעעוודיק, און אויך דער ניי־אָנגעפאַלענער שניי האָט צוגעגעבן זיין נאַטירלעכע ליכטיקייט, האָט מען אין גאַס דערקענט, אַז דאָרטן, אין יענער יידישער שטוב, פון וואַנען עס שיינט איצט אין גאַס אריין אַ שטאַרקע באַלייכטונג, קומט פאָר אַ יום־טוב־געוויינלעכעס.

און ווירקלעך, האָט זיך אין יענער יידישער שטוב, וועלכע האָט קיינמאָל נישט פאַרמאָגט קיין יידישן פונק און קיין יידישן אינהאַלט, — ווי אַ יידישע איז זי נאָר געווען לויט אַ טייטלווייזער אָפּשטאַמונג, און נאָר אַ דאַנק דער „נייער אָרדענונג",— האָט היינט דערהערט דעם יידישן קרעכץ און דעם יידלישן וויי־טיק; עס זענען דאָרט היינט פאַרגאָסן געוואָרן טרערן. אָט, אין יענער יידישער שטוב איז ווירקלעך היינט געווען אַ גרויסער יום־טוב, אַ יום־טוב, וועלכער וואָלט —ביי אַנדערע אומשטענדן— פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן פייערלעכן יום־טוב פאַרן גאַנצן לאַנד, און אפשר אויך פאַרן גאַנצן דייטשישן פאָלק, מיט זיינע וויסנשאַפטלער און מעדיקער; אַ יום־טוב, ביי וועלכן הונדערטער געסט וואָלטן זיך משמח געווען; אַ יום־טוב מיט טויזנטער און צענער־טויזנטער גליקוואונטשן פון גאַנצן אינטעלעקטועלן דייטשלאַנד; אַ יום־טוב,

נישט נאָר אין די פיר איילן פון דער היים, נאָר פאַר גאַנצע קאָדרען פון אוניווערזיטאַריער און קאַטעדראַטיקער.

אַנדערש ווערט אָבער היינט געפייערט דער גרויסער טאָפּלטער יום־טוב פון אַראָפּגעזעצטן פּראָפעסאָר און רעקטאָר פון מינכענער אוניווערזיטעט. דער פופציק־יאָריקער געבוירנטאָג פון איזידאָר שטיינאָך, פונקט ווי זיין זילבערנע חתונה־יום־טוב, איז היינט נאָר דער יום־טוב פון די געציילטע פאַמיליע־מיטגלידער; און כאָטש דער טיש איז פיין סערווירט און אַלע זשיראַנדעלן און קאַנדעליאַברען זענען אָנגעצונדן, דאָך פילט זיך אַ פינצטערניש אין יעדן ווינקעלע; פינצטער אויפן געמיט און אויפן האַרצן...

דאָס אַוועקגיין פון בעטיס חתן, פראַנץ, האָט נאָך מער פאַרשאַרפט דאָס פינצטערניש. עס איז נישט באַשערט געווען, אַז אויך זייער דער־ציאונגס־זון און ברודער — און צוקונפטיקער איידים — זאָל זיך מיטבאַטייליקן אין דער פאַמיליען־שימחה. עס הערשט אַ טרויער אין שטוב, ווי מ׳וואָלט זיך געגרייט אַרויסצובאַגלייטן אַ מת.

איזידאָר האָט זיך נערוועאיש באַוועגט איבערן צימער. מען האָט באַמערקט, אַז ער פירט עפּעס אין זיך אַן אינערלעכן קאַמף מיט זיך אַליין. עטלעכע מאָל שטעלט ער זיך אָפּ, פאַרטראַכט זיך און הייבט ווידער אָן צו שפּאַנען איבערן צימער אַ נערוועאישער. עס זעט אויס, ווי ער וואָלט ביי זיך אַליין געפאָדערט אַ דין וחשבון... אַז ער אַליין מישפּט זיך... אַז ער זוכט אויף זיך אַליין חטאים...

סוזי, זיין געטרייע און איבערגעגעבענע לעבנס־באַגלייטערין, האָט דערקענט אין איר מאַן, אַז ער פירט מיט זיך איצט אַן אינערלעכן קאַמף. זי האָט אים אָבער געוואָלט פאַרלייכטערן זיינע ליידן. זי איז צוגעגאַנגען נאָענט צו אים און האָט אים אָפּגעהאַלטן אין מיטן גאַנג. זי האָט אים אַריינגעקוקט אין זיינע ליידנדיקע, פאַרנעפּלטע אויגן און אויסברע־כנדיק אין אַן אינערלעכן, שטילן געוויין, האָט זי קוים אַרויסגערעדט:

— איזי, איזידאָר טייערער. אַט דאָס איז אונדזער יום־טוב?

מער האָט זי שוין נישט באַוויזן צו ריידן. זי איז האַסטיק אַרויפ־געפאַלן אויפן מאַן און האָט אויסגעוויינט אויף אים איר גאַנצן צער און ווייטיק. איזידאָר איז געקומען אביסל צו זיך. ער האָט זי מיט איידל־קייט און ליבע צוגעפירט צום טיש, זי אַוועקגעזעצט און אַליין זיך

וועקגעזעצט לעבן איר, און מיט זיינע בליקן, איינגעלאדן די קינדער צום טיש.

בעטי, א פארווייינטע און פארטרויערטע, איז צוגאנגען צום טיש און זיך אוועקגעזעצט אויף איר ארט.

האנס, א צופרידענער וואס אלע זיצן שוין ביים טיש, גלויבנדיק אז דער הימל הויבט זיך שוין אן אויסלייטערן און די פארוויינטע געמיטער וועלן זיך בארואיקן, איז צו צום טיש און אנגעפילט די גלעזלעך מיט א שטארקן געטראנק.

א לענגערע ווײַלע האט נאך געהערשט א שטילקייט ביים טיש. האנס איז געווען דער ערשטער איבערצורייסן די טרויעריקע שטילקייט און דערלאנגענדיק בעטין א גלעזל קאניאק, האט ער —מיט א געמאכ־טער פרייד— געזאגט צו איר:

— בעטי! לאמיר טרינקען צום געזונט און לאנגן צוזאמענלעבן פון אונדזערע ליבע עלטערן, די בעסטע עלטערן אין דער גאנצער וועלט.

— סאלוט פאר אונדזערע עלטערן!

איזידאר איז געזעסן ביים טיש ווי א פארשטארטער; דעם קאפ אראפגעלאזט, אן אריינגעטראכטער אין זיך, גלייך ווי ער וואלט גאר־נישט געהערט און געזען, אז זיינע קינדער ווילן טרינקען א סאלוט פאר זיין געזונט. סוזי האט זיך דערשראקן פאר איר מאנס אפאטישן צו־שטאנד. ווי א שטיינערנע סטאטוע איז ער געזעסן ביים טיש, גארנישט גערעדט און גארנישט געהערט. סוזי האט אים געפרואווט אויפוועקן פון זיין וואכן שלאף. זי האט זיך צוגעבויגן נאענט צו אים און אריינ־קוקנדיק מיט איר גאנצער היפנאטישער קראפט אין זיין פנים, האט זי צערטלעך אין אים אריינגערעדט:

— איזי, איזידאר. די קינדער ווילן טרינקען פאר אונדזער געזונט צו אונדזער זילבערנער חתונה... צו דיין פופציק־יאריקן געבוירנטאג...

— הא, —האט איזידאר אביסל אויפגעהויבן זיין קאפ און מיט פארוואונדערונג געפרעגט.— מיין געבוירנטאג? שוין פופציק יאר אפ־געלעבט? מען פראוועט שוין אונדזער זילבערנע חתונה? אזוי פיל יארן בין איך שוין דא אין לאנד?...

— יא, איזי —האט סוזי מיט א לייכטער פרייד אונטערגעכאפט. זי איז צופרידן געווען וואס איר מאן הייבט אן צוריקצוקומען צו זיך.

בדי ער זאָל אָבער נישט אַריינפאַלן צוריק אין זיין אַפּאַטישן צושטאַנד, האָט זי ווייטער גערעדט צו אים: — איזידאָר, צעשטער נישט אונדזער הייליקן יום־טוב...

— הייליקער יום־טוב... —האָט איזידאָר אונטערגעכאַפּט.— הייליק... הייליק... אַלץ איז מיר ביז איצט געווען הייליק... מיין לאַנד וואו איך האָב ביז איצט געוואוינט און געלעבט... מיין ליבע צו דיר... מיינע קינדער... אַלץ האָב איך פאַרהייליקט... קיינמאָל האָב איך נישט געגלויבט, אַז די דייטשישע ערד אויף וועלכער איך טרעט שוין אַזוי פיל יאָרן, קאָן מיר אומטריי זיין... איך האָב שטענדיק געגלויבט, אַז דאָס לאַנד — איז מיין לאַנד... די ערד — מיין ערד... עס איז מיר קיינמאָל נישט געקומען אויפן געדאַנק אַז מיר, ווי יידן, דאַרפן זאָרגן אויך פאַר אַן אייגן לאַנד... פאַר אייגענע ערד... פאַר אַן אייגענע היים... מיר, דייטשישע יידן, האָבן נאָר געגלויבט אין איין לאַנד — דייטשלאַנד. קיינמאָל האָבן מיר גאָרנישט געוואָלט טון פאַר אונדזער אייגן לאַנד — ארץ־ישראל...

איזידאָר האָט זיך אַרומגעקוקט. באַטראַכט זיין פרוי, זיינע קינדער. אַלע זענען געזעסן פאַרטראַכטע און האָבן געשלונגען זיינע ווערטער, אַט די ווערטער וואָס זענען געווען ווי אַ ווידוי פון איינעם, וועלכער פילט אַז זיין פאַרפרעמדט לעבן איז שוין אָפּגעלעבט און ער מוז עס ענדערן... איזידאָר פילט, ווי אינעווייניק אין הארצן, האָט זיך אָנגעזאַמלט פיל אויפרייס־מאַטעריאַל און וועט ער זיך איצט נישט באַפרייען דערפון, וועט זיין האַרץ פּלאַצן. ער וויל אָבער נישט פאַלן אין מיטן פון אַ נאָך־נישט אָנגעהויבן לעבן. ער פּרובירט אויסלאָדן פון זיך דאָס אָנגעזאַמלטע אין זיין הארצן... זאָלן זיי יאָ הערן אָדער נישט הערן!... ער מוז אויסגיסן די ביטערע גאַל... אַרויסזאָגן אַלץ וואָס עס דריקט אים אין דער מינוט. ער דערמאָנט זיך אין די לעצטע ווערטער וואָס האָבן זיך נאָר־וואָס אַרויסגעריסן פון זיין האַרץ: „ארץ־ישראל"... עס גיט אים אַ שטאָך ביים האַרצן... ער הויבט ווידער אָן מיטן זעלבן וואָרט:

— ארץ־ישראל... דאָס יידישע לאַנד... וואָס האָבן מיר, דייטשישע יידן, געטון פאַר ארץ־ישראל?... ווען אַלע דייטשישע יידן וואָלטן נאָר אָוועקגעגעבן איין פערטל פון זייער פאַרמעגן פאַר אייגענעם

יידישן לאַנד, וואָלטן מיר שוין געהאַט אונדזערס און אויסגעקויפט לאַנד!... וואָלטן מיר געהאַט וואוהין צו אַנטלויפן... וואָלט מען נישט געשאַפן קיין פינפטע קאָלומנע פון געמלטע דייטשן... די ענגלי־שע אָקופּאַנטן וואָלטן אונדז געמוזט אַריינלאָזן וואו מיר וואָלטן געהאַט אונדזערע פאַרמעגנס... וואָס האָבן מיר היינט פון אונדזערע פאַר־מעגנס? אַלץ רויבט מען איצט צו ביי די יידן!... אָבער נישט בלויז זייערע פאַרמעגנס און זייער האָב און גוטס רויבט מען צו ביי זיי, נישט בלויז דאָס פאַרלירן מיר איצט! מיר פאַרלירן דאָס טייערסטע וואָס אַ מענטש האָט: דאָס פאָטערלאַנד!... מיר זענען אָבער אַליין שולדיק דערין! —האָט איזידאָר געגומען שרייען און קלאַפּן אין טיש אַריין.— מיר האָבן אונדזער פליכט נישט געטון צו אונדזער אייגן יידישן פאָטער־לאַנד, מוזן מיר איצט זוכן אַ נייעם גלות! מיר האָבן נאָך נישט זוכה געווען צו קאָנען קומען צוריק צו אונדזער היים — צו ארץ־ישראל, מוזן מיר גיין אין אַ נייעם לאַנד — בראַזיל. אפשר וועט פון דאָרט גיין דער וועג צו אונדזער ריכטיקן היימלאַנד. נו, איצט קינדער —האָט ער זיך געווענדעט צו האַנסן און בעטין—, איר ווילט טרינקען אַ סאַלוט צו אונ־דזער יום־טוב? טרינקט־זשע קינדער, טרינקט מיין טייערע סוזי, סאַלוט אייך אַלעמען! —האָט איזידאָר אויפגעהויבן זיין גלעזל—, סאַלוט מיין לאַנד!... סאַלוט מיין ווייב! פינפאונצוואַנציק יאָר זענען מיר פאַר־בונדן צוזאַמען און אונדזער זילבערנע חתונה פייערן מיר אויף דער גרע־נעץ פון אומרעכט און חורבן. לאָמיר אָבער לעבן מיר דער האָפענונג, אַז אין דעם נייעם לאַנד וואו מיר וועלן קומען, וועלן מיר אוועקגעבן אונדזערע לעצטע פיזישע און גייסטיקע כוחות וואָס מיר פאַרמאָגן נאָך, ביז מיר וועלן קומען צו אונדזער ריכטיקער היים — ארץ־ישראל. סאַ־לוט אייך אַלעמען!...

— סאַלוט! — האָבן אַלע געהויבן די גלעזלעך.— סאַלוט פּאַ! — איז בעטי צוגעגאַנגען צום פאָטער, זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין שויס, און קושנדיק און דריקנדיק אים האָט זי מיט אַ פאַרווײנטער שטימע אַרויס־געכליפּעט:

— פּאַפּאַ טייערער, זאָרג זיך נישט מער. לאָמיר נאָר אַלע אַוועק פון דאַנען, וועלן מיר אָנהויבן אַ ניי לעבן. איך האָב ביז איצט ווייניק־וואָס געוואוסט אַז איך בין אַ יידין; אַז עס עקזיסטירט ערגעץ אַ יידיש

לאנד... האסט עס מיר קיינמאל נישט געזאגט! אין דעם נייעם לאנד בראזיל, וועל איך לעבן צווישן יידן, איך וועל מיך באקענען מיט מיין יידיש פאלק. איך וועל, צוזאמען מיט אנדערע יידן, מיטהעלפן דערגרייכן די גרויסע נויטווענדיקייט אין אונדזער לעבן: אונדזער אייגן יידיש היימלאנד — ארץ־ישראל. לאמיר האפן, אז אייער גאלדענע חתונה וועלן מיר פראווען אין אונדזער ריכטיקער, אייגענער, אנערקענטער יידישער היים — ארץ־ישראל...

איזידאר האט עפעס געוואלט ענטפערן זיין באליבטער טאכטער. די טרערן האבן אים אבער גענומען שטיקן און דער קוואל פון רייד האט זיך פארשלאסן. מיט זיינע שטומע בליקן האט ער אבער אפגעדאנקט זיין טאכטער פאר אירע הייליקע ווערטער; און ווייל ער האט געפילט אין אירע ווערטער א ביטערן באשולדיקונגס־אקט קעגן זיך אליין —ווייל ער האט אויסגעמיטן צו געבן זיינע קינדער די ריכטיקע יידישע לערע,— און אויב זיי האבן נישט געוואוסט פון קיין יידישקייט, פון קיין ציוניסטישן געדאנק, פון דעם צווייטויזנט־יאריקן גלות־קאמף פונעם יידישן פאלק, פאר זיינע חלומות און פאר זיין ענדציל, איז טאקע קיינער נישט שולדיק געווען דערין, ווי ער — זייער פאטער, וועלכער האט עס באוואוסטזיניק אויסגעמיטן צו טון — איז ער דערפאר געווען צופרידן, וואס דער יידישער באוואוסטזיין איז געקומען צו זיין טאכטער, דירעקט דורך איר אייגענעם געדאנק, דורך איר אייגן יידיש הארץ... אויך האנסן —וועלכער האט געהויבן זיין כוס צו די עלטערן, צו זייער זילבערנע חתונה,— האט איזידאר געענטפערט מיט די זעלבע פריינטלעך־ווײנענדיקע בליקן. זיי האבן שוין געוואלט נעמען די גלעזלעך צום מויל, האט זיך סוזי פלוצים אויפגעשטעלט פון איר בענקל און מיט א בעטנדיק־באפעלעריש טאן האט זי כמעט אויסגעשריגן:

— ווארט! איך האב אויך עפעס וואס צו זאגן! כאטש עס איז מיין יום־טוב, און אלע דארפן מיר ווינטשן. איך בין די איינציקע פרעמדע דא אין שטוב... מיין איזי איז געווען און וועט פארבלייבן א ייד. זיין נאציאנאלער געפיל וועט זיך נאך מער פארשטארקן... מיין זון און מיין טאכטער —אונדזערע קינדער— זענען ביידע יידן. כאטש מען האט אין זיי נישט ארײנגעגעבן קיין יידיש־נאציאנאלן געפיל, וועלן זיי נאך זיין גוטע קינדער פון יידישן פאלק. איך אליין בין אבער א פרעמדע

צווישן אייך... אַ דייטשישע טאָכטער, אַ טאָכטער פון דעם פאָלק וואָס קאָן שטאָלצירן און קאָן האַסן... וואָס קאָן לערנען און קאָן פארגעסן... אַ פאָלק, אַ נאָרמאַלס ווי אַלע פעלקער. עס האָט זיך אָבער אויסגע־לערנט נאָך עפּעס — וואָס ס׳איז נישט נאָרמאַל ווי ביי אַלע פעלקער— מאָרדן, רויבן און פארניכטן... אָט, דאָס איז עס מיין פאָלק!

סוזי האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגערוט, און פּלוצלינג האָט זי מיט האַס אויסגעשריגן:

— ניין! ניין! איך קאָן מער נישט געהערן צו יענעם פאָלק!... איך וויל מער נישט געהערן צו זיי! —האָט זי מיט טרערן אויסגעשריגן. —איך וויל מער נישט זיין קיין דייטשישע טאָכטער!... נישט דאָס איז מיין שאַנדע, וואָס מען האָט מיך ארומגעפירט אַ נאַקעטע איבער די גאַסן פון מינכען... ניין! מיין גרעסטע שאַנדע איז, וואָס איך בין אַ קינד פון דעם דאָזיקן פאָלק! איך וויל ארונטעררייסן די שאַנדע פון מיר!... איך וויל אויסמעקן דעם נאָמען פון מיין פאָלק פון מיינע גע־דאַנקען! איך וויל עס ארויסרייסן פון מיין האַרץ! און וועט מיר אויסקומען ארויסצורייסן מיין האַרץ — בין איך גרייט דאָס אויך צו טון... איזי מיינער, —האָט זי זיך ווי געבעטן ביי איר מאַן. —קינדער מיינע, איך וויל איצט זיין אין איין משפחה מיט אייך!... איך וויל געהערן צום זעלבן פאָלק וואָס איר... מעג דעם ייד זיין באַשערט די גרעסטע ליידן, וויל איך מיטליידן מיט זיי... און וועט מען זיך דאַרפן שטעלן אין קאַמף פאַר דער אויפהאַלטונג פון אייער פאָלק, פאַר דער דער־ראַבערונג פון אייער היים, וועל איך נאָך זיין גענוג יונג צו קאָנען זיך מיטבאַטייליקן אין אַזאַ הייליקן קאַמף... און אַזאַ קאַמף מוז געוואו־נען ווערן... נעמט מיך אריין אין די יידישע רייען! —איז סוזי ארויפגעפאַלן אויף איר מאַן.— לאָזט מיר ווערן אַ יידישע טאָכטער... לאָזט מיך —ווי אַ יידישע טאָכטער— האַסן מיין מערדעריש פארבלו־טיקט פאָלק... איך וויל נישט זיין מער קיין דייטשקע! איך וויל נישט!...

סוזי האָט קוים באַוויזן ארויסצושרייען פון זיך די לעצטע ווערטער, ווי זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געוויין. זי האָט געהאַלטן אין איין שרייען און וואָרפן זיך אין ספּאַזמאַטישע קרעמפן. איזידאָר האָט זי מיט גלעטן און קושן באַרואיקט. אויך האַנס און בעטי זענען צוגעלאָפן צו

זייער מוטער און זי גענומען גלעטן און איינשטילן. איזידאָר האָט צו־ריק אוועקגעזעצט סוזין אויף איר בענקל. ער האָט איר אָפּגעווישט אירע טרערן, איר דערלאַנגט דאָס אָנגעגאָסענע גלעזל און אַליין נעמענדיק זיין גלעזל אין האַנט אַריין, האָט ער אַ באַגייסטערטער געזאָגט:

— מיין טייער, ליב יידיש ווייבל און מיינע צוויי יידישע קינדער...

—מער האָט ער נישט באַוויזן אַרויסצורייִדן אַ וואָרט. די טיר האָט זיך האַסטיק געעפנט און אַ בריונרעקלדיקער געסטאַפּאָניק איז מיט זיינע פאַרבלאָטיקטע שטיוואַלעס גלייך אַריין אין שטוב. ער האָט געוואָרפן איראָנישע בליקן מיט זיינע שטעכיקע ביר־אויגן אויף אַלע אַנוועזנדיקע אין צימער, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט ריכטיק איבערציילן. ער האָט פון זיין לעדערנעם האַנט־בייטל אַרויסגענומען אַ גרויסן אָנגעשטאָפּטן קאָנ־ווערט און אים אַוועקגעלייגט אויפן טיש. ער האָט געוואָרפן אַ ווילדן בליק אויף די פלעשלעך און גלעזלעך אויפן טיש, אויפן גלעזל וואָס איז געבליבן ביי איזידאָרן אין האַנט, נישט באַווייזנדיק פון שרעק עס אַוועק־צושטעלן אויפן טיש; און וואָלט זיך דער „ברוינער" נישט געשעמט פאַר זיין גרויסן „האַנקנקרייץ" אויפן אָרעם, וואָלט ער זיכער געבעטן אַ גלע־זעלע... זיינע אויגן האָבן גענומען גלאַנצן און דאָס מויל האָט גע־שלונגען די סלינע... ער האָט זיך אָבער געכאַפּט, אַז ער האָט זיך שיעור־שיעור נישט פאַרגאַלאָפּירט... אַז ער געפינט זיך אין אַ יידי־שער שטוב... ער האָט זיך געטון אַ שטייף־אָן, אַרויפגעצויגן אויף זיין געשטופּלט פנים אַ בלוטיקע מאַסקע, און מיט אַ באַפעלעריש־שטרענגן טאָן האָט ער אַרויסגעריטשעט פון זיך:

— יידן! שמוציקע באַנדע! דאָ האָט איר די פּעסער מיט די ווי־זעס און שיפסקאַרטן אַרויסצופאָרן קיין בראַזיל. דרייסיק טעג צייט באַ־קומט איר צו אייער רייזע... נאָך דרייסיק טעג קאָנט איר בלייבן אין לאַנד. פאַרשטאַנען? צום ווידערזען אין בראַזיל...

אינעם מאָמענט ווען דער דייטשישער קוריער האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך, האָט זיך געהערט אַ טראַסק פון צעבראָכן גלאָז. איזידאָר האָט מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן די שטעכיקע בליקן פון דעם גע־שטופּלטן דייטש. זיין גלעזל איז פון זיין האַנט אַרויסגעפאַלן און צע־פּיצלט געוואָרן אויף שטיקלעך.

סוזי איז די ערשטע צוגעלאָפן צום מאַן. זי האָט גלייך באַמערקט

זיין פּלוצימדיקע ענדערונג. זי האָט געגלויבט, אַז איצט וועט אַלעמען באַהערשן אַ פרייד, דערפאַר וואָס מען האָט שוין ענדלעך באַקומען די דערלויבעניש אַרויסצופאָרן קיין בראַזיל; צום סוף זעט זי גאָר אַרויס פון איר מאַנס אויגן, אַז אַ שרעקלעכער טרויער און אומרו האָט אים באַהערשט. זי האָט שנעל געעפנט דעם קאָנווערט, אַרויסגענומען אַלע דאָקומענטן, און צוטראָגנדיק זיי נאָענט צו זיינע אויגן, האָט זי — האַלב אין פרייד און האַלב אין שרעק — אַרויסגעשטאַמלט:

— איזי, איזידאָר, זע נאָר! אפילו פאַר אונדזער פראַנץ איז אויך שוין דאָ אַ פּאַספּאָרט! דו זעסט? אַבראַם פראַנץ פרייליך, מיט אַ רויטן יידן־צייטן אויפן פּאַספּאָרט. דו זעסט? אַלע האָבן שוין יידן־פּעסער! אפילו איך — אויך! מיר זענען שוין אַלע יידן! אַלע יידן!... דו פרייסט זיך גאָרנישט?

— פרייען זיך? פרייען זיך? — האָט איזידאָר מיט שרעק אויסגערופן. — פאַרוואָס זאָל איך מיך פרייען? פאַרוואָס זאָל איך איצט נישט אויפציטערן?!... האָט איר דען נישט געהערט זיינע לעצטע ווערטער? האָט איר דען נישט געהערט זיין געזעגענען זיך מיט אונדז?!.... זענט איר אַלע טויב געוואָרן! — האָט ער שוין אין העכערע טענער אויסגעשריגן.

— וואָס איז דען געשען? — האָט סוזי מיט שרעק געפרעגט. זי האָט גאָרנישט באַמערקט קיין שרעקלעכעס אין די פּאָר ווערטער וואָס דער קוריער האָט אַרויסגערעדט; און באַזונדערס — צוליב דער פרייד צו האָבן באַקומען די דערלויבעניש אַרויסצופאָרן קיין בראַזיל —, האָט זי אפילו נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם קוריערס ווערטער. זי האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען צוליב וואָס איר מאַן האָט זיך אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט אַזש אַרויסגעלאָזן דאָס גלעזל פון האַנט.

— וואָס איז געשען? — האָט איזידאָר איבערגערעדט סוזיס ווערטער. — האָסט נישט געהערט זיינע לעצטע ווערטער? האָסט נישט געהערט זיין חוזקדיקן טאָן: „צום ווידערזען אין בראַזיל?...

— טאָ איז וואָס? — האָט סוזי, נישט פאַרשטייענדיק די באַדייטונג פון די ווערטער — געזאָגט.

— טאָ איז וואָס?! — האָט איזידאָר העכער אויסגעשריגן. — דו פאַרשטייסט נישט די ווערטער? מען וויל דאָך אונדז בינדן! מען

פארקעלמט דאך אונדז! מען לאזט אונדז נישט איבעררייסן מיט דעם לאנד!... מען וויל זיך מיט אונדז זען אין בראזיל! מען לאזט אונדז נישט פריי!

איזידאר איז ארומגעלאפן נערוועאיש איבערן צימער. ער האט זיך קיין ארט נישט געקאנט געפינען. האנס האט גענומען באטראכטן אלע דאקומענטן. ער האט זיך אפגעשטעלט אויף איין דאקומענט און מיט פארוואונדערונג געפרעגט, גלאט אזוי אין חלל אריין:

— פארוואס דערלויבט מען אונדז אלץ מיטצונעמען? איך פאר־שטיי עס נישט! אלע יידן ווערן בארויבט ביזן העמד און אונדז דער־לויבט מען אזוי פיל...

בעטי האט געקוקט אין אלע זייטן. זי האט נישט געוואוסט וואס צו טון. זי האט פארשטאנען, אז דא שטעקט די האנט פון איר פראנצן. זי איז צוגעלאפן בארואיקן דעם פאטער. זי האט אים עפעס געוואלט זאגן וואס זאל פארלייכטערן זיינע ליידן. זי האט אבער נישט געפונען קיין פאסיקע ווערטער. זי האט ארומגענומען איר פאטער, געגלעט אים און געקושט און מיט תמימותדיקע ווערטער גערעדט צו אים:

— פאפא, זיי רואיק. דו וועסט זען, עס וועט אלץ גוט זיין. זאל נאר מיין פראנץ קומען פון שפיטאל, וועסטו זען, ס'וועט אלץ גוט זיין.

— גוט זיין... גוט זיין! —האט איזידאר ארויסגעברומט.— שוין צו גוט פאר מיר... צו גוט! פארוואס קומט עס מיר? עס איז צופיל פאר מיר! צופיל! זיי וועלן פאדערן א קאמפענסאציע! זיי וועלן פאדערן א פארגיטיקונג! וואס וועל איך זיי געבן! וואס! וואס!...

— איזידאר, —איז סוזי צוגעגאנגען צו אים.— בארואיק זיך. מיר וועלן פארן קיין בראזיל...

— איך וועל נישט פארן! —האט איזידאר איבערגעריסן זיין פרוי אין מיטן ריידן.— דו פארשטייסט נישט, סוזי. זיי ווילן זיך דאך מיט אונדז ווידער זען אין בראזיל!... איך וויל מיך נישט פארבינדן מיט די נאצי־באנדיטן!...

— איזידאר! —האט סוזי מיט ווייטיק אויסגעשריגן.— עס וועט

זיין אונדזער אומגליק! אונדזער חורבן! מען וועט דיך צונעמען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אריין! אין דער „געסטאַפּאָ" אריין!...

— זאָל מען מיך נעמען! —האָט איזידאָר צוריקגעשריגן.— פּירט מיך אַליין אַוועק אין דער „געסטאַפּאָ"!... איך וויל נישט מיטשלעפּן דעם נאַציישן שפּיאָנאַזש קיין בראַזיל!...

— פּאַפּאַ! — איז האַנס צוגעגאַנגען צום פאָטער.— דו האָסט אַ טעות. ווען דו וועסט אפילו נישט פאָרן קיין בראַזיל, וועט זיך דער נאַצי־שפּיאָנאַזש אויך אָן דיר אַן עצה געבן; פאַרקערט — ווילסטו מיט־העלפן אונדזער נייעם פאָטערלאַנד, אויסמיידן אָט דאָס אַלץ וואָס מיין געבוירנלאַנד מאַכט איצט דורך — דאַן מוזן מיר פאָרן! נישט דערפאַר ווייל איך וויל מיך ראַטעווען פונעם טייוולס נעגל! ניין, פּאַפּאַ! מען וויל באַשמוצן אונדזער ניי פאָטערלאַנד — בראַזיל, און מיר טאָרן עס נישט דערלאָזן!... און וועלן מיר איצט נישט פאָרן, און וועלן מיר נישט באַווייזן אויפמערקזאַם צו מאַכן „יענער זייט ים" וואָס ס'שטייט זיי פאָר, וועלן מיר זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ נאָך גרעסערן חורבן!...

איזידאָר האָט זיך גענומען גוט אַריינטראַכטן אין די ווערטער פון זיין זון. ער איז צוגעגאַנגען נאָענטער צו אים און מיט אָנערקענונג האָט ער אים געזאָגט:

— האָסט רעכט, מיין זון. מיט אונדזערע קרבנות דאָ, וועלן מיר גאָרנישט דערגרייכן. מיר מוזן טאַקע פאָרן קיין בראַזיל; מיר מוזן זיין דאָרטן וואו די באַנדיטן שאַרפן זייערע חלפים און גרייטן צו זייער רויב. יאָ, האַנס, איך וועל פאָרן! איך, דער פאַרטריבענער דייטשישער ייד, ליידנדיקער און צעוויייטיקטער מיטגליד פונעם יידישן פאָלק וועל מיט מיין בלוט און כבוד העלפן פאַרטיידיקן מיין ניי פאָטערלאַנד, קעגן זיינע אויסערלעכע און אינערלעכע פיינט!... איך וועל פאַלן צו בראַזילס פרייער ערד, איך וועל קושן דאָס זאַמד און וועל באַגעצן די שטיינער מיט מיינע טרערן, אויסגעוויינטע אויפן צער און ווייטיק פון מיינע פאַרפּייניקטע ברידער... דאָ, אין דייטשלאַנד, האָבן מיר געזייעט מיט געזאַנג און מיר שניידן איצט מיט טרערן, און דאָרט, אין אונדזער נייער היים, —ביז מיר וועלן נישט האָבן קיין זעלבסטשטענדיקע היימלאַנד—, וועלן

מיר זייען מיט טרערן און שניידן מיט געזאנג... ווארפט מען מיך אין א קאמף —האט ער מיט זיין ברוויזנדיקן טעמפעראמענט אויסגעשריגן.— נעם איך אים אן!... פארטרייבט מען מיך פון דאנען, הייסט מען מיך פארן — פאר איך! יא! איך פאר צו די יידן קיין בראזיל! איך בין שוין לאנגע יארן אוועק פון מיין פאלק, און איצט גיי איך צוריק צו אים!... קומט, קינדער! —האט ער מיט פרייד אויסגעשריגן.— לאמיר פייערן מיין געבווירנטאג!... לאמיר טרינקען צו אונדזער „זילבערנע חתונה”־יום־טוב! לאמיר טרינקען פאר אונדזער נייער היים! לאמיר טרינקען פאר מיין צוריקגעפונען פאלק! פאר מיין צוריקגיין צו מיין פאלק!... לחיים!...

(ענדע צווייטער טייל)

ד ר י ט ע ר ט י י ל

אויף בראַזיליאַנער ערד

קאפיטל 1

אין בראזיל

בראזיל — דאָס הערלעכע אײביקע פרילינגס־לאַנד —, האָט פאַר צענדליקער טויזנטער יידן געמאַכט פאַר זייער ניי פאָטערלאַנד. זיי האָבן זיך איינגעבירגערט אויף דער נייער בראַזיליאַנער ערד און דאָרטן איינגעאָרדנט זייער היים. שוין הונדערטער יאָרן ווי עס בליט בראַזילס טראַדיציע אַריינצולאָזן יעדן אין לאַנד אַריין, ווער עס זוכט נאָר אַ מקום־מנוחה; ווער עס זוכט דאָרטן זיך איינצואָרדענען אַ היים און אַרבעטן ערלעך און געטריי, נישט ברענגענדיק פאַר קיינעם קיין שאָדן.

שוין די גולי פּאָרטוגאַל און שפּאַניע, האָבן אויסגעקליבן דאָס לאַנד פאַר זייער נייער היים. די „קאָסטאָס", „קאַרדאָזאָס" און „פּערעיראָס" זענען אַריין אין די רייען פונעם בראַזיליאַנער פאָלק, און זיי האָבן מיט זייער וויסן און קענטענישן מיטגעהאָלפן אַנטוויקלען די בראַזיליאַנער קולטור, עקאָנאָמיע און וויסנשאַפט.

ביים סוף פון נײַנצעגטן און אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, האָט אַ נייער שטראָם יידישע אימיגראַנטן זיך דערקליבן צו בראַזילס ברעגן און זיי האָבן זיך באַזעצט אויף דער בראַזיליאַנער ערד. דאָס זע־נען שוין געווען אימיגראַנטן פון אַן אַנדערן טיפּ: מיזרח־אייראָפּעאישע יידן פון רוסלאַנד, פוילן, רומעניע און בעסאַראַביע, — אָט די אַלע לענ־דער, וועלכע האָבן געפירט אַ פּאָגראָם־פּאָליטיק קעגן יידן, האָבן גע־צוואונגען אַ סך יידן פון דאָרטן צו נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט און אַנטלויפן וואוהין די אויגן וועלן זיי טראָגן... און די אויגן האָבן זיי געטראָגן —אין די טויזנטער— צו דעם ווייטן דרום־לאַנד בראַזיל, וואו זיי זענען פון די בראַזיליאַנער אויפגענומען געוואָרן אַלס „רוסאָס", „פּאָלאַקאָס" און „רומאַנאָס"...

מיטן זעלבן אימיגראַציע־שטראָם זענען אויך אַריינגעקומען אין לאַנד אַריין אַזעלכע עלעמענטן, וואָס האָבן נישט פאַרשאַפט קיין כבוד די יידן אין בראַזיל; און כאָטש זיי האָבן זיך אויך גערופן „רוסאָס" און „פּאָלאַקאָס", זענען זיי אָבער געווען עלעמענטן פון נידעריקסטן מין. זייער האַנדל איז געווען — ווייס־שקלאַפעריי, און זייער געביט — פּראָסטיטוציע.

דער רוב מנין פון די יידן אין בראַזיל האָט זיך אָבער אָפּגעטרייסלט פון „יענע יידן"... זיי האָבן זיי אויסגעמיטן ווי אַ ווילדע פּעסט; מען איז נישט געקומען אין קאָנטאַקט מיט זיי און מען האָט זיי באַקעמפט וואו מ'האָט נאָר געקאָנט.

אויב אימיגראַציע אין אַ לאַנד הייסט נאָרמאַל, איז דאָס יידישע אימיגראַנטן־לעבן, פּונקט ווי די יידישע אימיגראַציע, געגאַנגען זיין נאָרמאַלן וועג. דער גרעסטער טייל אימיגראַנטן זענען געווען פון אָרעמען אַרבעטער־קלאַס, פון פּוילן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פאַרן ערשטן וועלט־קריג —אַלס רעוואָלוציאָנערן, און דערנאָך— פון דער פּוילישער רעאַקציע און פּוילישע פּאָגראָמשטשיקעס. דער דרוק פון דער פּוילישער מלוכה, מיט איר פינאַנץ־מיניסטער גראַבסקי, אויף די יידישע קליינהענדלער און מיטלקלאַס, האָט נאָך מער פאַרגרעסערט די יידישע אָרמיי פון וואַנדערער, און מיט דער הילף פון „דזשאָינט" און „האיאַס" האָבן די „איבעריקע יידן" פון פּוילן דערגרייכט צו די ברעגן פון בראַזיל — זייער נייער היים.

מיט דער פּאָליטישער ענדערונג אין דייטשלאַנד און מיטן איבערנעמען די מאַכט דורך מיצלערן, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ נייער אימיגראַנטן־שטראָם קיין בראַזיל. דאָס מאָל איז שוין אָבער דער עלעמענט געווען אינגאַנצן אַן אַנדערער. עס זענען געקומען גרויסע מיליאָנערן מיט זייער גאַנצן פאַרמעגן און מיטגעבראַכט אַפילו זייער מעבל, פּיאַנאָס און מאַשינען. עס זענען געקומען מיטלקלאַס־מענטשן, וועלכע האָבן אויך באַוויזן —דורך פאַרשידענע טראַנזאַקציעס מיט בראַזיליאַנער פירמעס— מיטצוברענגען זייערע אָפּשפּאָרונגען קיין בראַזיל. עס זענען אויך געקומען פאַרשידענע וויסנשאַפטלער, דאָקטוירים, שרייבער, פּראָפעסאָרן און גלאַט אַזוי קינסטלער, וועלכע זענען נישט איינשטימיק געווען מיט מיצלערס אידעען, און וועמען ס'איז געלונגען אין סאַמע אָנהייב

פון דער נאַצי־הערשאַפט אין דייטשלאַנד, צו פאַרלאָזן זייער לאַנד און אַריינקומען מיטן נייעם אימיגראַציע־שטראָם קיין בראַזיל; און כאָטש די אַלע ניי־אָנגעקומענע „דייטשן" — נישט, חלילה, יידן... — זענען געווען פּאָליטישע אַנטלאָפענע פון זייער געבוירן־ אָדער דערציאונגס־לאַנד, האָבן זיי פאָרט אַזוי לייכט נישט געקאָנט פאַרגעסן זייער ליבע „היימאַט"... ווי נאָר זיי האָבן אויסגעפּאַקט זייערע פּעקלעך און האָבן זיך קוים באַוויזן אַפּצורוען פונעם וועג, האָבן זיי זיך גלייך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט אַנדערע „דייטשישע" פירמעס אין לאַנד, און צוזאַמען האָבן זיי פאַרבונדן קאָמערציעל און עקאָנאָמיש דאָס לאַנד בראַזיל מיט זייער אַלט היימאַטסלאַנד — דייטשלאַנד.

די אַלע טויזנטער „דייטשן", וועלכע זענען געקומען ווי קאַפּיטאַ־ליסטן קיין בראַזיל, זענען נאָר געקומען „צייטווייליק"... זאָל זיך נאָר „דאָרטן" עפּעס ענדערן, און זיי וועלן —„מיט גאָטעס הילף" — צוריק־פאָרן... און דערווייל האָט מען געשלאָסן גרויסע טראַנזאַקציעס מיט דער אַלטער היים: מען האָט געבראַנגט מאַשינען, רווישטאָפן און פאַר־טיקע סחורות און מזכה געווען בראַזיל מיט די אויסאַרבעטונגען פון דעם בלוטיקן נאַצי־לאַנד.

פאַר דער בראַזיליאַנער וועלט זענען זיי געווען עכטע דייטשן... אַזוי ווי אַלע אַנדערע הונדערטער טויזנטער דייטשן וואָס געפינען זיך אין בראַזיל. דאָס לאַנד איז געווען צופרידן פון דער גרויסער „אויפלע־בונג" וואָס די „נייע דייטשן" האָבן אַריינגעבראַנגט אין לאַנד אַריין. די אויסאַרבעטונגען פון „מייד אין דזשערמאַני" זענען געווען אַ שם־דבר. די אַלטע, איינגעזעסענע דייטשן, האָבן גאָר אויפגעלעבט מיטן באַקומען „עכטע וואַרע פון דריבן"... און כאָטש אָט די דייטשן זענען שוין גע־ווען עכטע בראַזיליאַנער, פון פינפטן דור געבוירענע אין בראַזיל, האָבן זיי אָבער פעסט אָנגעהאַלטן זייער גערמאַנישקייט, מיטן גאַנצן קנאַק. נישט איין געבוירענער דייטש אין בראַזיל האָט אויסגעשריבן זיין „גע־בורטשיין" פון... דייטשלאַנד, און „קיינער האָט עס גאָרנישט באַ־מערקט"... די גערמאַניזירונג פון די בראַזיליאַנער דייטשן איז שוין געווען אַזאַ פיקסירטע, אַז אַ סך מוניציפּאַליטעטן און שטעט האָבן אַרויס־געגעבן עכטע בראַזיליאַנער געבורטשיינען אַלס... דייטשן, און אין דער דייטשישער שפּראַך...

די צופרידנקייט פון די דייטשן אין בראַזיל איז געווען אַ באַרעכ־טיקטע. דייטשישע סחורות קומען אַן קיין בראַזיל אין די מיליאָנען דאָ־לאַרן, און דאָס העלפט אַ סך צו צו דער אויפהאַלטונג פונעם דייטשישן פּרעסטיזש און... פּרעמדע וואַלוטע פאַר דייטשלאַנד...

די בראַזיליאַנער דייטשן זענען געווען געקניפּט און געבונדן מיט זייער אַלט היימלאַנד — דייטשלאַנד. אַפילו דער „איין טעלער זופּ״־קאַמפּיין — דער פּראָגראַם פון זייער פירער מיצלער — איז אויך אין ווייטן בראַזיל אָפּגעהיט געוואָרן מיט דער גאַנצער דייטשישער שטרענג־קייט. אין אַלע דייטשישע געשעפטן, בוכהאַנדלונגען און אינסטיטוציעס האָט מען עפנטלעך געקאָנט לייענען די אויפרופן וועגן: „היט אָפּ דעם איין טעלער זופּ־קאַמפּיין״... שיקט דאָס איבעריקע געלט צו אייער היימלאַנד — דייטשלאַנד״...

דער אַנטיסעמיטיזם אין בראַזיל — כאָטש ער איז נישט געווען קיין נויטיקער פּראָדוקט פאַרן לאַנד, ווייל ס'זענען נאָך געווען זייער ווייניק יידן אין לאַנד צו ווענען אים אַנצואווענדן —, אָבער ווי אַ אידעע איז ער נאָרמאַל געשפּונען און געפּלעגט געוואָרן, אויב נישט דירעקט דורך אַ וועל־כע ס'איז דייטשישע פּאַרטיי אין לאַנד, איז ער אָבער שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן דורך אַ בראַזיליאַנער נאַצי־פּאַרטיי אונטערן נאָמען: „גראַליס־טן״, מיט זייער „פירער״ קליניאָ סאַלגאַקאָ״. די דאָזיקע „גראַליסטן״, אָדער, ווי מ'האָט זיי גערופן אין לאַנד: „גראַנאַט העמדלעך״. האָבן עפנטלעך פּראָגראַמירט זייער אָנגעהעריקייט און פּאַרטיי־גלייכקייט, ווי די פון מיצלערן אין דייטשלאַנד; און נישט איין מאָל זענען פאַרגעקומען וואַלן, ווען ביי אַן עפנטלעכער מאַניפעסטאַציע פון די „גראַנאַט העמד־לעך״ האָבן הויכע רעגירונגס־לייט און מלוכה־פּערזענלעכקייטן, פון די עפנטלעכע מלוכה־באַלקאָנען, עכט נאַציסטיש סאַלוטירט די אַנטיסעמיטי־שע מאַניפעסטאַנטן, און אַזוי אַרום אַרויסגעוויזן זייער איינשטימיקייט מיט זייער פּראָגראַם...

די נייע דייטשישע איינוואַנדערער האָבן דאָס אַלץ צוגעזען. זיי האָבן געזען, אַז דאָס וואָס ס'האָט זיך אָנגעהויבן מיט עטלעכע יאָר צו־ריק אין דייטשלאַנד — פאַר וועלכן זיי זענען אַנטלאָפן — הייבט זיך איצט אָן אין בראַזיל, צו וועלכן זיי העלפן אַ סך צו, דערמיט וואָס זיי העלפן

דייטשלאַנד זיך איינשאַפן פרעמדע דעוויזן, דורך זייער אימפּאָרט פון דייטשישע אויסאַרבעטונגען קיין בראַזיל.

קיינעם פון די נײַ־איינגעוואַנדערטע דייטשישע יידן איז נישט איינגעפאַלן זיך צו באַזעצן אין די יידישע „ייקאַ"־קאָלאָניעס פון בראַזיל, כאָטש ס'איז דאָרטן געווען פּלאַץ צו קאָלאָניזירן טויזנטער יידישע פאַמיליעס.

שוין ביי אַ פיר צענדליק יאָר ווי ס'האָבן עקזיסטירט אין בראַזיל די דאָזיקע קאָלאָניעס. די ערשטע יאָרן — אין פיליפּזאָן, און ווען די קאָלאָניזאַציע איז דאָרט נישט געלונגען, צוליב דעם שלעכטן ערד־קויף פון די „ייקאַ"־אינזשעניערן, — אין דער קאָלאָניע „קוואַטראָ אירמאַנס"; דאָרטן האָט זיך שוין אַנטוויקלט אַ קליינע יידישע קאָלאָניזאַציע פון אַ פופציק יידישע פאַמיליעס פון רוסלאַנד, בעסאַראַביע און פּוילן; און וואָלטן די דייטשישע יידן אויך אַהין געשטראָמט, וואָלט זיך אפשר די קאָלאָניע געווען אַנטוויקלט ווי געהעריק. ווייל קיין ערד —שוין אויס־געצאָלטע פון דער „ייקאַ"— האָט דאָרטן נישט געפעלט; אין די דייטשי־שע יידן, מיט זייער עקשנות און דויערהאַפטיקייט וואָלטן געקאָנט באַ־שיינען דאָס קאַפּיטל יידישע קאָלאָניזאַציע אין בראַזיל. האָט עס זיי אָבער געצויגן אין די גרויסע שטעט אַריין, ווי, ריאָ דע זשאַנעיראָ, סאַן פּאולאָ און פּאָרטאָ אַלעגרע. זיי זענען דאָך נאָר געקומען אויף „דער־ווייל"... האָבן זיי אויך אויף „דערווייל" געשאַפן אַ ביי־שטאָטישע קאָלאָניע, נאָענט פון בראַזילס הויפּטשטאָט, און דווקא מיט גרויס דער־פאָלג. זיי האָבן אָבער די דאָזיקע קאָלאָניזאַציע־פּראָבע נישט שטאַרק געפלעגט און זי נישט פאַרגרעסערט, ווייל זיי האָבן מער געזאָרגט פאַרן אימפּאָרטירן דייטשישע סחורות, פאַרגרעסערן זייער קאַפּיטאַל, און וועגן באַשיינען דעם נאָמען פון בראַזיליאַנער יידנטום, מיטן מיטהעלפן פאַר־שטאַרקן זייער קאָלאָניזאַציע, האָבן זיי זיך נישט פאַראינטערעסירט...

און אויב די יידישע קאָלאָניזאַציע אין בראַזיל האָט זיך אָנגעהויבן דורך די מיזרח־יידן, האָט אָבער דער גרויסער צושטראָם פון די מערב־יידן אפילו קיין ביימעלע נישט צוגעפלאַנצט צו דער שוין אָנגעהויבענער אַר־בעט פון יידישן שוויים און מי אויף דער בראַזיליאַנער ערד. אפילו, ווען קיין בראַזיל איז אָנגעקומען ווי אַן אַנטלאָפענער פון דייטשלאַנד, דער גוט־באַקאַנטער פּראָפעסאָר פון מינכענער אוניווערזיטעט, דער דאָקטער איזידאָר שטיינאָך מיט זיין גאַנצער פאַמיליע.

קאפיטל 2

ריאָ דע זשאַנעיראָ

די גאַנצע פאַמיליע פון פּראָפעסאָר איזידאָר שטיינאַך האָט זיך באַזעצט אין בראַזילס הויפּטשטאָט, ריאָ דע זשאַנעיראָ.

ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין בראַזיל, זענען זיי פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער הערלעכקייט און וואונדערלעכער שיינקייט פון ריאָ דע זשאַנעיראָ. כאָטש אַרכיטעקטאָניש האָט מען זי ווייט נישט געקאָנט פאַרגלייכן צו אַ גרויסער אייראָפּעאישער הויפּטשטאָט, איז זי אָבער מיט איר נאַטור־רייכקייט ווייט אַריבערגעשטיגן אַלע אייראָפּעאישע הויפּטשטעט צוזאַמען. די אייביקע פרילינג־שטאָט, וועלכע האָט זיך שטענדיק געבאָדן אין גרינס און אין בלומען, האָט געמוזט פאַרכאַפּן, גלייך אויפן ערשטן בליק, מענטשן וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געהאַט די געלעגנהייט צו באַוואונדערן נאַטור־שיינקייטן אין מיטן פון אַ גרויסער שטאָט, זענען אינגאַנצן צוגעשמידט געוואָרן צו זייערע ערטער, און נישט איין מויל האָט געשעפּטשעט דערביי:

„ווי שיין דו ביסט, גאָטס וועלטל...״

נאָך פיל שענער און הערלעכער איז געווען דער שטאָט־טייל ביים ים־אויסגוס „קאָפּאַקאַבאַנאַ״, מיט זיין הערלעכן ים־ברעג. אויף צענדליקער קילאָמעטער ווייט שפּיגלדיקער ים, אַרומגענומען אין אַ האַלבן רינג, מיט שניי־ווייסע זיידענע זאַמדן, אָנגעלענט צוקאָפּנס פון אַ ריזיקגרויסן שטיין־באַרג, ווי אַן אייביקער וועכטער, וועלכער האָט געשוואוירן צו היטן אייביק, כדי קיינער זאָל נישט קאָנען באַרויבן די שיינקייט און פּרעכטיקייט פונעם גאַנצן אַרום. מיט צאַרטע הענט גלעט דער ים זיין שומר — דעם שטיין־באַרג, ווי וועלנדיק אים אָפּדאַנקען פאַר זיין שומרישער אַרבעט. נישט איינמאָל צעבייזערט זיך דער ים מיט זיין גאַנצער שטורמישער קראַפט און ער נעמט דערלאַנגען דעם ים־שומר מיט

דער גאַנצער טויזנט־יאָריקער בייזקייט... גלייך ווי דער באַרג וואָלט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט אין זיין אַל־יאָריקן אָטעם... און ווען עס קומט אים אָן אַזאַ בייזע מינוט, שטורעמט ער... שרייט ער... ער וואַרפט זיך מיט זיין גאַנצער ימישער קראַפט, און זיין אַפּהילך דערהערט זיך אויף ווי ווייט... דער שטיין־באַרג פילט אויף זיך דעם שטורמישן אָנגריף פון צעשויבערטן ים, ער זעט זיינע בייזע בליקן... ער קען שוין גוט זיינע שטורמישע אויסברוכן פון צייט צו צייט... דער באַרג שטייט זיך ווייטער אַ רואיקער, אַ שטילער, גלייך ווי נישט ער וואָלט געווען דער אָנגעגריפענער... ער וואַרט רואיק, ביז דער ים וועט זיך מישב זיין און אָפּשטעלן זיין נערוועאישן אָנגריף... און דאַן וועט ער אים ווידער אַריינגעמען אין זיינע אָרעמס, ווידער אים גלעטן, ווי שטענדיק, ווען ער איז אין גוטן הומאָר...

דער פּראָפעסאָר שטיינאַך האָט זיך זאַט נישט געקאָנט אָנקוקן פון דעם נאַטור־אוצר וואָס ריאָ דע זשאַנעיראָ פאַרמאָגט. ער האָט פאַרגעסן אין זיין באַשלוס, אַז זיין באַזוך אין בראַזיל איז נאָר אַ צייטווייליקער. ער איז מיטגעריסן געוואָרן מיטן ים־שטורעם. די כוואַליעס האָבן אים אַוועקגעפירט ווייט־ ווייט. אין זיין באַגייסטערונג פאַר דער שטאָט און פאַר איר נאַטור־רייכקייט, האָט ער אַן עמאָציאָנירטער אויסגעשריגן:

— ווי שיין ביסטו, בראַזיליאַנער הויפּטשטאָט!... אייביק וועל איך זיין אין דיין שאָטן... שטענדיק זאָלן דיינע ווינטן מיך גלעטן, דיין זון — מיך וואַרעמען, און דיינע מויערן — מיך שיצן...

איזידאָר שטיינאַך האָט געגלויבט צו קאָנען איינאָרדענען זיין היים אין ריאָ דע זשאַנעיראָ, אָדער אין סאַן פּאַולאָ. ביידע אויבנדערמאָנטע גרויסע שטעט זענען געווען רייך אין קאָמערץ און אין אינדוסטריע; ווייל די אין דער פרעמד געענדיקטע דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן, האָבן אין בראַזיל נישט געטאָרט פּראַקטיצירן זייער מעדיציניש פאַך. די פאַמיליע פונעם פּראָפעסאָר האָט אָבער אָפּגעוואַרט אַ „ספּעציעלע באַשטעטיקונג" פון דייטשלאַנד, מיט אַדרעסן, צו וועלכע פירמעס זיי זאָלן זיך ווענדן און אין וועלכע שטעט זיי וועלן זיך דאַרפן באַזעצן.

דערווייל, האָבן זיי גענאָסן פון דער שיינקייט פון דער שטאָט. זיי האָבן אויך דערוואַרט אין קורצן זיך צו באַקענען מיט זייערע דייטשישע לאַנדסלייט.

האנס און פראנץ — די צוויי שוואגערס — וועמען ס'איז אויך אין דייטשלאנד פארזאגט געווארן, נישט צו פראקטיצירן אין בראזיל זייער מעדיקער־פראפעסיע, ווייל זיי וועלן דארפן זיין „פארנומען" אין האנדל מיט דייטשישע ארטיקלען — זענען אויך געווען באגייסטערט פאר בראזילס נאטור־פראכט און גלאנץ.

סוזי און בעטי — די מאמע מיט דער טאכטער — זענען געווען די איינציקע וועלכע האבן א סך געטראכט און גארנישט גערעדט.

סוזי, די דייטשישע טאכטער, דערצויגן אין די יונקערישע און מיליטערישע ספערן, האט געוואוסט, אז די דייטשן טוען נישט סתם קיין טובות... און אויב זיי טוען אזעלכעס — ווילן זיי טייער באצאלט דערפאר. זי האט גאנץ גוט פארשטאנען, אז אויב מ'האט זיי באפרייט פון דייטשלאנד און זיי געשיקט קיין בראזיל, מסתמא וועלן זיי האבן א ספעציעלע מיסיע אויסצופירן, און אט פאר דער דאזיקער „מיסיע" האט זי זיך געשראקן. זי האט אויך געוואוסט, ווי אזוי דייטשן קאנען באצאלן ווען מען פאלגט נישט אוים זייערע באפעלן... זי האט שוין מיט אומגעדולד אפגעווארט די אפיציעלע אנווייזונג פון „דארטן", וועגן זייער קאמערציעלער ארבעט אין זייער נייער היים — בראזיל.

מער פון אלעמען האט זיך געשראקן און געוויטיקט פאר דער נאענטער צוקונפט די יונגע בעטי, די פרוי פון אברהם פראנץ פרייליך. זי האט גוט געדענקט דעם צוזאג וואס איר מאן האט געגעבן און דעם פרייז וואס ער דארף צאלן פאר זייער באפרייאונג... זי איז דעריבער געווען אומגעדולדיק צו וויסן, צי וועט זייער נייער לעבן אין דעם בליענדיקן לאנד זיין א פארזעצונג פון זייער טראגעדיע אין דער אלטער היים, אדער...

— וואס „אדער" און ווייטער פון דעם „אדער" — האט זי נישט געקאנט טראכטן, ווייל אויסער איר מאן, האט קיינער נישט געוואוסט, און זי האט ביי קיינעם נישט געקאנט דערגיין וועגן זייער איינארדענונג פאר דער נאענטסטער צייט.

דערווייל, האבן זיי פארנומען א פיינעם אפארטאמענט אין איינעם פון די האטעלן פון „קאפאקאבאנא" אין ריא דע זשאנעירא. זיי זענען נאך געווען פארנומען מיטן באקענען זיך מיט דער שיינער שטאט, באוואונדערן איר נאטור־רייכקייט און וואונדערבארער פראכט, אוןווארטן אויף באשלוסן וואס פראנץ דארף דערהאלטן.

און ווירקלעך: אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך זייער אָנקומען, איז פּראַנץ אַהיימגעקומען מיט אַ גדולה, אַז ער איז שוין אויף אַ שטיקל דרך; אַז זייער אַרבעט אין בראַזיל וועט זיין אַ גאַנץ פּראָסטע, ריין קאָמער־ציעלע אַרבעט: זיי וועלן דאָ עפענען אַ געשעפט פון מאַשינען און אַנ־דערע מעכאַנישע אַרטיקלען, ספּעציעל אימפּאָרטירטע פון דייטשלאַנד, און אַז די מוסטערן פון די אַלע אַרטיקלען געפינען זיך שוין אין פּאָרט.

בעטי האָט זיך זייער דערפרייט מיט דער דאָזיקער ידיעה. זי איז געווען זייער צופרידן וואָס ס'האָט זיך אויסגעלאָזט — נאָר אַ קאָמער־ציעלע אונטערנעמונג... אַבי זי האָט זיך געשראָקן... אַבי זי האָט געמיינט, אַז איר מאַן וועט מוזן זיין אַ דייטשישער שפּיאָן...

איזידאָר און פּראַנץ האָבן שוין גענומען מאַכן די הכנות צו עפענען דאָס מאַשינען־געשעפט. זיי ביידע האָבן געדאַרפט זיין די רייזנדיקע אַגענטן פון דער פירמע און פּראַנץ — דער אימפּערטירער־עקספּאָרטירער און דער פּאַקטישער לייטער פונעם געשעפט.

די הויפּט־פירמע פון די דייטשישע מאַשינען אין בראַזיל, האָט גע־שטעלט צו פּראַנצס דיספּאָזיציע אַ גרויסן געשעפטס־לאָקאַל, מיט אַלע טעכנישע איינריכטונגען און מיט עטלעכע ביוראָ־צימערן, שוין צוזאַמען מיטן געהעריקן טעכנישן פּערסאָנאַל, פאַרשטייט זיך — אַלע דייטשן.

די נייע פירמע „קאַזאַ מאַקענאַריאַ אַלעמאַן", האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט, און שוין די ערשטע טעג, ווען איזידאָר מיט האַנסן האָבן צו־געגרייט זייערע רעפּרעזענטאַנץ־מוסטערן צו זייער ערשטן אַרויספּאָר, האָט אין דער „קאַזאַ" זיך געמאָלדן אַ געוויסער הער, בעטנדיק צו האָבן אַ געשפּרעך מיטן שעף־לייטער פון דער פירמע.

פּראַנץ האָט זיך גלייך פאַרגעשטעלט פאַר אים: אברהם פּראַנץ.

— מיין הער, — האָט זיך דער נייער גאַסט אָנגערופן אין דער דייט־טשישער שפּראַך. — פאַר מיר זענט איר דער זעלבער דאָקטער פּראַנץ פּרייליך, פּונקט ווי אין מינכען.

— ווער זענט איר? — האָט שוין פּראַנץ מיט פאַרוואונדערונג גע־פרעגט.

— מיין נאָמען דאַרף איך נישט פאָראינטערעסירן, — האָט דער דייטש ביטרע געענטפערט. — גענוג איז פאַר אייך, ווען איר זעט מיין לעגיטימאַציע... ער האָט אונטערגעהויבן אַ קלאַפּע פון זיין רעקל, און

א קליינער זילבערנער האקנקרייץ האט באשטעטיקט זיין פערזענלעכקייט.

— און איצט, הער דאקטער, —האט דער לעגיטימירטער דייטש שוין גע־זאגט מיט מער חוצפה.— ביטע אין ביורא־צימער. איך האב מיט אייך זייער וויכטיקעס צו ריידן.

דאס פארשטעלן זיך פון דעם נאצי־קאמעראד און זיין איינלאדונג אין ביורא־צימער, איז פארגעקומען אזוי אומגעריכט פאר פראנצן, אז ער האט בלינד נאכגעפאלגט דעם אומבאקאנטן קאמעראד, עפענענדיק איינע פון די זייטיקע טירן וואס פירן פון געשעפט אין א קארעדאר, און פון דארטן — אין א באזונדערן ביורא־צימער, וואו פראנץ מיט זיין „גאסט" זענען געהיימנישפול פארשוואונדן.

דאס ביורא־צימער איז געווען פיין און עלעגאנט איינגעארדנט. כאטש אויבערפלעכלעך האט עס געמאכט דעם איינדרוק פון א צימער, וואו עס ווערן טעכניש דערליידיקט פארשידענע געשעפטלעכע טראנזאק־ציעס, האט אבער א פיפיק אויג גלייך געקאנט דערקענען, אז דאס איז עפעס מער ווי א ביורא־צימער פון א מאשינען־געשעפט. א דאנק דעם גרויסן טיש מיט איבער א צענדליק ארומגעשטעלטע פיין־געבעטע שטולן, האט עס גיכער געמאכט דעם איינדרוק פון א צימער פון א גרויסער באנק־פירמע, וואו די דירעקטארן האלטן אפ זייערע זיצונגען... אויך די הערמעטיש געשלאסענע שאפעס, אנגעפילטע מיט פארשידענע פאפירן, שטעמפלען, ביכער און... ראדיא־טראנסמיסארן... זענען גיכער ענ־לעך געווען צו א רעגירונגס, אדער מיניסטעריעלער געביידע, ווי צו א ביורא פון א געשעפט.

אין צימער איז קיינער נישט געווען אויסער פראנץ מיט זיין נייעם קאמעראד. נאכדעם ווי דער קאמעראד האט איבערגעגעבן פראנצן די שליסלען פון אלע טירן, שאפעס און שופלאדן, האבן זיי זיך ביידע אוועק־געזעצט אין די גרויסע, גערוימע, ווייך־געבעטע פאטעלן, און פראנץ האט מיט פארוואונדערונג געפרעגט זיין קאמעראד:

— קאמעראד...?

— פאן קארלאס — האט דער גאסט זיך ערשט איצט פארגעשטעלט מיט זיין נאמען.

— זייער אנגענעם —האט פראנץ געזאגט.— אלזא, קאמעראד פאן

קארלאס, וואס זאל באדייטן אט די גאנצע איינריכטונג צו מיין מאשי־נען־געשעפט?

— דאקטער, — האט קארלאס געזאגט. — איך דארף נישט מאכן קיין שום הכנות כדי אייך צו געבן דערקלערונגען. איר ווייסט דאך נאך וואס איר זענט געקומען קיין בראזיל. איך וויל אבער, אז איר זאלט וויסן, אז אט דאס מאשינען־געשעפט פון פאַ־נט, האט גארנישט צו טון מיט אייער ארבעט אט־אַ־דאַ, אין דעם צימער. איר זענט דער ספּעציע־לער באפולמעכטיקטער פון „דריטן רייך" אנצופירן מיט דער דייטשישער פּראפּאגאנדע־ארבעט אין בראזיל. איר זענט שטענדיק געווען א גוטער קאמעראד פון די „עס־עס" און פון דעם דירעקטאריום פון „ברוינעם הויז". אויף אייך ליגט די פליכט פארצוזעצן אייער ארבעט לטובת איי־ער לאנד.

— אין וואס דארף עס באשטיין מיין ארבעט? — האט פראנץ גע־פרעגט, נישט פילנדיק נאך אליין, צי באשטעטיקט ער דעם אנבאט, אדער צי איז ער נאר נייגעריק צו וויסן וואוהין ער איז אליין פארקראכן...

— הערט, דאקטער פראנץ, — האט פאן קארלאס ווידער אנגעהויבן.
— איר זענט יונג, שיין. מיט אייער פיגור און האלטונג קאנט איר זיך אריינבאקומען אין די רייכסטע און עלעגאנטסטע פאמיליע־הייזער. איר קאנט פארפירן ליבעס מיט טעכטער פון דיפּלאמאטן, פון מיניסטארן און פון מיליטער־לייט. מיט געלט — וואס ס'וועט אייך זיכער נישט פעלן —, קאנט איר אריינקומען אין די גרעסטע בראזיליאנער אינסטיטוציעס. דער עיקר: פארגעסט נישט צו פירן הייסע ליבעס מיט אזעלכע וואס מען דארף... זעט ארויסצובאקומען וויכטיקע סודות פון לאנד, וואס קאנען נוצן ברענגען אונדזער „פירער"... מיר שטייען איצט פאר גרויסע גע־שעענישן פאר אונדזער לאנד און פאלק... מיר מוזן באהערשן די גאנ־צע וועלט! איר הערט? — די גאנצע וועלט! אויף אונדז ליגט דער חוב צוצוגרייטן בראזיל צו איר באפרייאונג. פארשטאנען?

פראנץ האט ערשט איצט געזען, אז ער איז אריינגעפאלן צום טייוול אין דער האנט אריין. ער האט אויף אזוי פיל נישט אויסגערעכנט אין דער היים... ער האט זיך נישט פארגעשטעלט, אז זיין „צוזאג", צו ארבעטן אין בראזיל לטובת דייטשלאנד, וועט ער טאקע מוזן דערפילן... ער האט זיך גענומען אריינטראכטן אין די אלע אנגעווארפענע פונקטן

וועלכע זיין קאלעגע האט אים נאר־וואס פארגעלייגט. ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז ארויסרייסן זיך אינגאנצן פון זייערע הענט וועט ער אזוי שנעל נישט קאנען. ער האט דאן באשלאסן צו פירן א נייע טאקטיק, א טאקטיק פון אפשלעפן. אפשר וועט אים די טאקטיק מיטהעלפן צו זיין נייעם געדאנק וואס פלאנדערט זיך ביי אים אין מוח, — זיך ארויסצורייסן פון דעם גאנצן נאצישן געזינדל און ארייגלאזן זיך אינעם יידיש־בראזיליאנישן לעבן. פארגעסן זיין דייטשישן אפשטאם... ווערן א ריכטיקער ייד און זיין געטריי זיין יידישער פרוי, זיין יידיש פאלק און זיין נייער היים — בראזיל.

די פאנטאסטישע בילדער פון זיין צוקונפט, זענען פאר זיינע אויגן געפלויגן ווי דורך א קאליידאסקאפ. ער האט אבער נישט געוואלט, אז זיין קאמעראד פאן קארלאס זאל עפעס מערקן אין אים. ער האט א קורצע צייט געטראכט און דאן האט ער —מיט א געמאכטער זיכערקייט— געענטפערט:

— קאמעראד! איך דאנק אייך הארציק פארן פראגראם וואס איר האט דא אנטוויקלט פאר מיר און פאר די אנווייזונגען וואס איר האט מיר געגעבן. עס איז א הערלעכער פראגראם... איך בין זיכער שטאלץ דערמיט, וואס איר פארטרויעט מיר אזא וויכטיקע און הייליקע ארבעט לטובת אונדזער לאנד און „פירער". איך וועל זיכער אנווענדן אלע מיינע מעגלעכקייטן דורכצופירן מיין ארבעט אויף די גאנצע הונדערט פראצענט... אבער, —האט ער זיך צוריקגעכאפט— איין שטערונג איז דערווייל דא אין מיין ארבעט. איך שטרייך אונטער „דערווייל"... מיט דער צייט וועט די שטערונג אויך פארשווינדן.

— וואס איז די דאזיקע שטערונג? —האט פאן קארלאס, א פאר־אינטערעסירטער, געפרעגט.

— די שטערונג, —האט פראנץ, אויך מיט גרויס אינטערעס, געזאגט.— איז, וואס איך בין נאך דערווייל א גרינער, ערשט א קורצע צייט אין לאנד. איך בין נאך נישט געקומען אין קאנטאקט מיטן בראזיליאנער און נישט מיט דער בראזיליאנער געזעלשאפט. איך קען נאך נישט די פסיכיק פון בראזיליאנער. איך ווייס נאך נישט וואס פארא מיטלען אנצוואווענדן, כדי צו קאנען געווינען זיין צוטרוי. איך וועל דערווייל אנגיין מיט מיין געשעפטלעכער ארבעט, און אזוי ארום וועט

מיר געלינגען זיך גוט צו באַקענען מיטן לאַנד. דאַן וועל איך זיין בכוח אָנצוהייבן מיין אַרבעט, צוליב וועלכער איך בין טאַקע אַהער געקומען, און לאָמיר האָפן, אַז דאָס וועט נישט לאַנג געדויערן.

פאַן קאַרלאָס איז געבליבן אַ העכסט־צופרידענער פונעם אויפריכטיקן ענטפער. טאַקע יאָ, — האָט ער ביי זיך געטראַכט.— זאָל ער זיך נאָר אויסגרינען אַביסל... נישקשה! עס זענען דערווייל פאַראַן אַנדערע ביוראָס וואָס „אַרבעטן” פאַר דעם צוועק... עס וואָלט טאַקע נישט געשאַדט, ווען אויך די נייע ביוראָ וואַרפט זיך שוין אַריין אין דער אַרבעט, נאָר דער דאָקטער פראַנץ — האָט ער געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף פראַנצן — איז טאַקע נישט אַבי ווער! ער פאַרשטייט אַ געשעפט... ער וויל גיין „לאַנגזאַם אונד זיכער”... זייער גוט. ער וועט זיך אויסטויגן צום געשעפט...

— געדעכט! — האָט פאַן קאַרלאָס געגעבן פראַנצן אַ קלאַפּ אין דער פּלייצע.— עס איז טאַקע גלייכער זיך פריער צו באַקענען מיט די אומשטענדן, מיט דער אומגעבונג, מיטן קאָמעריץ, ווערן פריער אַביסל באַקאַנט, און דאַן, — האָט ער ביטרע געמרוזשעט מיט זיינע ביר־אויגן — וועט עס שוין גיין אַ גאַנג... ער האָט אַרויסגענומען אַ קליין זילבערן האַקנקרייצל און עס דערלאַנגט פראַנצן, און מיט אַ קליין שליסעלע האָט ער געעפנט אַ זייטן־טירל פון פאָטעל, אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ פלעשל „ברענדי־ביטער” און אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך, און פול מיט קוראַזש האָט ער אויסגערופן:

— פאַר אונדזער אַרבעט!... פאַר אונדזער הייליקן צוועק!... פאַר אונדזער לאַנד און „פירער”!...

קאפיטל 3

דער בלוטיקער בליץ־מאַרש

וואָכן, חדשים און יאָרן האָבן זיך געצויגן. די „קאַזאַ מאַקינאַריאַ אַלעמאַן" האָט זיך גלענצנדיק אַנטוויקלט. איזידאָר און האַנס זענען געווען אויסערגעוויינלעכע רעפּרעזענטאַנטן פון דער פירמע און זיי האָבן פאַרקויפט איבערן לאַנד פאַר געוואַלדיק גרויסע סומעס דייטשישע מאַשינען און אַנדערע דייטשישע אַרטיקלען. פראַנץ איז ווייטער געווען דער פּאַקטישער ליטער פון דער פירמע. פון האָטעל האָבן זיי זיך שוין לאַנג אַרויסגעקליבן און האָבן זיך באַזעצט אין אַ שיין פאַמיליע־הויז אין דער גאָרטן־געגנט פון „טיזשוקאַ". די פרויען, האָבן ווייניק־וואָס געוואוסט פונעם געשעפט. קיין געלט אין שטוב האָט קיינמאָל נישט געפעלט; פראַנץ האָט געגעבן וויפל מען האָט נאָר געדאַרפט. פראַנץ האָט גאָרנישט דערציילט וועגן זיינע באַגעגענישן מיט פאָן קאַרלאָס. אפילו בעטי האָט שוין אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן אין די צוזאָגן וואָס איר מאַן האָט געגעבן אין דער אַלטער היים.

אויך איזידאָר און האַנס האָבן נישט געוואוסט וועגן וויזיט פון פאָן קאַרלאָסן אין „זייער געשעפט"... זיי האָבן אויך נישט געוואוסט און נישט באַמערקט קיין שום אויסערגעוויינלעכעס ביי פראַנצן, וואָס זאָל רופן זייער אויפמערקזאַמקייט. פון צייט צו צייט האָבן זיי אפילו באַמערקט פרעמדע פּנימער אין געשעפט. עפּעס האָט מען זיך געסודעט, פאַרהאַנדלט אין באַזונדערע צימערן. עס איז זיי אָבער גאָרנישט איינגעפאַלן צו פאַרדעכטיקן עפּעס. עס איז זיי אפילו נישט געקומען אויפן זינען, אַז ס'קאָן זיך האַנדלען אין זאַכן וואָס האָבן נישט קיין שייכות מיט זייער געשעפט, אָדער צו זייער מאַשינען־האַנדל; מסתמא אַגענטן פון „דריבן"...

דער איינציקער וואָס האָט אינערלעך געליטן און נישט געקאָנט פאַר

קיינעם אראפרייזן זיך פון הארץ, איז געווען פראנץ. יעדע פאר וואכן איז פאן קארלאס צו אים געקומען מיט א וויזיט. יעדעס מאל איז ער געקומען אויפמונטערן און יעדעס מאל האט ער אים געזאגט מוסר.

דער לעצטער באזוך פון פאן קארלאס אין דער ביורא פון זייער „קאַזא" איז שוין נישט געווען ענלעך צו זיינע פריערדיקע איידעלע באזוכן. מיט זיין גאנצן שטורעם איז ער באפאלן פראנצן:

— גענוג! הער דאקטער! — האט ער אויסגעשריגן. — גענוג שוין אפגעשלעפט ביז היינט! איר מוזט שוין צוטרעטן צו דער ארבעט! מיר שטייען פאר גרויסע געשעענישן. דער אידיאט טשעמבערליין גלויבט, אז ער האט מיט זיין כישוף־שירעם אפגענארט אונדזער לאנד... אז ער האט שוין — פאר זיין דור — באזארגט א שלום... אבער אומזיסט זיין טירחה! אומזיסט זיין פליען צום „פירער"... נאר געציילטע טעג — און אונדזער בלוטיקער בליץ־מארש וועט באדעקן די לענדער פון אייראַפע... אפילו מיט אונדזער אפמאך מיט די „רויטע וואנסעס" האבן מיר נאר געוואלט אים פארשטעלן די אויגן, אז ער זאל נישט זען, אז באלד וועלן מיר אנהויבן דעם גרויסן בליץ־מארש אין אייראפע, און אים פריער נישט אפשטעלן, ביז מיר וועלן אים פארענדיקן אין קרעמל... מיר מוזן איצט באארבעטן זיד־אמעריקע. מיר מוזן צוגרייטן בראזיל, אויפצונעמען אונדזערע העלדישע בליצלער... מיר מוזן צוגרייטן גע־היימע באזעס פאר אונדזערע אונטערוואסער־שיפן און אוויאנען... מיר מוזן האבן אונדזערע געהיימע ראדיא־סטאנציעס, כדי צו קאנען שטיין אין קאנטאקט מיט אונדזערע סאלדאטן און מיט אונדזערע אור־שיפן... מיר האבן איצט ארבעט איבערן קאפ! נישטא מער קיין צייט פאר אפ־שלעפענישן... איר זענט שוין גענוג לאנג אין לאנד, אז איר זאלט שוין עפעס קאנען טון!...

— אבער, איך טו דאך! — האט פראנץ איבערגעריסן זיין קאמע־ראדס דרשה. — א דאנק מיר, האט זיך זייער גוט אנטוויקלט דער האנדל מיט דייטשישע ארטיקלען. אין די מיליאנען ווערן אפגעשיקט פרעמדע דעוויזן צו אונדזער היימלאנד. א דאנק אונדזער פארשפרייטן האנדל מיט דייטשישע אויסארבעטונגען, האבן מיר געוואונען נישט נאר די היי־גע דייטשן, נאר אויך די בראזיליאנער אויף אונדזער זייט... אזוי ארום פראפאגאנדירן מיר אויך לטובת אונדזער פאטערלאנד!...

— קוואַטש! —האָט פאָן קאַרלאָס אויסגעשריגן.— פירן אַ האַנדל קאָן יעדער שמוציקער ייד! אויף דיר ליגט אַ העכערע פליכט! דו מוזט אַרבעטן פאַר דער דייטשישער מאָראַל! פאַרן דייטשישן גייסט, און נישט פאַרן האַנדל!... מיר האָבן דיר דערלויבט מיטצונעמען דיין בינטל יידן, — זאָלן זיי האַנדלען... זאָלן זיי — צוזאַמען מיט אַ סך דייטשע יידן אין בראַזיל — באַזאָרגן אונדזער לאַנד מיט פרעמדע וואַ־לוטעס און דעוויזן! דיין אַרבעט מוז זיין אַ העכערע!... וואָס האָסטו ביז איצט געטון אויף דעם געביט? האָסט זיך באַזעצט מיט דיין יידישער פאַמיליע אין בראַזיל, און דו פאַרגעסט אינגאַנצן אין דיינע פליכטן! דו מוזט שוין אָנהויבן אַרבעטן! פאַרשטאַנען, אַרבעטן! קרייץ דאָנער־וועטער! אַרבעטן...

פראַנץ האָט שוין געזען, אַז זיין ביז־איצטיקע טאַקטיק פון אָפּ־שלעפּן, וועט אים מער נישט געלינגען. אין מוח האָבן זיך אים גענומען באַמבלען אַנדערע געדאַנקען. אינגאַנצן זיך איבערגעבן דעם טייוול אין דער האַנט אַריין, האָט ער אָבער נישט געוואָלט. האָט ער באַשלאָסן צו שפּילן אויף אַ נייער קאָרט: נעמען זיך צו דער „ריכטיקער אַרבעט"... אַלץ צוזאָגן און צו אַלעם זיך צוגרייטן; אָננעמען אַלע אַרבעטן וואָס מען וועט אויף אים אַרויפוואַרפן. קודם־כל, זאָל ער זיין פריי פונעם חשד פון זיין נאַציסטישן קאַמעראַד. נאָר, ביזן אָנהויבן די אַרבעט, זאָל ער אויסקלערן אַ פּלאַן, ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פון דער גאַנצער קאַמאַ־רילע; ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון אַלעם. ווען עס אים געלינגען, וועט ער זיין דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט; וועט ער ערשט וויסן אַז ער האָט עפּעס אויפגעטון פאַר זיין יידישער פרוי, פאַר איר פאַ־מיליע און פאַר בראַזיל.

פראַנץ האָט שנעל געענדערט דעם טאָן. ער האָט זיך אויפגעהערט צו מאַכן תמעוואַטע. מיט אַ פעסטער שטים האָט ער אַ פרעג געטון זיין קאָלעגע:

— קאַמעראַד! איר רעכנט אויס צעטלען פון אַרבעט און איר ווייזט מיר נישט אָן דירעקט, וועלכע אַרבעט. איר האָט מיך געהייסן פירן ליבעס מיט בראַזיליאַנער מיידלעך...

— און אַפילו חתונה האָבן מיט זיי, אויב ס'וועט נויטיק זיין! — האָט פאָן קאַרלאָס אים איבערגעשריגן.

אזוי: ! אפילו חתונה האָבן מיט זיי. און וואָס וועט זיין מיט ביגאַמיע? ווייסט איר דען נישט, אַז איך האָב אין בראַזיל חתונה גע־האַט מיט מיין פרוי לויטן בראַזיליאַנער געזעץ?

— מיט אַ יידישער! —האָט פּאָן קאַרלאָס איראָניזירט.

— אין בראַזיל זענען נאָך דערווייל נישטאָ אונדזער „פירערס" ראַ־סן־געזעצן... —האָט אויך פראַנץ געענטפערט מיט איראָניע.— און ווען איך וועל —צוליב שפּיאָנאַזש־צוועקן— חתונה האָבן אַ צווייטן מאָל, וועט אונדזער גוטער יידישער נאָמען אין בראַזיל אינגאַנצן באַשמוצט ווערן... און דאָס וויל איך אויסמיידן... איר הייסט מיר קומען אין קאָנטאַקט מיט די היגע אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטן. איך בין דאָרטן די גאַנצע צייט פון מיין זיין אין בראַזיל. זיי פירן אַ ריינע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק; און אויב זיי האָבן אין די פריערדיקע יאָרן געווענדעט זייער בליק צו אונדזער דייטשלאַנד, צו אונדזער „פירערס" אידעען; אויב זיי האָבן דערלויבט אונדזער נאַצישע פּראָפּאַגאַנדע פירן פריי אין דעם לאַנד; אויב זיי האָבן אַליין געהאָלפן אויפשטעלן אַן אייגענע נאַצי־פּאַרטיי אין לאַנד, וועלכע האָט געפּרעדיקט די אידעען פון אונדזער מיצלערס „איך וויל", האָבן זיי זיך איצט אָנגעהויבן אָפּצוקערן דערפון... עס העלפט מער נישט געבערס נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע — נישט פון דרויסן און נישט פון אינעווייניק... דאָס בראַזיליאַנישע פאָלק וויל נישט אַריינגעצויגן ווערן אין דער בלוטיקער וועלט־וואָקבאַנאַליע...

מוזן מיר זיי צווינגען דערצו! —האָט פּאָן קאַרלאָס אויסגעשריגן.

— מיר וועלן זיי פאַרשקלאַפן, פּונקט ווי דאָס טשעכישע פאָלק!... מיר וועלן זיך דאָ אַריינרייסן, פּונקט ווי מיר וועלן עס טון מיט אַנדערע לענדער אין דער וועלט... דו מוזט אָבער אָרגאַניזירן די „פינפטע קאָ־לומנע" אין לאַנד. קיין געלט וועט דיר נישט פעלן! דו מוזט אָבער אויך פאַבריצירן פאַלש געלט, כדי צו אַנטווערטן די בראַזיליאַנער וואַ־לוטע... דו מוזט אויסקויפן דאָס גאַנצע קליינגעלט, כדי עס זאָל אויס־פעלן אויפן מאַרק, כדי עס זאָל אַרויסרופן אַן אומצופרידנקייט ביים פאָלק... מיר מוזן צוגרייטן סאַבאָטאַזש־אַקטן אין דער מעטאַלורגיע, אין די עלעקטרישע סטאַנציעס, אין דער שיף־ און באַן־באַוועגונג... מיר מוזן אַלץ טון, כדי אָפּצושוואַכן דעם כוח פון דער רעגירונגס־מאַכט... מיר מוזן אַריינברענגען אַ האַס פון פאָלק צו די רעגירונגס־

אינסטאַנצן... מיר מוזן אָרגאַניזירן אַ סומאַטאָכע אין לאַנד... אָפּ־שוואַכן די אַרמיי, אונטערקויפן מיליטערישע פירער. מיר מוזן דאָ טון דאָס זעלבע וואָס מיר האָבן געטון אין עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע, פוילן, פראַנקרייך און אומעטום וואו מיר דאַרפן נאָר... און וועט זיך נאָר אָנהויבן אונדזער בלוט־בליץ־מאַרש — גייען מיר אומעטום אַריין צום גרייטן... אַלץ איז פאַרטיק; און דאָס מוזטו אַלץ צוגרייטן... און וועסטו דאַרפן מיטהילף, וועט עס דיר נישט פעלן. מיר האָבן שוין אַפילו נישט־דייטשן וואָס זענען גרייט מיטצוהעלפן דערצו... דו מוזט אָבער לייסטן דעם גאַנצן פּראָגראַם... דו מוזט אָנפירן די גאַנצע קאָלומנע.

פראַנץ האָט זיך געמאַכט ווי ער הערט אַלץ אויס מיט גרויס כוונה; אַז ער איז טיף פאַראינטערעסירט אין דעם גאַנצן פּראָגראַם; און כדי נישט צו וואַרפן קיין חשד אויף זיך, האָט ער מיט פרייד זיך געפּאַטשט אין די הענט אַריין און אַ צופרידענער אויסגעשריגן:

— אויסגעצייכנט!... אויסגעצייכנט קאַמעראַד! אָט דאָס גע־פעלט מיר! עס איז היפּש גוט... הערט זיך איין, קאַמעראַד! נאָך די וואָך נעם איך מיך צו דער אַרבעט! גיט מיר צייט איין וואָך, און איך וועל אייך צושטעלן דעם גאַנצן פּראָגראַם פון מיין אַרבעט. איך האָף אַז איר וועט זיין זייער צופרידן מיט מיר.

— טאַדעללאָז! —האָט פאָן קאַרלאָס אויסגעשריגן, אויפשטעלנ־דיק זיך פונעם פּאָטעל.— אַלזאָ, איין וואָך צייט!... הייל מיצלער!...

— הייל מיצלער! —האָט אויך פראַנץ אויפגעהויבן זיין האַנט און אָפּגעזעגנט זיין קאַמעראַד.

פראַנץ איז איצט געבליבן זיצן אַליין, פאַרטראַכט מיט זיך. ער האָט איצט געהאַט אַ שווערן קאַמף מיט זיך צו פירן. ער איז געווען די גאַנצע הונדערט פּראָצענט קעגן דער „נייער אָרדענונג" פון מיצלערן. ער האָט נישט געוואָלט ברענגען שאָדן זיין נייַ לאַנד, בראַזיל. ער האָט נישט געוואָלט פאַרשמוצן דעם נאָמען פון זיין יידישער פאַמיליע, צו וועמען ער געהערט שוין איצט. ער האָט שוין אַפילו געקלערט וועגן אי־בערגעבן דעם גאַנצן ענין צו דער בראַזיליאַנער פּאָליציי. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז ס'זאָל נישט זיין צו־פרי... ווער ווייסט, צי ער וועט זיך דאַרטן נישט אָנטרעפן אויף די „נישט־דייטשן", פון וועלכע זיין קאַ־מעראַד האָט נאָר־וואָס גערעדט... און וועט ער דורכפאַלן ביי זיין צו־

פריער מעלדונג, ווען ווידער זיין יידישער נאָמען באַשמוצט ווערן; און כאָטש ער איז געווען פון געבורט־אָן אַ ריינער אַריער, האָט אָבער דאָס געפיל פון יידישקייט פון זיינע דערציער, פון זיין ווייב, פון דער יידישער אומגעבונג, מיט וועלכער ער האָט שוין אָנגעהויבן צו קומען אין קאָנ־טאַקט, אים באַהערשט. וואָס זאָל ער איצט טון? אַריינוואַרפן זיך אין דער אַרבעט פון דער „פינפטער קאָלומנע”? — ניין! ער קאָן עס נישט!... און באַזונדערס, טאָמער כאַפּט מען אים ביי זיין שפּיאָנאַזש־אַרבעט? איז ער דאָך אָפיציעל אַ ייד... ער האָט דאָך —פון זיין לאַנד— באַקומען אַ יידישן פּאַס! אפילו אַ געמלטער איז ער דאָך!... וועט ער דאָך אַזוי אַרום אויך פאַרשמוצן די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין לאַנד... זאָל ער עס אָבער נישט טון — דראָט אים די „געסטאַ־פּאָ” אין בראַזיל מיט צוריק פאַרשלעפּן אים קיין דייטשלאַנד, אָדער זיך אָפּרעכענען מיט אים... ער וואָלט שוין אפשר געגעבן דעם קרבן פאַרן נייעם לאַנד, פאַר בראַזיל — האָט ער אָבער מורא, אַז אויך אין זיין יידי־שער פאַמיליע וועלן זיי נעמען נקמה... און דאָס לאַנד וועט גאָרנישט געניסן דערפון... זיין יידישע פאַמיליע — טוט ער זיך אַ דערמאָן אין זיי. זיין ליבע בעטי... זיין דערציער און פּראָפעסאָר... אויך אַנ־דערע יידן אין בראַזיל קאָנען ליידן. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכ־ער, אַ פאַרקלערטער. ער האָט געזוכט מיטלען. פאַרשידענע פּלענער האָבן זיך אים געבאַמבלט אין מוח. ער האָט נישט געהאַט פאַר וועמען זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן. אין שטוב האָט מען נישט געטאָרט וויסן וועגן זיינע באַגעגענישן מיטן קאַמעראַד. אפילו דער פּראָפעסאָר און האַנס —וועלכע זענען געווען אין כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט דער „קאַזאַ” — האָבן גאָרנישט געוואוסט וואָס עס טוט זיך אין דער ביירא פון דעם זעלבן געשעפט.

ביים אָוונט־ברויט איז פראַנץ געזעסן ביים טיש אײַנגאַנצן אַ פאַר־טראַכטער אין זיך. קיינער האָט עס טאַקע נישט באַמערקט, אָבער די איינציקע וואָס האָט עס געפילט מיטן גאַנצן האַרצן און נשמה, איז גע־ווען זיין בעטי. זי האָט שוין געוואָלט וואָס שנעלער פּטרן דעם טיש, כדי צו קאָנען אַרויסגיין אַביסל מיטן מאַן אויף דער פרייער לופט און אפשר זיך קאָנען אויך אַראָפּריידן פון האַרצן.

אַ לייכט ווינטל האָט אַרומגעהילט דעם יונגן פּאָרפּאָלק, ווען זיי

זענען ארויסגעקומען אין גאס. דער וואונדערבארער בראזיליאנער הימל האט זיי באלויכטן מיט זיינע מיליאסן שטערן, פינקלענדיקע און שמייכלענדיקע. פון צייט צו צייט האט א ווייס וואלקנדל אוועקגערויבט די ליכט פון דער בת־מלכה — די לבנה. באלד אבער האט דאס וואלקנדל חרטה באקומען אויף דעם רויב, און האט צוריק פריי געמאכט דעם וועג פאר די ליכטיקע לבנה־שטראלן, און דאס וואלקנדל האט זיך מיט ווייטיק און שאנדע אפגעטראגן...

בעטי און פראנץ זענען געגאנגען פעסט צוגעדריקטע צו זיך. פראנץ, — נאך דער היינטיקער באגעגעניש מיט פאן קארלאסן, און בעטי, — ווי אן אינערלעכע קראפט וואלט איר געזאגט, אז איר מאן מוז עפעס ליידן; עפעס אזעלכעס, וואס זי קאן עס נישט באגרייפן און וואס ער קאן עס איז אפשר נישט דערציילן.

בעטי האט שוין אינגאנצן געהאט פארגעסן פון אמאליקן „צוזאג" אין מינכען. די עטלעכע יארן וואס זיי זענען אין בראזיל, איז איר פראנץ זייער א גוטער און איבערגעגעבענער מאן און א גוטער מישפחה־מיטגליד. זיי קומען אין קאנטאקט מיט אנדערע דייטש־יידישע פאמיליעס. פראנץ איז שוין א גאנצער ייד געווארן. ער איז שוין אפילו געווען עטלעכע מאל אין סינאגאגע. וועגן געשעפטן, אדער אנדערע מאטעריעלע זאכן, האט פראנץ זיך קיינמאל נישט געהאט צו באקלאגן. אבער פארט! פון צייט צו צייט קומט ער פון געשעפט א צעטראגענער, א טרויעריקער, א פארטראכטער אין זיך. בעטי האט שוין פיל מאל געפרואווט ארויסבאקומען פון אים עפעס; ארויסלייענען פון זיין פנים, וואס ס'דריקט אים אויפן הארץ. זי האט שוין אים עטלעכע מאל געפרעגט אויך. ער מאכט אבער אלע אירע פראגן צו קלייניגעלט... ווייס איך וואס! —פלעגט ער איר שטענדיק זאגן.— עפעס עגמת־נפש צוליב געשעפט... מער גארנישט... ער האט זי טאקע אויפן מאמענט באַרואיקט; זי האט טאקע געגלויבט, אז ס'זענען פאראן געשעפטלעכע שוועריקייטן. זי האט שוין געוואוסט, פון דער ראדיא, אז אין אייראפע קומען פאר פארשידענע „איבערגרופירונגען" פון פאליטישן שטאנדפונקט... אז עסטרייך און טשעכאסלאוואקיע זענען שוין אקופירט פון דייטשלאנד; אז אויך פוילן שטייט אויף דער וואגשאל. נו, —האט זי געגלויבט—, אז דאס האט זיכער פאראורזאכט שוועריקייטן אין גע־

שעפט; אז עס קומען נישט אָן די באַשטעלונגען צו דער צייט, אָדער, דער אימפּאָרט פון דייטשלאַנד איז אַ שווערער. זי האָט שוין אַלץ אויס־גערעכנט און אַלץ געפּרואווט טרעפן. איצט, אָבער, זעט זי אין זיין פּנים עפּעס אַנדערע צייכנס פון שרעקלעכע ליידן... עפּעס נישט אַזעלכעס וואָס קאָן זיך נעמען פון שלעכטע געשעפטן... נאָר עפּעס טיפערע... ווייטיקלעכערע... זי טוליעט זיך אַלץ מער צו צו אים, גלייך ווי זי וואָלט וועלן —דורך אַ פיזישן קאָנטאַקט— איבערנעמען אַלע ווייטיקן וואָס זאַמלען זיך אָן אין זיין האַרץ.

דאָס שטילקייט אין גאַס און דאָס שטילקייט ביים פּאָרפּאָלק הויבט שוין אָן אָנצונעמען מרה־שחורהדיקע פאָרמען; עס הויבט שוין אָן דריקן אויפן געמיט. בעטי זעט, אַז איר מאַן איז שווייגנדיק פאַרעקשנט; אַז ער דריקט עפּעס אין זיך און ער קאָן עס נישט אַרויסריידן. זי קאָן אָבער מער נישט שווייגן. זי באַשליסט איינמאָל פאַר אַלע מאָל — זי מוז אים פרעגן. באַטש זי ווייסט שוין פון פאָרויס זיין תירוץ: געשעפטן... דאָך באַשליסט זי איבערצורייסן די סודותדיקע שטילקייט. זי שטעלט זיך אָפּ אין מיטן שפּאַציר, מיט איר רעכטער האַנט הייבט זי אונטער זיין קאָפּ. זי קוקט אים אַריין גלייך אין זיינע פאַרוואָלקנטע אויגן. אַ מינוט פון שווייגן באַהערשט זיי ביידן. בעטי קאָן מער נישט אויסהאַלטן זיינע קאַלטע, פאַרוואָלקנטע בליקן. מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט, און מיט איר גאַנצער נשמה שעפּטשעט זי אַ ליידנדיקע:

— פראַנציסקאַ... פראַנץ מיינער. פאַרוואָס ביסטו עפּעס אַזוי טרויעריק? איך פיל ווי אַ שרעקלעכער שמערץ דריקט דיר דיין האַרץ. איך זע דיך ליידן... טייערער! פאַרוואָס ווילסטו עס מיר נישט זאָגן? פאַרוואָס ווילסטו זיך נישט פאַרטרויען פאַר מיר, — דיין איינ־ציקע געטרייעסטע אין לעבן? אפשר וועל איך דיר פאַרלייכטערן דיינע ליידן!... אפשר גייען די געשעפטן נישט גוט, וועלן מיר איינפירן מער עקאָנאָמיע אין שטוב. אפשר דריקט דיך עפּעס אַנדערש? רעד! דריק נישט אין זיך! זאָג אַלץ אַרויס פאַר דיין בעטין...

פראַנץ האָט אַראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ. ער האָט אַרויסגענומען זיין האַנט פון איר אָרעם און זי פאַרלייגט אויף איר האַלדז. ער האָט צוגע־צווינגן איר קאָפּ נאָענטער צו זיינעם. ביידנס ליפּן האָבן זיך באַגעגנט, און אין ליידנשאַפטלעכע קושן זיך באַהאַפטן... פראַנץ האָט טיפער

אפגעאטעמט. ער האט געפילט, אז דער קוש פון זיין געליבטער בעטי האט אראפגעריסן א פעסטן שלאס פון זיין מויל. ער האט געפילט ווי אלע זיינע פארשלאסענע קוואלן פון יארן, עפענען זיך איצט אויף; אז אלץ וואס ס'איז ביז איצט געווען פארשלאסן אין זיין הארצן, אנטפלעקט זיך איצט פאר זיין געליבטער בעטי, אט פונקט אזוי ווי די לבנה איז נאר־וואס ארויס פון אונטער א וואלקן און האט א פלייץ געטון מיט ליכ־טיקע שטראלן, אט אזוי מוז זיך איצט זיין פארוואלקנט הארץ עפענען... אלץ מוז ער איר דערציילן... ווענמען דען, ווען נישט זיין ווייב?... ווענמען דען, ווען נישט זיין חבר אין לעבן?... ער האט אנגענומען בע־טין ביי איר האנט און אריינקוקנדיק אין אירע פארטערטע אויגן, האט ער —מיט פעסטקייט אין זיין שטימע— ווי ארויסגעשריגן:

— בעטי! קום! אלץ וועל איך דיר דערציילן... אלץ מוזטו וויסן... בעטי, לאמיר צוזאמען אויסזוכן א פלאן פאר אונדזער צו־קונפט. בעטי, צוזאמען מוזן מיר איצט שפינען און וועבן אונדזער צו־קונפט, אונדזער געאייניקט לעבן...

זיי זענען ביידע אריין אין שטוב. זיי האבן געגלויבט, אז אלע שלאפן שוין, וועט פראנץ קאנען רואיק דערציילן פאר זיין בעטין אלץ וואס ס'דריקט אים. אין שטוב האבן זיי אבער געטראפן אלעמען אויף די פיס. זיי זענען געשטאנען מיט זייערע אויגן אנגעשטרענגט צום ראַ־דיא־אפאראט, וועלכער האט געהאלטן אין איין אויסשרייען פון זיך מיט גערעמפטע קולות:

— די דייטשן האבן אינוואדירט פוילן!...

— דער בליץ־מארש פון די דייטשישע חיילות אין אייראפע!...

— אייראפע אין פלאמען!...

— מיין גאט! —האט סוזי אויסגעשריגן.— ווידער קריג! ווידער פארניכטונגען!... ווידער חורבן!...

— וואס וועט איצט זיין? —האט בעטי וויינענדיק זיך געווענדעט צו פראנצן.

— דער בלוטיקער בליץ־מארש... —האט פראנץ געמורמלט צו זיך.— דער בלוטיקסטער וועלט־חורבן אין דער מענטשלעכער געשיכ־טע...

קאפיטל 4

בראַזיליאַנער יידן

אין עפנטלעכן בראַזיליאַנער לעבן, האָט זיך גאַנץ ווייניק אָנגעזען דער צושטייער פון די דאָרטיקע יידן. כאָטש זייער צאָל האָט שוין דער־גרייכט איבערן לאַנד ביי די הונדערט מיט צוואַנציק טויזנט, זענען זיי נאָר געווען אָנזעעוודיק אין קליין־האַנדל און אין דער קליין־אינדוסטריע. זייער אַ קליינע צאָל האָבן פאַרנומען פּאָזיציעס אין מיטעלן און גרויסן האַנדל. עס זענען געווען אינדוסטריעס אין לאַנד, וועלכע זענען געווען דער הויפּט־צווייג פון די דאָרטיקע יידן, ווי, צום ביישפּיל: מעבל, קליי־דונג, א"אַ. די פאַבריקן פון די „יידישע אינדוסטריעס" זענען אָנגעפירט געוואָרן פון ספּעציאַליזירטע פאַכלייט, פּראָפעסיאָנעלע סטאָליאַרעס פון וואַרשע און לאָדזש, גלענצנדיקע שניידער פון בזשעשין און אומגעגנט. אויך גוטע בייטל־מאַכער פון פּוילן און פראַנקרייך האָבן אָנגעפירט קליי־נע פאַבריקלעך און דערהויבן די פּראָדוקציע פון לאַנד. אויך פון רומע־ניע, בעסאַראַביע און פון דעמאָלטיקן רוסלאַנד, זענען געקומען ספּעציאַ־ליזירטע פאַכלייט. טייל האָבן אויפגעשטעלט טויזנטער קליינע פאַב־ריקלעך אין לאַנד. אַן אַנדער טייל פאַכלייט האָבן נישט געוואָלט אוועק־לייגן זייער שוויים ביים מאַשין, זיי האָבן געגלויבט, אַז אין אַמעריקע דאַרף מען „מאַכן געלט" נישט מיט שוויים ביי דער מאַשין...

טויזנטער פאַבריקן און וואַרשטאַטן פון מעבל און מלבושים אין די גרעסטע שטעט פון לאַנד, ווי: ריאָ דע זשאַניירא, סאַן פּאַולאָ און פּאָרטאָ אַלעגרע, האָבן אַלע געהערט צו די איינגעוואַנדערטע יידן. אָבער מער פון אַלעם האָבן זיי זיך געוואָרפן צום גאַסן־האַנדל און „קליענ־טעלע" (האַנדל אויף אויסצאָלן). קיין פּראָפעסיאָנעלע יידישע אינטע־לעקטואַלן זענען אין די ערשטע יאָרן פון דעם יאָרהונדערט נישט געווען אין בראַזיל. יידיש טעאַטער הייבט ערשט אָן צו פונקציאָנירן אין מיטן

פון ערשטן וועלט-קריג. אָבער אויך נישט דורך קיין פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, נאָר דורך „ליוביטעלעס" און נאָר פאר „אַ וואוילטעטיקן צוועק"... עס האָבן זיך שוין אפילו באוויזן אַקטיאָרן נאָך אין די פריערדיקע יאָרן, אָבער דאָס זענען געווען נאָר „טעאַטער-שפּילער פאַר די אומריינע"... קיין פיינע פאַמיליעס האָבן יענע פאָרשטעלונגען נישט באַזוכט.

אויך די „איקא"-קאָלאָניזאַציע אין בראַזיל האָט געמאַכט קליינעם פאָרשריט. יעדער איז געקומען קיין אַמעריקע „קלייבן גאָלד אין די גאַסן"... און דאַן — מיט „פולע זעקלעך געלט" — צוריק אַהיימ-פאָרן... האָט זיך טאַקע קיינער נישט געוואָלט פאַרשטופּן ערגעץ אין די קאָלאָניעס און „ליגן אין דער ערד"... אַפילו די „ספּעציאַליסטן-קאָלאָניזאַטאָרן" וואָס די „איקא" האָט געבראַכט קיין בראַזיל אין אירע קאָלאָניעס אַריין, — זענען אויך ביסלעכוויִיז אַנטלאָפן פון דאָרטן און געקומען אין דער נאָענטער גרויסער שטאָט פּאָרטאָ אַלעגרע, וואו זיי האָבן דאָרט אויפגעשטעלט דעם ערשטן יידישן ישוב אין בראַזיל.

נאָכן ערשטן וועלט-קריג הייבט שוין אָן דערשיינען אין בראַזיל דער ערשטער יידישער וואָכנבלאַט. כאָטש מיט אַ צייט צוריק איז שוין אַזאַ פּרואוו געמאַכט געוואָרן דורך די יידן אין פּאָרטאָ אַלעגרע, וועלכע האָבן געהאַט דאָס גליק צו זיין פון די ערשטע אַריינצוברענגען דאָס לעבעדיקע יידישע געדרוקטע וואָרט אין בראַזיל — און זיי האָבן נישט געהאַט קיין דערפאָלג אין זייער פּיאָנערישער אַרבעט, — האָט אָבער „דאָס יידישע וואָכנבלאַט" אין ריאָ דע זשאַניירא, יאָ געהאַט דערפאָלג. כאָטש קיין פּראָפעסיאָנעלע זשורנאַליסטן האָבן נישט צוגעלייגט קיין האַנט דערצו, ווייל... עס זענען גאַרנישט געווען אַזעלכע אין לאַנד. און ווען עס איז אַפילו יאָ שוין געקומען אַ זשורנאַליסט פון פּוילן און געוואָלט זיך נעמען צו זיין פאַך, איז ער אויך נישט צוגעלאָזט געוואָרן דערצו. ווייל אַלע אַזעלכע קולטור-אַרבעטן זענען אין בראַזיל דורכגע-פירט געוואָרן דורך „לוביטעלעס"... האָבן זיי געמעגט זיין זייגער-מאַכערס אָדער הענדלער, אַבי עס האָט געלעבט איר מאַיעסטעט: „די שער", — האָט מען שוין „אויסגעפּילט" אַ בלאַט... און דאָס איז געווען דאָס קולטורעלע שפּייז פאַרן בראַזיליאַנער יידנטום...

ביסלעכוויִיז הייבט זיך אָן צו אַנטוויקלען דאָס יידישע געזעל-

שאַפטלעכע לעבן אין בראַזיל. כאָטש געזעלשאַפטן זענען שוין לאַנג גע־
ווען, פון מיט אַ סך יאָרן צוריק, זענען זיי אָבער געווען ריין עקאָנאָ־
מישע אָדער הילפס־פאַראייגען. מיט דער צייט שאַפן זיך גרויסע יידישע
ביבליאָטעקן, וועלכע זענען דער שטאָלץ פונעם ישוב און וואו עס איז
פריי פאַר יעדן קולטורעלן מענטש זיך אַרויסצוזאָגן וועגן יעדער קול־
טורעלער פראַגע און וואו יידישע שרייבער־געסט און קולטור־טוער האָבן
זיך באַוויזן פאַרן יידישן עולם. עס שאַפן זיך יידישע שולן. דער נייער
יידישער דור אין בראַזיליען דרינגט שוין אַריין אין די ווירטשאַפטלעכע
און אין העכערע לערנאַנשטאַלטן. זיי הייבן שוין אָן צו פאַרנעמען אינ־
טעלעקטועלע פּאָסטנס. זיי ווערן גרויסע מעדיקער, אַדוואָקאַטן, זשור־
נאַליסטן. טייל וואַרפן זיך אַריין אין דער אַרבעט פון די יידישע גע־
זעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און פּאָליטישע פּאַרטייען. אַנדערע רייסן
זיך אינגאַנצן אָפּ פון יידישקייט, פאַרבינדן זיך אין געמישטע חתונות,
— אָבער דאָס — אין אַ מינימאַלסטער צאָל.

נאָך שטאַרקער אַנטוויקלט זיך דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, בעת
אַ געוויסער וואַרשעווער זשורנאַליסט פון „מאָמענט" אָרגאַניזירט די
פּוילישע יידן אין אַ פאַרבאַנד. די געזעלשאַפטלעכע רייסערייען נעמען
אָן שטאַרקערע פאָרמען: פאַר, אָדער קעגן די פּוילישע... דר. ראַפּאַ־
לאָוויטש, דער דעמאָקראַטישער ראַבינער אין ריאָ דע זשאַניירא, און פאַר־
שטייער פון דער „איקאַ" אין בראַזיל, גיט אַרויס זיין ערשטן הכשר
אויפן „פאַרבאַנד". אין די לאָקאַלן פון די „פּוילישע" גיט ער זיין
ערשטן רעפעראַט און אַזוי אַרום איז שוין געשטעמפּלט געוואָרן די
עקזיסטענץ פון דעם פאַרבאַנד. נישט קוקנדיק וואָס די בעסאַראַבער יידן
אין בראַזיל זענען שוין געווען לענגער אין לאַנד און אין אַ פיל גרע־
סערער צאָל, — האָט עס זיי נישט געצוויגן צו אָרגאַניזירן זיך אין אַ
לאַנדסמאַנשאַפט־פאַרבאַנד. די סיבה דערפון איז געווען אַ גאָר פּשוטע:
זיי זענען געווען שטאַרק פאַרטראָטן אין אַלע אינסטיטוציעס, און עס
האָט זיי נישט געצוואונגען צו אַ ספּעציעלער אָרגאַניזאַציע פון די בע־
סאַראַבער. זיי האָבן זיך אויסגעלעבט זייער געזעלשאַפטלעך לעבן אין
אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן.

זייער ווייניק האָט מען אָבער געוואוסט פון די דייטשישע יידן,
כאָטש עס זענען געווען אַ סך פון זיי אין בראַזיל, האָבן זיי אָבער גע־

גאָלטן פאַר „ריינע דייטשן"... זיי האָבן זיך נישט געמישט מיט די „אָסט־יידן"... אפילו אין די יידישע געזעלשאַפטן פון די מיזרח־יידן, — זענען זיי נישט געקומען אין קאָנטאַקט.

מיטן איינפירן די „נייע אָרדנונג" אין דייטשלאַנד, האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסער אימיגראַציע־שטראָם פון די דייטשישע יידן קיין בראַזיליען. דאָס זענען שוין געווען דייטשן מיט „ריינע יידן־פּעסער", מיט וועלכע זייער „ליב פאָטערלאַנד" האָט זיי מהנה געווען... אָט די דייטשישע פּליטים, וועלכע האָבן שוין געמוזט אַרויסווייזן זייער יידישקייט, זענען דעמאָלט געקומען קיין בראַזיל, נאָך גענוג רייך, מיטברענגענדיק גענוג געלט און צירונג, אַ סך פאַמיליעס האָבן אַפילו מיטגעברענגט זייער מעבל קיין בראַזיל. עס זענען געקומען אָרעמע יידן אויך, וועלכע זענען מערסטנטיילס באַזאָרגט געוואָרן פון די אייגענע רייכע דייטשישע יידן.

צווישן די אָנגעקומענע פּליטים קיין בראַזיל, האָבן זיך אויך געפונען אַ סך דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן. זיי האָבן אָבער נישט געקאָנט פּראַקטיצירן אין בראַזיל, נישט האָבנדיק זיך דאָ פאַרמירט.

צווישן די דייטש־יידישע פּליטים איז גוט־באַקאַנט געווען די פאַמיליע פון גרויסן מינכענער פּראָפעסאָר און רעקטאָר פון דאָרטיקן אוניווערזיטעט, דאָקטער שטיינאַך, און אַ סך דייטשישע יידן האָבן אָנגעהאַלטן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט זיי.

די דייטשישע פּליטים זענען זייער צופרידן געווען וואָס אויך דעם באַליבטן פּראָפ. שטיינאַך מיט זיין פאַמיליע איז געלונגען צו אַנטלויפן פון נאַצי־לאַנד, און זיך צו פאַרשאַפן אַ דערוויילִיקן מקום מנוחה אין בראַזיל. זאָל נאָר דער שטורעם אין דייטשלאַנד אַריבער, און זיי וועלן צוזאַמען צוריקפאָרן אין זייער „ליבער היימאַט"... זיי האָבן קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז זיי זאָלן קאָנען ווערן אַ טייל פון בראַזיליאַנער יידנטום, זיי האָבן גאָרנישט געחלומט וועגן דעם און אויך נישט געשטרעבט דערצו.

די יידן אין בראַזיל האָבן שרעקלעך מיטגעליטן און מיטגעפילט די לאַגע פון די יידן אין פּוילן און אין דייטשלאַנד. פאַרשידענע אַקציעס זענען דורכגעפירט געוואָרן צו העלפן די יידן פון „קיינעמס־לאַנד", וועלכע די דייטשישע מאַכט האָט אַריבערגעשטעלט איבער איר גרענעץ.

עס איז געווען אַ שרעקלעכע טראַגעדיע פון טויזנטער פּוילישע איינגע־וואַנדערטע יידן אין דייטשלאַנד. די נאַצי־מאַכט האָט זיי ווי שמוציקע הינט אַרויסגעטריבן פון לאַנד אַזוי ווי זיי שטייען און גייען. די פּוילישע מאַכט האָט זיי אָבער נישט געוואָלט אָנערקענען אַלס זייערע בירגער און זיי נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין לאַנד. דער האַס צום נאַצי־לאַנד צווישן די יידן אין פּוילן האָט זיך פאַרשטאַרקט. און אויב די יידן אין אייראָפּע האָבן נישט געקאָנט דורכפירן קיין בלוטיקע נקמה־אַקט: קעגן אַנטיסעמיטישן לאַנד, האָבן זיי כאָטש געזוכט אַן עקאָנאָמישע נקמה. און ווען אַ יידישער זשורנאַליסט פון וואַרשע —מאַרק טורקאָוו— האָט געוואָרפן די לאָזונג פון אָנהייבן אַן עקאָנאָמישן באָיקאָט קעגן דייטש־לאַנד, איז די לאָזונג אַריינגעדרונגען אין אַלע יידישע הערצער און אין אַלע וועלט־טיילן. די יידישע מאַסן אין דער גאַנצער וועלט האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין עקאָנאָמישן קאַמף קעגן בלוטיקן נאַצי־לאַנד. אַלע יידן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו נוצן דייטשישע אויסאַרבעטונגען, — האָבן זיי זיך געמעגט ווי נייטיקן אין זיי. די לאָזונג פון פּויליש־יידישן זשור־נאַליסט מאַרק טורקאָוו —„עקאָנאָמישער דרוק און באָיקאָט קעגן נאַצי־דייטשלאַנד”,— איז געוואָרן אַ געזעץ, עס איז געווען די שאַרפסטע לאָזונג און דאָס שטאַרקסטע געווער קעגן די פייניקער און פאַרניכטער פון יידן און פון זייער האָב און גוטס.

אַלע יידן האָבן אָפּגעהיטן אָט די הייליקע לאָזונג. אַלע, — אָבער נישט די דייטשישע יידן אין בראַזיל. זיי האָבן ווייטער געהאַנדלט — אפשר מיט קליינע אויסנאַמען— און ווייטער אימפּאָרטירט פאַרשידענע אַרטיקלען און דייטשישע אויסאַרבעטונגען. זיי זענען געשטאַנען אין בסדרדיקן קאָנטאַקט מיט זייער „היימאַט”... זיי האָבן ווייטער גע־ברענגט סחורות פון „דעריבן” און זיי האָבן עקספּאָרטירט מיליאָנען פרעמדע דעוויזן.

די פּסיכיק פון די דייטשישע יידן איז געווען אַ גאַנץ פּשוטע: זיי געפינען זיך „אויף דערוויילֿ” אין בראַזיל. זיי טאָרן זיך נישט איינקויפן שנאה צו זייער לאַנד. זיי טאָרן נישט אַרויסווייזן זייער האַס צו זייערע שטאַאַטס־ברידער, מיט וועמען זיי וועלן זיך ווידער דאַרפן באַגעגענען... האָט מען זיי צוגעדריקט צו דער וואַנט, האָט מען זיי אויפגעוויזן אַז אַלע יידן אין דער וועלט באָיקאָטירן דייטשישע אויסאַרבעטונגען, און זיי

נישט, האָבן זיי באַלד אָנגעוויזן אויפן פּראָפעסאָר שטיינאַך, וועלכער פירט גרויסע מסחרים מיטן היימלאַנד. קיינער האָט אָבער נישט גע־וואוסט — אפילו דער פּראָפעסאָר אַליין — אַז דער האַנדל איז איס אָנ־געוואָרפן געוואָרן, אַז זיין מאַשינען־געשעפט האָט געדאַרפט פאַרבינדן דעם קאָנטאַקט פון דייטשלאַנד מיט בראַזיליען...

די דייטשישע יידן אין בראַזיל האָבן נאָך אַלץ געגלויבט און גע־האָפט אַז עס וועט זיך איינשטילן און זיי וועלן קאָנען פּאַקן זייערע פּעקלעך און צוריק אַהיימפאָרן. ווען די דייטשן האָבן אינוואַדירט עסטרייך, זענען זיי נאָך האָפערדיקער געוואָרן. „אונדזער לאַנד וועט איצט זיין אַ גרויס דייטשלאַנד און אין אַ גרויס דייטשלאַנד וועט מען זיך נישט קאָנען באַגיין אָן יידן"... — האָבן זיי געטענהט. ווען די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט טשעכיען, — האָבן זיי זיך שוין אָנגעהויבן שרעקן פאַר זייער „היימאַט". זיי האָבן זיך אָבער אַליין געטרייסט: איצט, ווען דייטשלאַנד האָט שוין וואָס זי האָט געוואָלט, — איר סודעטן־חלום, — וועט זי שוין אַלעס צורו לאָזן און זיך נעמען אַנטוויקלען און פאַרשטאַרקן דאָס גרויסע פאַראייניקטע רייך... עס וועלן פאַרשווינדן די ראַסן־געזעצן, עס וועט הערשן שלום אין לאַנד און דער עיקר: זיי וועלן קאָנען צוריקפאָרן אַ היים — אין זייער היים און אין זייער לאַנד...

אַנדערש האָבן זיי אָבער געטראַכט ווען דער ראַדיאָ האָט געמאָלדן און אָנגעזאָגט די טראַגישע בשורה וועגן דייטשישן בלוט־בליץ־מאַרש אין פּוילן. אַלע זייערע חלומות און פאַנטאַזיעס וועגן „צוריקפאָרן", זענען אויסגערונען געוואָרן. איצט איז שוין נישט געווען קיין פראַגע וועגן יאָ, אָדער נישט אימפּאָרטירן דייטשישע סחורות. איירעפּע איז שוין געווען אין פלאַמען. דייטשלאַנד האָט מער נישט געקאָנט עקס־פּאָרטירן. אָט דאָס וואָס די דייטשישע יידן האָבן אַליין נישט באַוויזן צו טון, האָט דייטשלאַנד געטון...

דער חורבן פון דעם נישט־דעקלאַרירטן קריג פון דער דייטשישער נאַצי־מאַכט צו פּוילן, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף אַלעמענס פּנימער, גלייך ווי מען וואָלט פאָראויסגעזען אין דעם שרעקלעכן חורבן, דעם אונטערגאַנג פון די פּוילישע און אַנדערע טיילן אייראָפּעאישע יידן...

די פּוילישע יידן אין בראַזיל האָבן אָנגעהויבן דורכפירן אַקציעס פאַרן פּוילישן „רויטן קרייץ", אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט אַלע

יידן אין בראזיליען. עס האָבן זיך אויך געפירט אַקציעס וועגן אַרויס־ראַטעווען די נאָענטסטע פאַמיליעס פון פוילן. דאָס בראַזיליאַנער יידנטום האָט זיך געשטעלט אויף די פיס צו קאָנען עפּעס אויפטון, עפּעס דער־גרייכן, פאַרלייכטערן דעם גורל פון די יידן וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער דעם מעכאַניזירטן פייער פון די ווילדע נאַציס.

אויך די דייטשישע יידן האָבן געזוכט אַ קאָנטאַקט מיט זייערע פאַ־מיליעס אין דער אַלטער היימאַט. און כאָטש אַ סך פון זיי זענען שוין געהאַט אומגעקומען אין די קאַזעמאַטן און קעלערן פון די „ברוינע" און פון „געסטאַפּאָ"־לאַגערן און קאָנצענטראַציע־פּלעצער, האָט האָבן אַ סך נאָך געהאָפט אַז זייערע נאָענטע לעבן נאָך דאָרטן און מען מוז זיי ראַטעווען.

טייל האָבן אויסגעפועלט אויספאָדערונגען קיין בראַזיליען. אַנ־דערע — ספּעציעלע בירגער־פּאַפּירן פון פאַרשידענע אויסלענדישע קאָנ־סולאַטן פון אייראָפּעאישע מלוכות, וועלכע האָבן געגלויבט צו קאָנען בלייבן נייטראַל אין דעם בלוטיקן סיכסוך.

די דייטשישע יידן אין בראַזיל האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן. זיי האָבן שוין איינגעזען אַז זייער צייטווייליקייט אין בראַזיליען וועלן זיי מוזן פאַרלענגערן. זיי האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צוזאַמענגיסן מיט די איבעריקע יידן אין בראַזיל. זיי זענען שוין געקומען אין זייערע פּאָלי־טישע פּאַרטייען, זיי האָבן זיך שוין נישט אָפּגעזונדערט פון די „אָסט־יודן". זיי האָבן שוין געפירט געמיינזאַמע אַקציעס און ווען זיי האָבן באַשלאָסן צוציען צו זייער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט דעם פּראָפעסאָר שטיינאַך מיט זיין פאַמיליע, האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף אַ ביטערער אַנטוישונג: דער פּראָפעסאָר מיט זיין גאַנצער פאַמיליע זענען שפורלאָז פאַרשוואונדן און די „קאַזאַ מאַקינאַריאַ אַלעמאַן" — איז געווען איג־גאַנצן געשלאָסן...

קאפיטל 5

אויפן וועג פון פּאָרטאָ אַלעגרע

דער קריגס־אויסברוך אין אייראָפּע האָט צעמישט די גאַנצע דייטשי־שע קאָמאַרילע אין בראַזיל. דער פירער פון דער „פינפטע קאָלומנע" אין בראַזיל האָט געוואוסט אַז איצט וועט שוין זיין שווער דאָס אָנקומען פון נייע קאָמעראַדן פאַר מיטאַרבעט און אַז די אַרבעט אין בראַזיל מוז איצט פונאַנדערגעטיילט ווערן איבערן גאַנצן לאַנד. דורך דעם ביסל מיטאַרבעטער וואָס זיי האָבן זיך שוין ביז איצט דערוואָרבן. און כאָטש צווישן די מיטאַרבעטער געפינען זיך אויך „געמאַכטע יידן" — וועלכע זענען אויך אין קאָנטאַקט מיט די דייטשישע יידן אין בראַזיל, כדי אויך זיי צו קאָנען שפּיאָנירן — איז אָבער פאָן קאַרלאָס זיכער, אַז זייער מאַסקירן זיך אַלס יידן וועט זיין דער בעסטער מיטל זיי נישט צו קאָנען אַנטדעקן און אַנולירן. און אַז זיי וועלן דעפּילן זייער אַרבעט „טאַדעל־לאָוז"...

פאָן קאַרלאָס האָט אויך געטראַכט צו ענדערן דעם פּראַנט פון דער „קאַזאַ מאַקינאַריאַ אַלעמאַן". צו דעם צוועק האָט ער גערופן פּראַנצן צו אַ ספּעציעלער און דרינגענדיקער באַראַטונג אין די ביוראָ־צימערן פון דער „קאַזאַ", וואו עס זענען אויך ביי געווען אַנדערע קאָמעראַדן — ספּע־ציאַליסטן אין שפּיאָנען־פאַך.

פּראַנץ איז געגאַנגען צו דער באַראַטונג מיט צעמישטע געדאַנקען. און כאָטש עס זענען נאָך נישט אַריבער די אַכט טעג וואָס ער האָט גע־בעטן ביי פאָן קאַרלאָסן, האָט ער אָבער פאַרשטאַנען, אַז דער קריגס־אויסברוך אין אייראָפּע דאַרף אוועקשטעלן זייער אַרבעט אויף אַנדערע יסודות. צוליב וואָס מען רופט אים פּלוצלינג און צו וועלכן ער האָט נאָך נישט צוגעטראַכט קיין שום וויכטיקן פּלאַן.

פאָן קאַרלאָס האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער אָנהייב פון קאָמף

אין פוילן דערנענטערט דעם פּראָגראַם פון זיין רעגירונג צום פּאָרויס־
געזעענעם פּלאַן: צו באַהערשן די וועלט. איצט איז שוין נישט נייטיק
אַז מען זאָל אַרבעטן אין דער הויפּטשטאָט. מיר מוזן פאַרמאַסקירן אונ־
דזער אַרבעט אין די קלענערע שטעט! —האָט פּאַן קאַרלאָס געגעבן צו
פאַרשטיין.— די קלענערע שטעט האָבן מיר ביז איצט פאַרנאַכלעסיקט,
דאָס ערשטע מוזן מיר באַזעצן די שטאָט פּאָרטאָ אַלעגרע און אומגעגנט
אין דעם שטאַט ריאָ גראַנדע דאָ סול. דאָרטן זענען פאַראַן גרויסע צענ־
טערן פון דייטשן. די דאָרטיקע דייטשישע איינוואוינער זענען גוטע נאַ־
ציסטן און „גראַליסטן". זיי וועלן זיין געטריי אונדזערע פאָראָר־
דענונגען און וועלן זיך בלינד אונטערוואַרפן אונדזער מאַכט. דער
גאַנצער שטאַט איז נאָך וויייניק באַוואוינט. די הונדערטער קילאָמעטער
ברעגעס פון אַטלאַנטיק און גואהיבאַ —וועלכע קרייצן דעם שטאַט—
זענען אינגאַנצן פאַרוויסט און אָפּגעלאָזן. צענדליקער און הונדערטער
קילאָמעטער ים־ברעג זענען נישט באַוואוינט, און דאָרטן מוזן מיר צו־
גרייטן אונדזערע נאַפט־דעפּאָזיטן פאַר אונדזערע אונטערוואַסער שיפן
און אַוויאָנען. מיר מוזן דאָרטן אָרגאַניזירן אונדזערע ראַדיאָ־טראַנסמי־
סיעס, ווייל דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, וועט מען האָבן צופיל אויגן
אויף אונדז...

פּאַן קאַרלאָס האָט נאָך אויסגערעכנט די פאַרשידענע „פאַרבעסע־
רונגען" וואָס דאַרפן געמאַכט ווערן אין זייער אַרבעט. נאָר דאָס ערשטע
מוז באַשטימט ווערן ווער עס זאָל דאָרטן איבערנעמען און אָנפירן מיט
דער גאַנצער נייטיקער אַרבעט.

פראַנץ, וועלכער האָט שוין איצט איינגעזען, אַז זיין פּלאַן וועלכן
ער האָט צוזאַמען מיט זיין בעטין דורכגעטראַכט, קאָן אָננעמען אַ רעאַלע
ווירקלעכקייט, האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם נייעם פּלאַן פון פּאַן
קאַרלאָסן. ער האָט דאָך טאַקע געזוכט אַ פּלאַן ווי אַזוי אַרויסצוקומען
פון דער נאָענטקייט פון דעם „געשעצטן קאַמעראַד"... זאָל ער זיין
וואָס ווייטער פון אים! — האָט פראַנץ ביי זיך געטראַכט. און כאָטש
ער האָט נאָך נישט געהאַט אָנגענומען קיין שום באַשלוס וואָס צו טון,
האָט ער אָבער איצט, ווען ער האָט געהערט די עקספּאָזע פון זיין שעף,
אַ באַגייסטערטער זיך אָנגערופן:

— קאַמעראַד! דער פּלאַן איז אַ גלענצנדיקער! אונדזער אַרבעט

דא, קאן ווערן אויפפאלנד. מיר ווייסן אלע גוט, אז דער היגער פאליציישעף איז א שטארקער אנטי־נאציסט. ער וועט אנווענדן אלע זיינע מעגלעכקייטן אונדז צו אנטדעקן, וואס דאס איז פאר אונדזער ליבן „פירער" נישט געוואונטשן. קאמעראדן! איך נעם זיך אונטער אריבערצופירן אונדזער „קאזא" קיין פארטא אלעגרע, און איך, זייענדיק צוזאמען מיט מיין יידישער פאמיליע, וועל איך קאנען ארבעטן מיט דער גרעסטער דיסקרעציע און פינקטלעכקייט, און וועל נישט רופן אויף זיך קיין אויפמערקזאמקייט פון די נישט־געוואונטשענע עלעמענטן. איך וועל ארבעטן אין שטאט, און איר מוזט צוגרייטן דעם ים־ברעג פון די זומערפלאזשעס, וועלכע זענען דעם גאנצן ווינטער פארוואַרלאזט. איך וועל זיך שטענדיק ריכטן לויט אייערע באפעלן. איך וועל זיין צופרידן, וואס כ'וועל איצט האבן די מעגלעכקייטן צו קאנען עפעס אויפטון פאר אונדזער לאנד און פאר אונדזער „פירער", ביז צו אן ענדגילטיקן זיג...

פאן קארלאס און די איבעריקע קאמעראדן זענען געווען זייער צופרידן פון פראנצס אנבאט. אבי ער האט געמיינט, אז מען דארף אים שוין נעמען אונטערן חשד פון אומטריי זיין דעם „פירער"... ער האט נאכאמאל געפרואווט דערמאנען פראנצן, אז ס'איז שוין די העכסטע צייט אז ער זאל אנהויבן אויספירן זיין „צוזאג" אין מינכען... אז ער דארף ווייסן, אז ס'איז פונקט ווי ער וואלט געהאט אונטערגעשריבן א מאדאלישן וועקסל... און ווען מ'צאלט נישט אזא וועקסל, זאל ער נישט פארגעסן וואס עס קומט פאר אזא באנקראט: טויט!... פארשטאנען?!... דו, דאקטער — האט ער ווייטער געזאגט צו פראנצן — מוזט זיך שוין נעמען צו דער ארבעט. שוין מארגן מוזטו מיט דיין פאמיליע ארויספארן פון דאנען. אלע מאשינען מיט אלע איינריכטונגען און מעבל, וועלן מיר גלייך נאכשיקן. אין פארטא אלעגרע מוזטו זיך גלייך שטעלן אין קאנטאקט מיטן קאמעראד אקסמאן. ער וועט דיר שוין צושטעלן א וואוינונג, א געשעפט און אלץ וואס דו וועסט נאר דארפן. ער וועט דיך שוין אפווארטן ביים אוויאן. דער „זילבערנער קרייץ" אונטער דער קלאפע פונעם רעקל, איז אונדזער צייכן. אלזא, דערליידיקט?

— דערליידיקט! — האט פראנץ אויסגערופן.

— הייל!...

— הייל!...

פראַנץ איז מיט צופרידנקייט אוועק פון דער ספּעציעלער באַראַ־טונג, און נאָך מער צופרידן איז ער געווען, ווען ער איז אַרויס אין גאַס. עס האָט אים געפרייט וואָס ער וועט פטור ווערן פון דער נאָענטקייט פון זיין קאַמעראַד. ער איז נישט גלייך אויפגעזעסן אויף דער באַנדע (טראַמ־וויי), ווי ער טוט עס שטענדיק בעת ער גייט אהיים פון זיין „קאַזאַ". ער איז אַריין אין דער נאָענטער קאַפע אין אַ זייטיקן געסל, און אַ צופרידע־נער זיך אוועקגעזעצט ביי אַ טישל אין ווינקל פון קאַפע־הויז און האָט געבעטן ביי דער „מאָסאַ" (קאַפע־מיידל) אַ קליין קאַוועלע. ער האָט זיך דערווייל אַרומגעקוקט איבערן קאַפע. דער לאָקאַל איז געווען זייער אָן אָרעמער אָבער גאַנץ ריינער. די פּאָדלאָגע איז געווען ריין־אָפּגעוואַשן, די מאַרמאָר־טישלעך האָבן געגלאַנצט מיט זייער נאַטירלעכן גלאַנץ. אַרום די קליינע טישלעך זענען געזעסן פאַרשידענע געסט. טייל האָבן געטרונקען „אַ גלעזעלע"... אַנדערע — האַלב־ווייסע קאַווע מיט ברויט און פּוטער, זיכער זייערע וועטשערע פאַרן שלאָף. אַנדערע האָבן זיך גלאָט גענודיעט ביים טרינקען אַ קליין קאַוועלע. אין אַ צווייטן ווינקל זענען געזעסן גרעסערע גרופּעס טרינקער. אָבער מער האָט געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט אַ גרעסערע גרופּע אַרבעטער אין זייערע בלויע אַר־בעטס־בלוזעס, אין מיטן סאַלאָן. דאָס איז געווען אַ גרופּע פון ווייסע צוזאַמען מיט שוואַרצע. זיי האָבן געהאַלטן אין איין אויסליידיקן די אָנגעשטעלטע פלעשער אויפן טיש; און ווען דאָס לעצטע „האַלבע טוץ" האָט זיך שוין געענדיקט, האָט אַ האַלב־פאַרשיכורט קול אויסגעשריגן:

— מאָסאַ! מאַס מעיאַ דוזיאַ! (מיידל, נאָך אַ האַלב טוץ).

דאָס קאַפע־מיידל, מאַריטאַ, האָט גלייך אוועקגעשטעלט אויפן טישל נאָך אַ האַלב טוץ פלעשלעך ביר, וועלכע זי האָט אַ שמייכלענדיקע גע־עפנט און פונאַנדערגעגאָסן אין די ליידיקע און האַלבע גלעזער. טייל פון די טרינקער האָבן זי געפּרוּווט פאַרטשעפּען. זי האָט אָבער אַ לייכטן קוויטש געטון און פלינק זיך אויסגעגליטשט פון זייערע הענט, וועלכע זי האָט מיט אַ שמייכל אָפּגעשטופּט פון זיך. איינער האָט גענומען זיין גלאָז ביר און דערלאַנגט מאַריטאַן, אַז זי זאָל טרינקען פאַר זייער געזונט, און זי זאָל זיך זעצן צוזאַמען מיט זיי ביים טיש. מאַריטאַ האָט אים נאָר צופרידנגעשטעלט אויף דער העלפט: זי האָט ביי אים גענומען זיין גלאָז ביר און איז אוועק אין איר ווינקל און האָט עס לאַנגזאַם אויסגע־

טרונקען. די גאַנצע חברה האָט געמאַכט אַ חוזק־אויסגעשריי אויפן דורכפאַל פון זייער קאָלעגע ביי דער „מאַסיניאַ".

פראַנץ האָט זיך צוגעקוקט צו דער גאַנצער סצענע. ער איז געווען צופרידן פון דער היימישקייט און פון דער פאַמיליאַריטעט, ווי עס לעבן זיך דאָ צוזאַמען די פאַרשידענע ראַסן און קאָלירן. מענטשן זיצן צוזאַמען, טרינקען צוזאַמען אַ קאַוועלע... אַ גלאָז ביר... ווי אינטים זיי לעבן זיך צוזאַמען! מיט וואָס פאַר אַ רואיקייט זיי זיצן דאָ נאָכן אַר־בעטס־טאָג און פאַרברענגען... נישט ביי פּאָליטיק! נישט ביי בלוט־פאַרגיסונגען!... נישט ביים פאַרניכטן מענטשן און לענדער!... נישט ביים האַסן אַן אַנדערע קאָליר, אָדער אַן אַנדערע רעליגיע... ניין! ביי אַ פּראָסט גלאָז ביר פאַרברענגען זיי... זייערע געלעכטערס זענען פון טיפן האַרצן... זייערע געשפּרעכן — ריין קאָלעגיאַלע... זייערע שטיפעריייען —ווען אַפילו סעקסועלע— ריין מענטשלעכע... וואויל איז דיר, בראַזיליאַנער יוגנט! —האָט פראַנץ, ווי פון זיך אַרויסגעשריגן. — וואויל איז דיר, פרידלעכער בראַזיליאַנער מענטש, וואָס דו זוכסט זיך אויסצולעבן אין דיין היים, אין דיין לאַנד, צווישן ס'דייניקע און נישט ווילן רויבן פרעמדע היימען... נישט פאַרניכטן פרעמדע לעבנס און צעשטערן פרעמדע לענדער... קאָן מען האָבן אַ חשק זיי צו פאַר־שקלאַפן? זיי צו דערדריקן?! צו פאַרניכטן זייער קאָלעגיאַליטעט? דערדריקן זייער פאַרשטאַנד? באַרויבן זייערע געפילן?... ניין!... ניין! קיינמאָל נישט!... קיינמאָל נישט!...

פראַנץ האָט דאָ מער נישט געקאָנט זיצן. זיין פאַרשטייענדיקע אַר־בעט און ענדערונג אין לעבן, האָבן אים געשטויסן, האָבן אים געטריבן. ער האָט באַצאָלט פאַרן קאַוועלע און האָט פאַרלאָזט דעם לאָקאַל.

ער האָט געטראַכט און געטראַכט און נישט געקאָנט באַגרייפן: ער קומט דאָך נישט צום ערשטן מאָל אַריין אין אַ קאַפע; ער האָט שוין אַזעלכע בילדלעך געזען אין די צענדליקער און הונדערטער מאָל — פאַר־וואָס האָט ער עס קיינמאָל נישט אויפגעכאַפּט מיטן זעלבן געפיל ווי היינט? עפּעס מוז עס דאָך זיין אַן אָנווייזונג פאַר אים; אַ וואָרענונג. ער טאָר אָבער לאַנג נישט טראַכטן. אַ שווערע אויפגאַבע שטייט אים איצט פאַר; אַ נייע אונטערנעמונג האָט ער אויף זיך גענומען; אַ נייע מיסיע דאַרף ער איצט אויספירן... וועט אים אויך איצט געלונגען זיך

ארויסצודרייען פון די פליכטן וואָס מען לייגט אויף אים ארויף ? . . .

פראַנץ האָט נאָך אַ נייע זאָרג : ווי אַזוי זאָל ער צוגרייטן זיין פאַמיליע צו דעם נייעם פּלאַן פון אריבערוואַנדערן קיין פּאָרטאָ אַלעגרע ? מיט זיין בעטין האָט ער שוין גערעדט גענוג; אין ענלעך מיטל — אַוועקפאָרן פון דאַנען. אָבער מיטן פּראָפעסאָר און מיטן שוואָגער — וואָס וועט ער זיי זאָגן ?

דעם ערשטן, וועלכן ער באַגעגנט, קומענדיק אין שטוב אַריין, איז געווען דער שוואָגער האַנס. פראַנץ באַשליסט נישט צו וואַרטן אויף די איבעריקע אין שטוב, ער טרעט גלייך צו צום ענין :

— האַנס, —הויבט ער אָן, אַביסל פאַרטרויערט.— מיר מוזן איצט אַריינגיין אין אַ נייער פאַזע אין אונדזער לעבן. מיר קאָנען שוין מער נישט פאַרבלייבן אין בראַזיל ווי צייטווייליקע. די מילחמה אַנטוויקלט זיך אויף די שלאַכט-פעלדער פון אייראָפּע, און זי נעמט-אָן וואָס אַמאָל בלוטיקערע פאָרמען. מען קאָן נאָך איצט נישט וויסן, אפשר וועט בראַזיל אויך אַריינגעשלעפט ווערן אין קאַמף. מען קאָן אויך נישט וויסן, צי אויף „אונדזער" זייט, אָדער . . .

— וואָס הייסט עס „אונדזער" זייט ? — האָט האַנס אים אין מיטן איבערגעריסן.

— איך מיין, —האָט פראַנץ זיך גענומען קווענקלען— אויף . . . אויף דייטשלאַנדס זייט.

— גלויבסטו טאַקע, פראַנץ, —האָט האַנס שוין מיט אומצוטרוי געזאָגט— אַז דייטשלאַנד איז נאָך אַלץ „אונדזער" זייט ? מיר האָבן אַלע געגלויבט, אַז קיין מילחמה וועט פון מיצלערס דראָאונגען נישט אַרויסשפרינגען. ווען מ'וועט אים נאָר באַפרידיקן זיינע פאָדערונגען, דאַן וועט די וועלט אַריינטרעטן אין אַ באַרואיקונג, און אַלץ וועט צוריק זיין ווי אַמאָל. ווען ער האָט אָבער אָנגעהויבן זיין בלוטיקן בליץ-מאַרש איבער די פוילישע וועלדער און פעלדער, איבער די שטעט און דערפער, וואו ער זייעט חורבן און פאַרניכטונג; ווען זיין מאָרד-מאַשין איז שוין איצט אין פולן דאַמף; ווען זיין „איך וויל"-פּראָגראַם הויבט ער אָן צו פאַרווירקלעכן מיט דער גאַנצער פאַרניכטונג-קראַפט, — דאַן, מיין ליבער שוואָגער, איז דייטשלאַנד נישט מער „אונדזער" זייט . . . און ווי לאַנג

מיר וועלן נישט אויסקעמפן דאָס יידישע לאַנד — איז בראַזיל „אונדזער" זייט!...

— האַנס, —האָט פראַנץ ווידער אָנגעהויבן.— פאַרשטיי ליבער שוואָגער, אַז די געוואוינהייט איז די צווייטע נאַטור. איך בין נישט אויסן געווען אונדזער אַמאָליקע היים, אונדזער געבורטס־לאַנד צו פאַר־„אונדזעריקן". ניין, טייערער שוואָגער מיינער. נאָך ווייניקער ווי דו, וואָלט איך נאָך געוואָלט מיט מיינע פיס טרעטן אויף יענעם בלוטיקן באָדן... גלייבער וועל איך מיט מיינע אייגענע הענט דעם טויט אויף זיך ברענגען, איידער צווינגען וועמען, אַז ער זאָל עפּעס טון פאַר דעם לאַנד. בעסער דעם טויט, איידער נאָך ווען צו זען דאָס לאַנד פאַר מיינע אויגן... האַנס, מיר שטייען אָבער פאַר אַן ענדערונג אין אונדזער לעבן, און מיר מוזן זיך גוט פאַרטראַכטן וועגן דער ענדערונג.

— וואָס איז די ענדערונג? —האָט זיך דערהערט די שטים פון איי־זידאָרן, וועלכער איז שוין —צוזאַמען מיט סוזין— געשטאַנען אַ לענגע־רע צייט אין טיר און זיך צוגעהערט צו זייער געשפּרעך.

— הער פּראָפעסאָר, —האָט פראַנץ זיך געווענדעט צו איזידאָרן.— מיר מוזן אַרויס פון דער שטאָט. מיר מוזן אַוועק אין אַנדער שטאָט.

— פ אַ ר וו אָ ס ? —האָבן אַלע מיט אַמאָל געפרעגט.

פראַנץ איז געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטער. אויף אַזאַ איינפאַכער פראַגע האָט ער זיך נישט געריכט. ער האָט דערוואַרט אַז ס'זאָלן פאַלן פאַרשידענע פראַגן: ווען? וואוהין? אָבער אַזאַ גלאַטע און קליי־נע פראַגע, און אויף אַזאַ נישטיקער פראַגע, זאָל ער נישט האָבן צוגעגרייט אַן ענטפער? ער האָט דאָן באַשלאָסן צו גיין מיטן שטאַרק־סטן עקסטרעם: ער וועט געבן אַזאַ ענטפער, אַז קיין אַנדערע פראַגן זאָלן שוין קיין פלאַץ נישט האָבן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, ווי מורא האָבנדיק פאַר אַ פרעמד אויג, און מיט אַ געהיימנישפול־לער שטימע האָט ער שטיל אַרויסגערעדט:

— מען איז אויף אונדזערע שפּורן... מען זוכט אונדז...

דער ענטפער איז געווען ווי אַ באָמבע. אַלע זענען געבליבן אָן לשון און מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. קיינער האָט זיך אויפן מאָמענט נישט פאַרטראַכט: פאַרוואָס זוכט מען זיי? וואָס פאַר אַ פאַרברעכן זענען זיי באַגאַנגען, וואָס מען דאַרף זיי זוכן? וואָס מען איז שוין אויף זייערע

שפורן ?... דיכטיק: זיי האָבן זיך געפּרואווט ראַטעווען דאָס לעבן. נו, איז דאָס אַ פאַרברעכן ? פראַנץ האָט אָבער נישט געוואַרט, אַז עס זאָלן זיך אָנהויבן די סטערעאָטיפּישע פראַגן. ער האָט געשמידט דאָס אייזן ווי לאַנג עס איז נאָך הייס געווען... נאָכן ערשטן דערשיטערנ־דיקן איינדרוק וואָס זיינע ווערטער האָבן געמאַכט אויף דער פאַמיליע, האָט ער גלייך צוגעגעבן, ווי אַ פאַרלייכטערונג צו די פריערדיקע ווער־טער:

— נאָך היינט, אָדער שפּעטסטנס מאָרגן, מוזן מיר אַוועק פון דאַ־נען. איך האָב שוין אַלץ באַזאָרגט. מיר פאָרן קיין פּאָרטאָ אַלעגרע. די סחורות און דאָס איבעריקע וועט מען אונדז נאָכשיקן. עס מוז געמאַכט ווערן אַזוי שנעל, אַז קיינער זאָל נישט וויסן וואו מיר זענען און וואוהין מיר זענען פאַרשוואונדן.

אַלע האָבן געפילט אַ שטיקל דערלייכטערונג, און כאָטש זיי האָבן זיך אַפילו נישט געכאַפּט אַז מ׳קאָן זיי דאָ, אין בראַזיל, גאָרנישט טון, האָט אָבער יעדערער אינסטינקטיוו געפילט און נאָך גוט געדענקט פראַנצס „צוזאָג״. ווען ער האָט זיי געזאָגט, אַז זיי מוזן אַרויספאָרן פון ריאָ דע שאַנעיראָ, האָט עס ביי אַלעמען געהייסן: אַנטלויפן פון דער דייטשישער „געסטאַפּאָ״ אין בראַזיל... אַנטלויפן — אַז „זיי״ זאָלן נישט וויסן וואו זיי זענען אַהינגעקומען... און דערפאַר האָבן פראַנצס ווערטער זיי באַרואיקט, און מיט צופרידנקייט האָבן זיי אַלע איינגע־שטימט, אַז... שוין מאָרגן פאַרלאָזן זיי ריאָ דע זשאַנעיראָ אויפן וועג קיין פּאָרטאָ אַלעגרע...

קאפיטל 6

אין פּאָרטאָ אַלעגרע

די יידן אין בראַזיל בכלל און אין פּאָרטאָ אַלעגרע בפרט, האָבן איבערגעלעבט מוראדיקע חדשים זינט ס'איז אויסגעבראָכן דער קריג אין אייראָפּע. די שטאָט פּאָרטאָ אַלעגרע איז געווען שרעקלעך געמאַניזירט. עס האָט אויסגעזען, אַז נישט די דייטשן זענען אין בראַזיל, נאָר פאַר־קערט. די דייטשן —איינגעוואַנדערטע, אָדער הי־געבוירענע— האָבן פאַרנומען אַ סך עפנטלעכע אמטן אין לאַנד. אויף אַלע געביטן זענען זיי געווען דער אַנזעעוודיקסטער עלעמענט. זיי זענען געווען פאַרטרעטן אין דער פּאָליטיק, אין דער דיפּלאָמאַטיע, אין דערווירטשאַפטלעכער עקאָ־נאָמיע פון לאַנד, אין די שולן, אוניווערזיטעטן, אין די קירכעס, אין גרויס און קליין־האַנדל. זיי האָבן אויף אַלץ ארויפגעלייגט זייער חותם, און אין פיל פאַלן געפירט זייער ריין־נאַציישער פּאָליטיק. כמעט אַלע מו־ניציפּאַלע אמטן זענען געלעגן אין די דייטשישע הענט. זיי האָבן אויך געהאַט גרויס אַנזען אין דעם אימפּאָרט און עקספּאָרט פון לאַנד.

מיטן איינשטעלן די „נייע אָרדענונג" אין דייטשלאַנד, האָבן די דייטשן אין בראַזיל זיך געפילט זייער האַפערדיק, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען די „אויבערשטע פון שטייסל"... און נישט איינער פון זיי האָט נאָך געהאָפט איינצושטעלן די זעלבע „אָרדענונג" אין בראַזיל. אַ סך האָבן טאַקע געגלייבט, אַז „ער" אַליין וועט נאָך קומען אין לאַנד אריין, מיטברענגענדיק מיט זיך זיין „נייע אָרדענונג"...

מיטן אויסברוך פונעם קריג אין אייראָפּע, זענען די דייטשן אין בראַזיל געבליבן שטיין צווישן צוויי וועלטן. זיי האָבן אין ערשטן מאָ־מענט נישט געקאָנט וויסן, צו וועלכן צד דאָס לאַנד וועט צושטיין... דערווייל האָט אָבער די דייטשישע פּראָפּאַגאַנדע אין בראַזיל געאַרבעט מעשים. דער האַס און אַנטיסעמיטישער אויפברויז קעגן יידן האָבן אָנ־

געהויבן מארשירן מיט ברייטע טריט. פארשידענע זשורנאלן און טאג־צייטונגען וואס האבן זיך געוואלט איינקויפן אין נאצישן יחוס, אדער וואס זענען געווען אונטערגעקויפט פון דייטשישן פראפאגאנדע־מיניס־טער געבלינג, האבן אנגעהויבן זייערע ביטערע העץ־קאמפאניע קעגן יידן. גרויסע מיטינגען האבן די נאצי־גראליסטן גערופן, אויף וועלכע מען האט געווארפן שמוץ און בלאטע קעגן יידן, קאמוניסטן, און... דעמאקראטן.

די כסדרדיקע ניצחונות פון די נאצים אויף די שלאכט־פעלדער פון איראפע, האבן די בראזיליאנער דייטשן געפייערט, גלייך עם וואלטן גע־ווען זייערע ניצחונות... דער „הייל מיצלער" איז געווארן דער באגרי־סונג־לאזונג פון כמעט אלע דייטשן אין בראזיל.

עס זענען פארביי א סך בלוטיקע חדשים פון קריג, און בראזיל האט זיך נאך אלץ נישט דעצידירט. נישט קוקנדיק וואס די נאצי־פראפאגאנ־דע האט אפגעהאלטן די גרעסטע זיגן אין לאנד, האט בראזיל נאך אלץ געוואלט אויסמיידן דאס מיטבאטייליקן זיך אין דעם גרויליק־בלוטיקן שדים־טאנץ...

די עקאנאמישע לאגע אין בראזיל איז געווען א גלענצנדיקע. די אינ־דוסטריע און קאמערץ זענען געשטאנען אויף דער העכסטער שטופע פון פראספעריטעט. סוחרים און פאבריקאנטן זענען איבער נאכט געווארן די גרעסטע מיליאנערן. קיין ארבעטסלאזיקייט איז אין לאנד נישט גע־ווען, כאטש דער ארבעטער־קלאס האט ווייניק וואס גענאסן פון די מי־ליאנען פארדינסטן פון דעם אזוי אויך רייכן קאפיטאליסטישן קלאס.

אויך די יידן, וועלכע זענען געווען אנגעזעצן אין קליין און אין מיטל־האנדל און אויך אין דער קליין־אינדוסטריע, האבן מאטעריעל אויפ־געלעבט. דער „גאלדענער קאלב" איז געשטאנען אויבנאן און אלע האבן זיך געבוקט צו אים...

וועגן דער לאגע פון די יידן אין איראפע אונטער מיצלערס הער־שאפט, האט מען ווייניק־וואס געוואוסט, —כאטש מ'האט פארשטאנען, אז קיין האניק לעקן זיי דארט נישט— האט אבער יעדער ייד, בוקנדיק זיך צום „עגל הזהב", אויך ארויסגעלאזט א קרעכץ אויפן אומגליק פון זיינע ברידער אויף יענער זייט ים...

טייל יידן האבן עפעס געפרואווט אויפטון פאר זייערע נאענטע פא־מיליע־מיטגלידער אין איראפע. מען האט געמאכט „פאפירן", מען האט

געשיקט אַרויספאָדערונגען... מען האָט געפּרוּווט אַרויסראַטעווען פון מיצלערס גיהנום וואָס עס וועט זיך נאָר לאָזן. ס'איז אָבער אַלץ געווען אומזיסט. אויסער ביי די האָפענונגען אויף דערפאָלג, איז מען ביי גאָר־נישט געבליבן...

פון צייט צו צייט זענען אָנגעקומען פון פּוילן פאַרשטעלטע בריוו, אַז מען לעבט דאָרטן „נאָרמאַל", און מ'בעט, אַז מען זאָל שיקן אַביסל דאָלאַרן, און יידן האָבן געשיקט... מ'האָט דאָך געהאָפט, אַז די פּאָר דאָלאַרן וועלן אפשר פאַרלייכטערן דעם אָרעמען קרוב אַריבערצוטראָגן דעם שרעקלעכן חורבן; און ווען אפילו מ'האָט געהאַט אַ חשד, אַז די דאָזיקע דאָלאַרן פאַלן אַריין אין נישט קיין געוואונטשענע הענט — האָט מען דאָך, ווייטער געשיקט. יעדער האָט געוואָלט יוצא זיין פאַרן אייגענעם געוויסן...

דער „פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן" אין פּאַרטאָ אַלעגרע האָט דורכגעפירט הילפס־אַקציעס פאַר אַנטלאָפענע און פאַרטריבענע פון פּוילן און דייטשלאַנד. אָבער אויך די דייטשישע יידן זענען נישט געשטאַנען פון דערווייטנס און מיט פאַרלייגטע הענט... זיי האָבן אויך עפּעס געטון... ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז אין זייער לאַנד מאָרדעט מען אויס זייערע ברידער און מען פאַרניכטעט דאָס ביסל יידן, האָבן זיי געאַרבעט מעשים. זיי האָבן... גוזר תענית געווען און גערופן אין די שילן צו לייענען „ויחל"... זיי אַליין, די דייטשישע יידן, האָבן חלילה נישט געפאַסט... זיי האָבן אויך נישט באַזוכט די שילן צום לייענען „ויחל"... גענוג האָבן זיי שוין אויפגעטון פאַר זייערע ברידער אין דער אַלטער היימאַט — ווען זיי האָבן געהייסן אַנדערע פאַסטן און אַנדערע לייענען „ויחל"...

אַנדערע דרכים האָבן אָנגענומען די „פיינפטע קאָלומניקעס" אין בראַזיל. מען האָט געאַנטיסעמיטעוועט פון רעכטס און לינקס. מען האָט געהעצט וואו מען האָט נאָר געקאָנט, אַבי צו געווינען דאָס לאַנד פאַר זיך. און ווען דאָס האָט זיך נישט איינגעגעבן, ווען נאָרד־אַמעריקע איז אַריין אין קריג, און בראַזיל האָט פאַרשטאַרקט איר פריינדשאַפט מיט רוזוועלטס מדינה, האָבן די דייטשן אָנגענומען אַן אַנדערן סיסטעם פון צווינגען די בראַזיליאַנער רעגירונג צו צוטרעטן צו דייטשלאַנד. און דער צוואַנג איז געווען אַ מערדערלעכער: מען האָט אונטערגעטונקען אין די

וואסערן פון בראזיל א בראזיליאנישע פּאסאזשיר־שיף און הונדערטער מענער, פרויען און קינדער זענען דורך דער דייטשישער אונטערוואסער־שיף געשיקט געוואָרן אויפן גרונט פון ים...

בראזיל האָט אָנגעהויבן צו פילן דעם קריג אויף איר אייגענעם קערפּער. און כאָטש זי האָט זיך נישט באַטייליקט אינעם קריג, האָט זי שוין געהאַט צו פאַרצייכענען קרבנות. אָט די קרבנות זענען געפאַלן אדאנק דעם גלענצנדיק־איינגעריכטעטן שפּיאָנאַזש־סיסטעם אין לאַנד. מען האָט עס דערקענט דערמיט, וואָס טראָצדעם וואָס די שיפס־באַוועגונג איז געהאַלטן געוואָרן בסוד, דאָך האָט די „פינפטע קאָלומנע", דורך אירע געהיימע אינסטאַלירטע ראַדיאָ־סטאַציעס אין לאַנד, צוואויסן גע־געבן די דייטשישע אונטערוואסער שיפן, וועלכע האָבן פראַנק און פריי זיך שפּאַצירט אין די בראזיליאַנער וואַסערן און זיי זענען זיכער אויך באַזאָרגט געוואָרן מיט הייץ־מאַטעריאַל פון די בראזיליאַנער ברעגן און אָט די דייטשישע אונטערוואַסער־שיפן האָבן דורכגעפירט זייער מאָרד־אַרבעט, געבנדיק אַזוי אַרום אַן „אָנזאָג" דעם לאַנד, אַז עס זאָל וויסן מיט וועמען עס האָט צו טון...

דער דייטשישער פּיראַטן־אַקט איבער פרידלעכע בראזיליאַנער ביר־גער — אַלס אַ דראָאונג פאַר געצוואונגענער פריינדשאַפט — האָט געהאַט אַ פאַרקערטע ווירקונג. עס האָט זיך פאַרשטאַרקט דער האַס פון בראזי־ליאַנער פאָלק — פונקט ווי פון די מאַכט־אָרגאַנען — צום נאַציזם באַנ־דיטן־סיסטעם. מען האָט אָנגעהויבן צו פאָרשן: פון וואַנען האָבן די דייטשישע אונטערוואַסער־שיפן גענומען ידיעות וועגן דער בראזיליאַנער שיף? און אויב זיי דרייען זיך כסדר אין די בראזיליאַנער וואַסערן און זיי שפּיאָנירן אונדזערע שיפן, מוזן זיי דאָך האָבן ערגעץ באַזעס אין דער נאָענט!... מוז דאָך זיין אין לאַנד אַ גוט־אָרגאַניזירטער שפּיאָ־נאַזש! צי קאָן אַ פרידלעך לאַנד דאָס דערלאָזן?!...

עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן מוראדיקע קלאַנגען, אַז די דייטשן האָבן אַ געהיימע אַרמיי אין לאַנד און זיי גרייטן זיך — צוזאַמען מיט דער „פינפטער קאָלומנע" — צו אינוואַדירן דאָס לאַנד פון אינעווייניק. דער בראזיליאַנער קאָנטער־שפּיאָנאַזש האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט. עס האָט גאָרנישט לאַנג געדויערט און עס איז געלונגען צו פאַרהאַלטן אַ ריזיקע געהיימע אַרמיי פון... יאַפּאַנעזער. די אַרמיי איז

געווען גלענצנד אויסמושטירט און פיין ארגאניזירט. מיט אלע תכסיסי מילחמה... אין די טויזנטער זענען זיי געווען... אלע — גוט אויסגע־שטאט מיט די מאדערנסטע כלי־מילחמה... זיי האבן אויך געהאט א געהיימע באזע נאענט פון אטלאנטיק, מיט א ריזיק־צונגרייטן נאפט־דעפאזיט. אויף א צווייטן פלאץ האט מען אנטדעקט און גענומען אין ארעסט א דייטשישן שפיאן, — א ייד... די בראזיליאנער פאליציי־צייטונג איז געווען אויסער זיך פון פארדרוס. מיט ווייטיק און איראניע האט א רעדאקטאר געשריבן:

— א ייד — א דייטשישער שפיאן! זאל עס מעגלעך זיין? אט דאס פאלק וואס ווערט אממיינסטן געהאסט און פארפייניקט דורכן נאציזם, זאל ארויסגעבן פון זיך אזא דעגענעראט? אזא פארעטער?... ליידער ווייזן זיינע דאקומענטן און אויך א פיזישע אונטערזוכונג, אז עס איז אמת. א יידישער לומפ איז אין שפיאנאזש־דינסט ביי די דייטשן צום שאדן פון בראזיליען...

פאן קארלאס האט אויפגעקוואלן פון זיין אפגעטוענעם שטיקל ארבעט און די ארבעט פון דייטשישן שפיאנאזש־דינסט אין בראזיל. זאלן זיי פילן —האט פאן קארלאס צו זיך אליין גערעדט— זאלן זיי וויסן —די בראזיליאנער— אז מיר קאנען אויך צו זיי דערגרייכן... און וועלן זיי זיך נישט אומקערן צו אונדז מיטן פנים, נאר אלץ זיין אונ־טערטעניק דעם שמוציקן יידן רוזוועלט, וועלן מיר נישט אפשטיין פון אונדזער צעשטערערישער ארבעט... מיר וועלן אלע זייערע שיפן מיט זייערע רייזנדיקע, שיקן צום אפגרונט פון ים... און אז מען האט גע־כאפט א שפיאן, איז וואס? איז עס אויך ווערט געווען... זאל אזוי ארום זיך פארשמוצן דער יידישער נאמען אין בראזיל... זאל זיך פארשטארקן דער האס צו יידן... אך! די אידיאטישע בראזיליאנער! זיי פארשטייען גארנישט, אז מיר האבן זיי אליין אונטערגעטראגן די מתנה — דעם „יידישן שפיאן”, כדי אויפצואווייזן דעם בראזיליאנער פאלק, אז נישט די דייטשן —ריינע אריער— שפיאנירן זייער לאנד, און העלפן צעשטערן בראזיליאנישע שיפן, און דערמארדן בראזיליאנישע בירגער. ניין! דאס טון גאר יידן!... שמוציקע יידן, פאר וועלכע בראזיל האט אזוי ברייט געעפנט די טירן. זיי שפיאנירן קעגן לאנד וואס

האָט זיי אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס... אָט זיי — די יידישע שפּיאָנען — ווילן פירן דאָס לאַנד צום אָפּגרונט...

אַ שווערן איינדרוק האָט די גאַנצע געשיכטע געמאַכט אויפן פּראָפעסאָר שטיינאַך מיט זיין פאַמיליע. נישט קוקנדיק וואָס זיי זענען שוין אין פּאָרטאָ אַלעגרע אַ צייט, און זיי גייען ווייטער־אָן מיט זייער מאַשינען־געשעפט, איז נאָך פראַנץ פאַקטיש נישט צוגעטראָטן צו זיין „ריכטיקער אַרבעט"... ער געפינט אַלעמאָל אויס אַנדערע תירוצים זיך אַרויסצודרייען און אָפּצושלעפּן. ער ווייזט אַלץ אויף די „גרויסע הכנות" וואָס ער מאַכט איצט צו זיין „פּאַקטישער אַרבעט", פון וואָס דער „פירער" וועט אויפקווועלן...

דער אַרעסט פון יידישן שפּיאָן, האָט צעטרייסלט די גאַנצע פאַמיליע. דעם פּראָפעסאָר שטיינאַך איז פאַרבייגעפלויגן יענער „זילבערנע־חתונה"־אָוונט, ווען זיין פראַנץ איז אַוועק אין שפּיטאָל, כדי צו ווערן אַ ייד... ווער ווייסט — האָט ער ביי זיך געטראַכט — צו זיין איידעם איז נישט געוואָרן אַ ייד צוליב דעם זעלבן צוועק... פּראָפעסאָר שטיינאַך האָט גוט פאַרשטאַנען אַז דאָס פאַרפייניקטע יידישע פאָלק וועט נישט אַרויסגעבן פון זיך אַזעלכע לומפּן, וועלכע זאָלן וועלן טון אַזאַ שמוציקע אַרבעט לטובת דעם מערדערישן דייטשלאַנד, און צום שאָדן דעם פרייען לאַנד בראַזיל.

אויך בעטי, דערוויסנדיק זיך וועגן אַרעסט פון אַ יידישן שפּיאָן, האָט איר אַ טיאָכקע געטון אין האַרצן... זי האָט זיך אַליין געפרעגט מיט שרעק און ציטער: איז עס נישט אויך איינער פון יענע „געמאַכטע יידן", וועלכער האָט אויך „צוגעזאָגט"?... זי האָט ביי זיך באַשלאָסן צו רעדן וועגן דעם מיט איר פראַנצן. זי האָט אָבער נישט געהאַט קיין קוראַזש דערצו. זי האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט צופיל באַליידיקן זיינע געפילן, און אַז ער וועט מיינען, אַז זי האָט נישט קיין צוטרוי צו אים...

סוזי האָט אויפגענומען די טראַגישע נייעס — מיט אַ קרעכץ פון אַ ליידנדיקן מענטשן, וועלכער גלויבט אַלץ אַז מענטשן קאָנען זיין פעאיק אויף אַלץ, און אַז דייטשן — מעגן זיי אַפילו זיין פון משהס גלויבן — קאָנען גרייט זיין אַלץ צו טון, אַבי צו שאָדן דער מענטשהייט. זי איז נאָר צופרידן וואָס זי געהערט נישט צו יענעם פאָלק... עס האָט איר אָבער ווי געטון, וואָס עס זאָל זיך נאָך געפינען אַ יידישער פּסי־

כאַפּאַט, וועלכער זאָל וועלן אויספירן אַזאַ מיסיע. לויט איר ווייבערישן שכל, איז זי צופרידן וואָס מען האָט אַזאַ לומפּ אַרעסטירט. מען מוז אויסרייניקן דעם שמוץ פון צווישן דער מענטשהייט, —האָט סוזי צו זיך אַליין גערעדט.— מען מוז זיין דערוויטערט פון אַזעלכע מענטשן. און וואָלט אַזאַ זאַך, חלילה, געטראָפן ביי איר אייגן קינד, וואָלט זי עס אויך נישט געוואָלט פאַרטראָגן... וואָלט זי זיך אַפילו אָפּגעזאָגט פון אַזאַ קינד...

אַנדערש האָט אָבער די זאַך באַגריפן דער יונגער האַנס שטיינאַך. שוין פון לאַנג גייט ער אַרום מיט אינערלעכע חשדים אויף זיין שוואָגער פּראַנץ. עפּעס זיינע באַגעגענישן —נאָך אין ריאָ דע זשאַניירא— מיט פאַרשידענע דייטשן אין דער „קאַזאַ". אויך דאָ, אין פּאָרטאָ אַלעגרע — ווערט ער פיל מאָל פאַרפאַלן פון דער „קאַזאַ" און גאַנצע שעהן. זיין פאַרטראַכטקייט... זיין וואַרפן זיך מיט געלט, וואָס עס פעלט אים קיינמאָל נישט אויס, כאָטש ער מאַכט נישט איצט אַזעלכע גלענצנדיקע געשעפטן... און דער עיקר —האָט עס אים געגעבן אַ שטאָך— „דער גייסטיקער פאַרמעגן וואָס ער האָט אין דייטשלאַנד באַצאָלט פאַר זייער באַפרייאונג"... זיין ווערן אַ ייד!... האַנס גיט עפּעס אַ ציטער ביים לעצטן וואָרט. ער זאָגט עס נאָכאַמאָל איבער: אַ ייד... אַ ייד... און אפשר איז דער געבאַפּטער יידישער שפּיאָן דאָ אין לאַנד, אויך געווען „אַזאַ ייד" ווי זיין שוואָגער? אפשר אויך אַ „געמאַכטער ייד" — כדי צו באַשמוצן דעם יידישן נאָמען און אַראָפּצוואַרפן פון זיך אַליין דעם שפּיאָנאַזשישן שמוץ? און אפשר איז דער געבאַפּטער „יידישער שפּיאָן" —צוזאַמען מיט זיין שוואָגער— פון דער זעלבער באַנדע?... דערוויל אָבער באַשמוצן אָט די יידן, נישט נאָר בראַזיל! ניין! נאָך מער! זיי מאַרדן בראַזיליאַנער און זיי באַשמוצן דעם נאָמען פון בראַזיליאַנער יידנטום!...

האַנס קאָן שוין מער נישט טראַכטן. ער איז שוין דערשעפּט און פאַרפּייניקט פון די אַלע רעיונות. ער באַשליסט דאַן: נעמען זיין שוואָגער פּראַנץ אויף אַ פאַרהער. ער מוז דערגיין צי ער איז נישט פון דער זעלבער חברותא נאַציסטישע משרתים... די בראַזיליאַנער יידן טאָרן נישט ליידן צוליב די שמוציקע גרים וואָס דאָס נאַצי־לאַנד האָט פאַבריצירט! אין פּאָרטאָ אַלעגרע טאָר קיין דייטשישע נאַצי־נעסט נישט זיין! ניין! קיינמאָל נישט! קיינמאָל נישט!...

קאפיטל 7

דער יידישער קאָנטראַ־שפּיאָן

דער אַרעסט פון אַ דייטשישן שפּיאָן, — אַ ייד, האָט אויף דער יידישער באַפעלקערונג אין פּאָרטאָ אַלעגרע געמאַכט אַ דערדריקנדיקן איינדרוק. אין ערשטן מאָמענט האָט זיך קיינעם נישט געוואָלט גלייבן, אַז אַזעלכעס זאָל קאָנען פּאַסירן. עס האָט זיך קיינעם נישט געוואָלט לייגן אויפן שכל, אַז אַ ייד זאָל קאָנען טון אַזאַ זאַך. דאָס אָפּדרוקן אָבער זיין פאָטאָגראַפיש בילד אין דער פּאָליציי־צייטונג מיט דער צושריפט: אַ ייד — אַ דייטשישער שפּיאָן, האָט צום באַדויערן אַלץ באַשטעטיקט. עס האָט באַשטעטיקט דעם טראַגישן אמת, אַז דער אַרעסטירטער דייטשי־שער שפּיאָן איז טאַקע אַ ייד. כאָטש אין דער פאָטאָגראַפיע פונעם „יידישן שפּיאָן" האָט זיך ווייניק געקאָנט דערקענען דאָס „יידישע פּנים", דאָך האָבן די פּאָרטאָ אַלעגרער יידן געוויטיקט איבער דעם טרויעריקן נייעס און האָבן געקרעכצט אויף דער נייער צרה וואָס אַזאַ „ייד" קאָן זיי חלילה אָנטון... אָבער נישט אַלע יידן זענען אָפּגעקומען נאָר מיט קרעכצן און קלערן. דער פּאָרטאָ אַלעגרער ייד גדליהו גיטמאַן האָט אַנדערש געטראַכט: אויב אַ ייד פון דייטשלאַנד האָט אונטערגע־נומען זיין שפּיאָנאַזש־אַרבעט קעגן בראַזיל, וועט ער, גדליהו, אַ ייד פון פּוילן — זיך אַריינוואַרפן אין דער אַרבעט לטובת בראַזיל. זאָל מען נישט האָבן אָנצוהאַלטן אַז יידן קאָנען שאַדן ברענגען דעם לאַנד. ער —גדליהו— וועט ווייזן, אַז אַפילו אַ פּשוטער ייד קאָן אויך מיט עפּעס ניצלעך זיין דעם לאַנד וואָס ער האָט אויסגעקליבן, אַז עס זאָל זיין זיין נייי היימלאַנד, נאָכן אַנטלויפן פון פּוילישן פּאָגראָם־אַנטיסעמיטישן גיהנום.

גדליהו גיטמאַן, אַ פּשוטער ייד פון ראַשאַש, האָט לאַנגע יאָרן גע־אַרבעט און געהאַנדלט אין פּאָרטאָ אַלעגרע און אומגעגנט. ער איז געווען

אַ וואוילער ייד. מיטגליד אין פאַרשידענע אינסטיטוציעס, אויך ביי די „פוילישע יידן". געווען גוט באַקאַנט אַלס איינער פון ביאַלאַ־פאָדאָלסקער פאָוויאַט. זיין עקאָנאָמישע פּאָזיציע איז געווען נישט קיין שלעכטע, און ער האָט לעצטנס געהאַט זיין אייגן געשעפט אין קאַפּאָן דע קאַנאַא, — אַ זומערדיקער אַטלאַנטיק־באַד־פּלאַץ, נאָענט פון פּאָרטאָ אַלעגרע, האַנדלענדיק דאָרטן דעם גאַנצן באַד־סעזאָן און אויפן ווינטער איז ער צוריקגעקומען אין שטאָט אַריין וואו ער האָט זיך פאַרנומען מיטן זעלבן, צוזאַמען מיט זיין פרוי און טעכטער.

גדליהו, אָדער ווי מען האָט אים גערופן, אידל בלאַשטיינס איידעם פון וואָלאָדאָווע, האַבנדיק אַזאַ גלענצנדיקע „סטראַטעגישע" באַזע — ביי די ברעגעס פון אַטלאַנטיק, וואו עס איז ווינטער פּוסט און וויסט, און —ווי ער האָט זיכער געגלויבט— אַז די נאַצים גראַסירן דאָרט אומגע־שטערט, — האָט זיך געווענדעט צו דער מיליטערישער מאַכט, אַז ער איז גרייט איבערצוגעבן זיין הויז, אויף איינצואָרדענען דאָרטן אַ ראַדיאָ־טראַנסמיסאָר, וואָס זאָל קאָנען אויפכאַפּן יעדן שפּור און יעדע אַרבעט וואָס ווערט אָפּגעטון ביים ברעג פון אַטלאַנטיק און אין דער גאַנצער אומגעגנט.

די מיליטערישע מאַכט, איינזעענדיק דאָס פרייגעביקייט פון דעם ראַשעשער ייד, האָט טאַקע באַשלאָסן, נישט נאָר אָנצונעמען זיין מתנה, נאָר אויך איינלאָדן דעם ייד מיטצוהעלפן באַקעמפן דעם דייטשישן שפּיאָנאַזש ביי די ברעגעס פון אַטלאַנטיק. גדליהו האָט מיט צופרידנ־קייט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם פאָרשלאָג. זיין האַס צום דייטשישן נאַציזם, זיין יידיש פאַרווייטיקט האַרץ, די גרוסן פון דער אַלטער היים וועגן דעם חורבן וואָס די מערדערישע דייטשן מאַכן דאָרטן אָן... דער ווילן צו קאָנען מיט עפּעס נקמה נעמען אין די גרעסטע וועלט־מערדער און וועלט־באַנדיטן... יאָ, גדליהו האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג צו אַר־בעטן לטובת דעם לאַנד. אָבער מיט איין באַדינג, וואָס ער האָט גע־שטעלט: ער וועט אַלץ טון וואָס מען וועט אים נאָר הייסן. ער וועט זיין לעבן שטעלן אין קאָן... ער איז דאָ צווישן די דייטשן — און דאָך וויל ער אַרבעטן קעגן זיי... נאָר — ער וויל נישט נעמען באַצאָלט פאַר זיין מיסיע. אַלע אַרבעטן וואָס מען וועט אַרויפלייגן אויף אים וויל ער עס טון פרייוויליק. די מיליטער־מאַכט איז געווען באַגייסטערט פון אַזאַ

אָפּפּערוויליקן פּאַטריאָטיזם פון אַ פּוילישן ייד און זי האָט געוואָלט פאַר אים באַשטימען „קליין־געלט" אויף שפּעזן. אָבער אויך פון דעם האָט זיך גדליהו אָפּגעזאָגט. ער האָט נאָר געוואָלט אַז מען זאָל אים באַהילפיק זיין ביי זיין אַרבעט, אויב ער וועט זיך נאָר נייטיקן אין אַזעלכעס. און זיין אַרבעט וועט זיין: מיטהעלפן פאַרניכטן די שונאים פון בראַזיל און פון די יידן: דעם דייטשישן נאַציזם.

און אַט ווען גדליהו האָט זיך געגרייט אָנצוהייבן זיין אַרבעט קעגן נאַציזם, האָט אַ נייער אומגליק געטראָפן דעם בראַזיליאַנער פאָלק. אַ צווייטע בראַזיליאַנער שיף איז אויפגעריסן געוואָרן דורך די דייטשישע אונטערוואַסער־שיפן און ווידער זענען הונדערטער בראַזיליאַנער געווען קרבנות פון דייטשישן באַרבאַריזם... ווידער זענען בראַזיליאַנער מענער, פרויען און קינדער פאַרשלונגען געוואָרן דורך די כוואַליעס פון ים אויף דער בראַזיליאַנער אַטלאַנטיק־טעריטאָריע... דער נייער חורבן האָט געברענגט אין טרויער דאָס גאַנצע לאַנד. טרערן זענען פאַרגאָסן געוואָרן פון אַלע בראַזיליאַנער, וועלכע האָבן מיטגעפילט דעם ווייטיק פון די געטראָפענע אין דעם ביטערן אומגליק... אָבער די טרערן האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך אויסצוטריקענען, די טויטע האָבן נאָך נישט באַוויזן צו האָבן זייער רו אין די אָרעמס פון די ים־כוואַליעס, ווי אַ דריטע און אַ פערטע בראַזיליאַנער שיף —ביידע כמעט אין איין טאָג— האָבן געהאַט דעם זעלבן גורל וואָס די ערשטע צוויי שיפן. דער נאַצישער פּיראַטן־טייוול האָט זיך געלאָזט אויף זיין רויב אין די בראַזיליאַנער וואַסערן און זיין רויב איז געווען אַ געלונגענער... די קלאָג און אויפרעגונג אין לאַנד איז געווען אין לשער. דער האַס צו די דייטשן איז שטאַרק געוואַקסן, מען האָט געזוכט אָנצונעמען מיטלען קעגן דער נאַצישער פּיראַטעריי, אָבער לײַדער האָט מען נישט געפונען קיין שום אויסוועג.

גדליהו גיטמאַן האָט אָנגעהויבן צו זוכן פּלענער ווי אַזוי צו פאַרלייכטערן די שרעקלעכע טראַגעדיע, ווי אַזוי אויסצומיידן דעם ווייטערדיקן גורל פון יעדער שיף וואָס פאָרט אָפּ פון די ים־ברעגעס. ער האָט געוואוסט אַז די מיליטער־מאַכט האָט באַוואַכט עטלעכע צענדליק קילאָמעטער ים־ברעג. אָבער ער האָט איינגעזען אַז דאָס איז ווייניק. באַזעצט מען איין פּאַס ים, אַנטלויפט דער דייטשישער אונטערוואַסער־טייוול אין

א צווייטן פּאַס. וועלכער ווערט נישט געהיטן, און וואו ער קאָן טון זיין ארבעט אומגעשטערט. און ווידער באַזעצן דעם גאַנצן בראַזיליאַנער ים־ברעג — איז אוממעגלעך. בראַזיל פאַרמאָגט פיר הונדערט קילאָמעטער ים־ברעג, טאָ וואו נעמט מען אַזאַ/ארמיי צו קאָנען באַזעצן אַזאַ ים־פּאַס?! גדליהו האָט זיך דאַן אונטערגענומען צו שטעלן אין קאָנטאַקט מיט אַלע פישער פון אַ גרויסן טייל אַטלאַנטיק־ברעג. ער האָט אויספּלאַנירט, אַז די פישער זאָלן טאָג און נאַכט — אין דיזשורן — כסדר „כאַפּן פיש" ביי די ברעגעס און אַזוי אַרום זאָל מעגלעך זיין צו אָבסערווירן דעם ברעג, נישט וואָרפנדיק קיין שום חשד אַז דאָס זוכט מען די מערדער פון אומשולדיקע בראַזיליאַנער, וועלכע זענען געווען קרבנות פון די נאַציישע באַנדיטן און זייערע אונטערוואַסער משרתים...

גדליהו האָט אויך אָנגעזאָגט די פישער, אַז נישט נאָר צו די וואַסערן זאָלן זיי זיך צוקוקן נאָר אויך אין די הימלען אריין, אויף די נאָענטע ברעגעס, אין די וועלדלעך ביים ים. און אָט האָט די אָבסערוואַציע געגעבן דעם ערשטן רעזולטאַט. עס איז געפונען געוואָרן צווישןביימער אין אַ נאָענט וועלדל, אַ געהיימער גאַזאָלין־דעפּאָזיט מיט פאַרמאַכטע פעסלעך גאַזאָלין, וואָס איז געווען באַהאַלטן אין אַ הערמעטישן קאַסטן־שיף. עס איז נאָר געווען אים אריינצולאָזן אין ים אריין, און דער שווימענדיקער דעפּאָזיט האָט נוצן געבראַכט די נאָענט־שווימענדיקע אונטערוואַסער־מערדער...

דער ערשטער דערפאָלג האָט גדליהון אריינגעגעבן מוט און גלויבן, אַז זיין ארבעט וועט מוזן געקרוינט ווערן מיט מער דערפאָלג. ער האָט באַשלאָסן ווייטער צו ארבעטן, אַנטדעקן און צעשטערן די באַנדיטישע נעסטן פון דייטשישן נאַציזם. ער האָט געשיקט זיינע „פישער" אויף אַן אַנדערער פּאָזיציע — ביי אַ ווייטערדיקן ים־פּאַס, און ווידער האָבן אים די פישער געמאָלדן וועגן „עפּעס אַ קלאָץ מיט נומערן"... עס האָט זיך דאַן ארויסגעוויזן, אַז די „פינפטע קאָלומנע" האָט שוין געוואָלט צוגרייטן אַ נייע באַזע פאַר די נאַצישע אונטער־שיפן, נאָכן אַנטדעקן און פאַרניכטן די פריערדיקע באַזע. דער „קלאָץ" איז גענומען געוואָרן אונטער אָבסערוואַציע, און די נאַצישע באַנדיטן זענען אינמיטן פון זייער ארבעט געשטערט געוואָרן...

גדליהו האָט דאַן באַפוילן זיינע פישער, אַז זיי זאָלן נישט צופיל

עקספּלאָטירן דעם ים, און זיי זאָלן ווענדן זייערע בליקן מער אין די הימלען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב עס זענען דאָ פאַראַן אַזעלכע, וועלכע ווילן בויען נייע באַזעס — נישט קוקנדיק וואָס זיי האָבן שוין געזען, אַז מען צעשטערט זיי און מען אַנטדעקט זיי — מוזן געוויס זיין „נייע מענטשן" וועלכע ווילן אַלץ איינשטעלן... און אַזעלכע נייע מענטשן — אויב זיי קומען דאָ אַהער — מוזן זיי זיכער קומען דורך די הימלען... די פישער האָבן אויפן מאָמענט נישט פאַרשטאַנען: וואָס קאָנען זיי אַזוינס אַנטדעקן אין די הימלען? האָט זיי טאַקע גדליהו דערקלערט, אַז אויב זיי וועלן זען אין דער נאָענט זיך אַראָפּלאָזן אַן עראָפּלאַן זאָלן זיי גאָרנישט טון, נאָר גלייך אים מעלדן.

די פּיראַטן־אַרבעט פון די דייטשישע אונטערוואַסער־שיפן אין די בראַזיליאַנער וואַסערן, האָט זיך אַביסל אָפּגעשטעלט. קענטיק אַז זיי זענען מיט עפּעס געשטערט געוואָרן. אויך די בראַזיליאַנער אַוויאַציע האָט כסדר געהיטן דעם בראַזיליאַנישן ים, און דער מאָרד איבער דעם בראַזיליאַנישן בירגער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

די פישער ביים ים־ברעג האָבן אָבער כסדר געזוכט און געשנאָפּט. ביז איינמאָל זענען זיי געקומען צו גדליהון און געמאָלדן, אַז עס האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז דאָרטן, נאָענט פון דעם באָד־פּלאַץ „טראַמאַנדאַי", האָט זיך די נאַכט אַרונטערגעלאָזט אַ קליין אַוויאָנדל. כאָטש קיין זי־כערעס האָבן זיי נישט געקאָנט זאָגן, האָט אָבער גדליהו מיטגעטיילט וועגן דעם דער העכערער מאַכט און מען איז געפאַלן אויף אַ פאַרדאַכט אַז דאָ האָט אפשר אַ דייטשישער אַוויאָן אַרונטערגעלאָזט זיינע מענטשן, וועלכע וועלן זיך זיכער פאַרשטעלן פאַר זומער־געסט און זיי וועלן זיך אַריינוואַרפן אין דער אַרבעט, צוזאַמען מיט דער „פינפטער קאָלומנע"...

דאָס באָד־אָרט „טראַמאַנדאַי" איז גענומען געוואָרן „אונטערן אויג"... מען האָט גענומען נאָכפאָרשן יעדן פאַרדעכטיקן מענטש. צווישן די אַלע געסט פון דעם באָד־אָרט האָט זיך עפּעס אויסגעטיילט אַ נייַ פּנים, און כאָטש קיינער האָט נישט געקאָנט האָבן קיין פּיצל חשד אויף דער „בלאָנדער פרייליין", וועלכע האָט גערעדט אַ גוטן בראַזיליאַניש און האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גאַנצער בראַזיליאַנקע, דאָך האָט מען זי גענומען אונטער אַן אָבסערוואַציע, מען האָט געגלויבט, אַז דאָס מוז

זיין איינע פון „יענע דאמען", מיט וועלכע די דייטשן גלויבן איינצו־נעמען די וועלט...

עס איז טאקע געפאלן א חשד אויף דער דאמע, אבער קיין זיכערעס האט מען נישט געקאנט דערגיין. אין האטעל און אויף דער פלאזשע האט זי זיך אויפגעפירט גאנץ פיין. מען האט זי אין גארנישט געקאנט באשולדיקן. גדליהו האט זי אבער נישט אפגעלאזט פון אויג. ער איז זיכער געווען, אז זי איז פון „יענע פייגעלעך", וועלכע מען דארף גוט היטן, אז זיי זאלן נישט ארויספליען פון שטייגעלע. ער האט נאר גע־וואלט, אז מען זאל רעווידירן איר צימער אין האטעל. און אויסנוצנדיק די צייט וואס זי איז געווען — כמעט א נאקעטע — אויף דער פלאזשע, איז מען אריין אין איר צימער און צווישן אירע וועש און מלבושים, האט מען אנטדעקט פארשידענע שיפרירטע פאפירן, מאפעס, אפצייכע־נונגען פון בראזיליאנער ים־ברעגעס, און אנדערע קאמפראמיטירנדיקע דאקומענטן.

נאך דעם זעלבן טאג איז דאס בלאנדע פריילין געווארן אויס גאסט פונעם באד־פלאץ און פארנומען א „זיכערן ארט" ערגעץ אנדערשוואו... און גדליהו האט זיך ווידער נוקם געווען אין דייטשלאנד. עס איז געווען די נקמה פון א פשוטן ייד, וועלכער האט צוזאמען מיט יידן מיטגע־ווייטיקט און מיטגעבלוטיקט צוליב דעם צעשטערערישן חורבן וואס דאס דייטשישע פאלק האט געברענגט אויף א האלבער וועלט בכלל און אויף אלע יידן בפרט...

קאפיטל 8

אונטער דער „ווע"...

אין הויז פון פראפעסאר שטיינאך, אויף „פלארעסטא", איז קאליע געווארן די וואסערלייטונג. סוזי קאן עס נישט באגרייפן: אזוי פיל יארן ווי זיי וואוינען דא, האט קיינמאל גארנישט פאסירט. אלץ אין הויז האט פונקציאנירט נארמאל, און פלוצלינג איז דאס וואסער געבליבן שטיין. זי האט אריינגערופן די שווארצע מאריע — דאס דינסטמיידל פונעם הויז — און פארשנדיק זי, האט זי ביי איר געפרעגט:

— מאריא, האסט נישט אמאל גערירט עפעס ביים זייגער אין קעלער, ווען דו ביסט געגאנגען ברענגען האלץ?

— ניין, סעניארא! — האט מאריא ציטערנדיק געענטפערט. — נאר עפעס א „מאסא" (יונגערמאן) איז דא געווען פון דער „פרעפעיטורא", ער האט געפרואווט דעם זייגער און האט געזאגט, אז ער איז קאליע און אז מען דארף אים פאררעכטן. ער האט געזאגט, אז נאך היינט וועט ער ברענגען מענטשן אז מען זאל מאכן אלץ אין ארדענונג.

— גוט, — האט איר סוזי געענטפערט. — גיי אריין צו דער שכנה און בעט א דערלויבעניש צו נעמען דארט וואסער.

מאריא איז ארויסגעגאנגען. זי איז אבער באלד צוריקגעקומען מיט א גדולה, און אויסגעשריגן:

— סעניארא! דער „מאסא" איז שוין געקומען! א גאנצע כאפטע ארבעטער זענען מיטגעקומען. זיי זענען שוין אלע אראפ אין קעלער פאררעכטן די וואסערלייטונג. דער „מאסא" האט געזאגט, אז שוין מארגן וועט זיין גענוג וואסער. ער וועט שוין אלץ צורעכטמאכן.

— גיי, היט בעסער די קיך! — האט סוזי שטרענג א זאג געטון. — און היט נישט צופיל דעם „מאסא".

מאריא האט זיך פארשעמט. זי האט אראפגעלאזט די אויגן. א

שטילע און אביסל אַ באַליידיקטע האָט זי זיך אַרויסגערוקט פון צימער.

מאַריאַ האָט אָבער ווייניק אַכט געלייגט אויף די ווערטער פון דער מאַדאַם צו „היטן די קיד"... זי האָט נישט געקאָנט איינשטיין אין קיך, ווען אין דרויסן, אין הויף דרייען זיך אַרום אַזוי פיל „מאַסאָס" הין און צוריק, ציען דראָטן, לייגן רערן — טאָ ווי אַזוי קאָן זי היטן די קיך! ווי אַזוי קאָן זי רואיק זיצן אין קיך, בעת זי האָט אַזאַ גלענצנדיקע געלעגנהייט זיך לייכט צו פאַרשאַפן אַן „נאַמאָראַדאָ"... (געליבטן); און ווירקלעך, נאָך אין זעלבן אָוונט איז מאַריאַ שוין געגאַנגען אין סינעמאַ אַריין מיטן „אינזשעניער" פון דער אַרבעטס־גרופּע. מאַריאַ איז טאַקע געווען אַ נעגערטע, אַ שוואַרצע, און דאָך האָט זיך דער בלאָנדער מאַקס — אַ בלאָנדער דייטש מיט אַ ספּעציפיש־בראַזיליאַנער לשון — זיך איינגע־ליבט אין מאַריאַן „אויפן ערשטן בליק"... און דער פינצטערער סאַלאָן פון סינעמאַ האָט געדאַרפט דינען פאַר זייער ערשטן פּלאַץ, וואו צו אַנט־וויקלען זייערע ליבע־געפילן...

דער בלאָנדער מאַקס האָט אָנגעקוואָלן פון זיין שוואַרץ־הויטיק מיידל. אין פינצטערן סאַלאָן פונעם סינעמאַ זענען זיי געזעסן האַרט צוזאַמענגעדריקט. זיי האָבן גאָרנישט געזען דאָס בילד אויפן עקראַן. מאַקס האָט — צווישן איין ליבעס־וואָרט און אַנדערן — גלאָט אַזוי, איר געפרעגט וועגן אירע „פּאַטראָנס" (בעל־הבתים), און מאַריאַ האָט — אין פרייד פון איר נייעם ראָמאַן — געהאַלטן אין איין ריידן און דערציילן פון איר פּאַטראָן, דעם אַלטן דאָקטער, וועלכער ווייסט, אַ סך און גייט שטענדיק אַרום פאַרטויערט און רעדט גאָרנישט.

— און דיין אַלטע מאַדאַם, הייסט נישט סוזי? — האָט מאַקס אין דער פינצטער אַריינגערעדט אין מאַריאַן.

— נאָן סעניאָר! — האָט מאַריאַ, — פאַרגעסנדיק זיך אַז זי זיצט אין סינעמאַ — הויך אַרויסגערעדט. אַלע אַרומיקע שכנים אין דער זעל־בער רייע האָבן געוואָרפן בייזע בליקן צום פאַרליבטן פּאָרל. פאַרוואָס זיי האָבן שוין נישט וואו אויסצונוצן זייערע ליבעס־געשפּרעכן, ווי נאָר דאָ, בעת די זינגערין אויפן עקראַן האָט זיך צעזונגען אויף אירע העכס־טע אָקטאַוועס. זיי זענען בייז געווען וואָס זיי שטערן דעם פילם־סעאַנס. מאַריאַ האָט עס גלייך באַמערקט. זי האָט זיך נאָענטער צוגעבויגן צו מאַקסן, און שטיל אים אַריינגעשושקעט אין אויער:

— זי הייסט נישט סוזי, זי הייסט סוזאַנאַ.

— און דער יונגער פּאַטראָן, פראַנץ? —האָט מאַקס ווידער עפּעס אַנגעהויבן פרעגן מאַריאַן. מאַריאַ האָט אים אָבער גלייך איבערגעריסן, און ביכיקענדיק אין זיך אַריין, האָט זי אים אויסגעבעסערט:

— ניין, מאַקס. ער הייסט נישט פראַנץ. די מאַדאַם רופט אים פראַנציסקאַ. יאָ, פראַנציסקאַ.

— וועלכע מאַדאַם? —האָט מאַקס איר געפרעגט.— די יונגע, בעטי?

— ניין! —האָט מאַריאַ זיך ווידער פאַרגעסן און ווידער געטון אַ קוויטש אַרויס.— זי הייסט נישט בעטי, זי הייסט בעאַטריז.

— ש... ש... ש... ש... —האָט זיך דערהערט פון אַלע זייטן אַ צישעריי.

מאַקס האָט זיך שוין אַביסל פאַרשעמט. ער האָט זיך נאָענט צוגעבויגן צו מאַריאַן און שטיל אַריינגערעדט אין איר:

— מאַריאַ, לאָמיר אַרויסגיין. דו זעסט דאָך אַז זיי לאָזן אַפילו קיין וואָרט נישט אויסריידן!

ווען זיי זענען שוין געווען אין גאַס, האָט זיך מאַקסן ערשט אויפגעבונדן די צונג. אויך מאַריאַ האָט זיך דערפילט פריי. כאָטש זי וואָלט גערן נאָך געזעסן מיטן בלאָנדן מאַקס אין דעם פינצטערן סאַלאָן, איז זי אָבער צופרידן פון דעם פרייען שפּאַציר. זאָלן אירע חברטעס אויך זען מיט וועמען זי גייט... זאָלן זיי נישט מיינען, אַז זי —מאַריאַ— איז אַבי וועד!... זאָלן זיי זען איר נאַמאָראַדאָ... (פאַרליבטן). מאַריאַ וואָלט גערן געוואָלט אַז די זון זאָל איצט אויפשיינען און ס'זאָל ווערן ליכטיק פון איין עק וועלט ביז דעם אַנדערן, און די גאַנצע וועלט זאָל זען דעם „ווייסן יום-טוב" וואָס זי האָט לעבן זיך...

מאַקס האָט באַמערקט אַז ער האָט געפונען „סימפּאַטיע" אין אירע אויגן, און ער האָט ווידער פאַרבונדן דעם איבערגעריסענעם שמועס, וואָס ער האָט אָנגעהויבן אין סינעמאַ.

— דו ווייסט, —האָט ער פלוצלינג אַ זאָג געטון מאַריאַן.— אַז דיינע פּאַטראָנס זענען „זשודעאָס"?

— ניין! —האָט מאַריאַ געענטפערט, ווי פאַרשולדיקט וואָס זי איז נעבעך אַזוי אַריינגעפאַלן. זי האָט שוין אַפילו מורא באַקומען, אַז אַט

דער „יחוס" זאָל איר נישט שאַטן צום שידוך...— איך האָב געמיינט,— האָט זי זיך גענומען פאַרענטפערן— אַז זיי זענען אַלעמאָנס...

— זאָג נאָר, מאַריאַ —האָט מאַקס זי ווידער גענומען פאַרשן.— קומען עפּעס אַריין צו זיי אַ סך זשורעאָס?

— ניין! —האָט מאַריאַ געענטפערט.— איך האָב קיינמאָל נישט געזען ביי זיי קיין געסט. זיי זענען שטענדיק אַליין.

— אַלע צוזאַמען? — האָט מאַקס מיט אינטערעס געפרעגט.

— געוויס! — האָט מאַריאַ געענטפערט מיט אַזאַ טאָן, ווי עס וואָלט אַנדערש נישט געקאָנט זיין.

און דער יונגער פּאַטראָן, —האָט מאַקס נאָך אַ ווײַלע קלערן, געפרעגט.— אַט דער פראַנציסקאָ, איז אויך שטענדיק אין שטוב?

— אויסער בייטאָג, —האָט מאַריאַ געענטפערט— ווען ער געפינט זיך אין מאַשינען־געשעפט.

— און אין שטוב, איז ער קיינמאָל נישט אַליין? —האָט מאַקס, שוין פאַרשנדיק געפרעגט.

— אַליין... אַליין... האָט מאַריאַ גענומען טראַכטן.— יאָ, — האָט זי זיך ענדלעך געכאַפּט.— שבת נאָכמיטיק בלייבט ער אַליין אין שטוב, און ער שרייבט און רעכנט, שטרייכעלעך מיט פּאַסיקלעך, איך ווייס אַליין נישט וואָס ער טוט דאָרטן...

— הער־זשע, מאַריאַ —האָט מאַקס צו איר געזאָגט.— דאָ האָסטו צוואַנציק מילרייס, און איך וועל וועלן אַ טובה פון דיר.

— איך דאַרף נישט קיין געלט! —האָט מאַריאַ נישט געוואָלט צונעמען דעם באַנקנאָט, און אַראָפּלאָזנדיק פאַרשעמט דעם קאָפּ, האָט זי צוגעגעבן: —זאָגט מיר די טובה וואָס איר דאַרפט, און איך וועל אַלץ טון פאַר אייך, אַפילו אָן געלט.

— ניין, מאַריאַ —האָט מאַקס מיט געמאַכטער איידלקייט געזאָגט. — איך גיב דיר נישט דאָס געלט פאַר דער טובה וואָס דו דאַרפסט מיר טון, נאָר איך ווייס אַז דו אַרבעטס ביי זשורעאָס, נוצן זיי דיך זיכער אויס. דו אַרבעטס אַ סך און באַקומסט ווייניק באַצאָלט פאַר דיין אַרבעט. איך וויל נישט אַז מיינס אַ געליבט מיידל זאָל זיך דאַרפן קווענקלען אין אַ פּאָר מילרייס. נעם צו די צוואַנציק מילרייס און דו וועסט האָבן

פאַר זיך אויף קלייניקייטן. איך וויל אַז דו זאָלסט וויסן, אַז דער בלאָנ־דער מאַקס ווייסט ווי אַזוי צו באַהאַנדלען אַ מיידל...

מאַריאַ האָט אויפגעהויבן אירע אויגן, און מיט דאַנקבאַרע בליקן האָט זי צוגענומען דעם באַנקנאָט. פאַרענטפערנדיק זיך, אַז זי נעמט נישט דאָס געלט צוליב דער טובה וואָס ער פאַרלאַנגט פון איר, נאָר זי וויל זיך נישט קעגנשטעלן זיין פאַרלאַנג...

מאַריאַ האָט זיך געפילט זייער דערהויבן, וואָס זי האָט זיך פאַר־שאַפט אַזאַ גוטן געליבטן, וואָס וואַרפט זיך מיט צוואַנציקערס... זי איז שוין אין ערשטן אָוונט, גרייט געווען צו גיין פאַר אים „אין פייער און אין וואַסער"... זי האָט זיך שטאַרק צוגעדריקט צו אים, און קוקנ־דיק אים גלייך אין די אויגן אַריין, האָט זי מיט צופרידנקייט געזאָגט:

— מאַקס טייערער. זאָג מיר וואָס פאַר אַ טובה דו פאַרלאַנגסט פון מיר?

מאַריאַ האָט — אין מאָמענט פון שטעלן די פראַגע — ביי זיך אַליין געטראַכט: וואָס קאָן ער פאַרלאַנגען פון איר? מאַריאַ איז שוין אַ געניטע אויפן געביט פון פירן ליבעס... זי ווייסט שוין וואָס די נאַ־מאַראַדאָס פאַרלאַנגען פון זייערע מיידלעך... שוין נישט איינמאָל האָט מען פון איר פאַרלאַנגט דאָס זעלבע... מאַריאַ האָט אָבער פאַר־שטאַנען, ווי אַזוי זיך נישט צו וואַרפן שנעל אין די אָרעמס פון די נאַ־מאַראַדאָס, שוין, דעם ערשטן אָוונט... אָבער אָט דער מאַקס, — זאָל ער אויך וועלן אָט דאָס זעלבע? ווען יאָ? וועט זי האָבן גענוג כוח אים גלייך אָפּצוזאָגן? צוערשט האָט מאַריאַ זיך געטראַכט, אַז זי וועט אים באַהאַנדלען ווי אַלעמען; זי וועט אים הייסן צוואַרטן... ווען זי האָט אָבער דערפילט מאַקס האַנט אין אירע אָרעמס און זיין אָטעם אויף איר פּנים, האָט זי שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס מאָל וועט זי זיך נישט קאָנען צוריקהאַלטן... אַז מיט מאַקסן וועט זי נישט קאָנען האַנדלען ווי מיט אַלע אַנדערע ביז איצט...

מאַקס האָט אָבער גאַנץ רואיק אויסגעהערט איר פראַגע און נישט טראַכטנדיק לאַנג, האָט ער געזאָגט:

— מאַריאַ, מאָרגן, ווען די אַרבעט ביי דער וואַסערלייטונג וועט זיין פאַרענדיקט, וועל איך דיר איבערגעבן אַ רענצל, און דו וועסט עס דאַרפן איבערגעבן דעם הער פראַנציסקאָ.

— און וואס נאך? —האט מאריא, ציטערנדיק מיטן גאנצן קערפער געפרעגט. זי האט דערוואַרט עפּעס אַזעלכעס... אַזעלכעס, פאר וועלכן מאקס האט שוין פון פאָרויס באצאלט... צום סוף — וויל ער גאר „עפּעס אנדערש"... עפּעס א רענצל איבערגעבן... נישט דאס וואס זי האט זיך פארגעשטעלט... נישט דאס וואס זי האט מיט זיכערקייט דערוואַרט...

דער בלאָנדער מאקס האט נאר א פריינטלעכן שמייכל געטון, און א גלעט געבנדיק אירע אפגעפארבטע שווארץ־רויטע בעקלעך, האט ער — א וואונק געבנדיק מיט איין אויג — איר געענטפערט:

— דערווייל — נאר דאס... ווען דו וועסט אבער „פארשטיין א געשעפט" — וועט דיר גארנישט פעלן ביי מיר... נישט קיין געלט, נישט קיין ליבע און נישט עפּעס אנדערש...

עס איז שוין געווען נאך האלבער נאכט, ווען מאקס האט אפּגעפירט מאריאן אהיים. ער איז נאך אביסל געשטאנען מיט איר פארן טויער, און פארן אוועקגיין האט ער איר נאכאמאל געפרעגט, ווען ער קאן איר טרעפן אין שטוב, כדי איר צו ברענגען דאס רענצל.

צומארגנס איז מאריא ארומגעגאנגען ווי צעטראגן. זי האט שוין מיט אומגעדולד דערוואַרט דעם נאכמיטיק, ווען „איר נאמאראדא" וועט ווידער קומען; און כאטש דאס איז נישט געווען דאס ערשטע מאל וואס מאריא פירט א ליבע, איז זי אבער קיינמאל נישט געווען אזוי צעטראגן— שוין „ביים ערשטן בליק" — ווי דאס מאל... מאריא האט נאך קיינמאל נישט געהאט דאס מזל, אז א ווייסער מאן זאל זיך דערנענטערן צו איר, זאל איר גלעטן, זאל איר זאגן ליבעס־ווערטער... און דא — אזא גליק! אזא איבערראשונג!... — א ווייסע ליבע... א ווייסע פרייד... טרערן גלאנצן אין אירע אויגן. זי גייט צו צו איר קלומעקל און נעמט פון דארט ארויס א קליין בילדל פון דער „הייליקער מוטער". זי ציט ארויס א בלעכן צלמל פון דער ברוסט ארויס, און ביידע הייליקע זאכן באגיסט זי מיט טרערן... מאריא אליין איז נישט זיכער, צי דאס דאזיקע געבעט וועט עפּעס העלפן אויף צו פארשטארקן און פארפעסטיקן מאקסעס ליבע צו איר; דאך, האט זי מיט איר גאנצן נשמה־ציטער געבעטן זייער מיטהילף און אליין זיך געוואלט פארזיכערן, אז דאס מאל

וועט איר די „מוטער מאַריאַ” צוהעלפֿן צו דער שטאַרקער ליבע וואָס זי פֿילט צום בלאָנדן מאַקס...

דער בלאָנדער מאַקס האָט געהאַלטן וואָרט. ווען מאַריאַ איז געווען אַליין, אוןביידע דאַמען זענען געשלאָפֿן זייער געוויינלעכן נאָכמיטיק־שלאָף, איז מאַקס אַריינגעקומען אין צימער מיט אַ קליין רענצל. איצט איז מאַקס נישט געווען אַזוי פֿריינטלעך צו איר, ווי נעכטן ביינאַכט. אין זיין נייעם ווייסן אָנצוג, מיט אַ זילבערנער „ווע” אין דער קלאַפּע פֿון רעקל, און מיט זיין שטייפֿער האַלטונג, איז עס גאָרנישט געווען דער זעלבער מאַקס. עפּעס אַזוי געהיימנישפֿול... אַזוי פֿיל מורא... מאַקס האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, ער האָט נאָך געוואָרפֿן זיין בליק אויף צוריק אין גאַס אַריין, גלייך ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, צי מ'האָט נישט באַמערקט זיין איצטיקן וויזיט אין דעם הויז.

מאַריאַ האָט —אין ערשטן מאָמענט— זיך האַרציק דערפֿרייט מיט זיין באַזוך. זי האָט זיך אָבער אינגאַנצן דערשראָקן פֿאַר זיינע שטייפֿע בליקן. ער איז צוגעגאַנגען צו איר, אָבער מיט אַזוי פֿיל קאַלטקייט, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך איצט צום ערשטן מאָל געזען. ער האָט דערלאַנגט מאַריאַן דאָס רענצל, און אַרומקוקנדיק זיך צי קיינער זעט נישט, האָט ער שטיל געזאָגט צו איר:

— מאַריאַ, באַהאַלט דאָס רענצל. ווען דער סעניאָר פֿראַנציסקאָ וועט קומען, גיב עס אים איבער אין די הענט אַריין. פֿאַרשטאַנען?

— פֿאַרוואָס נישט? —האָט מאַריאַ מיט דערשטוינונג אויסגעהערט מאַקסן. ס'האָט איר ווײ געטון די באַציאונג צו איר מצד איר „געליבטן”... זי האָט ביי אים צוגענומען דאָס רענצל און עס אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל.

זי האָט אויפֿן מאָמענט נישט געוואוסט וואָס זי טוט. זי האָט מורא געהאַט צו דענקען, אַז איר „ווייסע ליבע” האָט נישט געהאַט קיין האָפֿט... זי איז שוין בייז געווען אויפֿן „הייליקן בילדל” מיטן „קרייצל”, וועלכע האָבן איר גאָרנישט געהאָלפֿן... — פֿאַרקערט: אפֿשר גאָר קאַליע געמאַכט... ווייל פֿריער, איידער זי האָט געבעטן „זייער מיטהילף”, האָט דאָך מאַקס איר „פֿאַרגעטערט”... און איצט? נאָר איין נאַכט איז אַריבער, און ער שענקט איר מער נישט קיין אויפֿמערקזאַמקייט... זי איז אַ טרויעריקע געבליבן שטיין אין ווינקל, צוזאַמען

מיטן רענצל, און מיט גלעזערנע אויגן האט זי געווארפן אירע בעטנדיקע בליקן צו מאקסן...

מאקס — אראפּפּטרנדיק אזא שווערן עול פון קאפּ — האט זיך שוין איצט געפילט אביסל לייכטער. ער האט געווארפן א פריינטלעכן שמייכל צו מאריאן און שטיל ביי איר געפרעגט:

— מאריא, ווילסט היינט גיין אין סינעמא?

מאריא האט ווידער אויפגעלעבט. זי האט געפילט, ווי די זון הויבט ווידער אן צו שיינען איבער איר קאפּ... עס האט איר שוין פאר־דראסן פארוואס זי האט אומזיסט באליידיקט דאס „הייליקע בילדל" און דעם „קרוז"... זי האט מאמענטאל צוגעלייגט איר האנט צו דער ברוסט, וואו אונטער דער בלוזע איז געהאנגען איר קרייצל, און האט עס מיט ליבע און חרטה געגלעט דורך דער בלוזע... זי האט עס מיט אירע פינגער איבערגעבעטן פאר דער פריערדיקער באליידיקונג... מאריא איז שנעל צוגעלאפן צו מאקסן און אן אונטערטעניקע אים געפרעגט:

— מיטן סעניאר?

— יא, — האט מאקס געענטפערט, — מיט מיר, היינט ביינאכט. ווילסט גיין אין סינעמא?

— יא! — האט מאריא מיט ציטער געענטפערט. — איר זאלט ווארטן אויף מיר אונטערן פענצטער.

— גוט! — האט מאקס געזאגט. ער האט ארויסגענומען א געלט־באנקנאט און איר דערלאנגט. ער האט איר נאכאמאל דערמאנט, נישט פארגעסן איבערצוגעבן דאס רענצל פראנציסקאן.

— אבער מאקס! — האט מאריא זיך קעגנגעשטעלט. — איך וויל נישט קיין געלט! איך דארף נישט קיין געלט!...

— נעם, מאריא! — האט מאקס שטרענג געזאגט. — עס וועט דיר שוין צונויץ קומען. ער האט געווארפן זיינע בליקן דורך דער אפענער טיר אין גאס ארייז, און זאגנדיק נאכאמאל, אז היינט אוונט גייען זיי אין סינעמא, איז ער מיט געהיימנישפולע טריט פארשוואונדן.

מאריא איז ווידער אמאל געבליבן שטיין א צעמישטע. זי האט שוין ווידער געגלויבט, אז איר „ווייסע ליבע" וועט געבן גוטע רעזולטאטן. זי האט גענומען טאנצן און זינגען פאר פרייד. זי האט גארנישט באַמערקט, ווי די דאנא סוזי איז געבליבן שטיין אין דער טיר א פארוואונדער־

טע, זעענדיק ווי מאַריאַ טאַנצט מיט אַ געלט־באַנקנאָט אין דער האַנט און האַלט זיך אין איין אונטערזינגען:

— עו קערו, קערו, קערו, קערו, מעו אַמאָר...

— עו קערו, קערו, קערו, קערו, מיניאַ פלאָר...

— מאַריאַ!... מאַריאַ! —האָט סוזי איר גערופן עטלעכע מאָל, און מאַריאַ האָט אַלץ נישט געהערט. סוזי איז צוגעגאַנגען נאָענט צו מאַ־ריאַן און איר אָפּגעשטעלט אין מיטן טאַנצן, און אַ פאַרוואונדערטע איר געפרעגט:

— מאַריאַ! וואָס עפּעס טאַנצן אין מיטן דערינען! וואָס איז היינט מיט דיר! וואָס איז, קאַרנאַוואַל איז היינט?

— ווער? —האָט מאַריאַ אַ צעמישטע געפרעגט.— איך טאַנץ? עס האָט זיך איר אַליין נישט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס איז אמת.— עס האָט זיך דער סעניאָראַ געמוזט אויסדאַכטן אַז איך טאַנץ...

— און וואָס איז דאָס געלט וואָס דו האַלסט אין האַנט? —האָט סוזי איר ווידער געפרעגט.

— געלט!? —האָט מאַריאַ שטוינענדיק געפרעגט.— וואָס פאַר אַ געלט? אַהאַ! אָט־אָ־דאָס... די צען מילרייס... יאָ... געלט... איך האָב... איך האָב זיי געפונען! —האָט מאַריאַ גערעדט אין איין ציטערניש.— פאַלאַוורא דע האָנראַ (ערן־וואָרט), געפונען. יאָ! גע־פונען...

— געפונען? —האָט שוין סוזי מיט חשד געפרעגט.— אויב דו האָסט זיי געפונען, איז עס דאָך אונדזערס! גיב אַהער די צען מילרייס!

— ניין! ניין! —האָט מאַריאַ מיט ציטער גערעדט.— מאַדאַם! סעניאָראַ! נישט געפונען! ניין!... באַקומען! פאַלאַוורא דע האָנראַ!

— זאָג מיר נאָר, מאַריאַ —האָט סוזי גענומען פאָרשן דאָס מיידל, זעענדיק אַז זי איז עפּעס אינגאַנצן צעמישט און זי רעדט ווי אַ צעדרייי־טע, אָדער וואַנזיניקע.— פון וועמען באַקומסטו דאָס געלט?

מאַריאַ האָט אַרונטערגעלאָזן אירע אויגן און מיט פאַרשעמטע בליקן האָט זי קוים אַרויסגערעדט:

— פון מיין נאַמאָראַדאָ...

— האָסט אַ נאַמאָראַדאָ? —האָט סוזי אַ פאַרוואונדערטע איר גע־פרעגט.— האָסט דאָך אונדז קיינמאָל נישט דערציילט. זאָג מיר נאָר,

מאריאַ, —איז סוזי צוגעגאַנגען נאָענט צו איר.— דו קענסט אים שוין פון לאַנג, דיין נאמאָראַדאַ?

— שוין פון נעכטן אָן, — האָט מאריאַ ארויסגעשאָסן אין איין טאָן, און פון אירע ווערטער האָט זיך געדאַכט, אַז דער „פון נעכטן אָן", איז שוין יאָרן מיט יאָרן...

— גיט ער דיר שוין געלט אויך? —האָט סוזי ווידער געפרעגט.

— ער מוז זיין אַ רייכער! —האָט מאריאַ געענטפערט מיט צופריד־דנקייט.— עס שפּילט ביי אים נישט קיין ראָל קיין געלט! ער איז זייער אַ גוטער.

— וואו האָסטו אים אַראַנזשירט? — איז שוין סוזי אריינגעשלעפּט געוואָרן מיט אינטערעס אין איר גאַנצער ליבעס־געשיכטע.

— וואו? —האָט מאריאַ איבערגעפרעגט.— ער איז אַליין געקומען צו מיר... ער איז נאַר־וואָס דאָ געווען און האָט איבערגעלאָזט אַ רענצל פאַרן סעניאָר פראַנציסקאָ.

— וואו האָסטו דאָס רענצל? — האָט סוזי געביטן איר טאָן, און באַפעלעריש געגעדט צו דער דינסט.

— אָט האָט איר עס! — האָט מאריאַ צוגעטראָגן דאָס רענצל צו סוזין.

סוזי האָט מיט פאַרוואונדערונג און חשד געקוקט אויפן רענצל. זי האָט אינערלעך אַ ציטער געטון... אָט דאָס שווערע פאַרשלאָסענע רענצל האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ שרעקלעכן סוד... זי האָט גלייך אריינגערופן בעטין און אָנווייזנדיק אויפן רענצל, האָט זי מיט אַ ציטער אין איר שטימע ארויסגערעדט:

— בעטי, וואָס קאָן עס זיין? פאַרשלאָסן, שווער און פאַר דיין פראַנצן.

— פון וועמען איז עס? — האָט בעטי געפרעגט.

— פון מיין נאמאָראַדאָ! — האָט מאריאַ שנעל געענטפערט.

— מאריאַ! —איז בעטי צוגעגאַנגען צו דער דינסט און אריינקוקנ־דיק אין אירע אויגן אויסגעשריגן:— מאריאַ! זאָג דעם אמת: ווער איז דיין נאמאָראַדאָ?!...

מאריאַ, נישט באַמערקנדיק די שרעק און ציטער בייביידע פרויען, האָט בעטיס פראַגע אָנגענומען פאַר גאַנץ נאָרמאַל. זי האָט געוואוסט,

אז פרויען פאראינטערעסירן זיך שטארק אין ליבע־אינטערעסן... און זי האט גאנץ געווײנלעך געענטפערט:

— מיין נאמאראדא? — ער איז א שיינער... א רייכער... א ווייסער... ער גייט מיט מיר היינט אין סינעמא... ער האט מיר געגעבן צען מילרייס, האט זיי מיר די סעניארא צוגענומען.

— פונוואנען קענסטו אים!? —האט בעטי א שטרענגטע געפרעגט.

— פונוואנען? —האט מאריא, לויט איר שטייגער, פארן געבן אן ענטפער, איבערגעפרעגט די זעלבע פראגע.— איך קען אים פון דאנען, יא, פון דאנען! איך האב אים שוין געזען עטלעכע מאל אונטערן פענצטער. איך האב אבער געמיינט, אז ער וויל נאמארירן איינע פון די סעניאראס. איך האב נישט געוואוסט, אז ער מיינט מיך... אבער נעכטן האט ער זיך מיר דערקלערט אין ליבע און מיר זענען געגאנגען אין סינעמא. היינט האט ער מיר געבראכט דאס רענצל פארן הער פראנציסקא. מער ווייס איך נישט.

— קאנסט שוין גיין! — האט איר בעטי געזאגט.

ביידע פרויען זענען געשטאנען און באטראכט דאס רענצל, און אין שטילשווייגעניש געקלערט און געטראכט פארשידענע זאכן און פארשידענע מעגלעכקייטן. בעטי האט די ערשטע איבערגעריסן דאס שטילשווייגן, און מיט מורא און שרעק ארויסגערעדט:

— מאמע, עפעס זעט מיר דאס רענצל אויס זייער געהיימנישפול. פונוואנען זאל עס זיין?

— אפשר, —האט סוזי א פארטראכטע געזאגט.— אפשר, איז עס א מוסטער פון מאשינען? אפשר האט ער עס באקומען פון א נייער פירמע?

— וואלט עס דאך געקומען אויפן אדרעס פון געשעפט! —האט בעטי געענטפערט.— וואלט עס דאך געקומען דורך דער פאסט, מיטן אוויאן, מיט דער באן, אדער מיט אנדערע וועגן, און נישט דורך א פריוואטע פערזאן! דורך מאריאס נאמאראדא!...

ביידע האבן געפרואווט נעמען דאס רענצל אין האנט אריין און טרעפן וואס עס איז. אין געהיים האבן זיי שוין געקלערט —יעדע באזונדער פאר זיך— ווער ווייסט! אפשר איז עס פון דער... „געסטאפא“!!! אפשר אן אויפרייס־באמבע! אפשר א נקמה־אקט...

באַזונדערס איז געווען פאַרציטערט בעטי. פאַר אירע אויגן זענען פאַרבייגעפלויגן פייערדיקע פונקען, וועלכע האָבן כמעט ווי געשריגן:

— ער האָט צוגעזאָגט!...

— ער האָט צוגעזאָגט!...

אויך סוזי האָט געוויטיקט און זיך געשראָקן פאַר דער נייער אָנשי־קעניש — דאָס רענצל. אויך פאַר איר איז אויפגעשוואומען דער צוזאָג פון איר איידעם; אויך זי האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן פון אַמאָל אין מינכען...

ביידע פרויען האָבן מיט ציטער אויפגעהויבן דאָס רענצל, עס באַ־טאַפּט פון אַלע זייטן. זיי האָבן געוואָלט אַז דאָס רענצל זאָל אין דעם מאָמענט ווערן פון גלאָז און זיי זאָלן קאָנען זען דאָס געהיימנישפולע וואָס דריקט אַזוי פון אינעווייניק, און דריקט אויך אויף זייערע הערצער...

בעטי האָט גענומען דאָס שווערע רענצל אין האַנט אַריין און עס צוגעטראָגן צו פראַנצס שרייבטיש. צוערשט האָט זי געטראַכט אפשר עס אַרויסוואַרפן? אפשר זאָל זי עס פאַרניכטן? זי האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז דאָ איז אַריינגעמישט מאַריאַס געליבטער... און עס וועט מער נישט קאָנען בלייבן קיין סוד...

בעטי האָט צוריק אַוועקגעשטעלט דאָס רענצל אין ווינקל, און ווען זי האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, האָט זי באַמערקט אין אַן עק פונעם רענצל אַ קליינע אויפשריפט:

— אונטער דער „ווע", בראַזיל...

קאפיטל 9

עד מתי? עד מתי?...

די בלוטיקע פארניכטונגס־מלחמה וואס דאס נאצי־לאנד האט אנגעווארפן אויף כמעט גאנץ איירָאפּע, און אין וועלכער אויך נארד־אמעריקע איז דורך דייטשלאנדס שותּף, יאפּאן, ארייגעצויגן געווארן — דורך דער יאפּאנישער מערדערישער אטאקע אויף פּוירל הארבור — האט אנגעהויבן אננעמען וואס אמאל מער בלוטיקערע פארמען. אויסער דעם פארניכטונגס־קריג אויף די פראנטן, האט דער דייטשישער נאציזם אויך פּראקלאמירט זיינע פארניכטונגס־מעטאדן אין אלע לענדער וואס ער האט אקופּירט. דורך דער לופט, — מיטן ווינט — זענען אנגעקומען טראגישע ידיעות וועגן דער אויסמארדונג פון אונדזערע ברידער און שוועסטער אין אונדזערע אלטע היימען.

אבער, נישט בלויז אין די לענדער וועלכע זענען דורך זיי ארייגעשלעפּט געווארן אין קריג, האבן זיי געזייעט טויט און פארניכטונג, נאר אפילו אין די לענדער מיט וועלכע זיי האבן געשלאסן פריינטשאפט־אפּמאכן האבן זיי צוגעגרייט „אייגענע מענטשן” און אין דעם געהעריקן מאמענט — ארייגמארשירט מיט זייערע מלאכי־חבלה און האבן דארטן אנגעהויבן זייער פארניכטונגס־ארבעט, זייערע בלוטיקסטע וואקכאנאליעס...

דאס סאוויעטן־לאנד, דאס דאזיקע לאנד וואס האט געגלויבט, אז מיטן פריינטשאפט־אפּמאך מיט מיצלערן וועט עס נישט נאר אפּטון די קאפּיטאליסטישע לענדער, אויסלאכן טשערמבערליינען, מיט פראנקרייך און נארד־אמעריקע צוזאמען, נאר עס וועט אים אפילו געלינגען זיך ארויסצוראטעווען פון דעם פארניכטונגס־פייער, מיט וועלכן די נאציס האבן אונטערגעצונדן די וועלט, — אט דאס לאנד איז געווען דער שרעקלעכסטער קרבן פון די אייגענע „פריינד”, מיט וועלכע זיי האבן געשלאסן

אַ פֿריינטשאַפֿט־אָפּמאַך. דער נאַצישער בלוט־בליץ־מאַרש האָט אויך דורכגעריסן די טויערן פֿון סאָוויעטן־לאַנד, און מיט זייערע בלוטיקע שטיוול געטראָטן אויף דער ערד, וועלכע איז געווען פֿאַרהייליקט פֿונעם רוסישן פֿאָלק און פֿונעם סאָוויעטישן אַרבעטער־קלאַס.

דער חורבן וואָס די דייטשישע נאַצי־באַנדעס מיט זייערע „פֿינפֿטע קאָלומניקעס" האָבן אָנגעמאַכט אין לאַנד, האָט נישט געהאַט קיין פֿאַרגלייך אין דער וועלט־געשיכטע פֿון מילחמות און נאַטור־קאַטאַסטראָפֿעס.

צו דער זעלבער צייט ווען די נאַצישע אַרמייען האָבן געשטורעמט די טויערן פֿון סטאַלינגראַד, האָבן זיי אויך נישט פֿאַרגעסן אין בראַזיל. זייערע מערדערייען איבער אומשולדיקע בראַזיליאַנער בירגער איז געווען דער אַרויסרוף צום לאַנד, צו דער רעגירונג פֿון זשעטוליאָ וואַרגאַס, אַז זי זאָל צוטרעטן צו די „אַקס"־מלוכות, און ווען זי עס נישט טון, וועט זי פֿון בראַזיל מאַכן דאָס זעלבע וואָס זי מאַכט פֿון רוסלאַנד. ווי אַ סימן, אַז זי מיינט עס ערנסט, האָט זי אירע אונטערוואַסער־מחבלים געשיקט אין די וואַסערן פֿון בראַזיל, אַז זיי זאָלן באַווייזן זייער „הייליקע אַרבעט"... זיי זאָלן „אָנלערנען", אַז אויב בראַזיל וועט נישט צוטרעטן צו דער נאַציסטישער מערדער־באַנדע, קאָן זי מיט איר פֿאַרניכטנדיקן כּוח דערלאַנגען צו דעם ווייטן בראַזיל. און זי האָט עס טאַקע באַוויזן מיט „פֿאַקטן" אויך... זעקס שיפֿן מיט בראַזיליאַנער מענער, פֿרויען און קינדער זענען געווען דער אָפּצאָל דערפֿאַר, וואָס בראַזיל האָט נישט געוואָלט דינען צום „מולך"... אין שענסטן פֿרילינג־חודש פֿונעם בלייענדיקן בראַזיל, אין סעפּטעמבער 1942, האָט דאָס בראַזיליאַנער פֿאָלק באַוויינט די הונדערטער קרבנות פֿון צוויי אויפֿגעריסענע שיפֿן, נאָענט פֿון די ברעגן פֿון בראַזיליאַנער שטעט. אָט דער מערדערישער טאַט פֿון נאַציסטישן דייטשלאַנד איז געווען אַן ענטפֿער דער בראַזיליאַנער רעגירונג פֿאַר איר געלונגענער אַנטדעקונג פֿון קנאַפּע פֿופֿציק מיטגלידער פֿון דער דייטשישער „פֿינפֿטער קאָלומנע" אין בראַזיל. בראַזיל האָט אָבער די בלוטיקע שפּיאָנען נישט אָפּגעצאָלט מיטן זעלבן פּרייז וואָס די נאַצים האָבן איר געצאָלט. מ'האָט זיי אַוועקגעשיקט אויפֿן „בלומען־אינדזל", און דערמיט איז אַלץ געווען דערליידיקט...

פֿאַן קאַרלאָס האָט אָבער אויפֿגעציטערט פֿון דעם שרעקלעכן פֿאַרלוסט וואָס „זיינע מענטשן" האָבן געליטן... אַזאַ שרעקלעכער קלאַפּ!

—האט ער געשריגן. צו זיינע קאמעראדן— און נאך וואו! ? אין פארטא אלעגרע! וואו אונדזער פראנץ — דער געטרייעסטער „עס־עס״ פון מינכען פירט אן מיט אונדזער ארבעט!... ניין! מער טאר עס נישט געשען! אדער דער פראנץ איז א פאררעטער, אדער...

— אדער וואס? —האט זיך אנגערופן דער ספעציעלער שליח פון „דריבן״, וואס איז נאר־וואס געהאט געקומען דורך שוועדן, ווי אן אנט־לאפענער עסטרייכער, דער גוט־באקאנטער קוריער פון מינכענער „געס־טאפא״, הער גוסטאוו.— איך קאן אים גוט, דעם פויגל... ער האט דאך א יידיש ווייב. ער איז שוין פארדעכטיקט געווען נאך דארט, אין מינכען.

— טא, וואס בלייבט איבער צו טון? ! —האט פאן קארלאס אויס־געשריגן מיט אומגעדולד.

— הער זיך צו —האט זיך גוסטאוו אנגערופן, נאך אביסל פאר־טראכטן זיך.— דער איינציקער פלאן איז, אז איך זאל אליין פארן און נאכשפיאנירן אים, און אים צווינגען צו „ארבעטן״!... איך וועל אבער מוזן דערגיין, צי די ארעסטן פון אונדזערע קאמעראדן איז זיין שטיקל ארבעט, אדער איז עס א דאנק דעם ייד גדליהו... און פארוואס ער „רע־אגירט״ נישט קעגן דעם כיטרען און געמיינעם יידליק! און אויב ער וועט נישט וועלן ארבעטן, אויב ער וועט ווידער פרואוון ארויסדרייען זיך פון זיינע פליכטן, — און אפשר האט ער זיך גאר פארקויפט צו דעם יידין־געזינדל אין פארטא אלעגרע — דאן וועט זיין: קאפוט מיט אים!... אויס פראנץ!...

פאן קארלאס איז געווען צופרידן פון דער אידעע פון זייער נייעם קאמעראד. זאל ער פארן —האט פאן קארלאס זיך געטראכט—, ער קען אים פערזענלעך און ער וועט שוין ווירקן אויף אים, אז ער זאל עפעס טון פאר זייער ליב פאטערלאנד...

די גאנצע וועלט איז דערווייל געווען פארנומען מיט דער בלוטי־קער אפענסיווע פון די נאצים אויף מאסקווע־סטאלינגראד. אלע צייטונ־גען, ראדיאס און אין אלע היימען האט מען נאר גערעדט און געפרואווט טרעפן די רעזולטאטן פון דער בלוטיקסטער אפענסיווע אין דער וועלט־געשיכטע פון מילחמות.

אויך איזידאר איז אהיימגעקומען צו זיך אין שטוב אריין א פאר־

טראכטער. דעם גאנצן וועג אהיים האט ער געהאלטן אין איין קלערן וועגן דעם שרעקלעכן חורבן וואס „זיינע" דייטשן מאכן איצט אן אויף דער וועלט... אריינקומענדיק אין שטוב אריין, האט ער אויך געטראפן זיין סוזין מיט בעטין זיצן פארטראכטע. איזידאר האט אפילו זיי נישט געוואלט פרעגן וועגן וואס זיי טראכטן. ער האט גוט געוואוסט, אז היינט איז פאראן וועגן וואס צו טראכטן. טראכט דאך איצט די גאנצע וועלט: וועלן זיי אריין קיין סטאלינגראד, צי נישט?... דאך האט ער זיך גלייך אפגעשטעלט לעבן סוזין און געפרעגט:

— וואס ביזטו אזוי פארטראכט, סוזי?

— האסט שוין געזען דעם היינטיקן זשורנאל? —האט זי סתם אזוי געפרעגט, ווי וועלנדיק פארגעסן אין דער געשיכטע מיטן רענצל.

— שלעכט, סוזי, —האט איזידאר קרעכצנדיק געענטפערט.— מיר האבן געהאפט צו קאנען פארבלייבן צייטווייליק אין בראזיל, און כדי נישט איבערצורייסן מיט דער אלטער היים, האב איך געפאלגט פראנצן און מיטגעהאלפן צום האנדל און געשעפטס־פארבינדונגען וואס ער האט געשלאסן מיט דייטשישע אינדוסטריאלן און קאמערציאנטן. מיר האבן כסדר אימפארטירט פון דארטן פארשידענע סחורות און רוישטאפן. אבער זינט דייטשלאנד איז אריין אין קריג מיט גאנץ אייראפע, איז שוין שווער פון דארטן צו באקומען אונדזערע באשטעלונגען. דאס וואלט אבער נאך נישט געווען דאס גרעסטע אומגליק! עס איז אבער נאך ערגער, וואס מיר האבן פארלוירן אונדזער האפענונג אומצוקערן זיך צוריק אהיים!...

איזידאר איז געבליבן אביסל דערשעפט פון זיינע לעצטע ווערטער. נאך קיינמאל האט ער זיך אזוי נישט פארטרויעט צו זיין פרוי אין טאכטער וועגן די געשעפטן. ער האט שטענדיק געהאלטן, אז א פרוי, וואס ווייניקער זי ווייסט פון געשעפטן — אלץ געזינטער איז פארן מאן... דאס מאל האט ער אבער נישט געקאנט ביישטיין דעם ניסיון פון שווייגן, ווען דאס הארץ איז אזוי פול און פאר וועמען זיך אראפצורייד̈ן איז נישטא...

סוזי און בעטי האבן זיך מיט אינטערעס צוגעהערט צו איזידארס ווערטער. עס איז פאר זיי געווען גאנץ ניי די גאנצע געשיכטע פון זייער האנדל. בעטי האט נאך עפעס געוואוסט פון איר מאן, אבער סוזי האט גארנישט געוואוסט און ס'האט איר אויך גארנישט פאראינטערעסירט.

נאָך די איצטיקע ווערטער פון איזידאָרן האָבן זיך בײדע פרויען פאַר־טראַכט, אָבער ווי פאַרשידנאַרטיק איז געווען זײער פאַרטראַכטן זיך...
אין סוזיס אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן, כאָטש זינט זי איז אָנגעקומען קײן בראַזיל, איז איר נישט אויסגעקומען צו װײנען. זי איז זיכער גע־װען, אַז זי האָט שוין אויסגעוויינט אַלע אירע טרערן אין דער אַלטער היים... איצט זענען אירע אויגן ווידער פײַכט געוואָרן... זי האָט אינערלעך באַדויערט וואָס איר אַלטע היימאַט האָט זיך אַזוי ווײַט אָפּ־גערוקט פון איר... אַזוי ווײַט, אַז זי וועט שוין קײנמאָל נישט קאָנען דערגרײכן... סוזי האָט נישט געבענקט מער נאָך איר געבורטס־לאַנד, זי האָט שטענדיק גוט געדענקט אין איר „נאַקעטער שאַנדע״, וואָס זי האָט געליטן... זי האָט אָבער אויך גוט געדענקט אין איר אַלטן פאַ־טער, ווען זי וואָלט נאָך געוואָלט האָבן די מעגלעכקײט צו זען... זי וואָלט נאָך געוואָלט פאַרגיסן אירע לעצטע טרערן אויפן קבר פון איר יונגער מוטער, וועמען זי האָט קײנמאָל נישט געקענט... און אַט די דאָזיקע האָפענונגען האָט זי שוין איצט נישט מער...

אַנדערש איז געווען בעטיס טראַכטן. אויף איר פּנים האָט זיך גאָר באַוויזן אַ לײַכטער שמייכל, און אינערלעך האָט זי אַליין גערעדט צו זיך: ווי גוט איז צו זײַן אין דעם אײביק בליענדיקן לאַנד... ווי זיס איז דאָס געניסן פון זײַנע בלויע הימלען און שטענדיקן פרילינג. צו וואָס דאַרף מען די אַלטע היימאַט?!... וועמען האָט זי דאָרטן און וואָס האָט זי דאָרטן געלאָזט!... און ווען אפילו אַט די גאַנצע היימאַט זאָל אַוועק אין פלאַמען און זי זאָל אָפּגעווישט ווערן פון דער וועלט־מאַפּע, וואָלט עס איר גאָרנישט אָנגעגאַנגען!... זי וואָלט נאָר געוואָלט, אַז אויך פראַנץ זאָל האָבן דעם זעלבן געדאַנק וואָס זי האָט. בעטי האָט דערבײַ גאָרנישט געפילט, ווי פון איר מויל האָט זיך אַרויסגעגליטשט די פראַגע:

— און וואָס זאָגט פראַנץ?

— פראַנץ? —האָט איזידאָר איבערגעפרעגט, פונקט ווי בעטיס ווערטער וואָלטן געווען געווענדעט צו אים.— פראַנץ האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעגעבן די האָפענונג וואָס אַלע דײַטשן: אַז דײַטשלאַנד וועט ווי אַמשנעלסטן געווינען די מלחמה, און מיר וועלן זיך אַלע אומקערן צוריק אַהײם...

סוזי האט אפגעווישט אירע טרערן און אויפהויבנדיק אירע אויגן צו איר מאן, האט זי, אין א שטילן און איינגעהאלטענעם טאן געזאגט:

— און וואס זאגסטו?

— איך ווייס אליין נישט. —האט איזידאר אין פארלעגנהייט געזאגט.— די לעצטע צייט האט זיך דער צוטרוי צו דייטשלאנד איינגאנצן געענדערט. דער מארד איבער אומשולדיקע קינדער... דאס אויפרייסן און דערטרינקען בראזיליאנישע שיפן... די טעטיקייט פון דער „פינפטער קאלומנע", וועלכע וויל צוגרייטן דאס לאנד צום חורבן... א נייעם סטאלינגראד וויל מען מאכן פון בראזיל...

— וואס וועט זיין? — האט סוזי אויסגעקרעכצט מיט טרערן אין די אויגן.

— פראנץ וועט זיכער באלד קומען, —האט בעטי געפרואווט באַרואיקן די געמיטער.— וועט מען דאן הערן זיין מיינונג.

סוזי האט גענומען ארויסגיין פון צימער, אבער שטייענדיק שוין אויף דער שוועל, האט זי צוגעוואונקען צו בעטין און געוואָרפן אירע בליקן אויפן רענצל. בעטי האט איר מיט די אויגן געגעבן צו פארשטיין, אז מען זאל דעם פאטער נישט דערציילן וועגן דעם רענצל, נאר וואַרטן דערמיט ביז פראנץ וועט קומען. בעטי האט אויך פארלאזט דאס צימער, איבערלאזנדיק איזידארן א פארטראכטן.

איזידאר איז איצט געבליבן אליין מיט זיך. ער האט זיך געוואלט אוועקזעצן אפרוען אביסל. אבער עפעס אן אינערלעכע מורא האט אים באהערשט. ער האט געהאט א געפיל, גלייך ווי עפעס א טמא זאך געפינט זיך אין זיין נאענטקייט. ער האט זיך אין ערשטן מאמענט אליין אויסגעלאכט דערפון. עפעס א נארישער געדאנק! —האט ער צו זיך אליין גערעדט. ער האט פארט אבער זיך נישט געקאנט אוועקזעצן אין דעם צימער. ער האט ארויסגענומען א בוך און געוואלט דערמיט אריינגיין אין אנדערן צימער. ער איז שטיין געבליבן און אן אינערלעכער קרעכץ האט זיך ארויסגעריסן פון זיין הארץ. א שטיק פון זיין לעבן איז פארבייגעפלויגן פאר זיינע אויגן. ער האט זיך דערמאנט אין די ידיעות וואס ער האט היינט געהערט אין גאס, אז די יידן אין פוילן ווערן פארניכטעט... אויסגעמארדעט... אז זיי פאלן אונטער דער בייטש פון די דייטשישע מערדער... אז זיי פרואוון זיך שוין קעגנשטעלן אין

די געטאָס, אָבער דער מערדער איז פיל שטאַרקער... אַ קרעכץ פון אַ ליידנדיקן און מיטפילנדיקן ייד רייסט זיך אַרויס פון זיין צעווייטיקט האַרץ... אַן עכטער יידישער קרעכץ... פונקט ווי אַמאָל אין שטיבל אויף די נאָלעווקעס... ווי אַמאָל בעת נעילה... אַן אינערלעכער געבעט רייסט זיך דורך דורך די ציין און אַ פאַרשטיקטער וויי־געשריי פון דער טיפקייט: היום יפנה... די ליכט איז פאַרשוואונדן... אַ פינצטערניש באַהערש איצט די וועלט... אַ טיף־רעליגיעזער ציטער גייט אים אַדורך איבערן לייב, און מיט ווייטיק האָט ער אַרויסגעשריגן פון זיך:

— רבונו־של־עולם! עד מתי?... עד מתי?...

קאפיטל 10

אין שפּיאָנאַזש־געוועב...

פראַנץ האָט געהאַט אויסצושטיין אַ ביטערן אָנגריף פון דעם אָנפירער פון דייטשישן געהיימען דינסט אין פּאָרטאָ אַלעגרער קרייז, דער הער אָקסמאַן. אויף דער דרינגענדיקער באַראַטונג פון שבת פּארמיטיק, האָט פראַנץ געהאַט אויסצושטיין שווערע באַשולדיקונגען פון די עטלעכע קאַמעראַדן וואָס זענען נאָך געבליבן ביי דער אַרבעט. דער שעף אָקסמאַן האָט געציטערט פאַר כעס און געהאַלטן אין איין שרייען:

— מען האָט דאָך אונדז צוגענומען אַלע מענטשן! אונדזער גאַנצע אַרבעט גייט דאָך פאַרלוירן!... מיר האָבן דערלאָזט, אַז עפּעס אַ יידליק, אַ „געדראַליאַ״, זאָל אומזיסט שענקען זיין שפּיאָנאַזש־אַרבעט דער רעגירונג; און די בראַזיליאַנער רעגירונג האָט געשענקט צוטרוי אָט דעם דאָזיקן ביטערן יידליק, און זי האָט כמעט אַלע אונדזערע מיטאַרבעטער אַרויסגעשיקט אויפן „בלומען־אינדזל״!... ביי וועמען בלייבן מיר איצט? ווער וועט אונדז איצט העלפן פירן אונדזער אַזוי נויטיקע און וויכטיקע אַרבעט פאַר אונדזער לאַנד און „פירער״?...

פראַנץ האָט געפילט אויף זיך די שטעכעדיקע בליקן פונעם הער אָקסמאַן, און ער האָט פאַרשטאַנען צו וועמען די ווערטער זענען געווענדעט. כדי אָבער אָפּצוואַרפן פון זיך דעם חשד, האָט ער גאָר געפּרוּווט אָנגרייפן די האַרבע טאַקטיק פון זיין לאַנד קעגן בראַזיל:

— מען האָט צופיל באַשטראָפט בראַזיל פאַר איר נייטראַליטעט!

—האָט פראַנץ אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג.— מען האָט צופיל אויפגערעגט דאָס בראַזיליאַנער פאָלק! מ'האָט נישט געטאָרט דערטרינקען אַזוי פיל שיפן! געגוג איז געווען איין שיף, צוויי שיפן! נאָר צו ווייזן, אַז אונדזער „פירער״ קאָן אויך אויסשטרעקן זיינע הענט צום וויטן דרום. האָט מען אָבער אויפגעריסן זעקס שיפן, מ'האָט אומגעבראַכט טויזנטער

אומשולדיקע מענטשן, האָט עס טאַקע אָנגערירט די טיפסטע געפילן פֿו־
נעם פאָלק! האָט עס טאַקע געצוואונגען דער רעגירונג אויסצוגעפינען
די יעניקע, וועלכע זענען די פאַקטישע שולדיקע אינעם חורבן... דער
רעזולטאַט איז געווען אַ גלענצנדיקער פאַר דער רעגירונג און פאַר אונדז
— אַ שרעקלעכער חורבן...

— און וואָס קלערסטו איצט צו טון, כדי נקמה צו נעמען פאַר דעם
שרעקלעכן פאַרלוסט אונדזערן? — האָט פאַרשנדיק געפרעגט דער הער
אַקסמאַן.

פראַנץ האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט גוט באַמערקט צו וועמען דער
הער אַקסמאַן שפּיזט זיינע בליקן. ער האָט געפילט אויף זיך די היפּנאָ־
טיזירנדיקע קראַפט פון דעם „שעף". ער האָט געפילט, ווי דער שעף
וויל מיט זיינע בליציקע בליקן דערגיין פון פראַנצן, צי ס'איז אמת דער
חשד וואָס דער „ספּעציעלער געהיימער שליח" האָט אים איבערגעגעבן
פאַר דער דאַזיקער באַראַטונג. איצט, איז אָבער דער געהיימער שליח
נישט געווען. ער האָט זיך געגרייט צו אַ ספּעציעלן וויזיט צו פראַנצן
אין זיין וואוינונג. זיין באַגאַזש —דאָס רענצל— האָט ער אים שוין צו־
געשיקט מיטן אינזשעניער... און איצט, ווען אַקסמאַן האָט געפּרוּווט
דערגיין ביי פראַנצן דעם סוד און די סיבות פון דעם ביטערן דורכפאַל
פון זייערע מיטאַרבעטער, האָט פראַנץ דערווייל געפּלאַנט נייע פּלענער,
ווי אַזוי ווייטער צו פאַרשלעפּן די אַרבעט. פראַנץ האָט זיך גוט אַריינ־
געטראַכט אין דער איצטיקער סיטואַציע פון דייטשלאַנד. ער האָט גוט
געוואוסט, אַז אין דער גאַנצער וועלט איז זי אַרומגערינגלט מיט שונאים.
אַפילו די ביז איצט נאָך נייטראַלע לענדער — אויב זיי וועלן אַריינטרעטן
אין דער מלחמה—, וועט עס זיכער זיין קעגן דייטשלאַנד, און וועלן זיי
עס נישט טון, פאַרבלייבן זיי סיי־ווי פּאָליטישע קעגנער פון זיין לאַנד.
דעם בעסטן באַווייז פאַר דעם, זעט ער טאַקע אין בראַזיל. ער פילט
שוין איצט די באַציאונג פון דעם לאַנד און פון פאָלק צו די בלוטיקע
טאַטן און מערדערישע אַקציעס פון די נאַציס. פראַנץ האָט זיך ענדלעך
אָנגעכאַפּט אין אַ גלענצנדיקן איינפאַל. ער האָט זיך אויפגעשטעלט פו־
נעם בענקל, צוגעגאַנגען צום הער אַקסמאַן און מיט אַ געמאַכטן צער און
ווייטיק קוים אַרויסגערעדט:

— וואָס בלייבט אונדז איבער צו טון? מען האָט אונדז צוגענומען

כמעט אַלע מיטהעלפּער, כמעט פופציק קאַמעראַדן זענען פון אונדז אַוועק־גערירסן געוואָרן... מיט וועמען קאָן מען איצט אַרבעטן? קיין נייע מענטשן קאָנען איצט נישט קומען. פון די בראַזיליאַנער איז איצט אויך שווער צו ווערבירן מיטהעלפערס פאַר אונדזער אַרבעט... זיי זענען אויפגערעגט צוליבן טויט פון די אומשולדיקע קרבנות פון די זעקס אויפ־געריסענע שיפן.

— זאָל מען אינגאַנצן אָפּשטעלן אונדזער אַרבעט!? — האָט אָקס־מאַן מיט כעס אויסגעשריגן.

— מיר מוזן אָפּווענדן בראַזילס שטראָף אויף אונדזערע איבעריקע קאַמעראַדן וואָס זענען נאָך פאַרבליבן, —האָט פראַנץ שטיל געזאָגט.— זאָלן זיך דערווייל די געמיטער פון די בראַזיליאַנער באַרואיקן, דאַן וועט מען זיך נעמען מיט מער אינטענסיוויטעט. און מיר וועלן זיך דערנאָך אָפּנעמען פאַר דער „פרייער צייט" וואָס מיר מוזן זיך איצט אַליין נעמען.

אָקסמאַן האָט שוין איצט איינגעזען, אַז דער חשד פונעם „ספּעציעלן שליח" איז טאַקע אַ באַרעכטיקטער. איצט איז אים געבליבן דער לעצ־טער פּרואוו: ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ פאַרחתמעטן בריוו און דערלאַנגט פראַנצן, און שטעכנדיק אים כסדר מיט זיינע אויגן, האָט ער לאַנגזאַם געזאָגט צו אים:

— דאָ האָסטו אַ ספּעציעלן בריוו פאַר דיר. נעם אים מיט אַהיים, צוזאַמען מיט די ביכער פון דער „קאַזאַ", לייען אים דורך ווען קיינער איז נישטאָ אין שטוב.

פראַנצן איז געווען אויפפאַלנד: וואָס עפּעס אַ בריוו אין מיטן דער־רינען? פראַנץ האָט גאַנץ גוט געקענט די אַרבעט פון דער גאַנצער גרופּע און אַלע מיטאַרבעטער. ווען ס'איז עפּעס געווען צו באַהאַנדלען, איז עס דורך אַלעמען אַרומגערעדט געוואָרן, און צוזאַמען האָט מען אָנ־גענומען באַשלוסן; און דאָ, עפּעס פּלוצים, אַ בריוו... ער האָט לאַנג־זאַם אויסגעשטרעקט זיין האַנט, גענומען דעם בריוו און אַ רואיקער אים אַריינגעלייגט אין זיין בוזים־טאַש. פראַנץ האָט נאָך געוואָלט עפּעס פרעגן, נאָר דער הער אָקסמאַן האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעצויגן זיין האַנט און אויסגעשריגן: הייל! — דאָס איז געווען אַ צייכן, אַז פראַנץ דאַרף אויך טון דאָס זעלבע. פראַנץ האָט דאַן גענומען די ביכער, זיך אָפּגעזעגנט מיטן „הייל!", און איז אַוועק אַהיים.

פראַנץ איז אַרויף אויפן טראַמוויי, און שטופנדיק און שטויסנדיק זיך צווישן די איבעריקע פּאַסאַזשירן אין דעם פול געפּאַקטן טראַמוויי־וואַגאָן „פלאָרעסטאַ”, האָט ער געפילט ווי עפּעס אַ שטיק פייער ברענט אים אין בוזים־טאַש. ער וואָלט גערן אַרויסגעצויגן דעם בריוו פון טאַש, אויפגעריסן דעם קאָנווערט און געזען די „שרעקלעכע סודות” וואָס געפינען זיך דאָרטן. ער האָט זיך אָבער געכאַפּט, אַז אין וואַגאָן קאָן עס זיין געפערלעך, — כאָטש ער טראָגט אין דער קלאַפּע פון זיין רעקל דעם „וועי”־צייכן, ווי כמעט אַלע פּאַסאַזשירן און אַלע מענטשן טראָגן איצט— דער סימבאָלישער צייכן פון דער „וויקטאָריאַ” וואָס מוז קומען—, אָבער אַ זייטיק אויג קאָן וואַרפן אַ בליק, און עס קאָן זיין געפערלעך פאַר אים. ער האָט שוין מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז דער טראַמוויי זאָל זיך אָפּשטעלן ביי דער עסקינאַ” פּעלאָטאַס, כדי ער זאָל שוין וואָס שנעלער זיין אין דער היים, און קאָנען איינשלינגען די אותיות פון דעם געהיימען בריוו וואָס איז איצט אין זיין בוזים־טאַש. ווי אויף צו להכעיס, האָט זיך דער טראַמוויי איצט געשלעפּט און געשלעפּט און אַלע מאָל זיך אָפּגעשטעלט צוליבן אויספעלן פון עלעקטרישער קראַפט. פראַנץ האָט פאַרגליכן דעם איצטיקן מאָמענט מיט זיין אייגענער לאַגע. אויך ער האָט געפילט ווי עס פאַרפעלט אים כוח צו קאָנען זיין שטאַרק און דויערהאַפט, און צו קאָנען ווייטער אויסהאַלטן, כדי נישט אַריינגעשלעפּט צו ווערן אין דעם שרעקלעכן שפּיאָנאַזש־געוועב וואָס מ'האָט פאַרלייגט פאַר אים... יאָ! פאַרלייגט פאַר אים נאָך אין דער אַלטער היים, נאָך אין מינכען, און דער פאַרשאָלטענער שפּיאָנאַזש־געוועב ציט זיך... ציט זיך ביזן ווייטן זיד־בראַזיל... און מען האַלט אים נאָך איין אַריינשפּינען און אַריינוועבן אין דער ביטערער נעץ... וועט ער האָבן גענוג כוח זיך קעגנצושטעלן? וועט ער האָבן גענוג כוח דאָס אַריבערצוטראָגן?

פראַנץ ווערט שרעקלעך אויפגערעגט. ער האָט שוין נישט קיין געדולד צו שטיין אינעם געפּאַקטן טראַמוויי און וואַרטן אויף „קראַפט”. ער שפּרינגט אַראָפּ פון וואַגאָן מיטן פּעקל ביכער פון דער „קאַזאַ” און מיטן ברייענדיקן בריוו אין טאַש — לאָזט ער זיך צו־פוס צו זיין היים.

קאפיטל 11

שפיאָן!...

פראַנץ איז צופרידן געווען, וואָס ביים אַהיימקומען, איז דער פּראָפעסאָר מיט זיין סוזין, און אויך זיין פרוי בעטי, געווען אויף שפּאַציר אויף דער נאָענטער „פּראַסאַ" (גאַרטן-פּלאַץ) כאַפּן אַביסל לופט. דאָס איז שוין געווען זייער אַרבעט יעדן שבת. ווען פראַנץ איז געקומען אין שטוב אריין כדי צו ברענגען אין אָרדענונג די ביכער פון געשעפט, כדי אים נישט צו שטערן, גייען זיי אויף אַ שפּאַציר. אויך האַנס איז נישט געווען אין שטוב און ביים אריינקומען אין זיין היים האָט פראַנץ בלויז אָנגעטראָפן דאָס שטובן-מיידל מאַריאַ, צוראַמען דאָס צימער.

פראַנץ האָט שוין גערן געוואָלט, אַז אויך מאַריאַ זאָל פאַרלאָזן דאָס צימער. ער האָט אָבער באַמערקט ווי זי גרייט זיך עפּעס צו ריידן צו אים. פראַנץ האָט דאַן אַרויסגעלייגט די ביכער פון האַנט, און גלאַט אַזוי אַ פרעג געטון:

— מאַריאַ, איז דאָ קיינער נישט געווען?

— סי סעניאָר! (יאָ, הער) —האָט מאַריאַ געענטפערט.— דער סעניאָר מאַקס, דער אינזשעניער פון דער וואַסערלייטונג, אָט דער, מיט די קליינע וואָנסעלעך.

— נאָך וואָס איז ער געווען? —האָט פראַנץ זיך געפרעגט, מער פון געוואוינהייט ווי פון נייגעריקייט.

— ער האָט זיך געפרעגט אויפן סעניאָר! —האָט מאַריאַ מיט אַ געהיימנישפולער שטימע געענטפערט.

— אויף מיר? —האָט שוין פראַנץ געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג און אינטערעס.

— סי סעניאָר! —האָט מאַריאַ ווידער געזאָגט.— ער האָט עפּעס איבערגעלאָזט פאַר...

— פאר מיר? — האט שוין פראנץ נישט באוויזן צו ווארטן ביז מאריא וועט אינגאנצן ענדיקן אירע רייד.

— סי סעניאר! פארן סעניאר פראנץ! — האט מאריא רואיק געענטפערט.

מאריא איז דאן צוגעגאנגען צום ווינקל, ארויסגעשלעפט דאס רענצל און עס צוגעטראגן צו פראנצן.

— אט דאס רענצל האט דער אינזשעניער מאקס געברענגט, —האט מאריא ווידער געזאגט.— ער האט מיר אנגעזאגט, אז איך זאל עס איבערגעבן דעם סעניאר פראנץ.

— זייער גוט! — האט פראנץ געווארפן זיינע בליקן אויפן רענצל און גערעדט צו מאריאן.— קאנסט שוין גיין, מאריא. איך דארף צו־גרייטן די ביכער. איך וויל נישט אז מען זאל מיר דא שטערן.

די „נייע מתנה" —דאס רענצל—, האט אפגעצויגן ביי פראנצן דעם אינטערעס צום בריוו. ער האט שוין געהאט אינגאנצן פארגעסן אין אים. מיט נערוועאישער שנעלקייט האט ער א כאפ געטון דאס רענצל, כדי עס צו עפענען און זען וואס פארא מתנות מען האט אים געשיקט... ער האט אבער געטראפן דאס רענצל פארשלאסן. ער האט עס אוועקגע־שטעלט אונטערן שרייב־טיש און פונדערווייטנס האט ער זיך אוועקגע־זעצט עס באטראכטן. ער האט לאנג געקוקט דערויף, און צו זיך אליין גערעדט:

— ווידער א שרעקלעכער סוד!... וואס קאן זיין דערינען? אפ־שר... אפשר... — האט ער אלץ געפרואווט טרעפן און נישט גע־קאנט בשום אופן דערגיין וואס דארט קאן זיין; און אפשר —האט ער זיך פלוצלינג געכאפט— אפשר א מתנה פון דער „געסטאפא"... — זיי זענען הייגט נישט געווען צופרידן פון מיר... נו, ווילן זיי מיך מכבד זיין מיט א... זייגער־באמבע... איז טאקע גוט וואס קיינער איז נישטא אין הויז. זאל עס כאטש טרעפן מיך אליין... וואס איז מיין ווייב און איר פאמיליע שולדיק אין דעם וואס כ'האב אמאל צוגעזאגט! יא!... איך האב צוגעזאגט און וויל ניטש מקיים זיין... זאל עס טאקע מיך אליין טרעפן, איך בין עס ווערט! איך האב קיין ווארט נישט געוואלט האלטן!...

פראנץ איז שוין מער ווי זיכער, אז זיין דיאגנאז איז א ריכטיקער.

ער וויל באַטש, אַז ווען ער וועט פאַלן, זאָל ער באַטש מיט עפּעס נוצן ברענגען דעם לאַנד וואו ער פאַרברענגט איצט זיינע לעצטע יאָרן, צוזאַמען מיט זיין ווייב און עלטערן. יאָ, ער איז טאַקע אַ דייטש! אַ ריינער אַריער... אָבער זיין געצוואונגענער איבערגאַנג צום יידנטום, זיין קומען אין קאָנטאַקט מיט יידן, האָט אים אינגאַנצן געענדערט... ער וויל באַטש מיט זיין טויט —וועלכער וועט זיכער באַלד קומען— אויפדעקן דעם גאַנצן דייטשישן שפּיאָנאַזש־סיסטעם אין לאַנד. יאָ, —האָט ער זיך געכאַפּט—, ער וועט אָנשרייבן אַ בריוו און אים אַרויסוואַרפן דורכן פענצטער, און ער אַליין וועט זיצן און וואַרטן אויף דעם וואָס ס'וועט און דאַרף קומען. וויל קיין אַנטלויפן פון זיי העלפט סיי־ווי נישט! זיי וועלן אים אומעטום כאַפּן. אויב זיי האָבן שוין באַשלאָסן צו פאַרענדיקן מיט אים. נו, איז דאָך שוין גלייכער דאָ, ביי זיך אין שטוב, ווען ס'איז קיינער נישטאָ, און אַזוי אַרום וועט ער באַטש אָפּראַטעווען זיין פאַמיליע פון די נאַציסטישע אומאַנגענעמלעכקייטן...

פראַנץ גייט צו צום שרייב־טיש, ער נעמט אַרויס פון דאָרטן אַ בריוובויגן און וויל זיך נעמען שרייבן זיין לעצטן בריוו. אָבער אין דעם מאָמענט פון אָנהויבן שרייבן, דערמאָנט ער זיך עפּעס אין אַ בריוו. יאָ, עפּעס אויך אַ בריוו... וועלכן בריוו? אַהאַ! ער האָט זיך דערמאָנט פונעם בריוו וואָס ליגט אין זיין בוזים־טאַש, באַטש דער איצטיקער מאָמענט איז שוין נישט פּאַסיק פאַר „יענעם בריוו". ער האָט שוין פאַרלוירן זיין חשיבות... אַז דאָס פייער וואָס האָט פריער געברענט, איז שוין פאַרלאָשן געוואָרן... דאָך נעמט ער לאַנגזאַם אַרויס דעם בריוו, עפנט אויף דעם קאָנווערט, און מיט קאַלטער גלייכגילטיקייט הייבט ער אָן לייענען:

„געענאָסע פראַנץ. הייל מיצלער! אַרויסגעשיקט צו דיר דעם געענאָסע גוסטאַוו. שטיי מיט אים אין פאַרבינדונג. אייער בסדרדיקער קאָנטאַקט, איז אומבאַדינגט נייטיק. שוין צוגעשיקט צו דיר אַ ראַדיאָ־טראַנסמיסאָר. אָרדן אים איין ביי דיר אין צימער. דיין ראַדיאָ־פּאַראָל איז: „אונטערן צייכן פון דער „ווע", בראַזיל. אַלץ פאַרן זיג! הייל מיצלער"!

פראַנץ האָט נאָכאַמאָל איבערגעלייענט דעם בריוו און געוואָרפן זיינע בליקן אויפן רענצל. זאָל עס זיין דאָס? —האָט פראַנץ צו זיך אַליין

געבעדט.— ער האָט שוין געוואָלט אראָפּבייגן זיך און גוט באַטראַכטן דאָס רענצל. אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך די טיר געעפנט און האַנס איז אַריין אַן אויפגערעגטער, מיט אַ צייטונג אין האַנט. פראַנץ האָט שנעל פאַרשטופּט דעם בריוו אין קעשענע, און זיך געמאַכט ווי ער וואָלט געווען פאַרנומען צוצוגרייטן די ביכער. האַנס האָט אַ שליידער געטון די צייטונג אויפן טיש, און מיט כעס האָט ער געזאָגט צו פראַנצן:

— האָסט שוין געלייענט די צייטונג? ווידער אַ געמיינער פאַר־ברעכן פון די דייטשן! די בלוטיקע באַרבאַרן האָבן ווידער אונטערגע־טונקען צוויי בראַזיליאַנער שיפן אין די בראַזיליאַנער וואַסערן! געמיין! נידעריק!... אומברענגען פרידלעכע בירגער!... זאָג מיר כאָטש: קאָן מען איצט ווייטער האַנדלען מיט דעם בלוטיקן לאַנד? צי קאָנען מיר זייערע סחורות פאַרקויפן, אין דעם לאַנד וואו זיי מאָרדן אויס די בירגער?!... אונדזער בראַזיליאַנער געלט זאָלן מיר שיקן אין זייערע בלוטיקע לאַפּעס אַריין?!... וואָס שווייגסטו, פראַנץ?—האָט האַנס אויסגעשריגן צו אים, גלויבנדיק אַז אויך ער וועט אַרויסווייזן זיין ליידנ־דיק געפיל צו דער טראַגעדיע.— דו ווילסט נישט ענטפערן! עס איז דיין לאַנד! דיין אַריש בלוט!...

פראַנץ האָט געפילט, אַז נישט קיין ווערטער גייען איצט אַרויס פון זייער שוואַגערס מויל, נאָר פייערדיקע שפּילקעס שיטן זיך אויף אים, וועלכע שטעכן... שטעכן... און הערן גאָרנישט אויף... ער שטייט האַסטיק אויף פון זיין בענקל, ער גייט צו צו האַנסן און מיט כעס און ווייטיק, שרייט ער אויס צו אים:

— גענוג!... גענוג האַנס!... דו האָסט נאָך אַלץ נישט קיין צוטרוי צו מיר... האַנס. מיר זענען קאָלעגן פון קינדוויים אָן. שטענדיק זענען מיר צוזאַמען. אין איין שטוב, אין איין שולע, אין איין אוניווער־סיטעט, פון איין לאַנד. אַפילו אין בראַזיל זענען מיר ביידע צוזאַמען. איך בין געוואָרן אַ ייד...

— נישט צוליב אונדז!—האָט אים האַנס האַסטיק איבערגעריסן,— צוליב דיין געסטאַפּאָ!...

— האַנס! האַנס!—האָט זיך פראַנץ גענומען בעטן ביי אים,— רעד נישט! רעד נישט! דערמאָן מיך נישט פון אַמאָל! איך וויל אין אַלעם פאַרגעסן...

— פארגעסן, הא? —האט האנס, איראניש א פרעג געטון,— נו, און דיין צוזאג?

— מיין צוזאג... מיין צוזאג!... —האט פראנץ ווייטיקלעך ווי ארויסגעוויינט פון זיך.— מען פייניקט מיך... מען צווינגט מיך... מען דראעט מיך!...

— ווער צווינגט דיך? —האט האנס אויסגעשריען,— ווער דראעט דיר?

— ווער?... ווער?... — האט פראנץ מיט ווייטיק געקרעכצט. עס איז קענטיק געווען אז ער האט נאך אלץ געוואלט באהאלטן אין זיך דעם סוד פון די לעצטע יארן. ער האט אבער געפילט, אז ווייטער טאר עס אזוי נישט גיין. ער מוז דערציילן. עס איז שוין צו שטארק דער חשד אויף אים... פון איין זייט איז מען אים חושד אז ער וויל גארנישט „טון"... פון דער אנדערער זייט — אז ער „טוט" צופיל... פון ביידע זייטן זענען אויסגעשטרעקט שארפע שפיזן צו אים... ער קאן איצט מער נישט שווייגן... ער האט ארונטערגעלאזט זיין קאפ און מיט ווייטיק —ווי א מערדער איז זיך מודה אין א שוידערלעכן פארברעכן— האט ער מיט מורא און גלייכצייטיק מיט זיכערקייט געענטפערט זיין שוואגער אויף זיין לעצטער פראגע:

— אונדזער רעפרעזענטאנטן-פירמע צווינגט מיך... דראעט מיר...

— טא זאג זיך אפ פון איר! —האט האנס מיט כעס געשריגן.

— איך קאן נישט! —האט פראנץ א צעווייטיקטער ארויסגע־רעדט.— איר אלע וועט דאן זיין אין געפאר.

— אנטלויף זשע פון זיי! — האט האנס מיט פייער גערעדט צום שוואגער. ער איז צוגעגאנגען נאענט צו אים און אים אנגענומען פאר די קלאפעס פון רעקל און טרייסלענדיק אים, האט ער כסדר געשריגן:

— אנטלויף פון זיי!... אנטלויף פון... — האנס איז אבער געבליבן שטיין אינמיטן ווארט און עס נישט געקאנט פארענדיקן. ער האט ווייטער נישט געקאנט רעדן. אונטער דער קלאפע פון פראנצס רעקל האבן זיינע פינגער אנגעטאפט דעם זילבערנעם האקנקרייץ. האנס האט זיך גענומען רוקן הינטער זיך. מיט צער און ווייטיק האט עס ארויסגעשריגן פון אים:

— לומפיקער שפיאן!... פון אויבן — דעם זיג-עמבלעם, — די

„ווע״ און פון אונטן — דעם האקנקרייץ... נאצישער שפיאן!... לומפ!...

— ניין! ניין! האנס! —האט פראנץ ווייטיקלעך אויסגעשריגן.— איך נישט... ניין... מער נישט... נאר ביז היינט... נא! נעם עס צו פון מיר —האט פראנץ ארויסגעריסן פון רעקל דעם האקנקרייץ און אים דערלאנגט האנסן,— ווארף עס ארויס!... איך דארף עס נישט מער!... איך וויל עס נישט מער!... האנס!... האנס, אט האסטו מיין ווארט! אט האסטו מיין האנט! מער נישט!... מער נישט!...

פראנץ האט געלאזט פאלן זיינע ווערטער ווי ער וואלט פון זיך שווערע שטיינער ארונטערגעווארפן. ער האט שוין לאנג געזוכט א גע־לעגנהייט פאר וועמען זיך מתוודה צו זיין, און אט האט ער דעם גינסטיקן מאמענט און די ריכטיקע פערזאן, — זיין אייגענעם שוואגער. האנס ווארפט אבער אפ די האנט פון פראנצן. עס עקלען אים זיינע ווערטער... לאנגזאם גייט האנס צו צו דער טיר און שטייענדיק שוין אויף דער שוועל, האט ער געווארפן צו אים א פאראכטלעכן בליק, און מיטן אויס־געשריי: שפיאן! — האט ער פארלאזט דאס צימער.

פראנץ פרואווט אים נאכלויפן, ער האלט אלץ אין שרייען: מער נישט! מיר נישט!... אבער זיינע ווערטער פאלן אין הוילן חלל אריין, און קיין שום אפקלאנג.

פראנץ פאלט אוועק אויפן שרייבטיש, טרייסלענדיק זיך פון אויפ־רעגונג. ער ווארפט זיך מיטן גאנצן קערפער גלייך ווי ער וואלט בא־קומען אן עפילעפטישע אטאקע. זיינע פיס שטויסן זיך אן אינעם רענצל. ער טוט עס א שטויס אוועק מיט די פיס. מיט נערוועזישע באוועגונגען שטייט ער אויף פון טיש, הייבט אויף דאס רענצל און מיט כעס שרייט ער דערצו:

— איך דארף דיך נישט!... איך וויל דיך נישט!... איך וועל דיך צעברעכן!... פארניכטן!... ארויסווארפן וועל איך דיך!... ער לויפט צו מיטן רענצל צו דער טיר, טוט זי א פראל אויף און וויל עס ארויסשליידערן אין גאס אריין. ער בלייבט אבער א דערשראקענער שטיין אין טיר. אויף דער שוועל באווייזט זיך הער גוסטאוו. ער טוט אן איראַ־נישן שמייכל צו פראנצן, וועלכער באהאלט דאס רענצל אונטער זיך, בדי דער „גאסט״ זאל נישט זען וואס ער האט געוואלט טון דערמיט.

הער גוסטאַוו וואַרט נישט, ביז פראַנץ וועט אים איינלאַדן צו זיך. ער גייט אַ דרייסטער אַריין אין צימער, גלייך ווי עס וואָלט געווען זיין היים. ער וואַרפט זיינע בליקן איבערן צימער. ער שטעלט זיך דאָן פּנים אל פּנים מיט פראַנצן, וועלכער שטייט נאָך אַלץ ביי דער טיר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. מאָמענטאַל האָט פראַנץ קיין וואָרט נישט געקאָנט אויסרעדן. ער האָט אים גלייך דערקענט — דער זעלבער קוריער פון מינכענער געסטאַפּאָ. ביסלעכווייז האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן און מיט אַ שטילער שטימע האָט ער קוים אַרויסגערעדט:

— קאַמעראַד, וואָס טוט איר דאָ?

די קאַלטע אויפנאַמע וואָס פראַנץ האָט אים געמאַכט, האָט גוסטאַוון אַרויסגעבראַנגט פון די כלים. ער טוט זיך אַ שטייף־אָפּ אין זיין גאַנצער גרויס און מיט זיין הונטישער שטימע האָט ער אַ בריל געטון:

— הייל מיצלער!

— הייל מיצלער! — האָט אים פראַנץ געענטפערט אין אַ שטילערן טאָן. פראַנץ האָט אַפילו געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ער שרייט אויך אַרויס די נאַצישע באַגריסונג מיטן גאַנצן האַרצן, און מיט זיין גאַנצן אידייאישן ווילן. ער האָט אויך געפּרואווט ווערן היימלעכער מיטן קאַמעראַד, און שטייענדיק אַזוי מיטן רענצל הינטער זיך, גיט ער אים אַזוי גוטברודעריש אַ פרעג:

— גוסטאַוו! ווי קומסטו דאָ אַהער?

פראַנץ בלייבט שטיין מיטן אָפענעם מויל, וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער פון גוסטאַוון. גוסטאַוו שטייט אָבער קאַלט און אָפּגעשטייפט. לאַנגזאַם לייגט ער צו די האַנט צו דער קלאַפּע, הייבט זי אונטער און פון אונטן באַווייזן זיך צוויי עמבלעמען, דער זילבערנער האַקנקרייץ און די זילבערנע „ווע". מער דאַרף ער שוין גאָרנישט זאָגן. פראַנץ ווייסט שוין אַלעס. פאַר פראַנצס אויגן פליען פאַרביי סצענעס פון יענעם מאָמענט ווען גוסטאַוו איז געקומען אים נעמען אין שפּיטאָל אַריין, כדי צו „ווערן" אַ ייד... עס פליען פאַרביי ווייטע סצענעס און בילדער פון יענעם מאָמענט ביז איצט, ווען דער זעלביקער גוסטאַוו איז ווידער געקומען צו אים, דערמאָנען אים זיינע „פליכטן"... אַ ביטערן האָס פילט איצט פראַנץ צו גוסטאַוון. ער באַטראַכט גוט זיינע זילבערנע עמבלעמען און מיט איראָניע און האָס, שלײדערט ער אַרויס פון זיך:

— אַ שפּיאָן, אונטערן צייכן פון דער „ווע"...

גוסטאַוו האָט גלייך דערפילט דעם שטאָך, ער האָט אָבער נישט געוואָלט גלייך רעאַגירן דערויף. ער האָט נאָר געגעבן אַ בייזן בליק אויף אים און גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען, האָט ער רואיק אַ פרעג געטון:

— האָסט געלייענט דעם בריוו פון שעף?

— געלייענט, — האָט פראַנץ קאַלט געענטפערט. גוסטאַוו האָט געשטאָכן די קאַלטקייט פון פראַנצן, ער האָט אָבער זיינע שפּיאָנישע בליקן נישט אַראָפּגענומען פון אים. ער האָט נאָך אַלץ געוואָלט מיט רואיקע מיטלען דערגיין די טאַקטיק פון זיין קאַמעראַד. ער האָט זיך ווידער אַרומגעקוקט איבערן צימער און נישט געפינענדיק דאָס וואָס ער האָט געזוכט, האָט ער מיטן זעלבן טאָן אַ פרעג געטון:

— האָסט דערהאַלטן דאָס רענצל?

פראַנץ האָט זיך באַלד געהאַט געכאַפּט נאָך וואָס גוסטאַוו איז געקומען. ער האָט שוין אָבער נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. ער האָט שוין געהאַט פעסט באַשלאָסן ביי זיך צוריקצוציען זיך פון דער גאַנצער באַנדע, און ווען גוסטאַוו האָט אים געשטעלט די פראַגע וועגן רענצל, האָט אויך פראַנץ דערויף געענטפערט מיט דער זעלבער קאַלטקייט:

— יאָ, דערהאַלטן.

גוסטאַוו איז שוין אָבער אַרויס פון די כלים. אַזאַ באַציאונג צו זיך פון אַן אַמאָליקן גענאָסע, אַ קאַמעראַד פון זעלבן „ברוינעם הויז", פון דער זעלבער מינכענער געסטאַפּאָ, האָט ער נישט דערוואַרט. גלייך ער וואָלט געווען אַ פרעמדער!... ער רעדט כמעט נישט צו אים! בעט אים אַפילו נישט זיצן!... גלייך ער וואָלט גאָרנישט געווען זיינער אַ חבר... נאָך מער! ער ענטפערט אים אַפילו קאַלט אויף אַלע זיינע פראַגן!... גוסטאַוו איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, גלייך ווי אַ ווילדער הונט וואָלט אים געביסן. זיין אַזוי אויך אָנגעפרעסן רויט פנים, איז נאָך מער אָנגעצונדן געוואָרן, זיין רויטער חזירישער קאָרק האָט אינגאַנצן געשוויצט. מיט סלינע אין זיין מויל האָט ער אויסגעשריגן:

— וואו האָסטו דאָס רענצל?

פראַנצן האָט גאָרנישט געאַרט גוסטאַווס צעהיצן זיך. ער איז געבליבן שטיין אַ רואיקער, גלייך ווי נישט אים מיינט מען: גוסטאַוו האָט

זיך שוין אינגאנצן צעקאכט, ער האט ארויסגעצויגן א רעוואלווער פון טאש און צילנדיק צו פראנצן, האט ער מיט ביטערניש אויסגעשריגן:

— שוין גיב אהער דאס רענצל!

פראנץ, אינגאנצן א קאלטער, גלייך ווי דאס שווארצע מויל פון רעוואלווער וואלט נישט געווען געצילט צו אים, האט לאנגזאם אפירגע־נומען דאס רענצל פון הינטער זיך, און דערלאנגענדיק עס גוסטאוון האט ער קאלט געזאגט צו אים:

— דא האסטו דאס רענצל.

— ניין! נישט מיר! —האט גוסטאוו אויסגעשריגן.— פון היינט אן איז עס דיינס. שטעל עס אוועק אויפן שרייבטיש!

פראנץ, אין זיין קאלטער באנעמונג, האט גארנישט געפילט וואס ער טוט. ער האט בלינד געגומען פאלגן וואס גוסטאוו האט אים נאר געהייסן, גלייך ווי ער וואלט געווען אונטער זיין היפנאז. ער האט רואיק אוועקגעשטעלט דאס רענצל אויפן שרייבטיש, און גענומען דעם שליסל, וואס גוסטאוו האט אים דערלאנגט און אנגעהויבן צו עפענען דאס רענצל.

גוסטאוו האט שוין געזען, אז זיין דראאונג הייבט אן צו געבן גוטע רעזולטאטן. ער האט אוועקגעלייגט דעם רעוואלווער אויפן טיש און גע־נומען געבן פראנצן פארשידענע אנווייזונגען:

— אט, אין יענער זייט טיש... רעכטס שטעל דאס רענצל... די דראט פון אינעווייניק, פאראייניק מיט דער דראט אונטער דיין שרייבטיש...

פראנץ האט געדולדיק געפאלגט יעדעסווארט. גוסטאוו איז גע־ווארן פרייליכער און גענומען פלאפלען:

— די דומע קערלען!... די בראזיליאנער... מען האט זיי גע־זאגט, אז מ'מוזט צורעכטמאכן די וואסערלייטונג, און מיר האבן איינגע־ארדנט אין קעלער א גאנצע ראדיא־סטאציע... ער האט זיך אבער גע־כאפט, אז ער קאן זיך נאך צופיל פארגאלאפירן, און ער איז צוריק גע־ווארן ערנסטער און גענומען רעדן אביסל שטילער: —פראנץ, פון היינט אן געפינט זיך דאס אלץ אין דיין רשות. דו ביסט פאראנטווארטלעך דערפאר. אלע אונדזערע באפעלן מוזטו אויספירן! געדענק דעם נא־מען פון דיין ראדיא־סטאציע: „אונטערן צייכן פון דער „ווע", בראזיל". אלזא! איצט הויב אן דיין ארבעט.

פראַנץ האָט זיך גענומען אַביסל אויסניכטערן. ער האָט אויפגע־הויבן זיינע אויגן צו גוסטאַוון, און ווי איינער וואָס שטייט ביי זיין מער־דער און בעט אים אַז ער זאָל אים שענקען זיין לעבן, אַזוי האָט זיך איצט פראַנץ געבעטן ביי גוסטאַוון:

— איך קאָן נישט... איך קאָן נישט...

— דו מוזט! — האָט גוסטאַוו אויסגעשריגן און געוואָרפן זיינע בליקן צום רעוואָלווער וואָס איז געלעגן אויפן טיש. — אָט האָסטו דרינ־גענדיקע מעלדונגען און שיק זיי גלייך איבער צו אונדזערע אור־שיפן.

פראַנץ האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען די אַנגעשריבענע פאַ־פירן פון גוסטאַוון און קוים וואָס זיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, האָט ער אין זיך אַריינגעלייענט:

„אַכטונג! אַכטונג! דייטשישע אונטערוואַסער־שיפן! הייל מיצלער! דאָ רעדט „אונטערן ציכן פון דער „ווע", בראַזיל". אַכטונג! אַכטונג! פינף בראַליזיאַנער שיפן פאַרלאָזן זייערע פּאָרטן. שטייט אויף דער וואַך! הייל מיצ־לער!".

פראַנץ איז געבליבן שטיין אינגאַנצן אַ פאַרשטייפטער. ער האָט לאַנגזאַם באַטראַכט גוסטאַוון. אַ קאַלטער ווינט איז אים דורכגעלאָפן אַלע אברים. ער האָט זיך צוגערוקט צו גוסטאַוון, די אַנגעשריבענע פאַ־פירן האָבן ביי אים געציטערט אין האַנט. מיט אַ געמאַכטער קאַלטקייט, — כאָטש אינערלעך האָט ביי אים געברענט אַ העליש פייער — האָט ער געפרעגט גוסטאַוון:

— גענאַסע. אָט דאָס אַלץ, ווילט איר, זאָל איך איבערגעבן דורך ראַדיאָ צו די דייטשישע אונטערוואַסער־שיפן? פון אַ יידישער שטוב, ווילט איר, זאָל אַרויסקומען דער רוף צו מאָרדן אומשולדיקע מענטשן? ניין! — האָט ער אַ געשריי געטון מיט זיין גאַנצן כוח און אַ וואָרף גע־טון די אַנגעשריבענע פאַפּירן גוסטאַוון גלייך אין פּרצוף אַריין; און איי־דער ער האָט באַוויזן זיך אומצוקוקן, איז פראַנץ אַרויסגעלאָפן דורך דער גאַסנטיר.

גוסטאַוו האָט אים געפרואווט נאָכלויפן, אָבער אין דעם מאָמענט

איז אויפֿן געשריי פֿון פֿראַנצן, אַריינגעלאָפֿן האַנס און געטראָפֿן גוסטאַוון ביי דער גאַסנטיר.

האַנס איז אין ערשטן מאָמענט געבליבן אַ דערשראָקענער, דערזע־ענדיק אַ פֿרעמדן אין צימער. ווען ער האָט אים אָבער גענומען באַ־טראַכטן, האָט ער גלייך דערקענט אין אים דעם „קוריער" פֿון מינכען. מיט כעס און פֿאַרוואונדערונג האָט האַנס אויסגעשריגן:

— איר... דאָ?...

— וואָס מאַכט איר עפּעס אין בראַזיל? —האָט גוסטאַוו מיט אַן איראָנישן שמייכל געפֿרעגט.

— און וואָס מאַכט איר אין בראַזיל?! —האָט האַנס אויסגעשריגן. — און ווער האָט אייך דערלויבט אַריינצוקומען אין אונדזער וואוינונג?! ווייניק האָט איר אונדז געפּלאָגט אין בלוטיקן נאַצי־לאַנד?! נאָך וואָס זענט איר נאָך געקומען אונדז פֿאַרפֿאָלגן אין דעם פֿרייען בראַזיל?!...

גוסטאַוו איז געשטאַנען ווי ביי זיך אין צימער. ער האָט געוואָרפֿן איראָנישע בליקן אויף האַנסן, און ווען האַנס האָט נאָך נישט באַוויזן צו ענדיקן זיינע ווערטער, האָט גוסטאַוו אין אַ סאַרקאַסטישן טאָן אַ זאָג גע־טון:

— אָר־פּאַ!... ווי שנעל איר האָט פֿאַרגעסן אייער פֿאַרשקלאַפֿונג אין אייער אַלטער היים... שרייט!... שרייט!... נאָר אַ קורצע צייט וועט איר האָבן צו שרייען... דאַן וועט איר, מיט אייער בראַזיל צוזאַמען, פֿאַרשקלאַפֿט ווערן צו אונדזער פֿאָטערלאַנד, צו אונדזער נאַצי־לאַנד... צו אונדזער „פֿירער"...

— לומפּ! — האָט האַנס אויסגעשריגן, און געזוכט עפּעס, מיט וואָס צו דערלאַנגען דעם „גאַסט". ער האָט גלייך באַמערקט אויפֿן טיש דעם רעוואָלווער. ער האָט אים שנעל אַ כאַפּ געטון און צילנדיק מיט אים צו גוסטאַוון, האָט ער מיט שטורעם אויסגעשריגן:

— דאָ, אין מיין נייער היים, וואַגט איר צו רעדן וועגן מיין פֿריי לאַנד? ארויס פֿון דאַנען!... אַרויס! —האָט ער געהאַלטן אין איין שרייען און דראָען מיטן רעוואָלווער.— שפּיאָן! לומפּ! מערדער! אַרויס!... אַרויס!...

גוסטאַוו, דערפֿילנדיק דעם אָנגעשטעלטן רעוואָלווער קעגן אים, איז אינגאַנצן געבליבן אָן לשון. ער האָט שוין געוואָלט אויסשטרעקן די

האַנט, כדי צו עפענען די טיר; אָבער די טיר האָט זיך פּלוצים געעפנט און איזידאָר, סוזי און בעטי זענען מיט שרעק אַריין אין שטוב. און דער־הערנדיק האַנס געשרייען, האָט סוזי מיט שרעק געפרעגט:

— האַנס! וואָס שרייסטו אַזוי?

— זאָל ער אַרויסגיין! —האָט האַנס נאָך שטאַרקער געשריגן, אָנ־ווייזנדיק אויף גוסטאַוון.— זאָל ער גיין!

ערשט איצט האָבן זיי באַמערקט דעם פרעמדן, קעגן וועמען האַנס האָט געצילט דעם רעוואָלווער. בעטי איז די ערשטע צוגעלאָפן צו האַנסן און מיט שרעק אים אַ פרעג געטון:

— וואו איז פראַנץ?

אויך איזידאָר, דערזעענדיק די אויסערגעוויינלעכע סצענע, האָט מיט שרעק און פאַרוואונדערונג געפרעגט:

— ווער איז דער יונגערמאַן?

האַנס איז געשטאַנען און געציטערט פאַר אויפרעגונג. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם רעוואָלווער אויפן טיש און מיט וויינטיק האָט ער גע־זאָגט:

— איר דערקענט נישט דעם געמיינעם לומפּ?

ערשט, נאָך אַ גענויער באַטראַכטונג, האָט סוזי דערקענט דעם „קור־ריער" פון מינכען. זי איז צוגעגאַנגען נאָענט צו אים און מיט איראָניע און גלייכציייטיק מיט האַס, האָט זי אים געפרעגט:

— וואָס טוט איר דאָ, הער נאַציסט?...

גוסטאַוו, דערזעענדיק אַז האַנס האָט אַוועקגעלייגט דעם רעוואָל־ווער,האָט פאַרלוירן זיין שרעקעוודיקייט. ער האָט לייכטער אָפּגעאָ־טעמט און שוין איינגאַנצן אַן אָפּגעקילטער פון שרעק, האָט ער רואיק גע־ענטפערט:

— איך בין געקומען מיט אַ וויזיט צו אייער איידעם.

— וואָס האָט איר צו מיין איידעם? —האָט שוין אויך איזידאָר זיך אַריינגעמישט.

— געשעפטס־פאַרבינדונגען... —האָט גוסטאַוו רואיק געענטפערט.

— קיין געשעפטס־פאַרבינדונגען מיט אייך! —האָט איזידאָר שטורמיש אויסגעשריגן.— איר ווילט ווייטער האָבן געשעפטס־פאַרבינ־דונגען מיט אַ לאַנד, וועמענס שיפן איר טונקט אונטער! וועמענס קינ־

דער איר דערמאָרדעט! ווּעמענס גוטס איר פאַרניכטעט, און וועמענס ערע איר באַרויבט און באַפלעקט!?...

גוסטאַוו איז געשטאַנען רואיק און געשמייכלט. עס האָט אים הנאה געטון אויף דער „אַרבעט" וואָס „זיין" רייך איז פּעאיק... ער האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיט זיין סאַרקאַסטישן שמייכל. און ווען איזידאָר האָט אויסגערעכנט די סעריע פאַרברעכנס קעגן בראַזיל, האָט גוסטאַוו מיט אַ ציניש שמייכל אַרויסגערעדט:

— עס איז נאָך גאָרנישט...

די גוטע און האַרציקע סוזי האָט עס שוין מער נישט געקאָנט פאַר־טראָגן. זי האָט זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות, אַז זי זאָל זיך נישט צעוויינען. זי איז נאָענטער צוגעגאַנגען צו גוסטאַוון, און אַ שפּיי טוענדיק אים אין זיין פּרצוף אַריין, האָט זי אַן אויפגערעגטע געזאָגט:

— מיט אייער חוצפה און מערדערישקייט זענט איר נאָך נאַקעטער ווי איך, בעת כ'בין אַרומגעשלעפּט געוואָרן דורך אייך איבער די גאַסן פון מינכען... זאָגט, הער מערדער! וואָס ווילט איר פון אונדז?

גוסטאַוון האָט זיך שוין צוגעגעסן די גאַנצע סצענע. ער וואָלט שוין לאַנג געהאַט פאַרלאָזט אָט דאָס דאָזיקע שמוציקע יידן־געזינדל. ער האָט אָבער מורא געהאַט, ווער ווייסט צי פּראַנץ וואַרט נישט אינדרויסן, הינטער דער טיר, און ווען ער זאָל איצט אַרויסגיין, קאָן ער אים מיט עפּעס „מכבד" זיין... ער איז טאַקע געשטאַנען און געקוקט אויף דער טיר, ווי וועלנדיק דערגיין, צי זיין חשד איז אַ באַגרינדעטער.

בעטי איז אַרומגעלאָפן איבער אַלע צימערן, און ווען זי האָט נישט געפונען איר מאַן, איז זי מיט כעס צוגעלאָפן צו גוסטאַוון און פול מיט ווייטיק, האָט זי אויסגעשריגן צו אים:

— וואו איז מיין מאַן? איר וועט קיין לעבעדיקער נישט אַרויס פון דאַנען, אויב איר וועט מיר נישט זאָגן וואו מיין מאַן געפינט זיך!...

— אייער מאַן, —האָט גוסטאַוו, שוין אין שרעק געזאָגט.— איז אַרויס אין גאַס. איך בין נישט דער שומר וואָס זאָל היטן פרעמדע מע־נער...

בעטי איז שנעל אַרויסגעלאָפן אין גאַס אַריין. און איזידאָר איז צו־געגאַנגען צו גוסטאַוון, און פול מיט כעס האָט ער אויסגעשריגן צו אים:

— אַזוי? איר היט נישט קיין פרעמדע מענער? טאַ צו וואָס

זענט איר געקומען קיין בראזיל? צו וואס האט איר אפגעהיט פראנצן, פונקט דאן ווען ער איז אליין אין שטוב? צו וואס זענט איר דא אהער געקומען?

איזידאר האט אים געוואלט שטעלן נאך פראגן, אבער בעטי מיט פראנצן זענען שטורמיש אריין אין צימער, און פראנץ האט אויסגעשריגן צו גוסטאוון:

— געגאסע! שוין זאלסטו פארלאזן דאס הויז! נאר שוין!

איזידאר, דערזעענדיק אז זיין איידעם נעמט זיך אזוי שטרענג צו גוסטאוון, האט געכאפט א בענקל און זיך פארמאסטן דערמיט קעגן גוס־טאוון. אויך האנס האט ווידער גענומען דעם רעוואלווער אין האנט אריין. אבער די אלע דראאונגען זענען שוין נישט נויטיק געווען, ווייל, ווי נאר גוסטאוו האט דערזען פראנצן אין צימער, האט ער אויסגענוצט די געשרייען און צעמישעניש ביי אלעמען, און ער איז שנעל פארשוואונדן דורך דער טיר, וועלכע בעטי מיט פראנצן האבן געלאזט אפן.

— ענדלעך איז ער ארויס! —האט דער ערשטער איבערגעריסן די שטילקייט דער ליידנדיקער און אנגעווייטיקטער איזידאר.— מיר טארן מער דא נישט בלייבן!— האט ער געקרעכצט אין זיך אריין.— מיר מוזן זיך ארויסרייסן פון דאנען... ארויסרייסן זיך... לאמיר אוועק אין די יידישע קאלאניעס!... לאמיר ווערן ערד־ארבעטער! לאמיר זיך אויסמישן מיט די דארטיקע יידישע פויערים. לאמיר זיך צוגרייטן צו זיין גוטע יידישע קאלאניסטן. ווען מיר וועלן אמאל דערגרייכן צו אונד־זער היימלאנד, ארץ־ישראל, זאלן מיר קאנען מיטהעלפן בויען אונדזער לאנד... דא, אין שטאט — טארן מיר מער נישט זיין! מיר מוזן ריין ווערן פון דער נאציסטישער שאנדע און שמוץ!... לאמיר ארויספארן פון דאנען!...

אלע זענען געווען פארטון אין זייערע טראכטענישן און האבן גע־שוויגן. פראנץ האט אבער נישט געקאנט שווייגן. ער האט שוין פאר־רויסגעזען, אז דער נייער סטראטעגישער פלאן פון איזידארן, וועט אויך נישט האבן קיין האפט, און מיט געפילפולע ליידן האט ער זיך אנגערופן:

— אומזיסט אונדזער אויסבאהאלטן זיך... מ'וועט אונדז אומע־טום געפינען... מיר זענען שוין פאראורטיילט צו ליידן...

— און דערלאזן, אז אויך בראזיל זאל ליידן?! —האט איזידאר

האַסטיק אויסגעשריגן.— זאָלן מיר דערלאָזן, אַז בראַזיל זאָל אויך פאַר־שמוצט ווערן מיטן נאַציזם?

— מיר האָבן נישט קיין ברירה — האָט פראַנץ געענטפערט אַ רע־זיגנירטער און אַפּאַטישער.

— דאָס רעדסטו?! —האָט סוזי אויסגעשריגן מיט טרערן אין די אויגן—, אַ נייער ייד?!

— פון אים רעדט אַרויס דאָס דייטשישע בלוט! —האָט האַנס מיט האַס און ווייטיק געזאָגט.— דאָס רעדט דער ריינער אַריער... דער ראַסן־האַס!...

— האַנס! —האָט פראַנץ אָנגעהויבן וויינען און מער נישט געקאָנט ריידן. ער איז אַוועקגעפאַלן אויף אַ בענקל לעבן טיש און אָנגעלענגט דעם קאָפּ אויפן טיש. איזידאָר איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען און אים פאַ־טערלעך געגומען גלעטן זיינע האָר, און מיט ליבע האָט ער גערעדט צו אים:

— פראַנץ, נאָר נישט זיין פאַרצווייפלט, נישט זיין פעסימיסטיש. אַלע אונדזערע כוחות מוזן מיר אָנווענדן לטובת בראַזיל. אונדזער נייע היימלאַנד טאָר נישט דורכגיין דאָס זעלבע וואָס אונדזער אַלט היימלאַנד גייט איצט אַדורך. בראַזיל מוז בלייבן ריין פון דער נאַציסטישער אי־דעע. זי מוז בלייבן אומבאַפלעקט, אַזוי ווי אירע בלויע הימלען... בראַזיל מוז זיין שטאַרק, כדי צו קאָנען זיך קעגנשטעלן דער געפאַר וואָס דראָעט איר, פון איר אינערלעכן און אויסערלעכן שונא, און מיר מוזן איר העלפן דערצו! יאָ, פראַנץ, מיר, צוזאַמען מיטן גאַנצן פאָלק, מיט אַלע איינוואוינער און בירגער פונעם לאַנד, מוזן מיטהעלפן באַזייטיקן די שונאים און שפּיאָנען. מיר מוזן אונטער דער „ווע”...

— פאָטער! —האָט אים האַנס איבערגעריסן אין מיטן.— דערמאָן אים נישט די „ווע” — די וויקטאָריאַ! ער האָט זי פאַרשמוצט!... ער האָט זי פאַרהאַקנקרייצעוועט!...

— וואָס רעדסטו, האַנס? —האָט איזידאָר פאַרוואונדערט געפרעגט.

— די „ווע” איז דאָך איצט די הייליקסטע לאָזונג איבער דער גאַנצער דעמאָקראַטישער וועלט! אונטער דעם דאָזיקן צייכן, מוזן מיר דאָך מיטהעלפן ראַטעווען די וועלט!

— פּאַפּאַ, —האָט האַנס מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן—,

נישט ער... נישט ער... איך, דו, מיר אַלע וועלן אַוועקגעבן אונדזער בלוט. איך וועל מיין לעבן אַוועקגעבן פאַר אַ פריי היימלאַנד, פאַר דער פאַרניכטונג פונעם נאַציזם; אָבער ער? ער? — ניין! ניין!...

— פאַרוואָס? —האָט איזידאָר געפרעגט.— אויב מיר קאָנען נאָך נישט קעמפן פאַר אַן אייגן לאַנד, מוזן מיר אַלץ אַוועקגעבן פאַר דער פרייהייט פון דעם לאַנד, אין וועלכן מיר לעבן און געניסן.

בעטי האָט גלייך דערפילט, אַז צווישן האַנסן און פראַנצן האָט עפּעס פּאַסירט, אַז עפּעס איז פאָרגעקומען צווישן זיי; אַז האַנס טראָגט עפּעס אַן אינערלעכן חשד אויף איר מאַן, און ווען זי האָט געזען, אַז איר פאָטער און ברודער דעקלאַרירן זיך מיטן גאַנצן האַרצן פאַר זייער גרייט־קייט צו קעמפן פאַר דער „ווע"־לאָזונג, פאַרן זיג איבער די נאַציס און פאַרניכטונג פונעם נאַציזם, איז זי צוגעגאַנגען צו פראַנצן און אַ שטילע און ליידנדיקע האָט זי געזאָגט צו אים:

— פראַנץ, פאַרוואָס שווייגסטו? ביזטו נישט איינשטימיק מיטן פּאַפּאַ?

פראַנץ איז אָבער אַלץ געלעגן איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין טיש, און געשוויגן.

האַנס האָט שוין מער נישט געקאָנט דולדן זיין שווייגן. ער האָט זיך דערמאָנט אין דער סצענע פון מיט אַ פּאָר שעה פריער. ער איז צו־געלאָפן צו פראַנצן, און אַ שלעפּ־טוענדיק אים פון טיש, האָט ער מיט כעס אויסגעשריגן:

— שווייג!... שווייג, דו מיצלער־הונט! דו, נאַצי־שקלאַף!... דיין האַקנקרייץ איז דיר מער איינגעבאַקן אין האַרצן ווי די „ווע"... אויף דער ערד ליג, און קני, פאַר דער הייליקייט פון בראַזיל! קני פאַר דער וויקטאָריאַ, פאַרן זיג איבער דער נאַצישער חיה!... קני, דו לומפּ איינער!...

— האַנס! —איז סוזי צוגעלאָפן צו האַנסן און אים געוואָלט אַוועק־שלעפּן פון פראַנצן.— וואָס טוסטו, האַנס? וואָס האָסטו צו אים?!

האַנס האָט אָבער מער נישט גערעדט. ער האָט אַוועקגענומען זיינע הענט פון דעם אויף דער ערד ליגנדיקן פראַנץ. ער האָט אים אַ שפּיי געטון אין זיין פּנים אַריין, און מיט ביטערן האַס און גאַל האָט ער אַ געשריי געטון:

— שפּיאָן! לומפּיקער שפּיאָן!...

קאפיטל 12

די „פינפטע קאָלומנע" אַרבעט...

נאָך דעם דורכפאַל וואָס גוסטאַוו האָט געהאַט אין הויז פון פראַנצן, האָט זיך שוין די גאַנצע נאַצי־באַנדע מורא געהאַט צו ווייזן אין דער „קאַזאַ". זיי זענען שוין געווען זיכער, אַז פראַנץ וועט זיי פאַרראַטן, און אפשר האָט ער שוין אַלץ איבערגעגעבן דער פּאָליציי, און ווער עס וועט נאָר קומען אין דער „קאַזאַ", וועט זיכער ליידן די ביטערסטע קאָנסעקווענצן...

דורכן „אינזשעניער מאַקס" —וועלכער האָט ווייטער געפירט זיין „ליבע" מיטן נעגער־מיידל מאַריאַ— האָבן זיי זיך דערוואוסט, אַז די גאַנצע איינריכטונג אין קעלער ביי דער „וואַסער־לייטונג" איז נאָך ביז איצט נישט „פאַרשיט" געוואָרן; אַז קיין שום אויסערגעוויינלעכעס, אויסער עפּעס אַ ברוגז צווישן די שוואָגערס, איז אין יענער שטיב נישט פאָרגעקומען. —

גוסטאַוו האָט דאַן באַשלאָסן נאָכאַמאָל פּרוּוון זיין מזל ביי פראַנצן. ס'איז אים אַ שאָד געווען צו פאַרלירן אַן „אייגענעם אַרבעטער", נאָך דערצו — איינעם פון די „דריבן"... גוסטאַוו האָט זיך כסדר געדרייט פאַר פראַנצס הויז, און ווען ער האָט באַמערקט, אַז ס'איז קיינער דאָרטן נישטאָ, אויסער פראַנצן, האָט ער זיך שטיל אַריינגעשלייכט אין צימער, און גענומען איינטענהן און דראָען פראַנצן:

— דו וועסט טייער באַצאָלן פאַר דער באַליידיקונג! —האָט גוסטאַוו מיט שטילן כעס געשריגן צו פראַנצן.— וואו איז דיין אַרישע אָפּשטאַמונג? וואו איז דיין דייטשער געוויסן! וואו איז דיין געהאָרכזאַמקייט דעם „פירער"!...

— איך געפין מיך אין בראַזיל, — האָט פראַנץ, אַ רואיקער, געענטפערט.

גוסטאוו האט געוואָרפן איראָנישע בליקן צו פראנצן, און מיט א חוזק־טאָן האט ער זיך אָנגערופן:

— געקומען אַלס ייד...

— יאָ, אַלס ייד! —האט פראנץ האסטיק געשריגן.— און איך בין נאָך מער שטאָלץ דערויף!... פאר דעם ייד וואס דיין „פירער" פאר־טרייבט, — עפנט בראזיל אירע אָרעמס! דעם ייד, וועמען איר — ריי־נע דייטשן, ריינע אַריער, פאַרהאסט — ווערט דאָ א גוטער בראזיליאַנער בירגער! זאָל זיין ווי דו זאָגסט: איך בין אריינגעקומען אין דעם פרייען לאַנד אַלס ייד, —האָט איר דאָך אָפּגעגאָרט דאָס לאַנד!... איר האט דאָך מיך געמאַכט פאר א ייד, כדי צו קאָנען האָבן נאָך א שפּיאָן אין בראזיל!... ווי חוזקדיק איז עס פון אייך... —האט פראנץ גע־זאָגט—, א ייד, א דייטשישער שפּיאָן!... רעדט דען נישט דער פאקט פון אייער זעלבסט־חוזק?...

— אונדזער „פירער" פאַרשטייט בעסער פון אייך! — האט גוס־טאוו אים איבערגעריסן אין מיטן רעדן.

— זאָל זיך אייער „פירער" שעמען —האט פראנץ ארויסגעלאָכט פון זיך.— כדי צו ראַטעווען זיין פאָטערלאַנד — דאַרף ער אָנקומען צו דער פאַרהאַסטער ראַסע — צום ייד... און אויב עס געפינט זיך נישט אין דער גאַנצער וועלט, צווישן גאַנצן יידישן פאָלק, קיין איין „קיסלינג" וואָס זאָל מיטהעלפן דעם נאַצי־לאַנד אין זיינע מערדערייען און רויבע־רייען, מאַכט מען א דייטש פאר א ייד און מען שיקט אים אין דער וועלט אריין... א געמאַכטער יידישער פאַרעטער... א געמאַכטער יידישער „קיסלינג"!...

גוסטאוו האט שוין גענומען אויפרעגן דאָס גאַנצע געשפרעך. ער איז דאָ ספּעציעל אַהער געקומען כדי אויסצוואַווירקן אויף פראנצן, אז ער זאָל זיך וואַרפן אין דער אַרבעט אַריין, ווייל ער איז דאָך פון די איינציקע וואָס זענען נאָך פאַרבליבן פון די יעניקע אויף וועלכע דער „פירער" האט געלייגט אזוי פיל האָפענונגען... און דאָ, שטעלט זיך גאָר אַוועק יענער גוטער דייטש און זאָגט אים מוסר!... גוסטאוו טוט האסטיק א שפּרונג אויף פון זיין אָרט ווי א משוגענער הונט וואָלט אים א ביס געטון און מיט זיין גאַנצן ירגזון שרייט ער אויס:

— קאמעראד פראנץ! דו וועסט צוריקפארן קיין דייטשלאנד! בראזיל דארף דיך נישט מער!

— דו האסט א טעות! —האט פראנץ געענטפערט,— בראזיל דארף נישט אזעלכע הייליקע מענטשן ווי דו ביסט! מיך האט בראזיל אויפגענומען מענטשלעך, און ווי א מענטש וועל איך אפדאנקען מיין נייַ פאטערלאנד.

— נישט ווי קיין מענטש! — האט גוסטאוו אין כעס אויסגעשריגן.

— נאר ווי דען? — האט פראנץ האסטיק א פרעג געטון.

— ווי א... ייד! —איז געוועזן דער לאקאנישער ענטפער פון גוסטאוון.— ווי א ייד!...

דעם ענטפער האט גוסטאוו אריינגעשריגן פראנצן אין פנים אריין מיט אזא אויפרעגונג, אז ער האט גארנישט געהערט ווי איזידאר איז אריינגעקומען און איז געבליבן שטיין אין טיר. איזידאר האט נאך באַוויזן צו הערן דאס לעצטע ווארט פון גוסטאוון, וועמען ער האט אין ערשטע מאמענט נישט באמערקט. אבער הערנדיק „וועגן א ייד", האט איזידאר —נאך שטייענדיק אין דער טיר— שטיל זיך אפגערופן:

— יא, א ייד, א ייד.

גוסטאוו, דערהערנדיק א נייע שטימע אין צימער, האט זיך אויסגעדרייט און זיך באגעגנט פנים אל פנים מיט איזידארן. גוסטאוו איז נאך געווען אויף אזוי פיל ציניקער, אז ער האט נאך אויסגעשטרעקט זיין האנט און מיט געמאכטער פריינטלעכקייט געזאגט:

— א! הער פראפעסאר! וואס מאכט איר?!

איזידאר האט אים אפגעמאסטן מיט קאלטע בליקן. ער האט זיך נאר נישט אומגעקוקט אויף אים און נישט אויף זיין אויסגעשטרעקטער האנט. ער איז צוגעגאנגען נענטער צו אים און מיט ווילדן כעס אין זיין שטימע, האט ער אויסגעשריגן:

— וואס טוט איר ווידער דא?! וואס ווילט איר ווידער פון אונדז?- ווידער געקומען עפעס אויסשפיאנירן? ווייניק געווען פאר אייך די מערדערייען ביז איצט! און היינט — א נייער חורבן! א נייער אומגליק אויפן בראזיליאנער פאלק! פינף בראזיליאנער שיפן אונטערגעטונקען מיטאמאל! הונדערטער פון די בעסטע קינדער דערמארדעט! און איר וואגט נאך צו קומען פארפעסטן די לופט אונדזערע?!

איזידאָר האָט זיך האַסטיק אָפּגעקערט פון גוסטאַוון, און מיט אַ בעטנדיקער און גלייכצייטיק פעסטער שטימע האָט ער גענומען רעדן צו פראַנצן:

— פראַנץ!... פראַנץ! — האָט זיין שטימע געציטערט — ביי דיין נייעם יידישן גלויבן באַשווער איך דיך: פאַרטרייב דעם בלוטיקן מערדער פון דאַנען! יאָג אים אַרויס ווי אַ הונט!...

— קאַמעראַד! — איז פראַנץ צוגעגאַנגען צו גוסטאַוון. — צום לעצטן מאָל וואָרן איך דיך: פאַרלאָז דאָס הויז און קיינמאָל זאָלסטו נישט וואַגן צו קומען דאָ אַהער, אויב דו ווילסט נישט אויסמיידן אַ בלוטיקן סיכסוך.

— גוט! — האָט גוסטאַוו אַנטשלאָסן געזאָגט, — איך גיי, אָבער דו, פראַנץ, וועסט מיטגיין מיט מיר!

— דאָ איז נישט דייטשלאַנד! — האָט פראַנץ אַן אויפגערעגטער אויסגעשריגן, — דאָ איז בראַזיל! דאָ איז מיין ניי פאָטערלאַנד! איך בלייב דאָ! פאַרשטאַנען? דאָ פאַרבלייב איך!...

גוסטאַוו האָט זיך געדרייט פון אַלע זייטן. ער האָט שוין איינגעזען אַז זיין ווירקונג אויף פראַנצן איז אַ שוואַכע, און ער וועט דאָ גאָרנישט קאָנען דערגרייכן. ער האָט אָבער באַשלאָסן צו שפּילן נאָך אויף דער לעצטער קאָרט. אפשר וועט עס גיכער העלפן. ער האָט זיך דערנענטערט צו פראַנצן און מיט אַן איבערטרייבנדיקן רעספּעקט האָט ער אויסגעשריגן צו אים:

— קאַמעראַד! עס איז דער באַפעל פון „פירער"!...

— פאַר מיר — האָט פראַנץ קאַלט אַרויסגערעדט — איז נישטאָ מער קיין באַפעלן פון „פירער"... פאַר מיר גילט דער באַפעל פון בראַזיל!

— שמוציקער ייד! — האָט גוסטאַוו מיט פאַרביסענע ציין אויסגעשריגן, — דרעקיקער יודע!...

— לומפּיקער מערדער! — האָט איזידאָר זיך געוואָלט וואַרפן אויף אים.

— בלוטיקער שפּיאָן! — האָט פראַנץ אויסגעשריגן, — אַרויס פון דאַנען, אויב דו ווילסט נישט אַז איך זאָל דיך איבערגעבן אין די הענט פון דער פּאָליציי.

גוסטאַוו האָט שוין רעזיגנירט צו קאָנען עפּעס דערגרייכן אין דעם

דאָזיקן הויז. ער האָט פאַרקנעפּלט דאָס רעקל, גענומען דעם הוט און אַ רעזיגנירטער קוים אַרויסגערעדט:

— גוט, איך גיי. גיב מיר מיין רענצל.

— ס׳איז נישטאָ מער! —האָט פראַנץ אים געוואָרפן די ווערטער גלייך אין פּנים אַריין.— איך וועל עס איבערגעבן דאָרטן, וואו מען דאַרף עס נוציקער האָבן...

— און אפשר מיך — אויך? —האָט גוסטאַוו, האַלב אין שרעק און האַלב אין דראָאונג געפרעגט.

פראַנץ האָט אַ נעם געטון דאָס טעלעפאָן־רערל אין האַנט אַריין, און האָט מיט כעס אויסגעשריגן:

— אויב דו פאַרלאָזט נישט גלייך דאָס הויז...

— שטיי! —האָט גוסטאַוו אין שרעק אויסגעשריגן.— דו וועסט טייער באַצאָלן פאַר דעם פאַרראַט.

גוסטאַוו האָט מיטן גאַנצן כעס געעפנט די טיר און אַרויס אין גאַס אַריין, ציטערנדיק, אַז ער זאָל נישט אַריינפאַלן אין אומגעוואונטשענע הענט. אין דער טיר האָט ער זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט האַנסן, וועל־כער איז אַ פאַרביטערטער געקומען פון גאַס, וואו ער האָט זיך דערוואוסט פון די טראַגישע נייעס וועגן די פינף אויפגעריסענע בראַזיליאַנער שיפן דורך די דייטשישע אונטערוואַסער־שיפן. האַנס איז געבליבן שטיין אין דער טיר אַ צעמישטער. ער האָט געוואָרפן זיינע בליקן צום פאָטער און צום שוואָגער. עס האָט אים געשטיקט אין האַרצן און ער האָט נישט גע־קאָנט קיין וואָרט אַרויסריידן. די טראַגעדיע פון די פינף דערטרונקענע שיפן האָט אים אינגאַנצן צעשמעטערט. ער האָט זיך קוים באַוויזן צו באַרואיקן, האָט ער מיט ווייטיק געפרעגט, גלאַט אַזוי, אין שטוביקן חלל אַריין:

— ער, ווידער דאָ?

דער פּראָפעסאָר מיט פראַנצן האָבן געפילט די שטעכיקע און טאַקע גערעכטע פראַגע פון האַנסן. פראַנץ איז מער נישט געווען בכוח צו ענטפערן. ער האָט שוין פון פריער געוואוסט, אַז האַנס וועט אים סיי־ווי נישט גלויבן. איזידאָר האָט עס מאָמענטאַל באַגריפן, און כדי צו באַרואיקן האַנסן, האָט ער זיך אָנגערופן:

— דאָס לעצטע מאָל.

— דאָס לעצטע מאָל? —האָט האַנס מיט איראָניע איבערגעפרעגט. — פון וואַנען קאָנסטו זיין אַזוי זיכער, פאָטער? דו פרעג בעסער פראַנצן! ער ווייסט עס בעסער ווי דו!... ער קאָן זיך נישט צעשיידן פון זיינע שטאַם־גענאָסן... זיין אַריש בלוט שרייט אַרויס פון אים!... זיין העכערע ראַסע בליצט אויף אין אים!...

— האַנס! —איז פראַנץ צו צום שוואָגער מיט געבעט—, האַנס! ווילסט מיר אַלץ נישט גלויבן? האַנס! איך בין נישט דער וואָס דו דענקסט!... גלויב מיר, האַנס, אַז די ליידן און פיין פונעם יידישן פאָלק האָבן מיך אָוועקגעריסן פון דייטשישן פאָלק! דאָס בראַזיליאַנער פאָלק וועט איצט פראָטעסטירן...

— קעגן דיר! —האָט האַנס איבערגעריסן.— קעגן דיין פאָלק! קעגן דיינע מעשים! דאָס בראַזיליאַנער פאָלק איז שרעקלעך צעווייטיקט אין זיין איצטיקן אומגליק!... ס'איז די אַרבעט פון דיינע מענטשן!... פון דיר!...

— ניין! ניין! —האָט פראַנץ אויסגעשריגן.— נישט איך בין שולדיק אין די ליידן און אומגליקן פונעם בראַזיליאַנער פאָלק! נישט איך!

— פראַנץ, —איז איזידאָר צוגעגאַנגען צו אים און מיט אַ ווייטיק־לעכער שטימע קוים אַרויסגערעדט—, פאַרשטייסטו כאָטש דעם שרעק־לעכן אומגליק וואָס ס'האָט איצט געטראָפן דעם בראַזיליאַנער פאָלק? ס'איז די שרעקלעכסטע טראַגעדיע פון אַ רואיק און פרידלעך פאָלק... הונדערטער פון זיינע מענער, פרויען און קינדער האָבן געפונען זייער טויט אויפן אַטלאַנטישן אָקעאַן, נאָענט פון די ברעגעס פון זייער אייגן לאַנד, נאָענט פון דער היים... אויף דעם אייגענעם טעריטאָריעלן ים... געפאַלן קרבנות פון דער בלוטיקער נאַצי־בעסטיע!... מיט איין קלאַפּ האָט מען פאַרניכטעט פינף פון די בראַזיליאַנער שיפן, און הונדערטער בראַזיליאַנער קינדער האָבן געפונען זייערע קברים אויפן גרונט פון ים...

דו, פראַנץ, ווייסט וועמענס שולד דאָס איז! ... דו ווייסט אויך וועמענס געוויסן עס פאַלן די הונדערטער בראַזיליאַנער קרבנות...

פראַנץ איז געזעסן מיט אַ געזונקענעם קאָפּ. כאָטש ער האָט נישט צוגעלייגט קיין האַנט צו דעם דאָזיקן שרעקלעכן פאַרברעכן, האָט ער דאָך געפילט ווי זיין מאָראַליש געוויסן פייניקט אים... ס׳פאַרפינצטערט אים זיין לעבן... די ווערטער פון זיין פּראָפעסאָר, זיין דערציאונגס־פאָטער און זיין שוויגער־פאָטער, פאַלן אויף אים, ווי שטיקער אייזנס. איזידאָר האָט אָבער געוואָלט אויסשיסן דעם אָנגעזאַמלטן פולווער ביזן סוף. ער האָט אויפגעהויבן מיט זיין האַנט פראַנצס קאָפּ, און אַריינקוקנדיק אים אין די אויגן אַריין, האָט ער, ווי אַ גוטער אויספאָרשונגס־ריכטער, געשטעלט דעם הויפּט־דיאַגנאָז:

— זאָג דעם אמת, פראַנץ! איז נישט דער היינטיקער בראַזיליאַנישער חורבן דיין אָפּצאָל פאַר אונדזער קומען קיין בראַזיל? איז דאָס אפשר דיין גייסטיקער פאַרמעגן, וואָס דו האָסט באַצאָלט דיין פאָטערלאַנד, פאַר אונדזער אַרויסראַטעווען זיך פון דאָרטן?

פראַנץ האָט אויפגעציטערט. ער האָט זיך דערמאָנט די סצענע מיט עטלעכע טעג צוריק, ווען גוסטאַוו האָט אים געבראַכט „יענע" פּאַפּירן, איבערצושיקן זיי דורך דער ראַדיאָ, וועגן די פינף בראַזיליאַנער שיפן. ער דערמאָנט זיך דעם קאַמף וואָס ער האָט דאַן אונטערגענומען קעגן גוסטאַוון מיט דער גאַנצער קאַמאַריליע. ער שווייגט... ער דריקט אין זיך די באַשולדיקונג, וואָס דער פּראָפעסאָר וואַרפט אויף אים. האַנס דערקענט אָבער אין זיין שווייגן זיין באַשטעטיקונג אויף זיינע פאַרברעכנס. האַנס שרייט האַסטיק אויס:

— דו שווייגסט? ס׳איז אמת, אַז דו ביסט באַטייליקט אין דער „פינפטער קאָלומנע" אין בראַזיל? ביזטו מיט דיינע חברים די שולדיקע אין די הונדערטער בראַזיליאַנער קרבנות?

— ניין! ניין! —האָט פראַנץ מיט ווייטיק אויסגעשריגן.— איך בין נישט שולדיק! מ׳האָט מיך מיט געוואַלד געוואָלט צווינגען דערצו!... מ׳האָט מיך מיט געוואַלד געוואָלט אַריינשלעפּן אין דער נעץ אַריין!...

— שווייג ! —האָט האַנס אויסגעשריגן.— שווייג !... גענוג !...

מער האָט האַנס נישט געוואָלט ריידן מיט אים. ער איז צוגעגאַנגען צום פּאָטער און שטיל גערעדט צו אים:

— פּאַפּאַ, קום, מיר מוזן עפּעס אויסטראַכטן... ס'טאָר ווייטער אַזוי נישט גיין.

ביידע, פּאָטער און זון, האָבן פאַרלאָזן דאָס צימער, איבערלאָזנדיק פראַנצן אַ צעבראָכענעם, אַ געבויגענעם און אַ וויינענדיקן אין זיך. אַ טיפער קרעכץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון אים, און מיט ווייטיק האָט ער צו זיך אַליין אויסגעשריגן:

— וואָס וועט איצט זיין ?... וואָס וועט איצט זיין ?...

קאפיטל 13

גאָט פון נקמה

דאָס געדולד ביים בראַזיליאַנער פאָלק האָט געפּלאַצט... עס האָט שוין מער נישט געקאָנט שוויינגן און צוזען די מערדערייען וואָס די נאַצי־שע „פינפטע קאָלומנע" האָט צוגעגרייט אין לאַנד. שוין בעת די ערשטע בראַזיליאַנער שיפן זענען אויפגעריסן און אונטערגעטונקען געוואָרן דורך די נאַצישע אונטערוואַסער־שיפן, האָט דאָס פאָלק געמורמלט. עס האָט אָבער נאָך מורא געהאַט ארויסצוקומען מיט אָפענעם לשון; מען האָט נאָך געציטערט פאַר דער סימפּאַטיע וואָס געוויסע פּאָליטישע פּערזענ־לעכקייטן וויזן ארויס דעם נאַציזם. מ'האָט נאָך געפּרואווט פאַרגלעטן די בלוטיקע מעשים פון די דייטשישע מערדער: אפשר אַ צופאַל... אפשר האָט מען נישט געמיינט „אונדז"... איז מען טאַקע אָפּגעקומען מיט אינערלעכע פּראָטעסטן און מ'האָט זיך געמאַכט פאַרגעסן דעם חורבן. די פּראָפּאַרץ פון די אויפגעריסענע שיפן האָט אָבער אָנגעהויבן אָנצונע־מען שרעקלעכע פאָרמען... יעדע פאָר טעג — אַ נייער איפּרייס; יע־דע פאָר טעג — אַ פרישע דערשיטערונג: נייע שיפן דערטרונקען, פריי־שע הונדערטער קרבנות אַוועקגעשיקט צום גרונט פון ים...

די פּראָטעסטן פונעם בראַזיליאַנער פאָלק האָבן שוין אָנגעהויבן אָנ־צונעמען אַנדערע פאָרמען. מ'האָט שוין אָנגעהויבן אויפצופאָדערן דער רעגירונג, זי זאָל אָננעמען שטרענגע מיטלען קעגן דער אויסמאָרדונג פון אומשולדיקע בראַזיליאַנער.

דער הויכפּונקט פון די פּראָטעסטן איז געווען, ווען בראַזיל האָט געליטן דעם שרעקלעכסטן קלאַפּ פון אַ פרעמדער מלוכה קעגן אירע ביר־גער — דאָס אויפרייסן, דורך די דייטשישע שיפן, פינף בראַזיליאַנער פּאַ־סאַזשיר־שיפן. דער כעס און האַס פונעם בראַזיליאַנער פאָלק צו יעדן דייטש, וועמען זיי האָבן באַשולדיקט אין זייער חורבן — איז געווען אין

לשער. אין די הונדערטער טויזנטער האָט זיך דאָס בראַזיליאַנער פאָלק געלאָזט איבער די גאַסן פון די גרויסע און קלענערע שטעט, און גענומען נקמה פאַר דעם אומזיסט פאַרגאָסענעם בלוט פון זייערע ברידער און שוועסטער און פון אומשולדיק קליינע קינדער. דאָס איז נישט נאָר געווען דער געשריי פונעם פאָלק צו זיין רעגירונג וועגן דערקלערן קריג די נאַצישע מערדער, נאָר ס'האָט אויך אַרויסגעשריגן דער אָנגעזאַמלטער האַס קעגן יעדן דייטש און איטאַליענער, וועמען די בראַזיליאַנער האָבן מיט רעכט געשטעמפּלט, ווי די „פינפטע קאָלומנע" אין בראַזיל.

דער האַס פונעם בראַזיליאַנער פאָלק האָט זיך מער נישט געלאָזט צוימען.

דאָס בלוט פון זייערע געפאַלענע ברידער, האָט אַרויסגעשריגן צו זיי פון די טיפענישן פון ים... נקמה!... נקמה!... עס איז געווען דאָס אָפּרעכענען זיך פון יעדן פשוטן בראַזיליאַנער, פאַרן אומשולדיקן טויט פון זיין מיטבירגער... אָבער נישט קיין בלוט האָט דאָס בראַזיליאַנישע פאָלק געוואָלט פאַרגיסן. ס'האָט נישט געהערשט ביי זיי קיין מאָרד־נקמה; זיי האָבן נאָר געוואָלט מאָראַליש און מאַטעריעל דערנידעריקן די אינערלעכע שונאים פון לאַנד. אין די טויזנטער זענען זיי געגאַנגען פון געשעפט צו געשעפט, פון שטוב צו שטוב, פון פאַבריק צו פאַבריק, און אַלץ וואָס ס'האָט נאָר געהערט צו אַזעלכע, אויף וועלכע ס'איז געווען אַ חשד אין פריינטשאַפט צום נאַציזם — האָט מען פאַרניכטעט. פון די דייטשישע רעסטאָראַנען האָט מען אַרויסגעטראָגן דאָס עסנוואַרג און עס געוואָרפן פאַר די הינט, און דאָס גאַנצע מעבל און איינריכטונגען האָט מען פאַרניכטעט. פון די מעטאַל־געשעפטן האָט מען אַרויסגעטראָגן די גאַנצע סחורה און דעמאָנסטראַטיוו זי צענויפגעזאַמלט אין מיטן די גאַסן, אין אימפּראָוויזירטע דעפּאָזיטן, כדי דערפון צו מאַכן קוילן און באַצאָלן דערמיט די נאַצים.

אויך פּאָרטאָ אַלעגרע — די דריטע גרעסטע שטאָט פון בראַזיל — איז נישט אָפּגעשטאַנען פון דעם ספּאָנטאַנעם נקמה־אַקט איבער אירע נאַצים. אין אַ סך גאַסן, וואו די דייטשישע געשעפטן זענען געווען גוט אָנזעעוודיק, האָט מען גוט דערקענט דעם „באַזוך" פון די נקמה־נעמער... און כאָטש קיין יידן האָבן זיך אין דעם נקמה־אַקט נישט באַטייליקט, דאָך

האָט מען געקאָנט דערקענען די לייכטנדיקע פייערלעך אין זייערע אויגן און פריידיקע אויסרופן פון די טיפעניש פון זייערע הערצער:

— „גאָט פור נקמה שווייגט נישט... ער נעמט נקמה פאַר אונדזער חרפה, פאַר אונדזער שאַנדע; פאַר פייניקן און אויסמאָרדן אונדזערע ברידער אין אייראָפּע"...

אויך ביים פּראָפעסאָר איזידאָר שטיינאַך אין שטוב האָט מען ברייט אַרומגערעדט די נקמה־אַקטן, וואָס די אָנגעוויטיקטע בראַזיליאַנישע מאַסן האָבן דורכגעפירט קעגן די שולדיקע אינעם טויט פון די געפאַלענע בראַזיליאַנער. איזידאָר האָט זיך אַרומגעדרייט הין און צוריק איבערן צימער און האָט כסדר גערעדט:

— זענען זיי דען נישט גערעכט, די בראַזיליאַנער? האָבן זיי דען נישט ריכטיק געהאַנדלט מיט זייער נקמה־אַקט איבער די היגע דייטשן? ווייל קיין שרעקלעכערער באַרבאַרישער באַנדיטיזם קאָן שוין נישט געמאָלט זיין קעגן אַ פרידלעך פאָלק! אַ שטיל פאָלק וואָס אַרבעט און שאַפט. אַ פאָלק וואָס האָט אין זינען נאָר זיך, אַ פאָלק וואָס האָט געוואָלט אויסמיידן יעדע קריגס־פּאָליטיק, אַ פאָלק וואָס איז געווען רואיק און האָט זיך מיט קיינעם נישט פאַרטשעפּעט! — אָט, אויף אַזאַ פאָלק, זאָל מען אָנפאַלן, ווי די גרעסטע ים־רויבער, זיינע שיפן אויפרייסן און זיינע קינדער דערטרינקען? און וואו? — אין זיין אייגענער היים!... קומען ווי באַנדיטן, באַפאַלן אומשולדיקע בירגער, קליינע אומשילדיקע קינדער, רואיקע פּאַסאַזשירן נאָענט פון זייער היים, און אין עטלעכע סעקונדעס איבערגעבן זיי דעם מלאך־המות אין די הענט אַריין?... ווייניק מאָרדעט ער אין די פאַרכאַפּטע לענדער! ווייניק מאָרדעט ער אויף די קריגס־פראָנטן!... — וואָס האָט ער געהאַט צום פרידלעכן בראַזיליאַנער פאָלק?!...

— נקמה!... נקמה!... — האָט זיך אַריינגעמישט האַנס און האָט מיט האַס געשריגן: — נקמה!... נקמה נעמט איצט דאָס באַליידיקטע בראַזיליאַנישע פאָלק... נקמה פאַר די געפאַלענע קרבנות... נקמה פאַר דער ערע פון בראַזיל!... נקמה פאַר די מיליאָנען דערמאָרדעטע יידן! נקמה פאַרן אומשולדיקן בלוט וואָס ס'איז פאַרגאָסן געוואָרן דורך די באַרבאַרישע באַנדיטן!...

— יאָ, נקמה! — האָט איזידאָר אונטערגעכאַפּט. — מ'מוז שטילן

דעם ווייטיק! מ'וועט מוזן טריקענען די טרערן איבער די געפאַלענע ברידער און שוועסטער. ווער ס'איז אַ שונא פון בראַזיל — מוז מען קעמפן קעגן אים, ווי קעגן אַן אָפענעם שונא! און בראַזיל האָט אַזוי געטון: זי האָט דערקלערט קריג דעם גרעסטן וועלט־שונא.

— און איך, — האָט האַנס אויסגעשריגן — וועל זיין דער ערשטער פרייוויליקער זעלנער אין דער בראַזיליאַנער אַרמיי, און וועל זיין פון די ערשטע וועלכע וועלן זיך קעגנשטעלן דעם נאַציִשן שונא!

— ריכטיק! — האָט זיך אָנגערופן איזידאָר —, בראַזיל וועט זיך איצט שטעלן אין קאַמף קעגן שונא, און אויב דו, פראַנץ, ביזט דער שונא, דאַן וועלן מיר אָנהויבן דעם קאַמף קעגן ד י ר! דו הערסט? קעגן ד י ר!

— הער פּראָפעסאָר! — האָט פראַנץ אויסגעשריגן —, וואָס ווילט איר פון מיר! איך בין נישט קיין שונא פון בראַזיל!

— נו, און דיין צוזאָג אין דער אַלטער היים? — האָט זיך שוין אויך סוזי אַריינגעמישט אין געשפּרעך.

— און דיין האַקנקרייץ? — האָט אים האַנס אַריינגעשריגן אין פּנים אַריין. — און דיין אַריש בלוט! און דיין קאַמעראַד!...

— מיין קאַמעראַד... — האָט פראַנץ מיט ווייטיק אַרויסגעקרעכצט —, ער שלעפּט מיך אין זומפּ אַריין... ער צווינגט מיך... איך האָב צוגעזאָגט... איך האָב צוגעזאָגט!...

— גוט! — האָט זיך איזידאָר געגעבן אַ האַסטיקן שטעל אָפּ נאָענט פון פראַנצן. — ווען דיין קאַמעראַד איז דיר נאָענטער, ווען דיין צוזאָג איז דיר הייליקער, דאַן קאָנען מיר דאָ מער נישט זיין... שמוציק איז דאָס אָרט וואו דו מיט דיינע קאַמעראַדן געפינען זיך! אומריין!... פאַרברעכעריש!... לאָמיר אַוועקגיין פון דאַנען! אַוועק! ווייט! סוזי, האַנס, קומט, לאָמיר גיין פון דאַנען! ווידער אָפּריכטן גלות... ווייטער פאַרזעצן די פּסיכאָלאָגיע פונעם גלות־פאָלק: וואַנדערן... מיר זענען אַ גליד פונעם יידישן פאָלק, און ביז מיר וועלן נישט האָבן אונדזער אייגן לאַנד, אָנערקענט פון אַלע מלוכות אין דער וועלט, וועלן מיר צוהעלפן די פרייהייטס־קעמפנדיקע פעלקער אין זייער גערעכטן קאַמף! ווייל זייער קאַמף איז אויך אונדזער קאַמף, און זייער פרייהייט — אונדזער פרייהייט! קומט!...

— און בעטי? —האט סוזי ווייטיקלעך געפרעגט.

— אויב זי וועט וועלן! —האט איזידאר פעסט געזאגט.

האנס איז שנעל אריינגעלאפן אין אנדערן צימער און איז באלד צוריקגעקומען מיט בעטין. בעטי האט באמערקט די שרעקלעכע אויפרעגונג פון איר פאטער, וואס זי איז עס קיינמאל נישט געוואוינט געווען צו זען. זי איז גלייך צוגעלאפן צו אים, מיט צארטקייט און ליבע אים ארומגענומען און מיט ווייטיק געפרעגט:

— פאפא, פארוואס ביזטו אזוי אויפגערעגט?

— בעטי! —האט איזידאר האסטיק גערעדט צו איר.— בעטי, מיר מוזן פארלאזן דאס ארט! דא איז א נעסט פון דער „פינפטער קאלומנע”! מיר טארן דא מער נישט זיין!

— וואס פאלט דיר איין, פא? —האט בעטי א פארוואונדערטע געפרעגט.

— דער שפיאן דרייט זיך דא כסדר ארום! —האט האנס אונטערגעכאפט.— דיין מאן איז אריינגעצויגן געווארן אין דער שפיאנען-נעץ! פינף בראזיליאנער שיפן האט מען אויפגעריסן! דאס איז די ארבעט פון דעם דייטשישן שפיאנאזש אין בראזיל!...

— אבער פראנץ איז אומשולדיק! —האט בעטי מיט געוויין אויסגעשריגן. זי איז צוגעלאזן צו פראנצן און ארויספאלנדיק אויף אים, האט זי א וויינענדיקע געשריגן:

— פראנץ! פראנץ! דו נישט! פראנץ! ס'איז נישט אמת אז דו ביזט א שפיאן! נישט אמת!... ס'א ליגן! פראנץ, פראנץ טייערער, זאג זיי דעם אמת! זאג אז דער חשד איז א פאלשער! זאג! זאג!...

— בעטי טייערע, —האט פראנץ ארומגענומען בעטין, און מיט זיין גאנצער נשמה אריינגערעדט אין איר.— בעטי, איך שווער ביי אונדזער ליבע, וועלכע איז ביי מיר הייליק און טייער, אז איך באטייליק זיך נישט אין קיין שום שפיאנאזש!

— א ליגן! —האט האנס אויסגעשריגן.— דער האקנקרייץ איז דיין עמבלעם! דער שפיאן איז דיין פריינד! ער האט נאך צוגעזאגט אין דער אלטער היים צו זיין א שפיאן!...

— כדי דיך און אייך אלעמען צו באפרייען! —האט פראנץ געזאגט.

— ווער האט עס דיך געבעטן? ! —האט האנס געשריגן.

— בעטי... מיין בעטי... —האט פראנץ קוים ארויסגערעדט.— איך האב ליב מיין בעטין און אלץ וועל איך טון פאר איר.

— טא פארבלייב מיט איר! —האט האנס געשריגן,— און מיר וועלן גיין...

— לאזט מיך נישט אליין! —האט זיך פראנץ געבעטן.— איך האב מיין געוויסן פארשקלאפט, כדי אייך צו באפרייען... איך האב צוגעזאגט צו באגיין די גרעסטע פארברעכנס, אבי אייך ארויסצורייסן פון די פארברעכערישע הענט... איך בין נישט קיין שפיאן!!! איך וויל נישט פארראטן בראזיל!... הער פראפעסאר, —איז ער צוגעגאנגען צו איזידארן און מיט א וויינענדיקער שטימע גערעדט צו אים.— פארלאזט מיך נישט... פארלאזט מיך נישט!...

איזידאר האט מיט האס געווארפן זיינע בליקן צו פראנצן און נישט ענטפערנדיק אים קיין איין ווארט, איז ער צוגעגאנגען צום פענצטער, און געשטעלט זיך קוקן אין גאס אריין.

פראנץ, —זעענדיק אז ביים פראפעסאר האט ער גארנישט געקאנט פועלן,— איז צוגעגאנגען צו סוזין און אננעמענדיק איר האנט, האט ער מיט טרערן אין די אויגן געזאגט צו איר:

— מוטער, איינציקער טרייסט מיינער... מיין דערציערין... לאזט מיך נישט אליין... לאזט מיך נישט אליין!... —האט ער געשריגן און געוויינט,— שווייגט נישט!... רעדט צו מיר!... בלייבט דא מיט מיר... ענטפערט מיר! שווייגט נישט!...

סוזי איז אבער געשטאנען ווי א סטאטוע, כאטש אינערלעך האט אין איר געוויינט דאס הארץ, און עס איז איר צערים געווארן אויף שטיקער, פונקט ווי דעם פראפעסאר, אויף זייער „יינגל”... זי האט אבער אנדערש נישט געקאנט... אלע באווייזן זענען געווען אויף זיין זייט... זי האט אים גארנישט געקאנט ענטפערן.

פראנץ האט איצט געמאכט זיין לעצטן פרואוו. כאטש דא איז ער געווען זיכערער מיט זיין דורכפאל, האט ער אבער דאך געוואלט פרואוון. ער איז צוגעגאנגען צו האנסן, ער האט אבער גארנישט גערעדט צו אים,

ער האט בלויז געקוקט אויף אים און מיט די אויגן געבעטן: העלף מיר, ברודער... האנס האט זיך אפילו נישט געוואלט אומקוקן צו אים און איז שנעל אוועק פון אים.

עס איז אים איצט געבליבן נאר זיין בעטי. וועט זי אים אויך אזוי אפּענטפערן, ווי איר גאנצע פאמיליע? ער האט שוין מורא געהאט איינצושטעלן. דאך! ער האט שוין נישט געהאט וואס צו פארלירן. ער איז צוגעגאנגען צו בעטין, וועלכע איז געזעסן אויף דער סאפע, און אריינגעווייגט איר ווייטיק און ליידן אין זיך אריין. ער האט אנידערגע־קניט לעבן אירע פיס און מיט טרערן אין די אויגן האט ער קוים געקאנט ארויסריידן:

— בעטי... בעטי... ווייב מיינס... געליבטע מיינע... דו ווייסט דאך גוט, ווי געטריי און איבערגעגעבן איך בין געווען צו דיר און צו דיין פאמיליע. דו ווייסט דאך גוט, בעטי, ווי ליב איך האב דיך... בלייב דו מיט מיר... לאמיך פילן דיין אטעם לעבן זיך... היט מיך אויס, אז איך זאל קאנען בלייבן אומשולדיק, ווי איך בין ביז איצט געווען... בעטי, בלייב דו כאטש מיט מיר...

בעטי האט איינגעגראבן אירע אויגן אין זיינע האר. זי האט אים ארומגענומען מיט אירע הענט און איגגאנצן א ווייגענדיקע האט זי גע־זאגט:

— פראנץ טייערער, איך גלויב דיר אלץ. איך בין זיכער אין דיין אומשולד. איך וועל אבער נאר אויף א קורצער צייט מיטפארן מיט מיי־נע עלטערן, ביז ס'וועט אלץ אריבערגיין. איך וועל זיי בארואיקן, און דאן וועל איך צוריקקומען צו דיר. איך גלויב דיר, פראנץ, אז די וועסט זיין ערלעך צו אונדזער נייעם פאטערלאנד, ווי דו ביזט ביז איצט געווען צו מיר...

— ערלעך!... ערלעך! —האט פראנץ אויסגעשריגן.— ערלעך, אבער שטארבן ווי א גוטער בראזיליאנער.

— רעד נישט וועגן טויט! —האט בעטי איפגעציטערט.— דו וועסט לעבן און מיר וועלן ביידע לעבן!... זי האט אים שטארקער ארומגעקלאמערט מיט אירע הענט און בסדר געדריקט זיין קאפ צו זיך.

האנס, וועלכער האט זיך צוגעקוקט צו דער גאנצער סצענע, האט

אינגאַנצן אויפגעציטערט. ער איז צוגעלאָפן צו דער שוועסטער, און אוועקרייסנדיק זי פון איר מאַן, האָט ער מיט כעס אויסגעשריגן:

— בעטי! דו מוזט דיך דעצידירן! מיט אים, אָדער מיט אונדז!...

פראַנץ איז אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט. ער האָט שוין געפילט ווי מען רויבט ביי אים אוועק דאָס טייערסטע פון זיין לעבן. ער האָט מער נישט געקאָנט ריידן, נאָר מיט די פאַרוויינטע אויגן האָט ער געקוקט צו זיין בעטין, צו זיין בעסטן און געטרייעסטן חבר אין לעבן. בעטי האָט פאַרשטאַנען זיינע בליקן און שטיל אים געענטפערט:

— נאָר אויף אַ קורצער צייט... איך וועל צוריקקומען צו דיר. אפשר היינט... אפשר מאָרגן... און אפשר...

— שוין קיינמאָל מער נישט... — האָט פראַנץ אַרויסגעוויינט.

— איך וויים נישט, פראַנץ, —האָט בעטי אַ פאַרשעמטע געזאָגט. זי איז צוגעגאַנגען נאָענטער צו אים, און אויפהויבנדיק זיין אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, האָט זי אַ רואיקע געזאָגט צו אים:

— פראַנץ, קוק מיר גלייך אין די אויגן אריין. זאָג: העלפסטו מיט צו פאַרראַטן בראַזיל?

— ניין!... ניין!... ניין, בעטי! —האָט זיך פראַנץ צע־שריגן.— מען גלויבט מיר נישט! אפילו דו, מיין אייגן ווייב — גלויבט מיר אויך נישט!...

— ס'איז היינט מילחמה־צייט, —האָט בעטי, שוין אַ באַרואיקטע, גערעדט צו איר מאַן—, שווער צו גלויבן אַמאָל אפילו אַן אייגענעם מאַן...

— בעטי! —האָט פראַנץ ווידער אויסגעשריגן.— איך בין דאָך דיין מאַן! דיין געליבטער!...

בעטי האָט אָבער מער נישט געקאָנט ענטפערן. די טרערן האָבן איר געשטיקט און זי האָט געמוזט אוועקגיין פון פראַנצן, כדי אים נישט צו מאַכן ליידן נאָך מער.

פראַנץ האָט עס אָבער אָנגענומען, אַז זי אַנטלויפט פון אים. ער איז כמעט ווי ווילד געוואָרן פון ווייטיק. ער איז איר נאָכגעלאָפן און בסדר געשריגן:

— בעטי! בעטי! גלויבסט מיר ווירקלעך נישט? אָדער דו ביסט אונטערן איינפלוס פון דיינע עלטערן און דיין ברודער?

— איך ווייס נישט, פראַנץ, —האָט בעטי אַ כליפּענדיקע געדערט.

— ס'איז מיר שווער אַריינצודרינגען דערין.

— בעטי, —האָט פראַנץ זיך גענומען בעטן ביי איר, זעענדיק ווי זי וויינט כסדר.— בעטי, פאַרבלייב מיט מיר... בלייב דאָ! איך וועל לעבן מיט דיר צוזאַמען, און אויב שטאַרבן — אויך מיט דיר צוזאַמען...

פראַנץ האָט באַמערקט, ווי בעטי הויבט־אָן ווייכער ווערן. ער איז צוגעגאַנגען צו איר, און אַריינגענעמענדיק איר אין זיינע אָרעמס, האָט ער ווייטער געוואָלט עפּעס ריידן. דאָס האָט אָבער נישט דערלאָזט דערצו; ער האָט מורא געהאַט פאַר בעטיס שוואַכקייט צו פראַנצן, אַז ער קאָן זי נאָך איבעררײדן. ער איז שנעל צו צו בעטין, און מיט זיין גאַנצער אַנטשלאָסנקייט האָט ער אויסגעשריגן:

— בעטי! די שעה האָט געשלאָגן! בלייבסט דאָ, אָדער דו גייסט מיט אונדז?

בעטי איז געשטאַנען איינגעקלאַמערט אין איר מאַנס אָרעמס. זי האָט גאָרנישט געקאָנט ענטפערן. סוזי איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו איר און מיט שטילע און צאַרטע ווערטער, האָט זי זיך ווי געבעטן ביי איר:

— בעטי, קינד מיינס, קום מיט אונדז.

— בעטי! —איז שוין דאָס צוגעשפּרונגען צו איר, זעענדיק אַז די מוטער קאָן נישט ווירקן אויף איר.— בעטי! זאָג: איז בראַזיל דיין פאָטערלאַנד, אָדער דייטשלאַנד?

בעטי האָט זיך אַרויסגעשלייכט פון פראַנצס אָרעמס, און אַ העשענ־דיקע האָט זי אויסגעשריגן:

— וואָס ווילט איר פון מיר? וואָס פּייניקט איר מיך?... וואו איז מיין וועלט? וואו איז מיין לאַנד? וואו איז מיין היים?...

— ביי אונדז! —האָט איזידאָר אויסגעשריגן,— ביי אונדז און מיט אונדז איז דיין היים.

— בראַזיל איז דיין לאַנד! —האָט דאָס געזאָגט,— בראַזיל! בראַזיל!...

בעטי איז געבליבן צווישן צוויי פייערן. זי האָט געוואָרפן אירע

בליקן אויף אַלע זייטן, און מיט אַ שטורמישן געוויין איז זי צוגעפאַלן צו פראַנצן. פראַנץ האָט זי געגלעט, געקושט און אריינגערעדט אין איר:

— בעטי, בעטי, מיט מיר איז דיין וועלט... און אָן מיר — איז דיין וועלט פאַרלוירן...

— קומט! —האָט האַנס אויסגעשריגן.— איר זעט דאָך שוין אַז ער האָט זי אריינגעצויגן אין זיין נעץ! פאַרבלייב מיט אים! —האָט ער געשריגן צו דער שוועסטער,— פינצטער אָפּ דיין וועלט מיט אים צוזאַמען!... קומט! לאָמיר גיין!...

— מאַמאַ! —האָט בעטי האַסטיק אויסגעשריגן, זעענדיק אַז איר פאַמיליע פאַרלאָזט איר.— מאַמאַ! איך טאָר דאָ נימש בלייבן!... איך גיי מיט אייך!... מיט אייך!...

— דער גאָט פון נקמה שטראָפט מיך... —האָט פראַנץ צו זיך אַליין גערעדט, נאָכדעם ווי אַלע האָבן אים פאַרלאָזט. ער איז אַוועקגעפאַלן אין אַ ביטערן געוויין אויף דער סאָפע און געשריגן:

— אַלע האָבן מיך פאַרלאָזט! אַלע... אַלע... אויך זי...

פראַנץ האָט זיך שטאַרק צעוויינט, נישט ווייל ער איז פאַרלאָזט געוואָרן פון אַלעמען, נאָר ווייל מ'האָט אים נישט געגלויבט, אפילו זיין אייגן ווייב! ווייל... ער האָט צוגעזאָגט... ער האָט צוגעזאָגט!

קאפיטל 13

„קאזא מאקענאריא איזראעליטא"

די „קאזא מאקענאריא אלעמאן" האט שוין לאנג געביטן דעם נאָמען. נאָך אין „טאָג פון נקמה" האָט מען שנעל איבערגעביטן די שילד איבערן געשעפט, און אזוי ארום אויסגעמיטן דעם האס און נקמה פונעם צעוויטיקטן בראזיליאנער פאָלק. עס איז אויך געווען צו באוואונדערן דעם טאקט פון די בראזיליאנער, וואָס כאָטש זיי האָבן גוט געוואוסט אז דאָ געפינט זיך אַ דייטשיש געשעפט, האָבן זיי אָבער געזען פון אויבן דעם איבערשריפט „קאזא מאקענאריא איזראעליטא" — האָבן זיי רעספעקטירט דאָס יידישע געשעפט, און אזוי ארום האָט עס אויסגעמיטן דעם חורבן וואָס אנדערע ענלעכע געשעפטן האָבן געליטן.

פראנץ איז ווייטער געווען אין געשעפט. די אמאָליקע „ריכטיקע" אייגנטימער האָבן זיך מורא געהאט צו באווייזן, און פראנץ איז געוואָרן דער גאנצער באלעבאָס איבערן געשעפט. קיין נייע סחורה איז מער נישט אריינגעקומען אין געשעפט, נישט פון דייטשלאנד, און אויך ער אליין האָט מער נישט צוגעקויפט אין לאנד גופא. זינט די פאמיליע האָט אים פארלאָזט, האָט ער פארלוירן דעם גאנצן אינטערעס צום געשעפט. ער האָט זיך געפילט שרעקלעך פאראיינזאַמט און אָפּגעריסן פון דער גאנצער וועלט. ער האָט אפילו פארלוירן זיין ווילן צום לעבן, און ער איז שטענדיק ארומגעגאנגען מיטן געדאנק צו מאכן אן ענדע דערצו. ווען נישט זיין איינציקע האָפענונג, אז זיין בעטי וועט נאָך זיכער צוריקקומען צו אים, וואָלט ער שוין לאנג געווען אויסגענוצט דעם רעוואָלווער וואָס ער טראָגט שטענדיק מיט זיך — טאָקע צוליב דעם זעלבן צוועק. פראנץ האָט געוואַרט און געוואַרט אַז זיין האָפענונג זאָל דערפילט ווערן. ער האָט נאָך געוואָלט כאָטש נאָך איין מאָל זען זיין בעטין, זיך אויסוויינען פאר איר, ארויסרייסן זיין הארץ און איר ווייזן, ווי ריין און אומבא-

פלעקט עס איז, נישט בלויז מיט זיין ליבע צו איר, נאָר אויך מיט דער ליבע צו בראַזיל און צום יידישן פאָלק.

פראַנץ האָט וויניק חשק געהאַט צו פירן דאָס געשעפט. ס'האָט אים שוין גאַנץ וויניק פאַראינטערעסירט די גאַנצע „קאַזאַ". ער איז ארומגעגאַנגען א רעזיגנירטער פון לעבן, א „צייטווייליקער" נאָר אויף דער וועלט... אָבער, עפּעס וואָלט ער נאָך געוואָלט אויפטון; עפּעס וואָלט ער געוואָלט דערגרייכן, איידער ער פאַרענדיקט מיט זיין טרויעריקן לעבן. ער וואָלט נאָך געוואָלט נקמה נעמען אין די יעניקע, וועלכע האָבן אים דערפירט צו דעם דאָזיקן לעבן... פראַנץ האָט געקאָנט איבערגעבן דעם הער גוסטאַוו אין די הענט פון דער גערעכטיקייט. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז דאָס וועט זיין א קנאַפּע נקמה אין אים — העכסטנס וועט מען אויך אים פאַרשיקן אויפן „בלומען־אינדזל", וואו ער וועט האָבן זיין גאַנצע קאָמאַריליע און ער וועט דאָרטן פאַרברענגען איבער דער מילחמה, אָן קאָפּ־ברעכעניש און אָן זאָרג. ניין! —האָט זיך פראַנץ געטראַכט,— דאָס איז נישט קיין נקמה פון אזא לומפּ און פאַרשטייער פון א מערדער־פאָלק... פראַנץ איז געבליבן שטיין ביי דער טיר פון דער „קאַזאַ", און קוקנדיק אין דער גאַס אריין, האָט ער צו זיך אליין גערעדט:

— איך וואָלט געוואָלט עפּעס א נקמה... אזא נקמה... מאָמענטאַל קאָן ער אליין נישט אָנכאַפּן דעם געדאַנק, וואָס פאַר א נקמה ער וויל. נאָר, דערפילנדיק דעם רעוואָלווער אין קעשענע, אָט דעם דאָזיקן רעוואָלווער וואָס גוסטאַוו האָט אַמאָל „איבערגעלאָזט" אין זיין היים, באַווייזט זיך דאָן א שמייכל אויף זיין פּנים, און ער טראַכט זיך דערביי: ווען איך זאָל אים קאָנען „מכבד" זיין מיט דער ערשטער קויל, וואָלט איך מיט צופרידנקייט פאַר זיך גענומען די צווייטע...

פראַנץ דרייט זיך אַרום אין געשעפט ווי אַן איבעריקער. ער וואַרפט אַלעמאָל זיינע בליקן אין גאַס אריין. ער איז זיכער, אַז ער ווערט גוט געהיט און נאָכגעשפּיאָנירט פון זיינע קאַמעראַדן. ער איז כמעט ווי זיכער, אַז יעדע מינוט קאָן אריינקומען א „קונה", וועלכער וועט וועלן —נישט קויפן, נאָר ריידן מיט אים—, און הלוואי זאָל אָט דער דאָזיקער קונה זיין — גוסטאַוו.

די אַנגעשטעלטע האָבן שוין פאַרלאָזט די „קאַזאַ", און פראַנץ האָט

גענומען די ביכער — אויס געוואוינהייט, ווי ערטשט עס יעדן שבת —, און ער האט זיך שוין געגרייט צו פארלאזן דאס געשעפט. אבער, שוין שטייענדיק מיט די שליסלען אין טיר, האט זיך שנעל אריינגעשלייכט אין געשעפט אריין דער הער גוסטאוו, און מיט געהיימנישפולקייט אין זיין שטימע, האט ער שטיל ארויסגערעדט:

— קאמעראד... פארמאך די „קאזא"... פון אינעווייניק... איך דארף מיט דיר עפעס רעדן...

פראנץ האט ארויסגעוויזן גרויס צופרידנקייט מיט גוסטאווס פלוצלינגן באזוך. כאטש אינערלעך האט פראנץ שוין פארשטאנען, אז אויב דער קאמעראד וויל מיט אים פארברענגען אזוי בסוד, אונטער די אראפגעלאזטע שטארן פון געשעפט, איז נישט אנדערש ווי ער איז געקומען אים „ליקווידירן"... ער האט דערפאר געהיט זיין חברס יעדן טריט און באוועגונג, און מיט גוט געהיטע בליקן, האט ער ארונטערגעלאזן די שטארן פון דער „קאזא", אוןביידע קאמעראדן זענען געבליבן שטיין אויג אויף אויג אין האלב-טונקעלן געשעפט מיט די געשלאסענע טירן.

פראנץ איז געווען דער ערשטער איבערצורייסן די שטילקייט. ער האט אויסגעצויגן זיין רעכטע האנט און מיט גרויס רעספעקט און ווירדע האט ער א געשריי געטון:

— הייל!...

— הייל! — האט ארויסגעשריגן גוסטאוו. ער האט זיך זייער דערפרייט וואס ער האט נאך זיין חבר נישט אינגאנצן פארלוירן, ווייל שוין אין דער ערשטער באגריסונג פון פראנצן האט ער געזען, אז דער „יונגע" איז נאך מיט אים...

פראנץ האט אומבאמערקט זיך א טאפ געטון ביי די הויזן-קעשענעס, און דערפילנדיק דארט זיין „גוטן ברודער", וועלכער וועט אים איצט זיכער דינען מיטן גאנצן הארצן און מיט „פייער", האט ער אנגענומען גוסטאוון ביי דער האנט, און גוט-ברודעריש א זאג געטון:

— וואו ביסטו געווען די גאנצע צייט? איך האב זייער פיל צו ריידן מיט דיר.

— און איך מיט דיר, נאך מער! — האט גוסטאוו פארשנדיק געזאגט.

— טא, קום-זשע אריין אין ביורא-צימער — האט פראנץ מיט פרייד

געזאָגט—, און דאָרטן וועלן מיר זיך קאָנען אָראָפּריידן פון אונדזערע הערצער, און זיך אַביסל דורכשמועסן.

גוסטאַוו איז געווען העכסט צופרידן פון פראַנצס קאָלעגיאַלער איינ־לאַדונג. ער האָט זיך פריער, ביים אריינגיין אין דער „קאַזאַ", אַנדערש פאָרגעשטעלט. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט טרעפן אין פראַנצן זיין גרעסטן קעגנער און שונא און ער האָט זיך טאַקע צוגעגרייט —אויב ס'וועט נויטיק זיין— אים מכבד זיין מיטר „פייער". ווען ער האָט אָבער דערזען, אַז פראַנץ איז אַזוי פריינטלעך צו אים, אַזוי גוט־ברודעריש, האָט ער שוין באַדויערט די פּאָר וואָכן וואָס ער האָט אומזיסט פאַרלוירן — מ'האָט געקאָנט זייער פיל אויפטון...

ביידע זענען אריין אין די הינטערשטע ביוראָ־צימערן. פראַנץ האָט ארויסגענומען אַ פלעשל „ביטער" און מכבד געווען גוסטאַוון און אַליין אויך געטרונקען. ער האָט ארויסגעוויזן אַ זעלטענע פרייד צו זיין באַ־געגענען זיך מיטן אַלטן קאַמעראַד. גלייכצייטיק האָט ער אָבער גוט גע־היט יעדע באַוועגונג זיינע. ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב גוס־טאַוו האָט זיך איינגעשטעלט צו קומען אין דער „קאַזאַ" אריין, נאָך וואָכן פון נישט קומען צוליב מורא, איז עס זיכער מיט אַ כיוון; און דעם דאָ־זיקן „כיוון" האָט פראַנץ גוט פאַרשטאַנען... פראַנצן האָט טאַקע ווייניק אינטערעסירט זיין לעבן אָן זיין בעטין, נאָר דאָך האָט ער נישט גע־קאָנט פועלן ביי זיך, אַז די לומפּן זאָלן זיין די, וועלכע וועלן אים „באַ־פרייען" פון זיין לעבן... ער האָט נישט געוואָלט פאַלן פון די מענטשן, ביי וועלכע מאָרד איז געווען אַן אידעע און אומברענגען איז ביי זיי גע־וואָרן אַ טוגנט...

ביידע האָבן זיך אוועקגעזעצט אין די פיין־געבעטע שטולן, און פראַנץ, באַווייזנדיק היינט זיין צופרידנקייט און בארעדעוודיקייט, האָט דער ערשטער אָנגעהויבן צו ריידן. ער האָט קודם־כל פאַרוויכערט אַ ציגאַר, און שפּילנדיק זיך מיט די רויך־קייקלען, האָט ער —האַלב אין פרייד און האַלב אין טרויער— לאַנגזאַם ארויסגערעדט:

— דו ווייסט, גוסטאַוו, מיין פאַמיליע האָט דאָך מיך פאַרלאָזט! אַלע זענען זיי אַוועק פון מיר. איך בין איצט געבליבן אַליין.

— זאָרג זיך נישט! —האָט אים גוסטאַוו גענומען טרייסטן.— דו ביזט נישט אַליין. אָט, בין איך דאָ מיט דיר! און דו מיינסט אפשר,

אַז איך האָב דאָס אַלץ נישט געוואוסט? אונדזער בלאָנדער מאַקס האָט מיר אַלץ דערציילט! ער האָט זיך אַלץ אונטערגעהערט דורך אַ געהיי־מען מאַגעפאָן. דו האָסט שוין געוואָלט ווערן אַ פאַררעטער!... האָסט זיך פאַרטיידיקט פאַר זיי!... האָסט שוין צוגעזאָגט דיין פאַמיליע, אַז דו וועסט זיין גוט און פרום! גלייך ווי דו וואָלסט געווען אַ ריכטיקער ייד!...

פראַנץ האָט איינגעזען, אַז אויב ער וועט אים ענטפערן מיטן זעלבן טאָן, קאָן אמאָל געשען, אַז זיין קאַמעראַד זאָל האָבן איבער אים די אויי־בערהאַנט. ער וויל אָבער אויך נישט אַרויסווייזן זיין קעגנערשאַפט צו אים; ער מוז בהדרגהדיק אים איינגעמען... איינשטילן... אַריינ־ציען אים, און אין דער ריכטיקער מאָמענט וועט שוין קומען... נאָר דערווייל מוז ער זיין איינגעהאַלטן און אָפּווענדן זיין קאַמעראַדס האַס צו אים. פראַנץ האָט דאַן לאַנגזאַם, און אַביסל אין אַ הומאָריסטישן טאָן געענטפערט:

— גוסטאַוו, אויב דו געדענקסט, האָסטו מיך געפירט אין שפּיטאָל אַריין, ווערן אַ ייד...

— אָבער זייער אונטערטעניקייט, —האָט גוסטאַוו אויסגעשריגן.

— דאָס האָסטו שנעל איבערגענומען פון זיי! דאָס האָב איך דיך נישט געלערנט!

— זעסטו גוסטאַוו, —האָט פראַנץ ווידער געזאָגט אין אַ לייכטן טאָן.— צווישן אונדז זאָל עס בלייבן... פיל מאָל בין איך טאַקע שטאָלץ מיט די יידן... זיי קאָנען קיין פאַררעטער נישט זיין. זיי זע־נען טאַקע אונטערדריקט, אָבער נישט אַנטמוטיקט! יעדער געמיינער לומפּ וואַגט זיי צו באַשמוצן, אָבער זייער נשמה בלייבט שטענדיק ריין... וואוהין זיי זאָלן נאָר נישט קומען, איז זייער נייע היים זיי שטענדיק טייער און הייליק. דעם בעסטן באַווייז האָסטו מיט די דייטשישע יידן. האָבן זיי דען נישט מיט זייערע לעבנס פאַרטיידיקט די ערד פון אונד־זער דייטשלאַנד?

גוסטאַוון האָט נישט געשמעקט דאָס גאַנצע געשפּרעך, אין וועלכן פראַנץ האָט אים איצט פּראָוואָקירט און אים פּראָוואָצירט. וועלנדיק אי־בעררייסן דאָס געשפרעך און אָפּהאַקן די גאַנצע טעמע, האָט ער איראָניש אַ זאָג געטון:

— ביזט שוין אַ גאַנצער ייד געוואָרן!...

— און אַז יאָ! — האָט פראַנץ האַסטיק אַ געשריי געטון. מאָמענ־טאַל האָט ער זיך באַרעכנט, אַז ס׳איז נאָך צו־פרי זיין האַסטיקייט, ער מוז נאָך גיין מיט אים אין אַ לאַנגזאַמען טעמפּאָ, שטופנווייז אים דער־פירן צום הויפּטפּונקט...

גוסטאַוו האָט טאַקע אויפגערעגט פראַנצס געשריי. ער האָט האַס־טיק אויסגעדרייט זיין קאָפּ צו פראַנצן און אַ פאַרוואונדערטער אויסגע־שריגן:

— וואו איז דיין דייטשישער אָפּשטאַם?! וואו איז דיין קאַמף פאַר דער גרויסקייט פון אונדזער פאָטערלאַנד?! וואו איז דער באַפעל פון „פירער״ און וואו איז דיין צוזאָג?!...

פראַנץ האָט גלייך באַשלאָסן אָנצוהויבן אַן אַנדער טאַקטיק, נישט קיין אַגרעסיווע, כדי אַזוי אַרום צו געווינען מעגלעכקייטן פאַר זיין פּלאַן. ער האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און אויסציענדיק די הענט צו אים, האָט ער מיט געבעט גערעדט:

— טאַ, זאָג זשע מיר קאַמעראַד. וואָס זאָל איך איצט טון?

גוסטאַוו האָט שוין איצט אויפגעקוואָלן פון דעם לעמישקעוואַטן פראַנץ. ווי געפאַלן ער זיצט עס איצט לעבן אים... ער האָט שוין איינגעזען אַז ער האָט ווידער געוואונען איינעם, וואָס ער וועט קאָנען מאַכן מיט אים וואָס ער וועט נאָר וועלן. ער האָט אַ פּאַטש געטון אין זיינע הענט און מיט צופרידנקייט געזאָגט:

— אָט אַזוי רעדסטו ווי אַ דייטש!... ווי אַ גוטער נאַצי. הער זשע, פראַנץ, —האָט זיך גוסטאַוו געגרייט מיט אַ גאַנצן פּראָגראַם,— דו ביזט איצט פריי פון דיין פאַמיליע, מוזטו נאָך היינט פאַרלאָזן פּאָרטאָ אַלעגרע, ווייל — דיין אייגענע פאַמיליע קאָן דיך נאָך מסרן. פאַרשטאַנען? דו פאַרלאָז די שטאָט און פאָר אין לוקסוסדיקן אַטלאַנ־טיק־קוראָרט „קאַסינאָ״. דו פאָר מבלומרשט אַלס קורגאַסט. וועסט באַ־קומען אַן אַנדערן פּאַס און קיין געלט וועט דיר אויך נישט פעלן. דאָרטן, ביי די ברעגעס פון ים, וועט דיך שוין אונדזערס אַ קאַמעראַד אָפּוואַרטן, און דיך פאַרבינדן מיט אונדזערע אונטערוואַסער שיפן וועלכע היטן דעם וועג בראַזיל, אורוגוואַי, אַרגענטינע. זיי היטן אויך דעם דייטשישן

טאשן־קרייצער „פאן שפרעע״ וואס גייט איצט צו די ברעגעס פון די לענדער.

— און וואס נאך? — האט פראנץ געפרעגט. כאטש אויסערלעך גאנץ רואיק, און אויך מיט א געוויסן אינטערעס, האט עס אים אבער אינערלעך גוט געברענט.

— הער, —האט גוסטאוו רואיק געזאגט,— צווישן די דארטיקע קור־געסט זענען דא א סך פון אונדזערע קאמעראדן. אט — דער צייכן מיט דער „ווע״ —האט גוסטאוו געוויזן מיט די צוויי געעפנטע פינגער— איז א סימן אז זיי זענען אונדזערע. דו מוזט דארטן שאפן גרופעס, וועלכע זאלן זיין קעגן דער איצטיקער מלחמה צווישן בראזיל און דייטשלאנד. אגיטיר די יוגנט אז זיי זאלן נישט גיין אין דער ארמיי אריין, אז זיי זאלן זיך נישט לאזן אוועקשיקן אויף די פראנטן אין איטאליען.

גוסטאוו האט זיך אזש פארבליניעט פון צופרידנקייט פון דעם ניי־געפונענעם מיטארבעטער, און פון דעם גלענצנדיקן פראגראם וואס ער לייגט אים פאר. אים איז גארנישט איינגעפאלן צו קוקן אין פראנצעס פנים, ער וואלט זיכער דארטן באמערקט פארביטערונג און ווייטיק. פראנץ האט אבער נאך אלץ געפילט די ראלע פון א פאראינטערעסירטן און וויפל גוסטאוו זאל אים נאר נישט אויפקלערן זיין צעשטערונגס־פראגראם, ווערט אלץ פראנץ נישט מיד פון פרעגן:

— און וואס נאך?... וואס נאך?...

— דער עיקר, —גלאנצט גוסטאוו מיט זיינע אויגן—, זאלסטו נישט פארגעסן ארויסצולאזן פארשידענע פליאטעקס וועגן דער רעגירונג און וועגן דעם פרעזידענט פון לאנד... דערנידעריק דעם כבוד פון אלע מלוכה־לייט! שלעפ זיי אריין אין שפיאנאזש! טייל כאבאר אויף רעכטס און לינקס... כאבארעווע, און דאן — דיסקרעדיטיר זיי!...

— וועל איך דאס אלץ קאנען דערגרייכן? —האט פראנץ שוין מיט אן אינערלעכער אויפרעגונג געזאגט.

— דא איז נישט קיין פראגע פון קאנען! —האט גוסטאוו א בייזער אויסגעשריגן.— דא איז א פראגע פון מוזן! פארשטאנען? ווען נישט— איז עס א פארראט קעגן אונדזער פאטערלאנד! ווען נישט — איז טויט!...

פראַנץ האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעשטעלט. ער האָט זיך גענומען ארומדרייען איבערן צימער און פּאַרזיכטיק קאָנטראָלירט זיין קאַמעראַד. ער האָט לאַנגזאַם אריינגערוקט זיינע הענט אין די הויזן־קעשענעס, און בלייבנדיק שטיין אין מיטן צימער אין אַזאַ פּאָזע, האָט ער מיט אַ געמאַכ־טער רואיקייט געזאָגט:

— ווייסט איר, אַז פאַר אַ פאַרראַט קעגן בראַזיל קאָן מען אויך באַ־שטראָפט ווערן מיט טויט?

— פון וועמען? — האָט גוסטאַוו מיט איראָניע געפרעגט.

פראַנץ האָט שנעל ארויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער פון טאַש, און אַנצילנדיק אים קעגן גוסטאַוון, האָט ער מיט כעס אויסגעשריגן:

— פון מיר!

גוסטאַוו האָט זיך האַסטיק געגעבן אַ שטעל־אויף און זיך געוואָלט כאַפּן זיין רעוואָלווער. פראַנץ האָט אָבער אויסגעשריגן צו אים:

— נישט וואָגן צו רירן זיך פון אָרט, אויב דו ווילסט נישט פאַלן ווי אַ הונט!...

גוסטאַוו איז געבליבן שטיין ווי אַ שטיינערנע סטאַטוע און אין איין ציטערן פאַר שרעק. אָט דער דאָזיקער גאַנצער חעלד, וואָס האָט נאָר וואָס פראָקלאַמירט אַ פּראָגראַם וועגן אַ פאַרראַט קעגן אַ פאָלק, וועקן אַ לאַנד, קעגן אַ רעגירונג, איז געשטאַנען אַן אומבאַהאָלפענער, אַ מוראדי־קער און אליין געציטערט פאַר דעם, מיט וואָס זיינע מענטשן האָבן גע־דראָעט גאַנצע פעלקער און לענדער. פראַנץ האָט אים אָבער נישט לאַנג געלאָזט טראַכטן. ער האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט, אַז יענער קאָן אויס־נוצן אַ פּאַסיקן מאָמענט און אויך ארויסציען זיין רעוואָלווער, פון וועמענס קויל ער וואָלט נישט געוואָלט פאַלן. ער האָט דאַן האַסטיק אַ געשריי גע־טון צו גוסטאַוון:

— ביידע הענט אין דער הויך!

גוסטאַוו האָט מיט שרעק אויפגעהויבן ביידע הענט און זיי צעשפּרייט.

— אָט, אַזוי! — האָט פראַנץ אַ צופרידנער געזאָגט. — אַ לעבעדיקע „ווע".

פון גאַס האָבן זיך געלאָזט הערן ספּאָנטאַנע געשרייען און געזאַנגען פון די פאָלקס־דעמאָנסטראַציעס. פראַנץ איז אויף איין מינוט שטיל גע־וואָרן און דאַן האָט ער מיט ווייטיק ארויסגערעדט:

— הערסט די געשרייען פון גאס? דאס איז א ווײ־געשריי פון א געפייניקט און אומשולדיק פאלק, וועמען דיינע נאצישע מאכט־האבער ווילן פארשקלאפן... און איר — געמיינע, נידעריקע לומפן — העלפט־צו. הערסט דאס געזאנג פון בראזיליאנער פאלק? — „נא גערא״ — מיט געזאנג וועט דאס פאלק גיין אין קריג קעגן זיין בלוטיקן שונא, און פארניכטן דאס פאשיסטישע נאצי־געזינדל און אומברענגען עס פון דער ערד. זעסט דארטן די ליכטיקע „וועי״ אין גאס — אזוי ליכטיק וועט זיין דער אלוועלטלעכער און אויך בראזילס זיג קעגן די בלוטיקע שונאים פון דער דעמאקראטישער מענטשהייט... און אזעלכע פאררעטער ווי דו, וועלן פאלן אונטערן צייכן פון דער „וועי״ און וועלן נישט פירן מער זייער שפיאנאזש־ארבעט אונטער דעם דאזיקן צייכן...

גוסטאוו האט געפרואווט ארונטערלאזן די הענט און עפעס ריידן צו פראנצן. פראנץ האט אבער אנגעצילט מער דעם רעוואלווער און גע־שריגן:

— שטיי גלייך!... נישט רירן זיך פון ארט!...

— וואס גייסטו טון?! —האט גוסטאוו מיט שרעק און ציטער גע־שריגן.— ווילסט באגיין א פארברעכן? ווילסט באגיין א מארד?

פראנץ האט זיך ספאזמאטיש צעלאכט:

— א פארברעכן... א מארד... ווער עס רעדט פון א פארברעכן, פון א מארד... און די הונדערטער קרבנות אויפן גרונט פון ים?... און די מיליאנען פארפייניקטע אונטער אייער בלוטיקער אקופאציע? און די מיליאנען אויסגעמארדעטע יידן?...

— יידן... יידן... —האט גוסטאוו געשטשירעט מיט די ציין.

— יידן! יידן! — האט פראנץ אויך ארויסגערעדט.— דאס פאלק וואס האט אונדז די ביבל געגעבן... דאס פאלק וואס האט אונדז דאס הייליקסטע געגעבן... אונדזער יעזוס קריסטוס און אונדזער אמונה... דאס ליידנדיקסטע און צעפייניקסטע פאלק אין דער וועלט, וועמען איר ווילט אינגאנצן פארניכטן — אט דאס פאלק שטייט איצט אין קאמף, צוזאמען מיט אלע פרייהייטס־ליבנדיקע פעלקער אין דער וועלט, אין אײ־ראפע און רוסלאנד, אין אפריקע, אין פאלעסטינע, אין די אמעריקעס — אט די אלע לענדער מוזן זיגן פונקט ווי דאס יידישע פאלק וועט מוזן זיגן...

— פארשאלטענער ייד! — האט גוסטאוו געברומט ווי א פאר־וואונדעטע חיה אין שטייג.

— אויב דו האסט מיך געמאכט פאר א ייד, —האט פראנץ מיט צופרידנקייט געזאגט.— בין איך שטאלץ צו טראגן דעם נאמען ייד, און ווי א ייד וועל איך פארניכטן די געמיינהייטן, באדיי אליין צו פאלן אין דעם הייליקן קאמף...

גוסטאוו האט שנעל ארונטערגעלאזן זיין האנט, כדי ארויסצונעמען זיין רעוואלווער, אבער אין זעלבן מאמענט האט זיך דערהערט א דער־שטיקטער שאס און מיטן אויסגעשריי: ייד! — איז גוסטאוו אוועקגע־פאלן מיט א גוט־געצעלטן שאס אין הארצן.

— פאל! דו נידערטרעכטיקער פאררעטער! —האט פראנץ רו־איק געזאגט, אריינלייגנדיק דעם רעוואלווער אין טאש.— דו האסט גע־גלויבט, אז דו וועסט ברענגען בראזיל צום גרונט; דו וועסט זיך אויס־באהאלטן פון מיין נקמה און האס, אבער מיין נקמה האט דיך נישט אויסגעמיטן... אין דער „קאזא מאקענאריא" האסטו געמאכט דיין שפיאנען־היים, און אין דער „קאזא מאקענאריא איזראעליטא" ליגסטו איצט מיט א קויל אין הארצן... געפאלן פון א יידישער האנט... ליג, גרויסער נאצישער שפיאן! ליג, גרויסער דייטשישער העלד!...

קאפיטל 14

אין שאָטן פון טויט

דאָס באפרייען זיך פון גוסטאַוון, האָט פראַנצן איינגאַנצן באַרויִקט. די שבתדיקע נאַכט נאָכן מאָרד, האָט פראַנץ נישט געקאָנט שלאָפן, נישט חלילה דערפאַר וואָס ער האָט געהאַט געוויסנסביסן צוליבן מאָרד; פאַרקערט, זיין צופרידנקייט צוליב דעם געלונגענעם נקמה־אַקט האָט אים נישט געלאָזט שלאָפן. פראַנץ איז אויך געווען זיכער, אַז די פּאָליציי וועט אַזוי שנעל נישט קאָנען אַנטדעקן דעם מאָרד, ווייל ער איז געבליבן ליגן אין הינטערשטיין טייל פון דער „קאַזאַ", וואָס איז געווען געשלאָסן פון פּאַרנט. און ווען אַפילו זיינע קאַמעראַדן וועלן מערקן דאָס פעלן פון זייער „גענאָסע", וועלן זיי אויך מוזן מאַכן אַ שווייג, כדי נישט אויפצואוועקן די פּאָליציי, מיט וועמען זיי וואָלטן געוואָלט האָבן וואָס ווייניקער קאָנטאַקט... דאָך, ווען ער האָט זונטיק גאַנץ פרי גענומען די צייטונג „קאָרעיאַ", כדי צו זען צי ס'איז נישט אַנטדעקט געוואָרן דער מאָרד אין דער „קאַזאַ"; צי ווייסט מען שוין ערגעץ וועגן זיין גלענצנדיק שטיקל אַרבעט. ווי דערשטוינט איז ער אָבער געוואָרן, ווען ער האָט דערזען אַ גרויסע פּאָליציי־כראָניק, אַז די „קאַזאַ מאַקענאַריאַ איזראַעליטאַ" איז איינגאַנצן אָפּגעברענט געוואָרן, און פון דער גאַנצער איינריכטונג איז געוואָרן אַ באַרג אַש.

פראַנץ האָט גענומען אַריינטראַכטן און פרואוון דערגיין, ווי אַזוי עס האָט געקאָנט קומען צו דעם פייער. ס'האָט אים מער נישט אינטערעסירט „זיין פאַרמעגן"... ער האָט עס שוין מער נישט געדאַרפט. סיי־ווי גרייט ער זיך אַוועקצוגיין דעם אייביקן גאַנג... סיי־ווי געפינט ער זיך שוין אין שאָטן פון טויט... ער האָט אָבער געוואָלט וויסן, צי ס'איז געווען אַ סאַבאָטאַזש־אַקט פון „יענער באַנדע", אָדער ס'איז געווען אַ צופאַל. פראַנץ האָט געקלערט און באַטראַכט ביידע וועגן, און ער איז געקומען צום

באשלום, אז ס׳האָט געקאָנט זיין: אי אַ סאַבאָטאַזש און אי אַ צופאַל. עס האָט זיכער געקאָנט זיין, אַז בעת גוסטאַוו איז אריין אין געשעפט, האָט ער איבערגעלאָזן אַ שומר אין דרויסן, וועלכער האָט געדאַרפט אַכ־טונג געבן פון דער ווייטנס; און ווען ער האָט באַמערקט, אַז דער שעה איז מער נישט ארויסגעגאַנגען, נאָר בלויז ער, פראַנץ — איז ער זיכער אריינגעגאַנגען אין דער „קאַזאַ", און טרעפנדיק גוסטאַוון אַ טויטן, האָט ער געוואָלט אי אַפּווישן די שפּיאָנען־נעסט, אי פאַרניכטן פראַנצס פאַר־מעגן, אַז ס׳זאָל מער נישט בלייבן אין יידישע הענט... ס׳האָט אָבער אויך געקאָנט זיין אַ צופאַל, — האָט פראַנץ גערעדט צו זיך אַליין. עס האָט געקאָנט טרעפן, אַז גוסטאַוו איז געפאַלן טויט מיט אַן אָנגעצונדענעם ציגאַר אין מויל, און ער, פראַנץ, האָט דאָך גלייך פאַרמאַכט די „קאַזאַ", האָט געקאָנט טרעפן, אַז פון אָנגעצונדענעם ציגאַר זאָל זיך האָבן אַנט־וויקלט דאָס פייער און ס׳זאָל אַלץ אַוועק מיטן רויך.

פראַנץ האָט זיך שוין מער נישט פאַראינטערעסירט מיט די געשעע־נישן פון די לעצטע פיר און צוואַנציק שעה; עס האָט אים מער נישט גע־אַרט דער שאָדן מיט דער שריפה. ער איז געזעסן ביי זיך אין צימער אַ רעזיגנירטער פון לעבן, און אפילו נישט באַמערקט, ווי דער בלאָנדער מאַקס האָט אַרויסגערופן זיין „געליבטע" — דאָס נעגער־מיידל מאַריאַ —, און זיך אָפּגעשמועסט מיט איר צו גיין אויף אַ „מאַטינע" (נאַכמיטיק־פאַר־שטעלונג). פראַנץ איז געזעסן מיט אַ לייכטן שמייכל אויף זיין פּנים. באָטש אין די שטריכן האָבן זיך אויך אָנגעזען פיל ווייטיק און צער. ער איז אָבער געווען צופרידן פון דער פאַרניכטונג פון דער „קאַזאַ". צו וואָס דאַרף ער זי איצט? — האָט ער צו זיך אַליין גערעדט. — אַז אַלץ איז שוין פאַרענדיקט!... פאַרענדיקט... קיינעם האָב איך שוין מער נישט... מיין בעטי און אַלע — זענען דאָך אַוועק פון מיר... וואָס בלייבט מיר איצט צו טון? ווייטער לעבן? צוליב וועמען? צום יידישן פאָלק האָב איך נאָך נישט דערגרייכט... פון דייטשישן פאָלק וועל איך זיין פאַר־שטויסן... נאָך מער: זיי וועלן איצט זוכן אַ באַרעכטיקטע נקמה אין מיר, און פאַלן פון דער „געסטאַפּאָס" הענט?... ניין!... ניין! — האָט פראַנץ גענומען לויפן הין און צוריק איבערן צימער און געהאַלטן אין איין שרייען: נאָר נישט פון זייערע הענט!... זאָלן זיי נישט נעמען אויף זייער חשבון מיין לעבן... איך וועל עס אַליין טון...

פראַנץ, אביסל אַ בארואיקטער, האָט זיך צוריק אוועקגעזעצט אויף דער ווינשטול, און ווידער גענומען רואיק טראַכטן און רעדן צו זיך:

— וואָלט מיין בעטי געווען מיט מיר, וואָלט זי געווען מיין רעליגיע... מיין פאָלק... מיין לאַנד... און אַזוי — האָב איך דאָך קיינעם נישט... קיינעם נישט...

פראַנץ האָט אַראָפּגעלאָזן זיין קאָפּ און אים אַריינגעלייגט אין ביידע הענט אַריין, וועלכע זענען געווען אָנגעלענט אויף די קני. ער איז לאַנג געזעסן אומבאַוועגלעך, און פון צייט צו צייט איז אַ טרער אַרונטערגעפאַלן פון זיינע אויגן און געפאַלן אויף זיינע פיס. פּלוצלינג איז ער אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, ער האָט זיך אויפגעריסן פון זיין פאַרטראַכטונג. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז מ'האָט געעפנט די טיר פון פאָדערצימער. ער האָט האַסטיק צו זיך אַ געשריי געטון:

— מען גייט!... עס זענען „זיי"!... די קאַמעראַדן גייען!... זיי — די „געסטאַפּאָ"-לייט!... ער האָט שנעל אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער, אָבער איצט האָט ער זיך נישט געגרייט צום קאַמף. ער האָט מורא געהאַט, אַז ס'קאָן אים נאָך פאַרפעלן קוילן פאַר זיך אַליין, אָדער, אַז ער זאָל חלילה פאַלן פון „זייערס" אַ קויל. ער האָט צוגעלייגט דעם רעוואָלווער צום אייגענעם האַרץ, און האָט געוואַרט ביז די טיר וועט זיך עפענען. ער האָט געוואוסט, אַז מאַריאַ איז איצט נישט געווען אין שטוב, און אויב ס'האָט ווער געעפנט די טיר, און אַזוי שטיל דערצו, זענען עס זיכער „זיי", וועלכע זענען געקומען זיך אָפּרעכענען מיט אים.

פראַנץ איז געשטאַנען און געוואַרט, אַז די טיר זאָל זיך שוין עפענען. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז שוין גאַנצע שעהן שטייט ער און וואַרט אויפן „גאַסט", כאָטש ס'זענען נאָר געווען געציילטע סעקונדן. ער האָט פעסט געהאַלטן דעם פינגער אויפן צינגל פון רעוואָלווער, און אָפּגעוואַרט דעם מאָמענט, אַז די טיר זאָל זיך עפענען און זיין לעבן זאָל זיך ענדיקן.

לאַנגזאַם האָט זיך גענומען עפענען די טיר אין פראַנצס צימער. וואָס מער און ברייטער ס'איז געוואָרן דער שפּאַלט אין דער טיר, אַלץ מיט מער פעסטקייט האָט פראַנץ געפּרוווט דריקן דאָס צינגל פון רעוואָלווער. ווען די טיר האָט זיך שוין אינגאַנצן געעפנט, האָט פראַנץ אַוועקגעשליידערט דעם רעוואָלווער אויפן טיש, איז האַסטיק צוגעלאָפן צו דער טיר, און מיט פרייד האָט ער אויסגעשריגן:

— בעטי!... בעטי!... ביזט געקומען צו מיר!

בעטי איז א רואיקע געשטאנען אין דער טיר. זי האט זיך געלאזט קושן אין דריקן פון פראנצן און אליין איז זי געשטאנען ווי א שטיק אייז. זי האט לאנגזאם פארמאכט די טיר, צוגעגאנגען צום טיש, און אנווייזנדיק אויף דער צייטונג, האט זי שטיל געפרעגט:

— וואס איז דאס?

— פארניכטעט! —האט פראנץ מיט צופרידנקייט געזאגט.— אלץ איז אוועק מיטן רויך!... נישטא מער...

— און דיין קאמעראד? — האט בעטי פארשנדיק געפרעגט.

— נישטא מער! —האט פראנץ האסטיק געזאגט.— איך האב אים דערמארדעט, פארענדיקט מיט אים.

— א מארד! —האט בעטי אויסגעשריגן און האט זיך צוריקגעצויגן פון פראנצס נאענטקייט.

— ניין, בעטי, —האט פראנץ מיט געבעט געזאגט.— נישט קיין מארד איז עס געווען, בעטי! דאס איז געווען דער יעניקער וועלכער האט מיך פארהיפנאטיזירט!... וועלכער האט מיך געצוואונגען אז איך זאל באגיין די שוידערלעכסטע פארברעכנס!... איך האב זיך געמוזט באפרייען פון אים! באפרייען זיך פון זיין היפנאטישער קראפט!... איך האב געוואלט זיין פריי פארן לאנד, פארן פאלק און פאר דיר.

— פראנץ! —האט אים בעטי איבערגעריסן.— זארג זיך נישט פאר מיר. איך קאן דא מער נישט זיין. איך בין נאר געקומען נעמען מיינע זאכן און זיך געזעגענען מיט דיר.

פראנץ איז מיט אן אראפגעלאזענעם קאפ אוועק פון בעטין. ער האט לאנג ארייננגעטראכט אין זיך און ענדלעך האט ער א רעזיגנירטער קוים ארויסגערעדט:

— האסט רעכט, בעטי... געזעגן זיך מיט מיר... ווען איך האב נאר אפילו אין געדאנק געהאט צו פארראטן דאס לאנד, האב איך שוין נישט די ווערט, אז דו זאלסט פארבלייבן מיינע... איך בין ווערט דיין האס... דיין פאראכטונג!... די פאראכטונג פון דיינע עלטערן און פון דיין ברודער...

— מיין ברודער איז אין דער בראזיליאנער ארמיי, —האט בעטי שטיל ארויסגערעדט.— ער וועט אוועק אויפן איטאליענישן פראנט —

קענן זיין געבורטסלאַנד — דיין פאַטערלאַנד... קענן דיינע מערדע־רישע ברידער. ער וויל מקריב זיין דאָס אייגענע לעבן, פאַר זיין ניי פאַטערלאַנד, פאַר בראַזיל און עס מוז אים געלינגען מיטצוהעלפן צום זיג פון בראַזיל, און צום זיג פון דער גאַנצער דעמאָקראַטישער וועלט.

— איך וויל מיטגיין מיט דיר! — האָט פראַנץ זיך געבעטן ביי בעטין.

— מיט מיר — נישט! —האָט בעטי פּיִבּט געזאָגט.— דו פאַר־שטייסט עס דאָך אַליין!

— איך פאַרשטיי... איך פאַרשטיי, —האָט פראַנץ מיט פאַרבי־טערונג גערעדט.— דו זאָלסט אָבער וויסן, בעטי, אַז ביז די לעצטע מי־נוטן פון מיין לעבן, וועל איך דיך נישט פאַרגעסן... נישט דיך, נישט דיין פאָטער און דיין מוטער... איז דאָך דיין פאָטער אויך געווען מיין פאָטער, דיין מוטער — מייר מוטער... דו ביזט דאָך אינגאַנצן געווען מיין! ... מיין! ...

ער איז האַסטיק צוגעלאָפן צו איר, זי אַריינגענומען פעסט אין זיי־נע אָרעמס, און דריקנדיק זי שטאַרק צו זיך, האָט ער אויסגעשריגן:

— בעטי. בעטי! דו ביזט געווען און וועסט פאַרבלייבן מיינע, ביז צו מיין ענדע!

— פראַנץ! —האָט זיך בעטי געוואָלט באַפרייען פון זיינע אָרעמס,
— פראַנץ! איך וויל גיין!

— דו וועסט נישט גיין! — האָט פראַנץ געשריגן צו איר.— מיט מיר וועסטו בלייבן ביז מיין לעצטן גאַנג... ביז דאָס לעצטע ליכט פון מיינע אויגן וועט זיך אויסלעשן...

פון אַ צווייטער שטוב האָבן זיך דערהערט אָפּגעריסענע טענער פון ראַדיאָ. בעטי האָט זיך געראַנגלט אין די אָרעמס פון פראַנצן. און פונקט ווי ביי אַ גזלן האָט זי זיך געבעטן:

— פראַנץ טייערער, לאָז מיך פריי... איך מוז גיין.

— הערסט, בעטי. —האָט פראַנץ אַביסל נאָכגעלאָזט זיינע הענט פון בעטין—, הערסט די מוזיק? דאָס שפּילט מען דאָך פאַר אונדז... די שענסטע מוזיק פונעם בראַזיליאַנער פאָלק... — דעם בראַזיליאַ־נער הימן... די מוזיק לייטערט אונדז... זי הייליקט אונדז און ריי־ניקט אונדז פון אונדזערע אַלע פאַרדאַרבנקייטן... און דאַן לאָזט זי

אונדז פרייע... ריינע און אומבאפלעקטע... לאָמיר מיט שטאָלץ אַנטקעגנגיין דעם ליידנדיקן, צעווייטיקטן פאָלק...

פראַנץ האָט בעטין לאַנגזאַם צוגעפירט צום טיש און אָנווייזנדיק איר אויפן פענצטער, אין גאַס אַריין, האָט ער אַ פאַרווייטיקטער אין איר אַריינגערעדט:

— בעטי, זעסט אָט די דאַזיקע גרויסע, ליכטיקע „ווע״? אָט אונטער דעם צייכן לאָמיר בלייבן פאַראייניקט, פונקט ווי ס'איז איצט פאַראייניקט דאָס גאַנצע בראַזיליאַנישע פאָלק... אַלע געליטענע און געפייניקטע פעלקער... אונטער אָט דעם צייכן לאָמיר פאַרלאָזן די פאַרבלוטיקטע וועלט.

— וואָס ווילסטו טון? —האָט בעטי אַ געשריי געטון, פילנדיק, ווי פראַנץ דריקט זי שטאַרק צו צו זיך, ווי וועלנדיק זי דערשטיקן.

— פאַרענדיקן מיט אַלעם... —האָט פראַנץ אַנטשלאָסן געזאָגט.— זאָל אונדזער טויט זיין דער שרייענדיקסטער פּראָטעסט קעגן דעם גרעסטן און בלוטיקסטן וועלט-מערדער!...

— לאָז מיך אָפּ! — האָט בעטי געשריגן און זיך גענומען רייסן פון זיינע פעסטע הענט.

— איך לאָז דיך באַלד פריי... —האָט פראַנץ שטיל גערעדט צו איר.— נאָר דעם לעצטן געזעגענונגס-קוש... נאָר דאָס לעצטע מאָל דיך צודריקן צו מיין פאַרווייטיקט האַרץ... נאָר איין קוש...

פראַנץ האָט מיט זיין לינקער האַנט צוגעדריקט איר קאָפּ צו זיינעם, און ביידע מיילער האָבן זיך פאַראייניקט אין אַ לאַנגן און ווייטיקלעכן קוש. מיט זיין רעכטער האַנט האָט ער גענומען דעם רעוואָלווער פון טיש, און דער דערשטיקטער אָפּקלאַנג פון אַ שאָס האָט פאַרענדיקט דעם לעצטן קוש פון בעטין.

לאַנגזאַם האָט פראַנץ אַוועקגעלייגט בעטין צו זיינע פיס. ער האָט אויסגעטאָן זיין רעקל, פאַרוויקלט עס און אונטערגעלייגט אונטער בעטיס קאָפּ. ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף זיינע קני, און אַ שטראָם טרערן האָט איצט באַגאָסן דאָס רואיקע און קאַלטע פנים פון דער שיינער בעטי.

— באַפרייט... זיך באַפרייט, מיין שלאָפנדיקער מלאך... — האָט פראַנץ געוויינט און גערעדט.— איצט וועלן מיר זיין צוזאַמען... איצט קאָן איך אויך רואיק שטאַרבן... דער שפּיאָן און פאַררעטער

פונעם מאסן־מערדער איז טויט; זיין פארמעגן — אש... רויך... מיין געליבטע בעטין האב איך מיט זיך... איצט וועל איך זיך אליין באפרייען... זאל נישט זיין קיין חשד פון א ייד — א שפיאן... איך וויל איצט זיין פריי! פריי! ווייל איך בראזיל מוז זיין פריי!... אויך דאס יידישע פאלק מוז זיין פריי און צוריקקריגן זיין באפרייט לאנד... אלע פעלקער מוזן זיין פריי... פריי...

פראנץ האט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום פענצטער, און קוקנדיק צו דער גאס, האט ער, אין זיין לעצטן געבעט, ארויסגעשעפטשעט:

— צייכן פון דער „ווע"... זיגרייכער וועלט־עמבלעם! היל מיך איין אין דיין שאטן... איך גיי אוועק מיט דער זיכערקייט, אז דו — וויקטאריא— וועסט באהערשן די גאנצע וועלט... וועסט באהערשן בראזיל. בראזיל —ווי די גאנצע וועלט— מוז זיגן און זיך באפרייען פון דער גרעסטער מארד־וואקכאנאליע אין דער וועלט: פון נאצי־פאשיזם... בראזיל, ווי אלע דערדריקטע און דערשטיקטע פעלקער אויף דער וועלט, מוז זיין פריי! פריי פון יעדער פארשקלאפונג... פריי... פריי...

א האסטיקער שאס פונעם רעוואלווער, און פראנצס קערפער, מיט א רואיק שמייכלענדיק פנים, איז געבליבן ליגן א צופרידענער לעבן בעמין. זיין האנט איז אריבערגעפאלן איבער בעטים קערפער, און די שטילע טענער פון דער ראדיא האבן צוגעשפילט און פארוויגט זיי צו זייער אייביקן שלאף...

עפילאָג

אויף ישראל ערד

יאָרן זענען פאַרביי. די וועלט האָט זיך שוין לאַנג געהאַט באַפרייט פון מיצלערן מיט זיין חברותא. דאָס נאַצי־לאַנד איז געווען פאַרשקלאַפט צו די זיגרייכע לענדער. פיל לענדער זענען באַפרייט געוואָרן פון דער נאַציסטישער אָקופּאַציע און זייערע פעלקער האָבן אָנגעהויבן פירן אַ פריי לעבן.

פיל לענדער און פעלקער...—אָבער נישט דאָס יידישע פאָלק!...
נישט דאָס פאָלק און נישט דאָס יידישע לאַנד. דאָס יידישע פאָלק איז אַרויס דאָס געליטנסטע פון דעם שרעקלעכן, בלוטיקן חורבן: זעקס מיליאָן פון זיינע טייערסטע און בעסטע קינדער זענען פאַרניכטעט געוואָרן אין די נאַצישע קאָנצענטראַציע לאַגערן! פאַרברענטע אין די דייטשישע קרעמאַטאָריעם — דאָס איז געווען דער אָפּצאָל פון די יידן דעם שרעקלעכסטן וועלט־מערדער מיצלער... און דאָך, איז זיין לאַנד —ארץ־ישראל— נאָך אַלץ געבליבן אונטער דער ענגלישער אָקופּאַציע; אירע סאָציאַליסטישע פירער האָבן עס נישט געוואָלט באַפרייען און צוריקגעבן צו וועמען עס האָט געהערט...

אָבער, דער גייסט פון די געטאָ־קעמפער אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט, האָט אויך אויפגעוואַכט אין די געמיטער פון דער ארץ־ישראלדיקער יוגנט. דאָס געדולד האָט שוין מער נישט געקאָנט פאַרטראָגן. די יידישע יוגנט פון ארץ־ישראל האָבן אָנגעהויבן אַ שטילע רעוואָלוציע קעגן דער ענגלישער אָקופּאַציע. מ׳האָט גענומען צווינגען דעם אָקופּאַנט צו באַפרייען דאָס לאַנד און עס צוריקגעבן צו וועמען ס׳געהערט שוין פון לאַנג.

אויך די באַפרייטע יידישע מאַסן פון די אייראָפּעאישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן און די יידן אין די אַמעריקעס האָבן נישט געשוויגן. מ׳האָט געקויפט שיפן, געשמוגלט גרענעצן, און מיטן לעצטן ביסל רוח־החיים וואָס ס׳איז נאָך פאַרבליבן, האָט מען געוואַנדערט אין יידישן לאַנד אַריין.
האָט בעווין געמעגט שיקן קריגס־שיפן, צו שיסן אויף די מעפּילים...
האָט מען געמעגט צוריקשיקן טויזנטער יידישע וואַנדערער אין די דייט־

טשישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן... האָט עס אָבער פּאָרט נישט אָפּגע־שטעלט דעם יידישן אימיגראַנטן־שטראָם צו די טויערן פון יידישן לאַנד.

די וועלט האָט ווידער אויפגעשטורעמט — דאָס מאָל — פון דער ענגלישער האַנדלונג קעגן יידישן פאָלק. די פאַרטרעטער פון אַלע פעל־קער האָבן דאַן געצוואונגען ענגלאַנד, אַז זי זאָל באַפרייען ארץ־ישראל, און די יידן האָבן פּראָקלאַמירט זייער אייגן לאַנד — דאָס לאַנד ישראל...

די יידישע יוגנט פון אייראָפּע, — צווישן וועלכער ס׳האָט זיך אויך געפונען דער זון פון פּראָפעסאָר איזידאָר שטיינאַך — דער יונגער האַנס שטיינאַך, איז שוין איצט פאַרבליבן אין איטאַליע און איז מער נישט צוריקגעפאָרן קיין בראַזיל, גלויבנדיק, אַז אין אייראָפּע וועט ער מער נוצן ברענגען דער אומגליקלעכער שארית־הפליטה. די יוגנט האָט זייער פיל געאַרבעט ביי די געהיימע וואַנדערונגען פון די אייראָפּעאישע יידן קיין ישראל; און ווען ישראל איז פריי געוואָרן פון דער ענגלישער אָקופּאַציע, און זי איז ווידער באַפאַלן געוואָרן פון אַלע אַראַבישע שכנים, האָט די זעלבע יוגנט געשטראָמט צו די טויערן פונעם אייגענעם לאַנד, און זיי האָבן זיך פאַראייניקט מיט דער „הגנה" און מיט אַנדערע יידישע מילי־טערישע קרעפטן; זיי האָבן אָפּגעשטויסן די אַראַבישע שונאים פון לאַנד און זיי געצוואונגען צו אָנערקענען די זעלבסטשטענדיקייט און אומאָפּ־העננגיקייט פון ישראל.

פון אַלע לענדער אין דער וועלט האָבן געשטראָמט אימיגראַנטן און טוריסטן אין יידישן לאַנד אַריין. אַ טייל — צו פאַרבלייבן דאָרטן און העלפן בויען דאָס לאַנד, און אַנדערע — כדי צו קאָנען זען מיט די אייגענע אויגן דאָס באַפרייטע און צוגעזאָגטע לאַנד — ישראל.

ס׳איז אָנגעקומען דער ערשטער ערב פסח אין דעם פרייען לאַנד ישראל. טויזנטער יידן — עלטערע און יינגערע — זענען געקומען אין לאַנד אַריין צו פאַרברענגען דעם ערשטן פרייהייטס־יום־טוב — דעם חג־החרות, אין דעם יידישן באַפרייטן לאַנד. צענדליקער אַוויאָנען און שיפן האָבן געבראַכט טויזנטער עולי־רגלים צו די ברעגן פון לאַנד.

צווישן די טויזנטער געסט, איז אויך געקומען פון בראַזיל דער אַמאָ־ליקער גוט־באַקאַנטער פּראָפעסאָר און רעקטאָר פונעם מינכענער אוני־ווערזיטעט — איזידאָר שטיינאַך, מיט זיין פרוי סוזי. דאָס אַלטע פּאָר־פאָלק, שוין זייענדיק רעזיגנירט פונעם לעבן — נאָכדעם ווי זייער זון איז

אוועק מיט דער זיגרייכער בראזיליאנישער ארמיי קיין איטאליע, און זייער טאכטער, צוזאמען מיט איר מאן, האבן אזוי טראגיש פארענדיקט זייער לעבן — האבן איצט ווידער דערוואכט צום לעבן. פון זייער זון האנס, האבן זיי דערהאלטן מוטיקע בריוו פון ארץ־ישראל, אז ער דערווארט דארטן זיינע עלטערן; אז ער איז זיכער, אז זיי וועלן קומען אין אייגענעם לאנד אריין, און דארטן אנהויבן זייער נייעם לעבן.

איזידאר און סוזי האבן פארגאסן א סך טרערן, ווען זיי האבן פארלאזן בראזיל, אויפן וועג קיין ישראל. יי האבן — פון דער ווייטנס — באגאסן די קברים פון זייערע קינדער בעטי און פראנץ, מיט זייערע לעצטע טרערן. זיי האבן געגלויבט, אז מער קיין טרערן האבן זיי שוין נישט; אז זייערע ליידן אין דייטשלאנד און אין בראזיל, האבן ביי זיי ארויסגעצויגן דעם גאנצן טרערן־קוואל. ווען זיי זענען אבער אנגעקומען אין תל־אביב — אין דער ערשטער יידישער הויפטשטאט — האבן זיי ערשט געזען, אז דער טרערן־קוואל קאן זיך קיינמאל נישט אויסטריקענען... נאך איידער זיי זענען געפאלן אין די ארעמס פון זייער זון — וועלכער איז געשטאנען, צוזאמען מיט אנדערע הונדערטער יידן און אפגעווארט די נייע עולים —, איז פראפעסאר איזידאר שטיינאך מיט זיין פרוי געפאלן צו דער ערד, געקושט די שטיינער און באנעצט זיי מיט טרערן... האנס איז צוגעגאנגען צו זיי, זיי אויפגעהויבן פון דער ערד, און ארומנעמענדיקביידן מיט זיינע הענט, האט ער הויך אויסגעשריגן:

— — אבא! קיין ישראל קומט מען נישט וויינען! דא קומט מען לעבן און בויען!

— קינד מיינס, — האט איזידאר געוויינט און זיך נישט געקאנט בארואיקן —, איך האב קיינעם נישט אויף דער וועלט, אויסער דיך!

— איר האט א טעות, הער פראפעסאר! — האט זיך אן עלטערער מאן, וועלכער איז געשטאנען לעבן זיי און זיך צוגעקוקט צו דער גאנצער סצענע, געזאגט. — איר זענט מער נישט אליין! איך בין מיט אייך!

— ווער זענט איר? — האט איזידאר מיט פארוואונדערונג געפרעגט.

— איר געדענקט מיך אפשר נישט. — האט דער אלטער אוועקגעמאכט מיט דער האנט. — איך, אבער, געדענק אייך גוט. איך, — זעט

איר — וועל אייך אנדערש אויפנעמען, ווי איר האט מיך אויפגענומען ביי אייך, אין מינכען.

— פראפעסאר היימער! —האט איזידאר אויסגעשריגן.— איר — דא?

— יא, מיין ליבער פראפעסאר! —האט היימער, אויסשטרעקנדיק צו אים די האנט, געזאגט.— שלום לך! איך דאנק גאט, וואס ער האט מיך געלאזט לעבן אביסל לענגער, כדי צו קאנען דערלעבן נישט נאר די מפלה פונעם נאציזם, נאר אויך צוצוזען מיט מיינע אייגענע האלב־ אויס־ געלאשענע אויגן דעם פייערדיקן פלאם פון דער באפרייאונג פון אונדזער לאנד — דאס צוגעזאגטע לאנד פון גאט צו זיין פאלק ישראל, און דאס צוריקקומען פון די פארפרעמדטע קינדער צו זייער אייגן פאלק.

— איך בין נישט ראוי געווען דערצו! — האט איזידאר ארויסגע־ וויינט.— איך האב גארנישט געוואלט טון פאר מיין לאנד, פאר מיין פאלק! איך דארף טרויערן אויף מיינע יארן...

— ניין! —האט היימער איבערגעריסן.— דא, אין לאנד ישראל, טרויערט מען נישט! דא דארף מען פריילעך זיין און העלפן בויען!

— גוט, —האט איזידאר געזאגט.— גיט מיר צו שלעפן שטיינער! גיט מיר צו טראגן ערד! צו באארבעטן פעלדער! איך בין צו אלעם גרייט! איך וויל אוועקגעבן מיינע לעצטע יארן, מיין גאנצן ארבעטס־ כוח פאר מיין לאנד — פאר אלע מיינע יארן וואס איך האב גארנישט געוואלט טון און אפילו א האנט צולייגן — ווען אנדערע האבן גע־ ארבעט...

— ניין, הער פראפעסאר! —האט היימער געזאגט.— נישט קיין שטיינער טראגן און ערד אקערן איז אייער בארוף! איר, הער פראפע־ סאר, איר געהערט צום הר־הצופים. אונדזער העברעאישער אוניווערזי־ טעטווארט אויף אייך! אט, דארטן וועט זייער אייער ריכטיק ארט! א נייעם דור יידישע וויסנשאפטלער און דאקטוירים מוזט איר איצט אויפשטעלן אין אונדזער לאנד!... איר זענט נישט מער אין גלות! איר זענט צוריק ביי אייער פאלק!

— איך בין צוריק ביי מיין פאלק! —האט איזידאר אויסגעבראכן אין א געוויין, און איז געפאלן מיט זיין גרויען קאפ אויפן אקסל פון זיין

סוזין, וועלכע האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו וויינען און גיסן מיט טרערן.

— גענוג געוויינט! —האָט האַנס אויסגעשריגן.— אַ נייע שיף מיט עולים קומט אין פּאָרט אַריין! לאָמיר אויפנעמען די נייע ברידער אונדזערע מיט אַן אמתן „הוירא״, אַזוי ווי מיר קאָנען...

הענט האָבן זיך געפלאָכטן אין אַקסלען, פיס האָבן זיך געהויבן. קערפּערס האָבן זיך געבויגן צו קערפּערס און אַ פייערדיקער, לעבעדיקער „הוירא״ האָט אָפּגעקלונגען אין גאַנצן אַרום. הונדערטער און טויזנטער פלאַטערנדיקע נשמות האָבן זיך מיט חסידישן ברען צעטאַנצט ביי די ברעגעס פון תל־אָביב... תל־אָביב האָט אין זיך איינגעזאַפּט די טרערן און געזאַנגען פון נייע און פרעמדע יידן, וועלכע זענען באַלד היימיש געוואָרן... אומבאַקאַנטע, נאָר־וואָס אָנגעקומענע פון די לאַגערן פון דייטשלאַנד, זענען באַלד געוואָרן ברידער צווישן זיך. קעפּ האָבן זיך פאַרוואָרפן אויף פּלייצעס, און מיט התלהבות און פייער האָבן זיך אַלע געוואָרפן אין טאַנץ. דער פּראָפעסאָר איזידאָר האָט זיך אָנגעהאַלטן ביי איין זייט — ביי אַ יונגער חלוצה אין קורצע הייזלעך, און ביי דער אַנדערער זייט — ביי דער וויינענדיקער און שיינענדיקער סוזי. צווישן זיי האָט —מיט ברען און אייפער— געטאַנצט האַנס. פּראָפעסאָר שטיינאָך האָט געוואָרפן זיינע בליקן אויף די צענדליקער „הוירא״־ רעדלעך, אויף דעם חסידישן ברען און פייערדיקן טאַנץ, און אַ ווייטע מחשבה איז אים דורכגעלאָפן אין מוח: פונקט ווי אַמאָל אין שטיבל אויף די נאַלעווקעס... פונקט ווי אַמאָל...

אָבער פּלוצלינג, ווי אויף אַ ספּעציעלן רוף, האָט זיך אַלץ אָפּגעשטעלט. אַלע האָבן געוואָרפן זייערע בליקן צו אַ יונגער חלוצה, וועלכע איז געשטאַנען אויף אַ גרויסן לאַסט־אויטאָ, און האָט הויך גערעדט צו אַלעמען:

— חברים! ברידער און שוועסטער! היינט איז אונדזער ערשטער חרות־יום־טוב אין אונדזער אייגן באַפרייט לאַנד. היינט איז אויך די יאָרצייט נאָך די געפאַלענע פון אונדזער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. לאָמיר מיט איין מינוט שטילשווייגן באערן די געפאַלענע אין געטאָ, ווי אויך אונדזערע זעקס מיליאָן קרבנות פונעם נאַציזם.

אַ טויט־שטילקייט האָט באַהערשט דעם תל־אָביבער פּאָרט. אַלע

זענען געשמאַנען מיט אורנטערגעלאָזענע קעפּ. ביי אַ טייל האָבן זיך אויך באַוויזן טרערן אין די אויגן.

פון צווישן דער מתנה טרויערנדיקע, האָט זיך דערהערט די שטימע פון אַ חזן, וועלכע האָט אָפּגעקלונגען אין גאַנצן ארום, און ווי פון דער טיפעניש פון דער ערד האָט זיך דערהערט:

— אל מלא רחמים... און ווען ס'איז געקומען צו „את נשמת״— האָט זיך פון פּראָפעסאָר איזידאָרס מויל אַרויסגעריסן:

— בעטי און פראַנץ...

אויף דעם זעלבן גרויסן לאַסט־אויטאָ האָט זיך גלייך אָרגאַניזירט אַ כאָר, און מיט טרויעריקע שטימען האָט זיך געהערט דאָס געזאַנג פון געטאָ־טרויער־מאַרש:

„געפאַלן זענט איר אין געטאָ־קאַמף.
אין בלוטיקע ליידן — מיט טרייהייט.
געקעמפט האָט איר מיטן נאַצי־כאַם,
פאַר לעבן, פאַר ערע, פאַר פרייהייט.
געשמאַכט האָט איר יאָרן אין געטאָ פאַרשפאַרט!
די נאַציס —תליונים— זיי גרייטן.
פאַר אייך אַן דעם מישפּט, דעם שרעקלעכן סוף!
פאַרניכטן... באַפרייען פון קייטן...

גענוג שוין אין געטאָ געליטן, גענוג!
איר הויבט זיך שוין אָן פאַרבאַרייטן.
אַ לעבן אין ליידן — האָט איר שוין גענוג!
צום טויט הויבט איר זיך אָן גרייטן.
פאַרניכטן דעם שונא און פאַלן אין קאַמף!
אַלץ פאַר דער יידישער ערע...
געפאַלן זענט איר אין הייליקן קאַמף! —
אייך געדענקען — וועלן מיר שווערן...״

— און איצט, —האָט האַנס געזאָגט צו זיינע עלטערן,— וועט איר מיט מיר גיין אין קיבוץ אריין. און דאָרטן וועלן מיר פייערן אונדזער פרייהייטס־יום־טוב פּסח אין אונדזער יידיש לאַנד.

— ניין!! —האָט זיי אָפּגעשטעלט דער פּראָפעסאָר היימער.— אַלע גייען מיט מיר אין מיין קאָלאָניע אריין, און דאָרטן וועלן אַלע פאַר־ברענגען דעם חג־החרות. באַלד נאָך פסח, וועט פון פּראָפעסאָר שטיי־נאַך ווערן ישראל אבן; און ער וועט גיין צום הר־הצופים און לערנען תורה... און פון זיין זון האַנס — וועט ווערן דאָקטער הערצל בן־ישראל, און זיין אָרט וועט זיין אין הרסה־שפּיטאָל; און איצט לאָמיר זיך ווינטשן אַ כשרן און פריילעכן פסח, וואָס מיר האָבן דערלעבט דעם „ושבו בנים לגבולם". די גרעסטעוועטע יידישע נשמות קומען צוריק צו אונדז און ברענגען־מיט פרעמדע נשמות, וועלכע וועלן געהייליקט ווערן אין אונדזער הייליקן לאַנד! לאָמיר זיין גליקלעך וואָס פרעמדע יידן, פאַרגעסענע יידן, פאַרלאָזענע יידן — אָבער דאָך יידן, און זיי קומען צו אונדז... זיי קומען צוריק צום אייגענעם פאָלק!

— מיין גרעסט גליק! —האָט פּראָפעסאָר שטיינאַך אויסגעשריגן מיט טרערן אין די אויגן, און ארומגענומען זיין סוזין.— פריי זיך מיט מיר, מיין איינציקער אַלטער פריינט און לעבנס־באַגלייטערין. איך קום איצט צוריק צו מיין פאָלק!... צוריק... צוריק!...

ביאָגראַפישע שטריכן פונעם מחבר פון „צוריק"

מאַרקוס (מרדכי) יאַקובאָוויטש איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט זשיראַרדאָוו, וואַרשאַווער קרייז, דעם 16טן מאַי 1897, ביי זייער פרומע עלטערן (ישראל און חיה־שפרה). צו דריי יאָר גייט ער שוין אין חדר און צו 5 יאָר ווערט געפּראַוועט זיין חומש־סעודה. קורץ נאָך דעם ווערט ער אַ יתום. זיין פאָטער שטאַרבט יונג און לאָזט אים איבער צוזאַמען מיט נאָך 6 יתומים. די מוטער פאַרנעמט זיך ווייטער מיט מסחור און נישט קוקנדיק אויפן אָרעמקייט אין הויז, ווערט דער קליינער מרדכי געשיקט צו די בעסטע מלמדים אין שטאָט און צו 8 יאָר לערנט ער שוין גמרא מיט תוספות און אין אַ קורצע צייט אַרום איז אים שוין קיין שטיקל „אורח חיים" און יורה דעה אויך נישט פרעמד. אין דער גאַנצער משפחה האָט מען זיך געצאַצקעט מיטן קליינעם גאון, האָפנדיק אַז ער זאָל נאָכגיין דעם פאַרשטאָרבענעם פאָטערס וועג און אויך באַקומען היתר הוראה ווי דער פאָטער.

צו די צען יאָר, — נישט קוקנדיק וואָס ער האָט געלערנט אין די „שטיבלעך" און ישיבות מיט פיל גרעסערע בחורים ווי ער און ער האָט זיך גוט אויסגעצייכנט אינעם לערנען, — ווערט ער אָבער געכאַפּט אין דער „מעשה" און אַנשטאָט צו זיין צוגעבונדן צו דעם „עין יעקב" פאַרוואָלגערט זיך אָבער אַ ביכל צווישן די טאָווולען פון ספר און אַזוי אַרום הויבט דער יונגער מרדכי אָן אַריינצוקריכן און ווערן אַ פליסיקער לייענער פון דער יידישער און וועלט־ליטעראַטור.

פילנדיק אַז ער וועט שוין קיין „היתר הוראה" נישט באַקומען, — און זעענדיק דאָס אָרעמקייט אין הויז, — האָט ער געוואָלט ווערן אַ שניידער. די גאַנצע משפּחה האָט זיך אָבער אַריינגעלייגט און נישט דערלאָזט צו אַזאַ פּסול אין דער משפּחה... עפּעס אַ קלייניקייט! ווערן אַ שניידער־יונג!... דער קליינער מרדכי האָט טאַקע אויסגענוצט וואָס די משפּחה האָט זיך אַרויסגעצויגן פון זשיראַרדאָוו און ער איז אַוועק קיין וואַרשע און אַריינגעטרעטן אויף דער לער צו אַ קאַמאַשן־שטעפּער. זיין בעל הבית איז אויך געווען אַ פרומער ייד און ער האָט געמוזט נאָכקומען אַלע פרומע קאַפּריזן פון אים. ווען ער איז געוואָרן בר־מצווה האָט ער זיך מיט חשק פאַרנומען מיט מאָלעריי און ער האָט געהאָפט צו קאָנען פאַרביטן זיין קאַמאַשן־שטעפּער־פאַך אויפן קונסט־פענדזל. זיין באַקענען זיך מיטן גרויסן יידישן שריפטשטעלער י. ל. פּרץ ברענגט אָבער דערצו, אַז ער טוישט אויס דעם פענדזל אויף די פעדער און אַ דאַנק טאַקע דעם גרויסן יידישן שרייבער — פאַרעפנטלעכט ער — צו 15 יאָר — זיין ערשטע הומאָרעסקע.

דאָס איז געווען אין 1912 און מיט 3 יאָר שפּעטער ווערט ער אַריינגעצויגן אין דער רעדאַקציע פון „לאָדזשער פאָלקסבלאַט", וואו דער רעדאַקטאָר לאַזאַר קאָהאַן מוטיקט אים און גיט אים מעגלעכקייטן און ער ווערט אין לאָדזש שנעל באַקאַנט אַלס דער טאַלאַנטפולער הומאָריסט און פעליעטאָניסט (אונטערן פּסעוודאָנים: מאָטעלע, מרדכילע, ד"ר. אַריסטאָטעלעס). ער שרייבט אויך דערציילונגען, בילדלעך.

אין יאָר 1922 פאַרעפנטלעכט מ. יאַקובאָוויטש אין „זאַגלעמביער צייטונג" (בענדין — פוילן), זיין ערשטן הומאָריסטישן ראָמאַן א. נ.: „אלה תולדות

דאַטשע", וועלכער האָט אַ גרויסן דערפאָלג. נאָך אַממערסטן ווערט ער פּאָפּולער צווישן די יידישע אַרטיסטן אַלס לידל און קופּלעטן־שרייבער.

מ. יאַקובאָוויטש שרייבט אויך אָן אייניקע פּיעסן און איינאַקטערס פון וועלכע אַ טייל ווערן אויך אויפגעפירט פון פּראָפעסיאָנעלע אַרטיסטן. אין אָנהייב 1925 ווערט ער נאַכט רעדאַקטאָר פון „לאָדזשער מאָרגנבלאַט" און אין 1926 פאַרלאָזט ער פּוילן און ער קומט אַלס דער ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט פון וואַרשעווער „מאָמענט" אין בראַזיל. ער באַזעצט זיך אין ריאָ דע זשאַניירא און ער ווערט גלייך אַ מיטאַרבעטער אין דעם „וואָכנזשורנאַל" וואָס איז דעמאָלס דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון אהרן קויפמאַן.

מ. יאַקובאָוויטש וואַרפט זיך אויך אַריין אין דער געזעלשאַפטלעכער ארבעט און אין 1927 שאַפט ער די ערשטע אָרגאַניזאַציע פון פּוילישן יידנטום אין בראַזיל א. נ.: „יידיש־פּוילישע יוגנט־היים י. ל. פּרץ". ווען מיט אַ צייט שפּעטער פירט ער איבער זיין היים קיין פּאָרטאָ אַלעגרע, — גרינדעט ער אויך דאָרטן די אָרגאַניזאַציע פון פּוילישן יידנטום א. נ.: „פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן".

אין זיין נייעם וואוינונגס־אָרט גיט זיך מ. י. אָפּ זייער פיל מיטן יידישן שול־וועזן און מיטן יידישן טעאַטער. איבער הונדערט פּיעסן —אייגענע און פרעמדע— פירט ער אויף מיט אַ ספּעציעל געשאַפענעם דראַמקרייז און נישט איינמאָל ראַטעוועט יאַקובאָוויטשעס טעאַטער די אָרעמע קאַסעס פון פאַרשידענע אינסטיטוציעס.

אין דערזעלבער צייט שרייבט יאַקובאָוויטש קאָרעספּאָנדענציעס אין אַלע יידישע צייטונגען אין דער וועלט. ער רופט פיל מאָל —גאַנץ אָפן— אַז דער ישוב אין פּוילן זאָל זיך אַרומזען אויף וואָס פאַר אַ ברענענדיקע ערד ער שטייט און די יידן זאָלן פאַרלאָזן ס'לאַנד און קומען קיין בראַזיל. אויף טויזנטער יידן האָבן זיינע קאָרעספּאָנדענצן געווירקט און זיי זענען טאַקע געקומען קיין בראַזיל און האָבן פאַרגרעסערט דעם יידישן ישוב אין דעם לאַנד.

אין די יאָרן 31—1933 העלפט יאַקובאָוויטש מיט צום דערשיינען פון אַ יידישן זשורנאַל („פּאָרטאָ אַלעגרער יידישע שטימע") אין זיין וואוינאָרט און נישט איינמאָל ווערט אַ נומער אויסגעפילט אינגאַנצן פון אים, באַנוצנדיק זיך דערביי מיט זיינס אַ צענדליק פּסעוודאָנימען.

די לעצטע צען יאָר האָט מ. יאַקובאָוויטש פאַרעפנטלעכט עטלעכע ראָמאַנען אין די צייטונגען פון קאַנאַדע („יידישער זשורנאַל"); אַרגענטינע („פּרעסע"); אורוגוואַי („פאָלקסבלאַט") און אין „נייעם מאָמענט" (סאַן פּאַולאָ — בראַזיל) וואו ער איז אַ פּערמאַנענטער מיטאַרבעטער. צו זיין 60־יאָריקן יובילעאום וואָס ער האָט געפייערט, האָט זיך אין פּאָרטאָ אַלעגרע געשאַפן אַ באַערונגס־קאָמיטעט צו באערן אים מיט אַ גרויסן באַנקעט צו זיין 60סטן לעבנס־יאָר און אויך אַרויסצוגעבן זיינע ווערק אין בוך־פאָרמאַט און דער ערשטער גורל איז געפאַלן אויף זיין פּאָפּולערן ראָמאַן „צ ו ר י ק"...

די לעצטע יאָרן איז מ. יאַקובאָוויטש טעטיק אין דער יידישער גימנאַזיע אין פּאָרטאָ אַלעגרע, וואו ער פאַרנעמט דעם פּאָסטן פון אַ לערער און פאַרוואַלטער פון דער שולע, זייענדיק גלייכצייטיק דער יידישער סעקרעטאַר פון דער אינסטיטוציע.

105

Este libro se
terminó de
imprimir el día 31
de Marzo de 1959 en los
Talleres Gráficos
"CULTURA"
Sarmiento 2157
Buenos Aires